STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01080

HURBN UN OYFSHTAND FUN DI YIDN IN VARSHE

Melech Noy

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Sylvia Steiner
in memory of
Solomon Z. Steiner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חורבן און אויפשטאַנד
פון די אידן אין וואַרשע

ערשטער טייל: **עדות־בלעטער**

צווייטער טייל: **די געפאַלענע אויף דער וואַך**

איבערגעזעצט פון העברעאיש

ד. ב. מאַלקין

מלך ביישטאַדט

חורבן און אויפשטאנד פון די אידן אין ווארשע

עדות־בלעטער און אזכרות

צווייטער טייל: די געפאַלענע אויף דער וואַך

אַרויסגעבער: ועדת הגולה פון דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע
(ההסתדרות הכללית) אין ארץ־ישראל
און אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע

תש"ח תל־אביב 1948

All Rights Reserved
געדרוקט אין ארץ־ישראל
Printed in Palestine 1948

Meilech Neustadt

DESTRUCTION AND RISING

The Epic of the Jews in Warsaw

A COLLECTION OF REPORTS AND BIOGRAPHICAL SKETCHES OF THE FALLEN.

Vol. II. Those who fell

This edition in Yiddish follows two previous editions published in Hebrew (1946 and 1947) and contains certain additions and revisions.

Published by the Executive Committee of the General Federation of Jewish Labour in Palestine and the Jewish National Workers' Alliance in U.S.A.

Tel-Aviv (Palestine), P.O.B. 303.

געדרוקט אין דער קאָאָפּעראַטיווער דרוקעריי „אחדות", תל־אביב, ת. ד. 159

צווייטער טייל

די געפאלענע אויף דער וואַך

דעם אָנדענק פון די געפאַלענע אויף דער וואַך

אַריינפיר־באַמערקונגען

די אזכרה־פאַרצייכנונגען אַנטהאַלטן די נעמען פון 217 געפאַלענע פונצווישן די קאַמף־גרופעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אַריבערגעשיקט די ליסטע פון וואַרשע קיין לאָנדאָן, אין נאָוועמבער 1943, מיט פאָלגנדער באַמערקונג: „דידאָזיקע ליסטע איז נישט פולקאָם, ווייל עס פעלן ידיעות וועגן די איבעריקע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע". די נעמען פון די 217 זיינען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל.

די אזכרה־פאַרצייכנונגען אַנטהאַלטן אויך די נעמען פון די געפאַלענע, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די אין־בוך־פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן, וואָס וועגן זייער טויט זיינען פאַראַן קאָמפּעטענטע ידיעות. וועגן יענע פון דידאָזיקע נעמען, וועלכע זיינען פאַראַן אין דער ליסטע פון 320 — פון די אָנגעזעענסטע אידן אין פוילן, רבנים, געלערנטע, שרייבער און עסקנים, — פ.נם שענסטן פון פוילישן אידנטום, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס (די ליסטע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך דר. עמנואל רינגעלבלום האַרט פאַר זיין דער־מאָרדונג, זע זייט 314 באַמערקונג 28), — ווערט די קוועלע באַצייכנט אַלס קאָמפּעטענטע. דאָס־זעלבע גילט אויך וועגן די נעמען פון געפאַלענע, וואָס בריוו פון די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס (פאַרעפנטלעכטע אין דעם בוך) באַשטעטיקן, אַז זיי לעבן נישט מער.

דערפון איז נישט אַרויסגעדרונגען, אַז נאָר די, וואָס זייערע נעמען זיינען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל, זיינען געפאַלענע פונצווישן די קאַמף־גרופעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַ־ניזאַציע. עטלעכע פון די געפאַלענע, כאָטש זיי ווערן דערמאָנט נאָר אין די דאָקומענטן, האָבן דערפילט צענטראַלע און הויפּט־פונקציעס אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ווי, למשל, הערש בערלינסקי, אליעזר געלער, מרדכי (מערדעק) גראַוואַס, ישראל קאַנאַל, מיכאל ראָזענפעלד און אַנדערע. בעת די ליסטע איז, אָבער צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן אין וואַרשע (אָנהויב נאָוועמבער 1943) האָבן זיי נאָך געלעבט, אָדער ס'איז נאָך נישט געווען דעמאָלסט קיין זיכערע ידיעה וועגן זייער גורל. טרייַ דעם כלל, וואָס מיר האָבן אָנגענומען ביים צוזאַמענשטעלן דאָס בוך, נישט צו מאַכן קיין שום ענדערונגען אינם אָריגינאַל פון די דאָקומענטן, וועלכע זיינען בשעתו אַריבערגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע — האָבן מיר נישט צוגעגעבן נעבן זייערע נעמען דעם שטערנדל, וואָס באַצייכנט זייער פאַראַנען־זיין אין דער ליסטע פון די געפאַלענע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

נאָך מער צו באַדויערן איז דעם פאַקט, וואָס עטלעכע פונצווישן די מוטיקע קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די קאַמפן, ווערן אינגאַנצן

נישט דערמאָנט נישט אין דער ליסטע פון די געפאַלענע און נישט אין די דאָקומענטן, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט דאָ אין בוך. צוליב דער נויטווענדיקייט אָפּצוהיטן די פון פאָרויס־באַשטימטע ראַם, — ווי עס איז שוין דערקלערט געוואָרן פריער, האָבן מיר זיי נישט געקענט אַריינעמען צווישן די אזכרה־פאַרצייכנונגען, נאָר בלויז דערמאָנען זיי אין די באַגלייט־באַמערקונגען צו די דאָקומענטן אָדער אין די אָנדענק־רשימות וועגן אַנדערע געפאַלענע קעמפער. אַזעלכע זיינען, אויף וויפיל אונז איז באַקאַנט: יאַנעק בילאַק, בערל טאָסנקרויט, יוליעק יונגהייזער און גבריאל פרישדאָרף פון די קאַמף־גרופּעס פונם „בונד״; אברהם זאַנדמאַן, פנינה זאַנדמאַן (זיין שוועסטער), חגית פּוטערמילך (א. זאַנדמאַנס חברטע), שמעון שייבּ־טאַל און רעגינקאַ שניידערמאַן פון די קאַמף־גרופּעס פון „השומר הצעיר״; געניעק פינגערהוט פון דער קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה״; אהרן אַלטער — פון די קאַמף־גרופּעס פון די לינקע פּאַריינען (די אידישע קאָמוניסטן) און ארמין לאַקס פון די קאַמף־גרופּעס פון „דרור״. און מן־הסתם נאָך אַנדערע, וועמענס נעמען מיר האָבן איבערהויפּט נישט.

די אזכרה־פאַרצייכנונגען אַנטהאַלטן נישט קיין פולע אָפּשאַצונג פון דער גרויסאַרטיקייט...

די אזכרה־פאַרצייכנונגען אַנטהאַלטן נישט קיין פולע אָפּשאַצונג פון דער געזעלשאַפט־לעכער, ליטעראַרישער אָדער קינסטלערישער געשטאַלט פון די אומגעקומענע וויסנשאַפטלער, געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער און קינסטלער ווי, למשל: מ. אַזשעך, שכנא זאַגאַן, א. סאַמבערג, י. פינקלשטיין־לעוואַרטאָווסקי, זישע פרידמאַן, יצחק קאַצענעלסאָן, דר. ע. רינגעלבלום, דר. י. שיפּער, דר. מנחם שטיין, הרב ר. קלונימוס שפּיראָ און אַנדערע. זייערע נעמען און אויפטוען וועלן נאָך זיכער זוכה זיין צו דער פולער און געהעריקער אָפּשאַצונג. מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַ ספּעציעלן חוב אונזערן, צונויפצוזאַמלען יעדן פּרט, וואָס מען האָט נאָר געקענט באַקומען, וועגן יענע יונגע קעמפער און אונטערערדלער, וואָס זייערע נעמען זיינען נישט באַקאַנט עפנטלעך. זאָל זיין אָט־די פאַר־אייביקונג פון זייערע נעמען אַ טייל פון אַ טייל פון דער פאַרערונג, וואָס מיר זיינען שולדיק זייער אָנדענק. די ראַם פון יעדער אזכרה־רשימה איז באַשטימט געוואָרן קודם־כל לויט דער גרויס פונם מאַטעריאַל, וואָס אונז איז געלונגען צו באַקומען.

די אזכרה־פאַרצייכנונגען זיינען געגעבן לויטן אַלף־בית, אָבער טעכנישע דרוק־שוועריקייטן האָבן נישט מעגלעך געמאַכט תמיד צו האַלטן זיך שטרענג ביי אָט דער אָרדנונג.

שווער איז געווען די אַרבעט ביים אויפזאַמלען דעם מאַטעריאַל פאַר די אַזכרה־פאַר־צייכנונגען וועגן די אין־אויפשטאַנד־געפאַלענע. די גרעסטע מערהייט פון די 376 געפאַלענע, וואָס זיי ווידמען מיר די אזכרה־פאַרצייכנונגען, איז באַשטאַנען פון יונגע חברים, וואָס פאַרן מלחמה־אויסברוך, ווען עס איז נאָך געווען אַ לעבהאַפטע פאַרבינדונג מיט פוילן, ווען שליחים זיינען געפאָרן און געקומען און דער עליה־שטראָם פון די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען איז גע־גאַנגען כסדר, האָבן דידאָזיקע חברים געהערט צו די אינגערע שיכטן פון דער באַוועגונג, און אויסער זייערע קרייזן זיינען זיי נישט געווען באַקאַנט. אין די לעצטע, צעברויזטע יאָרן זיינען די יוגנטלעכע פון דעם דור שנעל רייף געוואָרן און פאַראַנטוועטט זיך אין קאַמף. אַ שווערע אחריות האָט דער גורל אויף זיי אַרויפגעלייגט און זיי האָבן זי דורכגעטראָגן מיט שטאָלץ, העלדנמוט און כבוד. זייער העלדנטום וועט זיין אַ דערציאונגס־מוסטער פאַר דורות. נישט לייכט איז אויך געווען צו אידענטיפיצירן די נעמען. אין דער ליסטע פון די 217 געפאַלענע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אויך אין די בריוו און באַריכטן פונם נאַצ.־קאָמיטעט און פון די אָרגאַניזאַציעס — ווערן דערמאָנט נאָר נעמען, אָן קיין שום צוגאָב־פאַרצייכניש. אָפטמאָל ווערט אויך דער נאָמען נישט דערמאָנט פולקאָם אָדער עס ווערט געבראַכט נאָר אַ

פסעוודאָנים, און אַמאָל טרעפט אויך, אַז דער נאָמען איז פאַרגרייזט. און ווען דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פוילן וואָלט בשעתו נישט געהאַט צוגעגעבן ביי דער זייט פון יעדן נאָמען (אין דער ליסטע פון די 217) די אָרגאַניזאַציע, וואָס צו איר האָט דער מענטש געהערט ביים לעבן, — דאָס האָט דאַמאָלסט אַרויסגערופן אַ נישט־פאַרשטענדלעכע אומצופרידנקייט אין געוויסע קרייזן, — וואָלט אונז בשום אופן נישט געלונגען צו אידענטיפיצירן דעם גרעסטן טייל פון די נעמען. אפילו נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע מיר האָבן געמאַכט, איז אונז נישט געלונגען אַלעמען צו אידענטיפיצירן. פונצווישן די אידישע קאָמוניסטן האָבן מיר (צו דער ערשטער העברעאישער אויפלאַגע) ליידער געהאַט פּרטים נאָר וועגן געציילטע. (אין דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע און נאָכמער אין דער אידישער אויסגאַבע איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס אויסגעבעסערט געוואָרן סיי דורך אינפאָרמאַציעס פון מענדל באָרג, בעת דער מחבר פונעם בוך איז געווען אין פוילן און סיי דורך פאַרשידענע אַנדערע מקורות).

וועגן די חברים פון די „בונד"ישע קאַמף־גרופּעס האָבן מיר געהאַט דעם מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אונזער צייט", אין „פאַרוועגטס" און אין דער זאַמלונג „געטאָ אין פלאַמען", וועלכע איז דערשינען אין ניו־יאָרק. אַסך צוגאָב־איינצלהייטן האָבן מיר אויך באַקומען ביי עטלעכע פונצווישן די „בונד"־סימפּאַטיקער, וועלכע געפינען זיך אין ארץ־ישראל און הויפּטזאַכלעך פון דער חברטע מאַשאַ ג ל י י ט מ אַ ן, אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־גרופּע פון „בונד" — איינע פון די געציילטע אַרויסגעראַטעוועטע פון די וואַרשעווער געטאָ קעמפער, וועלכע האָט זיך שפּעטער אויך באַטייליקט אין קאַמף אין די וועלדער און ס'איז איר געלונגען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. (צו דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע און נאָכמער אין דער אידישע אויסגאַבע זיינען צוגעקומען אַ סך נייע פּרטים, וועלכע מיר האָבן באַקומען אין פּוילן פון מאַרעק עדעלמאַן און אויך פון פילע אַנדערע מקורות).

אין די ביאָגראַפישע נאָטיצן און די אזכרה־קאַפּיטלען איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַסך מי פון אַסך צענדליקער קרובים און חברים. מיר האָבן זיך באמת אויסצוגעפינען די סאַמע נאָענטסטע — אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ פאַמיליען־קרוב, אַ פריינט, אַ חבר פון דערזעלבער באַוועגונג — און אַסך צענדליקער מענטשן האָבן גערן זיך אָפּגערופן און אונז אין דעם מיט־געהאָלפן ווי וויט נאָר זיי האָבן געקענט. אַלע באַוועגונגען, צו וועלכע מיר האָבן זיך געווענדעט נאָך מיטהילף אין דער הינזיכט, האָבן גערן דערפילט אונזער ביטע, און עטלעכע פון זיי האָבן באַשטימט ספּעציעלע חברים, וועלכע האָבן אַ געוויסע צייט זיך באַשעפטיקט מיט באַקומען פּרטים וועגן זייערע געפאַלענע חברים. אין אַסך פאַלן האָבן מיר געבעטן אידייען־חברים פון די געפאַלענע אָדער זייערע פאַמיליען־קרובים, זיי זאָלן דורכזען אונזערע פאַרצייכנונגען, און מיר האָבן זיך גערעכנט מיט יעדער באַמערקונג אָדער אויסבעסערונג. מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו דערמאָנען די נעמען פון אַסך צענדליקער חברים, וועלכע האָבן אונז מיטגעהאָלפן, און אויסדריקן יעדן איינעם פון זיי דעם אים־געהעריקן דאַנק. אָבער, לכל הפחות, עטלעכע פון זיי, וועלכע האָבן געמאַכט ספּעציעלע באַמיאונגען און זיי האָבן אַ גרויסן אָנטייל אינם באַקומען דעם מאַטעריאַל און די פאָטאָגראַפיעס, — זיי שיקן מיר אַ באַזונדערן דאַנק; דאָס זיינען: י. אַרנשטיין, ל. ביין, העניע גאָלדבערג, שמואל גביש, אברהם גרוועלבער, חנה געלבאַרד, מרדכי האַלטער, מ. הורוויץ, חיים העניג, ש. וועלנער, יצחק לאַנדשטאָק, דוד ליוועך, ישראל ליכטענשטיין, יצחק לעוו, חוה לעווטשנער, חיים מילשטיין, צבי מעלניצער, משה'ל נאָוואָפּרוצקי, ש. עדעלמאַן (מוליע), שמריהו עלענבערג, אברהם פלאַטעק, ד. פערלמאַן, משה פּראַגער, ר. צירלין, יוסף קוריאַנסקי, חיה קערשבערג, ה. ל. קרוי, יוסף ראָזען, רוזשקאַ (רייזל קאָרטשאַק), א. רעמבאַ, יוסף שמיר.

אַן אויסערסט־וויכטיקע באַדייטונג האָבן די ידיעות וועגן די געפאַלענע, וועלכע מיר האָבן באַקומען פון אייניקע אָנפירער פון דער אידישער אונטערערד־באַוועגונג אין פוילן ביי אונזער טרעפונג מיט זיי אין אויסלאַנד (אין אויגוסט 1945) און אויך פון די איינצלנע חברים, אַרויסגעראַטעוועטע פון געטאָ און לעצטפאַרבליבענע קעמפער, וועמען ס'איז געלונגען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל, — דאָס זיינען: בעלאַ חזן, לייזער לעווין, נחמה עקהייזער, סויקא ערליכמאַן, העלאַ שיפער און אַנדערע, און באַזונדערס: מאַשאַ באַגנער, — געווען אַקטיוו אין „דרור” אין וואַרשע ביז אַפּריל 1943 און דערנאָך אין אַרעסט און אין די לאַגערן; די דערמאָנטע מאַשאַ גלייטמאַן; אהרן כמיעלניצקי (קוציק) — אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה”; יעקב פּוטערמילך (יאַקובעק) — אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה”; חיים פרימער (חיימעק) — אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „עקיבא” און פּנינה פּאַפּיער — אַ מיטגלידערין פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי ציון — די לעצטע 5 זיינען פונצווישן די מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען נאָך דער פאַרענדיקונג פון די שלאַכטן אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט וואַרשע, האָבן זיך דערנאָך באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין די ווישקאָווער וועלדער און ס'איז זיי געלונגען אָנצוקומען, אין הערבסט 1945, קיין ארץ־ישראל.

טראָץ דער גאַנצער מי, פּאָרזיכטיקייט און צווייפאַכער און דרייפאַכער נאָכקאָנטראָלירונג ביי יעדן איינציקן פּרט, זיינען מן־הסתם פאַרבליבן אומפּינקטלעכקייטן און אפשר האָבן מיר אויך געמאַכט אַ פעלער ביי דעם אָדער יענעם פּרט. נישט איין מאָל האָבן מיר זיך געפונען אין אַ לאַגע, ווען צוויי אָדער דריי פון די געראַטעוועטע, אָדער פון די קרובים און פריינט פון די געפאַלענע, האָבן איבערגעגעבן אַבסאָלוט־געגנזעצלעכע ידיעות אין שייכות מיט דעם אָדער יענעם פּרט. עס איז אויך קיין וואונדער נישט, די מענטשן, וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט אַזוי פיל שרעקלעכע צרות, איז זיי איצט שווער פונאַנדערצוקלייבן זיך און אָפּצוטיילן צווישן דעם וואָס זיי האָבן אַליין געזען און צווישן דעם, וואָס זיי האָבן געהערט פון עמיצן. מיר ווענדן זיך דעריבער מיט אַ ביטע צו יעדן לייענער, וועלכער וועט אפשר באַמערקן עפּעס אַן אומפּינקטלעכקייט און ער וועט קענען צוגעבן עפּעס אַן איינצלהייט, ער זאָל דאָס מודיע זיין דעם אונטן געחתמעטן.

נאָך שווערער איז געווען די אַרבעט ביים צונויפנעמען די פאָטאָגראַפישע בילדער פון די געפאַלענע, כמעט אַלע בילדער זיינען פאָטאָגראַפיעס, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן יאָרן — און אַמאָל אויך אַ סך יאָרן — פאַר די געטאָ־קאַמפן, דאָס רוב פון די בילדער זיינען קאָפּיעס פון קאָלעקטיווע פאָטאָגראַפיעס, וועלכע גיבן אַמאָל איבער דאָס אויסזען פונם חבר נאָר פאַרנעפּלט. יעדנפאַלס האָבן מיר געהאַלטן, אז ס'איז בעסער צו געבן א בילד פון אַ פריערדיקער תקופה, אפילו ווען עס איז נישט אַזוי גוט, איידער אינגאַנצן נישט געבן. אויב עמיצער פאַרמאָגט אַ בילד פון אַ געפאַלענעם חבר, וואָס מיר האָבן עס נישט געקענט באַקומען, אָדער אַ בילד וואָס איז בעסער ווי אונזער בילד — ווערט ער געבעטן עס אונז אויסצובאָרגן. מיט דער טעכנישער איינאָרדנונג פון די בילדער האָט זיך באַשעפטיקט חבר מ. וואָראָבייטשיק.

*

די ליסטע פון די מיטגלידער פון די קאַמף־גרופּעס, וועלכע זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן, וואָס דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט זי אין נאָוועמבער 1943 אַרויסגעשיקט פון וואַרשע קיין לאָנדאָן, אַנטהאַלט 224 נעמען. צווישן די געפאַלענע זיינען פאַרצייכנט געוואָרן

זיבן נעמען, וואָס איצטער ווייסט מען, אַז זיי זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן על־פּי־טעות: זיי זיינען טאַקי געווען אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און דערפאַר ווייל בעתן צוזאַמענשטעלן די ליסטע פון די געפאַלענע (נאָוועמבער 1943) זיינען זיי נישט געווען און מען האָט נישט געהאַט קיין שום ידיעות וועגן זיי, האָט מען זיי פאַררעכנט צו די געפאַלענע. דאָס זיינען:

ג ז ש ע נ ד אַ ש ו ש נ ה — געבוירן אין וואַרשע. נאָך גאָר יונג אַריינגעטרעטן אין דער „פרייהייט״־באַוועגונג. אין דער געטאָ־צייט אַ שילערין פון דער „דרור״־גימנאַזיע און אַ אָנטיילנעמערין אינם סעמינאַר פון דער באַוועגונג. אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״. מען האָט זי אַרעסטירט דעם 23־טן יולי 1942 ביים פאַרשפּרייטן די פּרעסע פון דער באַוועגונג. געסטאַפּאָ האָט זי געפּייניקט צוערשט אין זייער בנין אויף אַלייע שוכא 28 און שפּעטער אין דער „פּאַוויאַק״־תפיסה, אָבער זי האָט עקשנותדיק געטענהעט, אַז זי ווייסט גאָר נישט און קען קיינעמען נישט. יאַנואַר 1943 האָט מען זי אַוועקגעפירט קיין מאַידאַנעק און שפּעטער אין אַנדערע לאַגערן אין דייטשלאַנד. אין וואַרשע האָט מען גערעכנט, אַז זי איז אומגעקומען. אויך נאָכן קריג איז אַ לענגערע צייט נישט געווען קיין ידיעה פון איר און אין דער ערשטער און צווייטער אויפלאַגע פון דעם בוך אין העברעאיש איז איר נאָמען אין די אזכרות־פאַרצייכנונגען. זי איז צווישן די געראַטעוועטע. אין „נאַשע סלאָווא״ פונם 22־טן אויגוסט 1947 פאַרעפנטלעכט זי דעם ערשטן קאַפּיטל פון אירע איבערלעבונגען.

ל י ל י ע נ ש ט י י ן מ אָ נ י ע ק — אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „בונד״. פאַר דער מלחמה אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יוגנט־סעקציע אין וואַרשעווער שערער־פאַריין. אַ מוטיקער קעמפער. האָט אויסגעפירט וויכטיקע אויפגאַבן נאָך פאַרן אויפשטאַנד. ער איז געראַטעוועט.

ע ר ל י כ מ אַ ן ס ו י ק א (ש ר ה), אַ געבוירענע אין לובלין, פון דער „גורדוניה״־קאַמף־גרופּע, איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן סוף 1942. זי האָט געהאַט ביי זיך אַרישע דאָקומענטן. מען האָט זי געהאַלטן אין פאַרשידענע טורמעס אין דייטשלאַנד, ביי דער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה איז זי באַפרייט געוואָרן. זי איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל (איר שוועסטער חנה מיט איר מאַן י ש ר א ל ז ע ל צ ע ר, — לפ״ג — זיינען צווישן די געפאַלענע). דער וועג פון אירע ליידן און פון דער רעטונג איז באַשריבן אין איר ביכל „בידי טמאים״, תל־אביב, תש״ו, אַרויס־געגעבן פון דער „משמרת הצעירה״ פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי.

פ ו ט ע ר מ י ל ך י ע ק ב (י אַ ק ו ב ע ק) —— אַ מיטגליד פון דער „גורדוניה״ — קאַמף־גרופּע. בעת די שלאַכטן האָט ער געקעמפט אין טעבענס־שולץ־געביט, דעם 29־טן אַפּריל 1943 איז ער אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. אַ מיטגליד פון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די ווישקאָווער וועלדער. געראַטעוועט געוואָרן. געפינט זיך איצט אין ארץ־ישראל. זיין שוועסטער חגית, אַ מוטיקע קעמפערין, אַ מיטגלידערין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז צווישן די געפאַלענע זע זייט 188 באַמערקונג 3.

פ אַ פּ י ע ר פ נ י נ ה — אַ מיטגלידערין פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי־ציון. בעת די שלאַכטן האָט זי געקעמפט צוערשט אינם בערשטער־געביט און שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ. אַרויס דעם 10־טן מאַי דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. אַ מיטגלי־דערין פון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די ווישקאָ־ווער וועלדער. בעת דעם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, איז זי אַריינגעפאַלן אין די הענט

פון געסטאַפּאָ, צוזאַמען מיט יאַנעק בילאַק און אַנדערע (זע זייט 282, באַמ. 16). די דייטשן האָבן זי געשיקט אין די קאַמף־ערטער צו ברענגען פאַרוואונדעטע דייטשן. זי איז אַריבער אין פּוילישע רייען. דאָרטן האָט מען זי ווידער אַרעסטירט און עס האָט איר ווייטער געדראָאט דערשיסונג. אַ פּוילישער אָפיצער, וואָס האָט געקעמפט אין די ווישקאָווער וועלדער, אין דער זעלבער געגנט, וואָס איר קאַמף־גרופּע, האָט זיך פאַר איר אָנגענומען. זי איז געראַטעוועט געוואָרן. געפינט זיך איצטער אין ארץ־ישראל. (איר ברודער — ז י ש ע פ אַ פ י ע ר — לפ״ג).

ר אָ ז ע נ ט אַ ל ח י י ם — פון די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". אַ געבוירענער אין גראָדנע, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צ.ס.) און פון „החלוץ". געווען אַקטיוו אין אידישן אונטערערד און אין דער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. באַטייליקט זיך אין די טעטיקייטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו. געווען אַ פּאַרטיזאַן אין קאָניעצפּאָלער געגנט. צווישן די געראַטעוועטע.

ש ל ו ב אָ ו ו ס ק אַ ש ר ה — געבוירן אין קלעצק, פּאָלעסיע, אַן איבערגעגעבענע חברה פון „החלוץ הצעיר". א חברה אינם הכשרה־קיבוץ אין לאָדזש. אין דער מלחמה־צייט איז זי אַריבער קיין וואַרשע און געווען אַקטיוו אין דער אונטערערד־אַרבעט פון דער באַוועגונג. צווישן די געראַטעוועטע.

די ליסטע פון די 217 געפאַלענע פון די קאַמף־גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַנטהאַלט נישט נאָר די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אָבער די מערסטע פון זיי זיינען געפאַלן אין וואַרשע, אָדער זיינען געשיקט געוואָרן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע צו קאַמף־טעטיקייטן אין אַנדערע ערטער.

*

אין ערשטן מאַי־נומער 1945 פונם וואָכנבלאַט „דאָס נייע לעבן", וואָס דערשיינט אין לאָדזש, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ליסטע מיט פופציק נעמען פון געטאָ־קעמפערס, וואָס צום צווייטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט זיי דער גענעראַל־שטאַב פונם פּוילישן מיליטער באַערט מיט אויסצייכנונגס־אָרדנס פאַר זייער העלדישן קאַמף קעגן דעם נאַצישן אָקופּאַנט. פון זיי געפינען זיך אין אונזערע אָנדענק־פאַרצייכנונגען:

1. אַ נ י ע ל י ע ו ו י ט ש מרדכי, 2. אַ ר ט ש ט י י ן זכריה, 3. א י י ג ע ר אברהם, 4. ב ל ו ם אברהם, 5. ב ע ר ל י נ ס ק י הערש, 6. ב ל אַ נ ע ס ליושעק, 7. ב ר אַ ס ל אַ ו שמואל, 8. ג ל אַ נ ץ רבקה, 9. ג ו ט מ אַ ן חנוך, 10. װ י ל נ ע ר אריה (יורעק), 11. ז אַ ג אַ ן שכנא, 2. ט ע נ ע נ־ ב ו י ם (טאַמאַראָף) מרדכי, 13. ל ע װ אַ ר ט אַ ו ו ס ק י־פינקלשטיין יוסף, 14. ל י י ב אָ ו ו י ט ש (לאַבאַן) אברהם־לייב, 15. ל ע נ ט שאַנן, 16. ל י ב ע ס ק י נ ד אהרן (דאָלעק), 17. מ אַ ר ג ע נ־ ש ט ע ר ן יוחנן, 18. מ אַ ל י נ אָ ו ו ס ק י שמעון, 19. מ אַ י ר אָ ו ו י ט ש מאַרעק, 20. פּ ל אַ ט־ נ י צ ק אַ פרומקע 21. פּ י י נ ק י נ ד מלך, 22. פּ אַ ל מ אַ ן מאַרעק, 23. פּ אַ ר ב ע ר יוסף, 24. פ ר י ד ר י ך זלמן, 25. ק אַ נ אַ ל ישראל, 26. ק אַ פּ ל אַ ן יוסף, 27. ר ו ז ש אַ נ ס ק י אליהו (עלעק), 28. ר אָ ז ע נ פ ע ל ד מיכאל, 30. ר אַ ז אָ ו ו ס ק י וואָלף, 31. ר אַ ט ב ל אַ ט ליוטעק (לייב), 32. ש ו ס ט ע ר שלמה, 33. ש נ י י ד מ י ל אברהם שמואל (בערעק).

אויסער די דאָ אויסגערעכנטע זיינען אויך פאַראַן אין דער ליסטע פון די דערמאָנטע 50 נעמען, וועלכע זיינען באַערט געוואָרן מיט אויסצייכנונגס־אָרדנס און ווערן דערמאָנט אין דעם בוך — אין די באַמערקונגען און אינם אַריינפיר און נישט אין דער ליסטע פון געפאַלענע: מ אַ ש ק אָ ו ו י ט ש דניאל, ט י י ט ל ב ו י ם ניוטע (ריווע), י ע ג ע ר שמואל, פ י ש ע ל ע ו ו י ט ש, פ ר י ש ד אָ ר ף גבריאל, צ י מ ע ר מ אַ ן מ. (שמואל מערטיק), ש מ י ד ט אַנדזשעי (אליהו מאַזעס).

אין דער ליסטע פון געפאַלענע (די ליסטע פון די 224), וועלכע איז אַריבערגעשיקט געוואָרן אין נאָוועמבער 1943, איז די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנגעהעריקייט פון די מיטגלידער פון די פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן) קאַמף־גרופּעס — באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „לינקע פּאַריינען", ווייל די דאָקומענטן זיינען דאָך איבערגעפירט געוואָרן דורך וועגן פון דער פּויילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, טריי צום דערמאָנטן כלל, לויט וועלכן מיר פירן זיך אין דעם בוך, נישט צו מאַכן קיין שום ענדערונגען אינם אָריגינאַל פון די דאָקומענטן, האָבן מיר איבערגעלאָזט אויך אָט די באַצייכנונג, נאָר מיטן צוגאָב — אידישע קאָמוניסטן.

מ. נ.

תל־אביב, טבת תש"ו (דעצעמבער 1945).

*

צוגאָב־באַמערקונג צו דער צווייטער העברעאישער אויפלאַגע:

צו דער ליסטע נעמען פון די, וועלכע האָבן אונז מיטגעהאָלפן מיט אַלע זייערע מעגלעכקייטן צונויפצוזאַמלען די פּרטים, וועלכע מיר ברענגען אין די באַמערקונגען צו די דאָקומענטן און בעיקר אינם טייל „דעם אָנדענק פון די געפאַלענע אויף דער וואַך", דאַרף מען איצטער צוגעבן נאָך עטלעכע, וואָס אונז איז געלונגען צו טרעפן זיך מיט זיי ערשט נאָכן דערשיינען פון דער ערשטער (העברעאישער) אויפלאַגע, נאָכדעם ווי זיי זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל אָדער ווען דער אונטערגעצייכנטער איז געווען אין פרילינג 1946 אין פּוילן. זיי האָבן אונז איבערגעגעבן אַ סך וויכטיקע פּרטים, וועלכע האָבן אונז דערמעגלעכט אויס־צובעסערן אונזערע צוגאָב־באַמערקונגען און ברענגען צוגאָב־פאַקטן, הויפּטזאַכלעך צו די אזכרה־פאַרצייכנונגען וועגן יענע געפאַלענע קעמפער, וואָס פריער האָבן מיר נאָר געקענט ברענגען וועגן זיי גאַנץ קנאַפּע אינפאָרמאַציעס. דאָס זיינען די חברים: מארעק עדעלמאַן, מענדל באָרג (בערנאַרד), שמחה ראָטהייזער (קאַזשיק), דוד שטיין, און אויך ד"ר אַדאָלף בערמאַן, שלום גראַיעק, צביה לובעטקין, און יצחק צוקערמאַן (וועלכע האָבן אויך אַסך מיטגעהאָלפן ביי דער ערשטער אויפלאַגע). זייער מיטהילף האָט אַ קאָלאָסאַלע באַ־דייטונג, ווייל עס רעדט זיך נישט נאָר וועגן מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַטייליקט אין דער טעטיקייט, נאָר וועגן אַזעלכע, וואָס זיי זיינען כמעט אַלע געשאַנען אינדערשפּיץ.

*

צום צווייטן יאָר־טאָג פון דער נאַצישער מפּלה, אָנהויב מאַי 1947, האָט דער פּרעזידענט פון פּוילן, ביערוט, באַערט מיט מיליטערישע אויסצייכנונגען אַ ריי אידישע אונטערערד־קעמפער, און צווישן זיי אויך צוויי פון די, וועלכע זיינען אין אונזערע אזכרה פאַרצייכנונגען — איגלא זיגמונט און פיינער אברהם; די „אַרבעטער צייטונג" — לאָדזש 30־טן יולי 1947 — מעלדעט, אַז לויט אַ באַשלוס פונם פּוילישן מלוכה־ראַט איז אויסגעצייכנט געוואָרן פּאָלע עלסטער, וועלכע געפינט זיך צווישן אונזערע אָנדענק־פאַרצייכנונגען; די „פרייע יוגנט" — לאָדזש, מאַי/יוני 1947 — שרייבט וועגן דעם, אַז הירש וואָראַנסקי, וועלכער געפינט זיך אין אונזערע אזכרה־פאַרצייכנונגען, איז אויסגעצייכנט געוואָרן.

מ. נ.

סיון תש"ז — מאַי 1947.

וועגן די פאַרפולשטענדיקונגען אין דער אידישער אויסגאַבע זע די באַזונדערע פאַר־באַמערקונג צו דער אידישער אויסגאַבע, זייט 16.



מען הייבט אָן פונאַנדערצונעמען די מויער, וואָס האָט אייגעשלאָסן די אידן אין וואַרשעווער געטאָ.

די געפאַלענע אויף דער וואַך

* אַניעליעוויטש מרדכי: דער קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1919, אין אַ פויליש־פּראָלעטאַרישן קוואַרטאַל פּאָדווישליע, וואו עס האָבן גע־וואוינט נאָר געציילטע אידן, — אויף סאָלעץ־גאַס 13. אַ זון פון אַ פאַרהאָרעוועטער אָרימער משפחה, וועלכע האָט געפירט אַ ביטערן געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ. די מוטער האָט פאַרקויפט פיש. ער אַליין פלעגט אויפן וועג אין דער שול אויסטיילן פרישע געבעקס צו די בעל הביתטעס. דערצויגן איז ער געוואָרן אידיש־ציוניסטיש — גע־ווען אַ תלמיד פון דער גימנאַזיע „לאור" אויף נאַלעווקי־גאַס. דער אויסגעצייכנסטער אין קלאַס; ער האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע און איז געווען פריי פון שכר־לימוד. נאָך אין דער שול־צייט איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטלער און אַ גוטער חבר.



אין גימנאַזיע האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט צווישן אים און אַסך פון זיינע קלאַס־קאָלעגן, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון בית"ר, און אַ געוויסע צייט האָט מען אים געהאַלטן פאַר זייערן אַ סימפּאַטיקער. אָבער אין עלטער פון 14—15 יאָר איז ער אַריין אין דער „השומר־הצעיר"־באַוועגונג, צוזאַמען מיט זיין בעסטן פריינט משה קאָפּיטאַ (דערמאָרדעט געוואָרן אין 1941 אין ווילנע) און מיט שושנה אהראָנאָוויטש (מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען קיין שום ידיעות וועגן איר גורל), ער האָט געהערט צום גדוד „בחזית" צו וועלכן עס

האָבן אויך געהערט שמואל בראַסלאַוו (לפ״ג) און אַנדערע חברים, וועלכע האָבן שפּעטער דערפֿילט וויכטיקע פֿונקציעס. גאַר־גיך איז ער געוואָרן איינער פֿון די טרייסטע און איבערגעגעבנסטע חברים פֿון וואַרשעווער קן. ער איז געוואָרן אַ מדריך פֿון אַ דערציִערישער קבוצה אין גדוד „תל־עמל״ און שפּעטער (אין 1937) דער אָנפֿירער פֿונם גאַנצן גדוד און אַ מיטגליד פֿון דער לייטונג פֿונם קן. דער קן האָט זיך דאַמאָלסט געפֿונען אויף רימאַרסקע־גאַס 12, נאָענט צום זאַקסישן גאָרטן, ביי דער גרעניץ פֿונם פּוילישן שטאָט־טייל, פֿונוואַנען עס פֿלעגן זיך אַרויסרייסן פֿון צייט צו צייט באַנדעס פּוילישע פֿאַשיסטן און מאַכן איבערפֿאַלן אויף דער אידישער געגנט. אָפֿטמאָל פֿלעגן זיך דערטראָגן צו די פֿענצטער פֿונם קן גוואַלדן און געקלאַנג פֿון שויבן־ברעכעריי; גרופּעס יוגנטלעכע פֿלעגן זיך דאַן אַרויסלאָזן פֿון קן מיט שטעקנס אין די הענט און מרדכי האָט מיט זיי אָנגעפֿירט קאַלטבלוטיק און לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. ווי זיינע חברים דערציילן, פֿלעגט ער „געבן קלעפּ אָן אויפֿגערעגטקייט״. אַמאָל, נאָך אין יענער צייט, האָט איינער אַ חבר אַ זאָג געטון: „ווען מרדכי וואָלט נישט געווען קיין אונזעריקער, וואָלט ער מיט דער צייט געוואָרן אַ גרויסער גענעראַל״... דער חבר האָט גאָרנישט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ נביאות עס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אים, — מרדכי איז דאָך געבליבן אַן אונזעריקער און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ גרויסער גענעראַל — דער קאָמאַנדיר פֿון אַ הייפֿל אידישע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פֿאַלן אין שלאַכט און אויפֿהויבן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד איבער די מויערן פֿונם אידישן געטאָ, וועלכער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט און אויפֿגעגאַנגען אין פֿייער.

ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער, שיינער בחור. פֿון די, וועלכע ער האָט דערצויגן, האָט ער פֿאַרלאַנגט אַבסאָלוטע דיסציפּלין. אָפֿט פֿלעגן זיי אויף אים דערפֿאַר פֿאַראיבל האָבן, אָבער אָט די אייגנשאַפֿטן זיינע זיינען געקומען צום גלאַנץ־אויסדרוק בעת דעם אויפֿשטאַנד. ער איז תמיד געווען זייער קאָנסעקווענט אין זיינע האַנדלונגען, אַזוי וויַיט, אַז צו די אַרויסלאָז־עקזאַמענס אין גימנאַזיע (זומער 1938) איז ער געקומען אין דער „השומר״־קליידונג; די שול־דירעקציע, וועלכע איז שוין פֿון־לאַנג בייז געווען אויף אים, ווייל ער ציט אַריין אַסך תלמידים אין דער באַוועגונג, האָט אים — איינעם פֿון די בעסטע תלמידים — דורכגעוואָרפֿן ביי די עקזאַמענס און ער איז געווען געצוואונגען פֿאַרצוזעצן די לימודים נאָך אַ צוגאָב־יאָר.

אין אָנהויב פֿון דער מלחמה איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים באַאויפֿטראַגט געוואָרן אַרויסצופֿאָרן קיין קאָלאָמיי און פֿון דאָרט אינם גרעניץ־שטעטל קוטי (קיטעוו), כדי איינצושטעלן און אויפֿצוהאַלטן פֿאַרבינדונגען מיט רומעניע אויף אַריבערצופֿירן אַהין חברים. ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דאָרטיקע סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, אָבער ער איז פֿריי געוואָרן. קיין וואַרשע איז ער צוריקגעקומען שוין נאָך איר פֿאַלן, ער איז אַרויסגעפֿאָרן אויף באַזוכן אין די געביטן, וועלכע זיינען פּראָ־קלאַמירט געוואָרן אַלס אָנגעהעריקע צום רייך (וולאָצלאַוועק און אַנדערע). אַסך חברים

האָבן שוין פאַרלאָזט וואַרשע, אָבער ער האָט געזאָרגט פאַר דער צוקונפט פון דער באַוועגונג אין די אָקופּירטע געביטן און ער פלעגט איבערצייגן די חברים, זיי זאָלן פאַרבלייבן אויף די פּאָסטנס.

ענדע 1939 איז ער אַוועק אין שליחות פון דער באַוועגונג אויף אַ קורצן באַזוך קיין ווילנע; אין יאַנואַר 1940 איז ער פונדאָרט צוריקגעקומען קיין וואַרשע צוזאַמען מיט זיין חברטע מ י ר אַ פ ו כ ר ע ר (לפ"ג) און האָט רעאָרגאַניזירט דעם וואַרשעווער קן. אין דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון קן (אויף פּראָסטע־גאַס 5) בשעת דער מלחמה (מערץ 1940) האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער חברים און חברטעס. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אינם אידעאָלאָגישן ראַט פון דער באַוועגונג און דעם דריטן טאָג פון די ראַט־זיצונגען האָט ער געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן פּאָליטישע פּראָגן. אַ יאָר שפּעטער האָט ער אָרגאַניזירט דעם צווייטן ראַט פון דער באַוועגונג און האָט זיך באַטייליקט אין דערציערישן סעמינאַר. ער איז געווען אַקטיוו אַלס מיט־גליד פון דער אונטערערדישער הויפּט־אָנפירונג פון „השומר הצעיר" און נאָך דער דערמאָרדונג פון י ו ס ף ק אַ פּ ל אַ ן (לפ"ג) אויך אַלס מיטגליד פון דער אונטערערדי־שער „החלוץ" צענטראַלע אין פּוילן. געווען איינער פון די אָנטיילנעמער אין דער אונטערערדישער צייטונג פון דער „השומר הצעיר"־באַוועגונג „נגד הזרם" („קעגן שטראָם").

זייענדיק נאָך גאָר יונג, האָט ער אין די מלחמה־יאָרן זיך אַרויסגערוקט אויף ווי איינער פון די גייסטיקע פירער פון דער באַוועגונג; ער איז טיף אַריינגעדרונגען אינם מהות פון אירע פּראָבלעמען און געשטאַנען אין צענטער פון איר אידעאָלאָגישער אויפקלערונגס־אַרבעט. באַמיט זיך צופּאַסן די גרונט־פּרינציפּן פון דער באַוועגונג צו די נייע פאָדערונגען.

אין אָנהויב 1942, ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז די אידן פון די צום־רייך־אָנגעשלאָסענע געביטן ווערן אַרויסגעשיקט קיין אָשוויענטשים אין פאַר־ניכטונגס־לאַגער, איז מרדכי אַניעליעוויטש אַוועק קיין שלעזיע און זיך געטראָפן מיט מערינען, דעם הויפּט פונם יודען־ראַט פאַר אויבער־שלעזיע. מערין האָט זיך באַמיט אים אויפצוקלערן די גוטע כוונות פון דער טעטיקייט פונם ראַט, אָבער מרדכי האָט אים דערקלערט, אַז די אידישע יוגנט וועט זיך אַנטקעגנשטעלן די ווייטערדיקע אַרויס־שיקונגען מיט געוועהר אין האַנט. ער האָט מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ־גרופּעס אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער באַוועגונג אין שלעזיע. באַלד ווי ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער דערמאָרדונג פון י ו ס ף ק אַ פּ ל אַ ן און ש מ ו א ל ב ר אַ ס ל אַ ו (3־טן סעפּטעמבער 1942) בשעת דעם גרויסן גירוש, איז ער צוריקגעקו־מען קיין וואַרשע. אין טשענסטאָכאָוו האָט ער זיך געטראָפן מיט א ר י ה ו ו י ל נ ע ר און צ ב י ב ר אַ נ ד ע ס (ביידע לפ"ג), און זיי האָבן צוזאַמען באַהאַנדלט פּלענער וועגן אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ אין פאַרשידענע שטעט און וועגן דער אויפהאַלטונג פונם

קאָנטאַקט צווישן די ערטער. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער פאַר־נומען פאַקטיש דעם אָנפירנדן אָרט אין דער „השומר הצעיר״־באַוועגונג.

ביי דער גרינדונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז מרדכי געוואָרן איר הויפּט־קאָמאַנדיר און ביז דער לעצטער געטאָ־שלאַכט האָט ער זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער אויסברייטערונג פון אירע מעגלעכקייטן. אזוי פלעגט ער ביי יעדער געלעגנהייט אונטערשטרייכן, אַז דער שווער־פּונקט פון די פּאַרבאַרייטונגען איז די זעלבסט־פּראָדוקציע פון געווער. ער האָט אַסך אויפגעטון אויף דעם געביט, סיי אין וואַרשע און סיי בעת זיינע באַזוכן אין דער פּראָווינץ.

אין יאַנואַר 1943 האָט ער אָנגעפירט מיט דער ערשטער שלאַכט געגן די דייטשן, ער האָט מיט אַ כיוון זיך אַריינבאַקומען, צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע חברים, אין די רייען פון די צום גירוש געפירטע אידן און פון אינווייניק האָט ער געעפנט אַ פייער אויף די דייטשן, — אין יענער שלאַכט איז אומגעקומען די גאַנצע גרופּע, אויסער איר קאָמאַנדיר, וועלכער איז על־פּי־נס געראַטעוועט געוואָרן (מער איינצלהייטן וועגן די קאַמפן אין יאַנואַר 1943, זע זייטן 149 און 150 און באַמערקונג 39 דאָרטן; אויך זייט 250, באַמ. 12). אין געטאָ האָבן אים אַלע געקענט און באַצויגן זיך צו אים מיט סימפּאַטיע און אַכטונג (פאַר די אונטערערדישע פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען איז ער דערשינען אונטערן נאָמען „אַניאָלעק״ — „מלאכי״). ער איז געווען אַקטיוו און האָט אַקטיוויזירט אַנדערע טאָג־און־נאַכט, זיינע געדאַנקען און זיין גאַנץ לעבן זיינען געווען געווידמעט דער צוגרייטונג פון דער לעצטער שלאַכט.

דעם 23־טן אַפּריל 1943, צוויי וואָכן פאַר זיין טויט, האָט ער געשריבן צו יצחק צוקערמאַן: „מיין לעבנסטרוים איז שוין פאַרווירקלעכט. די אידישע זעלבסטשוץ אין געטאָ איז אַ פאַקט. עס איז געשאַפן געוואָרן דער באַוואָפנטער אידישער ווידערשטאַנד. איך בין אַן עדות פון די דערהויבענע העלדן־שלאַכטן פון די אידישע אויפשטאַנד־לייט״. נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער שלאַכט, דעם 8־טן מאַי 1943, שבת ג׳ אייר תש״ג, האָט ער זיך געפונען, צוזאַמען מיט אַ טייל קעמפער אינם בונקער פונם הויפּט־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע גאַס 18. אַלע פינף צוגאַנגען צום בונקער זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריינוואַרפן האַנט־גראַנאַטן און גאַז־באָמבעס. אין דעמדאָזיקן אָנגריף איז געפאַלן מרדכי, צוזאַמען מיט זיין חברטע מירא פוכרער און אַרום אַכציק קעמפער. אַ טייל פון די קעמפער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און נישט אַריינגעפאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די דייטשן (ווייטערדיקע איינצלהייטן — זע זייט 164, באַמ. 60, אינם קאַפּיטל וועגן דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע).

באַמערקונג: אין די סאַמע טעג פון אויפשטאַנד, דער 23־טער אַפּריל, האָט מרדכי אַניעליעוויטש געשריבן אַן אויספירלעכן בריוו צו יצחק צוקער־מאַן, דעם קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט.

דער בריוו איז פאַרגעלייענט געוואָרן אין וואַרשעווער ראַדיאָ, דעם 16־טן אַפּריל 1945.
און לויט דעם איז ער איבערגעדרוקט געוואָרן אין „משמר" פון 20־טן אַפּריל 1945.
אַביסל אַן אַנדערער נוסח פון זעלבן בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין לאָדזשער „דאָס נייע לעבן", דעם 19־טן אַפּריל 1945, און שפּעטער איז דער בריוו געדרוקט געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. די פאַרעפנטלעכטע טעקסטן זיינען נישט פּינקטלעך.
דער בריוו זעלבסט, געשריבן העברעאיש, איז אין דער צייט פונם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע פאַרפאַלן־געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע דאָקומענטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און מען האָט אים רעסטאַווירירט לויטן זכרון. עס פעלן אין אים טיילן וועגן פאַרשידענע ענינים, ווי, למשל, די שילדערונג פונם צושטאַנד אין די קאַמף־אָפּטיילונגען; וועגן די מענטשן, מיט וועלכע מרדכי האָט שוין אָנגעקניפּט באַציאונגען; וועגן דעם אַז ער ווייסט דערפון, אַז צ ב י ה לעבט און געפינט זיך אין ז כ ר י ה אַ ר ט ש ט י י נ ס קאַמף־אָפּטיילונג א.אַ.וו.

* **אַבערשטיין יוסף:** געבוירן אין לאָדזש, אין אַן אַנגעזעענער משפּחה. דער פאָטער איז געווען בוכהאַלטער אין דער פאַבריק פון זיינע קרובים, די ברידער מ אַ ז ו ר. יוסף האָט געלערנט אין אַ לאָדזשער מיטלשול. בעת דער מלחמה איז זיין פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. ער איז געווען אַ טרייער חבר אין דער „פרייהייט—החלוץ־הצעיר" באַוועגונג.

אין געטאָ האָט ער אַסך געליטן. דער פאָטער איז געשטאָרבן פון הונגער. די מוטער און זיין איינציקע שוועסטער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין טרעבלינקע.
ער איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און האָט געטריי און איבערגעגעבן געדינט אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". געווען אַ מוטיקער און קעמפערישער סאָלדאַט. איינער פון די בעסטע שיסערס אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט פאַראַנטוואָרטונגספול אויסגעפילט געפערלעכע אויפגאַבן אין דער שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אַרויסגעוויזן דערביי גרויסע באַגאַבונג. אינם טאָגבוך פונם קעמפער שמחה ר אַ ט ה י י ז ע ר (קאַזשיק), ווערט דערמאָנט זיין נאָמען אין דער קאַמף־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון ח נ ו ך ג ו ט מ אַ ן (לפ"ג), וועלכע האָט אין די ערשטע טעג פונם געטאָ־אויפשטאַנד אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אינם בערשטער־געביט. דידאָזיקע אין־צאָל־קליינע קאַמף־גרופּע האָט אָפּגעשטויסן דייטשע כוחות, וועלכע זיינען געווען פילפאַך גרעסער פון איר, און זיי פאַרשאַפט שווערע פאַרלוסטן.

ער איז געווען צווישן די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער, ווען ס'איז געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט. געפאַלן אין די פּאַרטיזאַנער־שלאַכטן אין די וועלדער, אַלט זייענדיק 20 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

אָזשעך מאָריצי: אַ וואַרשעווער, אַ זון פון אַ מיוחסדיקער חסידישער משפחה, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיט איר רייכטום און מיט אירע גרויסע, איינגעפונדעוועטע געשעפטן. ער איז געווען איינער פון די צענטראַלע פערזענלעכ־קייטן און באַקאַנטע זשורנאַליסטן פונם „בונד“. אַ געוויסע צייט איז ער געווען רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן“ — די וואַרשעווער בונדישע צייַ־טונג אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.



אין יאָר 1907, נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיע־שילער, איז ער אַריין אין „בונד“ און געבליבן טריי דער פּאַרטיי במשך זיין גאַנץ לעבן: סיי בעת זיין שטודיען־צייט אין וואַרשע אין דער צאַרישער תקופה און סיי אין זיינע אוניווערזיטעט־יאָרן אין זשענעוו, סיי אינם באַפרייטן פוילן און סיי אין דורך די נאַציס אָקופּירטן פוילן. אין דער תקופה פון זעלבסטשטענדיקן פוילן האָט ער פיל געשריבן אין דער בונדישער פּרעסע, הויפּטזאַכלעך אויף עקאָנאָמישע טעמעס, וועגן די מלוכה׳שע און מוניציפּאַלע בודזשעטן, וועגן קאָאָפּעראַציע, וואוינונגס־פראַגע א.ד.ג. געווען אַ גרויסער מומחה אין מוניציפּאַלע פראַגן און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אַרטיקלען וועגן זיי און מיט זיינע רעדעס אין וואַרשעווער שטאָטראַט. דער פּאַרזיצער פונם בונדישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“, און צווישן די גרינדער און מיטאַרבעטער פון אַ ראַדיקאַלער אָוונט־צייטונג אין פּויליש „דזשענניק לודאָווי“.

בעתן מלחמה־אויסברוך איז ער אַנטלאָפן קיין ליטע, און עס זיינען באַקאַנט זיינע ערשטע טעלעגראַמעס צום ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“ וועגן אומגליק פון פּוילישן אידנטום. די ליטווישע רעגירונג האָט אים אַרעסטירט און געזאָלט איבערגעבן די דייטשן. נאָך אַסך באַמיאונגען איז ער ניצול געוואָרן. פּרוּוונדיק אַנצוקומען קיין שוועדן מיטן ים־וועג, צוזאַמען מיט יצחק גיטערמאַן (לפ״ג), איז די שיף, אין וועלכער זיי זיינען געפאָרן, פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די דייטשן און זיי זיינען אומגעקערט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. ערשט אין אַפּריל 1940 איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע אין אַ טראַנספּאָרט געפאַנגענע אידישע זעלנער פון פוילן, וועלכע די דייטשן האָבן באַפרייט (ערשט שפּעטער איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס די דייטשן האָבן פּלוצים באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט אידישע זעלנער: כדי זיי צו קענען שפּעטער אויסמאָרדן אַלס ציווילע פּערזאָנען און נישט אַלס קריגס־געפאַנגענע). באַלד אויף צומאָרגנס נאָך זיין צוריק־קומען האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפט־

לעכער אַרבעט. הגם וויסנדיק, אַז די נאַציס היטן יעדן שריט זיינעם, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעהאַלטן פון זיין גאָר אַקטיוו אין דער אונטערערד־באַוועגונג. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער „בונד"־צענטראַלע. זיך באַטייליקט אין אַלע זיצונגען פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן און רעדאַגירט אידישע און פּוילישע פּאַרטיי־אויסגאַבן. געווען גאָר אַקטיוו ביים שאַפן געלט־מיטלען פאַרן אונטערערד פון זיין פּאַרטיי און אירע אינסטיטוציעס. ער ווערט דערמאָנט אין די אונטערערד־באַריכטן אַלס איינער פון די פאָרשטייער פון „בונד" אין די באַראַטונגען פון אַלע אידישע גרו־פּירונגען, ביז צום אָנהויב פונם גרויסן גירוש אין יולי 1942. שפּעטער איז ער געווען אויף דער אַרישער זייט, האָט אַ צייטלאַנג געוואוינט אין זשאַליבאָזש און דאָרטן פאָרגעזעצט זיין אונטערערד־אַקטיוויטעט. זיין באַוועגונג האָט באַשלאָסן, אַז ער זאָל אַוועק קיין אויסלאַנד. ער האָט באַקומען אַן אַרגענטינישן פּאַס און איז אין יאַנואַר 1943 בשלום אָנגעקומען פון וואַרשע קיין קאַלאָמיי. פון דאָרטן האָט ער געזאָלט ווייטער פאָרן איבער רומעניע. ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים צוריק־געבראַכט קיין וואַרשע אין דער „פּאַוויאַק"־תפיסה. אַלע באַמיאונגען אים צו ראַטעווען האָבן נישט גענוצט און אין אויגוסט 1943 האָבן אים די דייטשן דערשאָסן (זיין פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1944 אויף דער אַרישער זייט וואַרשע און איז אומגעקומען. זיין איינציקע טאָכטער האָט געדינט אַלס פאַרבינדלערין ביי די פּוילישע אויפשטענדלער אין וואַרשע אין די חדשים אויגוסט־סעפּטעמבער 1944; נאָכן אויפשטאַנד האָט מען זי אַוועקגעפירט קיין פּרושקאָוו און ס'איז נישטאָ קיין ידיעות וועגן איר גורל). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די 320 פּערזאָנען פון געזעלשאַפטלעכן־אַקטיוו, רבנים, געלערנטע, שרייבער און עסקנים, — דאָס שענסטע פון פּוילישן אידנטום, — וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס (די ליסטע איז אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן דעם 24־טן מאַי 1944 דורכן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע).

* **אייגער אברהם:** פון ר' עקיבא אייגערס משפחה. געווען פון די „דרור" קעמפער, וועלכע זיינען אין הערבסט 1942 אָנגעקומען פון אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי קיין וואַרשע, אַלס געשלאָסענע גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון ב ע ר ל ב ר ו י ד ע (לפ"ג). אברהם אייגער איז געווען אַ טרייער חבר פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, אַ מוטיקער קעמפער, אַ שטילער בחור, אַ שווייגער, ווייניק גערעדט און ווייניק צוזאַמענגעקומען מיט אַנדערע מענטשן.

ער האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אינם בערשטער־געביט, אין דער קאַמף־גרופּע פון „דרור", אונטער דער אָנפירונג פון ח נ ו ך ג ו ט מ אַ ן (לפ"ג), די קליינע גרופּע, וועלכע האָט אָפּגעשטויסן און אויך פאַרשאַפט גרויסע פאַרלוסטן די אַ סך גרעסערע פון איר פיינטלעכע כוחות. אין ה ע ר ש װ אַ ס ע ר ס אויפצייכנונגען

„סילועטן פון קעמפער" („די לעצטע רעדע", זייט 296) און אינם ראַפּאָרט פונם קעמפער שמחה ראַטהייזער — אין דעם בוך, ווערט דערציילט וועגן די לעצטע העלדישע מינוטן פון אברהם אייגער. אויך זיין קוזינע בתיה, אַ קעמפערין פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז אומגעקומען בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין ווארשעווער געטאָ־קאַמף. 20 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געפאַלן (אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943, איז על־פּי־טעות אָפּגעדרוקט זיין נאָמען צווישן די קעמפער פון „בונד", דעריבער איז אין די בונדישע אויסגאַבן אָנגעגעבן אָנשטאָט אים אַ חבר פונם בונדישן אַקאַדע־מישן קרייז „רינגען").



* **איגלאַ זיגמונט**: געבוירן אין אַ האָרעפּאַשנער משפחה, דער פאָטער איז געווען אַ שניידער. זיגמונט איז דערצויגן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין דער אידישער געגנט און באַזוכט אַ אידישע פאָלקסשול. פון דער יוגנט־אָן איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג „צוקונפט" און פון אירע שוץ־גרופּעס. געווען אַ טוער אין דער יוגנט־סעקציע ביים פאַריין פון האַנדלסאָנגעשטעלטע, — ער האָט געאַרבעט אין אַ געשעפט. אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, שיין געבויטער, מיט אַ לגמרי נישט אידישן אויסזען.

איינער פון די מוטיקסטע און געוואַגטסטע קעמפער. בעת די געטאָ־שלאַכטן האָט ער געקעמפט אין וועלוול ראָזאָווסקי'ס (לפּ"ג) גרופּע אויף נאָוואָליפּיע־גאַס, אין טעבענס־און שולץ־געביט. (זיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען בעת דעם גרויסן גירוש). דעם 29־טן אַפּריל איז ער, מיט דער גרופּע פון די פּערציק (זע זייט 270, באַמערקונג 13), אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אָפּערירט אין די וועלדער ביים בוג אין ווישקאָווער געגנט. צוליב זיין אַרישן אויסזען (ער איז געווען זייער הויך און זיינע חברים פלעגן אים רופן: „לאַקש"), האָט ער אויסגעפילט די געפערלעכע פונקציע פון אַ פאַרבינדלער ביי דער „בונד"־צענטראַלע און ער איז אָפט געפאָרן קיין וואַרשע. ער איז אַרעסטירט געוואָרן, אָבער ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן (דאַמאָלסט האָט מען געמיינט, אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן און דעריבער איז זיין נאָמען אַריינגענומען געוואָרן אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז אין נאָוועמבער 1943 אַריבערגעשיקט גע־

וואָרן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן). אין וואַרשע, אויף דער אַרישער זייט, האָט ער אַ געוויסע צייט געוואוינט אויף שליזקע־גאַס.

אין אָנהויב 1944 איז ער ווידער געקומען פון די וועלדער קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט יעקב פייגענבלאַט און גוטע קאַווענאָקי (ביידע — לפ״ג). אַלע דריי האָבן זיך געפונען אין באַהעלטעניש ביים פּאַליאַק יאַבלאָנסקי, דעם הויז־וועכטער פונם דורכגאַנגס־הויף פּלאַץ גזשיבאָווסקי 6—פּרוזשנע־גאַס 14. דאָס אָרט האָט אַ לענגערע צייט געדינט אַלס אַ זיכער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די פאַרבינדונג מיט דעם אָרט האָט אונטערגעהאַלטן ברכה פיינמעסער (וועגן איר זע זייט 306, באַמ. 1). ווען איינער פון די פאַרבינדלער, נאַטעק, איז אַריינגעפאַלן (זע זייט 219, באַמ. 1), איז אויך דאָס אָרט אַדורכגעפאַלן. ווען די געסטאַפּאָ־לייט זיינען אַהינגעקומען (פאַראַן אַ סברה, אַז זיי האָבן אויף דעם דערמאָנטן נאַטעק געצוואונגען מיטצוקומען), האָבן די דריי אידישע קעמפער זיך פאַרטיידיקט מיט געווער אין האַנט. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אַרויסגערופן זשאַנדאַרמעריע צו הילף און די לעצטע האָבן באַנוצט גראַנאַטן און אַ מאַשינגעווער. אונזערע העלדישע קעמפער האָבן זיך פאַרטיידיקט ביזן לעצטן שאָס (זע אויך די פריער דערמאָנטע באַמערקונג 1, זייט 219).

זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־שלאַכטן. (אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ פון 11־טן מערץ 1945 איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ פון י. ווילנער וועגן משה איגלאַ דעם געפאַלענעם אין די געטאָ־שלאַכטן. ווייזט אויס, אַז דאָס מיינט ער דעמזעלבן איגלאַ זיגמונט).

*** איזביצקאַ מיראַ:** געבוירן אין וולאָצלאַוועק אין יאָר 1921 אין אַ טראַדיציע־טרייער משפחה, וועלכע האָט געהאַט פאַרשטענדניש פאַרן גייסט פון דער צייט, איז געווען ציוניסטיש געשטימט און געפירט אַ פּראָגרעסיוון לעבנסשטייגער. מיראַ האָט באַקומען אַ וועלטלעכע בילדונג, זי האָט געלערנט אין אַ אידישער גימנאַזיע. צו עלף יאָר איז זי אַריין אין דעם אָרטיקן קן פון „השומר הצעיר״, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע און שענסטע פון דער באַוועגונג אין פּוילן. מיראַ איז געוואַקסן אין דער יוגנט־באַוועגונג, עס האָבן זיך אויסגעברייטערט אירע האָריזאָנטן, עס האָט זיך פאַרטיפט איר צוגעבונדנקייט צו דער באַוועגונג און איר אידעאָלאָגישן וועג, און מען האָט געזען ווי עס שמידט זיך איר כאַראַקטער. איר צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט נאָך דער עליה פון איר עלטערער

שוועסטער חוה (די פרוי פון ישראל ב ר ז י ל י, אַ פירנדער חבר פון „השומר הצעיר") אין יאָר 1935. אין מיראַ׳ס בריוו צו איר האָט זי כסדר אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז אויך זי וועט פאַרווירקלעכן איר טרוים וועגן עליה קיין ארץ־ישראל.

בעת דער מלחמה איז זי אַריבערגעפאָרן, צוזאַמען מיט אַ צווייטער שוועסטער און מוטער, קיין וואַרשע. אין די שווערסטע און פינצטערסטע מלחמה־צייטן, איז זי אויסגעוואַקסן גייסטיק. אין איר אַרבעט אין דער באַוועגונג האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס איבערגעגעבנקייט און אַ שטאַרקן זעלבסט־באַהערשונגס־כוח. עס איז איר געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט — שוין בעת דער דייטשער אָקופּאַציע — צו אַנטלויפן פון פּוילן, אָבער זי האָט די מעגלעכקייט נישט אויסגענוצט. זי האָט ווייטער געפירט אַ לעבן פון ליידן און פּיין און געטרייער איבערגעגעבנקייט צום פאָלק און צו דער באַוועגונג. זי איז געווען אַ מיטגלידערין אין די קאַמף־גרופּעס פון „השומר־הצעיר", און האָט אָנטייל גענומען אין די געטאָ־קאַמפן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

אייזנבערג דוד: געבוירן אין וואַרשע, אַ תלמיד פון אַ „תרבות"־שול. אין יאָר 1936 איז ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אַריבערגעקומען פון בית״ר אין „החלוץ הצעיר" און געדינט דער אָרגאַניזאַציע מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט און אָרגאַניזאַטאָרישע כוחות. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן דער אָנפירער פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך באַטייליקט אינם לאַנד־סעמינאַר פון „החלוץ הצעיר" אין קלעוואַן (1937) און אינם וועלט־סעמינאַר פון החלוץ, וועלכער איז פאָרגעקומען אין וואַרשע (1938). ער איז אַוועק אויף הכשרה קיין ווילנע און געווען דאָרט טעטיק אינם ראַיאָן־קאָמיטעט פון „החלוץ הצעיר"; ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר, איז אַרומגעפאָרן מיט באַזוכן צו די אָרטיקע אָפּ־טיילונגען, האָט אָנגעפירט און אַקטיוויזירט, איינגעאָרדנט לערן־וואָכן, זומער־לאַגערס און זומער־קאָלאָניעס, — דער לעבעדיקער גייסט אין דער גאַנצער טעטיקייט.



בילד פון 1940

בעתן מלחמה־אויסברוך און אויך שפּעטער איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון קיבוץ אין ווילנע; ער האָט באַזאָרגט און איינגעאָרדנט די הונדערטער חלוצים, וועלכע האָבן דורך פאַרמאַכטע גרעניצן געריסן זיך אַהין פון גאַנץ פּוילן. נאָך דער עליה פון די עלטערע החלוץ־מיטגלידער (אָנהויב 1941) איז אַ טייל פון דער צענטראַלע אַריבערגעפאָרן קיין קאָוועל, כדי אָנצופירן די טעטיקייט אין וואָלין. צווישן זיי איז

אויך ער געווען, צוזאַמען מיט לאה פיש און רחל פאַגעלמאַן (ביידע לפ"ג). ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער החלוץ־צענטראַלע, האָט געזוכט גרעניץ־דורכגאַנגען און אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט פאַרוואָרפענע חברים אין וואָלינער שטעטלעך.

אין אַ בריוו פון החלוץ אין פוילן (פון 15־טן נאָוועמבער 1943) צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, געפינט זיך זיין נאָמען צווישן די צענטראַלע טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף מיטן שונא — ער איז אינגאַנצן אַלט געווען 23 יאָר.

חברים, וועלכע האָבן באַזוכט קאָוועל נאָך דער באַפרייאונג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָבן געפונען אין דער האַלב־חרובער שול פאַרשידענע אויפשריפטן אויסגעקריצט אין דער וואַנט, און צווישן זיי, אין אַ באַזונדערער ראָם, אַן אויפשריפט אין העברעאיש : „שלום לחברים מקבוצת חלוצים ההולכים למות. נאמנים נשארנו לרעיוננו עד הסוף... נקמו נקמת דמנו השפוך" — (אַ גרוס די חברים פון אַ גרופּע חלוצים, וועלכע גייען שטאַרבן. מיר זיינען געבליבן טריי צו אונזער אידעאַל ביזן סוף. נעמט נקמה פאַר אונזער פאַרגאָסן בלוט) — און געחתמעט זיינען פיר נעמען: שיינדל שוואַרץ פון קאָוועל, לאה פיש פון האָראָכאָוו, רחל פאַגעלמאַן פון ליאַכאָוויטש און דוד אייזנבערג פון וואַרשע (אַלע — לפ"ג).

אייזנשטאַט מרים (מאַרישאַ) : געבוירן אין יוני 1922. איר פאָטער איז געווען דער מוזיקער דוד אייזנשטאַט, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַלס משורר ביים חזן סיראָטאַ און פאַרענדיקט אַלס דיריגענט פונם באַרימטן כאָר פון דער גרויסער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס. זי האָט געענדיקט די וואַרשעווער אידישע גימנאַזיע „יהודיה" (1939). האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינקייט און לעבהאַפטיקייט. זי האָט באַקומען אַ נאַציאָנאַל־אידישע דערציאונג סיי אינדערהיים און סיי אין שולע. זי האָט נישט אָנגעהערט צו קיין שום יוגנט־באַוועגונג. אין דער שול האָט זי זיך באַטייליקט אין דער טעטיקייט פאַרן קרן־הקימת א.אַ.וו. אינדערהיים האָט געהערשט אַ מוזיקאַלישע טראַדיציע; דער פאָטער איז געווען אַ מחבר פון מעלאָדיעס

בילד פון 1939

פאַר אַ סך אידישע און העברעאישע פאָלקסלידער און די טאָכטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פיאַנאָ־שפּילן, און באַזונדערס איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט איר זינגען. אויף יעדן שול־אָוונט אָדער פאָרשטעלונג פלעגט זי אַרויסטרעטן מיט געזאַנג און זי האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן אויסוואַל פון העברעאישע ארץ־ישראל־לידער און

אידישע פאָלקס־לידער, וועלכע זי האָט געלערנט פונם פאָטער. אין דער שול איז זי געווען פאָפולער און באַליבט ביי אַלעמען. נאָך זייענדיק גאָר יונג האָט זי געגעבן פיאַנאָ־לעקציעס.

אין דער נאַצישער אָקופּאַציע־צייט, נאָך דער שאַפונג פונם געטאָ, איז זי זייער באַקאַנט געוואָרן אַלס די „נאַכטיגאַל פון געטאָ". ביי יעדער פון אירע אויפטרע־טונגען פלעגן מאַסן אָנפילן דעם גרויסן טעאַטער־זאַל „פעמינאַ" אויף לעשנע (וואו עס זיינען געווען ביי טויזנט זיץ־פלעצער. אין דעם טעאַטער פלעגט אויך אויפטרעטן איר פאָטער מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער פון 20 מענטשן, וועלכן ער האָט געגרינדעט). זי פלעגט אויך אויפטרעטן אַלס סאָליסטין מיטן אידישן סימפאָנישן אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון די דיריגענטן שמעון פולמאַן, מאַריאַן נויטייך (ביידע לפ"ג) און אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן. איר שטענדיקער קלאַוויר־באַגלייטער איז געווען איגנאַצי ראָזענבוים, אַ קינסטלער מיט אַ באַקאַנטן וועלט־נאָמען, ער איז אויך געווען אין געטאָ איר לערער און קינסטלערישער וועג־ווייזער (צווישן די אומגעקומענע; זיין נאָמען איז אין דער פריער דערמאָנטער ליסטע פון 320). זי פלעגט זיך אויך באַטייליקן אין קאָנצערטן, וואָס די אונטערערד־באַוועגונג פלעגט איינאָרדנען. ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל־ב ל ו ם דערמאָנט זי באַזונדערס אין זיין לעצטן בריוו, וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין געטאָ. זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן בעתן גירוש פון וואַרשעווער געטאָ אין הערבסט 1942, ווען זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" פון אירע עלטערן.

*** איצוש:** אונטער דעם נאָמען איז ער געווען באַקאַנט צווישן זיינע חברים אַלס איינער פון די איבערגעגעבענע מיטגלידער פון דער „עקיבא"־באַוועגונג אין וואַרשע און אַלס מוטיקער קעמפער אין איר קאַמף־גרופּע. עס איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן זיין פאַמיליע־נאָמען און באַקומען מער איינצלהייטן וועגן אים. בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין דער גרופּע פון ב נ י מ י ן ו ו א ל ד (לפ"ג) אינם געביט פון טעבענסעס וואַרשטאַטן. דאָרט איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ גראַנאַט בעת די קאַמפן, אָבער אויך אין די שווערע מינוטן האָט ער נישט פאַרלוירן דעם גוטן הומאָר און האָט נאָך באַווירקט צומגוטן זיינע חברים.

נאָכן אַרויסגיין פון דער גרופּע קעמפער, דעם 29־טן אַפּריל 1943, דורך די קאַ־נאַליזאַציע־רערן, האָבן זיך די איבערגעבליבענע קאָנצענטרירט אויף לעשנע 56. ער איז אויך געווען צווישן זיי. בעת דעם פּרוּוו, וועלכן זיי האָבן געמאַכט עטלעכע טעג שפּעטער, אויך אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער אַרישער זייט, אויף דעמזעלבן אופן, איז אַ טייל פון זיי אומגעקומען אין קאַנאַל און אַ טייל איז דערמאָרדעט געוואָרן ביי דעם אַרויסגאַנג־פּרוּוו. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־שלאַכטן. ער איז דאַן אַלט געווען 19—20 יאָר.

אַכראַן וואַנדאַ: אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריי־נען (אידישע קאָמוניסטן). בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ" אין דער גרופּע פון פּ אַ וו ע ל (אהרן ברוסקין, לפ"ג). דעם 7־טן מאַי 1943 איז זי געשיקט געוואָרן, אין אַ גרופּע פון צען קעמפער, אויף דער אַרישער זייט וואַרשע, כדי צו ברענגען הילף. ביי דערדאָזיקער שליחות איז זי אומגעקומען, זי איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר (פּרטים זע די אזכרה־פאַרצייכנונג פאַר פּאַוועלן). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די גע־פאַלענע אינם וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** אַלטמאַן טאַסיאַ (טובה):** געבוירן דעם 24־טן אויגוסט 1918 אין וולאָצלאַוועק ביי אַ פאַרמעגלעכער משפחה. זי האָט דאָרט געלערנט אין דער העברעאישער גימנאַזיע. אירע עלטערן, קול־טורעלע מענטשן, האָבן זי נישט באַגרעניצט אין אירע שטרעבונגען. צו עלף יאָר איז זי אַריין אין דער „השומר הצעיר" יוגנט־באַוועגונג, וואו זי האָט זיך שפּעטער אויסגעצייכנט מיט אַקטיווער טעטיקייט, ברוויזנדער ענערגיע און גרויסע פעאיקייטן. אין 1934 איז זי געווען אַ מדריכה אין קן, וועלכע פלעגט שטאַרק אָפּהיטן די סקויטישע געזעצן און ליב האָבן די ראָמאַנטיק פון זומער־קאָלאָניעס מיט נאַכט־אויס־פלוגן און שייטערס און אויך האַלטן באַגייסטערטע רעדעס אויף די פּאַראַד־צערעמאָניעס פון קן. זייענ־דיק אַדורכגעדרונגען מיט די אידייען פון איר באַוועגונג, האָט זי פאַרשטאַנען ווי משפיע צו זיין אין איר גייסט אויף די אינגערע חברטעס, וועלכע זי האָט דערצויגן, און זיי האָבן זי ליב געהאַט ווי אַ שוועסטער. זי האָט פאַרשטאַנען ווי צוזאַמענצולעבן מיט די קליינוואַרג אין זייער קינדערישן סטיל — מיט געזאַנג, שפּיל און טאַנץ. אין 1937 איז זי שוין געווען אַ מיטגליד פון דער אָנפירונג פון אָרטיקן קן. אין 1938 איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין טשענסטאָכאָוו, אין עטלעכע חדשים שפּעטער איז זי אַרויסגערופן געוואָרן קיין וואַרשע מיטצואַרבעטן מיט דער הויפּט־אָנפירונג פון „השומר הצעיר". זי האָט דאַן אָנגעפירט מיט דער דערציאונגס־אַרבעט אינם יונגן שיכט און רעדאַגירט זייער צייטונג „הנודדים" („די וואַנדערער").

ערב־מלחמה איז זי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אָנפירערין פון דער הנהגה ב׳, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער טעטיקייט אין קריגס־צייט. נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי אָנגעקומען קיין ווילנע. זי איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. אויף דער גרעניץ האָבן זי די דייטשן געכאַפּט און זי

איז אָפּגעוועזן צוויי וואָכן פון הונגער און פּיין אינם צווישן־גרעניצדיקן הפקר־געביט. דאַן איז זי צוריק אַוועק קיין ווילנע אָפּצורוען זיך אַביסל און זיך ווידער לאָזן אין וועג אַריין. דאָס מאָל האָט זי מצליח געווען און סוף 1939 איז זי אָנגעקומען קיין וואַרשע און אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין דער הנהגה ראשית פון „השומר הצעיר" און אין דער צענטראַלע פון החלוץ. נאָך אין ווינטער 1939/40 פלעגט זי שוין באַזוכן די אָפּטיי־לונגען פון דער באַוועגונג אין גענעראַל־גווערנעמענט. מיט דער ערשטער גרופּע פונם קיבוץ איז זי אַרויס קיין פּניעווי ביי גרויעץ (גריצע) אין וואַרשעווער געגנט. אין יענער צייט האָט זי געמאַכט באַזוכן אין קראָקע, ראַדאָם, קעלץ, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע שטעט און האָט פאַרשפּרייט די אידייען פון איר באַוועגונג אין וואָרט און אין שריפט. אינמיטן 1940 איז זי אַרויסגעפאָרן אָרגאַניזירן די באַוועגונג אין גאַליציע. זי איז אָנגעקומען קיין טאַרנע און דאָרט געווען טעטיק עטלעכע חדשים. אין 1941 איז זי אַרויסגעפאָרן אין זייער אַ געפערלעכער שליחות אין די געביטן, וועלכע זיינען אָקאָרשט אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן, — זי איז דאַמאָלסט געווען אין ביאַליס־טאָק, באַראַנאָוויטש, ווילנע און אויך אין לעמבערג. אין ווילנע, וואוהין זי איז אָנגע־קומען אין ווייַנאַכטן 1941, האָט זי פאַרבראַכט נאָר עטלעכע טעג, אָבער זי האָט באַוויזן איבערצוגעבן אַ סך וועגן וואָס עס קומט פאָר אין די געטאָס און אויך אַ סך אויפצוטון. מיט ליאָנקאַ (לאה) ק אָ ז ש י ב ר אָ ד ז ק אַ (לפ"ג), וועלכע האָט נאָך פריער באַזוכט ווילנע, האָט זי מיטגעווירקט דאָ צוצוגרייטן די שטימונג פאַר אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. זי איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע צוזאַמען מיט עטלעכע חברים פון דער באַוועגונג (אויפן וועג צוריק, סוף יאַנואַר 1942, האָט זי באַזוכט, צוזאַמען מיט ליאָנקע'ן, אויך גראָדנע און ביאַליסטאָק) און האָט איבערגעגעבן דעם שוידערלעכן באַריכט וועגן גורל פון די אידן אין די אָקופּירטע געביטן. צוויי מאָל איז זי געפאָרן קיין שלעזיע. ביים צווייטן מאָל האָבן זי געכאַפּט די דייטשע גרעניץ־פּאָסטנס, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיי און איז אַנטלאָפן צופוס פון טשענסטאָכאָוו ביז דער הכשרה־פאַרם אין זשאַרקי, — ביי 25 קילאָמעטער. דאַן איז זי צוריקגעקומען קיין וואַרשע און ווידער זיך געשטעלט אין צענטער פון די טעטיקייטן.

ביי דער שאַפונג פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז זי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרשטייערין אויף דער אַרישער זייט שטאָט, כדי צו באַקומען געווער פאַרן ווידערשטאַנדס־קאַמף. איינער פון אירע בריוו וועגן דער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, וועלכער דריקט אויך אויס פאַרביטערונג אויף דער קנאַפּער הילף און קנאַפּן אינטע־ר'עס מצד דעם וועלט־אידענטום, האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין די קרייזן פון דער באַוועגונג (זע „מכתבים מן הגיטאות", פאַרלאַג „עם עובד", 1943). אין דעם בריוו האָט זי אין קורצע ווערטער אויסגעדריקט, וואָס עס האָבן דאַמאָלסט געפילט אַסך פון די געטרייע אָנהענגער פון דער באַוועגונג. זי האָט געשריבן : „מיט אַלע כוחות האַלט איך זיך איין, כדי נישט אויסצודריקן די גאַנצע ביטערקייט, וועלכע האָט זיך אָנ־

געזאַמלט קעגן דיר און דיינע פריינט, פאַר אייערן אַזוי פולשטענדיקן פאַרגעסן אונז. איך האָב צו דיר אַ טענה, ווייל דו האָסט מיר אפילו נישט געהאָלפן מיט עטלעכע ווערטער. אָבער היינט וויל איך מיט דיר נישט מאַכן קיין חשבונות. נאָר די זיכערקייט, אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל מער נישט זעהן, האָט מיך באַוואויגן דיר צו שרייבן״... „ישראל גייט אויס פאַר מיינע אויגן און איך שטיי מיט פאַרלייגטע הענט און קען אים נישט העלפן. האָסט דו שוין אַמאָל געפּרוּווט דורכהאַקן מיטן קאָפּ אַ וואַנט?... כ׳האָב נאָר איין באַגער: לאָזן וויסן די וועלט, אַז ישראל איז אַזוי קראַנק. דאָס איז דאָך מיין סאַמע בעסטער פריינט...״

בעת די שלאַכטן האָט זי געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ״. דעם 8־טן מאַי 1943 האָט זי זיך געפונען אינם בונקער פונם שטאָב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע־גאַס 18. נאָכדעם ווי די מערסטע קעמפער זיינען שוין אומגעקומען, פאַר־וואונדעט אין קאָפּ און אין פוס איז זי געווען צווישן די 14 לעבנגעבליבענע חברים, וועלכע זיינען יענע נאַכט אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון יענעם בונקער אינם בונקער פון די „מיסטפּירער״ פונם געטאָ אויף פראַנציסקאַנער־גאַס 22, און זיינען פונדאָרטן אַרויס אין דערזעלבער נאַכט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. די חברים האָבן זי צוערשט אַוועקגעפירט קיין לאָמיאַנקי און נאָך אַ קורצער צייט האָט מען זי אומגעקערט קיין וואַרשע און זי האָט זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פּראַגע, אויפן בוידעם פון דער פאַבריק פון פילם־לענטעס און צעלולאָאיד־פּראָדוקטן אויף דער 11־טער נאָוועמבער־גאַס 10. דעם 24־טן מאַי 1943 — י״ט אייר תש״ג — איז אויף דעם בוידעם אויסגעבראָכן אַ שרפה און אַכט חברים זיינען דאָרט אומגעקומען (טאָסיאַ, משה שאַרפּשטיין, זיגי קירשנער, מאַרעק מאיראָוויטש, יצחק מאָרגענלענדער, — אַלע לפ״ג; שפרה אַ חברטע פון „השומר הצעיר״, וועלכע איז אַרויס פון געטאָ נאָך פאַרן אויפשטאַנד און זי איז פאַרפליכטעט געוואָרן צו באַשרייבן אַלץ וואָס איז געשען מיט די וואַרשעווער אידן אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, — מען האָט געהאָפט, אַז עס וועט איר געלונגען צו ראַטעווען זיך; מאַניע גראַיעק — די פרוי פון שלום גראַיעק (זע זיין טאָגבוך זייט 264) און נאָך איין קעמפער. נאָר צוויי, אליעזר געלער און מאיר שוואַרץ (ביידע לפ״ג) איז דאַן געלונגען צו ראַטעווען זיך. טאָסיאַ, וועלכע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַזויפיל סכנות, האָט דאָס מאָל קיין מזל נישט געהאַט. עס איז איר, ווייזט אויס, יאָ געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך, צוזאַמען מיט שפרה׳ן, פונם ברענענדיקן הויז, זייענדיק שווער פאַרוואונדעט. די פּוילישע פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און איבערגעגעבן צו די דייטשן, וועלכע האָבן זיי אַוועקגענומען אין זייערן אַ שפּיטאָל. קיין שום הילף, אפילו קיין טראָפּן וואַסער, האָט מען זיי נישט דערלאַנגט, און קיינער האָט נישט געטאָרט צוקומען צו זיי. אַזוי איז זי אומגעקומען. איר נאָמען איז אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** אַלטענבערג אסתר:** געבוירן אין מעזריטש. געזעלשאַפטלעך דערצויגן אין „פרייהייט" — די יוגנט־באַוועגונג פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון (צ.ס.). זי איז געווען אַ טרייע און איבער־געגעבענע חברטע. נאָכן אַריינטרעטן אין „החלוץ" איז זי אַוועקגעפאָרן אין קיבוץ־באָראָכאָוו אין לאָדזש און דאָרטן געאַרבעט אין דער נייטערײַ. זי האָט זיך שוין געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי אַ שטיקל צייט געווען

אויסערן קיבוץ און איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט די חברים. איר טרעפונג מיט רבקה גלאַנץ (לפ"ג) האָט זי צוריקגעבראַכט אין דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער פלוגה אין סטערדין נעבן סאָקאָלאָוו, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן בעת דער מלחמה דורכן החלוץ אין וואַרשע. ווען די פלוגה איז ליקווידירט געוואָרן איז אסתר אַלטענבערג אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. זי איז געווען זייער איבערגעגעבן דער באַוועגונג און פאַראַנטוואָרטלעך אין איר אַרבעט. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז זי אין איר אַריינגעטרעטן. זי איז געפאַלן מיט געווער אין האַנט אַלס מיטגלידערין פון דער קעמפער־גרופּע פון „דרור", אונטער דער אָנפירונג פון בנימין וואַלד (לפ"ג), אַלטזייענדיק 27 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

אַלטערמאַן מלכה (מאַניע): געבוירן אין זשעלעכאָוו, וואַרשעווער געגנט אין 1915, ביי פרומע האָרעפּאַשנע עלטערן. די מוטער איז געווען אַ נייטערין און דער פאָטער האָט זיך באַשעפטיקט מיט ברענגען סחורות פאַר די שטעטל־שע קרעמערס. ווען זי איז אַלט געווען 4 יאָר, זיינען די עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. זיי האָבן געוואוינט אויף מילע־גאַס נומער 4 און דאָרטן, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון וואַרשעווער אידישן מאַסן־לעבן, איז מאַניע אויסגעהאָדעוועט געוואָרן און אויסגעוואַקסן. זי האָט געלערנט אין אַ אידיש־פּוילישער פאָלקסשול אויף באָניפראַטן־גאַס און

כאָטש זי האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אין די לימודים און באַזונדערס אין צייכנען, האָט זי נישט געקענט ווייטער לערנען, ווייל די עלטערן

זיינען נישט געווען בכוח איר אויסצוהאַלטן און זי האָט געמוזט אָנהויבן צוהעלפן אין דער פּרנסה. זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ גראַפישן אינסטיטוט און אין די אָוונטן האָט זי פאַרגעזעצט אירע לימודים אויף בילדונגס־קורסן. אין איר אַרבעטס־פּלאַץ איז זי געווען די איינציקע אידישע און נאָך אַ קורצער אַרבעטס־צייט איז זי פונדאָרטן אַרויסגעשטויסן געוואָרן. נאָכן פאַרענדיקן די אָוונט־קורסן האָט זי ווייטער אָנגעהויבן לערנען אין אַ פאַך־שול פון „אָרט". בכלל איז איר דערציאונג שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון איר עלטערער שוועסטער ב י נ ע (וועלכע געפינט זיך פון 1932 אין ארץ־ישראל און איז אַ חברטע פון די לינקע פועלי ציון). אַלט־זייענדיק 14 יאָר איז זי, צוזאַמען מיט פאָלע ע ל ס ט ע ר (לפ"ג) און אַנדערע, געווען איינע פון די גרינדערינס פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייער שומר" ביי די לינקע פועלי ציון. זי האָט זיך גאָר־גיך איינגעוואָרצלט אין דער באַוועגונג און איז געוואָרן איינע פון די פּעאיקסטע דערציערינס אין „יונגבאַר", — די קינדער־אָרגאַניזאַציע פון לינקע פועלי ציון. אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן איז זי געווען די איינציקע פרנסה־געבערין פאַר די עלטערן — די עלטערע ברידער האָבן חתונה־געהאַט און די עלטערע שוועסטער איז, ווי געזאָגט, אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, — אָבער איר אַקטיוויטעט אין דער באַוועגונגס־אַרבעט איז נישט שוואַכער געוואָרן. זי האָט שטאַרק געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל און זי האָט נישט זוכה געווען.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן, אין דער ערשער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, די גרויסע וואַנדערונג פון אידן צו די מזרח־געביטן, האָט זי נישט געוואָלט פאַרלאָזן וואַרשע. זי איז געווען טעטיק אין דער ברייט־פאַרצוייג־טער סאָציאַלער אַרבעט אין געטאָ, — סיי אין די פאָלקסקיכן און סיי ביים פונאַנדער־טראָגן פּראָדוקטן צו די באַדערפטיקסטע און קראַנקע אין די הייזער. זי איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג, — אין דער גרופּע מיט־גלידער פון „פרייען שומר", וואָס האָט קאָלפּאָרטירט די אונטערערדישע פּרעסע, וועלכע פלעגט זיך אין דער ערשטער צייט פון געטאָ פאַרזאַמלען נאָך דער אַרבעט אין דער קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14 און אַרומרעדן די ענינים פון דער באַוועגונג. אַ מיטגלידערין פונם וואַרשעווער אָרטיקן קאָמיטעט פון די לינקע פועלי ציון, און פון צייט צו צייט אויך אַ פאַרבינדלערין מיט די פּוילישע אונטערערדישע קרייזן. אינם בריוו פון די לינקע פועלי־ציון אין פּוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, פון 24־טן מאַי 1944, ווערט איר נאָמען דערמאָנט צווישן די חברים, וועלכע זיינען געווען טעטיק ביזן לעצטן מאָמענט, האָבן זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד און זיינען אומגעקומען ווי העלדן.

צווישן די געפאַלענע איז געווען אויך איר ברודער ש ל מ ה, — זע ווייטער (פון איר גרויסער משפּחה — עלטערן און זעקס קינדער איז לעבנגעבליבן נאָר איר פריער דערמאָנטע שוועסטער, וועלכע איז אין ארץ־ישראל).

*** אַלטערמאַן שלמה:** געבוירן אין זשעלעכאָוו, וואַרשעווער געגנט, אין 1919, — אַ אינגערער ברודער פון דער פריער־דערמאָנטער מלכה. אַ חודש איז ער אַלט געווען, ווען זיינע עלטערן זיינען אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער איז אויפגעוואַקסן אויף מילע־גאַס. צוערשט האָט ער געלערנט אין אַ חדר, אָבער אונטער דער עלטע־רער שוועסטערס השפעה האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אַלגעמיינע לימודים און אויפגע־הערט גיין אין חדר. דער פרומער פאָטער האָט נישט דערלאָזט, אַז זיינס אַ אינגל זאָל לערנען אין אַ שול און מיט גרויס מי איז ענדלעך געלונגען דער שוועס־טער אים אָפּצוגעבן אין „תרבות״־אָוונטקורסן. אינגל־ווייז האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס האַנדלס־געהילף אין אַ קאָסמעטיק־געשעפט אויף די נאַלעווקיס. ער


בילד פון 1934

איז אַריינגעטרעטן אין דער „פרייהייט״־אָרגאַניזאַציע און געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע און געטרייסטע חברים. ער איז אויך געווען טעטיק אינם ספּאָרט־פאַריין „הפועל״, אין דער ראָווערייסטן־סעקציע. אַ לעבהאַפטער, פריילעכער אינגל. האָט זיך באַטייליקט אין די זומער־לאַגערן פון דער באַוועגונג, נאָר ווייל דעם האָט דער פאָטער נישט געטאָרט וויסן — ווייל אין די לאַגערן באַטייליקן זיך דאָך אינגלעך מיט מייד־לעך — אָבער זיין עלטערע שוועסטער האָט אים תמיד אַרויסגעהאָלפן.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. אין יענער צייט האָט ער געאַרבעט אַלס עלעקטראָטעכניקער און געזעלשאַפטלעך געווען טעטיק אַלס איבער־געגעבענער חבר פון „דרור״. אַ זייער איבערגעגעבענער דער באַוועגונג און די חברים. עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַשעפטיקן זיך מיט חברים, פּליטים פון הכשרה־קיבוצים און פון דער באַוועגונג, וועלכע פלעגן דאַמאָלסט אָנקומען קיין וואַרשע, און ער האָט זיין אויפגאַבע דערפילט טריי און מוסטערהאַפט. אַ געוויסע צייט שפּעטער איז ער געשיקט געוואָרן אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פלוגה אין וואַרשעווער געגנט. ער האָט אויך געאַרבעט אַ שטיקל צייט אין דער געטאָ־פּאָסט. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַקטיוו אין אירע טעטיקייטן. אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״. באַזונדערס טעטיק איז ער געווען ביים שאַפן די בונקערס פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. בעת די געטאָ־קאַמפן אין אַפּריל־מאַי 1943 האָט ער געקעמפט פונם ערשטן מינוט אָן. ער איז געווען אין אַ „דרור״ קאַמף־גרופּע, אונטער דער קאָמאַנדירונג פון חנוך גוטמאַן, וועלכע האָט געקעמפט צוערשט אין בערשטער־געביט, שפּעטער אויף דער פראַנציסקאַנער־גאַס און אינם „צענטראַלן געטאָ״. צווישן די לעצטפאַרבליבענע, וועלכע זיינען דעם 10־טן

מאַי אַרויס אויף דער אַרישער זייט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. ער האָט שפּעטער געקעמפט אין די ווישקאָווער וועלדער אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אויף דער מזרח־זייט פונם בוג. ער איז געפאַלן אין זומער 1943, אין אַ צוזאַמענשטויס נישט ווייט פון לאָמזשע, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע קעמפער, צווישן זיי אויך קובא (זע זייט 266, באַמ. 7). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** אַלעקסאַנדראָוויטש יעקב חיים מאיר:** געבוירן אין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי, אין אַ משפחה פון מיטלשטאַנד. דער פאָטער איז געווען אַ האָלץ־סוחר, אַ טראַדיציאָנעלער איד. יעקב האָט געלערנט אין חדר און אין ישיבה, הגם נישט באַזוכנדיק קיין שול, האָט ער זיך דערוואָרבן אַלגעמיינע בילדונג. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער און פעאיקער אינגל. אין דער „השומר הצעיר" באַוועגונג איז ער אַריין אין דער מלחמה־צייט און גאַר גיך איז ער געוואָרן סעקרעטאַר פון קן אין זיין שטעטל, כאָטש ער איז געווען זייער יונג. אין זיין אַרבעט אין דער באַוועגונג האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס איבערגעגעבנקייט.

בילד פון 1939

זיין פאַמיליע — די עלטערן און אַ שוועסטער — (איין שוועסטער געפינט זיך אין ארץ־ישראל) זיינען דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער „אַקציע" אין זיין שטעטל, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 11־טן אָקטאָבער 1942 און פון די 14 טויזנט אָסטראָווצער אידן זיינען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן 11 טויזנט. אין דעצעמבער 1942 איז יעקב אַריבער קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט נאָך חברים, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט מיט זייער מוטיקייט אין די געטאָ־שלאַכטן. ער איז געווען איינער פון די אינגסטע מוטיקע קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און איינער פון אירע בעסטע שיסער. די חברים האָבן אים גערופן „קלאָסטערמייער", אויפן נאָמען פון אַ באַוואוסטן ס.ס.־מאַן, איינער פון די בעסטע שיסער צווישן די דייטשע סאַדיסטישע מערדער.

בעת די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל—מאַי 1943, האָט ער געקעמפט אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון דוד נ א ָ ו ו א ָ ד ו ו א ָ ר ס ק י (לפ"ג), און אין דעם פערטן טאָג פונם אויפשטאַנד איז ער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ דום־דום־קויל, וועלכע האָט אינגאַנצן צעשמעטערט זיין האַנט. שווער פאַרוואונדעטערהייט האָט ער באַוויזן אַריבערצוגיין אינם בונקער פון די קעמפער. ווען די קעמפער זיינען אַריבער אויף דער אַרישער זייט, האָבן זיי אים נישט געקענט מיטנעמען צוליב זיין שווערער לאַגע. ער איז אומגעקומען אַלט־זייענדיק נאָר 18 יאָר. זיין נאָמען איז אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

אָפּאַטשינסקי פרץ: געבוירן אין 1892 אין לוטאָמירסק ביי לאָדזש. ביזן 18־טן לעבנסיאָר געלערנט אין ישיבה און געגעסן טעג. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין רוסישן מיליטער, אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און אָפּגעוועזן צוויי יאָר אין אונגאַרן. אומקערנדיק זיך קיין לאָדזש האָט ער זיך אויסגעלערנט שוסטעריי און געלעבט דערפון. ער האָט געשריבן לידער און דערציילונגען. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן און גאַנץ אָפט האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון הונ־גער. פון 1926 איז ער געווען אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון „לאָדזשער טאָגבלאַט". ער האָט פאַר־עפנטלעכט אַ ריי חסידישע דערציילונגען (אויך אין „דבר") מיט דער אונטערשריפט פרץ חסידא.

בילד פון 1935

נאָך אַסך בלאָנדזשענישן, אינערלעכע געראַנגלען און זוכענישן איז ער שוין נישט גאָר יונג (אין 1927) אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צ.ס.) און זי איז פאַר אים געוואָרן זיין לעבנס־אינהאַלט. זי איז פאַר אים געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און דערמוטיקונג אין זיין שווערן לעבן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט מיט זיין גאַנצער נשמה. געהאַלטן אַסך רעפע־ראַטן וועגן אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, אָנגעפירט יוגנט־קרייזן און זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין דער יוגנט ליבע צו דער העברעאישער ליטעראַטור. אין 1935 האָט אים די באַוועגונג אַריבערגעפירט קיין וואַרשע אויף שטענדיקער מיטאַרבעט אין איר טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט". אויך אין וואַרשע איז ער געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי, הויפּטזאַכלעך אויפן קולטור־געביט. באַשיידן און רואיק, האָט ער אַסך אויפגע־טון פאַר דער אַריינדרינגונג פונם חלוצישן גייסט אין דער פּאַרטיי און צווישן אירע סימפּאַטיקער און יוגנט־קרייזן. לויט זיין שטורמדיק געמיט איז ער געווען זייער נאָענט צו י. ח. ברענער (ער האָט איבערגעזעצט אויף אידיש זיין „שכול וכשלון" און שוין געזאָלט עס אַרויסגעבן).

ער איז פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען טריי דער פּאַרטיי אויך אין די פינצטערע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע. זיין קנאָפּ־שטיקל ברויט האָט ער פאַרדינט אַלס בריוטרעגער אין געטאָ. זיין לאַגע איז וואָס ווייטער געוואָרן ערגער ביז ער איז אַרומגעגאַנגען געשוואָלן פון הונגער. ער איז געווען אַקטיוו אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג. האָט זיך באַטייליקט אין די אונטערערדישע פּאַרטיי־אויסגאַבעס. ער האָט געשריבן אַ גרויסע אַרבעט וועגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין דער געטאָ תקופה. די אַרבעט איז פאַרפאַלן געוואָרן בעת זיין דערמאָרדונג אין אָנהויב 1943. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די חברים, געפאַלענע אויף דער וואַך,

וועלכע ווערן דערמאָנט אינעם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן צום איחוד־עולמי פּועלי ציון (צ.ס.)—התאַחדות, פון 15־טן נאָוועמבער 1943.

* **אַרבוז חיים:** געבוירן אין וואַרשע. דער פאָטער אַ גרויסער האָלץ־סוחר. חיים האָט געלערנט אין דער גימנאַזיע „חינוך". נאָך אַלס קינד אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר" און געווען אַ חבר אין גדוד „מרחביה". ער איז געווען אַ הויך־געוויקסיקער, אַ שוואַרצהאָריקער מיט בלויע אויגן, באַליבט ביי זיינע חברים און אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן — איינער פון די אַקטיווע אין גדוד. האָט זיך אויסגעצייכנט ביים אָרגאַניזירן די ביבליאָטעק פון דער באַוועגונג. אויך אין דער מלחמה־צייט האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אין ביבליאָטעק אינעם קיבוץ „גל־און". אין 1941 האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אונטערערדישע הויף־שולן, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם אידישן אַנשטאַלט פאַר סאָציאַלע הילף – Z.T.O.S; ער איז געווען דער לייטער פונם הייזער־בלאָק נאָוואָליפּיע. פאַר דער מלחמה האָט ער געוואוינט מיט די עלטערן אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 41 און אין דער געטאָ־צייט — אויף נאָוואָליפּקי 72.

כאָטש ער איז געווען האַרץ־קראַנק, איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער באַוועגונג אין אונטערערד. ער איז געווען פון די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט איינקויפן געווער פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אין דער גרופּע פון די 13 קעמפער, אונטער דער אָנפירונג פון שלמה (יוסף יהושע) ווינאָגראָן (לפ״ג), וועלכע האָט אונטערגעצונדן די גרויסע לאַגערן פון האַלמאַנס פאַבריקן פון טייערע מעבל, וואו דאָס האָלץ האָט פריער געהערט צו זיין פאָטער און די דייטשן האָבן עס קאָנפיסקירט פאַר זייערע אונטערנעמונגען (ווי עס ווערט דערציילט אינעם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זייט 156, באַמערקונג 49). מיט דער הילף פון זיין פאָטער, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אין די האַלמאַן־ווערק, האָבן די קעמפער געקענט באַנוצן פאַר זייערע באַדערפנישן איינעם פון די פאַבריק־קעלערן.

ער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן אויך אין די געטאָ־שלאַכטן. ער איז געווען צווישן די וועמען ס׳איז געלונגען, נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד, אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין וועלדל נעבן לאָמיאַנקי, און שפּעטער איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין די ווישקאָווער וועלדער, אין דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון מרדכי (מערדעק) גראָוואַס (לפ״ג). אַלע קעמפער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג זיינען דערמאָרדעט געוואָרן און ס׳איז פאַראַן אַ סברה, אַז זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך לייט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (זע ז. 187, 188 באַמ. 3). חיים אַרבוז איז אַלט געווען 22 יאָר בעת זיין דערמאָרדונג. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אינעם וואַרשעווער געטאָ קאַמף. (לויט אַן אַנדער

ווערסיע איז ער געגאַנגען פון וואַלד, צוזאַמען מיט דוד נאָוואָדוואָרסקי (לפ״ג) און אַנדערע חברים, און דאַמאָלסט, אין וועג, איז ער אומגעקומען, ווי עס ווערט גע־שילדערט אין דער אזכרה־רשימה וועגן נאָוואָדוואָרסקין).

* **אַרוואַטש אברהם:** געבוירן אין וואַרשע ביי עלטערן פון מיטלשטאַנד, וועלכע האָבן אַסך יאָרן געוואוינט אויף אָקאָפּאָווע גאַס. זייענדיק נאָך גאָר יונג, איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר״ און איז געווען אַ גוטער און געטרייער חבר אין גדוד „בניר״.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער, צוזאַמען מיט זיין גוטן פריינט אליהו רוזשאַנסקי (עלעק — לפ״ג), פאַרלאָזט וואַרשע און זיי זיינען אַריבער אינם רוסישן אָקופּאַציע־געביט, אָבער אינקורצן זיינען זיי ביידע צוריקגעקומען. ער איז געווען איינער פון די אינגערע, וועלכע האָבן — נישט געקוקט אויף זייערע אַזוי יונגע יאָרן — גענומען אויף זיך די שווערע לאַסט פון אונטערערדישער אַרבעט און געפירט זי מוטיק און שטאָלץ. 21 יאָר איז ער סך־הכל אַלט געווען, בעת ער איז געפאַלן אַלס מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר״. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־שלאַכטן.

* **אַרטשטיין זכריהו:** קאָמאַנדיר פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״.



געבוירן אין פּרושקאָוו ביי וואַרשע דעם 27־טן מערץ 1923. דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז, וואו עס האָט געהערשט אַ ציוניסטישע אַטמאָספער. די עלטערן זיינען געווען ציוניסטן וועלכע האָבן גע־זאָרגט דערפאַר, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך אויס־לערנען העברעאיש נאָך פון קליינערהייט. זכריהו האָט געלערנט אין דער אָרטיקער פאָלקסשול, אָבער עס האָט אויף אים געהאַט אַ גרויסע השפעה דער לערער אברהם קאָזיעבראָדזקי, דער פאָטער פון ליאָנקאַ קאָזיעבראָדזקאַ (לפ״ג), דער גייסטיקער פּאַטראָן און דערציער פון דער נאַציאָנאַל־אידישער יוגנט אין שטעטל. דער עלטסטער ברודער פון זכריהו איז געקומען קיין ארץ־ישראל נאָך אין 1920 (ישראל אבני, מיטגעאַרבעט אַסך יאָרן מיט יהושע חנקין); דער אַנדערער ברודער, אברהם איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1925 און אַרבעט די גאַנצע יאָרן ביי כיבוש־אַרבעטן; אויך דער דריטער ברודער, משה, איז געקומען אין 1925; דער פערטער ברודער, צבי, איז געקומען אין 1933 (געשטאָרבן דאָ פון טיפוס); די שוועס־

טער שרה איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1935, אין דער מלחמה האָט זי זיך מאָבי־ליזירט אין א.ט.ס. (מיליטערישע פרויען־פֿאָרמאַציעס ; טויזנטער אידישע מיידלעך און א״י האָבן זיך מאָביליזירט) — אַזאַ איז געווען די אַטמאָספֿער, אין וועלכער זכריהו האָט זיך דערצויגן און איז אויפֿגעוואַקסן. נאָכן פֿאַרענדיקן די פֿאָלקס־שול, האָט ער געלערנט אין אידישן לערער־סעמינאַר א.ב. פֿון א. ש. פֿאָזנאַנסקי אין וואַרשע. זייענדיק באַגאַבט און פֿאַרמאָגנדיק אַ שנעלע תפיסה, איז ער שוין גאָר יונג געוואָרן אַקטיוו און אָנפֿירנדיק אין דער אָרטיקער „פֿרייהייט״־אָרגאַניזאַציע — די יוגנט פֿון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (צ.ס.). ער איז געווען איבערגעגעבן דער באַוועגונג מיט לייב־און־לעבן, און נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן איז ער געוואָרן דער פּאַקטישער אָנפֿירער אויפֿן אָרט. אָפּטמאָל האָט ער אונטערגענומען שווערע פיזישע אַרבעטן — טרעגעריי א.ד.ג. — און דעם פֿאַרדינסט אָוועקגעגעבן דער באַוועגונג.

אין דער צייט פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט ער זיך באַטייליקט אין אונטערערדישן סעמינאַר פֿון דער באַוועגונג אין וואַרשע. ער איז געווען אינטערנירט אין צוואַנגס־לאַגערן, אָבער ער איז, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים, אַנטלאָפֿן און אָנגע־קומען צוריק קיין וואַרשע אין דער חלוצישער קאָמונע אינם קאָנצענטרירונגס־פּונקט פֿון דער באַוועגונג, אויף דזשעלנע גאַס 34. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין אָסטראָ־וויעץ־קיעלעצקי, דאָרט האָט ער געאַרבעט אין אַן אייזנגיסעריי־ווערק. שפּעטער איז ער געווען אין דער החלוץ־פֿאַרם אין טשערניאַקאָוו ביי וואַרשע, וואו ער האָט דער עיקר געמאַכט נאַכט־שמירה. כאָטש ער איז געווען לונגען־קראַנק, האָט ער אין יענער תקופה דערפֿילט פֿאַראַנטוואָרטלעכע און געפֿערלעכע אויפֿגאַבן. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונם געטאָ־אויפֿשטאַנד, באַליבט און פּאָפּולער ביי די אידן אין געטאָ. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט און מוט נאָך אין די ערשטע קאַמפֿן (יאַנואַר 1943). ער איז געווען איבערגעגעבן די מיטגלידער פֿון זיין קאַמף־אָפּטיילונג. ווען איינער פֿון זיינע קעמפֿער, מאיר פ י נ ק ל ש ט י י ן (לפ״ג) איז בעת די קאַמפֿן אין יאַנואַר 1943 פֿאַרוואונדעט געוואָרן און דערוויַיל איז געוואָרן נויטווענדיק צו פֿאַרלאָזן דאָס הויז און איבערלאָזן דעם פֿאַרוואונדעטן, האָט ער נישט געקענט איינרוען און ער האָט אים אַליין אַריבערגעפֿירט אין אַ זיכערן פּלאַץ אויף פּאַוויע גאַס. בעת די קאַמפֿן דעם 19־טן יאַנואַר 1943, אויף מילע־גאַס 34, אַ קאָנצענטריר־פּונקט פֿון „דרור״, איז ער פֿאַרבליבן דער איינציקער אויפֿן אָרט, נאָכדעם ווי די חברים האָבן זיך צוריק־געצויגן דערהרגענדיק פֿריער עטלעכע דייטשן. מען האָט שוין גערעכנט, אַז ער איז פֿאַרלוירן. אָבער פּלוצים איז ער געקומען אינם נייעם פֿאַרשטעק, מיטברענגענדיק צוויי ביקסן און צוויי רעוואָלווערן. טראָץ דעם האָגל קוילן פֿון די דייטשן, האָט ער באַוויזן ביים ריקצוג מיטצונעמען מיט זיך אַ טייל פֿונם געווער פֿון די געהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע דייטשן. ער ווערט אַסך מאָל דערמאָנט אין די טאָג־בלעטער פֿון די קעמפֿער און אין די באַריכטן פֿון דער אויפֿשטאַנד־תקופה (אַפּריל 1943). אין דער

געטאָ־שלאַכט, דעם 19־טן אַפּריל 1943, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ שטאַרקער אַפּטיילונג פון 30 באַוואָפנטע קעמפער. זיין פּאָזיציע איז געווען אינם עק פון נאַלעווקי — און גענשע־גאַסן. די פאָדערשטע קאַמף־גרופּע, וועלכע האָט מקבל־פּנים געווען די הונדערטער אויסגעפּוצטע און פריילעך מאַרשירנדיקע און זינגנדיקע דייטשע רוצחים. ווייניקע פון זיי זיינען אַרויס לעבעדיקע. זכריהו אַליין איז געלאָפן פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, אַכטונג געגעבן אויף יעדער קלייניקייט, אינסטרואירט און געמוטיקט און אויך אַליין געשאָסן און זעלטן פאַרפעלט דעם ציל. איבעראַל, ווו עס איז געווען די גרעסטע געפאַר, איז ער געקומען צו לויפן, אַליין געוואָרפן גראַנאַטן און צינד־פלעשער, און געבליבן ביז די געפאַר איז אַריבער. נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד איז ער געווען צווישן די לעצט־פאַרבליבענע, וועלכע זיינען נישט אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט און האָבן פאַרגעזעצט די ראַנגלעניש אינם חרובן געטאָ־געביט אויך נאָך דעם 10־טן מאַי 1943. ער איז געווען צווישן די לעצט־געפאַלענע. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (ד״ר רישאַרד וואַלעווסקי גיט איבער אין „דאָס נייע לעבן״ פון 11־טן יולי 1947 און אינם בוך פון ב. מאַרק „חורבות דערציילן״ פּרטים, וועגן זכריהו אַרטשטיינס העלדישן קאַמף אינם געטאָ־געביט, נאָכן 10־טן מאַי 1943).

* **אַש אליעזר:** אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „הנוער הציוני״. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, וועלכע איז אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943. עס איז אונז נישט געלונגען צו דערוויסן זיך אייבצלהייטן וועגן אים.

* **אַשעראָווסקי מיכאל:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר״. זיין אויפגאַבע איז געווען, נאָך פאַרן געטאָ אויפשטאַנד, צו באַמיען זיך צו באַקומען מיטלען פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין אָנהויב פון די קאַמפן איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן דורך די דייטשן. עס איז געלונגען די חברים איבערצופירן אים אויף דער אַרישער זייט און ער איז געשטאָרבן אין וואַלד, זייענדיק צווישן די פּאַרטיזאַנער. אַ יאָר־עטלעכע־און־צוואַנציק איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען איז אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **באַטשינסקי שלמה:** פון די אינגסטע קעמפער אין די קאַמף־גרופּעס פון „השומר הצעיר״. בעת דעם געטאָ אויפשטאַנד, אַפּריל—מאַי 1943, האָט ער געקעמפט אין שלמה (יוסף יהושע) ווינאַגראַנס (לפ״ג) קאַמף־גרופּע אין טעבענס־שולץ־געביט. ער איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען דעם 29־טן אַפּריל אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט.

ווען דידאָזיקע גרופּע פון 40 מענטשן איז אָנגעקומען אויף דער אַרישער זייט האָט ער זיך אומגעקערט, צוזאַמען מיט ל י ל י ת (ר ע ג י נ אַ פּ ו ד ע ן, לפ"ג), כדי צו באַמיען זיך אַרויסצונעמען די איבעריקע קעמפער, וועלכע זיינען נאָך געבליבן אין די רערן — און בשעת אַט דער שליחות איז ער אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **באַראַן דבורה:** געבוירן אין קאָוועל, דער פאָטער אַ מאַנופאַקטור־סוחר, אַ ציוניסט און אַ פרומער. זי האָט געענדיקט די „תרבות"־שול און דערנאָך געלערנט אין אַ פּראָפעסיאָנעלער שול פון „אָרט". נאָך אין אירע לערן־יאָרן איז זי אַריינגעטראָטן אין „החלוץ־הצעיר". סוף 1938 איז זי אַרויס אויף הכשרה אין קיבוץ־באָראָכאָוו אין לאָדזש און געאַרבעט אין דער נייטעריי. נאָך דער ליקווידאַציע פונם קיבוץ, אין דער מלחמה־צייט, האָט זי אָנגעהערט אין דער גרופּע פון די זעקס חברטעס, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין לאָדזש כדי אויפצוהאַלטן דאָס לעצטע פונם קיבוץ און פון דער באַוועגונג. די צענטראַלע האָט זי דערנאָך אַריבערגעפירט אין וואַרשע, וואו זי איז אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קבוצה פון „החלוץ" אין טשערניאַקאָוו נעבן וואַרשע און אויסגעפילט דאָרט אַלע אַרבעטן ווי איינע פון די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע חברטעס. מיט דער גרינדונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז זי אַריין אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור".

אַ לעבהאַפטע און חנוודיקע מיידל. אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן האָט זי נישט פאַרלוירן איר גוטע שטימונג און אויך שטייענדיק אויף די פייער־פּאָזיציעס האָט זי נישט אויפגעהערט צו זינגען אירע באַליבטע לידער. אין די ערשטע טעג פון געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי געקעמפט אינם בערשטער־געביט אין דער קאַמף־גרופּע פון ח נ ו ך ג ו ט מ אַ ן (לפ"ג). ווען די דייטשן האָבן פּלוצלינג אַרומגערינגלט ביי אַ שפּעטערן קאַמף דעם בונקער אויף פראַנציסקאַנער גאַס 30, האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן, אַז זי זאָל אַרויס די ערשטע און אַדורכברעכן אַ וועג פאַר די קעמפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אינעווייניק. זי האָט אויסגענוצט דעם קנאַפּן מאָמענט, ווען זי איז אַרויס און די דייטשן זיינען איבעראַשט געוואָרן פון איר שיינקייט און איר מוט, און זי האָט אַ וואָרף געטון אין זייערע רייען אַ גראַנאַט. די פּאָר מינוטן פון פּאַניק, וואָס דידאָזיקע העלדיש־דרייסטע טאַט האָט אַרויסגערופן צווישן די דייטשן, האָבן די קעמפער אויסגענוצט אויף אַרויסצוגיין פונם בונקער און עפענען אַ קאַמף, אין וועלכן עס זיינען

געפאַלן 4 קעמפער, אָבער דערביי זיינען דערהרגעט געוואָרן צענדליקער דייטשן. נישט האָבנדיק קיין אַנדער פּאַסיקן שוצקעלער, זיינען די קעמפער פאַרבליבן אויפן אָרט. אויפצומאַרגנס (דעם 3־טן מאַי 1943) זיינען די דייטשן צוריקגעקומען און בעת דעם איבערגאַנג פון בונקער, איז זי אומגעקומען מיט געווער אין האַנט. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (מער איינצלהייטן — זע באַמערקונגען 1—2 צום קאַפּיטל „סילועטן פון קעמפער” פון הירש וואַסער זייטן 295 און 296).

באַראַש אפרים: געבוירן אין וואָלקאָוויסק, אין 1892, אין אַ מיוחסדיקער משפחה פון למדנים און געזעלשאַפטלעכע טוער. דער פאָטער, שלום באַראַש, אַן אינדוסטריעלער און אַ גרויסער־געשעפטסמאַן, איז געווען באַליבט ביי זיינע אַלע באַקאַנטע, סיי אידן און סיי קריסטן; ער איז געווען אַ שטאָט־ראַט־מיטגליד און אַ גוטער ציוניסט. אפרים, איינער פון זיינע זיבן קינדער, האָט באקומען אַ גרינטלעכע אידישע און אַלגעמיינע דערציאונג. ער האָט באַזוכט די רעאַל־שול אין סלאָנים און אַ גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. אין דייטשלאַנד האָט ער באַקומען דעם דיפּלאָם אַלס מאַשינען־אינזשיניער. פון דער יוגנט־אָן איז ער געווען אַקטיוו אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער זעלבסטשוץ בשעת די פּאָגראָמען אין דער



צאַרישער תקופה. אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ער אַריינגעטרעטן שוין אַלס דערוואַקסענער און איז געבליבן איינער פון די טרייסטע אַלגעמיינע ציוניסטן ביז זיינע לעצטע שעהן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוואוינט, צוזאַמען מיט דער מוטער און די שוועסטער, אין פּעטערסבורג (לענינגראַד) און דערנאָך אין ניזשני־נאָווגאָראָד (גאָרקי), וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט יוכבד, אַ צאַנדאָקטאָרין, אויך אַ ציוניסטישע געזעלשאַפטלעכע טוערין, וועלכע איז שפּעטער געווען טעטיק אין וויצ"אָ און אין פאַרשידענע הילפס־אינסטיטוציעס. נאָכן אומקערן זיך קיין וואָלקאָוויסק איז ער געווען מיטגליד פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פאָרזיצער פון דער אידישער האַנדלס־באַנק, מיטגליד פון דער אידישער קהילה־פאַרוואַלטונג, פאָרזיצער פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן און פון אַנדערע אינסטיטוציעס. אין 1934 האָט ער זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק, וואו ער איז געשטעלט געוואָרן אינדערשפּיץ פון דער דאָרטיקער אידישער קהילה און ווייטער פאָרגעזעצט זיין פאַרצווייגטע ציוניסטישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אַדאַנק זיינע באַמיאונגען

און פּעאיקייטן האָט די ביאַליסטאָקער קהילה אויפגעבליט אין אַלע הינזיכטן און זי איז געוואָרן דער צענטער פונם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט און אין גאַנצן קרייז.

סוף 1931—אָנהויב 1932 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל, מיט דער כוונה, אויפצובויען דאָרט מיט דער צייט זיין ווייטערדיק לעבן און טעטיקייט. די קינדער האָט ער דער־צויגן אין ציוניסטישן גייסט, דעם עלטערן זון יצחק האָט ער — נאָכן פאַרענדיקן די אידישע גימנאַזיע אין וואָלקאָוויסק, — געשיקט שטודירן אין ירושלימער אוניווערזיטעט. ער האָט זיך בעת דער מלחמה מאָביליזירט אין מיליטער און באַקומען דער ערשטן דיפּלאָם פון אַ לופטפּליער אַ איד, אָבער אַ שווערע קרענק האָט איבערגעריסן זיין לעבן אין אָקטאָבער 1944.

נאָכן מלחמה־אויסברוך, ווען ביאַליסטאָק איז אַריבער פון מאַכט צו מאַכט, האָט אפרים באַראַש, — טראָץ די פיל סכנות, וועלכע האָבן אים געדראָט, — נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין קהילה. אויך די נאַציס האָבן געוואוסט וועגן זיין גרויסן אָרגאַ־ניזאַטאָרישן כוח און גרויסער השפעה און זיי האָבן אים איבערגעלאָזט אויף זיין קהילה־פּאָסטן במשך דער גאַנצער געטאָ־תקופה און אים באַשטימט צו אָרגאַניזירן אונטערנע־מונגען, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַרן מיליטער. אין אַלגעמיין זיינען די אידן אין ביאַ־ליסטאָק געווען אין אַ בעסערן מצב ווי די אידן אין אַנדערע געטאָס. זיי האָבן געהאַט עטלעכע וועבערייען און אַנדערע פאַבריקן, וואו ס׳האָבן געאַרבעט פאַכמענישע אַרבע־טער. די אידן דאָרט האָבן דעריבער געגלויבט, אַז אַדאַנק דער באַדייטנדיקייט פון זייער אַרבעט פאַר דער דייטשער אַרמיי וועלן זיי זיך ראַטעווען. אפרים באַראַש האָט אַסך געטון פאַר די פּליטים, וואָס דער ווילנער גירוש האָט זיי פאַרוואָרפן קיין ביאַליסטאָק. ער איז געווען צווישן די געציילטע פון די דורך־די־נאַציס־באַשטימטע קהילה־אָנפירער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן אידישן אונטערערד. אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז ספּעציעל באַטאָנט, אַז אַדאַנק זיין נוצלעכער הילף האָט מען געקענט אין געטאָ אויסאַרבעטן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב גראַנאַטן און אַנדערע קאַמף־וואָפן און דערפאַר האָט דער ווידערשטאַנד געקענט דויערן איבער אַ גאַנצן חודש. איינעם פון די ביאַליסטאָקער וואַרשטאַטן האָט ער געשטעלט אין רשות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, כדי מען זאָל דאָרטן קענען אויסאַרבעטן וואָפן. נאָך אין יאַנואַר 1943 האָט ער מיט טעמע שניידערמאַן (לפ״ג) איבערגעשיקט קיין וואַרשע אַ גרעסערע געלט־סומע פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. מרדכי טענענבוים, דער העלדישער קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק, שרייבט אין זיינע פאַרבליבענע אויפצייכנונגען „ביאַליסטאָק אין קאַמף״, וועלכע מען האָט שפּעטער געפונען : „באַראַש איז אַן ערלעכער מענטש. דאָס איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר אַ פאַרזיצער פון אַ יודען־ראַט. דריי אַזעלכע ערלעכע מענטשן האָב איך געקענט : אינזשיניער טשערניאַקאָוו (איז באַגאַנגען

זעלבסטמאָרד בעת דער וואַרשעווער אַקציע), ד״ר בראַוער (גראָדנע, — לייטער פון דער „תרבות״־גימנאַזיע און לערער־סעמינאַר — די דייטשן האָבן אים דערשאָסן) און באַראַש דער דריטער״... אויך אפרים באַראַש איז צווישן די געפאַלענע.

* **באַרטאָוויטש העניעק:** מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. עס איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען פּרטים וועגן אים. אויך נישט ביי זיינע חברים.

* **באַרטמעסער נטע:** געבוירן אין 1920 אין מאַגעלניץ, אין וואַרשעווער געגנט. זיינע עלטערן — פרומע מענטשן, קליינהענדלער (זיי האָבן געהאַט אַ מאַנופאַקטור־קראָם). ער האָט געלערנט 7 יאָר אין דער פּוילישער פאָלקסשול. אַרבעטן האָט ער אָנגעהויבן זייענדיק גאָר יונג. זיין עלטערער ברודער, אַ שניידער, האָט אים אַריבערגענומען קיין וואַרשע צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אים אין דער ווערקשטעל אויף מוראַנאָווסקע־גאַס 42.



בילד פון 1936

נטע איז געווען אַן אַקטיווער חבר אין דער וואַרשעווער „פרייהייט״־אָרגאַניזאַציע און במשך עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן. אַ יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריבער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע דערוואַקסענע חברים פון „פרייהייט״, אין דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. זיי האָבן דאָרט געבילדעט אַ באַזונדערע גרופּע מיטן נאָמען „יונג פּועלי ציון״ און אויך געפירט אַ באַזונדערע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אויפהאַלטנדיק ווייטער דעם קאָנטאַקט מיט דער „פרייהייט״־באַוועגונג.

אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע איז דידאָזיקע גרופּע געווען זייער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג, און אַסך פון אירע חברים זיינען אַריין אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור״. צווישן זיי איז אויך געווען נ ט ע, וועלכער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפן פונם געטאָ־אויפשטאַנד. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

באַרנשטיין אַלפרעד, ד״ר: געבוירן אין גאַליציע. געלערנט אין גימנאַזיע אין קראָקע און שטודירט עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין בערלינער אוניווערזיטעט. אַן אידעאיש לינקער, איז ער אָבער אַדאַנק אַ ריי צופאַלן

און אַדאַנק זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן אַרויף אויפן וועג פון אַ גרויסער אינדוסטריעלער קאַריערע. אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער נאָך געווען אַ קליינער באַאַמטער אין אַ ווינער צעמענט־פאַבריק און אין די ערשטע יאָרן פון פוילנס זעלבסטשטענדיקייט איז ער שוין געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו־לייטער, און שפּעטער — דער דירעקטאָר פון קאָנצערן פון די צעמענט־פאַבריקן אין גאַליציע. אין 1926 איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פונם צעמענט־קאַרטעל אין וואַרשע, וועלכער האָט אַריינגענומען אין זיך די גאַנצע צעמענט־פּראָדוקציע פון גאַנץ פוילן. אויף דעמדאָזיקן פּאָסטן האָט אַלפרעד באַרנשטיין פאַרלאַנגט פון די פאַבריקאַנטן צו באַשטימען אַ סאָציאַלע געזעצגעבונג פאַר זייערע אַרבעטער און אויך נישט עקספּלואַטירן די קאָנסומענטן; צוליב זיין קאָנסעקווענט־פעסטער האַלטונג אין דער פראַגע איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין פּאָסטן און דאַן האָט ער אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע פראַגן. זיינע אַרטיקלען וועגן דער פּוילישער גרויס־אינדוסטריע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג פון דער פּוילישער רעגירונגס־ציייטונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״. זיינע פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען האָבן פאַקטיש געהאַט א ווירקונג אויף פאַר־שידענע געביטן פון דער פּוילישער עקאָנאָמיק. אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן האָט ער געגרייט אַ גרויס וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס באַהאַנדלט די קאָניונקטוראַלע ענדע־רונגען, אין דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אונטערן איינפלוס פון דער געזעצגעבונג. זייענדיק אַ מענטש מיט אַסך מוט און געדאַנקלעכער זעלבסט־שטענדיקייט איז ער נישט געווען באַליבט אין די קרייזן פון די גרויסאינדוסטריעלער, אָבער אַנדערע קרייזן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט טיפער סימפּאַטיע.

פאַר דער מלחמה האָט ער געלעבט אין גרויס אָרימקייט. ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פרוי אין אַ קליין צימער אין דער וואַרשעווער פאַרשטאָט מאָקאָטאָוו. פון דאָרטן פלעגט ער גיין צופוס אין דער וואַרשעווער שטאָטישער ביבליאָטעק, ווייל ער האָט נישט געהאַט אויף קיין טראַמוויי־בילעטן. אָבער ער האָט קיין מאָל נישט געבענקט צו זיין פריערדיקער פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט.

אין די אונטערערד־צייטן איז ער געווען סעקרעטאַר פון אידישן הילפס־קאָמי־טעט. דערנאָך איז ער דורכן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט נאָמינירט געוואָרן אַלס זיין פאַרשטייער אין דער אידישער אָפּטיילונג ביי דער אונטערערדיש־פונקציאָנירנדיקער רעגירונגס־דעלעגאַטור. אַ קורצע צייט נאָך זיין פאַרנעמען דעם פּאָסטן, ווייזט אויס — אין סוף 1943 אָדער אָנהויב 1944, זיינען ער און זיין פרוי אַריינגעפאַלן אין די געסטאַפּאָ־הענט דורך אַ מסירה פון אוקראַינער, וועלכע האָבן דערוויסנדיק זיך וועגן זייער באַהעלטעניש פריער אויסגעפּרעסט פון זיי געלט און דערנאָך — דערמאָרדעט. ער איז דאַן אַלט געווען 52 יאָר.

*** בוים ישראל משה:** געבוירן אין יעזשאָוו ביי לאָדזש. געלערנט אין חדר. געווען אַדורכגעזאַפּט מיט תורה און מיט חסידישן ברען. אַ הויכגעוויקסיקער, ברייטפּלייציקער, תמיד סקויטיש אָנגעטאָן, האָבן אים זיינע חברים געגעבן אַ צונאָמען „דער יעזשעווער גענעראַל". ער איז געווען באַקאַנט אין גאַנצן ראַיאָן, אין אַלע זומער קאָלאָניעס, אין יעדן קן פון דער אומגעגנט. אומעטום און ביי אַלע זאַכן האָט מען אים געזען. ער איז געווען קלוג, מיט אַסך געזונטן הומאָר און אַסך געשמאַק, אַ תמיד זינגענדיקער. ער פלעגט זיך איבערגעבן אַלע אַרבעטן — סיי די סקויטישע און סיי פון דער באַוועגונג. אין 1938 איז ער אַרויס אויף הכשרה און איז אַריין אין קיבוץ „בדרך" אין לאָדזש. ער איז געווען אין דער נייער גרופּע פון „אירגון הצופים". אויך דאָרט האָט ער דערפילט הויפּט־אויפגאַבעס און געווען דער לעבעדיקער גייסט.



בילד פון 1939

בעת דעם מלחמה־אויסברוך האָט ער זיך געפונען אין זיין שטעטל. אין דער ערשטער אָקופּאַציע־תקופה איז ער געווען פול מיט גלויבן און מיט ווילן צו זיין אַקטיוו אין אונטערערד ביי אַלע באַדינגונגען, — ראַטעווען קינדער און דערוואַקסענע. ער פלעגט זאָגן: „אין אַלע ווינקעלעך מוז מען זיין אַקטיוו, איצטער טאָר מען נישט לעבן אָפּגעשלאָסן אינדערהיים". שפּעטער, ווען ער איז אַריבער קיין וואַרשע, איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן באַשלאָסן ווייטער צו פירן דאָס קיבוצישע לעבן אויך אין וואַרשעווער געטאָ און זיי האָבן טאַקי אָנגעהויבן פירן אַ לעבן פון שווערע האָרעוואַניע און שטענדיקער סכנה, אָן אונטערערדיש לעבן וואָס גרייט־צו צום ווידערשטאַנד. ער איז געווען באַשעפטיקט אויפן פלי־פּלאַץ אין אָקענטשע ביי וואַרשע. אין די פרייע שעהן האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין דער העברעאישער דראַמאַטישער סטודיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך „תקומה", דער אַנשטאַלט פאַר העברעאישער קולטור־אַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַלס מיטגליד אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „הנוער הציוני", און מיט זיין חסידישן ברען האָט ער אַריינגעצויגן אויך אַנדערע. געקעמפט אין דער גרופּע פון יעקב פּראַשקער (לפ"ג). ער איז אומגעקומען, בעת עס איז מיט דינאַמיט אויפגעריסן געוואָרן דער שוצקעלער אויף וואָלאָווע גאַס 8, וואו זיין גרופּע האָט זיך געפונען. ער איז דאַן אַלט געווען 24 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

בוקסבוים נתן: געבוירן אין לעמבערג דעם 14־טן סעפטעמבער 1890. דער פאָטער, וועלכער האָט פריער געהאַלטן אַ בעקעריי און דערנאָך אַ האָטעל־באַזיצער, האָט געהערט צו די אַסימיליאַטאָרישע קרייזן און אין דערדאָזיקער סביבה זיינען געוואַקסן זיינע קינדער, — ער האָט זיי אָבער געגעבן די מעגלעכקייט פון אַ פרייער דערציאונג און מיט־דער־צייט זיינען זיי אַלע צוגעשטאַנען צו דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס־באַוועגונג. אַלט־זייענדיק 15 יאָר, איז נתן אַריינגעטרעטן אין מיטל־שילער־פאַרבאַנד „צעירי ציון", אָבער נאָך אַ קורצער צייט — אַ יאָר אָדער צוויי — האָט ער אים פאַרלאָזט. אַ געוויסע צייט האָט ער נישט אָנגעהערט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע און אפילו געהאַט סימפּאַטיעס צום פוילישן סאָציאַליסטישן שילער־פאַר־

באַנד „פראָמיען" („שטראַל"). ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער פועלי־ציון־באַוועגונג, בעת דער מאַסן־אַקציע פון דער עסטרייכישער פועלי־ציון פּאַרטיי אין 1910, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָלקס־ציילונג, אין וועלכער זי האָט דאַמאָלסט צוזאַמען מיט אַ טייל פון די אידישע פּאַרטייען אויפגעפאָדערט די אידישע פאָלקסמאַסן אָנצוגעבן אידיש אַלס מוטערשפּראַך. ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו אינטערעסירן זיך מיט די אידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע שאַפונגען און אויך אָנגעהויבן לערנען אידיש. אין אָנהויב 1911 איז ער אויף דער פערטער קאָנפערענץ פון דער פועלי־ציוניסטישער מיטלשילער־אָרגאַניזאַציע אויסגעוויילט געוואָרן אין איר צענטראַל־קאָמיטעט, און בעת דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון פשעמישל קיין לעמבערג, איז נתן בוקסבוים באַשטימט געוואָרן אַלס זיין סעקרעטאַר. אין 1912, אויף דער פינפטער קאָנפערענץ פון דערזעלבער אָרגאַניזאַציע איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס איר פאָרזיצער. אין דער צייט פון זיין טעטיקייט אין דער מיטלשילער־אָרגאַניזאַציע, האָט ער זיך באַמיט איינצושטעלן אַן אַרבעטס־קאָנטאַקט מיט די פוילישע און אוקראַאינישע שילער־קרייזן; באַזונדערס איז פאַרבליבן אין זכרון איינער אַן ערשטער מאַי, ווען אין לעמבערגער פועלי־ציון־לאָקאַל איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע פאַרזאַמלונג פון די אידישע, פוילישע און אוקראַאינישע שילער און זי האָט זיך געפירט אין אַלע דריי שפּראַכן.

נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים איז נתן געווען טעטיק אין פועלי־ציוניסטישן סטודענטן־פאַריין „חירות", אין דער פּאַרטיי אין לעמבערג, און אויך אין דער לעמבערגער צענטראַלע פון דער פּאַרטייאישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יוגנט". ער האָט דאַמאָלסט שטודירט יוריספּרודענץ אין לעמבערגער אוניווערזיטעט. בעת דער

ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אין עסטרייכישן מיליטער אַלס אָפיצער; ער איז געווען אויפן איטאַליענישן פראָנט און פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ פוס. באַלד נאָך דער מלחמה האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און געווען איינער פון די פירער פון דער פועלי ציון פאַרטיי און פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין מזרח גאַליציע; ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פונם פאַרטיי־אָרגאַן „דער אידישער אַרבעטער". ער האָט זיך איבערגעגעבן דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער און האָט געשאַפן גוט־אָרגאַניזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון בעקערס, קעלנערס, שוסטערס א.אַ. אין 1920 איז ער געווען אַ דעלעגאַט אויף דער פינפטער פועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ אין ווין. נאָך דער שפּאַלטונג אין דער וועלט־באַוועגונג איז די פועלי־ציון־פאַרטיי אין מזרח־גאַליציע געבליבן מחוץ די ראַמען פוןביידע וועלט־פאַרבאַנדן, אָבער דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן: אויך די פאַרטיי אין מזרח־גאַליציע האָט זיך געשפּאַלטן און נ ת ן איז געווען צווישן די לינקע פועלי־ציון. ער האָט אָרגאַניזירט די פאַרטיי, איז געווען איר פירער און רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן „פאַלקסבלאַט". אין 1922, אין דער תקופה פון פאַרשטאַרקטע רדיפות אויף די קאָמוניסטן, איז ער געווען אַרעסטירט עטלעכע חדשים אין דער באַקאַנטער לעמבערגער טורמע בריגיטקי און אויך אין דער תפיסה אין סאַמבאָר. אין 1924 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע.

אין וואַרשע האָט ער זייער גיך פאַרנומען אַן אָרט אַלס איינער פון די הויפּט־פירער און וויכטיקסטע טוער פון די לינקע פועלי־ציון, ער איז אויך געווען איינער פון די בעסטע און באַגאַבטסטע זשורנאַליסטן פון דער באַוועגונג. האָט פאַרעפנטלעכט אַ מאַסע אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס, געחתמעט מיט זיין נאָמען און מיט די פּסעוודאָנימען נ. לעמבערגער, נ. מירקין, אַ באַקאַנטער א.אַ. אין „אידישן אַרבעטער פּנקס" (אויסגאַבע פון די לינקע פועלי ציון, וואַרשע, רעדאַגירט דורך זרובבל) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט „פועלי ציון אין עסטרייך", וועלכע אַנטהאַלט אויך אויטאָביאָגראַפישע שטריכן. אין „פועלי ציון אַלמאַנאַך" (וואַרשע, 1931) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג: „אַ פערטל־יאָרהונדערט אידעאישער קאַמף" — אַן איבערבליק איבער דעם געדאַנקן־קאַמף אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ שאַרף־קריטישער איינשטעלונג צו די אידעאישע פּאָזיציעס פון „בונד" און פון דער אידסעקציע; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע בראָשורן. אין 1927 איז ער אַלס קאַנדידאַט פון זיין פאַרטיי אויסגעוויילט געוואָרן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט. ער איז אויך געווען איינער פון די אָנפירער פון דער ציש"אָ (צענטראַלע אידישע שול־אָרגאַניזאַציע), און אַלס איר שליח האָט ער אין 1930 באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. געווען פון די באַגאַבטסטע און דערפאָלגרייכע רעדנער פון זיין פאַרטיי. האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט אין דענקען און שאַרפקייט אין אויסדרוק. ער איז אַרויסגעטרעטן אויף הונדערטער עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען

אין גאַנץ פוילן. אין די אינערלעכע דיסקוסיעס אין זיין פּאַרטיי איז ער געווען צווישן די פירער פונם לינקן פליגל. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשטעלט אין דינסט פון זיין פּאַרטיי און פון די אידישע אַרבעטער אין פוילן; און זיין דינסט האָט ער אויסגעפירט מיט גאָר דעם כוח און ענערגיע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער איז געווען אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער צענטראַלע פון די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פוילן (דער אַזויגערופענער „לאַנדראַט״, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער בונדישער השפּעה, אָבער די לינקע פועלי ציון האָבן זיך אין אים באַטייליקט). ער איז אויך געווען וויצע־פּאַרזיצער פון אידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע. אַ מיטגליד פונם ביוראָ פון וועלט־פאַרבאַנד פון די לינקע פועלי־ציון. סוף 1937, בעת דער וועלט־קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד און שפּעטער פאַרעפנטלעכט, אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי־צייטונג, אַ ריי באַגייסטערטע אַרטיקלען, ספּעציעל וועגן זיינע באַזוכן אין די פונקטן פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. ער איז געווען אַ דעלעגאַט אויפן 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעוו און איז אויסגעוויילט געוואָרן אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

בעת דער מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן קיין לעמבערג און דאָרט פאַרבליבן ביז סוף 1942 אָדער אָנהויב 1943. אַדאַנק די באַמיאונגען פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז ער אַרויסגענומען געוואָרן פונם לעמבערגער אַרבעטס־לאַגער אויף יאַנאָווסקע־גאַס און אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע, וואו ער איז פאַרבליבן אין אַרישן טייל. אין די דאָ־פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן שפּירט זיך די גרויסע זאָרג פון זיינע חברים וועגן זיין גורל — ער ווערט דערמאָנט אונטערן נאָמען: אַנטאָני. אינמיטן 1943 איז ער צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע (זיין פרוי באַשע און זיין 16־יאָריקע טאָכטער מיראַ) אַריבערגעפירט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען — אויפן סמך פון דאָקומענטן אַלס אויסלענדישער בירגער. אויך זייענדיק אין בערגען־בעלזען איז ער געווען געזעל־שאַפטלעך־אַקטיוו (ב. מ א ר ק שרייבט אין „דאָס נייע לעבן״ פונם 20־טן אויגוסט 1947, אַז ער האָט דאָרטן געלעבט אונטערן נאָמען קירשענבלאַט). ער איז אָבער אין בערגען־בעלזען נאָר פאַרבליבן ביזן 21־טן אָקטאָבער 1943. דאַן (שמחת תורה תש״ד), איז ער, צווישן נאָך 1800 אידן, אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אומ־באַקאַנט אָרט, לויט דער דייטשער מעלדונג — קיין בערגאַו ביי דרעזדען. פונ־דאַנען האָט זיך געגומען נאָך דער מלחמה אַ ידיעה אין דער פרעסע, אַז ב ו ק ס ב ו י ם געפינט זיך אין אַזאַ לאַגער. אָבער דידאָזיקע דייטשע מעלדונג איז גאָר געווען אַ פול־שטענדיקער שווינדל. בישטאָ קיין זיכערקייט, אַז אַזאַ לאַגער האָט בכלל עקזיסטירט. יענער גאַנצער טראַנספּאָרט אידן איז אָפּגעשיקט געוואָרן אויף פאַרניכטונג קיין אָשוויענטשים אָדער בירקענאַו, און עד־היום איז נאָך נישט אָנגעקומען קיין ידיעה פון קיינעם פון יענע אַרויסגעשיקטע. ווייזט אויס, אַז אין דעם טראַנספּאָרט פון בערגען־בעלזען זיינען אויך געווען אליעזר געלער און ישראל קאַנאַל (ביידע לפ״ג).

בוראַקס עדעק (אליהו): געבוירן אין קאַליש, סעפטעמבער 1918. אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט, אַ פּראָגרעסיווער ציוניסט, אַ מיטגליד אינם עלטערן־קאָמיטעט פונם אָרטיקן קן „השומר הצעיר". ער האָט זיך באַמיט געבן זיינע קינדער אַ פּראָגרעסיוו־ציוניסטישע דערציאונג. אליהו האָט געלערנט אין דער קאַלישער העברעאיש־פּויליי־שער גימנאַזיע. אַלס אינגל אַריינגעטרעטן אין דער „השומר הצעיר"־באַוועגונג, אין וועלכער ער איז געווען דערציערישׂ טעטיק און איר אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט און ענערגיע. אין 1933 האָט ער איבערגעריסן די לימודים און איז אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה קיין וואַלין. דאָרטן איז ער ווייטער געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. נאָענט פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט ער זיך צוגעשטעלט צו אַק־

בילד פון 1938

טיווער מיליטער־דינסט, כדי ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו באַקומען אַן אַרויספאָר־דערלויבניש פון פּוילן און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

בעתן מלחמה־אָנהויב האָט ער זיך באַטייליקט אין די פראָנט־שלאַכטן אין מלאַווער געגנט אַלס אינפאַנטעריע־קאָרפּאָראַל. ביי דער איינברעכונג פון פראָנט האָט ער אַרויסגעצויגן אַ טייל פון דער אָפּטיילונג, צו וועלכער ער האָט געהערט, פון דער אַרומרינגלונג און זי אַוועקגעפירט קיין וואַרשע, וואו די סאָלדאַטן זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. פון וואַרשע איז ער, צוזאַמען מיט זיינע חברים, אַוועק צו מזרח־צו. אין ווינטער 1939—1940 האָט ער צוזאַמען מיט **יוסף קאַפּלאַן** (לפ"ג) געאַרבעט ביים אַריבערפירן חברים אין ווילנער צענטער פון דער באַוועגונג. אין פעברואַר 1940 איז ער צוזאַמען מיט די לעצטע אָנגעקומען קיין ווילנע און גלייך געוואָרן טעטיק אינם לעבן פון דאָרטיקן שומרישן ריכוז, אויף זיין שטייגער: אַ רואיקער, קאָנסעק־ווענטער און ערנסטער בחור. נאָכן פונאַנדערלאָזן דעם ווילנער ריכוז, אין אָנהויב 1941, איז ער געוויילט געוואָרן אין דער הנהגה ראשית פון דער באַוועגונג, וועלכע האָט באַקומען די אויפגאַבע אָנצופירן מיט דער אונטערערדישער אַרבעט.

נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט ווילנע און געשאַפן דעם געטאָ, איז בוראַקס געווען דער פאָרשטייער פון „השומר הצעיר" אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע, פון וועלכער ס'איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די „פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע". זיינע אויפגאַבן פלעגט ער דערפילן מיט גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט. בעת דער דיסקוסיע, צי זאָל מען פאַרלאָזן דעם געטאָ און אַרויס אין די וועלדער אָדער אָרגאַ־ניזירן די יוגנט אין געטאָ צו קאַמף און ווידערשטאַנד — איז ער נוטה געווען צו דער

אַנדער מיינונג און געטענהט: „מען טאָר נישט מפקיר זיין די אידישע ווילנע". יעדן אָוונט, נאָך אַ פאַרמאַטערנדיקן אַרבעטס־טאָג ביי די דייטשן, פלעגט ער אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט ווילנע — אָנקניפּן באַציאונגען, באַקומען דאָקומענטן, מאַכן פאַרבאַרייטונגען ביים צונויפשטעלן די ווידערשטאַנד־גרופּעס און דער עיקר העלפן צו באַקומען געוווער. אין דעצעמבער 1941 האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע חברים אַוועקגעלאָזט זיך מיט אַ שליחות קיין וואַרשע (דאָס איז די דעלעגאַציע, וועלכע ווערט דערמאָנט אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אַז זי האָט די ערשטע געבראַכט די גרויזאַמע בשורה וועגן דער פאַרניכטונג און אויך די בשורה וועגן די ווידערשטאַנד־אָנהויבן). אין וואַרשע האָט ער געטראָפן זיין מוטער און זיינע צוויי שוועסטער, וועלכע זיינען אינצווישן געקומען אַהין פון קאַליש (זיין ברודער אליעזר געפינט זיך שוין פונלאַנג אין ארץ־ישראל). דאַן איז ער צוריק אַוועק קיין ווילנע און פאַרגעזעצט זיין אונטערערדישע טעטיקייט אין דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע. ער איז געפאָרן קיין ביאַליסטאָק און מיטגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן די קאַמף־גרופּעס. ער האָט אָרגאַניזירט „פינפטלעך" און זיי מיליטעריש אויסגעבילדעט, ער איז געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון דער אָרטיקער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי אין ווילנע איז ער אויך אין ביאַליסטאָק געווען דער הויפּט־זייל פון דער גאַנצער אַרבעט, — תמיד ענערגיש, פול אומעטום, קוקט נישט אויף סכנות און טוט אַלץ מיט אַ מין זעלבסטפאַרשטענדלעכער פשטות. סוף 1942 איז ער ווידער געקומען קיין ווילנע אין שליחות פון דער באַוועגונג און אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין ביאַליסטאָק. אין ביאַליסטאָק האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען אַ 60 טויזנט אידן און דער געטאָ איז געווען פאַר די דייטשן אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר. דעריבער האָבן זיך די אידן געשפּירט דאָרטן אַביסל זיכערער. נאָך אַ קורצער צייט זיין אין ווילנע איז עדעק צוריקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

בעת דעם ערשטן ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָק, דעם 5־טן פעברואַר 1943, האָט ער זיך געפונען אינדערשפּיץ פון זיין אָפּטיילונג אויף סמאָלנע גאַס (דאָס איז געווען בשעת דעם ערשטן גרויסן גירוש, ווען די אידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ פּאַסיוון ווידער־שטאַנד און עס זיינען געפאַלן אין די גאַסן אַ צוויי טויזנט קרבנות; אַ 13 טויזנט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן). מען האָט אים פאַרגעלייגט אָפּצוטרעטן מיט זיין אָפּטיילונג און אַריין אין פאַבריקן־געביט, וואו די אידן האָבן נאָך געהאַט גילטיקע דאָקומענטן קעגן אַרויסשיקונג, אָבער ער האָט דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען. אַ דריי צענדליק חברים אין צוויי בונקערס זיינען דאַן אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן, זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און דערהרגעט 8 דייטשן (אויך אין אַנדערע ערטער האָבן דאַמאָלסט געקעמפט באַוואָפנטע גרופּעס), ערשט ווען די קעמפער האָבן שוין געהאַט אויסגעשאָסן אַלע זייערע קוילן זיינען זיי געפאַנגען געוואָרן — צווישן זיי אויך עדעק — דורך די דייטשן און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. אויפן

וועג האָט מען אים געוואָלט העלפן אַנטלויפן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דערפון האַלטנדיק, אַז ער דאַרף פאַרבלייבן צוזאַמען מיט זיין אָפּטיילונג. איינעם פון די חברים (גדליה) איז געלונגען צו אַנטלויפן און ער האָט דערציילט, אַז עדעקס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „גיב איבער די חברים, אַז זיי זאָלן פאַרזעצן". ד"ר שמעון דאַטנער, אין זיין ביכל „קאַמף און אומקום פון ביאַליסטאָקער געטאָ" (אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, לאָדזש, פוילן, 48 זייטן) דערציילט, אַז אין דעם צוג אין וועלכן בוראַקס איז געפאָרן איז אויסגעבראָכן אַ פון אים אָנגעפירטער בונט, ביי וועלכן ער און זיינע חברים זיינען געפאַלן אין קאַמף.

* **בזשעזשינסקאַ זאָכאַ:** אַ מיטגלידערין פון די קאַמף־גרופּעס פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). נאָך פאַר די געטאָ־קאַמפן האָט זי זיך באַטייליקט אין אַן אַקטיוו־טעטיקער אונטערערד־גרופּע, וועמענס זאַמל־פּונקט איז געווען אויף נאָוואָליפּיע 23. זי איז געווען אַ זייער ענערגישע, פיזיש אַ שטאַרקע און זייער מוטיקע קעמפערין. די חברים פלעגן זי רופן מיטן צונאָמען „קאָזאַק". אין געטאָ האָט זי געאַרבעט אינם שאָפּ פון הערמאַן בראַוער (אָדער באַוער), אויף נאַלעווקי 34 (דער שאָפּ האָט פאַרנומען אַ בלאָק הייזער נאַלעווקי 28—38). זי האָט געקעמפט אינם טעבענס־שולץ־געביט אין דער גרופּע פון העניעק (הערשל קאַווע (לפ"ג). דאָרט איז זי געפאַלן, אַלט זייענדיק 20 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **ביגעלמאַן מנחם:** געבוירן אין וואַרשע אין 1919, אין אַן אָרימער פאַמיליע, אויפגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון אידישן קוואַרטאַל, אויף באָניפראַטן־גאַס 19. פון דער יוגנט־אָן איז ער אויסגעשטאַנען כלערליי צרות און שוועריקייטן. זיין פאָטער איז געווען אַ פאַר־מיטלער אין מעבל־מסחר, אָבער אָן הצלחה. צוליב דער שווערער לאַגע ביי די עלטערן האָט ער אפילו קיין שול נישט געענדיקט. צו 13 יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרבעטן, פריער אין אַ וואַרשטאַט פון קאַרטאָן־שאַכטלען און שפּעטער ביי מעטאַל־אַרבעט. צו 17 יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אין דער „החלוץ־הצעיר" ־באַוועגונג, וועלכע איז פאַר אים געוואָרן אַלץ אין לעבן און ער האָט איר אָוועקגעגעבן זיין גאַנצע צייט און

בילד פון 1937

ענערגיע. ער איז געווען פון די אַקטיווסטע חברים אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „החלוץ הצעיר”, — קאָמיטעט־מיטגליד און קאַסירער. ער האָט געטראָגן דעם עול פון שאַפן אַ לאָקאַל און שפעטער די זאָרג צו צאָלן דירה־געלט, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט פון חברשע גראָשנס. גאַנץ אָפט פלעגט ער, צוליב עפּעס אַ דרינגנדער אַרבעט, קומען אין אָרגאַניזאַציע־לאָקאַל גלייך פון דער אַרבעט, בעת דאָס פּנים און די הענט זיינען נאָך געווען פאַרדעקט מיט שטויב. מיט דערזעלבער איבערגעגעבנקייט האָט ער פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט אויך אין די מלחמה־יאָרן, וועלכע האָבן אויף אים, דעם 19־יאָריקן, אַרויפגעלייגט זייער־פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן און ער איז זיי בייגעשטאַנען. באַזונדערס האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין דער אונטערערדישער טעטיקייט. בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין בערל בראָידעס (לפ״ג) גרופּע אין „צענטראַלן געטאָ”. דעם 8־טן מאַי 1943 האָט ער זיך געפונען אינם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע־גאַס 18. ער איז געווען צווישן די 14־קעמפער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט און זיינען צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק קעמפער אַריין אין דעם בונקער אויף פראַנציסקאַנער־גאַס 22 כדי דורך דאָרטן אַרויסצוקומען אויף דער אַרישער זייט, אָבער ער איז שוין נישט געווען צווישן די אַרויסגעקומענע. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

בלאַך אליעזר ליפּא: געבוירן אין אומאַן, אוקראַינע, אין 1889. אַ זון פון אַ רייכער און מיוחסדיקער משפחה. אַן אייניקל פון ר׳ זלמן האָרנשטיין, אַ צוקער־פאַבריקאַנט אין קיעווער געגנט, אַ באַוואוסטער למדן און בעל צדקה. אליעזר ליפּא האָט געלערנט אין חדר און אינדער־היים. אַלס אויטאָדידאַקט אין וועלטלעכע וויסנ־שאַפטן האָט ער זיך דערוואָרבן ידיעות אין פראַנ־צויזיש, דייטש און ענגליש. פון דער פריער יוגנט אָן האָט אים צוגעצויגן די העברעאישע דיכטונג. ער האָט געפאָרשט יהודה הלוי׳ס ווערק און אויך גע־גרייט אַ גרויסע מאָנאָגראַפישע אַרבעט וועגן אים, וועלכע איז ליידער נישט דערשינען. ער האָט אויך זעלבסט געפּרווט שרייבן שירים. נאָך זייענדיק אין

אוקראַינע איז ער געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַני־זאַציע „חובבי שפת עבר” און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין 1910 האָט ער חתונה געהאַט מיט חיה הדסה בלאַנק (די טאָכטער פון ר׳ לייבעלע בלאַנק, פון די חשובע לובלינער חסידים, אַן אָרטאָדאָקסישער עסקן, וועלכער האָט סימפּאַטיזירט

מיטן ציוניזם) און איז אַריבערגעפאָרן קיין לובלין. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער קרן־קיימת־טעטיקייט, פריער אין לאָדזש און אין ווילנע און דערנאָך, פון יאָר 1926, אַלס לייטער פונם הויפּט־ביוראָ אין פוילן. אַדאַנק זיין ענערגיע און איבערגעגעבנקייט האָט די קרן־קיימת־טעטיקייט אין פוילן אַרומגענומען ברייטע אידישע מאַסן איבערן גאַנצן לאַנד. ער איז געווען באַליבט צווישן די מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן אים תמיד באַטראַכט אַלס פריינט און אַרבעטס־חבר. ער האָט געהערט צו די אָנפירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין פוילן (בשעתו פון דער ראַדיקאַלער גרופּע „על המשמר״), אויך געווען אַ מיטגליד פון דער „תרבות״ צענטראַלע און האָט געפירט אַ ציוניסטישע טעטיקייט צווישן דער יוגנט. ער האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און אויף וועלט־קאָנפערענצן פון קרן־קימת־לישראל. אין די יאָרן 1929 און 1937 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל.

בשעת דער מלחמה איז ער געבליבן אין געטאָ און האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט אויף אַלע געביטן פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אינם אידישן אונטערערדישן לעבן. איינער פון די לייטער פון דער אידישער סאָציאַלער זעלבסט־הילף — (זש.ט.אָ.ס) ; פלעגט אַרויסטרעטן אויף אַלע צוזאַמענקונפטן, וועגן הילף־צוועקן. אַ באַליבטער און באַגאַבטער רעדנער אין געטאָ, האָט תמיד געוועקט און געמונטערט. ער איז אויך געווען אַקטיוו אויפן קולטור־געביט אין געטאָ, אינם פאַרבאַנד פאַר העבּ־רעאישער קולטור „תקומה״, און איז אויפגעטרעטן אַלס פאָרזיצער אויף אַסך פאַרזאַמ־לונגען און לעקציעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט. ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע באַראַטונגען אין די שווערע מאָנאַטן און איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין אָנהויב 1943, בעת אַ פּרווו אַרויסצונעמען אים פון געטאָ און אַריבערצופירן אויף דער אַרישער זייט, האָבן אים די דייטשן געכאַפּט און פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בודזין (לובלינער געגנט, זע זייט 193, באַמערקונג 11) וואו ער איז געווען פאַר־שפּאַרט פון מאַי 1943 ביז אַרום הערבסט פונם זעלבן יאָר. דאַן האָט מען אים אַריבער־געפירט אינם קלענערן לאַגער אין שכנותדיקן קראַשניק (אַ 50 קילאָמעטער דרומדיק פון לובלין). דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אויפגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אים אויך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוון אַרויסצובאַקומען אים פון דאָרטן. ער איז געווען צווישן די פופצן אַרעסטירטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט מיט אַ תקיעת־כף נישט צו שיידן זיך איינער פונם אַנדערן ביי אַלע רעטונגס־פּרוון. היות ווי אַרויסראַ־טעווען אַלעמען מיטאַמאָל איז נישט געווען מעגלעך, האָט מען אויך אים נישט געקענט ראַטעווען (איינצלהייטן זע אין דער אזכרה־פאַרצייכניש וועגן הרב קלונימוס

שפּיראָ). זייענדיק אין לאַגער האָט ער זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע ווידערשטאַנד־גרופּע, וועלכע האָט זיך באַמיט אַנצוקניפּן באַציִ־אונגען מיטן פּוילישן אונטערערד. עס איז זיי אויך געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט אידישע פּאַליציאַנטן פונם שטעטל קראַשניק, וועלכע האָבן זיי צוגעזאָגט צו פאַרמיטלען ביים באַקומען געווער. איינער אַ מסור האָט אַלץ איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אומגעבראַכט אַ טייל פון די באַטייליקטע אין דער אונטערערדישער גרופּע און אויך די אידישע פּאָליציאַנטן.

בעת דעם אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי, אין יולי 1944, איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין פּלאַשאָווער לאַגער נעבן קראָקע. פונדאָרטן איז ער דעם 8־טן אויגוסט 1944 אַרויסגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך 1300 אידן אין לאַגער מאַטהויזן, נעבן לינץ (עסטרייך). קיין ווייטערדיקע ידיעות וועגן זיין גורל זיינען נישטאָ. די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פונם ק.ק.ל. אין פּוילן (אָנהויב 1947), נאָך דער באַפרייאונג פונם דייטשן יאָך, האָט באַשלאָסן פאַרשרייבן זיין נאָמען אין גאָלדענעם בוך, אַלס צייכן פון אָנערקענונג פאַר איר פאַרדינסטפולן לייטער, וואָס די דייטשן האָבן דער־מאָרדעט.

(אין דער ערשטער העברעאישער אויפלאַגע פונם בוך (אָנהויב 1946), ווען ס'איז נאָך געווען עפּעס האָפנונג, אַז אפשר לעבט ער, האָבן מיר נישט אַריינגענומען זיין נאָמען צווישן די אזכרה־רשימות. אָבער היות ווי שוין באַלד צוויי יאָר נאָך דער באַפרייאונג פון יענעם לאַגער זיינען נישט אָנגעקומען פון אים קיין ידיעות, אויך נישט צו זיין זון משה אין ארץ־ישראל, איז שוין נישטאָ קיין האָפנונג, אַז ער איז לעבן געבליבן).

* **בלאָנעס אליעזר (לירשעק):** דער אינגסטער זעלנער אין דער אַרמיי פון די געטאָ קעמפער, — בעת דעם מלחמה־אויסברוך,

איז ער אַלט געווען 9 יאָר. אַ קינד פון אַ בונדישער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַריין אין וואַרשע. דאָס קינד האָט אָנגעהערט צו אַ קרייז אין דער „סקיף"־באַוועגונג, — די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע, — וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „מיכאַלעוויטשעס־אייניקלעך". זיין גאַנצע משפּחה איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַ־וועגונג, דעריבער האָט מען, נישט־קוקנדיק אויף זיין קינדערישן עלטער, אויך אים אַריינגענומען צווישן די קעמפער. דאָס לעבן אין שטענדיקער געפאַר האָט פאַר־האַרטעוועט די קינדער און זיי צוגעגרייט צו קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. אַסך פון זיי פלעגן זיך אַרויסבאַקומען פון די געטאָ־מויערן כדי אַהיימצוברענגען עפּעס עסנוואַרג; דערביי האָבן זיי זייער אָפט באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. דער בונדישער באַריכט

באַצייכנט דעם העלדנמוט פונם אינגל ליושעק בלאַנעס אַלס פאַרבינדלער צווישן די קאַמף־גרופּעס אין געטאָ און אויך אַלס פאַרבינדלער צווישן געטאָ און דער אַרישער זייט וואַרשע. נאָך דער ליקווידירונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד איז געלונגען די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער אַרויסצוראַטעווען דאָס אינגל דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, אָבער אויפן וועג צום באַהעלטעניש־אָרט, אינם דאָרף פלודי נעבן וואַרשע האָבן אים די דייטשן געכאַפּט און דערמאָרדעט צוזאַמען מיט זלמן פרידריך (לפ״ג), רוזשע קלאָג און אַנדערע (זע זייט 257 באַמערקונג 20 צום באַריכט פון „בונד״).

ער איז געווען אין דער קאַמף־גרופּע פון „בונד״ צוזאַמען מיט זיין ברודער יורעק און זיין שוועסטער גוטע. די נעמען פון אַלע דריי געפינען זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. דעם 19־טן יאַנואַר 1946 זיינען זיי געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן וואַרשעווער אידישן בית־עולם אויף גענשע־גאַס.

* בלאַנעס גוטע: די עלטערע שוועסטער פון יורעק און ליושעק. דערצויגן געוואָרן אין אַ פאָלקסשול פון ציש״אָ. שפּעטער געלערנט אין דער פּראָפעסיאָנעלער שול פון „אָרט״ אויף דלוגע־גאַס. זי איז געווען טעטיק אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף״ און דערנאָך — אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, שיינע, געזונטע מיידל, באַליבט ביי די חברים. אין די זומער־לאַגערן פון איר באַוועגונג פלעגט זי פירן די ווירטשאַפט. אויפגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער אידישער געגנט, אויף סמאָטשע גאַס. די מוטער איז איר אָפּגעשטאָרבן פאַר דער מלחמה. און זי, די דאַמאָלסט 16־יאָריקע, האָט גענומען נעמען אויף זיך די זאָרג פאַר די צוויי אינגערע ברידער. אין געטאָ האָט דאָס יונגע מיידל דורכגעלעבט שווערע צייטן. זי האָט דורכגעמאַכט אַ טיפוס־קרענק. אין נאָוועמבער 1942 איז זי געפירט געוואָרן צו אַ פאַרניכטונגס־לאַגער צוזאַמען מיט וועלוול ראָזאָווסקי (לפ״ג) און נאָך חברטעס, אָבער אויפן וועג איז איר געלונגען אַרויסצושפּרינגען פון באַן און זי איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע. די דירה פון די בלאַנעסעס אין געטאָ, אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 67, האָט צייטנווייז געדינט אַלס טרעף־פּונקט פאַר דעם בונדישן אונטערערד און אַלס דרוקעריי פון דער אונטערערדישער פּרעסע פון „בונד״.

אַלע דריי קינדער בלאַנעס (זי און אירע צוויי ברידער) האָבן געאַרבעט אין רעריכס „שאָפּ״ אויף סמאָטשע־גאַס. אויך זי איז געווען צווישן די קעמפער, וואָס זיי איז געלונגען אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט, און זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע ביידע ברידער אליעזר (ליושעק) און יורעק. (פּרטים וועגן איר טויט אין דער אזכרה־פאַרצייכניש, וועגן רוזשע קלאָג־וואַסער־מאַן, און אויך זייט 257 באַמערקונג 20 אינעם באַריכט פון „בונד״).

*** בלאַנעס יורעק:** אַ קאָמענדאַנט פון אַ בונדיסטישער קאַמף־גרופּע. דער ברודער פון אליעזר און גוטע, וועלכע ווערן אויבן דערמאָנט. אַ געבוירענער אין וואַרשע. דערצויגן אין דער ציש״אָ־שולע אויפן נאָמען פון ב. מיכאַלעוויטש אויף מילע־גאַס. צו 10 יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין „סקיף״. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע און אויך געווען אינסטרוקטאָר אין קינדער־קלוב. אַ פלאַם־פייערדיקער אינגל. 15 יאָר איז ער אינגאַנצן אַלט געווען ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און אויף זיינע פּלייצעס האָט מען באַלד אַרויפגעלייגט זייער פאַראַנטוואָרטלעכע און זייער געפערלעכע אויפגאַבן — און ער האָט זיי דערפילט ווי געהעריק. ער פלעגט זיין גאָר טעטיק ביים דרוקן און פאַרשפּרייטן די אונטערערדישע אויסגאַבן פון „בונד״. ער האָט אַסך מיטגעהאָלפן ביים אַריבערשמוגלען געווער אין געטאָ אַריין. ער איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג אין בערשטערגעביט, — איינער פון די העלדישע מוטיקע קעמפער. געקעמפט מיט זיין גרופּע צוערשט אינם בערשטער־געביט, שפּעטער אויף פראַנציסקאַנער 30 און אין אַנדערע קאַמף־אָפּשניטן. ער האָט זיך געפונען צווישן די, וועלכע זיינען דעם 8־טן מאַי 1943 אַרויס פונם געטאָ־געביט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צו דער אַרישער זייט. ווען ער איז אָנגעקומען מיט די חברים צום אַרויסגאַנג איז ער, צוזאַמען מיט שלאַמעק שוסטער (לפ״ג), צוריקגעשיקט געוואָרן אין געטאָ אַריין, כדי אַרויסצופירן פון דאָרטן די נאָך פאַרבליבענע קעמפער. עס איז זיי נישט געלונגען אויסצופירן די שליחות, ווייל אינצווישן האָבן די דייטשן פאַרשפּאַרט דעם אַרויסגאַנג צום געטאָ. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין ברודער אליעזר (ליושעק) און זיין שוועסטער גוטע (זע פריער).

*** בלאַנעס יצחק:** אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון „הנוער הציוני״, ער איז געווען אַ קרוב פון די בונדישע קעמפער — בלאַנעס. יצחק בלאַנעס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון יעקב פּראַשקערס (לפ״ג) קאַמף־גרופּע, בעת עס איז אויפגעריסן געוואָרן דער בונקער אויף וואָלאָווע־גאַס 8, אין וועלכן זיי האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען (אינם בונקער זיינען אויך געווען גרופּן פון דער ציווילער באַפעלקערונג). ביי 22 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. ער איז געווען דער עלטערער ברודער פון דעם ווייטער דערמאָנטן מלך בלאַנעס. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** בלאַנעס מלך:** געבוירן אין וואַרשע. פון די אינגסטע קעמפער אין דער קאַמף־גרופּע פון „עקיבא״. ער איז געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קן פון דער „עקיבא״־באַוועגונג (גדוד „הגלילה״). אין זיינע עלטערנס היים, אויף שוויענטאָיערסקע־גאַס 28 פלעגן פאָרקומען באַראַטונגען פון די „עקיבא״־

מיטגלידער. בעת דעם אויפשטאַנד, אפריל—מאַי 1943, האָט ער זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אינם געביט פון צענטראַלן געטאָ — אין דער גרופּע פון בערל ב ר ו י ד ע (לפ״ג). ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס העלדישקייט אין די ערשטע קאַמפן פונם געטאָ־אויפשטאַנד. ער איז אומגעקומען דעם 8־טן מאַי 1943, אינם בונקער פונם שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויף מילע־גאַס 18. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ קאַמף, — אַ יאָר 19 איז ער אַלט געווען בעת זיין טויט. אויך זיין עלטערער ברודער יצחק איז אין דער ליסטע פון די געפאַלענע (זע אויבן).

* **בלאַנק מאַרעק:** געבוירן אין וואַרשע. נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן האָט ער גענומען אויף זיך פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן און אַסך אַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. ער איז דאַמאָלסט געווען אַ מיטגליד פון דער הנהגה ראשית פון „גורדוניה״, און האָט געפירט זיין טעטיקייט אין ענגן קאָנטאַקט מיט א ל י ע ז ר ג ע ל ע ר (לפ״ג). באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען אויפן געביט פון קינדער־דערציאונג. זיין מוטער, וועלכע האָט אין דער געטאָ־תקופה געאַרבעט אין דער אידישער קהילה, איז בעת דעם גרויסן גירוש אין אויגוסט 1942 אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. טראָץ זיין פיזישער שוואַכקייט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה״, וועלכע האָט זיך פריער געפונען — אונטער דער אָנפירונג פון א ל י ע ז ר ג ע ל ע ר — אינם בערשטער געביט. האַרט פאַרן אויסברוך פון די שלאַכטן, פון 19־טן אַפּריל 1943, איז די גרופּע אַריבער־געפירט געוואָרן, צוזאַמען מיט מאַרעקן, אינם טעבענס־שולץ־געביט. ער האָט באַקומען אַן אויפטראַג אַריבערצוגיין אינם אַרישן טייל וואַרשע; ער איז דעריבער צוריק־געשיקט געוואָרן אינם בערשטער־געביט, כדי פונדאָרטן אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ. ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ דאָרטן קעמפנדיקער גרופּע. געפינענדיק זיך אינם בונקער אויף פראַנציסקאַנער־גאַס 30, בעת אַ שלאַכט, וועלכע האָט זיך דאָרט צעפלאַקערט דעם ערשטן אָדער צווייטן מאַי 1943, איז ער אומגעקומען — אַלט־זייענדיק 21 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **בלוישטיין יצחק:** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״. געבוירן אין זשיראַרדאָוו נעבן וואַרשע אין 1923. געלערנט אין אַ פאָלקסשול. זייענדיק נאָך אַ קינד האָט ער שוין מיטגעטראָגן דעם פרנסה־עול פון זיין משפחה. ער איז געווען איינער פון די לעבהאַפטיקע און אַקטיווע אינגלעך אין דער „פרייהייט״־אָרגאַניזאַציע אין זיין שטעטל, וואָס סיי די פועלי־ציון (צ.ס.)־באַווע־

גונג און סיי איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך דאָרט אויסגעצייכנט מיט שטאַרקער אַקטיוויטעט. אין די פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן איז ער געווען צווישן די אַקטיווע אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג. ער האָט צוזאַמען מיט זכריה אַרטשטיין (לפ״ג) און אַנדערע געטאָ־קעמפער געלערנט אינם אונטערערדישן סעמינאַר פון דער באַוועגונג אין דער מלחמה־צייט. זיין וואוינאָרט איז געוואָרן אַ צענטער און אַ טרעף־פונקט פאַר חברים, נישט געקוקט אויף דער גרויסער סכנה. שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד. אין די טעג פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער זיך באַטייליקט אין אַסך קאַמפן אין־דער־שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג. נאָך דער ליקווידירונג פונם אויפשטאַנד, נאָכן 10־טן מאַי 1943, איז ער פאַרבליבן מיט זיין קאַמף־גרופּע צווישן די געטאָ־חורבות צוזאַמען מיט די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער, וועלכע האָבן נאָך וואָכן־לאַנג פאַרגעזעצט דעם קאַמף. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** בלום אברהם (אַבראַשאַ):** שטאַמט פון ווילנע. דער פאָטער האָט געצויגן חיונה פון אויסאַרבעטן צוקערלעך. אברהם האָט געלערנט אין אַ חדר מתוקן און אין סאָפיאַ גורעוויטשעס אידישער גימנאַזיע אין ווילנע. שפּעטער האָט ער שטודירט אין גענטער פּאָליטעכניקום אין בעלגיע. אין יאָר 1929 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אין דער פריער יוגנט איז ער געווען אַ קורצע צייט אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. שפּעטער פון די אַקטיווע כוחות אין „בונד״ און האָט זיך גערעכנט צום יונגן קאַדר בונדישע פירער. ער איז געווען אַ מיטגליד פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. באַשעפטיקט אַלס סעקרעטאַר פון עלטערן־פאַרבאַנד ביי די וואַרשעווער רעגירונגס־שולן און איז אויך געווען סעקרעטאַר פון די בונדישע פאָלקס־שולן

אין וואַרשע. ער פלעגט צוציען מענטשן מיט זיין גוטהאַרציקייט, איידלקייט און הויכער מאָראַלישקייט.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און נישט געפאָלגט די עצות פון גוטע פריינט צו פאַרלאָזן די שטאָט. ער איז געווען דער לעבעדיקער גייסט ביים אָרגאַניזירן די בונדישע אַרבעטס־באַטאַליאָנען אין די ערשטע צייטן פון דער וואַרשע־פאַרטיידיקונג. אינם אונטערערד איז ער געווען אַ מיטגליד פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוילישן „בונד״ און פיר יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען אומ־

דערמידלעך אויף דעמדאַזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן און געפערלעכן פּאָסטן. איינער פון די הויפּט־פירער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג. אַקטיוו אינם אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, און ווערט אַסך מאָל דערמאָנט אין באַריכטן פון וואַרשעווער אונטערערד. דער פאָרשטייער פון „בונד" אין די צווישן־פּאַרטייאישע באַראַטונגען אין געטאָ און אַ פּרעזידיום־מיטגליד פונם קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד". אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „בונד", וועלכע איז פאַר די קאַמפן געווען קאָנצענטרירט אויף דער שווינטאָ־יערסקע־גאַס 32 און איר לעבעדיקער גייסט. נישטאָ כמעט קיין וויכטיקע טעטיקייט פון "בונד" אין די יאָרן פון געטאָ, וואו א. בלום'ס אַקטיווער אָנטייל זאָל נישט ווערן באַזונדערס דערמאָנט.

נאָכן אויפשטאַנד איז אים געלונגען צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער, אריבער־צוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט געזאָלט אָנקומען צו זיין פרוי ל י ו ב אַ און זיינע צוויי קינדער, וועלכע האָבן זיך איינגעאָרדנט מיט אַרישע נעמען אויסער דעם געטאָ. די באַהעלטעניש פאַר אים איז אָבער נאָך נישט געווען צוגעגרייט און מען האָט אים אַריינגענומען אין דער וואוינונג פון פ י י ג ע ל ע פ ע ל ט ע ל (מענדזיזשעצקאַ), איר נאָמען אין אונטערערד איז געווען וולאַדקע (וולאַדיסלאַוואַ קאָוואַלסקאַ), אַן אַקטיווע בונדיסטין, אַ וואונדערלעך דרייסטע (צוליב איר אַרישן אויסזען האָט זי געקענט דינען דער באַוועגונג און אויפטון פאַר איר זייער אַסך, נישט געקוקט אויף איר יונגן עלטער — אַ יאָר 18 איז זי אַלט געווען בעת דעם אויסברוך פון דער מלחמה), וועלכע האָט געוואוינט אויף באַראַקאָווע־געסל 2, נעבן דלוגע־גאַס. אויספּרעסערס, וואָס דער הויזוועכטער האָט, ווייזט אויס, מיט זיי צוזאַמענגעאַרבעט, זיינען אַריין אין דער וואוינונג, זיי פאַרשלאָסן דאָרט און אַוועק ברענגען פּאָליציי. ב ל ו ם האָט געפּרוווט אַנטלויפן דורכן פענסטער פון דריטן שטאָק אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף אַ צונויפגעדרייטן ליילעך, ער איז אָבער אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן אַ פוס. ווען עס איז אָנגעקומען די „גיכע הילף" האָט דער הויזוועכטער אַלאַרמירט די געסטאַפּאָ, און ב ל ו ם איז אומגעקומען, אין עלטער פון 39 יאָר. פאַרן טויט האָט ער נאָך באַוויזן צו שיקן זיין פרוי אַ צוואה, אין וועלכער ער האָט גע־שריבן: „איך שטאַרב מיטן געפיל, אַז איך האָב מיין פליכט דערפילט... דערצייל די קינדער וועגן דער אַרבעט פון זייער פאָטער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג". זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. (פ י י ג ע ל ע פ ע ל ט ע ל זעלבסט איז געלונגען, מאַסקירט אַלס אַריערין, צו ראַטעווען זיך פאַר געלט; זי געפינט זיך איצטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך די פרוי פון אַבראַשאַ בלום, ליובאַ, ביעליצקאַ פונדערהיים, וועלכע איז פאַר דער מלחמה געווען אַ לייטערין פון אַ פלעגערינס־שול אין וואַרשע, און אויך די קינדער, זיינען געראַטעוועט).

בלומשטיין אברהם: אַ לאָדזשער, אַ זון פון אַן אַרבעטער משפּחה, אַליין געווען אַן אייגנבינדער. ער איז געווען במשך אַסך יאָרן אַן אַקטיווער חבר פון די לינקע פּועלי ציון (אויך זיינע צוויי ברידער זיינען געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי). איבערהויפּט איז ער געווען טעטיק אויפן קולטור־געביט, — ער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער באָראָכאָוו־ביבליאָטעק, — און אויך אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און אין דער ספּאָרט־באַוועגונג.

נאָך דער נאַצישער אָקופּירונג פון פּוילן איז ער אַריבער קיין וואַרשע און איז דאָרט געווען טעטיק אין דער הילפס־אַרבעט. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אונטער־ערדישער טעטיקייט פון דער באַוועגונג. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל — פון 24־טן מאַי 1944 — ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן.

בעאַטוס: אינם בריוו פון די לינקע פּועלי־ציון אין וואַרשע צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, פון 24־טן מאַי 1944, ווערט דער־מאָנט דער פאַמיליע־נאָמען בעאַטוס (אָן אַ פאָרנאָמען) צווישן די אַקטיווע חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן. עס איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן — ווער דאָס איז.

בעאַטוס פראַניע: אַ געבוירענע אין קאָנין, וועלכע איז אין די מלחמה־יאָרן פאַרוואַלגערט געוואָרן קיין אָסטראָוויעץ־קיעליעצקי. פון דאָרטן איז זי אַוועק קיין וואַרשע איין טאָג פאַר דער פאַרניכטונג פונם גרעסטן טייל אידן אין יענעם שטעטל, דעם 11־טן אָקטאָבער 1942. שפּעטער פלעגט זי אָפט צוריק־פאָרן אין שטעטל אַריין און אַריבערפירן קיין וואַרשע די לעבנגעבליבענע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פון די „דרור" און „השומר הצעיר"־גרופּעס. אָט דידאָזיקע יונגע קעמפערין האָט אַריבערגעפירט קיין וואַרשע בערל ברוידע, בתיה און סויאַ סילמאַן, אבא גערטנער, יצחק מאָרגענלענדער (אַלע לפּ"ג) און אַנדערע.

זי איז געווען איינע פון די יונגע מוטיקע סאָלדאַטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אַ טרייע חברטע אין דער „דרור" באַוועגונג. איר איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט זיינען געווען אָן אַ גרעניץ. זי האָט פאַרמאָגט אינערלעכע דיסציפּלין און אויספירונגס־פעאיקייטן. אינם טאָגבוך פון קעמפער שמחה ראָטהייזער (קאַזשיק) ווערט זי דערמאָנט אַלס פאַרבינדלערין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַ־ניזאַציע אויף דער אַרישער זייט. זי איז געווען יצחק צוקערמאַנס הויפּט־פאַר־בינדלערין ביים שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט. ביים אָנהויב פונם געטאָ־אויפשטאַנד, דעם 19־טן אַפּריל 1943, האָט זי געפּרוווט

באַגיין זעלבסטמאָרד, פון גרויס פאַרצווייפלונג צוליב דער קנאַפער הילף, וועלכע איז געגעבן געוואָרן די אויפשטענדלער. נאָכדעם ווי זי האָט באַקומען אַ וואָרנונג פונם קאָמענדאַנט, אַז זי טאָר נישט פאַרלאָזן די פּאָזיציעס אין דער צייט פון קאַמף, האָט זי פאַרגעזעצט איר שליחות די גאַנצע צייט פון די געטאָ־קאַמפן און געטריי און געטריי אויסגעפירט אַלץ, וואָס מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. דעם 12־טן מאַי 1943, נאָכדעם ווי די לעצטפאַרבליבענע קעמפער זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט (זי האָט דערביי אַסך מיטגעהאָלפן, באַזונדערס ביים אַרויסנעמען די 40 קעמפער פון טעבענס־שולץ־געביט) האָט זי, ווייזט אויס, געמיינט, אַז ביי די אומשטענדן איז שוין מער נישט גילטיק דער באַפעל פונם קאָמענדאַנט, נישט צו פאַרלאָזן די קאַמף־פּאָזיציעס אינמיטן די שלאַכטן — און זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; אַלט געווען איז זי דאַן 17 יאָר.

בער געניע: אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכער און אַסימילאַטאָרישער משפחה, האָט זי זיך אָבער מיט לייב־און־לעבן פאַרבונדן מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די לעצטע צוועלף יאָר פון איר לעבן זיינען געווען איבערפולט מיט אומאויפהערלעכער אַקטיוויטעט אין דער באַוועגונג פון די לינקע פועלי ציון, צו וועלכער זי איז אַריבערגעגאַנגען פון „השומר הצעיר". עס איז נישט געווען קיין איין טעטיקייט־געביט אין דער באַוועגונג, וואָס זי האָט זיך נישט באַטייליקט אין אים זייער אַקטיוו. דער עיקר האָט זי זיך אָפּגעגעבן דער דערציאונג פונם אינגסטן שיכט אין דער לינקער פועלי־ציון־יוגנט — „יונגבאָר" — און דער דערציאונג פון דער שטודירנדיקער יוגנט. זי האָט געדינט אַלס מוסטער פון איבערגעגעבנקייט און גרייטקייט אַליין צו ברענגען קרבנות. אַ געוויסע צייט איז זי געווען קאָמיטעט־מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

בעת דער מלחמה האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר מוט. זי האָט גענומען אויף זיך שווערע און געפאַרפולע אויפגאַבן, — זי איז געווען צווישן די פאַרשפּרייטערינס פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור און צווישן די פאַרבינדלערינס פון דער צענטראַלע מיט די פּראָווינץ־שטעט. אויסער דעם איז זי געווען טעטיק אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, אַלס לייטערין פון איינער פון די פּאַלקסקיכן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. אינם בריוו פון די לינקע פועלי ציון אין פּוילן צו זייערע חברים אין ארץ ישראל, פון 24־טן מאַי 1944, געפינט זיך איר נאָמען

צווישן די חברים, וועלכע האָבן דערפילט זייערע אויפגאַבן ביזן לעצטן מאָמענט און זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן. אַרום 30 יאָר איז זי אַלט געווען בשעת איר טויט.

בערלינסקי הירש: קאָמאַנדיר פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי־ציון. געבוירן אין לאָדזש, אין 1908, אַ זון פון אַ וועבער־אַרבעטער אין לאָדזשער באַלוט. זיינע קינדער־יאָרן זיינען אַדורך אין אַרימקייט און דחקות. צו זעקס יאָר האָט ער שוין געמוזט באַגנוגנען זיך מיט לערנען אין חדר נאָר פּאַרמיטאָג, און דערנאָך מיטהעלפן ביז שפּעטע אָוונט־שעהן דעם פאָטער אין דער אַרבעט. שוין דאַמאָלסט האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין ווילנס־שטאַרקער כאַראַקטער. אויך שפּעטער, ווען דעם פאָטערס מאַטעריעלע לאַגע איז בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרבעסערט געוואָרן, האָט דער קליינער אינגל געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף פאַר אַ האַלבן טאָג לימודים. און ער האָט טאַקי אָנגעהויבן לערנען אין אַ פּוילישער פאָלקסשול, וואו ער



איז געווען אַ זייער־פעאיקער שילער און באַליבט ביי אַלע לערער און חברים; גלייך ווי ער איז געווען באַליבט ביי די באַלוטער קינדער, וועלכע האָבן אים באַטראַכט אַלס זייער פירער. אין 1923 איז ער אַריינגעטרעטן אין „צוקונפט״ — דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון „בונד״. ער האָט אַסך געלייענט און פאַרטיפט זיך אין אַלגעמיין־סאָציאַלע און אין אידישע פּראָבלעמען. נאָך אַ יאָר האָט ער איבערגעריסן מיטן „בונד״ און איז, צוזאַמען מיט זיין ברודער יאַנקל און אַ גרעסערער גרופּע חברים, אַריבער אין דער יוגנט־באַוועגונג פון די לינקע פּועלי ציון.

הירש בערלינסקי האָט זיך שוין דאַמאָלסט אַרויסגעוויזן אַלס דיסציפּלינירטער און פליכט־געטרייער מענטש. זיינע תלמידים אין די קרייזן האָבן געמוזט זיין פּינקטלעך און אויסצייכנען זיך אין זייער אַרבעט פאַר דער באַוועגונג. ער איז געוויילט געוואָרן אין לאָדזשער קאָמיטעט פון דער „יוגנט״־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי ציון און געוואָרן איינער פון די צענטראַלע חברים. ער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער אָרדנער־גרופּע און געטראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס א.אַ.וו. אַ גוטער רעדנער, האָט פאַרשטאַנען צוצוציען די הערצער פון דער יוגנט. ער איז געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער וועבער־אַרבעטער־יוגנט און געפירט צווישן איר אַן עקשנותדיקע אויפקלערונגס־אַרבעט קעגן דער אַגיטאַציע פון „בונד״ און פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו דיסקרעדיטירן דעם ארץ־ישראל־געדאַנק.

זייענדיק זייער קאָנסעקווענט און אומפּשרהדיק אין זיין לעבנסשטייגער און אין זיין געדאַנקענגאַנג, איז ער אָבער אויך געווען אַ דיסציפּלינירטער חבר. ער איז לכתחילה געווען קעגן דעם אַריינטריט פון די לינקע פּועלי ציון אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער ווען די פּאַרטיי האָט אָנגענומען דעם באַשלוס איז ער געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע אין דער שקל־פּאַרשפּרייטונג און ער האָט געטראָגן דעם ציוניסטישן געדאַנק פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט.

דער פאָטער, וועלכער איז אינצווישן רייך געוואָרן און אָנגעהויבן לעבן ברייט און מיט לוקסוס, האָט אַלס פאַבריקאַנט אויפגעפירט זיך שלעכט לגבי זיינע אַרבעטער. ער האָט געמאַכט גרויסע און זייער אָנגעשטרענגטע באַמיאונגען צו דערווייטערן זיין זון הירש פון דער פּאַרטיי־אַרבעט. דאָס איז אים אָבער נישט געלונגען. אדרבה, דער זון פלעגט אפילו פון־מאָל־צו־מאָל אָרגאַניזירן שטרייקן אין דעם פאָטערס פאַבריק. שפּעטער האָט ער בכלל פאַרלאָזט די עלטערנס היים און איז אוועק אַרבעטן אין אַ גרויסער זייד־פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט טויזנטער פּוילישע אַרבעטער. אויך דאָרט האָט ער געוואונען סימפּאַטיעס ביי די אַרבעטער און איז געוויילט געוואָרן אין אָרטיקן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער איז געווען איינער פון אַקטיווע טוער בעת די גענעראַל־שטרייקן פון די לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטער.

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט ער פאַרלאָזט לאָדזש. די דייטשן האָבן אים געכאַפּט אויפן וועג קיין וואַרשע און אַוועקגעפירט אים אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ראַוואַ־מאַזאָוויעצקאַ. ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן און ווידער געכאַפּט געוואָרן און מען האָט אים געפירט קיין טשענסטאָכאָוו — אויף יענעם וועג, דורכגייענדיק פּיעטרקאָוו, זיינען די געטריבענע אידן געווען געצוואונגען צו שפּרייזן באָרוועסערהייט אויף גלאָז־שפּליטערס און צעבראָכענע פלעשער. הירשן איז געלונגען צו אַנטלויפן אויך פון טשענסטאָכאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער און ער איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש. די געסטאַפּאָ האָט אים דאָרט אַרומגעזוכט, אָבער ער האָט געשמוגלט די גרעניץ און אַריבער אין סאָוויעטישן געביט. דאָרט איז ער פאַרבליבן אַ קורצע צייט און איז צוריק אַוועק קיין וואַרשע.

אין וואַרשע האָט ער ווייטער געפירט זיין אַקטיווע טעטיקייט. ער האָט זיך הויפּטזאַכלעך אָפּגעגעבן מיט די ענינים פון זיין באַוועגונג און אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן פונם אונטערערד. אַ גרויסע השפעה האָט ער געהאַט אויף דער טעטיקייט פון זיין פּאַרטיי, געאַרבעט האָט ער אינעם לאַנדוי־„שאָפּ”. ער האָט אַנטיילגענומען אינעם שאַפן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. בעתן אויפשטאַנד אין אַפּריל—מאַי 1943 האָט ער זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן, אַלס קאָמאַנדיר פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי־ציון, צוערשט אינעם בערשטער־געביט, אויף שווינטאָיערסקע־גאַס און שפּע־טער אויף אַנדערע קאַמף־אָפּשניטן. נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפ־שטאַנד איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע

און ער האָט דאָרט פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט. ער איז אויך געווען באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס אין די ווישקאָווער וועלדער. אין די באַריכטן פון 1944 ווערט נאָך דערציילט וועגן זיין טעטיקייט. ער איז געפאַלן אין וואַרשע, בעת דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, אין זשאַליבאָזשער קוואַרטאַל, וואו עס האָט געקעמפט אַן אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. נאָך דער באַפרייאונג פון וואַרשע דעם 29־טן אַפּריל 1945 איז ער געבראַכט געוואָרן מיט אַ גרויסע לויה צו קבר ישראל — צוזאַמען מיט זיינע חברים אליהו ערליך און פאַלאַ עלסטער (ביידע לפ״ג) אויפן גענשער בית־עולם.

*** בערמאַן פראַנקאַ:** אַ קעמפערין אין אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַרייען (אידישע קאָמוניסטן). בעת די שלאַכטן האָט זי געקעמפט אין פּ אַ ו ו ע ל ס (אהרן ברוסקין, לפ״ג) גרופּע אין „צענטראַלן געטאָ“. זי איז אומגעקומען דעם 8־טן מאַי 1943 אין צענטראַלן בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע־גאַס. 22 יאָר איז זי אַלט געווען. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען מער פּרטים וועגן איר.

בראַז חנה: געבוירן אין מזרח־פּוילן אין יאָר 1895 ביי אַ טאַטן אַ קרעמער.

בילד פון 1924

זייענדיק נאָך אַ קינד, האָט זי זיך געפונען אַ געוויסע צייט ביי אירע קרובים אין ווילנע און האָט דאָרט אויך באַזוכט אַ שול. צו 12 יאָר האָט זי שוין אָנגעהויבן אַרבעטן. גאָר־פרי האָט זי אַרויסגעוויזן נייגונגען צו טעאַטער־שפּיל און אין 1919 איז זי אַריינגעטרעטן אין דער ווילנער אידישער דראַמאַטישער סטודיע און זיך געווידמעט דער פאַרפולקאָמונג פון איר בינע־בילדונג. אין דער „ווילנער טרופּע“ האָט זי פאַרנומען אַ חשובן אָרט, אויסצייכנענדיק זיך אין כאַראַקטער־געשטאַלטן. זי האָט זיך באַצויגן זייער ערנסט צו איר שוישפּילערישער אַרבעט און די גאַנצע פרייע צייט האָט זי געווידמעט דער זעלבסטפאַרפולקאָמונג. זי איז געווען אַ זייער געטרייע טאַכטער און אַלע אירע אָפּשפּאָרונגען פלעגט זי שיקן די עלטערן. ווען די „ווילנער טרופּע“ איז זיך צעפאַלן, האָט זי אַ שטיקל צייט אַרומגעוואַנדערט מיט אַן

אַנדער טרופע איבער רומעניע; דאָרט האָט זי געשפילט הויפט־ראָלן. דאַן איז זי צוריקגעקומען קיין פוילן, און דערנאָך אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו, וואו זי האָט געשפילט מיט גרויס דערפאָלג אין אידישן טעאַטער. זי איז שפעטער ווידער צוריקגעקומען קיין פוילן און אַרויסגעטרעטן מיט דערפאָלג אויף רעציטאַציע־אָוונטן. מען האָט איר פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער זי האָט בעסער געוואָלט בלייבן אין פוילן און זי האָט געמאַכט באַמיאונגען צו שאַפן אַן ערנסטן אידישן טעאַטער, ענלעך צו דעם אין וועלכן זי האָט געשפילט אין איר יוגנט.

בעת דער נאַצישער אָקופאַציע איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע און זיך באַמיט אויף איר שטייגער צו באַלייכטן אַביסל, כאָטש אויף קורצע ווײַלעס, דאָס פינצטערע לעבן פון אירע ברידער אין געטאָ. זי האָט זיך באַטייליקט אין אידישן טעאַטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ און איז אַרויסגעטרעטן אַלס רעציטאַטאָרין. זי האָט אויך געאַרבעט אַלס קאַסירערין אין איינער פון די געטאָ־פאַלקסקיכן. זי איז צווישן די קרבנות פון די נאַצישע מערדער בעת דעם גרויסן פאַרניכטונגס־גירוש אין אויגוסט־סעפטעמבער 1942. איר נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

בראַנדעס צבי: געבוירן דעם 3־טן סעפטעמבער 1917 אין זשאַרקי ביי טשענסטאָכאָוו. ער האָט געענדיקט די 7־קלאַסיקע אַלגעמיינע פאָלקסשול. צו 10 יאָר איז ער אַריין אין „השומר הצעיר" — אין „בני המדבר"־שיכט. אין 1937 איז ער אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין קאַליש. דאָרט האָט ער זיך געפונען צוויי יאָר. האָרט פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין שטעטל. בעת דער מלחמה האָט ער זיך אינגאַנצן אָפגעגעבן מיט די ענינים פון דער באַוועגונג; אין איר שליחות איז ער אַרומגעפאָרן אַלס אינסטרוקטאָר פון פאַרשידענע הכשרה־קיבוצים. אין 1941, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די הכשרה־פאַרם אין זשאַרקי, אין וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט 50 חברים, איז ער געוואָרן איינער פון די אָנפירער און איר אינסטרוקטאָר. נאָך דער ליקווידאַציע פון דער פאַרם, אָקטאָבער 1942, האָט אים די באַוועגונג געשיקט קיין בענדין. ער איז געווען זייער באַליבט ביי די חברים, און נישט נאָר אין זיין באַוועגונג. בעת דער אָרגאַניזירונג פון דער זעלבסטשוץ אין בענדין, האָט ער זיך פאַרנומען מיט באַקומען געווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן און מיטן בויען



בילד פון 1939

בונקערס. ער איז געווען צווישן די חברים, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געקעמפט פאַר דער אַנטשיידונג צו אַקטיוון ווידערשטאַנד. ער איז געווען אין שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין בענדין און אויך צווישן די אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן געלערנט ווי צו באַנוצן זיך מיט כלערליי געווער (נישט נאָר הייס־געווער נאָר אויך — העק, האַמערס, גראַנאַטן, צינד־פליסיקייטן א.אַ.וו.). האָט מיטגעהאָלפן אויס־צואַרבעטן און באַקומען פאַרשידענע סאָרטן שאַרפע מכשירים, וואָס זאָלן טויגן צו שלאַכט־באַנוצונג. זיינע עלטערן זיינען דעם 6־טן יאַנואַר 1943 אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ראַדאָמסק קיין טרעבלינקע און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן. בעת דער ליקווידירונג פון געטאָ און די בענדינער קאַמפן האָט ער זיך געפונען אין אַ בונקער צוזאַמען מיט הערשל שפּרינגער (לפ״ג) און אַנדערע חברים. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דעם 7־טן אויגוסט 1943 ביי אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון די נאַצישע מערדער.

(זיין ברודער אהרן און שוועסטער פאַלע, מיט וועלכע ער איז געווען צוזאַמען אין בונקער ביז די לעצטע מינוטן, געפינען זיך איצט אין ארץ־ישראל. דער ברודער אַהרן האָט פאַרעפנטלעכט אַן עדות־און אַנדענק־בראָשור „קץ היהודים במערב פולין״ פאַרלאַג „ספרית פועלים״, וואו עס ווערט אויספירלעך דערציילט וועגן די אומשטענדן פון צבי׳ס פאַלן).

בראַנדשטעטער מיכאל: געבוירן אין טאַרנע, אין יאָר 1888, — זיין פאָטער איז געווען דער העבראעישער שריפטשטעלער מרדכי דוד בראַנדשטעטער, וואָס אין זיין הויז האָבן צוזאַמענגעלעבט אַלגעמיינע השכלה און אידישע טראַדיציע, אָבער די אויבערהאַנט האָט געהאַט די אַלגעמיינע השכלה. מיכאל ב. האָט געלערנט אין דער לעמבערגער דייטשער גימנאַזיע און אין די אוניווערזיטעטן אין לעמבערג און ווין. ער האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די גרעסטע דייטשע שריפטשטעלער און ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פוילן, איז ער געוואָרן לערער פון דער דייטשער שפּראַך אין עסטרייכישע גימנאַזיעס. ער האָט פאַר־עפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען און קריטישע אַרטיקלען וועגן דערשיינונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטע־


בילד פון 1936

ראַטור (צווישן אַנדערע — אויך אַן עסיי וועגן געטע׳ס באַציאונג צו אידן). בעת זיין שטודיע־צייט האָט מיכאל ב. זיך באַטייליקט אין „מוריה״ — דעם פוילישן חודש־זשורנאַל פון דער ציוניסטישער יוגנט אין גאַליציע. שפּעטער איז ער געווען רעדאַקטאָר

פון „מוזעאום", דעם פעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל פון די פוילישע מיטלשול־לערער.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געהאַט אויף אים אַן אויפטרייסלענדיקע ווירקונג. נאָכן באַקאַנטן לעמבערגער פּאָגראָם אין 1918 האָט ער איבערגעריסן זיין אַרבעט צווישן פרעמדע און געווידמעט זיין גאַנצע ענערגיע און התלהבות דער ערשטער אידישער מיטלשול אין לעמבערג. אַלס דירעקטאָר פון דער מיטלשול האָט ער זיך אַרויסגעוויזן נישט נאָר ווי אַ גרויסער פאַכמאַן מיט אַסך וויסן, נאָר אויך אַלס מוטיקער איד, וועלכער איז שטאָלץ בייגעשטאַנען פאַרשידענע שווערע נסיונות אין יענע אויפגעברויזטע צייטן. אין יאָר 1921 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש, וואו ער האָט געאַרבעט אין דאָרטיקן אידישן מיטלשול־וועזן, פריער אַלס דירעקטאָר פון דער אידישער מענער־גימנאַזיע און דערנאָך, ביזן מלחמה־אויסברוך, אַלס דירעקטאָר פון דער אידישער פּרויען־גימנאַזיע (מיטלשולן מיט העברעאיש־פוילישער אונטעריכט־שפּראַך). ער האָט דערצויגן הונדערטער תלמידות, וואָס אַסך זיינען איצטער אין ארץ־ישראל. ער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף די לימודים פון העברעאיש און די אידישע געגנשטאַנדן, און קאָנ־צענטרירט אַרום זיך די בעסטע אידישע פעדאַגאָגישע כוחות; האָט געגרינדעט און במשך אַסך יאָרן רעדאַגירט אַ פעדאַגאָגישע צייטשריפט פאַר אידישע עלטערן „רינגען" (אין העברעאיש און אין פויליש) און אַרויסגעגעבן אַ פעדאַגאָגישע צייטשריפט פאַר דער אידישער יוגנט (אין פויליש), — „אונזער גאָרטן". ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע דער־ציערישע טעטיקייטן אין שייכות מיט דער מיטלשול־בילדונג אין פוילן. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט ווערטפולע אַרטיקלען אין דר. עלענבערגס „מיעשענטשניק זשידאָווסקי" („אידישע מאָנאַטס־שריפט"). ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ גרויסע זאַמלונג פון פאַר־שידנאַרטיקע אידישע קונסט־ווערק. ער האָט אָנגעפירט אין לאָדזש די אָרטיקע געזעל־שאַפט „פריינט פון העברעאישן אוניווערזיטעט" און זי געמאַכט פאַר איינע פון די בעסטע און טעטיקסטע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין יעדער ציוניסטישער טעטיקייט אין לאָדזש, באַזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיט ציו־ניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און מיט דער „החלוץ"־באַוועגונג; האָט נישט־ווייניק מיטגעהאָלפן דעם קיבוץ־באָראָכאָוו אין לאָדזש. צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן איז אים נישט געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין לעבנסטרוים און עולה זיין קיין ארץ־ישראל. זיין קנאַפּע באַרעדעוודיקייט און זיין גאַנצע האַלטונג האָבן אַרויסגערופן צו אים אַ יראת־הכבוד־באַציאונג מצד אַלע אַרומיקע.

אויך נאָכן מלחמה־אויסברוך איז מיכאל בראַנדשטעטער געבליבן אויף זיין וואַך־פּאָסטן אין דער לאָדזשער אידישער גימנאַזיע ביז דעצעמבער 1939 און ערשט דאַן האָט ער, אונטערן דרוק פון זיינע פריינט, מסכים געווען אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע. תחילת האָט ער דאָרט געוואוינט ביי זיינעם אַ ברודער און שפּעטער האָט ער, צוזאַמען מיט דער פרוי און טאָכטער, געוואוינט אין איין קליין צימערל. ער איז באַשטימט

געוואָרן צו זיין דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר אינדיווידועלער באַהאַנדלונג פון געזעלשאַפטלעכע פּערזאָנען, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן ביים אידישן אַמט פאַר סאָציאַלע הילף (זש.ט.אָ.ס.). ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן די אונטערערדישע העברעאישע „תרבות"־גימנאַזיע, האָט ער דאָרט געאַרבעט אַלס לערער.

אין געטאָ האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אַ מעמואַרן־בוך וועגן זיין פאָטערס הויז. בשעת דעם אָנהויב פונם גירוש אין יאַנואַר 1943 איז ער געלעגן קראַנק; די דייטשן זיינען אַריין אין זיין צימער (זאַמענהאָף־גאַס 44) און אים געצוואונגען אַראָפּצוגיין אין הויף נישט אָנגעטועטערהייט, בלויז אין איין העמד. און אַזוי האָבן זיי אים דערמאָרדעט. זיין פרוי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן בשעתן גירוש. זיין טאָכטער איז אומגעקומען בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעלשאַפטלעכע פּערזאָנען, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.



בילד פון 1934

* **בראַסלאַוו שמואל:** (אין די באַריכטן פונם אונטערערד און אין דער ליסטע פון געפאַלענע איז זיין נאָמען אָנגעגעבן ברעסלער, אָבער ריכטיק איז — בראַסלאַוו). געבוירן אין מאָסקווע, דעם 20־טן מערץ 1920 אין אַ ציוניסטישער, אינטעליגענטער משפּחה. אין 1925 איז זיין פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. שמואל האָט געלערנט אין דער אידישער גימנאַזיע „חינוך". נאָך גאָר יונג איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר", וואו ער האָט זיך מיט דער צייט אַרויסגעוויזן אַלס אַקטיווער, איבערגעגעבענער און זעלבסטשטענדיקער חבר. פון 1938 איז ער געווען גרופּן־דערציער און מיטגליד אין דער הנהגה פון גרויסן וואַרשעווער קן. ער איז אויך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון דער צייטונג פון דער צופים־שיכט „מלאָדי טשין" („יונגער אויפטו").

נאָכן מלחמה אויסברוך איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן אַוועקגעוואַנדערט צו מזרח, און פאַרלאָזנדיק די באַלאַגערטע וואַרשע האָט ער מיטגענומען די פאָן פון דער אַלוועלטלעכע „השומר הצעיר"־באַוועגונג, כדי זי אַריבערצושיקן קיין ארץ־ישראל. נאָכן אָנקומען קיין ווילנע האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן צוריקצוגיין קיין וואַרשע, אָבער אינצווישן איז ער געשיקט געוואָרן אויף באַוועגונגס־אַרבעט קיין ווילקאָמיר. פון דאָרטן האָט ער געשריבן קיין ארץ־ישראל „איך בין אַדורכגעגאַנגען צופוס אַ 550 קילאָמעטער ביי כסדרדיקער באָמבאַרדירונג, דורך ברענענדיקע שטעט, אַ הונגעריקער און פאַרוואונדעטער. עטלעכע מאָל האָט מען ביי מיר צוגערויבט אין

וועג אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט, די שווערד איז מיר שוין ממש געלעגן אויפן האַלז... איך בין געלעגן אין שפּיטאָל אין ראָוונע, וואו מען האָט מיר אָפּערירט די פיס. נאָך דעם אַלעם האָט דאָס פאַרלאָזן די רוזיקע מקומות פון ס.ס.ס.ר. פאַרלאַנגט פון מיר אַ גרויסע אינערלעכע אָנשטרענגונג און אַ גרויסע גייסטיקע דיסציפּלינירטקייט. איך האָב עס געטון... אין בין זיכער, אַז איך וועל נאָך זיין אין ארץ־ישראל, וואָס און ווי עס זאָל נישט געשען מיט מיר. אָט דער גלויבן דערמעגלעכט מיר אויפצוהאַלטן מיין גלייכגעוויכט און נישט צו קלאָגן אויף דעם, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין וואַרשע״...

אין פעברואַר 1940 איז ער אַוועק קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט יוסף קאַפּלאַן (לפ״ג). ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער הנהגה ראשית און זיך אָפּגעגעבן דער אויפקלערונגס־אַרבעט. ער האָט רעדאַגירט די צייטונג פון דער באַוועגונג „נגד הזרם״ („קעגן שטראָם״), — 16—20 געסטעטנער־זייטן, האַלב־העברעאיש האַלב־פויליש. היות ווי דאָס וואָכנבלאַט איז געווען צו קנאַפּ אויפצונעמען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, האָט ער אָנגעהויבן, צוזאַמען מיט מרדכי אַניעליעוויטש, וועלכער האָט באַקומען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אַרויסגעגעבן אַ טעגלעכן ביולעטין (2—3 זייטן) מיט נייס פון לאָנדאָנער און מאָסקווער ראַדיאָ־סטאַנציעס. אין ווינטער 1940/41 האָט ער זיך אַרויס־געלאָזט אויף באַזוכן אין די אָרט־אָרגאַניזאַציעס פון דער באַוועגונג. ער האָט זיך באַ־זונדערס אָפּגעגעבן מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער באַוועגונג אין ראַדאָמער געגנט און ער האָט דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים. נאָכן אומקערן זיך אין געטאָ, איז ער געוויילט געוואָרן אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די שולן פאַר באַשטימטע הייזער־בלאָקן ביים אידישן אַמט פאַר סאָציאַלע הילף (זש.ט.אָ.ס.). ווען עס זיינען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די נאַצישע גרויזאַמקייטן און אַרויסשיקונגען אין לובלין, האָט ער אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ פון „השומר־הצעיר״־מיטגלידער (לויטן „פינפלעך״־סיס־טעם), וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט מיטן אייניציק־פאַראַנענעם געווער, — מעסערס און קאַסטעטן. ער האָט אויך אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט פאַרטיזאַנישע גרופּעס.

ער ווערט אַסך מאָל דערמאָנט אין די באַריכטן פון אידישן אונטערערד אַלס אָנטיילנעמער אין אַלע באַראַטונגען ביים פּרווו צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד, דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן אַרעסט פון יוסף קאַפּלאַן און ער איז געגאַנגען באַמיען זיך אים ראַטעווען, האָבן אים אויפן וועג אַרומגערינגלט געסטאַפּאָ־לייט אויף געגנשע גאַס. ער האָט געהאַט ביי זיך נאָר אַ מעסער און האָט זיך פאַרטיידיקט מיט אים ביז ער איז געפאַלן אונטערן קויל־האָגל פון אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ.

* **ברוידע בערל:** קאָמאַנדיר פון אַ קאַמף־גרופע פון „דרור". געבוירן אין סלאָנים, ביי פרומע עלטערן. דער פאָטער, אַ סוחר און אַ חסיד, איז געשטאָרבן בעת בערל איז נאָך געווען זייער יונג. די מוטער די אלמנה האָט איר גאַנץ לעבן געווידמעט דער דערציאונג פון איר זון. ער האָט געלערנט פריער אין חדר און דערנאָך אין אַ מיטלשול אין סלאָנים. געווען אַ טרייער און אַקטיווער חבר פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־יוגנט־באַוועגונג „פריי־הייט", — איינער פון די באַגאַבטע חברים פונם אינגערן דור. ער איז אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין קיבוץ־באָראָכאָוו אין לאָדזש און אויך דאָרט האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אין דער אָרטי־קער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, און נאָך דער פאַר־אייניקונג מיטן „החלוץ־הצעיר" — אין דער פאַר־אייניקטער באַוועגונג אין לאָדזש און אומגעגנט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון ראַיאָן־סעקרעטאַריאַט. אין 1938 האָט ער זיך באַטייליקט אינם לאַנד־סעמינאַר פון „החלוץ". אין קיבוץ האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַרבעטס־טרייער חבר און זייער באַגאַבטער אויפן קולטור־געביט. נאָך אַ קורצער צייט איז ער געוויילט געוואָרן אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פונם קיבוץ.

בילד פון 1938

אין די ערשטע מלחמה־חדשים איז ער פאַרבליבן, צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופע חברים, אָפּצוהיטן דעם קיבוץ אין לאָדזש. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז מער נישט מעגלעך איז ער אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע מענטשן אין דער קאָמונע פון החלוץ אויף דזשעלנע־גאַס. ער איז געווען אַקטיוו אין די הכשרה אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן בשעת דער מלחמה — זומער 1940 איז ער געווען סעקרעטאַר פונם הכשרה־קיבוץ אין סטערדין ביי סאָקאָלאָוו ; אין הערבסט 1941 איז ער געווען סעקרעטאַר פונם קיבוץ אין אָסטראָוויעץ קיעלעצקי. דאָרט האָט ער געמאַכט אַ פּרווו צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד, אָבער דאָס איז נישט געלונגען. דאַן האָט ער איבערגעפירט קיין וואַרשע אַ גאַנצע קאַמף־גרופע פון „דרור", — איינע פון די מוטיקסטע גרופּעס פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

ער איז געווען צווישן די שעפער פון דער אונטערערדישער יוגנט־באַוועגונג אין דער נאַצישער אָקופּאַציע־צייט, און אויך צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון די קינדער־שולן אין די הויפן פון וואַרשעווער געטאָ. ער האָט אָרגאַניזירט סעמינאַרן פון דער באַוועגונג און זיך באַטייליקט אינם אַרויסגעבן איר אונטערערדישע פּרעסע. דעם 17־טן יאַנואַר 1943 איז ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים פון „דרור", געכאַפּט געוואָרן

דורך די דייטשן, וועלכע האָבן אים אַריינגעשליידערט אין אַ צוג מיט אַ טראַנספּאָרט אידן קיין טרעבלינקע. נאָענט פאַר טרעבלינקע איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון צוג און צוריקגעקומען קיין וואַרשע. אין פעברואַר 1943 איז ער באַשטימט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַלס קאָמאַנדיר פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור". בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז אים איבערגעגעבן געוואָרן צו שיצן דעם פראָנט־אָפּשניט ביי די גאַסן מילע־זאַמענהאָף ; ער האָט דאָרטן, צוזאַמען מיט די חברים, געקעמפט העלדיש און מוטיק. אויף דער מילע־גאַס זיינען געווען קאָנצענטרירט דריי קאַמף־גרופּעס. זיינע איז געווען די פאָדערשטע. איר אויפגאַבע איז געווען אָפּצוואַרטן ביז די דייטשן וועלן אַריין אין גאַס און דאַמאָלסט זיי אַטאַקירן, אָפּשניידנדיק זיי דעם ריקצוג און אויך נישט דערלאָזן, אַז דייטשע הילף זאָל אַדורכגיין. די גרופּע האָט אין די קאַמף־טעג שוועך געשלאָגן דעם פאַרהאַסטן שונא. זי האָט ממש באַוויזן וואונדער מיט איר דרייסטקייט. דעם 8־טן מאַי 1943 איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן זיך געפונען אינם צענטראַלן בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע־גאַס 18, בעת ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך די דייטשן. כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די נאַצישע הענט — האָבן אַ טייל חברים אָנגעהויבן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער איז עטלעכע טעג פריער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט און נישט געקענט אַליין באַנוצן זיין געווער, האָט ער געבעטן אַ חבר, אַז ער זאָל אים דערשיסן. זיין קערפּער איז פאַרבליבן אונטער די חורבות. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

ברוסקין אהרן — זע פ אַ ו ו ע ל.

* **ברילאַנטשטיין סטאַשעק:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ רייך הויז. אויפגע־וואַקסן אין דער אידישער געגנט, אויף נאַוואָליפּיע־גאַס.

ער האָט געלערנט אין דער ציש"אָ־פאָלקסשול אויף קאַרמעליצקע 29. געווען פריער אַ מיטגליד אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף" און דערנאָך אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". אין דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער נישט געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג, אָבער נאָכן גרויסן גירוש אין די חדשים יולי—סעפּטעמבער 1942, איז ער ווידער געוואָרן אַקטיוו און איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געקעמפט אין דער בונדישער קאַמף־גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון י ו ר ע ק ב ל אָ נ ע ס (לפ"ג), אינם ערשטער־געביט. ער איז געפאַלן דעם 2־טן מאַי 1943 אין דער שלאַכט אַרום דעם בונקער פון פאַרזאָרגונגס־אַמט אויף פראַנציסקאַנער־גאַס 30. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (פּרטים וועגן דער שלאַכט זע זייטן 295, באַמערקונג 1).

*** גאָלד וואָלף:** מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ. עס איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען פּרטים וועגן אים, אויך נישט ביי זיינע חברים.

*** גאָלדשטיין יצחק:** געבוירן 1916 אין סאָקאָלקי, ביאַליסטאָקער קרייז. נאָך גאָר יונג איז ער אַריינגעטרעטן אין „הנוער הציוני", וואו ער האָט זיך מיט לייב־און־לעבן און מיט דער גאַנצער יוגנט־פרישקייט איבערגעגעבן דער אַרבעט פון דער באַוועגונג און אַרויסגעוויזן אַ האַרציקע און חברישע באַציאונג צו אַלעמען. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען זייער יונג, איז ער געווען צווישן די ערשטע חברים אויף הכשרה. אַ באַזונדערע אַקטיוויטעט האָט ער אַרויסגעוויזן אין דער אַרבעט אין ביאַליסטאָקער גאַנצן קרייז. ער איז כסדר געשטיגן אין דער באַוועגונג און פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער אַרויסגערופן געוואָרן קיין וואַרשע מיטצואַרבעטן אין דער הנהגה ראשית.

פאַר דער מלחמה האָט ער געדינט אין פוילישן מיליטער און דאָס איז אים צונוצגעקומען אין דער אונטערערדישער טעטיקייט. אין אָנהויב מלחמה איז ער געווען טעטיק אין לאָדזש, און דערנאָך — אין וואַרשע. ער איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין זשענעוו. ער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט יעקב פּראַשקער (לפ"ג), קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־גרופּע פון „הנוער הציוני", וועלכע האָט העלדיש געקעמפט, צוזאַמען מיט אַנדערע קאַמף־גרופּן, אינם בערשטער־געביט. מען פלעגט זיי ביידע תמיד זען צוזאַמען אין קריטישע מאָמענטן. פאַראַן אַ סברה, אַז יצחק גאָלדשטיין איז אומגעקומען בעת דעם אויפרייס פונם בונקער אויף וואַלאָווע־גאַס 8, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען יעקב פּראַשקערס קאַמף־גרופּע און אויך ציווילע מענטשן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע, וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך די אונטערערד־אָרגאַנען פון וואַרשע קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943 איז זיין נאָמען על־פּי־טעות אַריינגעשטעלט געוואָרן צווישן די מיטגלידער פון די בונדישע קאַמף־גרופּעס; דערזעלבער טעות חזרט זיך שפּעטער איבער אין די פאַרשידענע ניו־יאָרקער בונדישע אויסגאַבן).

גאַלאָוונער יצחק (עדעק): געבוירן אין ווין, אין 1915, ביי עלטערן מלחמה־פליטים פון לעמבערג. עדעק איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַן אָרימען, האַרעפּאַשנער שטוב. דער פאָטער איז אין דער יוגנט געווען אַן אַקטיווער בונדיסט און אין 1905 איז ער געזעסן אין „פּאַוויאַק" (די באַרימטע וואַרשעווער טורמע אויף פּאַוויע־גאַס) אַלס פּאָליטישער אַרעסטאַנט; פון דאָרט איז ער אַנטלאָפן קיין לעמבערג, וואו ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען צווישן די אַקטיווע חברים אין לעמבערגער פּועלי־ציוניסטישן (צ.ס.) האַנדלס־אַנגעשטעלטע־פאַריין. עדעקס מוטער איז געווען אַ קאַליקע און זי האָט מוטיק און מיט גייסטיקער רו געטראָגן איר שווערן

בילד פון 1938

גורל און די צרות פון דער אָרימער משפחה, וועלכע האָט געוואוינט אין איין ענגן און טונקעלן צימער און זיך מפרנס געווען אין גרויס דחקות. עדעק (יצחק) איז געווען דער בכור פון די דריי זין, דער ליבלינג און שטאָלץ פון זיין מוטער. ער איז געווען זייער איבערגעגעבן דער פאַמיליע און האָט מיטגעהאָלפן דער מוטער אין איר הויז־אַרבעט און געווען מיט איר גייסטיק נאָענט. ער איז געווען אַ שילער פון אַ מלוכהשער גימנאַזיע און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעאיקייטן און באַנעמונג. זיין באַשיידנקייט האָט אים געמאַכט באַליבט צווישן די לערער און די חברים. פון לעקציעס האָט ער פאַרדינט אויף זיין באַשיידענער חיונה.

פון דער שולבאַנק איז ער געקומען אין דער „פרייהייט" באַוועגונג, צוזאַמען מיט זיין ברודער ל י אָ נ ע ק, — יענער איז שפּעטער אַריבער צו די קאָמוניסטן. אריינקומענדיק אין דער באַוועגונג, האָט יצחק אפילו נישט געקענט קיין אידיש, אָבער אין אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו דערלערנען די אידישע פאָלקסשפּראַך און איר ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער „פרייהייט"־באַוועגונג זיין ברייטן גייסטיקן פאַרנעם, זיין טיפן דענקאַרט און זיין גרויסע ליבע צו ביכער און לימודים. גאַר גיך איז ער אַריין אין דער ריי פון די פאַראַנטוואָרטלעכע חברים, די יאָך־טרעגער. ער איז געווען אַ זעלטן איבערגעגעבענער חבר מיט אַ באַזונדערס איידעלער באַציאונג צו מענטשן. פון צווישן די שענסטע געשטאַלטן פון דער גרויסער חלוצישער באַוועגונג אין פוילן. ער האָט גערן גענומען אויף זיך קליינע ווי גרויסע אַרבעטן, — אַלס אינסטרוקטאָר און דערציער, אין פּראָפּאַגאַנדע, אין קולטורעלער טעטיקייט. זיינע לערער האָבן אים שטאַרק צוגערעדט ער זאָל פאָרזעצן די לימודים אין געשיכטע און פילאָלאָגיע, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. ער איז אַריין אין דער לעמבערגער הכשרה־

גרופּע, און גובר זייענדיק זיין קערפּערלעכע שוואַכקייט, האָט ער געאַרבעט פיזיש און אַרומגעוואַנדערט איבער די פאַרשידענע הכשרה־גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס.

זיינע ספּעציעלע אייגנשאַפטן זיינען באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע שוועריקייטן אין דער חלוצישער באַוועגונג, — אין דער צייט פון די אומרוען אין ארץ־ישראל, אין 1936. דער ברודער, וועלכער איז דאַמאָלסט געזעסן אין תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָט פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל פאַרלאָזן די אַרבעט אין דער באַוועגונג און זיך אָפּגעבן דער פאַמיליע, וועלכע האָט געלעבט אין גרויס נויט. יצחק האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערן געראַנגל מיט זיך זעלבסט, אָבער ער האָט נישט געקענט אויפהערן זיין אַקטיוו אין דער באַוועגונג. אַ געוויסע צייט איז ער געווען טעטיק אין קראָקע, און אין 1938 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון אַ גרופּע יוגנטלעכע פון דייטשלאַנד, וועלכע זיינען דורך די נאַציס אַרויסגעטריבן געוואָרן אין דער הפקר־זאָנע ביי דער פּוילישער גרעניץ אין זבאָנשין און זיינען אויפגענומען געוואָרן אין דער החלוץ־פאַרם אין גראָכאָוו. ער האָט גיך דערוואָרבן דעם פולן צוטרוי פון די אינגלעך, ער האָט אָפּגעשאַפט די מחיצות און דערפירט צו קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג צווישן דער יוגנט פון דייטשלאַנד און דער גרויסער החלוץ־באַוועגונג אין פּוילן.

שטאַרק איז געווען זיין שטרעבונג קיין ארץ־ישראל און ער האָט מיט גרויס בענקשאַפט אָפּגעוואַרט דעם טאָג פון זיין עליה, וועלכער האָט זיך פון אים דערווייטערט פון יאָר צו יאָר און איז שוין קיינמאָל נישט אָנגעקומען.

בעת דער מלחמה איז ער געווען אין גראָכאָוו. ער איז צוזאַמען מיטן גאַנצן קיבוץ אַרויס און אָנגעקומען קיין קאָוועל. ער און צ ב י ה זיינען געווען די ערשטע און זיי האָבן מקבל פּנים געווען די שפּעטער־אָנגעקומענע. אין שטאָט האָט געהערשט אַ כאַאָס, די החלוץ־מיטגלידער זיינען געווען צעשפּרייט איבער די וועגן, די צענטראַלע, פונאַנדערגעלאָזט, די שליחים זיינען שוין נישט געווען, אַלץ איז געווען צעטומלט און אַלע זיינען געווען דערשלאָגן, נאָר ער און צביה זיינען געווען די אייניציקע, וועלכע האָבן אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרלוירן זייער אינערלעכן גלייכגעוויכט.

בעת דער טרעפונג פון די פאָרשטייער פון דער צענטראַלע און פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קאָוועל, איז יצחק באַאויפטראַגט געוואָרן אַרויסצופאָרן צו דער רומענישער גרעניץ. פון יענער שליחות איז ער צוריקגעקומען קיין לעמבערג. צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער פון דער ערשטער אונטערערדישער קאָנפערענץ פון „דרור", וועלכע איז פאָרגעקומען אין לעמבערג דעם 31־טן דעצעמבער 1939. די באַוועגונג איז אַראָפּ אין אונטערערד, און ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר איר. ער האָט אָרגאַניזירט אינסטרוקטאָרן־גרופּעס, האָט אַרויסגעגעבן אַ ביולעטין און צירקולאַרן, ער האָט פונדאַסניי געשאַפן די באַוועגונג און זי באַנייט; ער פלעגט יעדעס מאָל דערשיינען אין אַן אַנדער אָרט, און

אָנגעשטעקט מיט לעבן און ענערגיע און איבערגעגעבנקייט דעם גאַנצן אינסטרוקטאָרן־קאַדר, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן דער לעגאַלער באַוועגונג אין ליטע און דער אונטערערדישער באַוועגונג אין פּוילן. אין אַ צייט אַרום איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע. ער האָט דאַמאָלסט געקענט פאַרווירקלעכן זיין לאַנג־יאָריקן טרוים פון עליה קיין ארץ־ישראל, ער האָט אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן אין אַזאַ שווערן מאָמענט די באַוועגונג, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט אַזעלכע גרויסע אָנשטרענגונגען און אַזוי פיל קרבנות. „פון ארץ ישראל איז נישטאָ קיין הילף, קיין שליח איז נאָך נישט אָנגעקומען. קען דען ארץ־ישראל, קען דען אונזער באַוועגונג מוותר זיין אויפן מזרח־פּוילישן אידענטום, אויף דער חלוצישער יוגנט, וועלכע רייסט זיך צו עליה? מיר מוזן אַלע דאָ בלייבן, און טון אַלץ וואָס מיר קענען און אָנקומען קיין ארץ־ישראל די לעצטע, ווען מען וועט אונז שוין שיקן אַלס אַרעסטירטע פאַרן ציוניזם״,— דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער אויף דער פאַרזאַמלונג פון ווילנער אַקטיוו. דאַן האָט ער ווידער גענומען אויף זיך, ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען, די שווערסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען און געזעסן אין לוצקער תפיסה, וואו ס'איז אויך געזעסן שיינדל שוואַרץ (לפ״ג). ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָבן זיי אים פאַרהאַלטן אין תפיסה, אַלס אַ דאַלמעטשער פאַר די רוסישע געפאַנגענע, שפּעטער האָבן זיי אים דערמאָרדעט. אינם בריוו פון החלוץ אין פּוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, געפינט זיך זיין נאָמען צווישן די געטרייסטע פון דער באַוועגונג, וועלכע זיינען געפאַלן, דערפילנדיק ביזן לעצטן מאָמענט זייער פליכט.

גאַפּטעק ברוך: קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין בענדין.



ער האָט געשטאַמט פון פּולטוסק, אין דער יוגנט איז ער געווען אַ ישיבה בחור, שפּעטער — אַ טרייער חבר פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פריער אין „השומר הצעיר״ און דערנאָך אין „פרייהייט״. ער איז געווען אַ לערער פון העברעאיש, אַקטיוו אין „החלוץ״. נאָך פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט ער זיך באַטייליקט אין זעלבסטשוץ־קורסן, וואָס די באַוועגונג האָט איינגעאָרדנט אין זשעליאָנקי ביי וואַרשע. ער איז אַרויס אויף הכשרה אין קיבוץ בענדין און דאָרט האָט ער פאַרגעזעצט זיין לערערישע אַרבעט. ער האָט זיך גוט געפילט אין קיבוץ, וועלכער האָט אים דערמעגלעכט גייסטיק צו וואַקסן, איבערגעבנדיק אין זיין אָנפירונג זעלבסטאַנטוויק־

לונגס־קרייזן. אין די שווערע צייטן האָט ער געפּרוווט אָפּצווענדן די ביטערקייט פון הארץ מיט איינלערנען העברעאישע לידער. בעת די אַרויסשיקונגען אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד איז ער אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים פון קיבוץ. זיי זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס אַרבעטס־אָנפירער און אים איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ גרויסע אחריות פאַרן גאַנצן לאַגער. ער האָט געהאַט אַ באַפעל צו שלאָגן מיט אַ שטעקן די, וואָס וועלן נישט אַרבעטן ווי געהעריק, ער האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, אויף קיינעם קיין האַנט נישט אויפגעהויבן, און כדי צו פאַרבאָרגן די קנאַפּע אַרבעט פון די שוואַכערע, האָט ער אַליין אויסגעפילט זייער אַרבעטס־אויפגאַבע. איינער פון די נאַצישע הויפּט־אויפזעער, אַ באַקאַנטער רוצח ל י נ ד ע ר האָט אים גערופן און געדראָט מיט דערשיסן, אויב ער וועט נישט שלאָגן די שוואַכע אין דער אַרבעט. מיט ה ע ר ש ל ש פ ר י נ ג ע ר ס (לפ״ג) אָנשטרענגונגען איז ער אומגעקערט געוואָרן קיין בענדין. צוריקקומענדיק איז ער געוואָרן דער הויפּט־טוער פון דער קאַמף־באַוועגונג. דער שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע האָט אים נאָמינירט אַלס קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין בענדין. אין דער־דאָזיקער אויפגאַבע, וועלכע ער האָט דערפילט מיט מוט און ווירדע, האָט ער אַריינגע־לייגט זייער אַ סך ענערגיע און מי. ער איז פון פריער געווען געניט אין די וועגן פון אַקטיווער זעלבסטשוץ און ער האָט אָנגעהויבן פּראַקטיש אויסצובילדן די חברים אין געווער־באַנוצונגען (הייס געווער און אויך העק, האַמערס, קאָסעס א.אַ.וו.). אין פעברואַר 1943 האָט די אידישע קהלה געפאָדערט פינף חברים פון קיבוץ, זיי זאָלן גיין דינען אין דער „אידישער פּאָליציי", און ער איז פאַרלאַנגט געוואָרן צו זיין זייער קאָמענדאַנט. די בחורים האָבן זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוקומען דער פאָדערונג, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט מיטהעלפן די דייטשן אין אידן־מאָרדונג. זיי זיינען געבליבן ביי זייערס אויך ווען ס׳איז אָנגעקומען דער באַפעל צוצונעמען ביי זיי די אַרבעטס־ביכלעך. אויפצומאָרגנס איז אין קיבוץ געקומען די מיליץ, כדי צו נעמען זיי מיט גוואַלט, עס איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף און די בחורים זיינען געווען געצווונגען צו גיין אין פּאָליציי־דינסט צוליב דער מורא, טאָמער וועלן זיך אַריינמישן די דייטשן און זיי וועלן אויסהרגענען אַלע חברים. אָבער אַדאַנק דער אַריינמישונג און די אָנשטרענגונגען פון פ ר ו מ ק ע און ה ע ר ש ל זיינען די בחורים באַפרייט געוואָרן, און צווישן זיי אויך ב ר ו ך (פּרטים וועגן דעם קאַפּיטל —— זע אין ר ע נ י אַ ס בוך „בנדודים ובמחתרת", הוצאת הקיבוץ המאוחד, זייט 77 א. וו.). ברוך איז אויך געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פונם קיבוץ „עתיד" — פאַר קינדער יתומים פון 10—16 יאָר, וועלכע זיינען נאָך דער ליקווידירונג פונם בית־יתומים פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

צוויי טעג פאַר זיין טויט איז ער באַשטימט געוואָרן, צוזאַמען מיט נאָך חברים, אַרויסצופאָרן אין אַ שליחות קיין אויסלאַנד. די שליחות איז אַדורכגעפאַלן און עטלעכע חברים זיינען אומגעקומען אין וועג. דעם טאָג ווען ער איז צוריקגעקומען, 3־טער

אויגוסט 1943, איז געווען דער אָנפאַל אויפן בונקער, וואו ער האָט זיך געפונען מיט זיין חברטע פ ר ו מ ק א ד אָ ל נ אַ ר אָ ז אַ און אַנדערע חברים. ער איז געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן געעפנט אַ שיסעריי אויף די ס.ס.־לייט. און איידער ער איז געפאַלן, האָט ער דערהרגעט צוויי פון זיי. 30 יאָר איז ער אַלט געווען.



*** גוטמאַן חנוך (הענעך):** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״. אַ קינד פון לאָדזשער באַלוט, געבוירן ביי אָרימע עלטערן. זייענדיק נאָך זייער יונג, נישט פאַרענדיקנדיק די פאָלקס־שול, האָט ער שוין געמוזט אַרבעטן אויף צו פאַרדינען זיין חיונה און אָנגעהויבן איינזאַפּן אין זיך די גאַנצע ביטערניש און צער, אָבער אויך די קלוגשאַפט פון דער לעבנס־נויט. ער איז געווען באַהערשט פון אַ זייער שטאַרקער שטרעבונג צו לערנען און דערוואַרבן וויסן; ער האָט כסדר געלייענט, — אויך ביכער נישט צוגעפּאַסטע צו זיין עלטער. נאָך אַלס קינד כמעט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג, שפּעטער איז ער אריבער אין דער „פרייהייט״ — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פועלי־ציון (צ.ס.). ער איז אַריין אין אינגערן שיכט און באַלד איז קענטיק געוואָרן זיין השפעה אין דער „עין־חרוד״־גרופּע. ער איז געווען קליינגעוויקסיק, מיט אַ קיילעכיק, שמייכלענדיק פנים, און אין די אויגן האָט געפינקלט אַן אויסדרוק פון קלוגשאַפט און עקשנות. נאָך אַ קורצער צייט פון טעטיקייט אין דער אָרטיקער „פרייהייט״־אָרגאַניזאַציע האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גוטער און איבערגעגעבענער פריינט, וועלכער האָט ווייטער געשטרעבט צו לערנען און וויסן. זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג איז איבערגעשטיגן דעם ניוואָ פון זיינע חברים אין זעלבן עלטער. ער פלעגט תמיד פאַרטיפן זיך אין פראַגן, רעוואָלטירנדיק קעגן דעם עקזיסטירנדיקן צושטאַנד. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די מקורות פון דער באַוועגונג און זיך אָפּגעגעבן דער דערקלערונג פון איר געשיכטע. אין רעדן איז ער געווען שאַרף און אָפטמאָל בייסיק.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער צוזאַמען מיט די חברים פון לאָדזשער באַראָכאָוו־קיבוץ אַריבער קיין וואַרשע. דאָרטן האָט ער געאַרבעט אויפן פלי־פלאַץ אין אָקענטשע (צוואַנגס־אַרבעט פון פריען באַגינען ביז נאַכט, — עס האָבן דאָרט געאַרבעט ביי 600 יוגנטלעכע, אויך נאָך דער שאַפונג פון געטאָ; דער אַרבעטס־לוין איז געווען אַ נישטיקער — דריי זלאָטיס מיט 20 גראָשן אַ טאָג, אָבער עס האָט געצויגן די האָפנונג אַריבערצושמוגלען אַמאָל אַ לעבל־ברויט פון דרויסן אין געטאָ אַריין). די צרות און

פֿיין האָבן נאָך מער פֿאַרהאַרטעוועט זיין כאַראַקטער און געשמידט דעם שטאַרקן ווילן אויסצוהאַלטן. ער האָט דאַן פֿאַרגעזעצט נאָך ענערגישער זיין אונטערערדישע טעטיקייט אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און אין דער חלוצישער קאָמונע, וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דזשעלנע גאַס 34. ער האָט זיך באַטייליקט אין ערשטן אונטערערדישן החלוץ־סעמינאַר אין יוני 1941. אויף אַ געוויסע צייט איז ער געשיקט געוואָרן קיין הרוביעשאָוו און ער איז דאָרט געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דעם ערשטן חלוצישן אונטערערד און פֿון דער קאַמף־אָפּטיילונג. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט און קאַלטבלוטיקייט. האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען נאָך אין די ערשטע קאַמפֿן, אין יאַנואַר 1943. ער ווערט אַ סך מאָל דערמאָנט אין די טאָג־פֿאַרצייכנונגען פֿון די קעמפֿער. די קאַמף־גרופּע אונטער זיין אָנפֿירונג האָט אין די ערשטע טעג פֿונם געטאָ־אויפֿשטאַנד העלדיש געקעמפֿט אינם בערשטער געביט, אויף וואָלאָווע־גאַס, און אָוועקגעלייגט אַסך דייטשע מערדער, שפּעטער האָט ער אַריבערגעפֿירט זיין גרופּע אינם בונקער אויף פֿראַנצישקאַנער־גאַס 30. ביי אַ שלאַכט אַרום דעם בונקער, דעם 2־טן מאַי 1943, איז ער שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און ער האָט נישט געקענט שפּעטער אַרויס פֿונם געטאָ־געביט מיט די לעבן־געבליבענע קעמפֿער, וועלכע זיינען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אַריבער אויף דער אַרישער זייט. ער איז פֿאַרבליבן אין געטאָ־געביט אויך נאָך דעם 10־טן מאַי און צוזאַמען מיט אים אויך זיין חברטע פּייטשע (צפּורה) ראַבאָוו (לפּ״ג), וועלכע האָט נישט געוואָלט אים לאָזן אַליין און אויך זי איז געווען צווישן די לעצטפֿאַרבליבענע קעמפֿער, וועלכע האָבן נאָך פֿאַרגעזעצט דעם ווידערשטאַנד אַ סך וואָכן. זיין נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. 24 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען.

* **גוטערמאַן יעקב:** אַ געבוירענער אין וואַרשע. אַ זון פֿון אַן אָרימער פֿאַמיליע, אַן איבערגעגעבענער חבר פֿון „פֿרייהייט״ — די יוגנט־באַוועגונג פֿון דער פּועלי־ציון (צ. ס.) פּאַרטיי. אין דער מלחמה־צייט איז ער געווען אין דער „החלוץ״־פֿאַרם אין טשערניאַקאָוו און נאָך איר ליקווידירונג איז ער אַריבער אין דעם קאָנצענטריר־אָרט פֿון „דרור״ אין וואַרשע, אויף מילע גאַס 34. ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ „דרור״ קאַמף־אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדירונג פֿון זכריה אַרטשטיין (לפּ״ג). טוביה באָזשיקאָווסקי דערמאָנט אים אין זיין טאָגבוך פֿון די קאַמפֿן אין „צענטראַלן געטאָ״ אַלס „יעקב, אַ יונגער גבור, אַ געזונטער און שטאַרקער, שיסט מיט אַ ביקס פֿונם פֿראָנט־באַלקאָן״. ער איז געווען צווישן די געציילטע קעמפֿער, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו באַקומען אַ ביקס. ער האָט זי טאַקי אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג און איין מאָל בעת דער רייניקונג איז פֿאַרשטאָפּט געוואָרן די לופֿטרער און ס׳איז געווען אַ מורא, אַז מען וועט די ביקס

שוין נישט קענען באַנוצן, האָט ער אַזוי געליטן צוליבן שאָדן, וואָס ער האָט כלומרשט גורם געווען דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אַז ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער איז פאַרבליבן אינם געטאָ־געביט אויך נאָך דעם 8־טן מאַי 1943, ווען אַ גרופּע קעמפער איז אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט, און איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די לעצטע קעמפער, — אַלט זייענדיק אַ יאָר 28. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין ווארשעווער געטאָ־קאַמף.

(אין דער ליסטע פון געפאַלענע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אין נאָוועמבער 1943 אַריבערגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן, דערשיינט דער פאַמיליע־נאָמען גוטערמאַן — אָן אַ פאָרנאָמען. אין דער ערשטער העברעאישער אויסגאַבע פון דעם בוך האָבן מיר אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז עס רעדט זיך אפשר וועגן גוטערמאַן שמחה — שימעק, און מיר האָבן געבראַכט אַ שילדערונג פון אים און אויך זיינע אַ פאָטאָגראַפיע. איצטער איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער ליסטע פון געפאַלענע ווערט געמיינט דער אויבן־געשילדערטער יעקב).

גוטקאָווסקי אליהו: געבוירן אין קאַלוואַריע אין ליטע, אין יאָר 1900. צו זיבן יאָר איז ער אַריבערגעפאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן קיין לאָדזש. זיין פאָטער (הרב יעקב גוטקאָווסקי, געלעבט אַ סך יאָרן אין ארץ־ישראל און נפטר געוואָרן אין תל־אביב אין יאָר תרצ"ו), איז געווען אַ מטיף, אַ לערער פון העברעאיש און א מחבר פון העברעאישע ביכער. אליהו האָט איינגעזאַפּט אידיש־העברעאישע קולטור פון דער יוגנט אָן. נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיע־שילער, איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג. נאָך דער שפּאַלטונג, אין 1920, איז ער געווען צווישן די איינצלנע אין לאָדזש, וועלכע האָבן אויפגעבויט די פועלי־ציון (צ. ס.) פאַרטיי און ער איז איר געבליבן טריי ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער האָט געהערט צו די


בילד פון 1938

הויפּט־זיילן פון דער פאַרטיי אין לאָדזש, איז געווען צווישן יענע איינצלנע, וועלכע האָבן זי דערהויבן פון אַ קליינעם קרייז און געמאַכט פאַר אַ מאַסן־פאַרטיי. כאָטש ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין פאַך־אַרבעט אַלס לערער אין לאָדזשער מיטלשולן און אין די אָוונטן האָט ער זיך געגרייט צו די עקזאַמענס אין אוניווערזיטעט, וועלכן ער האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכנונג, — האָט ער פונדעסטוועגן געווידמעט אַ סך צייט דער טאָגטעגלעכער פאַרטיי־אַרבעט און הויפּטזאַכלעך דער דערציאונגס־אַרבעט ביי דער פאַרטייאישער יוגנט, — אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעפירט קרייזן

פּאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, באַראָכאָוויזם, און ער פּלעגט אויך אַרויס־טרעטן מיט עפנטלעכע פאָרטראַגן אויף אידעאָלאָגישע טעמעס. באַזונדערס פּלעגט ער לערנען מיט זיינע צוהערער די באַראָכאָוויסטישע טעאָריע און ער האָט געקענט כמעט אויף אויסווייניק אַלע באַראָכאָווס שריפטן. ער פּלעגט אַריינברענגען נשמה און גייסטיקן אינהאַלט אין דער פּאַרטיי און אין דער יוגנט־באַוועגונג. ער איז געווען זייער באַליבט ביי אַלעמען, ווי אַן איבערגעגעבענער, הויך־אינטעלעקטועלער און הויך־מאָראַלישער מענטש. עטלעכע מאָל האָט מען אים פּאַרגעלייגט איבערצורייסן זיין פּאַך־אַרבעט און איבערגעבן זיך נאָר דער אַרבעט פון דער באַוועגונג, אָבער ער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק, אַז ער באַטראַכט די אַרבעט אין דער באַוועגונג אַלס אַן עבודת־קודש און דעריבער וויל ער זי בעסער טון, נישט באַקומענדיק דער־פּאַר קיין געצאָלט. ער האָט געאַרבעט איבער אַ העברעאישער איבערזעצונג פון מאַרקס „קאַפּיטאַל" און ער האָט שוין געהאַט איבערגעזעצט דעם ערשטן טייל, אָבער ווייזט אויס אַז זיין אַרבעט איז פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט איבערגעזעצט אויף פּויליש דעם רמב"מ'ס „שמונה פרקים" אַלס דיסערטאַציע־אַרבעט.

אין דער מלחמה־צייט איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט. ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע צענטראַלע חברים פון לאָדזש אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. ער ווערט דערמאָנט עטלעכע מאָל אין די באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פונם אידישן אונטערערד. אין דער אונטערערדישער גימנאַזיע „דרור" אויף דזשעלנע־גאַס איז ער געווען לערער פון אידישער געשיכטע, געאָגראַפיע פון ארץ ישראל און אַנדערע געגנשטאַנדן. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר און הויפּט־שרייבער פון דער זאַמלונג „פיין און גבורה אין דער אידישער געשיכטע" אַ זאַמלונג וועגן דער מאַר־טיראָלאָגיע פון אידישן פאָלק (120 זייטן), וועלכע איז דערשינען אין וואַרשעווער געטאָ, אַרויסגעגעבן דורך „דרור". ער האָט רעדאַגירט דעם ביולעטין פון דער געזעל־שאַפט „עונג שבת" (דער מאַסקירטער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געפירט די קולטור־אַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ). האָט זיך באַטייליקט אין אַלע אונטערערדישע אויסגאַבן פון דער באַוועגונג. געווען אַקטיוו אין אַלע קולטור־טעטי־קייטן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין געטאָ. באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען צוזאַמען מיט ד"ר. ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו ם ביים אָנפירן דעם אַרכיוו פונם אונטערערדישן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. ער פלעגט אינזינען האָבן יעדן מיטאַרבעטער, קומען צו אים, מאָנען, דערמאָנען, מונטערן — אפילו ברענגען העפטן צום שרייבן. אין דער לעצטער צייט האָט ער געאַרבעט אינם לאַנדוי־„שאָפּ". נאָך דער גרינדונג פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט ער רעדאַגירט אַן אינפאָר־מאַציע־ביולעטין וועגן די אידן־פייניקונגען אין געטאָ פאַר דער פּוילישער פּרעסע. בעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אַפּריל—מאַי 1943, איז ער אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי ל י ו ב אַ — פונדערהיים פ י אַ ט ר ק אָ וו ס ק י — און מיט זייער

4־יאָריקן זונעלע ג ב ר י א ל ־ ז א ב. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער שוין דערמאָנטער ליסטע פון 320 געזעלשאַפטלעכע טוער און קינסטלער — ער איז אַלט געווען 39 יאָר.

* **גוטריימאַן קובא:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, וועלכע די אונטערערד קרייזן האָבן איבערגעשיקט אין נאָוועמבער 1943 פון וואַרשע קיין לאָנדאָן. אויף צווישן זיינע אידעען־חברים איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען פּרטים וועגן אים. אפשר, אַז דאָס איז דער קובאַ וואָס ווערט דערמאָנט זייט 266, באַמ. 7, און אין דער אזכרה־רשימה וועגן אַלטערמאַן שלמה.

* **גוטשטאַט צפורה:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַן אָרימער שטוב. צו 12 יאָר איז זי אַריין אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט", וואו זי האָט געלערנט און דערוויסט זיך וועגן דער אַלגעמיינער און אידישער וועלט. זי האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער דערשיינונג פון פאַרלאָזענע קינדער, וועלכע וואַקסן אָן דערציאונג און בילדונג; צוזאַמען מיט עטלעכע יוגנטלעכע אין איר עלטער האָט זי אָרגאַניזירט אַ מוסטער־גרופּע, מיטן נאָמען „אַדלער", וועלכע האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע פאַרוואַלטונג, אַ קולטור־קאָמיסיע א.אַ.וו. צפורה איז געווען אין דער גרופּע־פאַרוואַלטונג און האָט אַרויסגעוויזן גרויסע אַקטיוויטעט. מיט איר איבערגעגעבנקייט, התלהבות און נשמה־גאַנצקייט האָט זי אויך באַווירקט אירע משפחה־מיטגלידער און זיי אַריינגעצויגן — גרויס און קליין — אין דער באַוועגונג. אָפּזייענדיק צוויי יאָר אין דער גרופּע, האָט זי מיטגעבראַכט איר אינגערע שוועסטער, און יענע האָט אָרגאַניזירט די קינדער פון איר קלאַס און די קינדער פון הויף און געשאַפן אַ נייע גרופּע „זאַנגען". אויך דער קליינינקער ברודערל האָט נישט צורו־געלאָזט און פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אַריינעמען אין דער גרופּע. זיי האָבן אַלע געריסן זיך אין דער הכשרה, כדי וואָס גיכער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

בילד פון 1938

האָרט פאַרן מלחמה־אויסברוך איז זי אַריבערגעפאָרן צוזאַמען מיט דער פאַמיליע קיין לאָדזש, אָבער נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי צוריקגעקומען קיין וואַרשע. איר גרופּע אין וואַרשעווער „פרייהייט" איז זיך נישט צעפאַלן און די מיטגלידער זיינען געווען טעטיק אין אונטערערד. שפּעטער זיינען זיי קאָלעקטיוו אַריינגעטרעטן

אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". בעת די געטאָ־קאַמפן האָט זי געקעמפט אין דער גרופּע פון חנוך ג ו ט מ אַ ן (לפ"ג). דעם 10־טן מאַי איז איר געלונגען אַרויסצוקומען, צוזאַמען מיט די לעבנגעבליבענע קעמפער, אויף דער אַרישער זייט, אויף פּראָסטע־גאַס. זי האָט מיטגעקעמפט מיט די פּאַרטיזאַנער אין די ווישקאָווער וועלדער און איז אומגעקומען ביי אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן, בשעת אַן אַריבערגאַנג איבערן בוג. ווי באַקאַנט האָבן די לעצטפאַרבליבענע קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע זיך צעטיילט אין 4 גרופּעס, וואָס צוויי האָבן אָפּערירט אויף איין זייט בוג און צוויי אויף דער צווייטער זייט. צייטנווייז איז אויך נויטיק געווען, אַז די גרופּעס זאָלן אַריבער פון איין זייט ברעג אויפן צווייטן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** גורני יחיאל:** אַ חבר פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. געווען אַ טרייער און איבערגעגעבענער חבר. אין דער געטאָ־תקופה האָט ער געאַרבעט אינם לאַנדוי־„שאָפּ" אויף גענשע 30. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און בשעת די שלאַכטן האָט ער געקעמפט אין דער קאַמף־גרופּע פון זיין פּאַרטיי, אונטער דער אָנפירונג פון הירש ב ע ר ל י נ ס ק י (לפ"ג). ער איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען אומגעקומען בעת דעם פּרווו אַרויסצוגיין דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, דעם 10־טן מאַי 1943, ער איז דאַן אַלט געווען 35 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

גיטערמאַן (פונדערהיים סאַפּאָזשניק) אסתר: געבוירן אין וואַסילקאָוו ביי קיעוו אין 1898. געווען סעקרעטאַרין פון דער „אָזע"־געזעלשאַפט (אידישע געז. פאַר פאָלקסגעזונט) אין קיעוו. אין אָנהויב 1917, באַלד נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט זי אָרגאַניזירט די אידישע לערערשאַפט אין וואָלין. לויט איר איניציאַטיוו איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון אידישע לערער אין ראָוונע, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן בויען אַ נעץ פון מאָדערנע אידישע שולן און קולטור־אַנשטאַלטן. אין 1918 איז זי געקומען קיין לוצק, צוזאַמען מיט אַ גרופּע לערער, לערערינס און קראַנקן־שוועסטער, וואָס „אָזע" האָט זיי אַרויסגעשיקט צו אָרגאַניזירן קינדער־גערטנער, שפּילפּלעצער און געזונטהייט־היימען פאַר די פּליטים־קינדער אין וואָלינער געגנט. דאָרט איז זי געווילט געוואָרן אין שטאָטראָט און געאַרבעט אין דער שול־און דערציאונגס־אָפּטיילונג. אין 1920 האָט זי חתונה געהאַט מיט י צ ח ק ג י ט ע ר מ אַ ן (זע ווייטער) און איז אַריבערגעפאָרן מיט אים קיין קיעוו און דערנאָך קיין וואַרשע. זי איז געווען אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין הילף־און דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן אָדער

געשעטיצט געוואָרן דורכן „דזשאָינט”. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד איז זי אַריבערגעפירט געוואָרן אין איינעם פון די אָפּגעשלאָסענע לאַגערן אין לובלינער געגנט און דאָרט איז זי אין 1943 דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן.

גיטערמאַן יצחק: געבוירן אין שטעטל האָרנאָסטאָפּאָל (קיעווער קרייז) אין 1889, אינם הויף פון זיין זיידן דעם רבי ר׳ מרדכי־בער טווערסקי — איינער פון די באַקאַנטע רביים אין אוקראַינע. פון זיין פריער יוגנט ביזן לעצטן לעבנס־טאָג האָט ער זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים — אַן עכטער געזעלשאַפטלעכער עסקן. זיין גאַנצע לעבנסטעטיקייט האָט ער געווידמעט צו העלפן פליטים און געיאָגטע. אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען קיין קיעוו איז אָנגעקומען אַ שטראָם אידישע פליטים פון פוילן, פון קאָוונער ליטע — און אויך טויזנטער אידן פון גאַליצישע שטעטלעך, וועלכע זיינען גענומען געוואָרן אַלס ערובניקעס און פאַרשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד, איז גיטערמאַן געווען אין דער

גרופּע פון אידישער אינטעליגענץ פון אַלע ריכטונגען אין אוקראַינע, וועלכע האָט געשאַפן דעם „יעקאָפּע” (קאָמיטעט צו העלפן אידן) און דערלאַנגט די אָנגעקומענע דרינגענדע הילף. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין דער „עוואַקואַציע־קאָמיסיע”. אין 1918, בעת די אוקראַינער פאָגראָמען, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די געליטענע אידן אין די צעפּאָגראָמירטע שטעטלעך, און אָפט איז זיין אייגן לעבן געווען אין געפאַר. אין 1921 איז ער אָנגעקומען קיין פוילן און באַשטימט געוואָרן דורכן „דזשאָינט” צו אָרגאַניזירן זיין וואַרשעווער אָפּטיילונג.

זיין טעטיקייט אין פוילן איז געווען זייער אַ פאַרצווייגטע. ער האָט געהאַט אַ גרויסן אָנטייל אין דער נעץ „גמילות־חסדים־קאַסעס”, וועלכע ער האָט געגרינדעט פאַר בעלי־מלאכות און קליינהענדלער. ער איז אויך געווען באַטייליקט אין דער אַרבעט פונם ביכער־פאַרלאַג „קולטור־ליגע” און פון דער „ייוואָ־צענטראַלע” און האָט וואַרים אונטערשטיצט פאַרשידענע אידישע קולטורעלע, וויסנשאַפטלעכע און קונסט־אונטערנעמונגען. ער האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געשטיצט און מיטגעהאָלפן דעם החלוץ אין פוילן. אין 1929 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל און באַזונדערס זיך אינטערעסירט מיט די פּונקטן פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז זיין זון און זיין טאָכטער זאָלן לערנען העברעאיש.

בעת דער מלחמה איז ער צוזאַמען מיט די פליטים פון פוילן אָנגעקומען קיין

ווילנע און תיכף אַנטוויקלט אַ הילפס און רעטונגס־אַקציע. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין שטאָקהאָלם, כדי איינצושטעלן דאָרט אַן ענגערע פאַרבינדונג מיט אַמעריקע און אַזוי אַרום קענען פאַרגרעסערן די הילפס־אַרבעט. אינמיטן ים איז די שיף פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די נאַציס און ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן, צוזאַמען מיט מ. אַזשעך (לפ״ג), צוערשט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד און ערשט אין אַפּריל 1940 איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע אין אַ טראַנספּאָרט געפאַנגענע אידישע סאָלדאַטן, פון פּוילן (זע אזכרה־פאַרצייכניש, וועגן מ. אַזשעך). באַלד נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע האָט ער ווייטער מסירות־נפשדיק פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. זיין דירה אויף זשעלאַזנע־גאַס 103 (אין דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע) האָט געדינט אַלס וויכטיקער טרעף־פּונקט פאַר די אידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. געווען אין איר בירגער־קאָמיטעט, וועלכער האָט געזאָרגט צו באַקומען געלט־מיטלען פאַרן ווידערשטאַנד און פאַר פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. פון צווישן די ווייניקע עלטערע געזעלשאַפט־לעכע טוער, וועלכע האָבן שוין אין אַ פריערער תקופה געהאַלטן, אַז מען מוז אָנהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די דייטשן. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער ערשטער ווידערשטאַנד־אַקציע, אויף די טרעפּ פון זיין וואוינונג, אין אָנהויב פון צווייטן גירוש, 18־טן יאַנואַר 1943. (וועגן זיין פרוי אסתר גיטערמאַן — זע פריער). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעל־שאַפטלעכע טוער, שרייבער און קינסטלער.

גיפּש יצחק: אַ לעדער־אַרבעטער. אַ געטרייער חבר פון דער לינקער פּועלי־ציון

פּאַרטיי, וועלכער האָט תמיד געקעמפט איבערגעגעבן פאַר אירע אידייען. ער איז לויט אַלע זיינע אייגנ־שאַפטן געווען אַן עכטער קעמפער. ביי יעדער סכנה האָט ער אַרויסגעוויזן גאָר אַ סך מוט. אַזעלכע געלעגנהייטן האָבן נישט געפעלט אויך אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, — בעת דעמאָנ־סטראַציעס געגן דער רעגירונג אָדער בעת צוזאַמענ־שטויסן מיט דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער יוגנט, וועלכע פלעגט באַוויזן אירע „גבורות״ אין אָנפאַלן אויף אידישע פאַרזאַמלונגען, וויסנדיק גאַנץ זיכער, אַז די פּאָליציי איז אויף איר זייט, — אין אַלע אַזעלכע פאַלן איז גיפּש געשטאַנען ווי געהעריק אויף דער וואַך.

אויך בעת דער מלחמה האָט ער נישט פאַרלאָזט זיין פּאָזיציע אין וואַרשע און איז געווען אַקטיוו אינם אונטערערד ביזן סוף. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי־ציון אין פוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל פון 24־טן מאַי 1943 ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די אַקטיווע חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן. ער איז דאַן אַלט געווען 35 יאָר.

גלאַטשטיין יעקב: געזאַנג־לערער אין דער גימנאַזיע „יהודיה" אין וואַרשע.

אַ פּרוטבאַרער קאָמפּאָזיטאָר פון פּאָפּולער־געוואָרענע קינדער־לידער. געזאַנג־לערער און דיריגענט פון די קינדער־כאָרן אין די ציש"אָ־פאָלקסשולן. דער דיריגענט פון די כאָרן פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". ער האָט זיך אויך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט דער שאַפונג און רעאַליזירונג פון קינסטלערישער מאַסן־דעקלאַמאַציע.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער אַדורכגעמאַכט זייער שווערע צייטן. ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות. זיין פרוי איז געשטאָרבן פון טיפוס און ער האָט אויסער זיין אַרבעט געמוזט זיך באַשעפטיקן מיט דער קליינער איבערגעבליבענער יתומהלע. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַמיט אָנטיילצונעמען אין דער קולטור־אַרבעט אין געטאָ. ער האָט אָרגאַניזירט קינדער־כאָרן אין די פּליטים הייזער און זיך כסדר באַמיט אָנגענעמער צו מאַכן דאָס לעבן פון די קינדער און פאַרשאַפן זיי גייסטיקע פאַרגעניגנס. ער האָט אויך אין געטאָ צוזאַמענגעהאַלטן דעם כאָר פון „צוקונפט" און דיריגירט זיינע קאָנצערטן, אויך גרויסע קאָנצערטן אין זאַל פון דער יודאַאיסטישער ביבליאָטעק. ער האָט געשאַפן אַ מעלאָדיע צו יצחק קאַצענעלסאָנס (לפ"ג) ליד „אַרויס איז געגאַנגען אַ איד אויף דער גאַס", — געדרוקט אין דער „דרור"־צייטונג, אין 1940. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין סאַמע אויפבלי פון זיין טאַלאַנט.

אין דר. ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו מ ס בריוו וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין געטאָ ווערט ער דערמאָנט (אָן פאַרנאָמען) צווישן די כאָר־אָנפירערס פון געטאָ, וועלכע זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320.

אין דער דאָזיקער ליסטע ווערן אויך דערמאָנט די נעמען פון די מוזיקער י ש ר א ל און י ו ס ף ג ל אַ ט ש ט י י ן. י ש ר א ל ג ל אַ ט ש ט י י ן: — אין יאָר 1908 האָט ער שוין געזונגען אין כאָר פון זאַנדבערגס טעאַטער אין לאָדזש. און פון דאַמאָלסט

אַן האָט זיך געצויגן זיין געבענטשטע און פּרוכטבאַרע מוזיקאַלישע טעטיקייט. זיינע קאָמפּאָזיציעס זיינען באַקאַנט אין דער גאַנצער אידישער וועלט. אין 1920 איז אין וואַרשע דערשינען זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „געזאַנג און שפּיל" (ווערטער פון משה בראָדערזאָן און יצחק קאַצענעלסאָן). טויזנטער אידישע קינדער אין גאַר דער וועלט זינגען זיינע לידער. ער האָט אויך געשאַפן די אידישע אָפּערע „פּאַטימאַ" (דיכטונגען פון יצחק קאַצענעלסאָן). ער איז איבערגעפאָרן קיין בערלין און דאָרט פאַרבליבן ביז 1939. דאַן איז ער צוריק געקומען קיין וואַרשע און בעת אין געטאָ איז באַנייט געוואָרן דאָס אידישע טעאַטער, אין דער ספּעציעל רעמאָנטירטער „סקאַלאַ"־געביידע, איז ער געווען דער מוזיקאַלישער לייטער. ער איז שוין פאַרבליבן אין וואַרשע און דאָרט אומגעקומען צווישן אַלע אידן. יוסף גלאַטשטיין: דער מוזיק־קריטיקער פון דער „פאָלקסצייטונג" (די טאָג־צייטונג פון „בונד" אין וואַרשע). ער איז געווען אַ טרייער אָפּהיטער פון אַלע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען פון אידישער מוזיק, וועלכער ער האָט זיין גאַנץ לעבן געדינט מיט ליבע און טריישאַפט.

גלאַנץ רבקה: געבוירן אין קאָנין, פויזנער קרייז, אין 1915. פון גאָר־פרי געווען אַ חברטע אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. אין הכשרה איז זי געווען פריער אינם קיבוץ אין פּלאָצק, אַ קליינע גרופּע, וועלכע האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן עקזיסטענץ־קאַמף. שפּעטער איז זי געווען אין לאָדזש, אין קיבוץ באָראָכאָוו. סוף 1935 האָט זיך רבקה באַטייליקט אין ראַיאָן־סעמינאַר פון החלוץ, נעבן לאָדזש. נאָכן באַשלוס וועגן אָנהויבן אַ ים־הכשרה איז זי געווען צווישן די, וועלכע זיינען אַוועק קיין גדיניע (דער נייער פּוילישער ים־פּאָרט), און איר פרייד איז געווען גרויס, וואָס זי האָט זוכה געווען צו זיין צווישן די דעראָבערער פון אַ נייעם צווייג.

בעת דער מלחמה, ווען גדיניע האָט זיך געפונען אין ערשטן פייער, און אַלע זיינען אַנטלאָפן, איז זי צוזאַמען מיט נאָך דריי חברים, פאַרבליבן אויפן אָרט. ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין גדיניע און ס'איז צוגערויבט געוואָרן דער גאַנצער פאַרמעגן פונם קיבוץ, האָט זי זיך אומגעקערט קיין לאָדזש, אין קיבוץ באָראָכאָוו. דאָרטן האָט זי אָנגעהויבן מיטהעלפן לאה פערלשטיין (לפ"ג) און צוזאַמען זיינען זיי אויסגעשטאַנען די סכנות פון דער צייט און געטראָגן אויף זיך די גרויסע אחריות, — אַרויסלאָזנדיק זיך פון צייט צו צייט אין די וועגן, כדי אויפצו־האַלטן דעם קאָנטאַקט.

זי האָט געאַרבעט, דאַמאָלסט, אַלס באַאַמטין אין דער אידישער קהילה און דורך איר השפעה זיינען דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן אויך אַנדערע חברטעס. זי איז געווען צווישן די זעקס־חברטעס, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין לאָדזש אָפּצוהיטן דעם קערן פון דער באַוועגונג אין לאָדזשער געטאָ. דאַן איז זי אַרויסגערופן געוואָרן קיין וואַרשע און עס איז איר איבערגעגעבן געוואָרן צו פירן אונטערערדישע אַרבעט צווישן דער יוגנט. שפּעטער איז זי געשיקט געוואָרן קיין לובלין אויף אַרבעט אין דער שטאָט און אומגעגנט, וואו זי איז גיך געוואָרן דער הויפּט־זייל פונם אונטערערד. זי האָט געפירט די מאַטעריאַלן פון אָרט צו אָרט און האָט זיי אַליין צוגעשטעלט יעדן חבר, זי האָט אויך אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלע. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין 1941 די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן א הכשרה גרופּע ביי טשענ־סטאָכאָוו, איז רבקה געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון דער גרופּע און זי איז גיך געוואָרן דער צענטראַלער כח אין איר. זי איז געווען באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג ; מען פלעגט זי רופן : „די מוטער פון טשענסטאָכאָווער אידן״. זיי האָבן זי פּשוט נישט געלאָזט אַוועקפאָרן פון דאָרט ; זיי האָבן געזאָגט : „כל זמן רבקה איז מיט אונז, זיינען מיר מוטיקער און זיכערער״. שפּעטער האָט זי דאָרטן אָנגעפירט מיטן געמיינזאַמען קיבוץ, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין קליינעם געטאָ אויף נאַדזשעטשנע גאַס, און אין וועלכן עס זיינען געווען חברים פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. יום־כפור תש״ג איז פאָרגעקומען די גירוש־און פאַרניכטונגס־אַקציע — אויף די טשענסטאָכאָווער אידן. 40 טויזנט אידן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אָדער אומגעקומען אויפן אָרט און נאָר אַ קליין ביסל איז געבליבן לעבן. רבקה איז אין נאָמען פון דער קאַמף־אָרגאַ־ניזאַציע, צוזאַמען מיט יהודה גליקשטיין (לפ״ג), געשטאַנען אין דער אָנפירונג פון טשענסטאָכאָווער באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און זי האָט דערפילט איר אויפגאַבע מוטיק און מיט אַ סך קענטניש. שוין נאָך דער אונטערדריקונג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז זי אַהין געפאָרן, כדי צו באַקומען געווער. עס האָט זיך דאַן געשטעלט די פראַגע צי איז נישט בעסער מותר צו זיין אויפן אָרטיקן קאַמף און אַרויספירן די קעמפער אין די וועלדער, וואו די קאַמף־באַדינגונגען זיינען גינסטיקערע. זי איז געווען געגן דעם, האַלטנדיק, אַז מען מוז קעמפן אויפן אָרט וואָס עס זאָל נישט זיין. דער אַקטיווער ווידערשטאַנד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 25־טן יוני 1943, בעת דעם גירוש פון קליינעם געטאָ. די דייטשן זיינען דאַן זיי באַפאַלן מיט פאַרגרעסערטער רוגזה, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין איינעם אַן אָרט געפונען געווער. דעם 26־טן יוני 1943 איז רבקה געשטאַנען אינדערשפּיץ פון אַ גרופּע פון 40 קעמפער, וועלכע האָבן געפּרוווט מיט געווער אין האַנט אַדורכצוברעכן די בלאָקאַדע פון געטאָ. זיי זיינען אַלע אומגעקומען אין יענער שלאַכט.

אַ טאָכטער פון פאָלק, פון זיינע טיפענישן איז זי אַרויסגעקומען און אַרויפגע־קומען, און אין די טעג פון אומגליק איז זי צוזאַמען מיטן פאָלק געפאַלן מיט געווער אין האַנט.

גליקשטיין יהודה: (אינם בריוו פון החלוץ פון 15־טן נאָוועמבער 1943 ווערט ער דערמאָנט מיטן נאָמען גליקמאַן. אָבער ריכטיק איז גליקשטיין, ווי עס ווערט געבראַכט אינם באַריכט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכער שילדערט אים אַלס איינעם פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין טשענסטאָכאָוו).

יהודה גליקשטיין איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, געלערנט אין דער „תרבות"־שול. ער איז געווען אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר", גדוד „במעלה". האָט געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק ביי דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, וואו עס פלעגן פאָרקומען, אין דער אָקופּאַציע־צייט, פאַרשידענע אונטערערדישע פאַרזאַמלונגען. אין קן פון „השומר הצעיר" איז ער געווען דער אָנפירער פונם גדוד־הצופים „הגליל" און טעטיק אויפן קולטור־געביט.

אין דעצעמבער 1941 איז יהודה גליקשטיין אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו מיט די מיטגלידער פונם קיבוץ „מעפּילים". ער האָט גענומען אויף זיך אַ גרויסן טייל פון דעם אַרבעטס־יאָך. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע האָט אים באַשטימט צוזאַמען מיט רבקה גלאַנץ (זע פריער) אין דער אָנפירונג פונם באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד אויפן אָרט. נאָך דער אויסמאָרדונג פון די טשענסטאָכאָווער אידן, איז ער אַריבער אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין קאָניעצפּאָל — ביי אַ 45 קילאָמעטער פון טשענסטאָכאָוו אויפן וועג קיין קיעלץ — און דאָרטן איז ער געפאַלן.

געלער אליעזר: געבוירן אין אָפּאָטשנע, יום כיפור תרע"ט. דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענע פּערזאָן אין שטעטל, אַ ציוניסט, אַ באַזיצער פון אַ קראָם פון מאַשין־טיילן און פון ביזשוטעריע. דער זון איז דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטיש־טראַדיציאָנעלן גייסט. ער האָט באַזוכט די פאָלקסשול אין זיין שטעטל און שפּעטער אָנגעהויבן לערנען אין אַ מיטלשול און פאַרגעזעצט אין אַ האַנדלס־שול אין לאָדזש. צו 15 יאָר איז אליעזר אַריינגעטרעטן אין דער יוגנט־באַוועגונג „גורדוניה", און פאַרענדיקנדיק די לימודים אין לאָדזש, איז ער צוריקגעקומען אין זיין שטעטל און זיך געשטעלט בראש פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און דערציע־רישער אַרבעט פונם אָפּאָטשנער קן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער געמוזט נעמען אויף זיך דעם

יאָך פון דער גאַנצער אַרבעט אין לאָדזשער קרייז. ער האָט אַרומגעוואָגלט אין די אַרומיקע שטעטלעך, געגרינדעט נייע אָרגאַניזאַציעס, געשריבן נאָטיצן און אַרטיקלען

פאַר דער פרעסע פון דער באַוועגונג, געפירט אַן אויפקלערערישע און דערציערישע טעטיקייט. ער האָט אומעטום אַריינגעבראַכט התלהבות, וועלכע האָט אָנגעשטעקט די יוגנטלעכע און זיי געוועקט צו מעשים. צו 17 יאָר איז ער שוין געווען אַ דער־פאַרענער אינסטרוקטאָר, וועלכער האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. ער האָט פאַרלאַנגט אַ סקויטישן רעזשים ביי די „ניצנים״־גרופּעס און האָט גענומען אויף זיך אויסצואַרבעטן אַ דערציאונגס־שיטה פאַר יעדן שיכט באַזונדער. געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן פּרייוויליק גענומען אויף זיך די שווערע אַרבעט פון אַן אַרומ־פאָרנדיקן אינסטרוקטאָר. זיין הצלחה איז כסדר געשטיגן — דערויף האָבן עדות געזאָגט די פילע בריוו פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. אין זיינע וועכנטלעכע באַריכטן צו דער הנהגה ראשית פלעגט ער נאָר באַצייכנען דעם פּונקט, וואָס ער האָט באַזוכט, און דעם נייעם אַדרעס, וואָס איז צוגעקומען אין אַדרעסן־בוך, ווי נאָך אַ רינג אין די דעראָבערונגען פון דער באַוועגונג. ער איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן געמאַכט „גורדוניה״ פאַר אַ פאָלקסטימלעכער יוגנט־באַוועגונג אין דער גרויספּוילישער פּראָ־ווינץ. ער האָט אויך רעדאַגירט די סקויטישע אָפּטיילונג אין דער צייטונג פון דער באַוועגונג. אַזוי אַקטיוו איז ער געווען ביז ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי. אָבער אויך זייענדיק אין אַקטיוון־מיליטער־דינסט, אין קאַוואַלעריע־רעגימענט אין סוואַלק, האָט ער נישט איבערגעריסן די פאַרבינדונגען מיט זיין באַ־וועגונג. ער האָט כסדר צוגעשיקט נאָטיצן און אַרטיקלען, און אויך די אורלויב־צייט האָט ער געווידמעט דער באַוועגונג.

בעת דער מלחמה האָט ער זיך באַטייליקט אַלס פּוילישער זעלנער אין די שלאַכטן ביי קוטנע און איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט אַלע געפאַנגענע אידן פון פּוילישן מיליטער באַפרייט געוואָרן און איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע אין דער צווייטער העלפט 1940. ער איז באַלד צוגעשטאַנען צו די באַנייער פון דער באַוועגונג אינעם אונטערערד. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער באַוועגונגס־צייטונג אין אונטערערד „סלאָוואָ מלאָדיך״ (דאָס וואָרט פון די יונגע), געווען רעדאַקטאָר און גלייכצייטיק זיך באַשעפטיקט מיט דער שוואַרצער דרוק־אַרבעט. ער האָט באַנייט און פאַרגרעסערט דעם וואַרשעווער קן פון „גורדוניה״ און געגרינדעט צוויי הכשרה־פּונקטן, איינעם אין טשענסטאָכאָוו און דעם צווייטן אין זיין היים־שטאָט אָפּאָטשנע, אין דער האָפנונג, אַז זיין פאָטער וועט העלפן די חברים (זיין משפחה איז אומגעקומען אָנהויב 1943, בעת די דייטשן האָבן פאַרשיקט קיין טרעבלינקע די לעצטע 200 אידן פון אָפּאָטשנע, זאָגנדיק זיי, אַז זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל, אויפן סמך פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אויסטויש־אָפּמאַך).

שוין אין אָנהויב 1941 איז אליעזר געלער געוואָרן ע א ו ג ע נ י ו ש ק אָ־ וו אַ ל ס ק י, אַ מכלומרשטער פּאָליאַק, און אַזוי האָט ער ווידער אַרומגעוואָגלט אומע־טום, אָרגאַניזירט און צוגעגרייט די באַוועגונג צו די אָנקומענדיקע געשעענישן. זיין

ענערגיע און אַקטיוויטעט זיינען אומבאַשרייבלעך, און אַזוי אויך זיין איניציאַטיוו־קראַפט און זיין מוט. אין יענע שרעקלעכע יאָרן האָט ער אין שליחות פון דער באַוועגונג באַזוכט אומציילִיקע מאָל אַלע וויכטיקסטע פּונקטן אין דער פּראָווינץ, אויך יענע וועלכע זיינען שוין איינגעשלאָסן געוואָרן אין „רייך". ער האָט אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט נתן שוואַלב — דאָס פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין זשענעוו. זיינע בריוו, פול מיט אָפּגעריסענע זאַצן, אָנצוהערענישן, אָנדייטונגען און אַקטועלע זשאַרגאָניזמען פון אַ באַוועגונג, וועלכע געפינט זיך אין בלאָקאַדע־צושטאַנד, זיינען אויך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און האָבן געשאַפן אַ בילד פון דעם וואָס עס קומט פאָר אויף יענער זייט מויער. אליעזר האָט איינגעאָרדנט און אָרגאַניזירט אין יענער צייט געהיימע חברים־טרעפונגען אין וואַרשע און אין אַנדערע ערטער. עטלעכע פון יענע טרעפונגען האָבן געהאַט אַ באַזונדערע חשיבות סיי לויט דער צאָל באַטייליקטע און סיי לויט די באַהאַנדלטע ענינים.

געלער איז אויך געווען צווישן די אַקטיוו'סטע אויפן זעלבסטשוץ־געביט און אין דער צוגרייטונג און אָרגאַניזירונג פונם אויפשטאַנד. ער האָט דערוואָרבן געווער און געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט אַלע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן נאָר געקענט ברענגען נוצן. ער האָט איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט נישט אידן. פלעגט פון צייט צו צייט אַרויס פונם וואַרשעווער געטאָ און דערמיט שטעלן זיין לעבן אין געפאַר. ער איז געווען גרייט יעדע רגע צו שטאַרבן און דעריבער האָט ער זיך דערלויבט אַרויפצולייגן אויך אויף אַנדערע אַזעלכע שווערע שליחותן. ער האָט כסדר געוואוסט וועגן די פאַראַנענע סכנות. — אין איינעם פון זיינע בריוו, פון 14־טן יאַנואַר 1943, שרייבט ער וועגן זיך אין דריטער פּערזאָן: „ער זעצט פאָר זיין ליבע־שפּיל מיט מות'צקי (טויט) און ווער ווייסט צי ער וועט נישט חתונה האָבן מיט איר. ער וועט אוודאי גיין אין וועג פון יוסף'ן" (יוסף בוסעל). אליעזר איז נישט געווען קיין ליבהאָבער פון אַוואַנטורעס, כאָטש ער איז געווען אַ זעלטענער ריזיקאַנט און דערביי אַ מענטש פון שטרענגער מאָראַלישקייט.

ער איז געווען צווישן די מיטהעלפער און איניציאַטאָרן ביים אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד־גרופּעס אין זאַגלעמביע. טשענסטאָכאָוו, דער גרעניץ־פּונקט צווישן דעם אָקופּירטן פּוילן און דאָס וואָס די דייטשן האָבן אָנגערופן „די צום רייך אָנגעשלאָסענע געביטן", איז געוואָרן איינס פון די צענטראַלע ערטער פאַר זיין טעטיקייט. ער פלעגט קומען אַהין און אָרגאַניזירן און דערוועבן קריסטלעכע שמוגלערס פאַר די באַדערפענישן פונם אידישן אונטערערד. ער איז זעלבסט אַדורך אַסך מאָל די גרעניץ און פאַרבונדן אַלע קניפּן אין איין קייט. בשעת איינעם פון זיינע באַזוכן אין טשענסטאָכאָוו, האָט ער זיך דערשלאָגן צום באַרימטן קלויסטער־פּאַטער און אים פאַרגעלייגט אויסצובאַהאַלטן אין זיין קלויסטער 400 אידישע קינדער פון 4 יאָר אָן און עלטער. ער האָט באַקומען די הסכמה פונם קלויסטער־פּאַטער, אָבער דאָס איז נישט געלונגען צו רעאַליזירן.

אליעזר האָט געהאַט אַן אַריש אויסזען, מיט אַן אויסדרוק פֿון פּאַריסנקייט און גאווה, פֿלעגט ער זיך קליידן ווי אַ חוצפּהדיקער פּוילישער „שייגעץ", פּוצן זיך מיט רויטע קראַוואַטן און פֿאַרביקע קאָסטיומען; אָפּט אויך מיט צעשויבערטע האָר און אָפּט — ווי אַ פּוילישער „דענדי", און יעדעס אידיש מיידל פֿלעגט פֿון אים אַנטלויפֿן אין גרויס שרעק. „ענדעק", — מיט דעם צונאָמען האָבן אים אויך גערופֿן זיינע חברים און חברטעס, אָדער גאָר „שמאַלצאָווניק", דער צונאָמען פֿון די גויישע אויספּרעסערס.

ער איז געווען צווישן די ווינציקע, וועלכע האָבן נאָך פֿאַרן גרויסן וואַרשעווער גירוש גערופֿן צו אַקטיוון ווידערשטאַנד געגן די אַרויסשיקונגען. אין דער „גורדוניה"־צייטונג „דבר הצעירים", פֿון פֿעברואַר 1942 (די צייטונג געפֿינט זיך אין עמנואל רינגעלבלומס (לפ"ג) אַרכיוו, וועלכער איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1946) האָט ער געשריבן. „מיט נישט געוויינלעכער פּאַסיווקייט, ווי צו אַ שחיטה־געפּירטע סטאַדע, לאָזן זיך די אידן שלאָגן און פֿאַרניכטן. נאָר אין נאָוואָ־גרודעק אַליין האָבן די אידן געוואוסט ווי צו שטאַרבן ווירדיק און מכפּר זיין אויף זייער פֿאַרגאָסן בלוט מיטן בלוט פֿון זייערע פֿאַרשקלאַפֿערס. נאָר דאָרט אַליין איז צוזאַמען מיט די אומשולדיקע קרבנות געהרגעט געוואָרן אַ טייל פֿון דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע, ווען זי האָט אויסגעפֿירט איר תלינישע אַרבעט. די שטאָט נאָוואָגרודעק איז געוואָרן אַ סימבאָל פֿאַר די דורך די היטלערישע מערדער פֿאַרשקלאַפּטע אידישע מאַסן און אַ גבורה־צייגניש פֿאַר אונזער דור און פֿאַר די קומענדיקע דורות". בשעתן אָנהויב פֿונם גרויסן גירוש, דעם 22־טן יולי 1942, איז ער נישט געווען אין געטאָ. איינשטעלנדיק זיין לעבן, איז ער אַריינגעקומען. קודם־כל געזאָרגט צו געפֿינען פֿאַר די חברים פֿון „גורדוניה" אַ זיכערן אָרט. אין סוף אויגוסט איז ער ווידער אַוועק קיין טשענסטאָכאָוו. שפּעטער ווידער געקומען קיין וואַרשע און ווינטער 1942 אויפֿסניי אַוועק אין זאַגלעמביע.

געלער פֿלעגט שרייבן בריוו, וואוהין ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. זיינע געשרייען האָבן אויך דערגרייכט ביז זשענעוו און ארץ־ישראל. ביז היינט געדענקט זיך איינער פֿון יענע אויסגעשרייען זיינע, אין אַ קורץ און שאַרף קאַרטל פֿון בענדין: „אַ מ י (עמי — מיין פֿאָלק) א י ז ג ע פֿ ע ר ל ע ך ק ר אַ נ ק, ז י י נ ע ש ע ה ן ז י י נ ע ן ג ע־צ י י ל ט ע". דערדאָזיקער געשריי איז אויך דערגאַנגען צו דער פּרעסע אין ארץ־ישראל. ביי דער עפֿענונג פֿונם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, דעם 25־טן אָקטאָבער 1942, אין כפֿר־ויתקין, האָט דער פּאָרזיצער, חבר י. ש פּ ר י נ צ אַ ק, פֿאָרגעלייענט איינעם פֿון זיינע בריוו, אין וועלכן עס איז געווען אַ שילדערונג פֿון אליעזרס לעבנסוועג און פֿון זיינע בענקענישן קיין ארץ־ישראל: „אונזער ערשטע ליבע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט אַ יאָר 15 צוריק — ווען מיר זיינען נאָך צוזאַמען געזעסן אויף דער שולבאַנק, נאָך זייענדיק אַ קינד האָב איך איר געזונגען ליבע־לידער. מיט אַכט יאָר צוריק האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין איר

פאַטערס קאָנטאָר (אין דער באַוועגונג). אין מיין אַרבעט האָב איך געמאַכט כסדרדיקע פאַרשריט און מיינע אויסזיכטן חתונה צו האָבן מיט מיין געליבטער זיינען געוואַקסן און געוואָרן זיכערער פון טאָג צו טאָג. אָבער ווי דו ווייסט האָט מיך באַהערשט, צו מיין אומגליק, די קראַנקהייט און מיין לעבנס־חלום וועגן אַ געמיינזאַם און שטענדיק לעבן צוזאַמען מיט איר איז חרוב געוואָרן און פאַרשוואונדן... אָבער זאָל טרעפן וואָס עס וועט טרעפן, איך ליב זי ווייטער מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיינע געפילן און די לעצטע ווערטער אויף מיינע ליפּן פאַר מיין טויט וועלן זיין געהייליקט מיין געליבטער מולדת" (דער בריוו איז געשיקט געוואָרן דורך דער נאַצישער פּאָסט און דעריבער איז די שפּראַך פאַרמאַסקירט אויף אַזאַ אופן).

ער ווערט דערמאָנט זייער אַ סך אין די באַריכטן פונם וואַרשעווער אידישן אונטערערד אַלס איינער פון די מוטיקע קעמפער. ער איז געווען קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע ביים ערשטן אויפשטאַנד, אין יאַנואַר 1943, און שפּעטער איז ער געווען הויפּט־קאָמענדאַנט פונם טעבענס־און שולץ־וואַרשטאַטן־געביט. אים איז אָפט געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון שווערע סיטואַציעס. ווען זיין גרופּע אויף לעשנע־גאַס איז בעת די געטאָ־קאַמפן געווען אַרומגערינגלט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון צווייטן שטאָק און מיט אַ פאַרוואונדעטן אָרים, איז אים געלונגען צוצוקומען צו אַן אַנדערן קאַמף־פונקט. דעם 29־טן אַפּריל 1943 איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער אַריבער, דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, אויף דער אַרישער זייט. דעם 24־טן מאַי 1943 האָט ער זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויפן בוידעם פון דער פאַבריק פון פילם־לענטעס און צעלולאָיד־אויסאַרבעטונגען אין פּראַגע, אויף דער 11־טער נאָוועמבער־גאַס נומער 10. בעת דער דאָרט אויסגעבראָכענער שרפה זיינען אומגעקומען אַכט חברים (צווישן זיי אויך טאָסיאַ אַלטמאַן און מאַרעק מאיראַוויטש,ביידע לפ"ג), און אליעזר איז פאַרוואונדעטערהייט ווידער אַנטלאָפן. ער האָט דאַן פאָרגעזעצט זיין אונטערערדישע טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט. אין אַ בריוו פון 7־טן יוני האָט ער געשריבן, אַז ער וואוינט צוזאַמען מיט צביה'ן, און אַז טאָסיאַ אַלטמאַן איז טויט ; ער האָט דערמאָנט, אַז ער איז געווען צוזאַמען מיט איר אין אירע לעצטע מינוטן און ער האָט פאַרלאַנגט פאַר־זיכטיקייט ביים איינשטעלן פאַרבינדונגען. אין זיין בריוו פון 10־טן יולי 1943 האָט ער געוואָרנט פאַר מענטשן, וואָס אין אויסלאַנד האָט מען צו זיי צוטרוי ; צווישן אַנ־דערע — פאַר איינעם מיטן נאָמען אדאם (געבליבן לעבן, ווי מען זאָגט געפינט ער זיך אין מערב־אייראָפּע), וועלכער איז געווען באַטייליקט אין שאַפן דאָקומענטן אויף אַרויסשיקן אידן אינם לאַגער פאַר אויסלענדישע בירגער אין בערגען־בעלזען.

אליעזר געלער האָט אין זיין וועזן און אין זיין דערשיינונג פאַרמאָגט עפּעס, וואָס האָט אים פאַרוואַנדלט אין די אויגן פון מענטשן אין אַ וואונדער־פּערזאָן, אַ מענטש מיט באַזונדערן מזל און אַ גוטן שטערן. אַלע האָבן געהאָפט, אַז ער וועט אַדורך

אַלע שבעה מדורי גיהנום און וועט סוף־כל־סוף, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, זוכה זיין צו דערזען ארץ־ישראל. אין זומער 1943 איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען. דעם 21־טן אָקטאָבער 1943 (שמחת תורה תש"ד), איז ער פון דאָרטן, צוזאַמען מיט נאָך 1800 אידן, אַרויסגעשיקט געוואָרן כלומרשט קיין בערגאו, ביי דרעזדען (וועגן גורל פון אָט דעם טראַנספּאָרט — זע דעם שלוס פון דער געדענק־פּאַרצייכניש וועגן נתן בוקסבוים), און פון דאַן אָן איז ער פאַרשוויגן געוואָרן.

געפנער אברהם: געבוירן אין וואַרשע, אין 1872, ביי אָרימע עלטערן. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין אַ רעאַל־שול. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ שיק־אינגל אין דער באַרימטער האַנדלס־פירמע פון ר' ישעיה פּריוועס און כסדר געשטיגן ביז ער איז געוואָרן דער גרעסטער סוחר און אינדוסטריעלער אין דער מעטאַל־בראַנזשע און איינער פון די גרעסטע גבירים און אָנגעזעענסטע עסקנים פון דער אידישער וואַרשע. אין אָנהויב פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז ער געווען נאָענט צו די אַסימילאַטאָרישע קרייזן, אָבער נאָכן פּוילישן אידן־באָיקאָט אין 1912, האָט ער פאַרלאָזט די אַסימילאַטאָרן און מיט אויסגעשפּראָכענעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין געווידמעט זיין גאַנצע ענערגיע דער אָרגאַניזירונג פון די אידישע סוחרים און אינדוסטריעלער אין אַן זעלבסטשטענדיקער אידישער אָרגאַניזאַציע. אַ סך יאָרן איז ער געשטאַנען בראש פון דעם אידישן סוחרים־פאַרבאַנד אין פּוילן. ער האָט אויך פאַרנומען אַנדערע אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס, און בעת דער פאַרשטאַרקונג פונם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט די אידישע סאָציאַלע אינסטיטוציעס און באַזונדערס די אונטערנעמונגען פאַר פאַך־בילדונג און פּראָדוקטיוויזאַציע. ער האָט ביי זיך איינגעפירט אַ יערלעכן „מעשר" אויף פאַרשידענע וואוילטעטיקע־און צדקה־פאָנדן, וועלכן ער פלעגט יאָר־יערלעך צוזאַמענשטעלן לויט די פאַרדינסט־בילאַנסן אין זיינע פּילצאַליקע געשעפטן. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט דער ספּעציעלער באַציאונג צו זיינע זייער פילע מיטאַרבעטער און באַאַמטע — אַלע זיינע באַאַמטע האָבן אויסער זייער חודש־געהאַלט באַקומען אַ טייל אין די דיווידענדן פון דער פירמעס אַקציעס און אויך אַ יערלעכע גראַטיפיקאַציע, אַ געוויסן פּראָצענט פון אַלגעמיינעם פאַרדינסט. ער איז געווען צווישן די איינצלנע אין זיין קלאַס, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער אינטערעס ליגט נישט אין באַקעמפן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און האָבן

זיך אָפּגעגעבן די לעבנס־אינטערעסן פון דער אידישער און אַלגעמיינער געזעלשאַפט־לעכקייט.

בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אברהם געפּנער, שוין אַלט זייענדיק 67 יאָר, אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ערשטער ריי פון די אידישע מנהיגים, וועלכע האָבן אויסגעטראָגן אויף זיך דעם טראַגישן גורל פון פּוילישן אידנטום. ביים אַנטלויפן פון דער פּוילישער רעגירונג, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן וואַרשע און ער האָט אין סעפּטעמבער 1939 אַקטיוו אָנטיילגענומען אינם אָרגאַניזירן דעם געמיינזאַמען פּויליש־אידישן פאָלקס־קאַמף צו פאַרטיידיקן וואַרשע. ער און שמואל זיגעלבוים (לפ"ג) זיינען געווען די צוויי אידן צווישן די צוועלף ערוב־ניקעס, וועלכע זיינען מיט זייער לעבן פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַרן אויספילן די אונטערגעבונגס־באַדינגונגען לגבי דעם נאַצישער אינוואַזיע־אַרמיי (אגב, דאַרף מען דערמאָנען די ספּעציעלע אומשטענדן פון דעמדאָזיקן אויסוואַל: די פּוילישע אַנטיסע־מיטן האָבן אויך אין יענעם שרעקלעכן מאָמענט נישט פאַרגעסן זייערע מיאוסע חשבונות און בשעת די פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם אונטערגעבן זיך פון וואַרשע האָבן זיי פאָרגעלייגט, אַז די דייטשן זאָלן באַזונדער פאָדערן ערובניקעס דירעקט פון דער אידישער קהלה. אויף דער אַנטשיידנדער זיצונג פון וואַרשעווער שטאָטראַט, ווען דער שטאָט־פּרעזידענט און הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער וואַרשעווער זעלבסט־פאַרטיי־דיקונג, סטעפאַן סטאַזשינסקי, האָט געשטעלט די פראַגע, ווער פון די אַנ־וועזנדיקע פּאָליאַקן איז גרייט זיך פרייוויליק צו מעלדן אַלס ערובניק, האָבן אַלע געשוויגן. דאַן איז אויפגעשטאַנען דער פאָרשטייער פון די אידן, אברהם געפּנער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַראַ סכנות עס וועט זיין פאַרבונדן אַ באַזונדערע אידישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי די דייטשן, און צו דער חרפּה פון די אָנגעזעענע פּאָליאַקן האָט ער אויסגערופן: איך מעלד מיך פרייוויליק).

אין די פינצטערסטע און ביטערסטע יאָרן פון פּוילישן אידנטום האָט דער אַלטער עסקן נישט פאַרלאָזט די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע. אין דער ערשטער אָקופּאַציע־תקופה איז ער געווען דער איניציאַטאָר פון דער ממש גיגאַנטישער אַקציע פון אידישער זעלבסטהילף. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אָנטייל אינם אָרגאַניזירן די אונטערשטיצונגס־אַקציע פונם „דזשאָינט". ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן דעם באַפעל איינצושליסן די אידן אין געטאָס, איז ביי דער קהלה געשאַפן געוואָרן אַ פאַר־זאָרגונגס־אָפּטיילונג, אונטער געפּנערס לייטונג, וואָס איר אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין באַזאָרגן דעם געטאָ מיט פּראָדוקטן, וואָס די אידן האָבן זיי געמעגט באַקומען לויט שפּייז־קאַרטן (ברויט, מעל, צוקער, זייף און מאַרמעלאַד), און אויך מיט פּראָ־דוקטן פון פרייען מאַרק (פיש, גרינס, אייער, שוועבעלעך, עסיג א.אַ.וו.). ער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע שפּייז־פאַבריקן אין געטאָ. די געטאָ־קעמפער באַ־צייכנען, אַז אין אַ נויט פאַל פלעגן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין די פאַרזאָרגונגס־מאַגאַ־

זינען, וואָס געפּנער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי. ווען די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט באַשטייערט מיט אַ קאָנטריבוציע די גבירים פון געטאָ, איז אויך צו אים געקומען אויפמאַנען דעם שטייער אַ באַוואָפנטע גרופּע. געפּנער האָט צו זיי געזאָגט: „קינדער, איך בין דאָך אַלט און פאַרן טויט האָב איך קיין מורא נישט, וואָס־זשע קומט איר צו מיר באַוואָפנט? שיקט צו מיר איין צביה, וועט זי ביי מיר באַקומען מער ווי די דראָאונג פון אַלע ביקסן". צביה איז צו אים געקומען און ער האָט, פאַרשטייט זיך, געגעבן מיט דער פולער האַנט, און אויסער דעם האָט ער נאָך געזאַמלט ביי אַנדערע הונדערטער טויזנטער זלאָטעס.

צביה שרייבט וועגן אים (אין דער באַשרייבונג פון די לעצטע טעג אין וואַרשעווער געטאָ („מבפנים", נאָוועמבער 1946): „עס איז נישט געווען ביי אים קיין שפּור פון פּניותדיקייט און זעלבסט־צופרידנקייט. זיין גרויס פאַרמעגן אין געלט און קליידונג האָט ער פונאַנדערגעטיילט צווישן דער אידישער אָרימקייט. ער איז געווען דער איינציקער צווישן די מענטשן פון זיין עלטער און זיין קלאַס, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפע פאַרשטענדניש פאַר דער אידישער יוגנט, ווען זי האָט גערופן צו ווידערשטאַנד און קאַמף. באַלד ביי די ערשטע פאַרהאַנדלונגען וועגן אָרגאַניזירן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט ער געזאָגט: „איך בין שוין אַלט, אָבער מיט אַלץ וואָס איך קען וועל איך אייך מיטהעלפן... גייט און טוט".

ווען עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה אין געטאָ און די לעצט פאַרבליבענע אידן האָבן געגרייט דעם העראָישן אויפשטאַנד, איז ער, דער 71 יעריקער זקן, געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און שטיצער פונם אויפשטאַנד און ער האָט איבערגעגעבן די קעמפער דעם פאַרבליבענעם רעשט פון זיין פאַרמעגן. דעם 3־טן מאַי 1943 האָבן אים די נאַציס אַרויסגענומען פון דער געביידע פון די פאַרזאָרגונגס־מאַגאַזינען אויף פראַנציסקאַנער גאַס 30 און זיי האָבן אים דערמאָרדעט אין ווינקל פון די גאַסן גענשע און זאַמענהאָף (וועגן די שלאַכטן אין יענע טעג אַרום דעם שוצקעלער פון די פאַרזאָרגונגס־מאַגאַזינען — זע זייטן 6—295, באַמערקונגען 1 און 2).

* **גערטנער ישראל:** אַ האַנדלס־אַנגעשטעלטער. נאָך פאַר דער מלחמה אַ מיטגליד פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג און פון די בונדישע שוץ־אָפּטיילונגען „צוקונפט־שטורם". אין דער געטאָ־תקופה אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד". ער איז אומגעקומען בעת די ערשטע צוזאַמענשטויסן אין געטאָ, אין יאַנואַר 1943, ביים דאַמאָלסטיקן פּרווו פון די דייטשן אַרויסצופירן די איבערגעבליבענע וואַרשעווער אידן אין פאַרניכטונגס־לאַגערן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** גערטנער אבא:** געבוירן אין אָסטראָוויעץ קיעלעצקי, אין אַ פאַרמעגלעכער סוחרישער משפחה — זיין פאָטער איז געווען אַ הורט־סוחר פון צוקער. אבא האָט געלערנט אין אַ „יבנה"־פאָלקסשול און אין אַ מלוכהשער גימנאַזיע. ער איז געווען זייער אַ פעאיקער שילער — דער איינציקער איד, וועלכער איז אין יענער תקופה פון צעבושעוועטן אַנטיסעמיטיזם אַנגענומען געוואָרן אין גימנאַזיע אַדאַנק זיינע באַזונדערע פעאיקייטן. אין דער מלחמה־צייט איז ער אַריין אין דער „השומר הצעיר"־באַוועגונג. אָנגעפירט די ביבליאָטעק פונם קן אין זיין שטעטל. געהערט צו דער גרופּע חברים, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו אַן אַקטיוון קאַמף געגן די דייטשע רוצחים. אין פעברואַר 1943 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און בעת די געטאָ־קאַמפן האָט ער געקעמפט אין „טעבענס־שולץ" געביט; אַ יאָר 19 איז ער אַלט געווען בעת ער איז געפאַלן אין קאַמף. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

בילד פון 1932, ביים פאַרענדיקן דעם 5־טן קלאַס אין דער פאָלקס־שול.

גראַוואַס מרדכי (מערדעק): קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר". געבוירן אין וואַרשע. אַ חבר פון „השומר הצעיר". אין דער מלחמה צייט איז ער געווען אַ מדריך אין קן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ספּעציעלע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. האָט אַרויסגעוויזן מוט, קאַלטבלוטיקייט און קלאָרן ישוב־הדעת אויך אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן. געווען צווישן די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פונם ווידערשטאַנד און פון די מוטיקסטע קעמפער. עס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן און ער האָט זיי אַלע אויסגעפירט געטרוי און טריי. ער איז געווען, צוזאַמען מיט **ע ל ע ק ר ו ז ש אַ נ ס ק י** (לפ"ג), באַטייליקט אינם אַטענטאַט אויפן שעף פון דער אידישער פאָליציי לייקין. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אינם אויספירן די אורטיילן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע געגן די געסטאַפּאָ־אַגענטן. ער האָט זיך באַטייליקט אינם ערשטן אויפשטאַנד, דעם 18־טן יאַנואַר, און האָט אויך געקעמפט אַלס קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר־הצעיר" אינם אויפשטאַנד אין אַפּריל־מאַי 1943. פאַרוואונדעטערהייט האָט ער פאָרגעזעצט דעם קאַמף. ער איז געווען אין דער קעמפער־גרופּע, וועלכע האָט דעם 8־טן מאַי אַרויסגענומען די 14 לעבנגעבליבענע חברים פונם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. ער איז אויך געווען צווישן די, וועלכע זיינען דעם 10־טן מאַי 1943 אַריבער דורך די

קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין די ווישקאָווער וועלדער. איז געשטאַנען בראש פון אַ גרופּע פון 10 קעמפער, וועלכע האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (די אונטערערדישע אַרמיי פון דער לאַנדאַנער פּוילישער רעגירונג), און ס'איז פאַראַן אַ סברה, אַז ער מיט זיין גרופּע זיינען דורך זיי דערמאָרדעט געוואָרן. 22 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען (וויטערדיקע פּרטים זע זייט 188, אין דער באַמערקונג 3 צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן פון 24־טן מאַי 1944).

* **גראַומאַן חנה (הגר):** געבוירן אין וואַרשע אין אַן אָרימער משפּחה. אויפגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פונם אידישן קוואַרטאַל אויף פּאַוויע־גאַס. פון די קינדער־יאָרן אָן האָט זי געאַרבעט אין דער נייטעריי, וואָס ביי זיי אין שטוב, און מיטגעהאָלפן אויסצוהאַלטן אַן אַלטע מוטער און אַ קראַנקע, הויקערדיקע שוועסטער. איר גאַנצע קינדהייט האָט זי פאַרבראַכט אינם שטויב און טומל פון די ניי־מאַשינען. צו 13 יאָר איז זי אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר" און געווען אין גדוד „מרחביה". דאָרט זיינען געקומען צום אויסדרוק אירע אמתדיקע אייגנשאַפטן און איר שטאַרקער כאַראַקטער.

בילד פון 1938

בעת דער מלחמה האָט זי פאָרגעזעצט איר טעטיקייט אין קן, נישט געקוקט אויף דער נויט, וועלכע איז געוואַקסן אין שטוב און אויף די זאָרגן און צרות, וואָס זי האָט געמוזט איבערטראָגן. איר אייזערנער ווילן איז איר בייגעשטאַנען אויך אין דער טעטיקייט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און אין דער קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר". פריער האָט זי געאַרבעט אין האַלמאַנס וואַרשטאַטן אויף נאָוואָליפּקי, און נאָך זייער ליקווידירונג איז זי אַריבער אין טעבענס־„שאָפּ" אויף נאָוואָליפּקי 67. דאָרט האָט זי אויך געקעמפט בעתן געטאָ־אויפשטאַנד אין אַפּריל 1943. זי איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, צוזאַמען מיט ש ל ו ם ס ו פ י ט (לפ"ג) דעם 28־טן אַפּריל (זע זייט 268, באַמערקונג 10, אינם טאָגבוך פונם ש ל ו ם ג ר א י ע ק) און אַריבערגעפירט געוואָרן אינם בונקער אויף לעשנאָ 76 (אין אַ שוץ־קעלער האָט מען דאָרטן געהאַט איינגעאָרדנט אַ מין שפּיטאָל פאַר די פאַרוואונדעטע קעמפער; אין זיין איצט־אויסגעגעבענעם טאָגבוך, פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „נאַשע־סלאָוואָ" — אַפּריל 1947 — שרייבט ש. גראַיעק, אַז זי איז פאַרוואונדעט געוואָרן דעם 22־טן אַפּריל); צוליב איר מצב האָט מען זי נישט געקענט מיטאַרויסנעמען מיט דער גרופּע פון 40, וועלכע זיינען דעם 29־טן

אַפּריל אַרויס אויף דער אַרישער זייט. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. זי איז דאַן אַלט געווען 21 יאָר.

*** גראַנאַטשטיין שרה:** געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1922. אין די גימנאַזיע־יאָרן איז זי אַריינגעטרעטן אין וואַרשעווער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, און באַלד געוואָרן אַקטיוו. זי איז געווען אַ רואיקע, פאַרשטענדיקע, איבערגעגעבענע חברטע, וועלכע פלעגט זיך תמיד פאַרטיפן אין פראַגן און זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פּראַקטישע דורכפיר־פעאיקייטן, נישט געקוקט אויף איר יונגן עלטער. מיט דער גאַנצער נשמה איז זי טעטיק געווען צווישן דער יוגנט.

בעת דער אָקופּאַציע איז זי געווען אַ שילערין פון דעם אונטערערדישן ליצעאום פון „דרור". אין 1940 האָט זי זיך באַטייליקט אינם סעמינאַר פון דער באַוועגונג. אין אָנהויב פון דער אונטערערדישער טעטיקייט האָט זי זיך אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלעך דער אַרבעט צווישן קינדער. ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זי זיך באַטייליקט אין די פאַרבאַרייטונגס־אַרבעטן און איז אַריינגעטרעטן אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". עס זיינען איר איבערגעגעבן געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן — צווישן זיי אויך באַטייליקונג אין אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער פ י ר ש ט ע ־ן (זע זייט 147, באַמערקונגען 36 און 37) און זי האָט זיי אַדורכגעפירט געטריי. זי איז אומגעקומען דעם 18־טן יאַנואַר 1943 צוזאַמען מיט ט ע מ ע ש נ ײ ד ע ר מ אַ ן און ל א ה פ ע ר ל ש ט ײ ן (לפ"ג). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** גרוזאַלץ לייב (לוי):** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „בונד". געבוירן אין וואַרשע, אין אַ חסידישער משפחה. זיין זיידע איז צענדליקער יאָרן געווען בעל־תפילה אין שטיבל פון די טריסקער חסידים. אויך דער פאָטער, אַ טריקאָטאַזש־היים־אַרבעטער איז געווען אַ פרומער איד, אַ יודע־ספר. בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז לייב נאָך געווען גאַנץ יונג, אָבער שוין אַן אַקטיווער חבר אין דער וואַרשעווער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" און אַ מיטגליד אין דער סעקציע־פאַרוואַלטונג פון די יוגנטלעכע דרוקער־אַרבעטער. ער איז געווען אַ גראַדליניקער, איבערגעגעבענער און באַגאַבטער אינגל מיט אַ סך איניציאַטיוו און ענערגיע.

בעת דער מלחמה איז ער אויסגעשטאַנען אַ סך

צרות. אַ לענגערע צייט איז ער קראַנק געווען נאָך אַן אָפּעראַציע אין אַ האַנט. אין די געטאָ שלאַכטן האָט ער געקעמפט בראש פון אַ בונדישער קאַמף־גרופּע אין „צענטראַלן געטאָ". ער איז אומגעקומען אין דער שלאַכט אַרום בונקער אויף מילע 29 (פּרטים — אינם באַריכט פון „בונד"; זייט 256, באַמערקונג 18). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. ער איז דאַן אַלט געווען אַרום 24 יאָר.

גרילאַק ישראל: געבוירן אין וואַרשע, אין אַ באַקאַנטער משפּחה פון פּאַרמעג־לעכע, לומדישע חסידים. זיין פאָטער איז געווען דער באַקאַנטער פּרנס אין וואַרשעווער קהלה — ווייד ענפעלד. ישראל גרילאַק איז געווען אַ מיט־גליד פון „בונד", ער האָט געאַרבעט אין דער צענ־טראַלע פונם פאַריין פון די נאָדל־אַרבעטער אין פּוילן. אַ הויכגעוויקסיקער, מאָגערער, בלאָנדהאָרי־קער. אַ מענטש פון אַ רואיקן כאַראַקטער און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָרנטלעכקייט. ער פלעגט זיך באַציען קריטיש צו אַלע דערשיינונגען און צוזאַ־מען דערמיט האָט ער טיף געגלויבט אין דער שליחות פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין באַ־ציאונגען מיט אַנדערע מענטשן איז ער געווען ליב און הארציק. צווישן די אַקטיווע און טרייע



בונדיסטן אינם אונטערערד. אַ מיטגליד פונם אונטערערדישן פּאַרטיי־ראַט פון „בונד". בעת די געטאָ־שלאַכטן האָט ער זיך תחילת געפונען אינם בונקער אויף פּראַנציש־קאַנער גאַס 30, דערנאָך איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי (פון דער היים קופּערשטיין), און מיט אליעזר קלאַג (לפ"ג), מאַניע זיגעלבוים און איר זון, רעניאַ פּיזשיץ און נאָך אַנדערע אינם בונקער פון אידישן שפּיטאָל אויף גענשע 6. דאָרטן איז ער אומגעקומען אַרום דעם 10־טן מאַי 1943, צוזאַמען מיט די אָקאָרשט־דערמאָנטע. ער איז דאַן אַלט געווען 30 יאָר.

* **גרינבוים יצחק:** געבוירן אין זשיראַרדאָוו, ביי וואַרשע. צוויי יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריינגעטרעטן אין דער וואַרשע־ווער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, געווען אַ מיטגליד אינם קרייז „פּלאַקער". זיין גרופּע האָט דערפילט צענטראַלע אויפגאַבן אין דער באַוועגונג. אויך אינם אונטערערד האָט יצחק ווייטער אויסגעפירט מיט טרייהייט און איבערגעגעבנקייט די אויפגאַבן, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. אַ סך מוט האָט ער אַרויסגעוויזן, ווען ער איז אין

1941 געווען אַרעסטירט אַ געוויסע צייט אינם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס די דייטשן האָבן דאָן איינגעאָרדנט אין דער געגנט פון קאַמפּינאָווער וואַלד. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״. בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ״, אין דער קאַמף־גרופּע פון ז. אַ ר ט ש ט י י ן (לפ״ג). ער איז פאַרבליבן אין געטאָ נאָכן 10־טן מאַי 1943. 23 יאָר איז ער אַלט געווען בעת ער איז אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

גרינשטיין אברהם: אינם בריוו פון די לינקע פועלי ציון אין פוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, פון 24־טן מאַי 1943, ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די חברים, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו ביזן לעצטן מאָמענט, האָבן זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד און זיינען אומגעקומען ווי העלדן. עס איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען וועלכע עס איז פּרטים וועגן אים, אויך נישט ביי זיינע פּאַרטיי־חברים.

*** גרשוני גדליהו:** געבוירן אין ביאַליסטאָק, אין 1914, ער איז געווען דער בכור פון אַ האַרעפּאַשנער משפּחה (קרובים פון גריגאָרי גרשוני), וועלכע האָט שווער פאַרדינט איר חיונה. ער האָט געלערנט אין חדר און אין ישיבה. האָט אָנגעפירט אַ גרופּע ישיבה־בחורים, וועלכע פלעגן זיך צונויפקומען אין אַ קליין און פינצטער צימערל אין אַן אַלט הילצערן הייזל אויף גלוכע־גאַס — אַ שמאָל געסל אין דער געגנט פון דער גרויסער שול — און דאָרט פלעגן זיי שמועסן וועגן ענינים פאַרבאָטענע צווישן די ווענט פון דער ישיבה.

בילד פון 1938

גדליהו, אַ דאַרער בחור מיט טיפע אויגן, איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אידישער קולטור, ער האָט געקענט אַ סך פון דער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור. נאָך אַלס ישיבה־בחור האָט ער געוואוסט אויף־אויסנווייניק ביאַליקס און טשערניכאָווסקיס דיכטונגען און גאַנצע קאַפּיטלען פון י. ל. פּרץ, י. ח. ברענער, א. ד. גאָרדאָן, שלום עליכם א.אַ. ער איז דאַן צוגעצויגן געוואָרן צו דער באַוועגונג פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל.

דאָס פּאַקטישע אַריינטרעטן אין דער באַוועגונג איז פאַר אים געווען אַ שווערער און ווייטיקדיקער ענין, ווייל ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ צער ער פאַרשאַפט דערמיט זיינע עלטערן, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מיט דער גאַנצער נשמה. צום סוף

האָט אָבער ביי אים גובר געווען די שטרעבונג צו ענדערן זיין לעבנסשטייגער דורך פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג: ער איז אַריינגעטרעטן אין „החלוץ הצעיר" און גאָר גיך איז ער געוואָרן איינער פון די בולטע חברים — אַדאַנק זיין ערנסטקייט, זיין רעדנערישן ברען, זיין איבערצייגונגס־קראַפט און זיין באַשיידנקייט. ער האָט זיך אויסגעלערנט סטאָלעריי. אין 1937, ווען די ביאַליסטאָקער „החלוץ" אָרגאַניזאַציע האָט דורכגעמאַכט אַ קריזיס, איז ער מיט זיין שטאַרקן גייסט געווען איינער פון די וועקער און אויפמונטערער. שפּעטער איז ער געווען אין הכשרה־קיבוץ אין לאָדזש און דערנאָך אין דער קבוצה אין זגערזש, ביי לאָדזש. אין דער קבוצה האָט ער אויס־געפילט אַלע אויפגאַבן, דערביי האָט ער גובר געווען זיין קערפּערלעכע שוואַכקייט און געאַרבעט שווערע פיזישע אַרבעט. אויך אין זיין שווערער קראַנקהייט־צייט איז ער געווען וואַכזאַם צו די אינטערעסן פונם קיבוץ און צו די פראַגן פון דער באַוועגונג. יעדער חבר האָט אין אים תמיד געפונען אַ זיכערן אָנלען.

בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אינדערהיים אין ביאַליסטאָק. הערנדיק וועגן אַ פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין וואַרשע, האָט ער פאַרלאָזט דעם רוסישן געביט און איז אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַלד איינגעשלאָסן אין דער אַרבעט און אינם קאַמף פון זיינע חברים. ער איז געווען סעק־רעטאַר פונם קיבוץ אויף דזשעלנע גאַס. טראָץ זיין שווערן רעומאַטיזם, איז זיין איינטריט אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור" געווען פאַר אים אַ נאַטירלעכע זאַך. אין אָנהויב ספּעטעמבער 1942 איז ער געשיקט געוואָרן מיט דער לעצטער פּאַרטי־זאַנער־גרופּע פון די וואַרשעווער „דרור"־קעמפער אין די הרוביעשאָווער וועלדער און דאָרטן איז ער אומגעקומען (זע זייט 142, באַמערקונג 27). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן.

* **גרינשפּאַן יורעק:** קאָמענדאַנט פון איינער פון די פיר קאַמף־גרופּעס פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). ער האָט גע־שטאַמט פון קרייזן פון דער אינטעליגענץ. זיין פאָטער איז געווען אַ מאָלער. ביזן 18־טן יאַנואַר 1943 האָט ער געאַרבעט אין הערמאַן בראַוערס וואַרשטאַטן אויף נאַ־לעווקי 28—38. אין די געטאָ־שלאַכטן האָט ער געקעמפט מיט זיין גרופּע אינם בער־שטער־געביט. ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן בשעת דער שלאַכט אַרום דעם בונקער פונם פאַרזאָרגונגס־אַמט אויף פראַנצישקאַנער גאַס 30, דעם 2־טן מאַי 1943. אין אַ שטערבלעכן צושטאַנד — אַ קויל האָט אים דורכגעשאָסן די לונגען — איז ער געבראַכט געוואָרן אין אַ הויף אויף זאַמענהאָף־גאַס. ער איז אויסגעגאַנגען נאָך צוויי טעג שווערע ליידן אין עלטער פון אַ יאָר 24—25. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** דאבוכנא שאול:** געבוירן איןווארשע, אין 1923. א זון פון אן ארימען זייגער־מאכער. אלס קינד האט ער ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אין די לימודים. זייער יונג איז ער אריינגעטרעטן אין „החלוץ הצעיר" און אויך דארט האבן זיך גאר גיך ארויסגעוויזן זיינע גייסטיקע פעאיקייטן. ער האט רעדאגירט די צייטונג פון זיין שיכט, און שפעטער — די צייטונג פון דער ארטיקער ארגאניזאציע. געווען קאמיטעט־מיטגליד און מדריך אין די דערציאונגס־גרופעס. האט פארגעזעצט זיין בילדונג אינעם ווארשעווער לערער־סעמינאר א. נ. פון א. ש. פאזנאנסקי און זיך געגרייט צו זיין א לערער און יוגנט־דערציער. א שווארצער בחורל מיט אן אינטערעסאנט געזיכט, מיט א חנוודיק־הארציקן בליק און תמיד גוטמוטיקן שמייכל, פלעגט ער ארומגיין מיט דער פון אלטקייט אויסגעריבענער

בילד פון 1937

ביכער־טאש אונטערן ארים און אונטערברומען עפעס א לידל. יעדן טאג, נאך דער זעקס־טער שעה אין לערער־סעמינאר פלעגט ער אריינקומען אין „באראכאוו־היים" אדער אין לאקאל פון „החלוץ־הצעיר", א קוק־צו־טון וואס עס הערט זיך אין דער באוועגונג. ער איז תמיד געווען צווישן די איבערגעגעבנסטע, גרייט צו טון יעדע ארבעט, פון קלעפן מארקעס און אפדרוקן צירקולארן ביז אינסטרוקטארישער און לערערישער טעטיקייט אין דער ארגאניזאציע. ער איז תמיד געווען באלאסטעט מיט אויפגאבן און עס האט אים געקלעקט צייט פאר אלץ. ער האט געארבעט אומדערמידלעך ביז שפעטע שעהן אין דער נאכט. צייטנווייז האט מען אים געקענט טרעפן אין האלבער נאכט ווי ער איילט זיך זייער און פארענטפערט זיך: „איך בין נאך נישט געווען אינדערהיים, איך בין ערשט ארויס פון סעמינאר..." ער האט געטרוימט וועגן הכשרה און אפגעווארט דעם טאג, ווען ער וועט זוכה זיין ארויסצופארן. אבער צוליב זיין באדייטונג פאר דער טעטיקייט אין דער ארטיקער ארגאניזאציע האט מען אים כסדר פארהאלטן.

נאכן מלחמה־אויסברוך איז ער פארבליבן אין ווארשע. אין די ערשטע טעג, בעת איינעם פון די אלארמען, טרעפנדיק זיך מיט חברים אינעם קארידאר פון „באראכאוו־היים" אויף גענשע 14, האט ער ווי דרך־אגב א זאג־געטון: „איצטער איז כמעט נישטא קיין באדערפעניש ארויסצופארן אויף הכשרה, אויך דא וועט מען דארפן א סך אויפטון, אונזער לעבן דא באקומט אן אנדערן זין". אין דער אונטערערדישער ארבעט איז ער געווען זייער אקטיוו. מען האט אויף אים ארויפגעלייגט א סך זארגן און טעטיקייטן פון דער באוועגונג אינעם אונטערערד. ער האט מיטגעארבעט מיט יצחק צוקערמאן אין אלע זיינע אונטערנעמונגען. אין 1941 איז ער געשיקט געווארן

אויף באַוועגונגס־אַרבעט אין חלוצישן קיבוץ פון „דרור״ נעבן הרוביעשאָוו, דאָרטן האָט מען זיך געגרייט שאַפן פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון „דרור״־קעמפער פון וואַרשע. אין הערבסט 1942, ווען די גאַנצע גרופּע איז געפאַלן אין קאַמף (זע באַמ. 27, זייט 142, צום קאַפּיטל — די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע), איז צוזאַמען מיט איר אויך אומגעקומען שאול ד א ב ו כ נ א. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אינם וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

דאַברין בערטאָלד, ד״ר: געבוירן אין מערב־פּוילן, וואָס האָט ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו דייטשלאַנד.

ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און דערנאָך זיך באַזעצט אין בידגאָשטש (בראָמ־בערג) אַלס אַדוואָקאַט. איינער פון די אַלטע דייטשע ציוניסטן. ער איז פאַרבליבן אין בידגאָשטש אויך נאָכדעם ווי די שטאָט איז אַריבער צו פּוילן, און ער האָט זיך באַמיט צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און אַריינלעבן זיך אין דער גרויסער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טעטיקייט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. די לעצטע יאָרן איז ער געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע אין בידגאָשטש.

מן־הסתם איז ער אין דער אָקופּאַציע־צייט אַריבער קיין וואַרשע. די נאַציס האָבן אים אַרויסגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּאָניאַטאָוואָ, און אויך דאָרט איז ער געווען טעטיק אין דער אידישער הילפס־אַרבעט און אין דער צוגרייטונג פונם אויפשטאַנד. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, בעת ער איז אַלט געווען אַרום 47 יאָר.

* **דאַווידאָוויטש טובה (טאָבטשע):** געבוירן אין וואַרשע, דעם 21־טן מאַי 1924, אין אַ פּראָגרעסיווער פאַמיליע. איר פאָטער ש מ ע ו ן, איז געווען אַ טוער אין דער בונדיסטישער יוגנט־באַוועגונג „צוקונפט״ און אַ מיטאַרבעטער אין איר צענטראַלן סעקרעטאַריאַט. טובה האָט באַזוכט אַ אידיש קינדערהיים און שפּעטער די ציש״אָ־פאָלקסשול (גראָסער־שול) אויף קאַרמע־ליצקע 29. זי האָט געלערנט 7 קלאַסן און איז אַריבער אין דער טעכטער־גימנאַזיע פון דער פרוי קאַלעצקאַ. זי האָט דאָרט אָפּגעלערנט 2 יאָר און די מלחמה איז אויסגעבראָכן. זי איז געווען אין דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג פון איר קינדהייט אָן, פריער אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף״ און שפּעטער אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. זי איז אויך גע־

בילד פון דער געטאָ־צייט

ווען אַקטיוו אינם ספּאָרט־פאַריין „מאָרגענשטערן". תמיד דערצויגן געוואָרן צו מוט און ווירדיקער האַלטונג.

בעת דער מלחמה איז דער פאָטער אַנטלאָפן קיין ווילנע און פון דאָרטן איז אים געלונגען אַריבערצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט געפירט מיט דער קליינער טאָכטער אַ קאָרעספּאָנדענץ. דאָס מיידל האָט אים אַמאָל געשריבן: „ווילסטו וויסן ווי עס זעט אויס אין די אידישע הייזער אין וואַרשע — לייען דעם קאַפּיטל וועגן די מגפות אין ז. שניאורס בוך". אין אַן אַנדערן בריוו האָט זי געשריבן: „ווי אומגערעכט מען איז געווען מיט דער קריטיק פון י. ל. פּרץ׳ס דערציילונג „באָנטשע שוויייג"! אַ בולקע מיט פּוטער איז דאָך אַ גרויסער חלום". און אין נאָך אַ בריוו: „אוי, ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט אַנטשלאָפן ווערן און אויפכאַפּן זיך ערשט אין פרילינג, ווען אַלץ הויבט אָן צו לעבן און בליען". און ווייטער אין אַ בריוו: „טראָץ די שווערע צייטן, האָב איך אַ סך געוואונען. איך האָב אַ סך געלערנט. וואָס איך וואָלט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, האָט מיר דאָס לעבן געגעבן צו פאַרשטיין". און אין איר לעצטן בריוו: „אַ מאָל איז געווען פרייד אַ סך און שיינקייט, דאָס וועט שוין מער קיין מאָל נישט זיין".

זי איז געווען זייער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, אין פאַר־שפּרייטן די פּרעסע, אין די הויף־קאָמיסיעס, אין די קינדער־קרייזן א.אַ.וו. זי האָט זיך אויך באַטייליקט אינם כאָר פון דער בונדיסטישער יוגנט אין געטאָ, און אין יענער צייט האָט זי געלערנט בייטערייי אויף קורסן פון דער „אָרט"־געזעלשאַפט. זי איז געווען אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד". האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר מוטיקער דרייסטקייט און איז געווען די פאַרבינדלערין צווישן די קאַמף־גרופּעס. זי האָט געקעמפט אינם טעבענס־שולץ־געביט אין דער אָפּטיילונג פון וועלוול ר אַ־ ז אָ װ ס ק י (לפ"ג). בעתן דערפילן איר קאַמף־דינסט, אויפן וועג פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, האָט זי אויסגעלענקט אַ פוס. מען האָט זי אַריבערגעפירט אין בונקער פאַר פאַרוואונדעטע אויף לעשנאָ גאַס 76. כדי נישט צו באַשווערן דאָס אַרויספירן די לעבנגעבליבענע קעמפער איז זי פאַרבליבן מיט די פאַרוואונדעטע קעמפער, וואָס מען האָט זיי נישט געקאָנט אַרויספירן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, און צווישן זיי — חנה ג ר אָ ו מ אַ ן (הגר) און שלום ס ו פ י ט (ביידע — לפ"ג). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (איר מוטער ר י י ז ל, פון דער היים שטשעפּקאָווסקי, און איר אינגערער ברודער ז כ ר י ה ו זיינען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ).

*** דונסקי סעוועק:** דער זון פונם אַלטן בונדיסט מ ש ה ד ו נ ס ק י — אַ שוס־טער אויף מילע גאַס נומער 3. סעוועק האָט געלערנט אין אַ אידישער פאָלקסשול, אַ חבר פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג „צוקונפט". אַלס

מיטגליד פון אירע שוץ־גרופעס, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מוטיקייט, בשעת זיי איז אויסגעקומען אָפּצושטויסן די אָנפאַלן פון אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס אויף פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. אין געטאָ איז ער אַריינגעטרעטן אין די בונדישע קאַמף־גרופעס. אין די שלאַכטן האָט ער זיך באַטייליקט, קעמפנדיק אין דער גרופע פון יורעק בלאָנעס (לפ״ג), אינם בערשטער געביט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דרייסטקייט און קאַלטבלוטיקייט. איינמאָל, אין די ערשטע טעג פון די קאַמפן, איז זיין גרופע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַ בוידעם, אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן, וועלכע האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז און עס האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז שוין נישטאָ קיין רעטונג, האָט סעוועק באַוויזן צוצוקומען קריכנדיק אין רוקן פון די דייטשן מיט זיין חבר יולעק יונגהייזער (זע זייט 188, אין דער באַמערקונג 3), און אָנגעהויבן שליידערן אויף זיי גראַנאַטן ביז די דייטשן זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די קעמפער, וועלכע זיינען געפאַלן אין די קאַנאַליזאַציע־רערן און זיינען נישט אַרויס אויף דער אַרישער זייט מיט דער גרופע פון די 32, דעם 10־טן מאַי 1943 (זע זייט 244, באַמערקונג 5 און זייט 285, באַמערקונג 25).

זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. ער איז דאַן אַלט געווען קנאַפּע 18 יאָר.

* **דיאַמאַנט אברהם:** געבוירן אין שיעראַדז, אַ שטעטל צווישן לאָדזש און קאַליש אין יאָר 1900 אין אַן אַרבעטנדיקער משפחה, דער פאָטער אַ באַאַמטער אין דער מיל, וועלכע האָט געהערט איינעם פון דער משפחה. אברהם האָט געלערנט אין אַ פאָלקס־שול. אַלס אינגל איז ער געווען פרום, אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט דער יוגנט־באַוועגונג פון פועלי ציון. שפּעטער איז ער במשך אַ סך יאָרן געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין דער לינקער פועלי ציון פאַרטיי אין קאַליש. אַ צייטלאַנג סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, אַ פאַך־אַרבעטער אין אַ וואורשט־פאַבריק, גאָר אַקטיוו אין זיין באַוועגונג און פאַרבונדן מיט איר מיט זיין גאַנצן וועזן. ביי אים אין שטוב פלעגן שטענדיק פאָרקומען כל־ערליי זיצונגען און באַראַטונגען. זיין גאַנצע פרייע צייט, ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער אָפּגעגעבן פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער רוח־החיים ביי אַלע עקאָנאָמישע אַקציעס פון אידישע אַרבעטער אין זיין שטאָט. גאָר טעטיק ביים אָרגאַניזירן די עליה קיין ארץ־ישׂראל פון זיין שטאָט; האָט שאַרף רעאַגירט אויף יעדן פּרווו פון פאַרשידענע פאַרמיטלער, וועלכע האָבן געפּרוווט אויסנוצן פאַר זיך דעם שטאַרקן עליה־דראַנג פון די אידן. אין יאָר 1926 האָט ער חתונה געהאַט מיט עטקע ראָזאַנאָוויטש (איר שוועסטער טובה איז אין ארץ־ישראל) און אַ יאָר שפּעטער האָבן זיי באַקומען אַ טעכטערל יוכבד. אַ געוויסע

צייט (1921—1924) האָט ער געדינט אין פּוילישן מיליטער און געווען אַ קאַפּאָראַל. דאָס האָט אים שפּעטער שטאַרק גענוצט אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

ביים אָנהויב פון קריג איז ער מיט דער פאַמיליע אַריבער קיין וואַרשע. אין דער אַרמיי פון וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען צווישן די עלטסטע קעמפער. אַ מיט־גליד פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי ציון און איינער פון אירע מוטיקסטע קעמפער. ער איז געפאַלן אין דער שלאַכט פון 1־טן אָדער 2־טן מאַי 1943 (וועגן אים און וועגן זיין העלדנטויט — זע הערש וואַסערס פאַרצייכנונגען „סילועטן", זייט 293) זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. (זיין פרוי און טעכטערל זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע).

* **דעמבינסקאַ דאָרקאַ**: אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). נאָך דער פאַרענדיקונג פון די שלאַכטן איז איר געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט און צוזושטיין צו די קאַמף־גרופּעס פון די לעצטפאַרבליבענע אויפשטענדלער פון וואַר־שעווער געטאָ, וועלכע האָבן אָפּערירט אין די ווישקאָווער וועלדער. ענדע יוני 1943 איז זי צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים אַוועק קיין וואַרשע, און זוכנדיק דעם אַדרעס פונם פאַרבינדלער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — זיינען זיי דורכגעפאַלן (זע די געדענק־פאַרצייכניש וועגן דוד נאָוואָדוואָרסקי). פאַראַן אַ סברה, אַז זי איז שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים, וואו זי האָט געאַרבעט אין דער צעמענט־פאַבריק און דערנאָך דערמאָרדעט געוואָרן — זי איז בעת די געטאָ־קאַמפן אַלט געווען אַרום 20 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַ־לענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **דעמבינסקי יצחק**: אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. אונז איז נישט געלונגען צו באַקומען פּרטים וועגן אים.

* **דרעזנער אברהם**: געבוירן אינם שטעטעלע טשעפּיעלאָוו ביי ראַדאָם, אין 1922, ביי האָרעפּאַשנע עלטערן. דער פאָטער האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן וואָלענע הענטשקעס און צוליב דער אַרבעט האָט ער די מערסטע צייט זיינע פאַרבראַכט אין וואַרשע. אין 1935 איז די גאַנצע משפחה (די עלטערן מיט אַכט קינדער) אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אברהם, דער עלטסטער אינגל האָט זייענדיק אין שטעטל געלערנט אין אַ פּוילישער פאָלקסשול און אויך אין אַ חדר און אין אַ ישיבה. שוין ביי זיך אין שטעטל איז ער אַריינגעטרעטן אין יונגן שיכט פון

דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע און איז געווען אַקטיוו. אַריבערקומענדיק קיין וואַרשע, איז ער ווייטער געווען טעטיק אין „פרייהייט" אַלס איינער פון די אַקטיווע דערציער. פריער האָט ער געאַרבעט ביי אַן איינבינדער און דערנאָך אַלס געהילף אין אַ שטריק־און־שנורן־געשעפט. ער האָט אויך געלערנט אויף אָוונט־קורסן.

בעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער אַריבער אויף דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו ביי וואַרשע. אַ געוויסע צייט האָבן געאַרבעט אויף דער פאַרם אויך זיין אינגערער ברודער יחזקאל (דער איינציקער פון דער פאַרצווייגטער משפחה, וועלכער איז געראַטעוועט; ער געפינט זיך איצטער אין ארץ־ישראל) און זיין עלטערע שוועסטער. נאָך דער ליקווידירונג פון דער טשערניאַקאָווער פאַרם, אין הערבסט 1942, האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און איז אַריינגעטרעטן אין דער קאָנצענטרירונג פון די „דרור"־מיטגלידער אויף מילע־גאַס 34. אַ צייט האָט ער געאַרבעט, צוזאַמען מיט נאָך חברים פון זיין גרופּע, אינם מאַשינען־לאַגער אויף לעשנע־גאַס 15. ער איז געווען צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפן פון אַפּריל־מאַי 1943, אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „דרור" און אין די קאַמפן איז ער אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **דרייער אברהם:** געבוירן אין גריצע ביי וואַרשע, אין 1916, אין אַ קליינ־הענדלער־משפחה, וועלכע האָט געלעבט אין דחקות. פון קינדוויייז אָן האָט ער נישט געוואוסט פון קיין גוט לעבן. ער האָט געלערנט אין אַ „תרבות"־פאָלקס־שול און אַלס קליינער אינגל האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן ביי שניידעריי און געטראָגן דעם יאָך פון דער משפחה. פריער איז ער געווען אין „גורדוניה" און אין דער לעצטער תקופה איז ער געווען אַ חבר פון „פרייהייט". ער איז געווען אַ לעבהאַפטער בחורל, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און פעסטן ווילן.


בילד פון 1933

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט ער פאַרלאָזט זיין שטעטל, געקומען קיין וואַרשע און אַריינגעוואָרפן זיך מיט לייב און לעבן אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם אין גראָכאָוו און נאָך איר ליקווידירונג, איז ער אַריבער אין דער פלוגה פון קיבוץ אין וואַרשע. ער האָט גענומען אויף זיך די שווערסטע אַרבעטן און איז מיט דער גאַנצער נשמה געווען איבערגעגעבן

דעם אינטערעס פון דער באַוועגונג. געווען זייער אַקטיוו צווישן דער יוגנט. אַלס מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופע פון „דרור", האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און דרייסט־קייט. זייענדיק אין דער פלוגה פונם קיבוץ אויף דזשעלנע־גאַס 34, האָט ער דאָרט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ הויז־וועכטער. די געסטאַפּאָ, וועלכע האָט כסדר געפּרוווט אַריבערציען אויף איר זייט די הויז־וועכטערס, האָט געפּרוווט אויך אים איינרעדן, אַז מען וועט אים שיצן, אויב ער וועט זיי דערציילן אַלץ וואָס ער ווייסט און זיי מיט־העלפן. דעם 17־טן אַפּריל 1942, ווען די דייטשן האָבן געמאַכט אַ פּלוצימדיקן שטורם־אָנגריף אויפן געטאָ און האָבן דערמאָרדעט עטלעכע צענדליק אידישע געזעלשאַפט־לעכע טוער, זיינען זיי אויך אָנגעקומען צום הויז אויף דזשעלנע 34. די דייטשן האָבן געקלאַפּט אין פאַרשלאָסענעם טויער, אָבער ער האָט נישט געענטפערט, כאָטש זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינשיסן, און ער איז געלאָפן וואָרנען די חברים. ביז דער טויער איז אויפגעבראָכן געוואָרן מיט גוואַלט האָבן זיי טאַקי אַלע באַוויזן צו אַנטלויפן. ער איז אויך געווען צווישן די, וועלכע זיינען באַאויפטראַגט געוואָרן אַדורכצופירן דעם טויט־אורטייל אויף א ל פ ר ע ד נ אָ ס י ג (זע ז. זייט 154, באַמ. 48). בעת די געטאָ־קאַמפן האָט ער געקעמפט אין ז כ ר י ה א ר ט ש ט י י נ ס (לפ״ג) קאַמף־גרופע אין „צענטראַלן געטאָ". ער איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין די געטאָ־חורבות נאָכן 10־טן מאַי 1943. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **דרענגער שמשון (שימעק):** געבוירן אין קראָקע, אין אַ פאַרמעגלעכער סוחרישער משפּחה. דערצויגן געוואָרן אין טראַדי־ציאָנעלן גייסט און געלערנט אין דער קראָקעווער העברעאישער גימנאַזיע. צו „בר־מצוה" איז ער אַריינגעטרעטן אין דער „עקיבא"־באַוועגונג. ער איז געווען אַ תלמיד און אַ חבר פון א ה ר ן ל י ב ע ס־ק י נ ד (לפ״ג), אָבער אין תוך — אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ. דער שטייפער, מאָגערער שימעק מיטן לענג־לעכן פּנים און דרייסטן בליק האָט אַ סך פאַרלאַנגט סיי פון זיך און סיי פון זיינע תלמידים אין דער יוגנט־באַוועגונג; אַ מענטש מיט אַ פעסטן ווילן, וועלכער גייט זיין וועג אָן צוויפלעניש. ער איז געווען געבענטשט מיט אַ סך פעאיקייטן, האָט אַ סך געלייענט, גוט געמאָלט און דעקאָרירט, גרינג אין שרייבן און אין רעדן, — און האָט דאָס אַלץ אויסגענוצט פאַר דער באַוועגונג, וואָס ער איז איר געווען זייער איבערגעגעבן און אומדערמידלעך אין אַרבעט לטובת איר.

ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער באַוועגונג מיט זיין פיינעם רעדאַגירן דאָס פוילישע צווייוואָכנבלאַט „יונגע". אין 1937—1939 האָט ער רעדאַגירט דאָס וואָכנבלאַט פון די דערוואַקסענע מיטגלידער „דברי־עקיבא". אין 1937 איז ער געוויילט געוואָרן אין צענטראַלן סעקרעטאַריאַט פון דער „עקיבא"־באַוועגונג אין פוילן און ער האָט אָנגעפירט מיט דער דערציונגס־אָפּטיילונג פון די יונגע גדודים. נאָך זייער יונג האָט ער דערצויגן די גרופּע „השרון", וועלכע איז געוואָרן אַ מוסטער, און ער האָט געטרוימט צו פאָרן מיט איר קיין ארץ־ישראל, — זיין טרוים איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע פון קראָקע איז ער אַרעסטירט געוואָרן און גאַנץ צופעליק איז ער באַפרייט געוואָרן פונם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין טראַפּוי, אָבער ער האָט געמוזט יעדן צווייטן טאָג מעלדן זיך אין געסטאַפּאָ־אַמט. די דאָזיקע גזרה האָט אים צוגעשמידט צום אָרט, אָבער זי האָט נישט געפּענטעט זיין שטאַרקע אַקטי־וויטעט אינם אונטערערד. ער איז געווען צווישן די רעדאַקטאָרן פונם וואָכנבלאַט „החלוץ הלוחם" (דער קעמפנדיקער החלוץ), וואָס איז דערשינען יעדן פרייטאָג — אין 250 מאַשין־געשריבענע עקזעמפּלאַרן. עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן די ריזיקאַלישע אויפטועו פונם קעמפנדיקן החלוץ אין מערב־גאַליציע און שמשון איז געווען פון צווישן די אַקטיווסטע טוער. זיין טעטיקייט האָט זיך נישט באַגרעניצט אין די ראַמען פון זיין שטאָט אַליין. זיין אויפגאַבע איז געווען — צו אָרגאַניזירן דעם טעכנישן אַמט: צוצושטעלן פאַר־דערלויבנישן אין באַן, אַריינגאַנג־דערלויבנישן אין געטאָ, אַרישע דאָקומענטן און אויסלענדישע דאָקומענטן, — און ער האָט אַלץ געטון. ווען ס'איז געווען אַ נויטווענדיקייט צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, האָט ער נישט זעלטן מיטגעפירט דעם גאַנצן אַמט אין זיין פּאָרטפעל.

נאָכדעם ווי מען האָט אין נאָוועמבער 1940 פאַרשפּאַרט די קראָקעווער אידן אין געטאָ, איז ער אַוועק קיין ווישניץ, נעבן באָכניע; באַקומען צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע חברים אַ דערלויבניש צו אָרגאַניזירן לאַנדווירטשאַפטלעכע קורסן, וואָס זיי האָבן פאַקטיש אויסגענוצט אויף צו אָרגאַניזירן די ערשטע אָנהויבן פון קאַמף־גרופּן. שפּעטער האָט ער אַ געוויסע צייט געפירט די אַרבעט אין מישלעניץ נעבן קראָקע און פון דאָרטן פלעגט ער קומען יעדן טאָג אין שטאָט אַריין. ווען דאָס אָרט איז געוואָרן געפערלעך איז ער אַריבערגעפאָרן אין מערב־גאַליצישן קוראָרט ראַבקע, — צוזאַמען מיט זיין פרוי גוסטאַ, פונדערהיים ד אַ ו י ד ז אָ ן, אויך אַ מיטגלידערין פון „עקיבא" (איר ברודער געפינט זיך אין ארץ־ישראל), אַ מוטיקע קעמפערין, וועלכע האָט אים מיטגעהאָלפן אין זיין גאַנצער טעטיקייט. זיי האָבן געדונגען אַ דירה אין ראַבקע און געלעבט דאָרט מאַסקירט אַלס נישט־אידן (ער האָט באַנוצט דאָקומענטן אויפן נאָמען פון מאַרעק באַראַווסקי) און ווייטער געפירט זייער טעטיקייט. אין יאַנואַר 1943 איז שימעק דרענגער אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ מסירה. נאָך זיין אַרעסט

האָט אויך זיין פרוי פרייוויליק זיך צוגעשטעלט אין „געסטאַפּאָ" — נישט וועלנדיק זיך שיידן פון אים (אין טורמע האָט זי געשריבן זכרונות וועגן דער טעטיקייט פון קעמפנדיקן החלוץ אין קראָקע, די זכרונות זיינען געראַטעוועט געוואָרן און אין אַפּריל 1946 זיינען זיי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק אויף פויליש אונטערן נאָמען „יוסטינאַ'ס טאָגבוך", אינם פאַרלאַג פון דער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע (דאָס ביכל איז אויך איבערגעזעצט אין העברעאיש). ווען שימעק איז, צוזאַמען מיט נאָך 5 אַרעסטירטע, געפירט געוואָרן צום טויט, דעם 29־טן אַפּריל 1943, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט זיין פרוי (צווישן זיי איז אויך געווען לייבאָוויטש — לאַבאַן — לפ"ג, וועלכער האָט אויך געפרוווט אַנטלויפן, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען). ער האָט פאַרגעזעצט, צוזאַמען מיט גוסטען, די אונטערערד־אַרבעט אין באָכניער־קרייז, זיך באַמיט צו שאַפן נייע קאַמף־גרופן און באַנייען דאָס אַרויסגעבן פון „החלוץ הלוחם". אין עטלעכע חדשים אַרום, אין הערבסט, זיינען זיי פאַרשוואונדן. קיין פּרטים זיינען נישט באַקאַנט, ווייזט אויס, אַז זיי זיינען ווידער אַריינגעפאַלן צו די מערדער אין די הענט, וועלכע האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייער העלדישן און מסירות־נפשדיקן לעבן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די געטאָ־קאַמפן, צווישן די קרבנות פון דער „עקיבא"־קאַמף־אָפּטיילונג אין וואַרשע (אויך זיין אינגערע שוועסטער שחורה, איז שוין געווען טעטיק אין דער באַוועגונג און זי איז אומגעקומען דעם 19־טן מערץ 1943, אַלט־זייענדיק 16 יאָר).



גוסטע דרענגער
בילד פון 1938

* **האַכבערג אַדאָלף:** ער האָט געשטאַמט פון לייפּציג. איינער פון דער יוגנט־עליה פון דייטשלאַנד, וועלכע זיינען פאַר דער מלחמה אַריבערגעפירט געוואָרן אין קיבוץ פון החלוץ אין גראָכאָוו נעבן וואַרשע. אַן איבערגעגעבענער און אַקטיווער חבר פון „דרור". בעת דער אָקופּאַציע איז ער געווען טעטיק אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג. אין די געטאָ־שלאַכטן האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור", וועלכע האָט אין די ערשטע אויפשטאַנד־טעג געקעמפט אינם בערשטער־געביט געגן אַן־אַ שיעור גרעסערע פון איר דייטשע כוחות. ער איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען דעם 10־טן מאַי 1943 דורכגעגאַנגען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צו דער אַרישער זייט. פאַרן אַרויסגיין פון די רערן איז ער געשיקט געוואָרן צונויפזאַמלען די חברים, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו דערגיין

צום אַרויסגאַנג, — און אין דערדאָזיקער שליחות איז ער געפאַלן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף — ער איז דאַן אַלט געווען 21 יאָר.

*** האַכבערג דוד:** קאָמענדאַנט פון אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג. געבוירן אין שעדלעץ, אין יולי 1925. זיינע עלטערן האָבן גע־שטאַמט פון פרומע קרייזן. דער פאָטער איז געווען אַ שטעפּער און אייַנבינדער; באַלד נאָך דוד׳ס געבוירנווערן איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געווען אַ חבר פון די לינקע פועלי ציון. אין דער קריזיס־תקופה פון 1927 איז ער צוריקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. די הויפּט־לאַסט פון אויפהאָדעווען און דערציִען דוד׳ן איז געפאַלן אויף דער מוטער, דינה, פונדערהיים פרידמאַן, וועלכע האָט מיט דער טרייהייט פון אַ אידישער מוטער געטראָגן דעם יאָך מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט אָן אַ גרעניץ. זי האָט זיך באַמיט אים געבן אַ גוטע דערציאונג און האָט תמיד אַ סך געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן.

בילד פון 1938

אין 1930 איז זי אַריבערגעפאָרן מיטן קינד קיין וואַרשע, וואו זיי האָבן געוואוינט אין אידישן קוואַרטאַל, אויף נאַוואָליפּקי 20, — אין דערדאָזיקער אידיש־וואַרשעווער סביבה איז דוד אויפגעוואַקסן. די מוטער האָט געאַרבעט אַלס לערערין אין ציש״אָ־שולן און אין „טאָז״־אַנשטאַלטן. אין יענער תקופה האָט זי זיך דערנענטערט צום „בונד״ און אַלס „בונד״־סימפּאַטיקערין האָט זי אין דעם גייסט אויך דערצויגן דעם זון. דוד האָט געלערנט פריער אין אַ פאָלקס־שול און שפּעטער אין דער גימנאַזיע „לאור״. ער איז געווען אַ לעבהאַפטיקער און פעאיקער אינגל, האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע לימודים און באַקומען אַ סטיפּענדיע, וועלכע האָט אים דערמעגלעכט ווייטער צו לערנען. נאָך גאָר יונג האָט ער געלערנט שפּראַכן און באַהערשט העברעאיש און ענגליש. ער איז געווען אַ שיינער, שוואַרצהאָריקער, הויכגעוואַקסיקער אינגל, אַ גוטער ספּאָרטלער און דערצו אויך אינטעליגענט און ענערגיש. פון קינדווייז־אָן איז ער געווען אַ מיטגליד פון „סקיף״ — די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע. די מערסטע חברים זיינע אין גימנאַזיע זיינען געווען אין ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אים געפּרוווט איבערציִען אויף זייער זייט, אָבער ער איז פעסט געבליבן ביי זיינע מיינונגען.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אין וואַרשע. אין דער ערשטער תקופה האָט ער געלעבט צוזאַמען מיט זיין מוטער אויף נאַוואָליפּקי 43, אין דער וואוינונג פון זיין מוטערס שוועסטער, וועלכע איז אַוועקגעפאָרן. ער איז

געווען אַ העלדישער און מוטיקער קעמפער — איינער פון די אינגסטע. האָט זיך באַטייליקט אין אַ ריי קאַמפן אין די ערשטע קאַמף־טעג פונם געטאָ־אויפשטאַנד, אין אַפּריל 1943. ווען ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אינם בונקער אויף מילע 29, האָט ער איבערגעגעבן דאָס געווער זיין גוטן פריינט און חבר אין דער קאַמף־אָפּטיילונג בערל טאָסנקרויט (23 יאָר אַלט, אַ קצב לויטן פאַך, אַ שטאַרקער בחור — וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אין די ווישקאָווער וועלדער). מער פּרטים וועגן טויט פון דוד האַכבערג — זע זייט 256, באַמ. 18, צום באַריכט פון „בונד". זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. (אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז אין נאָוועמבער 1943 אַריבערגעשיקט געוואָרן דורכן אונטערערד פון וואַרשע קיין לאָנדאָן, דערשיינט זיין נאָמען, על פּי טעות, אין דער ליסטע פון די „דרור"־קעמפער).

*** האָלאַנד זלמן:** אַ שווערע יוגנט האָט ער דורכגעמאַכט. זיין פאָטער, אַ מעכאַניקער און לייטער פון אַן עלעקטרישער קראַפט־סטאַציע אין אַ שטעטל נעבן וואַרשע, איז ביי דער אַרבעט פאַרוואונדעט געוואָרן און די פּרנסה האָט זיך איינגעבראָכן. אויך זלמן האָט, נאָכן פאַרענדיקן די פאָלקסשול, געלערנט מעכאַניקעריי. פון דער יוגנט אָן איז ער געווען אַן איבערגעגעבענער חבר פון דער „עקיבא"־באַוועגונג, — אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קן, אין גדוד „חרמון". אין אָנהויב מלחמה איז אים אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער און ער האָט געדאַרפט מפרנס זיין די מוטער און זיין אינגערן ברודערל. צוליב דעם האָט ער נישט געקענט אַריינטרעטן אין וואַרשעווער שטאָטישן קיבוץ פון „עקיבא". בשעת דעם גרויסן גירוש אין יולי־סעפּטעמבער 1942, זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויך זיין מוטער און זיין ברודער. ער איז דאַן אַריינגע־טרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און געווען איינער פון אירע געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע קעמפער. אין דער לעצטער תקופה פאַרן אויפשטאַנד האָט ער געאַרבעט אין די געוועזער־וואַרשטאַטן „שטייער אונד דיימלער", דאָרטן האָט ער לויט אייגענער איניציאַטיוו אַדורכגעפירט אַ גרויסן סאַבאָטאַזש־אַקט, וואָס אַלס רעזולטאַט דערפון זיינען קאַליע געוואָרן צענדליקער טויזנטער ביקסן־רערן. דער דייטשער דיי־רעקטאָר איז צוליב דעם געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט און מען האָט אים דערשאָסן. זלמן איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „עקיבא". בעת די קאַמפן האָט ער געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון דוד נאָוואָדוואָרסקי (לפ"ג) אין טעבענס־שולץ־געביט און דאָרטן איז ער געפאַלן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, ער איז דאַן אַלט געווען אַ 22 יאָר.

*** האַלזבאַנד אהרן:** געבוירן אין זשיראַרדאָוו ביי וואַרשע, אין חודש אב 1916.



בילד פון 1936

דער פאָטער איז געווען אַ בעל־מלאכה, אַ שניידער. מיט דער דערציאונג פון די קינדער האָט זיך באַשעפטיקט די מוטער, וועלכע האָט זיך זייער אָפּגעגעבן דער זאַך. אַלע קינדער, פינף ברידער און איין שוועסטער, האָבן געאַרבעט ביי שניידעריי. אהרן איז געווען אַ געוויקסיקער אינגל, אַן ערנסטער, גייסטיק אַנטוויקלטער און אַן איידעלער. גאָר יונג איז ער אַריינגעטרעטן אין דער סקויטן־באַוועגונג פון „פרייהייט" און געטריי אויסגעפילט אַלע אים איבערגעגעבענע אויפגאַבן. ער האָט זיך באַטייליקט אין די זומער־קאָלאָניעס אין קאַזשימיעזש און אין גראָדזיסק, אין לערן־חדשים א.אַ.וו. עלטערווערנדיק, איז ער אַריבער אין „פרייהייט" און האָט אַוועקגעגעבן אַ סך פון זיין צייט און ענערגיע דער טאָגטעגלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון דער אָרטיקער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע און פון דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי.

בשעת דער מלחמה איז ער צוזאַמען מיט זיין ברודער געצל אַריבער קיין באַראַנאָוויטש (זיין ברודער יוסף געפינט זיך אין ארץ־ישראל). אָבער די לאַגע פון די עלטערן האָט אים נישט געלאָזט רוען און ער איז צוריקגעקומען צו זיי. אין אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און האָט אין די אונטערערדישע באַדינגונגען ווייטער פאָרגעזעצט מיט געטרייהייט און איבערגעגעבנהייט צו דערפילן זיינע אויפגאַבן אין דער באַוועגונג. עס איז פאַר אים געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט דאָס אַריינטרעטן אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". ער, דער 27 יאָריקער, איז געווען דער עלטסטער אין זיין קאַמף־גרופּע. ער האָט געזאָרגט פאַר זיינע אינגערע חברים ביי יעדער סיטואַציע, די דאגה פון אַ פאָטער, וואָס פאַרגעסט נישט זיינע קינדער. בעתן אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין בערל ברוידעס (לפ"ג) קאַמף־גרופּע אין צענטראַלן געטאָ. ער איז געפאַלן דעם 8־טן מאַי אינם שטאַבבונקער פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

האַלצמאַן לודוויג: געבוירן אין אַ קליין שטעטל נעבן וואַרשע, אין 1889. צוערשט האָט ער געלערנט אין חדר און דערנאָך אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע. ער האָט פרי אַרויסגעוויזן מוזיקאַלישע פעאיקייטן (אויך זיין ברודער און דער ברודער־זון זיינען באַקאַנטע מוזיקער) און באַקומען אַ ספּעצ־

יעלע מוזיקאַלישע אויסבילדונג אין וואַרשע, און שפּעטער אין פּאַריז, ביי פּראָפעסאָר ז ש אַ ק ט אַ ר ב אָ, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים. קומענדיק צוריק קיין פּוילן, האָט ער דיריגירט קאָנצערטן אין וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט 23 יאָר. זיינע סאָלאָ־אויפטריטן זיינען תמיד געווען אַ וויכטיקע קינסטלערישע געשעעניש. עטלעכע יאָר איז ער געווען קראַנק, און אַז ער איז ווידער געזונט געוואָרן, האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אַלס דיריגענט אין וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. עטלעכע חדשים פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט אים פאַרבעטן דער ארץ־ישראלדיקער אָרקעסטער און ער האָט די איינלאַדונג גערן אָנגענומען (דאָס איז גראָד געווען אין יענער צייט, ווען עס האָבן זיך ווידער געשטאַרקט די זידלערייען פון דער ענדעקיש־אַנטיסעמיטישער פּרעסע, הלמאי אַ איד שטייט בראש פון דער וואַר־שעווער פילהאַרמאָניע), אָבער ער האָט שוין נישט זוכה געווען זיין ווילן צו פאַר־ווירקלעכן.

ער איז געווען צווישן יענע קינסטלער אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס זייערע שיינע קאָנצערטן האָבן געגעבן די אידישע מאַסן מינוטן פון אָפּרו און זעלבסטפאַר־געסונג אין די גרויל־צייטן פונם גרויזאַמען אָקופּאַנט. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין טרעבלינקע, און זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

האָפמאַן ישראל: געבוירן אין קרושניעוויץ, וולאָצלאַווקער קרייז. זייענדיק נאָך יונג, איז ער שוין אַריינגעטרעטן אין דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג און איז זייער גיך געוואָרן אַ וויכטיקער טוער אין דער אידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. פון פאַך איז ער געווען אַ שניידער פון מענער־בגדים. אין 1925 איז ער געווען אין לאָדזש, אַקטיוו אין נאָדל־פאַריין און אַרויסגעוויזן זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונם פאַריין. אין 1929 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אין נאָדל־פאַריין, און נאָך אַ שטיקל צייט איז ער געווילט געוואָרן אין דער לאַנד־צענטראַלע.

ער איז געווען צווישן די קעמפער בשעת דער ערשטער וואַרשע־פאַרטיידיקונג אין 1939. נאָך דער אָקופּאַציע אַקטיוו אינם אונטערערד פון „בונד". ווען ער איז אַרויס־געשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּאָניאַטאָווע, האָט ער אויך דאָרט פאָרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און איז געווען אַקטיוו אין דער לאַגער־גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. 40 יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער איז אומגעקומען.

הובערבאַנד הרב ר' שמעון: געבוירן אין כענטשין ביי קיעלץ. זיין פאָטער ר' שמשון יאָסל (דער ברודער פון ר' הלל — פון די „מזרחי"־אָנפירער) האָט געשטאַמט פון אַ וואַרשעווער גביריש־באַנקירישער משפּחה; זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון כענטשינער רבי, הרב ר' חיים שמואל הלוי האָרוויץ. ר' שמעון איז דערצויגן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אינם רבישן הויף פון זיין כענטשינער זיידע; נאָך דער חתונה מיטן פּיעטרקאָווערס רב'ס טאָכטער, האָט ער זיך דאָרט באַזעצט. אין דער יוגנט האָט ער שוין אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו לייענען און צו היסטאָרישע חקירות. באַזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיטן פאַרשן די געשיכטע פון דער פּסחדיקער הגדה, מיט וועלכער ער האָט זיך באַשעפטיקט לאַנגע יאָרן (ער האָט פאַרמאָגט אַ ווערטפולע זאַמלונג פון פּסחדיקע הגדות פון דער סאַמע פריסטער צייט) און ער האָט מחבר־געווען אַ ספר וועגן דעם אָנהויב פון דער הגדה און איר השפּעה אויפן אידישן לעבן. די אידישע היסטאָריקער אין פּוילן מ אי ר באַלאַבאַן און יצחק שיפּער האָבן הויכגעשאַצט זיין אַרבעט און געפּרוווט אים צוציען אויך צו אַנדערע אַרבעטן אויפן געביט פון אידישער געשיכטע. דאָס איז זיי געלונגען און דער יונגער רב האָט אָנגעהויבן פאַרשן אַלטע מצבות אויף אַלטע בית־עולמ'ס, האָט פאַרבראַכט אַ סך צייט אין פאַרשידענע קהלה־אַרכיוון און ביב־ליאָטעקן.

בעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע און האָט זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט ד"ר עמנואל רינגעלבלום און אַנדערע, אין זאַמלען די מאַטעריאַלן וועגן דער קאַטאַסטראָפע פון די אידן אין פּוילן. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן בשעת דעם ערשטן פאַרניכטונגס־גירוש אין די חדשים אויגוסט־סעפּטעמבער 1942. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעל־שאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער. ער איז דאַן אַלט געווען קרוב 30 יאָר.

* **היימאַן איטקע:** אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן), איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. עס איז אונז נישט גע־לונגען צו באַקומען פּרטים וועגן איר (בערנאַרד באַרג גיט איבער אינם בוך פון ב. מאַרק „חורבות דערציילן", אַז זי האָט זיך דעם 7־טן מאַי 1943 אַליין דערשאָסן, בשעת די דייטשן האָבן דערווישט דעם בונקער אויף דער לעשנע־גאַס, וועלכן איר קאַמף־גרופּע האָט באַשיצט, און אָנגעהויבן אַריינלאָזן גאַז אינם בונקער).

* **היימאַן רות:** געבוירן 1923 אין וואַרשע. אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל, אויף נאַוואָליפּקי 15, געלערנט אין אַ פאָלק־שול. ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, איז איר אָפּגעשטאָרבן די מוטער און זי האָט

געלעבט אין טרויער און אין אָרימקייט. אויפגעלעבט האָט זי בשעת זי איז אַרײַן אין „השומר הצעיר" אין גדוד „בניר". אַ שמאָלע, פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ פײַן און צאַרט פּנים, איז זי תמיד געווען אַ פריילעכע, כאָטש פון צייט צו צייט פלעגט פון אירע גרויע אויגן אַרויסבליקן אַ שטאַרקער טרויער. זייער אַ חברישע און לײַכט־באַרעדעוודיקע, איז זי געווען באַליבט ביי אַלעמען. די מערסטע צייט האָט זי פאַרבראַכט מיט די חברים פון גדוד.

נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען טעטיק אינם אונטערערד. צווישן די אָנפירער פון דעם קרייז „לשחרור" אין קן פון „השומר הצעיר" אין די יאָרן 42—1941. ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז זי אַרײַנגעטרעטן אין די קאַמף־גרופּעס פון „השומר הצעיר"; זי איז געווען מרדכי אַניעליעוויטשעס (לפ"ג) פאַרבינדלערין, האָט געהערט צו דער קאַמף־גרופּע פון מרדכי (מערדעק) גראָוואַס (לפ"ג). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** הײנסדאָרף מרים:** געבוירן 1913 אין וואַרשע. די קינדהייט האָט זי פאַרבראַכט — צוזאַמען מיט איר משפחה — אין לובלין. דאָרט האָט זי געלערנט אין אַ קריסטלעכער פאָלקס־שול און צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן זיך מיט שנאה צו אידן. זי האָט דאַמאָלסט אָרגאַניזירט די אידישע שילערינס און זיי אויפגעפאָדערט צו אַ ווירדיקער האַלטונג. אין 16־יאָריקן עלטער איז זי אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און איז אַרײַנגעטרעטן אין „השומר הצעיר"; זי איז געווען אַ חברטע אין קיבוץ „מסד". זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דראַמאַטישע פעאיקייטן, איבערהויפּט אין זינגען, מיט אַ שיינער און צאַרטער שטימע, און געשפּילט הויפּט־ראָלן אין די פאָרשטעלונגען פון דער צווישן־קיבוצישער דראַמאַטישער גרופּע, פריער פון „החלוץ" און דערנאָך פון „השומר הצעיר", — וועלכע האָט באַזוכט די קיבוצים. אויף הכשרה איז זי געווען אין סלאָנים.



בילד פון פאַר דער מלחמה

דאָרט פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט זי געזאָלט אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, אירע זאַכן זײַנען שוין געווען געפּאַקט, אָבער זי האָט נישט באַוויזן אַרויסצופאָרן. אין דער אונטערערד־תקופה איז זי אויסגעוויילט געוואָרן אין דער הנהגה ראשית און האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אָפּגעגעבן דער נייער אויפגאַבע, אַרויסווייזנדיק גרייטקייט צו העלפן ביי די שווערסטע סיטואַציעס. זי האָט באַזוכט די פּראָווינץ־אָרגאַניזאַציעס, אָרגאַניזירט

און געמוטיקט. איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט איר גאַנצן וועזן. אויף איר אַדרעס, נאָוואָליפיע 45, זײַנען אָנגעקומען די פּעקלעך, וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן אַלס הילף דער באַוועגונג דורכן פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין זשענעווע. זי זעלבסט האָט געלעבט אין גרויס דחקות. אין איר דירה האָט אויך געוואוינט יוסף קאַפּלאַן (לפ״ג), מיט וועלכן זי האָט די גאַנצע צײַט צוזאַמענגעאַרבעט. זי האָט געפירט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד, איז געווען צווישן די אָרגאַני־זאַטאָרן און דערנאָך די לײַטערין פון שטאָטישן קיבוץ פון „השומר הצעיר" אויף נאַלעווקי 23. זי איז אויך געווען אַן אַקטיווע טוערין פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אַ מיטגליד פון דער קאָאָר־דינאַציע־קאָמיסיע פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמי־טעט און דעם „בונד". זי האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמף־גרופּעס פון „השומר הצעיר". איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. איר אינגערע שוועסטער, צפורה, אויך א געבוירענע אין וואַרשע, דערצויגן אין „השומר הצעיר", איז אומגעקומען אין טשענסטאָ־כאָוו. איר עלטערע שוועסטער פנינה, געפינט זיך אין ארץ־ישראל. (אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז בשעתו געשיקט געוואָרן פון וואַרשע, איז על־פּי־טעות אָנגעגעבן איר נאָמען אײַנסדאָרף מרים).

בילד פון דער געטאָ־צײַט

*** הימלפאַרב אַדעק:** געבוירן אין פּאַלעניץ ביי וואַרשע. אַ חבר פון „גור־דוניה". אין דער מלחמה־צײַט איז ער אַריבער קיין וואַרשע און געווען אַקטיוו אין אַרטיקן קן. נאָך לאַנגע ישוב־הדעת׳ן איז ער אַריין אין דער קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה" ערשט נאָך די ערשטע שלאַכטן פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין יאַנואַר 1943. אָבער ווי ער איז אַריין, האָט ער זיך איבער־געגעבן דער אַרבעט מיט דער פולסטער טרײַשאַפט און צוגעבונדנקייט; האָט אויך אויסגעפירט געפערלעכע אויפגאַבן ביים אַדורכפירן אורטיילן פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַ צוויי וואָכן פאַרן אויפשטאַנד, איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס, פונדעסטוועגן האָט ער אָנטײלגענומען אין די קאַמף־אַקציעס אויף בשעת דעם אויפשטאַנד. ער איז געווען אין דער קאַמף־גרופּע פון יעקב פײַגנבלאַט (לפ״ג). דעם 29־טן אַפּריל 1943 איז ער פון טעבענס־שולץ־געביט אַריבער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זײַט. דאָרטן האָט ער געפרוווט זיך אויסבאַ־

האַלטן ביי זיינער אַ מומע, און איז אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

העכטקאָפּ שיינדל: געבוירן אין זאַמאָשטש, אין מאַי 1911, אין אַן אַרבעטנדיקער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַ בלעכער. די פרנסה אין שטוב איז געווען שווערלעך. די מוטער האָט געמוזט עפענען אַ קראָם פון קיך־געשיר כדי מיטצוהעלפן אויסהאַלטן די שטוב. שיינדל האָט געלערנט פריער אין אַ העברעאישער פאָלקסשול „קדימה" און דערנאָך אין אַ פוילישער מלוכה־גימנאַזיע. זי האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין די לימודים און אירע צייגנישן זיינען געווען פון די בעסטע אין גימנאַזיע, הגם עס האָט דאָרט געהערשט אַן אַנטיסעמיטישער גייסט. צו 14—15 יאָר, זייענדיק אין 5־טן קלאַס, האָט זי אָנגעהויבן געבן לעקציעס און אַ סך נישט־אידישע שילער האָבן זיך געווענדעט דווקא צו איר. איר פאַרדינסט איז געווען אַ גרויסער

טייל פון דער פרנסה אין הויז. אין 1932 איז די משפחה אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און זי האָט פאָרגעזעצט אירע למודים אין אוניווערזיטעט, זי האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און באַשטימט געוואָרן אַלס ריכטערין.

זייענדיק אין גימנאַזיע אין איר היימשטאָט, האָט זי אַ קורצע צייט געהערט צו אַ רעוויזיאָניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „מסדה", פון וועלכער זי איז אַוועק און אַריבער צו דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. קומענדיק קיין וואַרשע, איז זי אַריין אין „פרייהייט" און אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד (אויך אירע צוויי אינגערע ברידער זיינען געווען מיטגלידער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג), אין וועלכן זי איז געווען פון די אַקטיווסטע חברים און איז געווידמעט אַ סך צייט. זי איז אויך געווען אַקטיוו אין דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, האָט מיטגעאַרבעט אין דער לייטונג פון דער פּרץ־ביבליאָטעק, האָט אָרגאַניזירט בילדונגס־קרייזן פאַר אַרבעטער, אָוונט־קורסן, זומער־קאָלאָניעס א.אַ.וו., וואַכזאַם און גוטהאַרציק, באַליבט ביי אַלע חברים. זי האָט זיך אָפּגערופן אויף יעדער מאָנונג פון דער באַוועגונג.

מיט גרעניצלאָזער איבערגעגעבנקייט איז זי פאַרבליבן אויף איר פּאָסטן אין די אונטערערד־צייטן. אומדערמידלעך און מיט גרויסן מוט האָט זי אויסגעפילט די געבאָטן פון דער באַוועגונג אין יעדן קריטישן מאָמענט. זי איז געווען סעקרעטאַרין פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט און איינע פון די אַקטיווסטע אין דער אָרגאַניזאַציע.

האט געארבעט אלס לייטערין פון א פאלקסקיך, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען א טרעפפונקט פאר די חברים. זי האט פונדאסניי ארגאניזירט דעם ציוניסטיש־סאציאליסטישן אקאדעמישן קרייז — צוזאמען מיט מאיר (מארק) מאיראוויטש (לפ״ג) און רות מאליניאק. ביי איר אינדערהיים פלעגן פארקומען זיצונגען פונם אונטערערדישן פארטיי־קאמיטעט. דעם 6־טן סעפטעמבער 1942 איז זי ארעסטירט געווארן, און דעם 10־טן איז זי אוועקגעפירט געווארן אין טויט־לאגער טרעבלינקע. די באוועגונג האט געמאכט גרויסע באמיאונגען זי צו באפרייען, אבער זי האט נישט געוואלט פארלאזן איר מוטער, וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארן צוזאמען מיט איר. איר נאמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די אויף זייער פאסטן געפאלענע אנפירנדיקע חברים, וועלכע ווערן דערמאנט אינם בריוו פון דער פארטיי צום איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות פון 15־טן נאוועמבער 1943.

* **העלער שמעון:** געבוירן אין קראקע אין אן אינטעליגענטער און פארמעגלעכער משפחה, אין וועלכער עס האט געהערשט אן אסימילאטארישער גייסט. אין דער יוגנט האט אים גארנישט געפעלט און ער האט קיינמאל נישט פארזוכט דעם טעם פון לעבנס־שוועריקייטן. ווען ער איז נאך געווען גאר יונג, איז די משפחה אריבערקיין וואלבראם, נישט ווייט פון קראקע און דארטן איז ער אויפגעוואקסן. שפעטער איז די משפחה אריבער קיין ווארשע. ער האט געלערנט אין דער ווארשעווער גימנאזיע „אסכולה". געווען א חבר אין „השומר הצעיר", גדוד „מרחביה". א שיינער, שווארצהאריקער, היכגעוויקסיקער בחור, באליבט ביי אלע זיינע חברים. ער איז מיט דער גאנצער נשמה געווען איבערגעגעבן דער באוועגונג, זיין



בילד פון 1938

אקטיוויטעט האט זיך ארויסגעוויזן הויפטזאכלעך אויפן קולטור־געביט.

בעת דער מלחמה איז ער געווען א חבר און דער סעקרעטאר פון קיבוץ „גל־און" אין ווארשע, און פארגעזעצט זיין ארבעט אין קן. אין די יארן 1940—1941 האט ער געארבעט אין דער דערציאונגס־אפטיילונג פונם אידישן אמט פאר סאציאלע הילף. בשעת דער ארגאניזירונג פונם ווידערשטאנד, איז ער באשטימט געווארן אלס קאמענדאנט אינם בלאק פון די לאנדוי־ווארשטאטן. בשעת דעם געטאאויפשטאנד איז ער געווען זייער אקטיוו אין די שלאכטן, אויפן געביט פון די טעבענס־שולץ ווארשטאטן (דער שטח, וואס איז באצייכנט אין דער געטא־מאפע מיטן אות „ב").

אינם טאָגבוך פון ש ל ו ם ג ר אַ י ע ק ווערט ער באַצייכנט ווי דער בעסטער שיסער אין זיין שלאַכט־געביט. ער האָט מקיים געווען זיינע ווערטער, אַז ער וועט נישט שטאַרבן ביז ער וועט נישט דערהרגענען כאָטש פינף דייטשן. ער איז געפאַלן דעם 22־טן אַפּריל 1943, ווען זיין גרופּע אויף לעשנע־גאַס 76 האָט שוין נישט געהאַט קיין שום אויס־וועג, ווייל דאָס הויז איז געווען אַרומגערינגלט מיט דייטשן, און די קעמפער האָבן געמוזט אַראָפּשפּרינגען אין הויף פון אַ באַלקאָן פון דריטן שטאָק. זיינע חברים, וועלכע עס איז געלונגען אַדורכצורייסן זיך, צוזאַמען מיט זייער פאַרוואונדעטן קאָמענ־דאַנט אליעזר געלער (לפ״ג), האָבן נאָך באַוויזן מיטצונעמען זיין געווער. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, — ער איז דאַן אַלט געווען 23 יאָר.

הערצליך־בליט פייגע: אין 1920 איז זי געקומען פון די אַקאַדעמישע קרייזן אין דער לינקער פּועלי־ציון פּאַרטיי און איז געווען אַקטיוו אין איר ביז איר לעצטן לעבנס־טאָג. זי איז געווען אַ רעדנערין און אָרגאַניזאַטאָרין, פלעגט זיך באַטייליקן אין אַלע וויכטיקע ארבעטן און אָפּרופן זיך אויף יעדע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג. איר הויפּט־כוח און ענערגיע האָט זי געווידמעט דער דערציערישער און קולטור־טעטי־קייט. מען האָט זי געהאַלטן פאַר איינע פון די בעס־טע לערערינס אין די שולן, וואו אידיש איז געווען די לערנשפּראַך. זי איז געווען אַ לייטערין פון דער באָראָכאָוו־שול אויף נאָוואָליפּקי 68, אַ מיטגלידערין פון דער ציש״אָ־צענטראַלע און דעלעגאַטין אויף אירע צוזאַמענפאָרן. זי איז אויך געווען אַ מיט־גליד פון דער צענטראַלע פון דער געזעלשאַפט פאַר אַרבעטער־אָוונט־קורסן.

בילד פון 1934

בשעת דער מלחמה איז זי אַריבער אינם סאָוויעטישן געביט אָבער דערנאָך איז זי צוריקגעקומען קיין וואַרשע און פאָרגעזעצט איר טעטיקייט אונטערערדיש. זי האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט אונטערערדישע שולן און געווען טעטיק אויך אויף אַנדערע געביטן: פאָלקסקיכן, סאָציאַלע הילף א.אַ.וו. זי האָט געאַרבעט אין דער קיך פונם אידישן אַמט פאַר סאָציאַלע הילף. זי איז געווען באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אין דער צוגרייטונג פונם אויפשטאַנד. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל פון 24־טן מאַי

1944 ווערט זי דערמאָנט אַלס איינע פון די אַקטיוויסטע חברטעס, וועלכע זיינען פאַר־בליבן אויפן פאָסטן ביזן סאַמע סוף. זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אינם טויט־לאַגער אין מאַידאַנעק; זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר 38 (איר מאַן, דער באַקאַנטער בונדישער פירער לוציאַן בליט איז בעת דער מלחמה־צייט געווען אין לאָנדאָן).

פייגעלע פעלטעל־מיענדזיזשעצקאַ — „וולאַדקע" — האָט פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַ דערשיטערנדיקע באַשרייבונג, ווי אַזוי עס איז איר געלונגען אַרויס־צוראַטעווען פון געטאָ די צוויי 10־יאָריקע צווילינג־טעכטערלעך פון פייגע הערצליך־בליט און אויסבאַהאַלטן זיי אויף דער אַרישער זייט. אַ געוויסע צייט זיינען די קינדער געווען אויסבאַהאַלטן אין דער וואוינונג פונם פּאָליאַק דוביעל אויף שוויענטאָ־יערסקע גאַס 21. די געטאָ־וואַנט האָט אַדורכגעשניטן דידאָזיקע גאַס. די אומגליקלעכע מוטער פלעגט זיך אַרומדרייען גאַנצע שעהן אויף דער אַנדערער זייט גאַס, אינם געטאָ, מיט דער האָפנונג צו דערזען פון מאָל צו מאָל אויף אַ פּאָר מינוטן, אירע טעכטער־לעך, — אין די פענסטער וואָס אַנטקעגנאיבער אויף דער אַרישער זייט. און די קינדער האָבן גאַנצע טעג געלעבט מיט דער האָפנונג צו דערזען פונדערווייטנס זייער מוטער. אָבער אויך דאָס איז מען געווען געצוואונגען צו פאַרבאָטן די קינדער ווייל דערמיט האָבן זיי געשטעלט אין געפאַר זיך זעלבסט און אויך זייער מוטער (די קינדער זיינען געראַטעוועט און האָבן פאַרלאָזן פוילן).

וואַגמייסטער לאָטע, ד"ר: געבוירן אין וואַרשע, אין אַן אָנגעזעענער חסידי־שער משפחה. זי האָט געענדיקט דעם וואַרשעווער אוניווערזיטעט מיטן טיטל ד"ר פילאָזאָפיע און אַרויסגעוויזן ספּעציעלע וויסנשאַפט־לעכע באַגאַבונג אויפן געביט פון אַלגעמיינער געשיכטע. זי האָט מיטגעאַרבעט מיטן אידישן אונטערערד אויפן הילפס־געביט (זי ווערט דערמאָנט אינם באַריכט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועגן דער טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט וואַרשע). ממש גרעניצלאָזע אַקטיוויטעט און איבערגעגעבנקייט האָט זי אַרויסגעוויזן באַזונ־דערס ביים אויסגעפינען דירות און שוץ־ערטער פאַר אידן, וועלכע האָבן זיך אַריבער־געראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט. מיט אַ סך מוט איז זי געשטאַנען אויף איר פאָסטן אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן פון דער גרויזאַמער נאַצישער אָקופּאַציע און נישט זעלטן האָט זי געשטעלט אין סכנה איר אייגן לעבן בעתן אויסהעלפן אָדער ראַטעווען אַנדערע. בשעת דעם אַלגעמיינעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, ווען עס האָט איר געדראָט די סכנה אַריינצופאַלן אין דייטשע הענט, איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַלט־זייענדיק עטלעכע און דרייסיק יאָר.

וואַכענהויזער צמרת (צמרת חדוה): אינם בריוו פון „החלוץ" אין פוילן אין וועלכן איר נאָמען ווערט דערמאָנט צווישן די חברים פון דער באַוועגונג, וואָס זיינען געפאַלן אין וואַרשע, ווערט זי אָנגערופן חדוה צמרת, אָבער ריכטיק איז — וואַכענהויזער צמרת. זי איז געבוירן אין וואַרשע אין אַן אָרימער משפחה. נישט געקוקט אויף דער אָרימקייט, האָט זי געלערנט אין אַ גימ־נאַזיע, וואו זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויסער־געוויינטלעכע פעאיקייטן. פון קינדוויייז־אָן איז זי געווען אין „השומר־הצעיר", צווישן די אַקטיווע אין קן. פון 1933 איז זי געווען אַ מדריכה. אויף לער־נענדיק אין אוניווערזיטעט, האָט זי זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע דערציאונגס־טעטיקייטן, זי האָט מיטגעהאָלפן ביים אויסאַרבעטן זעלבסטבילדונגס־פּלענער, זי האָט מיטגעאַרבעט אין דער פּרעסע פון דער באַוועגונג א.אַ.וו. זי איז געווען טעטיק אין גדוד „בחזית" צוזאַמען מיט ש מ ו א ל ב ר אַ ס ל אַ ו ו (לפ"ג).

בילד פון 1938

בשעת דער מלחמה האָט זי אָנגעפירט די שיכט פון דערוואַקסענע אין וואַר־שעווער קן פון „השומר הצעיר". נישט געקוקט אויף איר קערפּעלעכער שוואַכקייט, איז זי אויך געווען טעטיק אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. עס איז איר געלונגען אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט און זי איז געווען צווישן די חברים, וועלכע זיינען די ערשטע צייט געווען אויסבאַהאַלטן אין לאָמיאַנקער וואַלד. צוליב איר שוואַכן געזונט־צושטאַנד האָט מען איר נישט דערלויבט אַריינצו־טרעטן אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. מען האָט געזוכט פאַר איר אַ זיכערן שוטצאָרט מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט דאָרט איבערלעבן די שטורם־צייט און זי איז באַ־אויפטראַגט געוואָרן אָנצושרייבן וועגן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען מיט די אידן אין וואַרשעווער געטאָ און אויך וועגן דעם אויפשטאַנד־קאַפּיטל. ווען דער שליח פון „בונד", זלמן פ ר י ד ר י ך (לפ"ג) האָט געמאָלדן, אַז זיי האָבן אַ זיכערן שוצאָרט אין דאָרף פּלודי, וואוהין זיי רעכענען אַריבערפירן די מיטגלידער פון דער פאַמיליע ב ל אָ נ ע ס (לפ"ג), איז אויך צמרת אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער גרופּע. די גאַנצע גרופּע, אונטער פ ר י ד ר י כ ס אָנפירונג איז אַדורכגעפאַלן און דערמאָרדעט געוואָרן (זע זייט 257, באַמערקונג 20) און אויך צמרת איז אומגעקומען. 27 יאָר איז זי דאַמאָלסט אַלט געווען.

אין אָנהויב 1946 האָבן די חברים פון „השומר הצעיר" געבראַכט אירע ביינער צו קבר ישראל, אויפן וואַרשעווער אידישן בית־עולם אויף גענשע גאַס.

* **וואַלד בנימין:** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור“. געבוירן אין וואַרשע, אין דער פאָרשטאָט טשערניאַקאָוו, אין 1920, אין אַ פרומער משפחה. קליינערהייט איז ער געוואָרן אַ יתום פון זיין מוטער און מיט זיין גאַנצער דערציאונג האָט זיך באַשעפטיקט נאָר דער פאָטער. ביז 14 יאָר האָט ער געלערנט אין חדר און אין ישיבה, דערנאָך איז ער אַריינגעטרעטן אין „החלוץ“ און אין „פרייהייט“. אַ שטילער, ערנסטער און זייער ענערגישער אינגל האָט ער געווידמעט אַלע זיינע כוחות און די גאַנצע צייט דער אַרבעט אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, אַרויסווייזנדיק אומגעוויינלעכע געטריישאַפט און איבערגעגעבנהייט דער באַוועגונג. אין 1938 איז ער — טראָץ דער געגנערשאַפט פון פאָטער — אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין בענדינער קיבוץ. אויך דאָרט איז ער געווען פון די אַקטיווע חברים, מיט אַ סך פאַרשטענדניש פאַר די פראַגן און דערשיינונגען פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. בשעת די וואַלן צום 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מען אים איבערגעגעבן צו באַזוכן די אָרימע און פאַרלאָזטע אידישע הייזער און ברענגען אַהין די אידייען פון ארץ־ישראל, — ער האָט דאָס געטון מיט אַ סך ליבע און דערפאָלג.

בילד פון 1936

בעת דער מלחמה האָט ער אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע זעלבסטבאַהערשונג, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קאַלטבלוטיקייט און דערפילט וויכטיקע אויפגאַבן אין דער באַוועגונג. ווען ס'איז באַנייט געוואָרן די אַרבעט אין דער גראָכאָווער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם, איז ער געווען צווישן די ערשטע, וועלכע זיינען אַהין צוריקגעקומען. נאָכן קאָנפיסקירן די ווירטשאַפט דורך די דייטשן איז ער געווען אין דער גרופּע חברים, וועלכע זיינען פאַרבליבן אויפן אָרט אַלס לוינאַרבעטער, ביז זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט בכלל. ער איז געווען צווישן די אַקטיווסטע אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און האָט זיך אין איר באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט און קאַלטבלוטיקייט. ער האָט זיך באַטייליקט אין די ערשטע שלאַכטן, אין יאַנואַר 1943. אין אָנהויב פון געטאָ־אויפשטאַנד, דעם 19־טן אַפּריל 1943, האָט ער אָנגעפירט זיין קאַמף־גרופּע אינם טעבענס־שולץ געביט אויף לעשנאָ 36. די גרופּע האָט געקעמפט מיט זייער אַ סך מוט.

צוליב זיין נידעריקן וואוקס און תמיד ערנסטן פּנים — נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער — האָבן זיינע קעמפער אים געגעבן אַ צונאָמען „טאַטעלע“. זיין אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט איז געווען אַלעמען באַקאַנט. אין נויטפאַלן, פלעגט ער אַליין אויספירן טויט־אורטיילן אויף פאַרעטער. אין די ערשטע טעג פון מאַי 1943, איז ער

אַריין מיט זיין גרופּע אין די קאַנאַליזאַציע־רערן, כדי אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער אַרישער זייט, אָבער די דייטשן האָבן שוין געוואוסט וועגן דעם וועג און זיי האָבן אָפּגע־וואַרט ביים אַרויסגאַנג פון קאַנאַל. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט, אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען אַלע קעמפער, אַ טייל אין קאַנאַל און אַ טייל נעבן אַרויס־גאַנג. אין דער שלאַכט איז אויך בנימין געפאַלן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **וואַקספעלד משה:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַרייען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. אויך ביי זיינע חברים איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען פרטים וועגן אים.

* **וואַרטאַוויטש אַלעק:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַרייען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. אויך ביי זיינע חברים איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען פרטים וועגן אים.

וואַרטמאַן זאב: געבוירן אין וואַרשע אין אַן אַרבעטנדיקער משפחה. פון דער פריער יוגנט־אָן מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט דעם פאָטער — אַ שניידער. אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל. געלערנט אין אַ פאָלקס־שול. אין 1937 איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר", אין גדוד „תל עמל". זיין דערציער איז געווען מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע וו י ט ש. זאב איז געווען אַקטיוו אין קן. פלעגט צוזאַמענשטעלן די וואַנט־צייטונגען, דער הויפּט־טוער אין דראַמאַטישן קרייז פונם קן, וועלכער האָט געפּרווט פאַרזעצן זיין טעטיקייט אויך אינם אונטערערד. זאב. אַ שוואַרצחנוודיקער, אַ פריילעכער, מיט אַ פיינעם הומאָר, איז געווען זייער באַליבט ביי די חברים.

בשעת דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. ער האָט אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די קן־מיטגלידער. וועלכע זיינען אַריבער קיין ווילנע. ער האָט פונדאַסניי אָרגאַניזירט דעם גדוד און דעם קן, און האָט מיטגעהאָלפן אין פאַרשידענע אונטערערדישע אַרבעטן פון דער באַוועגונג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַרויס־געבן דאָס גרויסע זאַמלבוך פון דער „השומר הצעיר" באַוועגונג אונטער דעם מאַסקירטן נאָמען „פּשעגלאָנד ראַלניטשי" (לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערזיכט; אַ זאַמלבוך פון 111 זייטן; אַן עקזעמפּלאַר האָט מען געפונען צווישן דעם מאַטעריאַל פון ד"ר רינ־

געלבלומס אַרכיוו, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן אויפן הויף נאָוואָליפּקי־גאַס 68). ער איז געווען אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר". זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף; ער איז דאַן אַלט געווען 21 יאָר.

וואַרמאַן אברהם (וואַרמאַנסקי בראָניסלאַוו): אַן אַקטיווער חבר פון „השומר הצעיר" אין לעמבערג בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. עס איז נישט געלונגען אויף זיכער פעסטצושטעלן זיין אָפּשטאַם־אָרט. קען זיין, אַז ער איז געקומען קיין לעמבערג פון דייטשלאַנד און פאַראַן אַ סברה, אַז ער איז פון אַ שטעטל אין מזרח־גאַליציע, פון אַ פרומער היים, אַ ישיבה־בחור. אויב דאָס לעצטע איז ריכטיק איז זיין אָפּשטאַם פון ר׳ אברהם דוד וואַרמאַן, רב פון בוטשאַטש — פון די אבות פון חסידיזם. אברהם איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן פאַרבונדן די באַוועגונג אינם אונטערערד מיט דער באַוועגונג אין אויסלאַנד און אַ סך ידיעות וועגן אונטערערדישן לעבן זיינען אָנגעקומען פון אים ביז סוף 1942. ער איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין לעמבערג. ווען מען האָט דאָרטן אַרויסגעגעבן אַן אומלעגאַלע צייטונג (עס זיינען נאָר דערשינען 6 נומערן), איז ער געווען דער טעכנישער לייטער. אין אָנהויב יוני 1943, בשעת דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פון לעמבערגער געטאָ, האָט זיך דער אונטערערד־באַוועגונג איינגעגעבן אים אַרויסצונעמען פון אַ טראַנספּאָרט, וואָס איז געגאַנגען צו פאַרניכטונג און מען האָט אים אַריינגעבראַכט אינם לאַגער אויף יאַנאָווסקע־גאַס, אין דער אַרבעטס־גרופּע „דויטשע אויסריסטונגסווערקע" (צוזאַמען מיט אים האָט מען אויך אַריינגענומען אין לאַגער ד ו ד פ ר ע נ ק ע ל, פון די יונגע עסקנים פון דער פועלי ציון (צ.ס.) באַוועגונג אין מזרח־גאַליציע און נאָך דער פאַראייניקונג מיט „התאחדות" איינער פון די סעקרעטאַרן פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי). אויך אינם לאַגער איז וואַרמאַן געווען טעטיק אין דער אונטערערד־אַרבעט. מ. באַראַכאָוויטש (באָרוויטש), וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער אונטערערד־אַרבעט אין לאַגער און האָט אויך אינספּירירט די רעטונג פון וואַרמאַן, פרענקעל א. אַ. דערמאָנט אין אַלע זיינע פאַרעפנטלעכונגען וואַרמאַנס אַקטיוויטעט. ווען באַראָוויטש איז אַנטלאָפן פון לאַגער (סעפּטעמבער 1943) האָט ער איבערגעגעבן די פאַרבינדונגען און די אָנפירונג פון דער אונטערערד־אָרגאַניזאַציע אינם לאַגער — וואַרמאַנען, פרענקלען און בראַנעק יאַקובאָוויטשן. בכלל איז אינם יאַנאָווער לאַגער געפירט געוואָרן אַ גאָר פאַרצווייגטע אונטערערד־טעטיקייט. דעם קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט האָט מען אָנגעהאַלטן מיט דער הילף פון די אַרבעטס־גרופּן, וועלכע פלעגן גיין אין שטאָט רייניקן די גאַסן און צו אַנדערע אַרבעטן. אַ דאַנק דער הילף פון אַ גרופּע פּוילישע סאָציאַליסטן אין קראָקע, האָבן זיך איינגעגעבן עטלעכע פּרוּוון פון אַרויסנעמען מענטשן פונם לאַגער. די פאַרבליבענע פלעגן פאַרווישן די שפּורן פון די

אַנטלאָפענע דורך געהעריקע „קאָרעקטורן" אין דער קאַרטאָטעק פון די פאַרשפאַרטע אינם לאַגער. אַ צווייַ וואָכן נאָכדעם ווי באַרוויטש איז אַנטלאָפן פונם לאַגער, האָט זיך איינגעגעבן אויך וואַרמאַנען פון דאָרטן אַרויסצונעמען (צוזאַמען מיט אים אויך יאַנינאַ העשעלעס, וועלכע האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט דאָס ביכל „מיט די אויגן פון אַ צוועלף יאָריק מיידל". אויך זי דערמאָנט אים אין אירע טאָג־בלעטער). ער איז אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער האָט געלעבט אונטערן נאָמען בראָניסלאַוו וואַרמאַנסקי, אין אַ פאַרשטעקטער דירה אויף זשעלאַזנע־גאָס 43. ער איז געווען צווישן די געוואַגטע און יונגע אונטערערדלער. דאָס פּרעזידיום פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט אים צוגעצויגן צום נאָענטער מיטאַרבעט. נאָך אין יאַנואַר און פעברואַר 1944 זיינען אָנגעקומען פון אים ידיעות צו די חברים, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט אין נייטראַלע לענדער און מען פלעגט נאָך שיקן צו אים ידיעות און פּעקלעך. אין אַ בריוו פונם 4־טן פעברואַר טיילט מען אונז מיט פון וואַרשע, אַז אַלץ איז ביי אים אין אָרדנונג. דעם 17־טן פעברואַר שרייבט ער אַליין: ער באַשטעטיקט די הילף, גיט אָן אַדרעסן, באַריכטעט וועגן די ענינים אין וואַרשע. אָבער טאַקי דאַמאָלסט האָט אים די געסטאַפּאָ געכאַפּט. אין בריוו, וועלכע זיינען דאַן אָנגעקומען פון וואַר״ע זיינען שוין געווען אַלאַרם־רופן, מען זאָל אים ראַטעווען. אין ערשטן בריוו האָט מען אָנגעזאָגט וועגן זיין ערנסטער קראַנקהייט און געבעטן מען זאָל מער נישט שרייבן אויף זיין אַדרעס. און אין צווייטן בריוו האָט מען געשריבן: „איך האָב אַ סך דורכגעמאַכט צוליב בראָנ־עקס קראַנקהייט, זיין געזונט־צושטאַנד איז זייער אַ שווערער, אָבער לויט דער דיאַגנאָזע פון די דאָקטוירים, קען מען אים נאָך ראַטעווען. איך בעט באַלדיקע הילף, ווייל מיר איז נישט מעגלעך אויסצוגעבן אַזאַ גרויסע סומע. זיין קראַנקהייט און די קראַנקהייט פון דער פאַמיליע פאַרלאַנגען אַ גרעסערע סומע". ווייזט אויס, אַז ס'איז נישט געלונגען אים צו ראַטעווען, און אין בריוו פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, פון 24־טן מאַי 1944 (זע זייט 189), ווערט געמאָלדן, אַז די דייטשן האָבן אים דערשאָסן.

וויטעלסאָן אברהם: געבוירן אין וואַרשע אין אַ פרומער משפחה. אַלס תלמיד פון אַ מיטל שול האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און איז איר טריי געבליבן ביזן לעצטן טאָג. זיין טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1926 — אין די ציוניסטישע יוגנט־קרייזן „הרצליה". אין זיינע אוניווערזיטעט־יאָרן האָט ער געהערט צום פאַרבאַנד פון ציוניסטישע אַקאַדעמיקער „ירדניה", און אין זייער נאָמען איז ער געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע און אין די אַקאַדעמישע און יוגנט־קרייזן. אין נאָמען פון „ירדניה" איז ער געווען טעטיק אויך אין דער „סטזשעכאַ אַקאַדעמיצקאַ" — די אַלגעמיינע פאַראייני־קונג פון אידישע סטודענטן אין דער פוילישער הויפטשטאָט, וועלכע האָט אַרומגענומען

אַלע פּאַרטייען פון רעכטס און לינקס. אַ רואיקער און באַשיידענער מענטש, אַ גע־טרייער זעלנער פון דער געזעלשאַפטלעכקייט.

נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טראַווניקי און אויך דאָרט האָט ער, מיט אמתדיקער קרבנות־גרייטקייט, געפירט אַן אומאויפהערלעכע סאָציאַלע אַרבעט און אויך אָרגאַניזירט דאָס קעמערל פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דאָרטן איז ער אומגעקומען, ווי עס מעלדעט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פּוילן, אין זיין בריוו פונם 15־טן נאָוועמבער 1943.

ווײַדע משה: געבוירן אין וואַרשע אין 1895. אין יאָר 1915 איז ער אַריינגע־טרעטן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. אין דער ער־שטער תקופה פון זיין פּאַרטיי־טעטיקייט האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע פון דעם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַריין, וואָס ער איז געווען פון זיינע גרינדער און פירער. ער האָט זיך אויס־געצייכנט מיט אַן אָריגינעלן טאַלאַנט אַלס רעזשיסער און אָרגאַניזאַטאָר פון דראַמאַטישע קרייזן ביי דער געזעלשאַפט „אַרבעטער־אוונט־קורסן" (געגרינדעט דורך די לינקע פּועלי ציון) און דערדאָזיקער טע־טיקייט האָט ער זיך געווידמעט די לעצטע 10 יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער אַרבעט זיינער, פלעגט ער אַ סך אַרומפאָרן, באַזוכן די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און באַ־מיט זיך צו גרינדן אויך אין דער פּראָווינץ דראַמאַטישע אַרבעטער־קרייזן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ערנסטן צוגאַנג און מיט די באַמיאונגען אויפצו־האַלטן דעם געהעריקן קינסטלערישן ניוואָ.



בילד פון 1935

נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער געווען לייטער פון אַ פאָלקס־קיך און טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דער־מאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנ־שאַפטלער און קינסטלער.

*** וויכטער יצחק:** אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי ציון. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. אונז איז נישט געלונגען צו באַקומען פּרטים וועגן אים.

*** ווילנער ישראל חיים (אריה, צונאַמען — יורעק):** אין דער באַוועגונג און אויך אויסער איר, איז ער געווען באַקאַנט מיטן נאָמען אריה (יורעק). געבוירן אין וואַרשע כ״ט כסלו תרע״ז (נאָוועמבער 1917), אין אַ רייכער משפחה, אויף פשעכאָדניע גאַס 6. דער פאָטער אַ סוחר, אַ באַזיצער פון אַ לעדער־פאַבריק. א ר י ה האָט געלערנט אין אַ פּריוואַטער העברעאישער שול. צו 14 יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר״, אין גדוד „גלעדי״. אין קן האָט ער זיך פאַרפולקאָמט אין העברעאיש, דערנענטערט זיך צום חלוצישן ציוניזם און פאַרבונדן מיט אים זיין גאַנץ לעבן. פון יאָר 1936 איז ער געווען פון די הויפּט־מדריכים אין וואַרשעווער קן און אַ מיטגליד פון דער הנהגה. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ זייער עמפּינדלעכער און פלעגט לייכט זיך קווענקלען צווישן גלויבן און פאַרצווייפלונג, אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, מיט אַ לעבהאַפטן און זעלבסטשטענדיקן דענקען, מיט ווילנסקראַפט און השפעה אויף זיינע אַרומיקע און מיט שטאַרקער אַקטיוויטעט. אין פרילינג 1939 איז ער אַרויס־געפאָרן אין הכשרה־קיבוץ אין סלאָנים און באַשטעטיקט געוואָרן צו עליה קיין ארץ־ישראל, אָבער די באַוועגונג האָט אים אויפגעפאָדערט צו פאַרבלייבן אין איר אַרבעט. ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע נאָענט צום מלחמה־אויסברוך. „עס זיינען פאַראַן פאַקטן — שרייבט ער אין זיין טאָגבוך אין יוני 1938 — וועלכע צעטרייסלען דיך און לענקען דעם געדאַנק צו נייע וועגן, וואו אַ מענטשלעכער פוס איז נאָך נישט געטרעטן״. און ווי אַ נבואה וואָלט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, ווייטער: „די פראַגע איז נישט וועגן דער מעגלעכקייט צו ענדערן די לאַגע. עס איז פאַרבליבן נאָר איינס — ווירקן לויטן געבאָט פון געוויסן, ווירקן ווי אַ רעוואָלוציאָנער, ווי אַ בונטאַר״.

בילד פון פאר דער מלחמה

באַלד אין אָנהויב פון דער מלחמה איז ער אַוועק צו־מזרח. פון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט קיין לאָדזש און דערנאָך ווידער קיין וואַרשע, שפּעטער קיין לעמבערג און צום סוף — אין ריכוז אין ווילנע. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט איבער אַ יאָר, געווען אַקטיוו אין די אָרגאַנען פון ריכוז, באַזונדערס אויפן קולטור־געביט. ווען ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די נאַציס און עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ — לכתחילה פאַר פאַסיוון ווידערשטאַנד — איז ער געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן. ער איז געווען געצוואונגען אויסצובאַהאַלטן זיך עטלעכע חדשים אין דעם פרויען־קלויסטער פון די בענעדיקטינישע שוועסטער אין ווילנע (די נאָנעס האָבן אויסבאַהאַלטן אין זייער קלויסטער אַ צאָל חברים, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס באַדראָט זייער

אייגן לעבן. דאָרטן זיינען אויך פאָרגעקומען טרעפונגען און באַראַטונגען פון חברים) און אויך דאָרט האָט ער פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. אין אָנהויב 1942 איז ער צוריק־געקומען קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים פון „השומר הצעיר", ישראל נאַגעל און יהושע ווישינסקי (דער ערשטער לעבט שוין נישט). אין זומער 1942 איז ער אַרויסגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו מיטצוהעלפן ביים אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ; אַ חודש שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און האָט זיך ווידער אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים, צו העלפן אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ אין שלעזיע. ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, איז ער געשיקט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט אַלס איר פאָרטרעטער ביים פּוילישן אונטערערד, און דאָרט איז ער געווען טעטיק אין צושטעלן געווער דעם געטאָ. ער האָט אויסגענוצט די דירה פון זיין שוועסטער אויף דער אַרישער זייט, אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, אַלס אַן אָרט אויף טרעפונגען און אויף אויסצובילדן די מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע (אין דעמזעלבן הויז איז געווען אַ קלוב פון די ס.ס.־לייט).

בשעת דעם ערשטן ווידערשטאַנד, אין יאַנואַר 1943, איז ער געווען אין געטאָ און האָט אָנגעפירט איינע פון די קאַמף־גרופּעס, וועלכן האָבן געפירט אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין די הייזער. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער צוליב אַ מסירה אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. זיין לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל די געסטאַפּאָ האָט געוואוסט וועגן זיין באַדייטונג אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און זי האָט אויך געפונען ביי אים געווער. אין געסטאַפּאָ האָט מען אים געפּאָרשט, אין אָנוועזנהייט פון הויכע אָפּי־צערן, במשך אַ גאַנצע וואָך. מען האָט אים געפּיי־ניקט מיט די שווערסטע פּייניקונגען — מען האָט אים אויסגעריסן אַלע נעגל פון די הענט און פון די פיס, מען האָט אים אַריינגעשטעקט אָנגעברענטע


בילד פון דער געטאָ־צייט

דראָטן אין די אויערן. פון די פּייניקונגען איז ער געוואָרן טויב און אויך הינקענדיק אויף איין פוס (שפּעטער האָט מען אים געמוזט גרינטלעך היילן), אָבער ער האָט געגומען אויף זיך אַלע ליידן און גאָרנישט אויסגעזאָגט.

פון דער געסטאַפּאָ־צענטראַלע, אין דער שוך־אַליי, האָט מען אים אַריבערגע־פירט אין דער „פּאַוויאַק"־טורמע, וואו ער איז על פי טעות אַריינגעפירט געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פון די צו אַרבעט געשיקטע (זיינע אַקטן, אין וועלכע עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן באַזונדערס אַכטונג צו געבן אויף אים, זיינען פאַרטוישט געוואָרן מיט אַנדערע)

און ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קאָוועןטשינער לאַגער, ביי וואַרשע, צווישן וואַווער און רעמבערטאָוו, אויף אַרבעט אין ציגל־ברענערייען. עס איז אים געלונגען אַנצוזאָגן די חברים וואו ער געפינט זיך (פאַראַן אַ סברה, אַז דער דייטשער לאַגער־דאָקטאָר האָט אים דערביי מיטגעהאָלפן און געבראַכט די ידיעה דער פוילישער פרוי מ אַ ר י ש אַ י אַ ר ו ס ק אַ, פון די פריינט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און זי האָט אָרגאַניזירט זיין אַרויסראַטעווען; לויט דערדאָזיקער סברה האָט דערזעלבער דאָקטאָר אים דערנאָך מיטגעהאָלפן אַדורכצושמוגלען געווער אין געטאָ אַריין; לויט אַ צווייטער סברה, האָט ער בעת מען האָט אים געפירט צו דער אַרבעט באַוויזן אַרויס־צוּוואַרפן אַ צעטל מיט אַ צייכענונג). דער אידישער אונטערערד האָט געמאַכט די בויטיקע אָנשטרענגונגען און ס׳איז געלונגען אים אַרויסצוראַטעווען.

נישט געקוקט אויף זיין פיזישער שוואַכקייט, האָט ער זיך נישט געלאָזט איבער־ריידן און האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. אויך ווען מ אַ ר י ש אַ י אַ ר ו ס ק אַ, וועלכע האָט מיטגעהאָלפן אים ראַטעווען, האָט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל נישט צוריקגיין אין געטאָ, האָט ער איר געענטפערט: „איך וויל נישט לעבנבלייבן און לעבן אַ געמיין און קנעכטיש לעבן, בעת די מערהייט פון מיינע ברידער ווערט אומגעבראַכט. בענטש מיך, אַז איך זאָל שטאַרבן אַ העלדן־טויט, אַ ווירדיקן טויט״.

ווילנער איז געווען פון די הויפט־מענטשן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַני־זאַציע, פון אירע אַקטיווסטע, מוטיקסטע און איבערגעגעבנסטע קעמפער. אין די באַריכטן פונם אונטערערד און אין די טאָגביכער פון די קעמפער ווערט ער דערמאָנט אַ סך מאָל, ווי אַן אויספירער פון פאַראַנטוואָרטלעכע און געפערלעכע אויפגאַבן. ער איז אויך געווען טעטיק אינם געטאָ־אויפשטאַנד אַפּריל—מאַי 1943. דעם 8־טן מאַי, ווען דער שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18 איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן, איז ער דאָס געווען דער, וועלכער האָט אַלעמען אויפגעפאָדערט צו באַגיין זעלבסטמאָרד און נישט אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט צו די דייטשן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין די דאָקומענטן ווערט ער אָנגערופן מיט זיין נאָמען פון דער באַ־וועגונג — אריה — יורעק; זיינע עלטערן זיינען געראַטעוועט. אַנהויב 1946 זיינען זיי אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל).

וויניצקי מאָניעק: געבוירן אין לובלין. אַ חבר פון „פרייהייט״. פאַר דער מלחמה האָט ער געלערנט אין אַ האַנדלס־אינסטיטוט. געווען אַן אַקטיווער און געטרייער חבר. נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען אין קיבוץ פון „החלוץ״ אויף דזשעלנע 34, טעטיק אין דער אונ־טערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג און אין שליחותן. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו און איז דאָרטן אומגעקומען בעת די שלאַכטן, ווען די דייטשן

האָבן, דעם 25־טן יוני 1943, אָנגעהויבן אַדורכפירן דעם גירוש פון טשענסטאָכאָווער קליינעם געטאָ. אין אַ בריוו פון „החלוץ״ אין פוילן, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די אָנפירנדיקע עסקנים אין טשענסטאָכאָוו, וועלכע זיינען אומגעקומען אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט. 23 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געפאַלן (עס קען זיין, אַז ס'איז פאַראַן אַ טעות אין דער פאַרצייכנונג פון זיין נאָמען און עס דאַרף זיין מאָניעק ווילניצקי).

*** ווינאָגראַן יוסף יהושע (שלמה, סאַלאָמאָן):** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר״. זיין אמתער נאָמען איז געווען יוסף־יהושע אָבער אין דער באַוועגונג האָט מען אים גערופן שלמה, סאַלאָמאָן, און דער נאָמען ווערט אויך פאַרצייכנט אין די דאָקומענטן, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט אין דער אונטערערד־ צייט.



בילד פון 1938

געבוירן דעם ערשטן מאַי 1923 אין וואַרשע אין אַ פאַרמעגלעכער משפחה. זיין פאָטער איז געווען אַ באַוואוסטער מעטאַל־פאַבריקאַנט (ווינדעס, באַל־קאַנט א.אַ.וו.) אויף באַניפראַטן־גאַס, וועלכער פלעגט שיקן די קינדער קיין אויסלאַנד שטודירן (איינער פון די זין איז אין ארץ־ישראל). שלמה האָט געלערנט אין גימנאַזיע „חנוך״ און געווען צווישן די בעסטע תלמידים. ער איז געווען אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר״, אין גדוד „מרחביה״. אין דער באַוועגונג האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט און אַקטיוויטעט, הויפּטזאַכלעך אויפן דערציאונגס־געביט. ער איז געווען אַ הויכער, שיינער און ערנסטער בחור, תמיד הילפס־גרייט פאַר די חברים און שטאַרק באַליבט ביי אַלע זיינע באַקאַנטע.

בעת די מלחמה, איז ער געווען אַ חבר אין קיבוץ „גל־און״ און אַן אַקטיווער מדריך אין וואַרשעווער קן. ער האָט מיטגעהאָלפן אין רעדאַגירן און אַרויסגעבן די צייטונג פון דער באַוועגונג „נגד הזרם״ (געגן שטראָם״). שפּעטער איז ער געווען באַזונדערס אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט זיך איר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן ברען פון זיין יונג האַרץ. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פון 13 קעמפער, וועלכע איז — אין דער צווייטער העלפט פעברואַר 1943 — באַאויפ־טראַגט געוואָרן אונטערצוצינדן האַלמאַנס גרויסע לאַגערן, וועלכע האָבן פאַרנומען עטלעכע הייזער־בלאָקן אויף נאָוואָליפּקי־גאַס — פון עק סמאָטשע ביז וואָלנאָשטש. אין דידאָזיקע לאַגערן האָבן זיך געפונען די בעסטע מעבל־שטיק, באַשטימט פאַר

דייטשע באַאַמטע אין רייך. ווינאָגראַן האָט געאַרבעט אין האַלמאַנס לאַגערן אַלס „ווערקשוץ”. (זע זייט 156, באַמערקונג 49).

בשעת די געטאָ־קאַמפן אין אַפּריל 1943 האָט ער געקעמפט אין טעבענס־שולץ געביט, דאָרט איז ער אומגעקומען, ווען זיין גרופּע האָט געדאַרפט אַריבערגיין פון באַוואַליפּיע אויף לעשנע — נאָר אַ העלפט קעמפער זיינען דאַן געבליבן לעבן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

ווינטער שמואל: געבוירן אין וולאָצלאַוועק, אין מערץ 1891, ביי אָרימע עלטערן. ער האָט געשטאַמט פון רבנים אין דערזעלבער שטאָט. געלערנט און דערצויגן געוואָרן אין בית־המדרש. בחורווייז איז ער אַוועקגעפאָרן קיין דייטש־לאַנד און געלערנט האַנדלס־וויסנשאַפטן אין פראַנק־פורט ביים מאַין.

אַ מענטש מיט אַ סך פעאיקייטן און אַ שטאַרקן זכרון, אַ טעטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער פון פאָלקסטימלעכן טיפּ. גלייכצייטיק מיט זיינע פילע געשעפטן און באַשעפטיקונגען, האָט ער זיך אָפּגע־געבן דער פאָרשונג פון אידישן פאָלקלאָר און גע־זאָרגט ביי יעדער געלעגנהייט צונויפצוזאַמלען פאָלקס־ווערטלעך פאַר זיינע פאָרשונגען. אַ סך ענערגיע האָט ער געווידמעט דער אָרגאַניזירונג פונם אידישן מיטלשטאַנד אין פוילן. ער איז געשטאַנען אינדערשפּיץ פון איינער פון די גרויסע זוימען־עקספּאָרט־געזעלשאַפטן „נאַשיאָנאַ” וולאָצלאַוועק־דאַנציג, וועלכע איז אויך געווען באַקאַנט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדלס־וועלט; ער איז געווען אַ פאָרטרעטער פון אידן אין אַלגעמיין־פּוילישעווירטשאַפטלעכע אינסטאַנצן, ווי די אָפיציעלע „האַנדל־און־אינדוסטריע־קאַמער”, מלוכהשע שטייער־קאָמיסיעס א.אַ.וו. ער האָט געוואוינט אין וולאָצלאַוועק אָבער זיין איינפלוס איז געווען אַ זייער קענטיקער אין דער אידישער סוחרים־צענטראַלע אין וואַרשע, וואו ער איז געווען אַקטיוו אין אירע אָנפיר־אָרגאַנען. אין אַלע זיינע טעטיקייטן איז ער געווען נוטה צו אַ נאַציאָנאַלער ליניע. צווישן די גרינדער און שטיצער פונם אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — „ייווא” — אין די אינסטיטוט־אויסגאַבן האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט עטלעכע פון זיינע פאָלקלאָריסטישע שטודיעס. ער האָט אויך געשטיצט פינאַנסיעל די „אָרט”־טעטיקייט אין פוילן. אַ בוך־ליבהאָבער און אין זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק זיינען געווען טויזנטער בענדער. ער איז געווען אַ קענער פון דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע, און אין דער ערשטער צייט פון דער נאַציישער הערשאַפט, ווען עס איז מעגלעך געווען צו פירן אַ סאָציאַלע הילפס־אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון „דזשאָינט", האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דערדאָזיקער אַרבעט. אַדאַנק זיינע ענגע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט די פוילישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קרייזן, איז ער באַשטימט געוואָרן אָנצופירן די צענטראַלע אָפּטיילונג פאַר שפייז־פאַרזאָרגונג ביי די אַמטן פון דער אידישער זעלבסטהילף. אין דערדאָזיקער אומלעגאַלער טעטיקייט האָט ער זיך אָפט געשטעלט אין סכנה, אויסגעפינענדיק די וואונדערלעכסטע המצאות ווי אַזוי צוצושטעלן די טראַנספּאָרטן מיט הויפּט־פּראָדוקטן פאַר די פילע פּאָלקסקיכן פון דער אידישער זעלבסטהילף. ער האָט געהערט צו דער ענגער קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנגעפירט דעם אונטערערדישן צענטראַלן אידישן אַרכיוו, וואָס זיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין צונויפזאַמלען די אָריגינעלע דאָקומענטן וועגן דעם דייטשן פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן אידן און וועגן די ווידערשטאַנד־אַקציעס פון די פוילישע אידן. ער האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד, פון וועלכן אַזעלכע אַרבעטן זיינען געוואָרן האָנאָרירט, כדי צו אינספּירירן, מוטיקן און צואיילן דאָס צונויפזאַמלען פון אַזאַ מאַטעריאַל. אין דער לעצטער תקופה פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד, ווען מען האָט געמאַכט אַ סך באַמיאונגען אַריבערצופירן אויף דער אַרישער זייט וואַרשע אַ טייל פון די קולטור־טוער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו זיין צווישן די אַרויסגעראַטעוועטע; ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט צו זיין אין דער קאָמיסיע, וועלכע באַשטימט וועמען אַרויסצונעמען, זאָגנדיק, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו באַשטימען אין אַ פראַגע, וואָס איז עלול צו אַנטשיידן אַ מענטשנס גורל צום לעבן אָדער טויט.

גראָבנדיק אין די חורבות פונם הויז אויף דזשעלנע־גאַס 34 (דאָרט איז געווען דער קיבוץ „דרור"), האָט מען געפונען אַ האַלב־פאַרניכטעטן טאָגבוך פון ש. ווינטער. אין די פאַרצייכענונגען פון די טעג פונם ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד (יאַנואַר 1943) קומט צום אויסדרוק זיין ווייטיק פאַרוואָס דער ווידערשטאַנד איז געקומען אַזוי שפּעט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

* **ווענגראָווער יהודה:** געבוירן אין 1920 אין וואַרשע. געלערנט אין אַ „תרבות"־פאָלקסשול, און דערנאָך אינם לערער־סעמינאַר אויף גענשע גאַס. פון גאָר יונג אָן אַ חבר פון „השומר הצעיר", גדוד „במעלה". אַ זייער טאַלאַנטפולער אינגל, אויפגעוואַקסן אין אַ אידיש־נאַציאָנאַלער אַטמאָספער, — זיין מוטער איז געווען סעקרעטאַרין אין אַ „תרבות"־פאָלקסשול אויף נאַוואַליפּקי גאַס.

בעת דער מלחמה איז יהודה געווען מדריך פון יונגן גדוד „הגליל"; אין מאַי 1940 איז ער געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פונם דערציערישן סעמינאַר און אַן

אַקטיווער אָנטיילנעמער אינם אידעאָלאָגישן ראַט פון דער באַוועגונג. פון אויגוסט 1941 איז ער געווען הנהגה־מיטגליד אין קן. אין 1942 האָט ער, לויטן באַשלוס פון דער הנהגה ראשית, איבערגענומען דעם אַרכיוו פון דער באַוועגונג מיט אַלע אירע אויס־גאַבעס און דאָקומענטן פון דער מלחמה־צייט. דער אַרכיוו איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן בונקער אויף דער אַרישער זייט און יהודה האָט אין אים געאַרבעט סטאַביל. בשעת די געטאָ־קאַמפן האָט ער נישט געקענט אויסהאַלטן ביי דערדאָזיקער אַרבעט. ער איז אַוועק צוריק אין געטאָ און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר". נאָך פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן אין די לונגען. אין די שלאַכטן האָט ער געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ". ער איז געווען צווישן די 14 קעמפער, וועלכע זיינען לעבנגעבליבן אינם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. עס איז אים געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט, אָבער זיין קערפּער איז שוין דאַמאָלסט געווען אַזוי אָפּגע־שוואַכט — אין רעזולטאַט פון דער פאַרגיפטונג — אַז אָנקומענדיק קיין לאָמיאַנקי, איז ער אויסגעגאַנגען (די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן גאַז־באָמבעס אין דעם דער־מאָנטן בונקער, אויף מילע 18 ; יהודה, וועלכער האָט שרעקלעך געליטן פון דער גאַז־פאַרגיפטונג, האָט נישט געקענט זיך באַהערשן ביים אַרויסגיין דורכן קאַנאַל און ער האָט אַ סך געטרונקען פונם שמוציקן וואַסער). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע ווערט על פי טעות אָנגעגעבן זיין נאָמען : ווענגראָוויטש).

וואָראַנסקי הירש־יצחק : געבוירן אין וואַרשע, אויגוסט 1924, אין אַ משפּחה, וואו ס'האָט געהערשט דער גייסט פון אַרבעטנדן ארץ־ישׂראל. זיין פאָטער, אַ טוער פון די לינקע פועלי־ציון י אָ ס ל וואָ ר אַ נ ס ק י, געפינט זיך איצ־טער אין ארץ־ישׂראל. הירש האָט געלערנט אין אַ ציש"אָ־פאָלקסשול, אויף קראָכמאַלנע 36, און געווען דאָרט פון די בעסטע תלמידים. ער איז דורך די חברים אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון קלאַס. זיינע קלאַסן־חיבורים פלעגן געדרוקט ווערן אין דער קינדער־בייגאַגע פון דער „פאָלקסצייטונג" און אין די אויסגאַבן פונם עלטערן־קאָמיטעט פון די ציש"אָ־פאָלקסשולן. געפינענדיק זיך אין אַ סביבה פון קינדער, וועלכע האָבן געהערט צום „סקיף" — די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע — איז ער פונ־דעסטוועגן צו 12 יאָר אַריין אין „יונגבאָר" — די קינדער־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע


בילד פון 1940

פועלי־ציון — און האָט אַריינגעצויגן אין איר נאָך קינדער. מיט דער צייט איז ער געוואָרן פון די אַקטיווע און אָנפירנדיקע חברים פון וואַרשעווער „יונגבאַר״.

אין דער מלחמה־צייט האָט ער אָנטיילגענומען אין דער אונטערערד־אַרבעט. בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ), דערציילט, אין „די פרייע יוגנט״ (לאָדזש, מאַי—יוני 1947), אַז אין זיין קליין צימערל אויף נאָוואָליפּיע־גאַס איז פאָרגעקומען דער אינסטרוקטאָרן־סעמינאַר פון דער „יוגנט״ פון די לינקע פועלי ציון. דריי מאָל אין וואָך האָט זיך דאָן פאַרזאַמלט ביי אים די גרופּע צוקונפטיקע אינסטרוקטאָרן. דער יונגער וואָראַנסקי פלעגט תמיד דאגה׳ען, אַז עס זאָל זיין עפּעס אַ סיורפּריז, אַמאָל צוקערלעך און אַמאָל שוואַרצע קאַווע אָדער אַ שטיקל גוט ברויט.

אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פועלי־ציון. אין אַ בריוו פון 24־טן מאַי 1944, פון די לינקע פועלי ציון אין פוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די, וועלכע האָבן געטריי געקעמפט ביז דער לעצטער מינוט און זיינען געפאַלן אויף דער וואַך.

זאַגאַן שכנא אפרים: געבוירן אין קראָקע, אויפגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון אידישן קוואַרטאַל (ברייטע גאַס 37). זיין עלטערנהויז האָט זיך געפונען אין שכנות פון רמ״אס באַרימטן שול און בית־הקברות. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַלדאָס גוטע פון זאַפטיק־פאָלקסטימלעכער אידישער דערציאונג. אַ געטרייער און אַקטיווער חבר פון דער פועלי־ציון באַוועגונג, — איינער פון אירע אָנפירנדיקע חברים אין פאַרלויף פון 37—38 יאָר, פון זיין פריעסטער יוגנט אָן, פריער אין עסטרייך און דערנאָך אין פוילן. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער פועלי־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין עסטרייך „יוגנט״, און ביז 1911 האָט ער געפירט איר אָרטיקע אָרגאַניזאַציע אין זיין היימשטאָט. אין יענער צייט האָט ער זיך

באַפריינדעט און מיטגעאַרבעט מיט יצחק טאַבענקין, בעת דעם לעצטנס לענגערן וואוינען אין קראָקע. דער באַוועגונג האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע צייט און ענערגיע, — אָפּגעגעבן איר זיין גאַנץ לעבן.

אין דער יוגנט האָט ער געאַרבעט אין אַ פּוטער־וואַרשטאַט, דערנאָך האָט ער פאַרגעזעצט זיין בילדונג, אָבער צוליב דער אינטענסיווער טעטיקייט אין דער באַוועגונג, האָט ער זי איבערגעריסן. נאָך אין די יאָרן 1907—1910 האָט ער געשריבן אין דער צייטונג פון דער פועלי־ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יידישע אַרבייטער־

יוגנט" (אונטערן פסעוודאָנים זשאַן). בעת דער פאָלקסציילונג אין 1910, איז שכנא שוין אַרויסגעטרעטן אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען אַלס רעדנער אין נאָמען פון דער פאַרטיי; אין דעם דאַמאָלסט שאַרף־צעפלאַקערטן קאַמף קעגן די אַרטאָדאָקסן און אַסימילאַטאָרן, איז ער געווען צווישן די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פון די אידישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אינם קאַמף פאַר די רעכט פון אידיש אַלס מוטער־שפּראַך. אין 1913 איז ער געווען איינער פון די הויפּט־מיטגלידער אין דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פון דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פונם פּועלי־ציון־פאַרבאַנד, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קראָקע, און איז אַדאַנק זיינע פעאיקייטן און ענערגיע זייער געלונגען אָרגאַניזאַציאָנעל. שכנא זאַגאַן איז שוין דאַמאָלסט — אין די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — געווען דער הויפּט־איניציאַטאָר און אויספירער, דער לעבעדיקער גייסט פון דער פאַרטיי־טעטיקייט אין קראָקע און אומגעגנט. ער איז שוין דאַמאָלסט געווען פון די באַגאַבטע און באַליבטע רעדנער אין דער פאַרטיי.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער אין הערבסט 1914 מאָביליזירט געוואָרן אין עסטרייכישן מיליטער. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געפונען אויפן פראָנט ביז ער איז גענומען געוואָרן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. אָבער אויך דאָרט איז ער געווען אַקטיוו־פאַרטייאיש, באַזונדערס אין 1917, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, אין דער טאָגצייטונג פון דער פאַרטיי, וועלכע איז דאַמאָלסט דערשינען אין אָדעס, — „דאָס נייע לעבן". נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה, האָט ער זיך אומגעקערט קיין קראָקע און ווידער זיך געשטעלט אינשפּיץ פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. אויפן קראָקעווער צוזאַמענפאָר פון דער פּועלי־ציון־פאַרטיי אין מאַי 1920 איז ער געוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפּוילישער פאַרטיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער שפּאַלטונגס־קאָנפערענץ פון דער פּועלי־ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, אין אויגוסט 1920, אין ווין. אַ געוויסע צייט איז ער פאַרבליבן אין ווין און מיטגעאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פונם וועלט־פאַרבאַנד פון די לינקע פּועלי ציון. אין 1921 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. גאָר גיך האָט ער גובר געווען די שוועריקייטן פון דער נייער סביבה און געוואָרן אויך דאָרט איינער פון די פּאָפּולערע און באַליבטע פאַרטיי־פירער. עס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן נייע אויפגאַבן און ער האָט זיי דערפילט מיט ליבע, טרייהייט און קענטעניש. ער איז געשטעלט געוואָרן אינשפּיץ פונם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַריין. דערנאָך, בשעת דעם קריזיס אין דער שול־נעץ פון דער פאַרטיי, איז אים איבערגעגעבן געוואָרן די הויפּט־לייטונג. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע. געווען וויצע־פאָרזיצער פון ציש"אָ און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון זשורנאַליסטן־פאַריין. אַ סך יאָרן איז ער געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער און אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־ציישונג" — די וואָכנצייטונג פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן (זיינע אַרטיקלען פלעגט ער מיינסטנס חתמענען מיט אַ פסעוודאָנים — ש. נירנבערג, ער האָט אָבער אויך געחת־

מעט מיט אַנדערע פּסעוודאָנימען). ער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל און זיך אויך באַטייליקט אין דער תל־אביבער וועלט־קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון אין 1937, וואו ער איז ווידער געוויילט געוואָרן אין פאַרבאַנדס־ביוראָ. אַ דאַנק זיין פּראַקטישן און גלייכן שכל און דעם ליבן כאַראַקטער, האָט שכנא זיך דערוואָרבן אַ סך פריינט און סימפּאַטיקער. אויך זיינע פּאָליטישע געגנער האָבן אים געשעצט און געליבט. אַ מענטש מיט אַ סך ענערגיע און גרויסע רעאַליזיר־פעאיקייטן פלעגט ער נישט אַראָפּפאַלן אין דער שטימונג אויך אין די שווערסטע מאָמענטן. ער איז געווען פון די הויפּט־רעדנער אין זיין פּאַרטיי, פלעגט אויפטרעטן אויף הונדערטער פאַרזאַמלונגען אין אַלע טיילן פון דער פּוילישער מדינה. ער האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט פון זיין פּאַרטיי אויפן איינאונצוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעוו און איז געוויילט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט ער נישט געוואָלט פאַרלאָזן וואַרשע. אויף דער לעצטער זיצונג פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939, ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין אַן אַנדער אָרט, איז איבערגעגעבן געוואָרן אים און אַדאָלף בערמאַנען צו זיין די פּאַרטרעטער פונם צ. ק. אין וואַרשע. זאַגאַן איז פאַרבליבן צוזאַמען מיט זיין פרוי גוסטע, פונדערהיים טרויבמאַן (אויך זי אַן אַלטע, אַקטיווע פועלי־ציון חברטע פון קראָקע, וועלכע איז געווען אַקטיוו־טעטיק נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה), און מיט זייערע צוויי קינדער: נתן־זכריה און שאַרלאָט. אין דער אונטערערדישער באַוועגונג איז זאַגאַן געוואָרן איינער פון אירע הויפּט־פירער. ער איז געווען אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פונם אידישן אַמט פאַר סאָציאַלע הילף — Ž.T.O.S. פון די טעטיקסטע ביים באַקומען מיטלען פאַר דער פאַרזעצונג פון דער סאָציאַלער הילפס־טעטיקייט. פילפאַכיק איז געווען זיין אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן אין די גאָר ביטערע יאָרן. אומעטום האָט זיך געמערקט זיין איניציאַטיוו, אין אַלץ איז ער געווען באַטייליקט. ער ווערט דערמאָנט אין אַלע באַריכטן פון דער ערשטער טעטיקייטס־תקופה פונם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, פונם אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס ער איז געווען צווישן אירע איניציאַטאָרן און אָרגאַניזירער. ער איז אומגעקומען בשעת דעם גרויסן וואַרשעווער פאַרניכטונגס־גירוש, אָנהויב אויגוסט 1942, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. — 50—51 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

גוסטע זאַגאַן

*** זאַיאַנץ הערמאַן:** פון די פּליטים פון דייטשלאַנד, וועלכע זיינען פאַר דער מלחמה אָנגעקומען קיין פּוילן. אַ חבר פון „דרור", איז ער גלייך אַוועק אין קיבוץ הכשרה אין לאָדזש און זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער פּאַראַנט־וואָרטלעך אין זיין אַרבעט.

בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער אַוועק אין סאָוויעטישן געביט, וואו ס'האָט אים אָפּגעפירן אַ פּוס. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. נישט געקוקט אויף זיין קראַנקן פוס, האָט ער נישט געוואָלט אָפּשטיין פון די חברים און גובר זייענדיק די ווייטיקן, האָט ער גענומען אויף זיך און אויסגעפירט כלעריי שווערע אַרבעטן און שליחותן. ער איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור", און געקעמפט בשעתן געטאָ־אויפשטאַנד אונטער זכריהו אַ ר ט ש ט י י נ ס (לפ"ג) קאָמאַנדירונג. צווישן די פאַרבליבענע אין געטאָ־געביט אויך נאָכן 8־טן מאַי 1943, ווען די מיינסטע לעצט־פאַרבליבענע מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן געפּרוווט אַרויס־צוגיין פונם געטאָ־שטח דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, — 25 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען.

*** זאַלאַטאַוו (יורעק):** זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, אַלס מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין פערזענלעכער נאָמען ווערט נישט געבראַכט. ס'איז אָנצונעמען, אַז עס ווערט געמיינט דער זון פון הירש זאַלאַטאַוו (אָדער הערשולעק, ווי מען פלעגט אים רופן ליבלעך־פאַרקלענערט, צווישן זיינע חברים און פריינט), איינער פון די קאָמוניסטישע פירער אין פּוילן, אַ ציוניסט און העברעאיש־ליבהאָבער אין דער יוגנט, וועלכער איז דערנאָך אַריבער צו די קאָמוניסטן און אין די לעצטע יאָרן האָט ער על־פּי־רוב פאַרבראַכט אין תפיסות און אין דעם באַוואוסטן פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזא. די מוטער פון יונגען זאַלאַטאַוו, די פרוי פון הירש, אויך אַ קאָמוניסטין, אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק און פּויליש אין דער גימנאַזיע „יהודיה" אין וואַרשע, איז דערמאָרדעט געוואָרן בשעת דעם גרויסן גירוש, אין הערבסט 1942.

דער יונגער זאַלאַטאַוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1923. ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב מיט זייער שווערע לעבנסבאַדינגונגען: דער פאָטער איז, ווי געזאָגט, כמעט תמיד געווען אין תפיסה, די מוטער איז געווען די איינציקע שפּייזערין פון דער משפּחה. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער אינגל, האָט זייער ליב געהאַט מוזיק און אויך געשפּילט פידל. ער האָט פאַרגעזעצט די לימודים אין געטאָ און דאָרט אויך באַקומען דעם מאַטורע־דיפּלאָם. בשעת די געטאָ־קאַמפן האָט ער געקעמפט אין „צענטראַלן־געטאָ". געווען איינער פון די איבערגעבנסטע קעמפער.

עס קען זיין, אז דאָס ווערט ער געמיינט אין שמחה ראטהייזערס טאָג־בוך, ווען ער דערמאָנט יורעקן, ווי אַ העלפער ביים אַרויסראַטעווען די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. אויב עס איז טאַקי אַזוי — איז ער דערמאָרדעט געוואָרן אויפן באַנק־פּלאַץ אין וואַרשע, דעם 10־טן מאַי 1943. א. וואָלף יאַסני שרייבט אין „דאָס נייע לעבן" פון 18־טן אַפּריל 1947, אַז יורעק זאַלאַטאַוו איז אומגעקומען בעת ער האָט געזאָלט ברענגען וואָפן פאַר די קעמפער. דייטשע וועכטער האָבן אים געיאָגט, ער איז געפאַלן און איז אויפגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די גראַנאַטן, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך. (ביים צונויפשטעלן די ערשטע העברעאישע אויסגאַבע פון דעם בוך — אין יאָר 1945, האָבן מיר אַרויסגעזאָגט די סברה, אַז אפשר רעדט זיך דאָ, וועגן הירש זאַלאַטאַווס זון. לויט די שפּעטערע פאַרעפנטלעכונגען אין פוילן נעמט מען עס דאָרטן, ווייזט אויס, אָן מיט זיכערקייט).

זאַקס : אַ באַגאַבטער אידישער מוזיקער. פאַר דער מלחמה האָט ער אָנגעפירט אין לאָדזש דעם אָרקעסטער און דעם כאָר פון דער באַקאַנטער „הזמיר"־געזעלשאַפט. ער האָט דיריגירט אַלגעמיין־באַקאַנטע אָראַ־טאָריעס און אויך אָריגינעלע אידישע קאָמפּאָזיציעס. אין געטאָ איז ער געווען טעטיק אין דער פאַרזעצונג פונם מוזיקאַלישן לעבן. האָט דיריגירט מענער־כאָרן. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין ע. רינגעלבלומס (לפ"ג) בריוו — וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך — וועגן קולטור־לעבן אין געטאָ, אַלס איינער פון די קינסטלער פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכע זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע.

זיגעלבוים שמואל־מרדכי (פּאַרטיי־פּסעוודאָנים — אַרטור) : געבוירן אין דאָרף באָראָוויצע ביי כעלם, דעם 21 פעב־רואַר 1895 אין אַן אָרימער משפחה מיט עלף קינדער. דער פאָטער איז געווען אַ פּריוואַט־לערער אין גבירישע הייזער, די מוטער — אַ שניידערין. 1899 איז די משפחה אַריבערגעפאָרן קיין קראַסני־סטאַוו און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — קיין כעלם. ביז צען יאָר האָט שמואל געלערנט אין חדר און שפּעטער אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון נע־ונד־זיין און געמוזט אַליין זאָרגן פאַר זיין חיונה. גאָר יונג איז ער אַריינגעטרעטן אין „בונד" און איז געבליבן טריי זיין פּאַרטיי ביזן לעצטן טאָג. אין 1917 האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַטייליקט אין אַ בונדישער קאָנפערענץ — אין

לובלין — אַלס דעלעגאַט פון כעלם. אין 1920 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן געוואָרן דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" צו ווערן דער סעקרעטאַר פון מעטאַל־אַרבעטער־פאַריין אין וואַרשע, און פון דאַמאָלסט אָן איז ער פאַרבליבן אין צענטראַלן־דינסט פון דער באַוועגונג דאָס גאַנצע לעבן. אין 1924 איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין סעקרעטאַריאַט פון „לאַנד־ראַט" (די צענטראַלע פון די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון „בונד"). אין 1927 איז ער געווילט געוואָרן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט ביז 1935. הערבסט 1936 איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט קיין לאָדזש און אין יאָר 1938 איז ער געווילט געוואָרן אין לאָדזשער שטאָטראַט. במשך אַלע יאָרן פון זיין טעטיקייט פאַר דער באַוועגונג האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אומדערמידלעכע אַקטיוויטעט אַלס רעדנער, אָרגאַניזאַטאָר און זשורנאַליסט.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז ער געקומען קיין וואַרשע, ווען כמעט אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן שוין פאַרלאָזט די שטאָט, — און ער איז געוואָרן די צענטראַלע פערזענלעכקייט פונם „בונד". אין דעם ערשטן מלחמה־חודש האָט ער רעדאַגירט די טאָגצייטונג פון דער פאַרטיי — „פאָלקסצייטונג", און איז געווען באַזונדערס אַקטיוו ביים שאַפן אַרבעטס־לעגיאָנען אין די טעג פון דער וואַרשע־פאַרטיידיקונג. ווען וואַרשע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן, איז ער געווען איינער פון די צוויי אידן — דער אַנדערער — א ב ר ה ם ג ע פ נ ע ר (לפ"ג) — צווישן די צוועלף וואַרשעווער ערובניקעס, וואָס די נאַציס האָבן זיי פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט מיט זייער לעבן פאַרן אויספילן די אונטערגעבונגס־באַדינגונגען. ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער אידישער קהלה־פאַרוואַלטונג. סוף דעצעמבער 1939, ווען עס האָט אים געדראָט אַרעסטירט צו ווערן דורך דער געסטאַפּאָ, האָט ער פאַרלאָזט וואַרשע, איז געפאָרן דורך דייטשלאַנד און אָנגעקומען קיין בעלגיע. דאָרט האָט ער זיך באַטייליקט אין דער עקזעקוטיווע־זיצונג פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, וועלכע איז פאָרגעקומען אין בריסעל דעם 23־טן פעברואַר 1940, און ער האָט אָפּגעגעבן אַן ערשטן באַריכט פון אַ לעבעדיקן עדות וועגן די נאַצישע גרויל־טאָטן ; דער באַריכט האָט געמאַכט אַן אויפטרייסלענדיקן איינדרוק. ווען בעלגיע איז געפאַלן, האָט ער באַוויזן צו אַנטלויפן קיין פאַריז און פון דאָרטן איז אים געלונגען אָנצוקומען, אין סעפּטעמבער 1940, קיין ניו־יאָרק. אין מערץ 1942 איז ער געקומען קיין לאָנדאָן אַלס פאָרשטייער פון „בונד" אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט.

ער איז מיט לייב־און־לעבן געווען פאַרבונדן מיטן פוילישן אידנטום. נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען די קאָמפּעטענטע ידיעות, וועלכע האָבן באַשטעטיקט אַלץ וועגן דער גרויזאַמער פאַרניכטונג פון פוילישן אידנטום, — ס'איז כדאי באַזונדערס צו זען וואָס יאַן קאַרסקי האָט אים דערציילט אין נאָמען פון זיינע חברים אין פוילן

(זייט 96, "דער ווײ־געשריי פון די וואַרשעווער אידן"), — און נאָכדעם ווי ער האָט צוגעזען אין לאָנדאָן מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילטיקייט און פאַסיווקייט עס באַציען זיך די מעכטיקע פון דער וועלט צו דער אויסמאָרדונג פון אַ גאַנץ אומשולדיק פאָלק, איז ער אין דער נאַכט אויפן 12־טן מאַי 1943 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט, ווייזט אויס, געמיינט, אז זיין קרבן וועט אפשר קענען אויפטרייסלען דאָס וועלט־געוויסן. אין זיין אָפּשייד־בריוו צו דער פוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן האָט ער געשריבן „מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט געגן דער פאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פון אידישן פאָלק".

זיין פרוי מ אַ נ י ע און זייער צוועלף יאָריקער זון אַ ר ט ע ק (טוביה) זיינען אומגעקומען עטלעכע טעג פריער, אַרום דעם 10־טן מאַי, בשעת די געטאָ־שלאַכטן, אינם שפּיטאָל־בונקער אויף גענשע 6. זיין זון י ו ס ף ל י י ב (פון דער ערשטער פרוי), געבוירן 1920, איז לעבנגעבליבן. ער האָט געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַן אין באַראַנאָוויטשער געגנט, אונטערן נאָמען: ק אַ י ט ע ק; אין סוף 1946 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. זיין אינגערער ברודער ראובן איז זינט סוף 1945 אין ארץ־ישראל. אין פאַרלאַג „אונזער צייט" איז דערשינען אַ זיגעלבוים־בוך (ניו־יאָרק, 1947, 408 זייטן), וואָס ברענגט אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן אים (פון י. ש. הערץ); אַ ריי זיינע אַרטיקלען און רעדעס, בפרט פון דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן און אָפּרופן וועגן אים.

* **זייפמאַן משה אהרן**: געבוירן אין ברײנסק, ביאַליסטאָקער קרייז, אין 1909, אין אַ סוחרישער משפחה (דער פאָטער איז געווען אַ לעדער־סוחר). צו 14 יאָר איז ער געוואָרן א יתום פון זיין מוטער. ער האָט געלערנט אין בריינסקער און אין לאָמזשער ישיבה, און דערנאָך — אין דער „תחכמוני"־שול אין ביאַליסטאָק. צו 17 יאָר איז ער געקומען קיין גער (גורא־קאלוואריא), ביי וואַרשע, און זיך דאָרט באַזעצט און חתונה געהאַט. פריער איז ער געווען אַ העברעאיש־לערער און דערנאָך — אַ בוכהאַלטער אין אַ זעגמיל. גאָר גיך איז ער געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין שטעטל, — אַן אָנפירנדיקער חבר אין דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל און אין

בילד פון 1937

החלוץ. זייער טעטיק אינם ספּאָרט־פאַרבאַנד פון דער באַוועגונג „הפועל" און יאָרנ־

לאַנג דער אַרטיקער מורשה פון קרן קימת לישראל. ער איז געווען אַ באַגאַבטער רעדנער און געוואוסט וויאַזוי צוציען די יוגנט. זיין עיקר־שטרעבונג איז געווען — עליה קיין ארץ־ישראל (וואו עס געפינט זיך זיינע אַ שוועסטער). ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זעלבסטשוץ פון דער פּאַרטיי און החלוץ אין די לעצטע פּאַרמלחמה־יאָרן. מיט זיין שטאַרקער ענערגיע און איניציאַטיוו־קראַפט האָט ער געדינט דער באַוועגונג מיט גרויס איבערגעגעבנקייט צוערשט אין זיין שטעטל און שפּעטער אין וואַרשע.

בעת דער מלחמה האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט די זעגמיל, וואו ער האָט געאַרבעט, און האָבן אים פּאַרפליכטעט צו ווערן איר לייטער, אין אַ שטיקל צייט שפּעטער, נאָכן גירוש פון די אידן, און אָנהויב 1941, איז ער אַריבער קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר געאַרבעט ביי שוסטעריי. בשעת דער צוגרייטונג פונם באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט ער אַ סך נוצן געבראַכט דער באַוועגונג און דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אים איז שטאַרק צונוץ געקומען די גרינטלעכע געווער־אויסבילדונג, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין די דינסט־יאָרן אין פּוילישן מיליטער, אין 1930—1931. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון פּועלי ציון (צ.ס.). אין דער ערשטער צייט קאָמענדאַנט פון דער גרופּע, אָבער פאַרן אָנהויב פון די שלאַכטן איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין בערשטער־געביט און דאָרט איז ער געפאַלן בעת די געטאָ־שלאַכטן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (דאָרט איז זיין נאָמען אָנגעגעבן: זייפמאַן אהרן).

זילבערבערג זרח: געבוירן 1916 אין קאַליש. פון קינדוויייז־אָן געווען אַ חבר אין „השומר הצעיר". מיט דער צייט — אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער קן־אָנפירונג. ער איז אַרויס אויף הכשרה קיין סלאָנים, וואו ער האָט זיך געפונען בשעת דעם מלחמה־אויסברוך.

אין אָנהויב מלחמה האָט אים די באַוועגונג אַרויסגעשיקט צו דער רומענישער גרעניץ, כדי דאָרט אויסצוגעפינען וועגן פאַר עליה. נאָך אַ סך אָנשטרענגונגען אָן רעזולטאַטן, איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע. ער איז געווען דאָרט אַ חבר פון קיבוץ „במבחן" אין שומרישן ריכוז. בעת דער הערשאַפט פון דער רויטער אַרמיי, איז ער געווען צווישן די אַקטיווע עליה־טוער און האָט זיך אַליין אויך געגרייט צו דער עליה. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן, אַ קורצע צייט פאַרן דייטשן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, איז ער צוריקגעפאָרן קיין סלאָנים און אַ געוויסע צייט האָט מען גאָרנישט געהערט וועגן אים. נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער אַריבער פון סלאָנים קיין ביאַליסטאָק, וואו ער איז געווען אַקטיוו טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט און אין דער אָרגאַניזירונג פונם ווידערשטאַנד.

אין אָנהויב 1943 האָט ער באַזוכט דעם ווילנער געטאָ און אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג. דערנאָך איז ער צוריק אַוועק קיין ביאַליסטאָק. צוזאַמען מיט אליהו בוראַקס (לפ״ג) איז ער פאַר דער קאָאָרדינאַציע געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער „השומר הצעיר״שער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. נאָך דער פאַרייניקונג פון די באַזונדערע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין איין אַלגעמיינע אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז ער געוועזן אַ מיטגליד פון שטאַב. ער האָט אויסגעפירט געפאַרפולע שליחותן פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מחוץ ביאַליסטאָק. אָנהויב יאַנואַר 1943, איז ער געווען אין גראָדנע בשעת אַן אויסראָטונגס־אַקציע. בעת דעם אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז ער געווען קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע, וועלכע איז באַפאַלן אַ דייטשן געווער־לאַגער און דעראָבערט געווער פאַר די אידישע קעמפער.

ער איז געווען צווישן די הויפּט־פירער פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד, און נאָך דער ליקווידירונג איז ער געווען צווישן די זיבעציק אַקטיווע און דרייסטע קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין איין בונקער און אָפּגעוואַרט ידיעות פון שטאָט וועגן דער מעגלעכקייט אַרויסצולאָזן זיך אין די אַרומיקע וועלדער. עטלעכע טעג זענען זיי אָפּגעזעסן אין דעם בונקער, און אַ טאָג פאַר זייער אַרויסגיין פון אים אין וועג אַריין, האָבן די דייטשן אים אַנטדעקט (ווייזט אויס דורך אַ מסירה) און עס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט איינע פון די פאַרצווייפלסטע און ביטערסטע שלאַכטן צווישן אַ גרופּע אונזערע העלדישע בחורים און די אָנגרייפנדיקע דייטשע כוחות. אין יענער טראַגישער שלאַכט זיינען געפאַלן אַלע זיבעציק קעמפער — און צווישן זיי אויך זרח. אינם בריוו פון החלוץ אין פוילן, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אין דער ליסטע פון די הויפּט־טוער אין ביאַליסטאָק, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן שונא. נאָכדעם ווי די סאָוועטישע־אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן פון ביאַליסטאָק, האָבן די ערשטע אידן, וואָס זיינען צוריקגעקומען אין שטאָט, געבראַכט די 71 העלדישע קעמפער צו קבר־ישראל, אויפן ביאַליסטאָקער געטאָ־בית־עולם, וואו עס זיינען באַגראָבן איבער 20.000 אידישע קרבנות פון די נאַצישע מערדער.

זילבערבערג העניעק: קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַ־ריינען (אידישע קאָמוניסטן). אַ מוטיקער און העלדי־שער קעמפער. בעת די געטאָ־קאַמפן אַפּריל־מאַי 1943, האָט ער געקעמפט מיט זיין גרופּע אין צענטראַלן־געטאָ (ב. מאַרק שרייבט, אַז ער האָט געקעמפט מיט זיין גרופּע אין ברויערס שאָפּ). ער איז אומגעקומען דעם 8־טן מאַי 1943 אינם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18, צוזאַמען מיט מרדכי אַניעליעוויטש, לייב ראָטבלאַט (ביידע לפ״ג) א. א. ער איז דאַן אַלט געווען 21 יאָר, זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** זילבערבערג רחל (סאַרענקאַ):** (אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין געטאָ־קאַמף דערשיינט זי נאָר מיטן נאָמען סאַרענקאַ. ווען זי איז אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר", זיינען אין גדוד געווען עטלעכע מיידלעך מיטן נאָמען רחל, און ווייל זי איז געווען אַ קליינגעוויקסיקע און לעבנסלוסטיקע, האָט מען זי גערופן ליבלעך סאַרענקאַ — אויף פויליש: יונגע אינדין).

בילד פון 1940

געבוירן אין וואַרשע דעם 5־טן יאַנואַר 1920 ביי פרומע עלטערן, וועלכע האָבן זי געוואָלט דערציען אין זייער גייסט, אָבער זי האָט זיך פאַרעקשנט מען זאָל זי שיקן אין דער גימנאַזיע „יהודיה", און זי האָט אויסגעפירט. אַזוי האָט זי זיך אויך מתגבר געווען אויף דער געגנערשאַפט פון די עלטערן צו איר אַריינטריט אין „השומר הצעיר", וואו זי איז געווען אין גדוד „בחזית". זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים און אויך געהאַט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. אין דער פריער יוגנט איז זי געווען אַן אויסגעצייכנטע ספּאָרטלערין. די לעצטע יאָרן איז זי נאָך אַ קראַנקהייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער זי האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פאַרשלאָגן מכח אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג. פון 1938 איז זי געווען אַ מדריכה אין קן אין יונגן שיכט און זייער באַליבט ביי אַלע אירע תלמידים.

בשעת דער מלחמה איז זי אַריבער קיין ווילנע, צוזאַמען מיט איר אינגערער שוועסטער רות (איצטער אין ארץ־ישראל) און נאָך חברים, און זי איז דאָרט געווען אין גרויסן קיבוץ פון „השומר הצעיר". אַ געוויסע צייט איז זי געווען אין דער פלוגה פון קיבוץ „המנוף" אין קיידאַני. מיט איר אינטעליגענץ האָט זי באַלד פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן אָרט אין לעבן פון קיבוץ. בעת ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די נאַציס, איז דערמאָרדעט געוואָרן איר לעבנס־חבר מ ש ה ק אַ פּ י ט אַ (דער נאָענטער חבר און פריינט פון מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע װ י ט ש, וואָס זיי זיינען צוזאַמען אַריין אין „השומר הצעיר"). אין יענער תקופה (פעברואַר 1941) האָט זי געבוירן איר טאָכטער מאַיאַ. אַ געוויסע צייט האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט איר קליין מיידעלע. דערנאָך האָט זי אָבער באַהאַלטן דאָס קינד און זי איז צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. כאָטש זי האָט געמוזט בייהילפיק זיין איר מוטער, וועלכע האָט געהאַט אַ שפּייז־קראָם אויף נאַוואָליפּיע 34, האָט זי זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. זי איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר" און איז געפאַלן מיט געווער אין האַנט דעם 8־טן מאַי אין שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויף מילע 18. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע

פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. (איר טעכטערל מאַיאַ איז געראַטעוועט און געפינט זיך אין ווילנע).

*** זילבערמאַן ישראל:** געבוירן אין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי, אין אַ מיטלשטאַנד משפחה; דער פאָטער האָט געהאַלטן אַ שפייז־קראָם. ישראל האָט געלערנט אין פיר קלאַסן פון אַ מזרחיסטישער פאָלקסשול „יבנה" און דריי קלאַסן פון אַ מלוכהשער פאָלקסשול. אַן ערנסטער און אינטעליגענטער אינגל האָט ער געהאַט אַ נטיה צו פאַרטיפן זיך אין פאַרשידענע פראָבלעמען און זוכן פאַר זיי לעזונגען. ער איז געווען צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פון „פרייהייט—החלוץ הצעיר" אין זיין שטעטל, וועלכע האָבן דאָרט געשאַפן אַ העלדישע קאַמף־גרופע. ער זעלבסט איז געווען אַ דרייסטער קעמפער, כאָטש קערפערלעך שוואַך און קורצזיכטיק, — ער האָט געטראָגן ברילן פון דער פריער קינדהייט אָן. עטלעכע פון זיי, און אויך ער, זיינען געשיקט געוואָרן צוהילף די קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע (דאָרטן האָט זי זיך גערופן „החלוץ הלוחם" — דער קעמפנדיקער החלוץ) און ער איז געווען צווישן די איינצלנע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט נאָכן גרויסן איבערפאַל אויף די דייטשן דעם 23־טן דעצעמבער 1942. ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט אָנטיילגענומען אין די ערשטע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין וואַרשעווער געטאָ, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, און איז דאַן געפאַלן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** זעלצער ישראל:** געבוירן אין זדאָלבונאָוו אין 1913. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען זיינע ברידער און שוועסטער פאַרבליבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און ער האָט געלעבט מיט זיינע עלטערן אין זדאָלבונאָוו אין גרויס דחקות. די קינדער האָבן פאַרלאַנגט, אַז די עלטערן זאָלן אַרויספאָרן צו זיי קיין רוסלאַנד, אָבער ישראל, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו לערנען אין אַ „תרבות"־שול, האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף העברעאיש און אויף דעם ציוניסטישן גייסט, און זיינע עלטערן זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרבלייבן מיט אים. ערשט ווען ער איז געוואָרן אַ ביסל זעלבסטשטענדיק, זיינען די עלטערן אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד.



ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון

„גורדוניה" אין זדאַלבונאָוו און דער הויפּט־טוער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטעטלשער יוגנט. געפירט אַ דערפאַלגרייכע אויפקלערונג געגן דער אַנטי־ארץ־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך דאַן געפירט אין די ראַנד־געביטן פון פוילן. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט ער אַנגעהויבן אַרומפאָרן איבער די פוילישע שטעט, ווי אַ טוער פון ווילנער ראַיאָן ; האָט אָרגאַניזירט צוזאַמענטרעפן, לאַגערן און אינסטרואירט די יונגע חברים. זען אים און שמועסן מיט אים, אפילו וועגן די וויכטיקסטע ענינים, האָט מען געקענט נאָר בעת זיינע רייזעס. ער האָט געקענט ממש יעדן שטעג אין די צפונדיקע און מזרחדיקע ראַנד־געביטן פון פוילן. זיינע „רייזעס" אויף צו באַזוכן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פלעגט ער דורכמאַכן אַביסל צו־פוס, אַמאָל עפּעס מיט אַ פור אָדער מיט אַ צופעליק־אַנגעטראָפענעם לאַסט־אויטאָ פול־באַלאָדן מיט עופות אָדער פעסער. אין 1934 איז ער אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה און באַשלאָסן לעבן אַ רואיק לעבן ביז עס וועט אָנקומען זיין ריי צו עליה, אָבער די באַוועגונג האָט עס אים נישט דערלאָזט — ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו מאַכן לענגערע באַזוכן אין פאַרשידענע פלוגות און אין די אָונטן אָנפירן מיט דער טעטיקייט אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. אין משך פון צוויי יאָר איז ער געווען אין די פלוגות : דובנע, מיזאָטש, סאָסנאָוויעץ און כאָזשאָוו. ער איז אויך געווען טעטיק אין זאַגלעמביער ראַיאָן אַלס אינסטרוקטאָר פון דער צענטראַלע און לייטער פון דער טעטיקייט פון די יונגע מדריכים און דער אַרבעט פון די יונגע שיכטן. אין 1936 איז ער געוויילט געוואָרן אין דער הנהגה ראשית פון „גורדוניה" און ער האָט ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט : אַמאָל אַלס דעלעגאַט פון קרן־קיימת, אַ צווייט מאָל אַלס שליח פון החלוץ אין לובלינער געגנט א.אַ.וו. ס׳איז נישט געווען קיין שטעטל אין פוילן, וואָס ער זאָל עס נישט האָבן באַזוכט אין זיין אָנגעשטרענגטער טעטיקייט, אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען קיין חבר אין דער באַוועגונג, וואָס ער זאָל אים נישט האָבן געקענט פערזענלעך. פון יעדער באַן־סטאַנציע פלעגט ער שרייבן צענדליקער בריוו, אָפט פלעגט ער אויף די וואָקזאַלן אויך עסן און שלאָפן. ענדע 1938 האָט די הנהגה ראשית באַשלאָסן צו דערלאָזן אים פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט אויך דאָס מאָל מוותר געווען לטובת אַנדערע. ער האָט געהאַט כוח און געדולד פאַרצוזעצן זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג.

בעת דער מלחמה איז ער ווייטער געווען אַזוי אַקטיוו און אויסגעטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן שווערן יאָך פון דער אונטערערדישער אַרבעט פון זיין באַוועגונג. באַזונדערס טעטיק איז ער געווען אין דער אָרגאַניזירונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמעס ; ער איז געווען דער פאָרשטייער פון זיין באַוועגונג אין „דזשאָינט" און מיטגליד פון דער אונטערערדישער החלוץ־צענטראַלע. ער האָט קיינמאָל נישט גע־וואוסט נישט פון מידקייט און נישט פון מורא פאַר סכנות. זיין חברטע ח נ ה ע ר ל י כ־מ אַ ן, אַ „גורדוניה"־מיטגלידערין פון לובלין, וועלכע האָט בעת דער נאַצישער אָקו־פּאַציע געאַרבעט אין דער הנהגה ראשית פון „גורדוניה" אין וואַרשע (וועגן איר

שוועסטער שרה — סויקאַ — זע זייט 325), — איז דעם 15־טן אויגוסט 1942 אַרויס־געשיקט געוואָרן אין טויט־לאַגער טרעבלינקע, — דאָס האָט אים זייער דערשלאָגן. ער איז נאָכדעם אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע פון „דרור״־קעמפער אין די הרוביעשאָווער וועלדער; די גרופּע איז דורכגעפאַלן און כמעט אַלע זיינען געוואָרן אויסגעמאָרדעט. אים האָט מען צוליב וואָס־עס־איז אַריבערגעפירט אין דער וואַרשעווער „פּאַוויאַק״־טורמע, דאָרטן האָט מען אים געהאַלטן צוויי וואָכן און אין סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן אים דערמאָרדעט. די חברים זיינען געוואויר געוואָרן וועגן זיין דערמאָרדונג און זיי האָבן געבראַכט זיין קערפּער צו קבר ישראל אויפן גענשער בית־עולם. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן.

* **זילבערשטיין משה:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַ־קומען וועלכע עס איז ידיעות וועגן אים. אויך נישט צווישן זיינע חברים (אין וואַר־שע איז דאָן געווען אַ 24־יעריקער חבר פון „פרייהייט״ און פועלי־ציון (צ.ס.) מיט דעם נאָמען, און עס קען זיין, אַז ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ טעות אין באַצייכנען די קאַמף־גרופּע, צו וועלכער ער האָט געהערט, אָבער קיין זיכערקייט האָבן מיר נישט אין דעם).

* **זשאַגעל שרה:** געבוירן אין וואַרשע. געלערנט אין אַ פּוילישער מיטלשול. אין דער פריער יוגנט איז זי געווען אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הרצליה״. אין די געטאָ־שלאַכטן איז זי געווען אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. זי איז דאָן אַלט געווען ביי 29 יאָר.

* **זשימאַק לילקאַ:** געבוירן אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע, אין אַ משפּחה פון קליינהענדלער. זי האָט געלערנט אין אַ פאָלקסשול. צו 14 יאָר איז זי אַריין אין דער סקויטן־אָרגאַניזאַציע פון דער „פרייהייט״־באַוועגונג. זי האָט שוין דאַמאָלסט אין קרייז „פרילינג״ אַרויסגעוויזן איר ערנסטע און געוויסנהאַפטע באַציאונג צו געזעלשאַפטלעכע ענינים. זי האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין אָוונט אין די באַזוכן אין דער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך שטאַרק פאַראינטערע־

סירט מיטן לעבן פון דער באַוועגונג און מיט אירע פּראָבלעמען. אין דער וואַנט־צייטונג זיינען געווען אַ סך לידער און אַרטיקלען, וואָס זי האָט געשריבן. רואיק פלעגט זי אויספילן אַלע אויפגאַבן, וועלכע זי האָט גענומען אויף זיך, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. כאָטש זי האָט געהאַט נישט קיין לייכט לעבן (אינדערהיים איז מען געווען געגן איר געהערן צו דער באַוועגונג און אויך אין דער שול האָט מען געדריקט אויף איר, זי זאָל די באַוועגונג פאַרלאָזן), האָט זי זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט. איר ערנסטקייט און אַקטיוויטעט זיינען געווען זעלטענע און מיט איר תמיד־מוטיקער האַלטונג און שיינער נשמה האָט זי דערוואָרבן סימ־פּאַטיעס ביי אַלע חברים. אַמאָל איז געשען אַ פאַקט, וועלכער איז געווען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר איר: די גרופּע, צו וועלכער זי האָט געהערט, איז געגאַנגען — ביי 40 אינגלעך און מיידלעך —— מיט זייער פאָן פון פּראַגע קיין וואַרשע; אויפן וועג, ביי דער קערבעדזש־בריק זיינען פּוילישע כוליגאַנעס זיי באַפאַלן און געשלאָגן און צוגענומען די פאָן. די גרופּע איז זיך צעלאָפן. לילקאַ, כאָטש זי האָט אויך געכאַפּט קלעפּ, איז נישט אַנטלאָפן, געבליבן איינע אַליין אַרום די כוליגאַנעס, ביז עס איז איר געלונגען אַרויסצוכאַפּן ביי זיי די פאָן, דאַן איז זי שנעל אַריבער די בריק מיט דער געראַטעוועטער פאָן און אָנגעקומען אין לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע. וועגן אירע ווייטיקן האָט זי נישט דערציילט, ווייל זי האָט נישט געוואָלט מצער זיין די חברים. אויפצומאָרגנס איז זי געלעגן קראַנק פון די קלעפּ, און דאַן איז געווען דער ערשטער אָוונט, אין וועלכן זי איז נישט געקומען אין לאָקאַל אַריין. בשעת מען האָט איר אויפגעקלערט, אַז אַן גענוגנדיקער שוץ איז מען געצוואונגען צו אַנטלויפן, האָט זי געענטפערט: „איך האָב נישט געקענט נישט ראַטעווען די פאָן, וואָס ביי איר האָט דער קרייז „פרילינג" אָפּגעגעבן אַ שבועה".

איר שטאַרקע אַקטיוויטעט איז געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע, — סיי ביי פאַרשפּרייטן די צייטונג „דאָס נייע וואָרט", סיי אין דער אַרבעט פאַרן קרן־קיימת, אין צוזאַמענקונפטן אָדער אין כאָר א.אַ.ו. אין 1936 איז זי, נאָך דער פאַרענדיקונג פון אַ סקויטן־לאַגער, געווילט געוואָרן אין אָרטיקן קאָמיטעט, — איר ערשטער פאָרשלאַג איז דאַן געווען: „יעדער חבר, וואָס פאַרשפּעטיקט אויף אַ פאַרזאַמלונג צאָלט קנס לטובת דעם קרן־קיימת", און זי פלעגט צונויפזאַמלען דאָס געלט. איר צווייטער פאָרשלאַג איז געווען: „חברים, וואָס לערנען אין שול דאַרפן אינאָוונט געבן לעקציעס זייערע אַרבעטנדיקע חברים", און זי זעלבסט האָט כסדר געלערנט אַנדערע. זי האָט אויפגעהאַלטן שריפטלעכע פאַרבינדונגען מיט חברים אין ארץ־ישראל; איר פּער־זענלעכע שטרעבונג איז געווען, — וואָס גיכער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און אויס־בילדן זיך אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער שול.

פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי געוואוינט אויף גענשע גאַס, אין בערל ב ר ו י ד ע ס (לפ"ג) קאַמף־גרופּע. בעת דעם אויפשטאַנד איז זי געווען אַ מיטגליד

אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור". זי האָט געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ"; זי איז געווען די פאַרבינדלערין פונם קאָמענדאַנט פון „צענטראַלן געטאָ" י ש ר א ל ק אַ נ אַ ל (לפ"ג). דעם 7־טן מאַי 1943 איז זי אַרויסגעשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט פּ אַ ו ו ע ל ן (לפ"ג) און נאָך קעמפער, אַדורכצורייסן אַ וועג צו דער אַרישער זייט און ברענגען גיכע הילף די געטאָ־קעמפער. אין דער דאָזיקער שליחות איז זי געפאַלן צוזאַמען מיט כמעט אַלע קעמפער, וואָס זיינען געווען אין דער גרופּע. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

מער פּרטים וועגן איר טויט — אין דער געדענק־פאַרצייכעניש וועגן פּאַוועל (אהרן ברוסקין) און אויף זייט 278, באַמערקונג 9. אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך איר ברודער נ פ ת ל י, זע ווייטער.

*** זשימאַק נפתלי:** געבוירן אין 1922 אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע. פריער איז ער געווען אין „השומר הצעיר", אָבער אונטער דער השפעה פון זיין שוועסטער ל י ל ק א (זע אויבן) איז ער אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט". ער איז געווען אַ זייער שיינער און זעלבסט־אָרגאַניזירטער אינגל, אַן אינטעליגענטער און פעאיקער, און זייענדיק נאָך גאָר יונג האָט ער שוין אָנגעלייענט זיך זייער אַ סך וועגן סאָציאַליזם און וועגן די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און ער האָט זיך גייסטיק זייער באַשעפטיקט מיט די פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. מיט זיין גייסטיקער לעבהאַפטיקייט האָט ער אַריינגעבראַכט אַ נייע וועגדונג אין דער אָרטיקער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. ער האָט באַלעבט די חברים־שמועסן און פאַרזאַמלונגען, און דערביי האָט ער ליב־באַקומען די באַוועגונג מיטן גאַנצן ברען.

אין געטאָ איז ער געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אינם סעמינאַר. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין טשענסטאָכאָוו און דערנאָך צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער איז אויך געווען אין דער „החלוץ"־פאַרם אין טשערניאַקאָוו. ער איז געשיקט געוואָרן צוהילף די קעמפער פון „החלוץ־הלוחם" אין קראָקע, און איז געווען צווישן די איינצלנע, וואָס זיי איז געלונגען צו ראַטעווען זיך נאָך דער ערשטער גרויסער באַוואָפנטער אַקציע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע, דעם 23־טן דעצעמבער 1942 (פּרטים זע זייט 148, באַמערקונג 38), וואָס האָט שפּעטער געקאָסט דאָס לעבן פון 40 אידישע קעמפער. צוזאַמען מיט זיין שוועסטער ל י ל ק אַ (זע פריער) האָט ער עטלעכע וואָכן שפּעטער ווידער אַקטיוו געקעמפט אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". אין די יאַנואַר־קאַמפן אין 1943 איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ גראַנאַט־שפּליטער און איז אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

זשעלאַזנאַגורא חנוך: געבוירן אין שעדלעץ אין 1913, אין אַן אָרימער משפחה. ער האָט געלערנט אין דער „תרבות"־פאָלקסשול, אָבער נאָכן טויט פון זיין פאָטער — חנוך איז דאַמאָלסט אַלט געווען 12 יאָר — האָט ער געמוזט איבעררייסן די לימודים און איז צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ גלאָז־פאַבריק און מיט זיין געהאַלט האָט ער געשטיצט די מוטער און זיין אינגערע שוועסטער. ער האָט פאָרגעזעצט זיין זעלבסטבילדונג אין דער „החלוץ הצעיר"־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער איז געווען פון אירע ערשטע חברים, פון 1931, ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר. יעדן פרייען אָוונט, נאָך דער שווערער אַרבעט, פלעגט ער קומען אין סניף נישט אַדורכלאָזנדיק קיין איינציקן שמועס. ער האָט אַרויסגעוויזן פעאיקייטן און אין 1933 איז ער געוויילט געוואָרן אין אָרטיקן קאָמיטעט און אויך באַשטימט געוואָרן אַלס מדריך פון אַ דערציאונגס־גרופּע. מיט זיין פשטות און איבערגעגעבנקייט איז ער געווען באַליבט ביי אַלעמען. אין 1938 האָט ער זיך באַטייליקט אין החלוץ־סעמינאַר אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט וואָליע, געווען אַ צייט אין דער החלוץ־פאַרם אין גראָכאָוו און פון דאָרט איז ער אַוועק קיין ווילנע אויף הכשרה און אַרבעט אין דער באַוועגונג (זיין עלטערע שוועסטער שרה איז געווען אַקטיוו אין „החלוץ", און די אינגערע, עטל, — אין „החלוץ הצעיר"; זי איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָק).



בילד פון 1937

בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אין ווילנע און איז באַלד אַוועק אין סאָוויעטישן געביט, ווייל ער האָט געוואָלט לעבן אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. ער איז אָבער נישט לאַנג פאַרבליבן דאָרט און האָט זיך אומגעקערט צו די חברים אין ווילנע און זיך געשטעלט אין רשות פון דער באַוועגונג. ער איז געוואָרן אַקטיוו אינעם חלוצישן אונטערערד. אין סוף 1941, ביים ערשטן ווילנער גירוש, איז ער אַוועק פריער קיין סלאָנים און דערנאָך, אין 1942 קיין ביאַליסטאָק, וואו ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון קיבוץ. אָפט פלעגט ער אַרויס פון געטאָ־געביט, מאַסקירט אַלס נישט־איד (אַ הויכער, מיט אַ בלאָס פנים, האָט נישט אויסגעזען ווי אַ איד), כדי צו ברענגען שפייז און אַנדערע פּראָדוקטן די חברים און אויך אַריינשמוגלען געווער אין געטאָ. דער קיבוץ האָט אויך געדינט אַלס שול פאַר קעמפער און חנוך איז געווען איינער פון די דערציער. נאָך פאַרן קריג האָט ער אויף די זעלבסטשוץ־קורסן פון דער באַוועגונג געלערנט שיסן מיט אַ ביקס און וואַרפן גראַנאַטן. ער איז געווען טעטיק אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע. ער האָט נישט

געהאַט קיין שום אילוזיעס וועגן דעם, אַז אַלע אידן אין ביאַליסטאָק וועלן אויסגע־מאָרדעט ווערן. אויך נישט וועגן רעזולטאַט פונם קאַמף. אויף דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פונם קיבוץ אין ביאַליסטאָק, דעם 27־טן פעברואַר 1943, האָט ער געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין שום אילוזיעס. נישט דער אויפשטאַנד וועט ראַטעווען און נישט דאָס גיין אין וואַלד. עס זיינען פאַראַן צוויי וועגן פון טויט און מען דאַרף שטאַרבן מיט ערע. דער געטרייער חבר פון דער באַוועגונג איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן ביזן סאַמע סוף. געפאַלן בשעת דעם ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד (אינם בריוו פון „החלוץ" אין פּוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, איז אַריינגעפאַלן אַ טעות, דאָרט שטייט: זשעלעזנאגורא חנה, און עס דאַרף זיין חנוך).

חדש יצחק: געבוירן אין וואַרשע ביי פּאַרמעגלעכע עלטערן, געלערנט אין דער גימנאַזיע־„אסכולה", געווען אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר", גדוד „בניר". אַ שיינער, הויכער, ברייטפּלייציקער ברונעט. ער איז גיך אויס־געוואַקסן און רייף געוואָרן אין די גרויל־צייטן און אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון זיין באַוועגונג. אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר". זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. ער איז דאַן אַלט געווען ביי 20 יאָר.

*** טייכלער גוטע:** אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). אַן אַרבעטערין (אַ זאָקן־שטריקערין).
שוין ביים אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין פרילינג 1940, איז זי געווען טעטיק אין די קאָמוניסטישע „ספּאַרטאַקוס"־גרופּן. אין די געטאָ־שלאַכטן האָט זי גע־קעמפט אינם טעבענס־שולץ־געביט, זי איז געווען צווישן די 40 קעמפער, וועלכע זיינען דעם 29־טן אַפּריל 1943 אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. לכתחילה האָט זי זיך געפונען אין אַ וואַלד נעבן לאָמיאַנקי און דערנאָך האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס פון די לעצטפאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער אין די ווישקאָווער וועלדער ביים בוג. דאָרט איז זי אַריין, צוזאַמען מיט איר חבר יאַנעק שוואַרצפּוס (לפ"ג) אין דער גרופּע פון פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן). זי האָט זיך באַטייליקט אינם פּאַרטיזאַנען איבערפאַל אויף דער באַן־סטאַציע אורלע (אָרלע), אַ 60 קילאָמעטער פון וואַרשע, אויפן וועג קיין מאַלקיניאַ, דער וועג אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען די טויט־באַנען קיין טרעבלינקע און אויך דייטשע מיליטער־טראַנספּאָרטן צום רוסישן פראָנט — און ביים דערפילן אָט די שליחות איז זי געפאַלן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. (מער פּרטים וועגן איר טויט — זע אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן יאַנעק שוואַרצפּוס).

טענענבוים מרדכי (יאָסיף טאַמאַראָף): קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק. געבוירן אין וואַרשע אין פורים 1916. זיין פאָטער איז געווען אַן אַדמיניסטראַטאָר פון וואוינהייזער, און איז געווען געהילף־אַדמיניסטראַטאָר פונם הויז אויף לעשנע 27, וואו די משפחה האָט געוואוינט. מרדכי איז געווען איינער פון די אינטעליגענטסטע שילער אין דער שול, הגם ער האָט זיך גאָר שווער צוגעפּאַסט צו דער שול־דיסציפּלין. ער האָט גאָר אַסך געלייענט אויף אַלע וויסנשאַפט־געביטן: געשיכטע, ספּעציעל אידישע געשיכטע און געשיכטע פון נאָענטן מזרח, עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, נאַטור, ליטעראַטור און אפילו אַסטראָנאָמיע. אין דער יוגנט איז מרדכי אַ געוויסע צייט געווען אַ חבר אין „הנוער הציוני". אין 1935 איז ער אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט". גאָר גיך האָט ער זיך איינגעלעבט אין דער באַוועגונג און נאָך אַ האַלב יאָר האָט ער שוין איבערגענומען די דערציאונגס־גרופּע „נאַטור", — געענדיקטע תלמידים פון פאָלקסשולן, — און זי מוסטערהאַפט אָנגעפירט. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער שוין געווען מיטגליד פונם ראַט פאַר דעם יונגן שיכט און איז געווען דאָרט זייער אַקטיוו. אין 1937 איז ער צוזאַמען מיט זיין גרופּע אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין באַראַנאָוויטשער קיבוץ. די באַוועגונג האָט אים אין 1938 אַריבערגעפירט קיין וואַרשע, — אַלס מיטגליד פון דער קולטור־און דערציונגס־אָפּטיילונג ביי דער החלוץ צענטראַלע — דער אינגסטער חבר אין מרכז.

זיינע לימודים אין אינסטיטוט פאַר אָריענטאַלישע וויסנשאַפטן ביים וואַרשעווער אוניווערזיטעט האָבן איינגעקריצט אין אים געוויסע אייגנאַרטיקע שטריכן: ער האָט ליב באַקומען דעם מזרחדיקן נוסח, זיינע מנהגים און קליידונג, זיין אופן־רעדן און לעבנסשטייגער און אין דעם גייסט האָט ער אויך משפיע געווען אויף זיין דערציאונגס־גרופּע. אָפט פלעגט ער זאָגן, אַז אָנקומענדיק קיין ארץ־ישראל וועט ער אויף אַ געוויסע צייט זיך באַזעצן אין אַן אַראַביש דאָרף. ווען ער איז געווען נאָך אַ קליינער אינגל, האָט ער געחלומט צו זיין אַ פּאַסטוך אין ארץ־ישראל.

ביים מלחמה־אויסברוך האָט ער מיט די חברים פאַרלאָזט וואַרשע. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, אונטער אַ האָגל פון באָמבעס, זיינען זיי אָנגעקומען קיין קאָוועל דערנאָך קיין ווילנע. בשעת די וואַנדערונגען, אין אָנבליק פון טויט־געפאַר און אינם אַקטיוון ווידערשטאַנד, האָבן זיך אַנטפּלעקט זיין גאַנצע אַרבעטס־פעאיקייט, איבערגעגעבנקייט און פּראַקטישע רעאַליזיר־קראַפט. אין ווילנע, וואו עס האָבן זיך דאַן קאָנצענטרירט ביי צוויי טויזנט החלוץ־מיטגלידער פון פוילן, איז ער געשטאַנען אינדער־

שפּיץ פון דער גאַנצער טעטיקייט און געווען איר לעבעדיקער גייסט. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַ ספּעציעלן סעמינאַר פאַר די עסקנים פון דער באַוועגונג מיטן צוועק זיי צוצוגרייטן צו אונטערערדישער אַרבעט. אין יענער תקופה איז ער זייער אַסך אַרומגעפאָרן און אַריבערגעפירט מאַטעריאַלן און געלטער פון ווילנע אין אַנדערע אָקופּאַציע־געביטן. אָפט פלעגט ער גנבהנען די גרעניץ און אַרויסלאָזן זיך אין געפאַרפולע וועגן, כדי אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער באַוועגונג און די פאַרשידענע אָקופּאַציע־געביטן (ערשט אָנגעקומען קיין ווילנע און שוין זעען מיר אים אין אָקטאָבער 1939 אין פּינסק, אין די ענינים פון דער באַוועגונג), — דאָס איז אין יענער צייט געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן.

אין דער תקופה פאַרן נאַצישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד האָט ער געווידמעט אַ סך ענערגיע לטובת די חברים אין ווילנער ריכוז פאַר זייער עליה קיין ארץ־ישראל, סיי אויף לאַנגע וועגן — דורך יאַפּאַן, און סיי אויך אויף אַנדערע וועגן; ער האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען, דערפונדן המצאות, אויסגעאַרבעט פּלענער, איניצירט, אָרגאַנירט און זעלבסט אַדורכגעפירט. אַ סך פון די דאַמאָלסט־געראַטעוועטע זיינען געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק זיינע אָנשטרענגונגען. אָפט פלעגט אים אויסקומען צו לעזן שווערע פּראָבלעמען. אַזוי, למשל, איז דאָס אָננעמען סאָוויעטישע בירגערשאַפט געווען אַ באַקוועמע און אָנציענדיקע זאַך, אָבער דאָס האָט פאַקטיש באַדייט אָפּזאָגן זיך פון עליה־מעגלעכקייטן קיין ארץ־ישראל, — און ער האָט עס געדאַרפט אויפקלערן די חברים און זיי דאָס אויפווייזן. אָדער: דער קיבוץ איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן און מען האָט געדאַרפט איינאָרדנען די חברים אין אַנדערע ערטער, — דערמיט האָט ער זיך פאַרנומען. אָדער: ליטע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, און די אידישע קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די חלוצישע פאַרם אין וואָלאָקאָמפּיע ביי ווילנע אין אַ מוסטער־קאָלכאָז פאַר די אַרומיקע פּויערים; צו דעם צוועק האָבן זיי אַריינגעשיקט עמיסאַרן, וועלכע האָבן געזאָלט באַווירקן די חלוצים און אָפּרייסן זיי פונעם ארץ־ישראל אידעאַל. דאַן איז מרדכי אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון החלוץ אין דער דיסקוסיע מיט זיי, וועלכע האָט געדויערט פיר טעג און נעכט, און זיין אַרויסטרעטונג איז געווען ניט קיין זעלבסט־פאַרטיידיקונג נאָר אַן אָנגריף פון אַ מאָנער פון רעכט פאַרן אידישן פאָלק צו אַ פרייַ לעבן אין זיין היימלאַנד. די חברים האָבן מיט מורא נאָכגעפאָלגט יענעם געראַנגל, אָבער וואָס פאַר־אַ באַפרייַדיקונג האָבן זיי געהאַט זעענדיק דערנאָך, אַז די קאָמוניסטן פאַרלאָזן די פאַרם, ווייל זיי האָבן זיך אָנטוישט פון דער מעגלעכקייט אַריבערצוציען די חלוצים אויף זייער זייט.

פּילפּאַך איז געשטיגן מרדכי׳ס אַקטיוויטעט און זאָרג, ווען ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן און עס איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ, אין וועלכן ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע פאַרניכטונגס־אַקציע. מען האָט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן חברים און אויסגעפינען פאַר זיי שוץ־ערטער, מען האָט געדאַרפט איינשטעלן און

אויפהאַלטן אַ קאָנטאַקט צווישן דעם געטאָ און דעם אַרישן טייל שטאָט — און מרדכי איז אין די אַלע ענינים געווען אַקטיוו טעטיק. גרופּעס חברים זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ביאַליסטאָק און ער פלעגט באַגלייטן יעדע גרופּע — פון אַלע באַוועגונגען (דערביי האָט גאָר אַסך מיטגעהאָלפן דער דייטשער פעלדפעבל אַנטאָן שמידט, זע פּרטים אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן טעמע שניידערמאַן). אין ווילנע און שפּעטער אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַ פּאַספּאָרט פון אַ קאַראַימער, — דערפון זיין נאָמען יאָסיף טאַמאַראָף (לויטן נאָמען פון זיין חברטע טעמע אָדער זיין שוועסטער תמר).

אין אָנהויב 1942, ווען ער איז געווען אין ביאַליסטאָק, האָט ער אויף אַ זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג מיט דער באַטייליקונג פון די אָרטיקע פּאַרטיי־פירער פאָר־געלייגט אַ געניע און באַאַרבעטן פּלאַן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, אויב די נאַציס וועלן אָנהויבן די פאַרניכטונגס־אַקציע. זיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן און די חברים זיינען צוגעטרעטן צו די פּאַרבאַרייטונגען (זאַמלונג פון געווער א.אַ.וו.). ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דערדאָזיקער אַרבעט. אין זיין בריוו פון 31־טן מערץ 1942 צום פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין זשענעוו האָט ער געשריבן: „טבח (שלאַכט), וועלכער באַשעפטיקט זייער מיין פאַמיליע, פאַרשאַפט מיר אַ סך זאָרג. ווי דו ווייסט, האָב איך געענדערט מיין וואוינאָרט און איך האָב פאַרלאָזט גאונען (גאון־ווילנע). איך וואוין איצטער צוזאַמען מיט שארית (לעצטע פאַרבליבענע) אין ביאַליסטאָק און האָב דיזעלבע פרנסות, וואָס יצחק (צוקערמאַן) אין וואַרשע". אָנהויב 1942 קומט מרדכי קיין וואַרשע מיט דער דעלעגאַציע (זע זייטן 129—130), וועלכע האָט געבראַכט די וואָרנונג וועגן די נאַצישע מערדערייען. מען האָט אים דאָרט פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן די ליטונג פונם אינגערן אַקטיוו. מען האָט דאַן אויך אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן די וועכנטלעכע „ידיעות". ער האָט געשריבן די מערסטע לייט־אַרטיקלען און די טאָג־נאָטיצן. אַ געוויסע צייט האָט מען די צייטונג געדרוקט אין דער ענגער דירה פון זיין מוטער אויף לעשנע־גאַס 27. ער איז שפּעטער בייגעווען דעם גרויסן גירוש אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער 1942; דאַן איז אויך געחתמעט געוואָרן דער גורל פון זיין מוטער, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. טראָץ דעם ברענענדיקן שמערץ צוליב דעם אומגליק, האָט ער פיבערהאַפט פאָרגעזעצט אין יענע טעג די אונטערערד־אַרבעט. בעיקר זיך פאַרנומען דאַן מיט צוגרייטן פּילע טויזנטער געפעלשטע דייטשע קאַרטן, וועלכע באַפרייען פון גירוש. ער איז אין יענער צייט אויך אַרויסגעפאָרן קיין קראָקע מיטהעלפן אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע אַרויסטרעט־טונג. ער איז באַלד צוריקגעקומען קיין וואַרשע און פאַרהאַנדלט אין נאָמען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט די פאַרשטייער פון דער ציווילער און מיליטערישער מאַכט פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן (זע ווייטער און אויך באַמער־קונג 14, זייט 40, אין דער הקדמה), וועגן באַקומען וואָפן. אָנהויב נאָוועמבער 1942 איז ער ווידער געקומען קיין ביאַליסטאָק און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אינדערשפּיץ פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

אַנגעלערנט פון דער דערפאַרונג פונם דורכפאַל בעת די ערשטע קאַמפן, דעם 5־טן פעברואַר 1943, האָבן אַלע געזוכט אַ וועג צו פאַראייניקן אַלע קאַמף־גרופעס אונטער אַן אייניקייטלעכער קאָמאַנדירונג. ענדלעך איז געשאַפן געוואָרן דער „אַנטי־פאַשיסטישער קאַמף־בלאָק", און מרדכי, צוזאַמען מיט דניאל מ אַ ש ק אָ ו י ט ש, פון די קאָמוניסטן, זיינען געוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצערס. מרדכי, וועלכער איז זעלבסט געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַנגרעניצדיקער העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט האָט אין דעמדאָזיקן גייסט באַווירקט די קעמפער. פונדאַנען האָט זיך גענומען זייער העלדנ־מוט, וואָס האָט דערמעגלעכט זיי, די פאָר הונדערט קעמפער, מיט אָרימער באַוואָפענונג, צו פירן אַ קאַמף קעגן איבער דריי טויזנט דייטשע סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט דער מאָדערנסטער אַמוניציע (בשעת די קאַמפן, דעם 17־טן אויגוסט 1943, האָבן זיי באַנוצט אויך טאַנקען און אַעראָפּלאַנען) און אויסצוהאַלטן אַ חודש פון אומאויפהערלעכע קאַמפן; און ער, מרדכי טענענבוים, איז געווען זייער קאָמאַנדיר אין נאָמען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ווי מען זעט פון זיין לעצטן בריוו צו זיין שוועסטער אין ארץ־ישראל, האָט ער קלאָר געוואוסט וואָס עס דערוואַרט אים אָבער ער האָט גאָר נישט געטראַכט וועגן זיך ראַטעווען. ער האָט ביזן לעצטן מאָמענט דערפילט זיין שליחות מיט ווירדע און טרייהייט, ווי עס ווערט דערציילט אין אַלע באַריכטן וועגן ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד. די פערזענלעכע אומגליקן, צווערשט די דערמאָרדונג פון זיין מוטער און שפעטער די דערמאָרדונג פון זיין אים אַזוי נאָענטער טעמע האָבן נישט געבראָכן זיין שטאָלענעם כאַראַקטער, הגם זיינע ליידן זיינען געווען אומבאַ־שרייבלעך גרויס. ווען עס איז שוין פאַרשוואונדן יעדע האָפנונג און ס'איז שוין נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צום פאַרטיידיקונגס־און ווידערשטאַנד־קאַמף, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוזאַמען מיט זיין קאָמאַנדירונגס־חבר דניאל מ אָ ש ק אָ־ו י ט ש. (זיין חברטע ט ע מ ע ש נ י י ד ע ר מ אַ ן איז געפאַלן אין די ערשטע וואַר־שעווער געטאָ־קאַמפן, אין יאַנואַר 1943, — זע לפ"ג).

*

אינם זאַמלבוך „די אונטערערדישע באַוועגונג אין די געטאָס און אין די לאַגערן", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער צענטראַלער אידישער היסטאָ־רישער קאָמיסיע אין פוילן (אויף פויליש, 1946), זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דריי דאָקומענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט מרדכי טענענבוים. די דאָקומענטן זיינען אויסבאַהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאָליאַק — לויט זיין ווילן בלייבט דער נאָמען אין געהיים — וועלכער האָט זיי נאָך דער מלחמה איבערגעגעבן דער „דרור"־באַוועגונג. דאָס זיינען: מרדכי טענעבוימס בריוו צום פוילישן אונטערערד אין ביאַליסטאָקער קרייז — פון 2־טן אַפּריל 1943; אַ פּראָטאָקאָל פון אַ פאַרזאַמלונג פונם קיבוץ אין ביאַליסטאָק מיט די אַקטיווע חברים פון דער אָרטיקער „דרור"־באַוועגונג — פון 27־טן פעברואַר 1943, און זיין בריוו צו זיין שוועסטער אין ארץ־ישראל — אויך פון סוף

פעברואַר (?) 1943 (דער בריוו צו דער שוועסטער ווערט אויך געדרוקט אין „ייוואָ־בלע־טער", זומער 1946 און אינם ווייטער דערמאָנטן ביכל „דפים מן הדליקה". איןביידע ערטער ווערט דער דאַטום פונם בריוו צו דער שוועסטער אָנגעגעבן — סוף יולי 1943).

דער בריוו צו די מאַכט־אָרגאַנען פון פוילישן אונטערערד איז אַ פאָדערונג פון געווער, — אַ תשובה אויף זייער טענה, אַז זיי האָבן זעלבסט נישט קיין סך געווער. דער בריוו ווערט פאַרענדיקט מיט די פאָלגענדע ווערטער „הערן! דער מאָמענט איז נישט פאַסיק פאַר פאָליטישע „דינגעניש". מיר ווענדן זיך צו אייך, פאָרשטייער פון פרייען פוילן, אַלס בירגער פון דער מלוכה. צוויי הונדערט גראַנאַטן, אַ פּאָר צענדליק רעוואָלווערן וועלן נישט האָבן קיין אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אינם טאָג פון פוילנס באַפרייאונג, אָבער זיי קענען יאָ האָבן אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אינם גורל פון לעצטן טאָג פונם צוויי־גרעסטן געטאָ אין פוילן... מיר דערוואַרטן אייער אַנטשלוס און האָפן, אַז אין לעצטן מאָמענט וועט איר געדענקען וועגן אייער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר גאָט און פאַר דער געשיכטע". זיי האָבן דאָס געווער נישט באַקומען.

דער צווייטער דאָקומענט איז אַן אויספירלעכער פּראָטאָקאָל פון אַ טיף־דורכ־דרינגלעכן באַהאַנדלען די פראַגע פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און זיינע רעזולטאַטן, וואָס ברענגט צום אויסדרוק די איינהייטלעכע מיינונג פון די חברים וועגן דער פראַגע.

אינם בריוו צו דער שוועסטער שילדערט טענענבוים די פאַרניכטונג פון די אידן אין פוילן און ער באַשרייבט ווי זיין מוטער און אַנדערע קרובים. זיינען אומגע־קומען. ער דערציילט אויך וועגן דער שטאַרקער אונטערערדישער אַקטיוויטעט פון זיין חברטע טעמע שניידערמאַן (לפ"ג) און וועגן איר דערמאָרדונג. דעם לאַנגן בריוו פאַרענדיקט ער מיט די ווערטער: „ווען מיר וואָלט שטאַרק געוועזן גיין אין דעם — פאַרן פרייז פון מיין ערע, געגן ווילן — וואָלטן מיר זיך נאָך געזען. אָבער איך וויל נישט. מען דאַרף נישט. נאַפּלעוואַט! (אַ שפּיי צו טאָן). און דו ווערסט דאָך נישט וויינען? דאָס העלפט גאָרנישט. איך ווייס דאָס פון דערפאַרונג. איז נאָך איינער: די מאַמע, וואַנדע (טעמע) און איך".

*

אין אַ ביאַליסטאָקער בונקער האָט מען שפּעטער געפונען נאָך מאַנוסקריפּטן זיינע. אַ טאָג־בוך פונם 13־טן יאַנואַר ביז דעם 19־טן פעברואַר 1943 און אַ אויספיר־לעכן בריוו צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל. אינם טאָג־בוך אין פאַראַן אַ גענויע שילדערונג פון דער „אַקציע" אין ביאַליסטאָק צווישן 15־טן און 12־טן פעברואַר 1943. די אַלע דאָקומענטן זיינען דערשינען (מיט אַ פאָרוואָרט פון יצחק צוקערמאַן) סוף 1947 אינם ביכל „דפים מן הדליקה", אינם פאַרלאַג פון הקיבוץ המאוחד. אין דעם ביכל זיינען אויך אַריין אַ ריי לייט־אַרטיקלען, וועלכע מרדכי האָט געשריבן אין וואַרשע, יוני־יולי 1942, אין דער אומלעגאַלער צייטונג „ידיעות".

*** טענענבוים שלאָמעק:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). בשעת די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל־מאַי 1943, האָט ער געקעמפט אין טעבענס־שולץ־געביט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. עס איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען מער פּרטים וועגן אים.

טענצער יחיאל: אַ קאַלישער, אַ זון פון אָרימע עלטערן, שווער געהאָרעוועט פון דער יוגנט־אָן. גאָר־יונג־נאָך איז ער אַריינגע־טרעטן אין דער יוגנט־באַוועגונג פון פּועלי־ציון. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אַלס וועבער־אַרבע־טער און אָפט האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט צוליב זיין צו־שטאַרקער באַשעפטיקונג מיט ענינים פון דער באַוועגונג. אַ סך יאָרן איז ער געווען דער פאָרזיצער פונם אָרטיקן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון טעקסטיל־אַרבעטער, — איינער פון די ווייניקע פאַריינען אין פּוילן, וואָס צו זיי האָבן געהערט אידישע און פּוילישע אַרבעטער אינאיינעם. ער איז אויך געווען דער פאָרשטייער פון זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין די אינסטאַנצן פון דער אַלגעמיינער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג. דער לעבעדיקער גייסט פון



דער אָרטיקער פּאַרטיי לינקע פּועלי־ציון און פון איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אַ הויכער, שטאַרקער און געזונטער מאַן פלעגט ער מיט אַ פריינטלעך פּנים וואַרים אויפנעמען יעדן מענטש. ער איז געווען באַזונדערס אַקטיוו צווישן דער יוגנט, וואו ער האָט געפירט אַ דערציאונגס־און־בילדונגס־אַרבעט. צולעצט האָט ער געעפנט אַ קוילן־געשעפט, אָבער ער האָט זיך זייער געמאַטערט מיטן מפרנס זיין זיין משפחה, ווייל ער האָט דאָך זיין גאַנצע צייט געווידמעט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אָפט האָט געטראָפן, אַז ביי אָרימע קונים פלעגט ער נישט נעמען באַצאָלט. ער איז געווען קהילה־פּרנס און שטאָט־ראַטמאַן אין נאָמען פון זיין פּאַרטיי. זיין היים איז געווען דער טרעפפונקט פאַר אַלע שליחים פון דער באַוועגונג, דאָרט פלעגן אויך פאָרקומען זיצונגען א״ן באַראַטונגען. אויך זיין פרוי ביילע איז געווען אַן איבערגעגעבענע חברטע. אָבער נישט נאָר זייַנע פּאַרטיי־חברים פלעגן זיך ווענדן צו אים נאָך עצות און הילף, ער האָט אַוועקגעגעבן זיין צייט און געעפנט זיין האַרץ פאַר יעדן באַדערפטיקן. ער איז אויך געווען פאָרזיצער פונם קוראַטאָריום פון דער באָראָכאָוו־שול און אַקטיוו אין נאָך פאַרשידענע אינסטיטוציעס אין זיין שטאָט.

בעת דער מלחמה, ווען דער קאַלישער קרייז איז איינגעגלידערט געוואָרן אין „רייך" און עס זייַנען פון אים אַרויסגעשיקט געוואָרן די אידן, איז טענצער אויף אַ

געוויסע צייט אַריבער קיין ריישע אין מערב־גאַליציע. פון דאָרטן איז ער געקומען קיין וואַרשע און באַלד געוואָרן טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַ־וועגונג. אַ שטיקל צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ מעטאַל־אונטערנעמונג אין די טעבענס־וואַרשטאַטן. אויך ווען ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָווע, האָט ער דאָרט נישט איבערגעריסן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און האָט אָנטיילגענומען אין דער לאַגער־גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין פּאָניאַטאָווע איז ער דערמאָרדעט געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דער־מאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנ־שאַפטלער און קינסטלער.

*** טראַקס לייב:** געבוירן אין מאָגעלניץ, וואַרשעווער געגנט, אין 1920. דער פאָטער, אַ גאַרבער, איז געווען אַ מזרחיסט און זיך באַמיט געבן זיין אינגל אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג. לייב איז תחילת געגאַנגען אין חדר, אָבער ווען אין שטעטל איז געגרינדעט געוואָרן די „יבנה״־שול, איז ער געווען איינער פון אירע ערשטע שילער. די שול האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און ער האָט פאַרגעזעצט די לימודים אין דער פּוילישער פאָלקס־שול, וואו ער האָט געענדיקט 7 קלאַסן. שוין גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיטן פאָטער. דאַן איז ער אַריינגעטרעטן אין דער סקויטן־אָרגאַניזאַציע פון „פרייהייט״, און נאָך אַ קורצער צייט איז ער אַריבער אין „פרייהייט״ — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון (צ.ס.). אויך זיינע שוועס־טערן, די עלטערע, ח נ ה, און די אינגערע פ ע ר ל, זיינען געווען „פרייהייט״־מיטגלי־דערינס. לייב איז געווען זייער פאַראינטערעסירט אין געזעלשאַפטלעכע ענינים און האָט אַרויסגעוויזן אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און איבערגעגעבנקייט דער באַוועגונג. ער האָט זיך באַטייליקט אינם 7־וואָכן־סעמינאַר פון דער באַוועגונג אין זשעלאָכאָוועקע, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געוואָרן אַ קרייז־דערציער.

בעת דער מלחמה איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי און איז געווען דאָרטן אַ מיטגליד פון דער „דרור״־קאַמף־גרופּע, וועלכע איז שפּעטער אָנגעקומען קיין וואַרשע כדי צו באַטייליקן זיך אינם אויפשטאַנד. די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אים געשיקט צוזאַמען מיט נאָך חברים קיין קראָקע און ער האָט זיך באַטייליקט דעם 23־טן דעצעמבער 1942 אין דעם באַקאַנטן, געוואַגטן אָנפאַל אויף דייטשן אין קאַפעהייזער און אַנדערע ערטער, וועלכער האָט דערנאָך געקאָסט דאָס לעבן פון די מערסטע באַטייליקטע קעמפער. לייב איז על פּי נס ניצול געוואָרן און אומקערנדיק זיך קיין וואַרשע, האָט ער מיטגעבראַכט דעם רעוואָלווער פונם קאָמענ־דאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ל א ב אַ ן ־ ל י י ב אָ ו ו י ט ש (לפ״ג). קורץ נאָך זיין אומקער פון קראָקע האָט ער זיך באַטייליקט אין די געטאָ־קאַמפן דעם 18־21 יאַנואַר, אין וועלכע ער איז געפאַלן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

טשערניאַקאָוו אדם: דער אָנפירער פון דער וואַרשעווער קהלה, די גרעסטע אי־דישע קהלה אין אייראָפּע, אין אירע שווערסטע צייטן. ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר 1880. האָט פאַרענדיקט זיינע אוניווערזיטעט־לימודים אין דער כימיע־אָפּטיילונג פונם וואַרשעווער פּאָלי־טעכניקום און האָט זיך פאַרפולקאָמט אין דרעזדען אַלס אינדוסטריע־אינזשיניער. נאָך בעת דער צאַרי־שער הערשאַפט האָט ער אַקטיוו אָנטייל גענומען אינם „אוניווערזיטעט פאַר אַלע", אַ האַלב־לעגאַלער אַנ־שטאַלט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ערשטע טוער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן. זיין אידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַלס טוער פון די בעלי־מלאכות. אינם



באַריכט פון צענטראַלן פאַרבאַנד פון די אידישע בעלי־מלאכות אין וואַרשע, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערשיינט שוין זיין נאָמען אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. פון מאַי 1919 ביז יוני 1921 האָט ער געאַרבעט אינם מיניסטעריום פאַר עפנטלעכע אַרבעטן אין דער זעלבסטשטענדיק־געוואָרענער פּוילן. אין 1921 האָט אים „דזשאָינט" איינגעלאַדן צו ווערן דער לייטער פון דער אָפּטיי־לונג אויפצושטעלן די חרוב־געוואָרענע אידישע הייזער בעת דער מלחמה. דעמדאָזיקן אַמט האָט ער פאַרנומען עטלעכע יאָר און דערנאָך האָט ער געאַרבעט אין אַ האַלב־אָפיציעלער אינסטיטוציע פאַר אויסלענדישן האַנדל. במשך די אַלע יאָרן איז ער געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון די בעלי־מלאכות און האָט זיך באַמיט צו פאַראייניקן די פאַרשידענע צדדים אין איר, צווישן וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער אינער־לעכער קאַמף; אויף אַ געוויסער צייט איז טאַקי צושטאַנד־געקומען אַן אינערלעכע פאַראייניקונג. אָבער נאָכדעם ווי עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די „פאָלקיסטן"־גרופּע באַמיט זיך ווייטער אַדורכזועצן איר באַהערשונגס־ווילן, האָט ער זיך געשטעלט בראש פון דער אָפּאָזיציע און האָט זיך באַטייליקט אין איר אייגענער צייטשריפט „פרייע האַנט־ווערקער־שטימע". ער האָט אַ סך געשריבן וועגן פראַגן פון אידישן בעל־מלאכהשן לעבן, און אַ סך פון זיינע אַרטיקלען זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער צייטונג פון בעלי־מלאכות־פאַרבאַנד „האַנטווערקער צייטונג". אינם אַלמאַנאַך, וואָס עס איז דערשינען אין 1924 צום 10־יאָריקן יובילײ פון דער גרינדונג פון דער צענטראַ־לער אידישער בעלי־מלאכות־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן ערנסטן גרויסן אַרטיקל מיט אַ גאַנצן פּלאַן וועגן פאַך־דערציאונג און פאַך־שולן. ער איז געווען אַקטיוו אינם קאַמף געגן דעם „צעכן־געזעץ", וואָס די פּוילישע רעגירונג

האָט איינגעפירט אין 1927 און איז דערמיט אינדעראמתן אויסן געווען, — מיט דער הילף פון קאָמפּליצירטע און שווערע עקזאַמענס, — אַרויסצושטופּן דעם אידישן בעל־מלאכה פון זיינע פּאָזיציעס, וועלכע ער האָט זיך דעראָבערט אין פּוילן במשך הונדער־טער יאָרן (איין ביישפּיל, בעת אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט האָבן געמעגט נאָך זייערע עקזאַמענס אָנהויבן צו פּראַקטיצירן אומאָפּהענגיק פון זייער עלטער, האָט אַ שוסטער אָדער אַ סטאָלער אפילו צו די עקזאַמענס נישט געטאָרט צוטרעטן איידער ער איז אַלט געווען דרייסיק יאָר). קרוב דריי צענדליק יאָר איז טשערניאַקאָוו געווען איינער פון די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן צווישן די אָרגאַניזירטע אידישע בעלי־מלאכות אין פּוילן. יאָרן לאַנג איז ער אויך געווען אַ לערער אין די פאַך־שולן פון דער וואַרשעווער אידישער קהילה.

ער איז געווען אַ קאָמיטעט־מיטגליד פונם אינזשיניערן־פאַריין אין וואַרשע, וועלכער איז געווען אַ פעסטונג פון דער אַסימילאַציע (אינם סטאַטוט איז געווען אַ בפירושער פּונקט, אַז צווישן די ווענט פון פאַריין טאָר נישט געהערט ווערן קיין אַנדערע שפּראַך אַ חוץ פּויליש), אָבער ער האָט אויך קאַנדידירט בעת די וואַלן צום סיים און סענאַט אויף דער ליסטע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און דערנאָך — פונם אידישן נאַציאָנאַלן בלאָק. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער אידישער אַגענץ אין נאָמען פון די נישט־ציוניסטן. בעת די צוגאָב־וואַלן אין 1931 איז ער געוויילט געוואָרן אין סענאַט, אָבער סיי דער סענאַט און סיי דער סיים זיינען דאַן פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן נאָך איידער זיי זיינען זיך צונויפגעקומען צו דער ערשטער זיצונג. ער איז געווען אַ מיטגליד אין וואַרשעווער שטאָטראַט, ווי אַ פאַרטרעטער פון די בעלי־מלאכות. האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די פּוילישע רעגירונג פונאַנדערגעלאָזט די וואַרשעווער אידישע קהלה־פאַרוואַלטונג און נאָמינירט אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט מ א ו ר י צ י מ י י ז ע ל אינדערשפּיץ, ט ש ע ר נ י א ַ ק א ָ ו ו איז נאָ־מינירט געוואָרן אַלס וויצע־פּרעזידענט. אין סעפּטעמבער 1939, ווען מאָריצי מייזעל איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די מאַסן אַנטלאָפענע פון דער באַלאַגערטער וואַרשע, האָט טשערניאַקאָוו פאַרנומען זיין אָרט און איז געוואָרן דער פאַקטישער קהלה־פּאָרזיצער.

ווען וואַרשע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן, האָבן זיי אים באַשטימט תחילת אַלס „יודען עלטסטער" און דערנאָך אַלס „אָבערמאַן" פון „יודן־ראַט". אויף דעם פּאָסטן איז ער געשטאַנען אַן אויפהער כמעט גאַנצע דריי יאָר, ביז דעם שוידערלעכסטן קריטישן מאָמענט, ווען די האַק פון די מערדער האָט אָנגעהויבן פאַכען איבער די קעפּ פון מיליאָנען אידן. די געסטאַפּאָ האָט שטרענג נאָכגעקוקט און נאָכגעקאָנטראָלירט יעדן טריט און שריט זיינעם. פון עטלעכע זייטן האָט מען אים כסדר צוגעפּליסטערט, אַז ער זאָל זיך האַלטן מיט די דייטשן, אָבער ער האָט זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט דערפון. ער האָט קיינמאָל נישט געפירט קיין „פּערזענלעכע" פאַרהאַנדלונגען מיט דער געסטאַפּאָ, — דאָס איז אפשר געווען זיין גרעסטער פאַרדינסט. שוין אין דער

ערשטער תקופה פלעגט ער דערשיינען פאַר די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען ווי אַ אידישער פאָרשטייער, וועלכער איז נישט מוותר אויף זיין כבוד. אַזוי, למשל, איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז די געסטאַפּאָ־לייט האָבן פאַרלאַנגט, אַז ווען זיי קומען אַריין אויף אַ זיצונג, זאָלן די מיטגלידער פון „יודען־ראַט" אויפשטיין; דערויף האָט מען זיך באַמיט, אַז אין אַזעלכע פאַלן זאָלן די זיצונגען לכתחילה פאָרקומען שטייענדיקער־הייט... ער האָט זיך באַמיט אָפּצושרייען גזרות, גרינגער צו מאַכן. ער האָט מיט אַ סך טאַלאַנט אָרגאַניזירט דעם פאַרצווייגטן אַפּאַראַט פון דער אידישער קהלה, געווידמעט אַ סך זאָרג דער אויסברייטערונג פון דעם סאָציאַלן זעלבסטהילף־ווערק און האָט זיך אויך באַמיט אויפצוהאַלטן פעסטע פאַרבינדונגען מיט די אַנדערע גרויסע קהלות אין פוילן, כדי אויסצואַרבעטן אַן איינהייטלעכע און קאָאָרדינירטע שטעלונג.

ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ אין וואַרשע, וועלכער האָט איינגע־שפּאַרט צווישן זיינע מויערן אַ האַלב מיליאָן אידן, איז געלונגען טשערניאַקאָוון, מיט דער הילף פון פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, צו רעאָרגאַניזירן די טעטיקייט פונם יודען־ראַט. אין מאַי 1941 איז ער נאָמינירט געוואָרן דורך די דייטשן אַלס „הויפּט" פון אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע, דאָס הייסט, עס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן די העכסטע מאַכט אין געטאָ. דער יודען־ראַט האָט פּראָקלאַמירט אַלגעמיינע שבת־רו אין געטאָ. די דייטשן האָבן אין אָנהויב געמאַכט אַן אָנשטעל אַז „עס אַרט זיי נישט" ווי אַזוי די אידן רעגולירן זייער לעבן צווישן זיך, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט די געסטאַפּאָ אָנגעהויבן צווינגען די אידן, זיי זאָלן מחלל זיין שבת און יום־טוב. אויך יום־כיפּור האָבן די צוואַנגס־אַרבעטער געמוזט אַרבעטן אין די געטאָ־וואַרשטאַטן. ער האָט זיך זייער באַמיט צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון דער אידישערווירקלעכקייט, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג וועט קענען אויסהאַלטן ביז עס וועט אָנקומען דער מאָמענט פון באַפרייאונג. אָבער ווען דעם 22־טן יולי 1942 איז אים פאָרגעלייגט געוואָרן דער באַפעל אַרויסצושיקן די מאַסן אידן פונם וואַרשעווער געטאָ, האָט ער, דער מעסיקער, נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג ווי דעם שרעקלעכן סיגנאַל — זיין זעלבסטמאָרד. ער האָט קענטיק געהאָפט, אַז אָט דער אַלאַרם־סיגנאַל וועט אויפטרייסלען די וועלט, אָבער די ידיעה וועגן זיין זעלבסטמאָרד איז דערגאַנגען קיין אויסלאַנד ערשט נאָך אַ פּאָר וואָכן דורך אַ רויטער־טעלעגראַמע פון ציריך, — דעם 15־טן אויגוסט 1942. די טעלעגראַמע האָט אָנגעזאָגט, אַז טשערניאַקאָוו איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן באַשלאָסן אַריבערצופירן וויניקסטנס הונדערט טויזנט אידן פון וואַרשע און ער האָט געוואוסט כמעט זיכער, אַז מען וועט די אַרויסגעשיקטע אויסמאָרדן. מען האָט די ידיעה נישט גענומען ערנסט. קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס קען טאַקי אַזוינס געשען — אַז מען קען אויסמאָרדן הונדערט טויזנט אומשולדיקע מענטשן.

עס איז געווען דער גורל פון א ד ם ט ש ע ר נ י אַ ק אָ ו ו צו דערשיינען אין דער

געשיכטע פון אונטערגאַנג און חורבן פון פוילישן אידנטום אַלס איינע פון די צענטראַלע געשטאַלטן אין דער טראַגעדיע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אפילו אין דער אידישער מאַרטיראַלאָגיע.

*** יאַנקעלעוויטש אַדעק:** אַ מיטגליד פון אַ בונדישער קאַמף־גרופּע. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל־מאַי 1943, און עס איז אים געלונגען אַריבערצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. צוערשט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט די איבעריקע קעמפער אין וועלדל ביי לאָמיאַנקי, דערנאָך איז ער אַריין אין די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין די ווישקאָווער וועלדער. ער איז אַריבער אויף דער מזרח־זייט פון בוג (אויף זייט 187, באַמערקונג 3, ווערט דערציילט, אַז די לעצטפּאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער האָבן זיך אין די ווישקאָווער וועלדער איינגעטיילט אין פיר פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, וואָס צוויי פון זיי האָבן אָפּערירט אויף דער מזרח־זייט פון בוג און צוויי אויף דער מערב־זייט פון בוג). ער איז געפאַלן אין איינער פון די פּאַרטיזאַנישע־אַקציעס, אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן, וואָס איז פּאַרגעקומען אַ 6 קילאָמעטער פונם שטעטל בראָק (אין דער ליסטע פון די געפאַלענע, וועלכע איז אין נאָוועמבער 1943 אַריבערגעשיקט געוואָרן דורכן אונטערערד פון וואַרשע קיין לאָנדאָן איז זיין נאָמען פּאַרצייכנט אַ ד ע ק, אָבער אין די אויסגאַבן פון „בונד״, — אינם זאַמלבוך „געטאָ אין פלאַמען״ (ניו־יאָרק 1944) און אינם בוך פון י. ש. הערץ „די געשיכטע פון אַ יוגנט״ (ניו־יאָרק 1946) — איז בטעות אָנגעגעבן: י אַ נ ק ע ל ע װ י ט ש אַ ד ע ל אַ).



*** יאַקובאָוויטש שושנה:** געבוירן אין נאָווידוואָר ביי וואַרשע. אַ מיטגלידערין פון „פרייהייט־החלוץ־הצעיר״. בשעת דער מלחמה איז זי אַריבער קיין וואַרשע און האָט געאַרבעט און געלעבט אין דער טשערניאַקאָווער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּאַרם פון „החלוץ״. שפּעטער האָט זי זיך געפונען אינם קאָנצענטראַציע־פּונקט פון די „דרור״־חברים אויף מילע 34. זי איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״. בעת די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל־מאַי 1943, האָט זי געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ״ אונטער דער קאָמאַנדירונג פון זכריה אַ ר ט ש ט י י ן (לפ״ג). זי איז געווען צווישן די פּאַרבליבענע אין געטאָ־שטח אויף נאָכן 8־טן מאַי 1943, וועלכע האָבן פּאַרגעזעצט די קאַמפן, און דאָרטן איז זי געפאַלן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** יאַשינסקי לייב:** געבוירן אין וואַרשע. אַן איבערגעגעבענער חבר פון „פרייהייט־החלוץ־הצעיר"; פון די געטרייסטע אין דער מלחמה־צייט. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך געפונען אין דער „החלוץ"־פאַרם אין טשערניאַקאָוו און דערנאָך — אינם חלוצישן קיבוץ אויף מילע־גאַס. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ „דרור"־קאַמף־גרופּע. אינם טאָגבוך פונם קעמפער שמחה ראַטהייזער (קאַזשיק) ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אין דער קאַמף־גרופּע פון חנוך גוטמאַן, וועלכע האָט אינם ערשטן טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד זיך באַטייליקט אינם קאַמף אין בערשטער־געביט. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט פון 3־טן מאַי אַרום בונקער פון די באַזאָרגונגס־מאַגאַזינען אויף פראַנצישקאַנער גאַס 30 (זע זייטן 295 און 296 באַמ. 1 און 2). ער איז געווען צווישן די 60 קעמפער, וועלכע זיינען אין דער נאַכט פונם 8־טן צום 9־טן מאַי 1943 אַריין אין די קאַנאַליזאַציע רערן, פונם בונקער אויף פראַנצישקאַנער־גאַס 22. ער איז געווען צווישן יענע קעמפער, וועלכע זיינען געפאַלן ביים פּרווו אַרויסצוגיין דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט, דעם 10־טן מאַי 1943; ער איז דאַן אַלט געווען 23 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (צווישן די געפאַלענע איז אויך געווען זיין ברודער חיים ליבערט).

יוכטמאַן יחיאל: אַ וואַרשעווער, פון די אַקטיווסטע חברים אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי־ציון. פון דער יוגנט אָן האָט ער אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט. אַ סך יאָרן איז ער געווען קאָמיטעט־מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. זיין הויפּט־ענערגיע האָט ער געווידמעט דעם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַריין. ער איז געשטאַנען בראש פון דער גאַלאַנטעריי־סעקציע פון איר גרינדונג אָן, און איז אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער צענטראַלע פון דעם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַרבאַנד. מיט זיין אַקטיוויטעט און איבערגעגעבנקייט האָט ער דערוואָרבן דעם צוטרוי פון אַ סך אידישע האַנדלסאָנגעשטעלטע אין וואַרשע.

בילד פון 1935

בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער געווען טעטיק אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, באַזונדערס אין דער אָרגאַניזירונג פון די הויז־קאָמיטעטן און פאָלקסקיכן. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן — פון 24־טן מאַי 1944 — צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, געפינט זיך זיין נאָמען אין דער ליסטע פון די געפאַלענע, וועלכע זיינען געווען טעטיק ביז דער לעצטער מינוט. 45 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען.

*** יושקעוויטש אפרים:** אַ שניידער, אַ טוער אין דער יוגנט־סעקציע פון נאָדל־פאַריין. ער איז געווען אַ מיטגליד פון די בונדישע שוץ־גרופּעס „צוקונפט־שטורם”. אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד”. אין די געטאָ־שלאַכטן האָט ער זיך באַטייליקט אין וועלוול ראָזאָווסקיס (לפ״ג) קאַמף־אָפּטיילונג אינם טעבענס־שולץ־געביט. ער איז געווען צווישן די 40, וואָס עס איז זיי געלונגען אַרויסצוקומען דעם 29־טן אַפּריל דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון די לעצטפאַרבליבענע געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן ווייטער געקעמפט אין ווישקאָווער געביט. ער איז געפאַלן בשעת אַן אָנפאַל־אַקציע פון זיין גרופּע, ביי 15־16 קילאָמעטער פון מינסק־מאַזאָוויעצק. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

כהן מנחם: אַ רייכער סוחר וועלכער איז אין דער מלחמה־צייט אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ קיין וואַרשע. ער איז געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף. אַ סימפּאַטיקער פון ציוניזם. ער האָט אַרויסגעוויזן שטאַרקע איבערגעגעבנקייט אין דער אונטערערדישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איז געווען צווישן ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו מ ס (לפ״ג) אַקטיווע מיטהעלפער ביי דער שאַפונג פונם אונטערערדישן אידישן אַרכיוו און אַ גאַר טעטיקער מיטגליד פון זיין אונ־טערערדישער לייטונג. אין דער לעצטער תקופה פון דער עקזיסטענץ פונם געטאָ, האַרט פאַרן באַוואָפנטן אויפשטאַנד, האָט ער געמאַכט אַ סך באַמיאונגען אַרויסצוראַטעווען די קולטור־טוער און זיי אַריבערפירן אויף דער אַרישער זייט וואַרשע. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד, אין עלטער פון 50 יאָר.

*** כץ יעקב (יאַנקל):** געבוירן אין מאָגעלניץ, וואַרשעווער געגנט, אין 1917 קליינערהייט געוואָרן אַ יתום און געלעבט אין דחקות. יונג אַריינגעטרעטן אין דער „פרייהייט”־אָרגאַניזאַציע און געווען אַ געטרייער און איבערגעגעבענער חבר. אין 1935 איז ער אַרויס אויף הכשרה קיין דאָמבראָווע־גורניטשע — אין דער פלוגה פון בענדינער קיבוץ; דאָרט האָט ער געלערנט שוסטעריי. די באַדינגונגען פון קיבוץ האָבן אים דערמעגלעכט צו פאַרפולקאָמען די ידיעות, וועלכע ער האָט נישט געקענט באַקומען אין זיין קינדהייט, ווי אויך צו דערלערנען העברעאיש. אין קיבוץ האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס אַחריות און עס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן אַ ווירטשאַפטלעכע פונקציע. אין 1937 האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ האַלבן לערנחודש אין בענדין און אין „פרייהייט”־סעמינאַר. דערנאָך איז ער געווען אַקטיוו אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע־גורניטשע. אַ האַלב יאָר פאַר דער מלחמה איז ער באַשטעטיקט געוואָרן צו עליה, ער האָט אָבער באַשלאָסן — צוזאַמען מיט

אַ גרופּע עליה־באַשטעטיקטע חברים — צו פֿאַרבלייבן אַ געוויסע צייט אין דאָמבראָווע, כדי צו פֿאַרדינען אויף רייזע־הוצאות פֿאַר דער גאַנצער גרופּע און פֿאָרן צוזאַמען.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריבער קיין וואַרשע און זיך פֿאַרבונדן מיט דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע 34. ער האָט געאַרבעט אין דער באַזאָרגונגס־אָפּטיילונג פֿון „דזשאָינט״ און האָט אַ סך מיטגעהאָלפֿן די הכשרה־פּלוגות וואָס אַרום וואַרשע. אויך דידאַזיקע אַרבעט האָט ער אויסגעפֿירט מיט טרייהייט און איבערגע־געבנקייט. מיט זיין תּמידיקער גרייטקייט צו יעדן רוף פֿון דער באַוועגונג איז ער אריינגעטרעטן אין די קאַמף־גרופּעס פֿון „דרור״. סוף אויגוסט אָדער אָנהויב סעפּ־טעמבער 1942 איז ער אַוועק מיט די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פֿון „דרור״־קעמפּער אין די הרוביעשאָווער וועלדער און דאָרטן איז ער געפֿאַלן (זע זייט 142, באַמערקונג 27). זיין נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפּער.

כץ לייב: געבוירן אין לאָמזשע און געלערנט אין ווילנער אוניווער־זיטעט. אין די לערן־יאָרן איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פּועלי־ציון (צ.ס.) פּאַרטיי. אין איר איז ער געווען טעטיק צוערשט אין לאָמזשע, דערנאָך אין ווילנע און צום סוף אין וואַרשע. זייער איבערגעגעבן דער באַוועגונג, באַליבט און אָנגעזען ביי די חברים. באַשעפֿטיקנדיק זיך מיט אַדוואָקאַטור, איז ער בייגעשטאַנען יעדן חבר, וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט אין אַ נויט־פֿאַל און ער פֿלעגט געבן יורידישן הילף, נישט רעכענענדיק זיך צופֿיל מיט דער באַצאָלונג. ער פֿלעגט אַרויספֿאָרן אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי מיט פֿאָרטראַג־ציקלען אויף דער פּראָ־ווינץ; זיינע פֿאָרטראַגן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַ רייכן אינהאַלט און געזונטער לאָגיק. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער טאָג־צייטונג פֿון דער באַוועגונג „דאָס וואָרט״ און האָט הויפּטזאַכלעך געשריבן געגן דער שיקאַנירונגס־פּאָליטיק פֿון דער פּוילישער רעגירונג לגבי די אידן. ער פֿלעגט זיין דער פֿאַרטיידיקער פֿון אידישע אַרבעטער אין פּאָליטישע פּראָצעסן און אויך אין פּראָצעסן פֿון אידן, וועלכע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד בשעת אַנטיסעמיטישע אָנפֿאַלן. ער איז געווען דער יוריס־קאָנסול פֿון די אינסטיטוציעס און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען פֿון דער פּועלי ציון (צ.ס.) באַוועגונג אין וואַרשע און אין דערדאָזיקער טעטיקייט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איבערגעגעבנקייט און קענטניש.

בעת דער מלחמה איז ער אַריבער אין סאָוועטישן געביט, קיין לאָמזשע, אָבער אין פֿרילינג 1940 האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, און זיין דירה אויף לעשנע־גאַס איז אַ לאַנגע צייט געווען דער טרעף־פּונקט פֿון די אונטערערדישע פּאַרטיי־טוער. ער איז געווען דער לייטער פֿון אונטערערדישן „שול־קולט״, וועלכער האָט געשאַפֿן געהיימע שולן אויף געשנע 11, גענשע 12, און צוזאַמען מיטן החלוץ — אויך אַ מיטל־

שול אויף דזשעלנע 34. אין 1942 האָט ער נאָך אויפגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די שליחים פון דער באַוועגונג אין אַ נייטראַלער מדינה. אין געטאָ האָט ער אַ שטיקל צייט געאַרבעט אין דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון „צענטאָס". ער איז געווען אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג פון די קהלה־באַאַמטע אין געטאָ. נאָך דער דערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד — אַפּריל־מאַי 1943 — איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעל־שאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

כּאַלאַדענקאַ דוד: געשטאַמט פון אוקראַינע. אין 1905 איז ער שוין געווען אַקטיוו אין „איסקראַ"־קרייזן, ער האָט זיך באַזונדערס באַשעפטיקט מיט אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. געזעסן אין צאַרישע תפיסות. אין 1908 האָט ער זיך באַזעצט אין לאָדזש, און אין 1914, זיצנדיק אין תפיסה, איז ער אַריין אין „בונד". בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער צוריקגעפאָרן קיין קיעוו, אָבער באַלד נאָך איר פאַרענדיקונג האָט ער זיך אומגעקערט קיין לאָדזש. ער איז געווען פּרעזידיום־מיטגליד אויף דער בונדישער קאָנפערענץ אין קראָקע אין יאָר 1920. אַ סך יאָרן איז ער געווען פאָרזיצער פון דער „קולטור־ליגע" אין לאָדזש. די לעצטע יאָרן איז ער נישט געווען פּאָליטיש טעטיק. ער איז געווען אַ האַנדלס־פאַרטרעטער און דערנאָך זעלבסט אַן אייגנטימער פון אַ טעקסטיל־פירמע, אָבער אויך דאַן האָט ער נישט איבערגעריסן די באַציאונגען מיט זיין פּאַרטיי.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַריבער קיין וואַרשע. ער האָט אָנטייל־גענומען אין דער שאַפונג פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען אין דער אַרבעט פונם אונטער־ערדישן אידישן אַרכיוו, אונטער דער לייטונג פון ד"ר רינגעלבלום (לפ"ג). זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַלס איינער פון די טרייע מיטהעלפער. ער איז געווען אַן אַרבעטס־לייטער אין די ברעשטער־וואַר־שטאַטן און אין יאַנואַר 1943 איז ער דערמאָרדעט געוואָרן אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, — ער איז דאַן אַלט געווען ביי 58 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

* **כמיעלניצקי נחום:** געבוירן אין וואַרשע. אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל. געלערנט אין אַ ציש"אָ־פאָלקסשול אויף קאַרמעליצקע־גאַס, דערנאָך אין אַ פּוילישער מיטלשול און שפּעטער אין וואַוועלבערגס טעכניקום. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינם קאַמף פון די אידישע סטודענטן געגן דער איינפירונג פון די געטאָ־בענק אין די פּוילישע אוניווערזיטעטן.

ער האָט זיך באַטייליקט אין שטרייקן און אין וואַך־פּאָסטנס און עס האָט אים געדראָט אויסגעשלאָסן צו ווערן פון טעכניקום. ער איז געווען אַן ערנסטער בחור און באַזונדערס פעאיק אין מאַטעמאַטיק. אַ געטרייער חבר פונם וואַרשעווער בונדישן אַקדעמישן קרייז „רינגען". אַ מיטגליד פון דער בונדישער קאַמף־גרופּע. ער איז געפאַלן ביי די ערשטע צוזאַמענשטויסן, אין יאַנואַר 1943, אַלט זייענדיק בערך 26 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **כשאַנאָוויטש יצחק:** געבוירן אין טשעכאָטשינעק אין אַ האַרעפּאַשנער פאַמיליע, וועלכע האָט געלעבט אין אַ כסדרדיקן, שווערן עקזיסטענץ־קאַמף. דער פאָטער איז געווען אַ שוסטער און אויסערדעם שול־שמש. יצחק איז געווען אַקטיוו אין דער אָרטיקער „פרייהייט" — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פועלי־ציון (צ.ס.) און אַ מיטגליד אין „החלוץ". פאַר דער מלחמה איז ער געווען אין קיבוץ־הכשרה אין לאָדזש.

בעת דער מלחמה האָט ער צוזאַמען מיט נאָך חברים זייער אַ סך אַרומגעוואַגלט איבער די וועגן און צום סוף אָנגעקומען קיין וואַרשע. ער איז געשיקט געוואָרן אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּלוגה פון „החלוץ" אין סטערדין ביי סאָקאָלאָוו, און נאָך איר ליקווידירונג האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און אַקטיוו זיך באַטייליקט אינם אונטערערדישן לעבן פון דער באַוועגונג. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור" און האָט געקעמפט בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד אינם טעבענס־שולץ געביט אונטער דער אָנפירונג פון ב נ י מ י ן ו ו א ל ד (לפ״ג). ער איז געפאַלן בשעת דעם פרווו אַרויסצוראַטעווען זיך דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער איז דאַן אַלט געווען ביי 20 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **לאָווענדער יפה:** געבוירן אין פּיאַסעטשנע, ביי וואַרשע. אַ חברטע פון „פרייהייט", באַזונדערס אַקטיוו אין דער באַוועגונג נאָך דער פאַראייניקונג פון „פרייהייט" מיט „החלוץ הצעיר".

בשעת דער מלחמה, נאָכן גירוש פון די פּיאַסעטשנער אידן, איז זי אָנגעקומען קיין וואַרשע און אַריין אין דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע־גאַס 34. זי איז געווען אַ שטאַרק, רואיק און באַשיידן מיידל, פאַראַנטוואָרטלעך און גרייט צו נעמען אויף זיך פאַרפליכטונגען. אויסגעפילט די איר אָנפאַרטרויטע אויפגאַבן מיט גרויס איבער־געגעבנקייט. ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז זי באַלד אַריינגעטרעטן אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור", וועלכער זי איז געווען טריי מיטן גאַנצן האַרצן. בשעת די געטאָ־שלאַכטן פון יאַנואַר 1943, איז זי געווען טיפוס־קראַנק און געלעגן אין שפּיטאָל. פון־דאָרטן האָט מען זי אַרויסגעשיקט צו דער פאַרניכטונג. איר

נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אינם געטאָ־אויפשטאַנד (אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך איר חבר: ביגעלמאַן מנחם).

לאופער שלמה: געבוירן אין שטעטעלע באַצק. אין דער יוגנט געאַרבעט אין דער אַרטיקער מאַשינען־פאַבריק אַלס שלאָסער, שפּעטער אין וואַרשע אַלס טעקסטיל־אַרבעטער. אַריינגעטרעטנ־דיק אין דער יוגנט־באַוועגונג פון די לינקע פּועלי־ציון, האָט ער זיך גאָר גיך אויסגעצייכנט אַלס איינער פון אירע געטרייסטע און אַקטיווסטע חברים אין דער גאַנצער סביבה. אַ גוטער רעדנער, באַקאַנט מיט די פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג, פלעגט ער אָפט רעפערירן אין די אַרומיקע שטעטלעך. נאָך זיין אַריבערפאָרן קיין וואַרשע האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אין דער וואַרשעווער „יוגנט" אָרגאַניזאַציע, בעיקר אויפן קולטורעל־דערציערישן געביט. אין 1935 איז ער געוויילט געוואָרן אין

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באַוועגונג און זיך אָפט באַטייליקט אין איר חודש־זשורנאַל „פרייע יוגנט". ער פלעגט אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט באַזוכן די פּראָווינץ אַלס אינסטרוקטאָר און רעדנער אויף פאַרזאַמלונגען.

אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן פון 24־טן מאַי 1944 — צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אין דער ליסטע פון חברים, וועלכע זיינען געווען טריי ביזן לעצטן מאָמענט און זיינען געפאַלן אין קאַמף געגן שונא.

לאופער שמאי: פון קאָוולער געגנט איז ער געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט געלערנט אין אוניווערזיטעט פילאָזאָפיע און באַקומען דעם מאַגיסטער־דיפּלאָם. ממש פון קינדוויז אָן איז ער געווען אין דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־באַוועגונג און איז איר געבליבן טריי ביז זיין לעצטן מאָמענט. אין וואַרשע איז ער באַלד געוואָרן אַקטיוו אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד און האָט אויך געווידמעט אַ סך ענערגיע דער קולטור־אַרבעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. אין דער לעצטער צייט פאַר דער מלחמה איז ער אַ סך אַרומגעפאָרן, אין שליחות פון צענטראַל־קאָמיטעט, אויף רעפעראַטן אין דער פּראָווינץ. ער איז געווען אַ גוטער און פּאָפּולערער רעדנער, פלעגטריידן מיט ברען, מיט פּאַלעמישער שאַרפקייט און מיט איבערצייגונגס־קראַפט. ער פלעגט אויך אַרויסטרעטן אויף געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען מיט פּוילישע אַרבעטער. ער איז געווען אַ קאָמיטעט־מיטגליד פון דער וואַרשעווער

פועלי־ציון (צ.ס.)־אָרגאַניזאַציע; האָט מיטגעאַרבעט אין „דאָס וואָרט", די וואַרשעווער טאָג־צייטונג פון דער באַוועגונג פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל, אַלס איבערזעצער פון דער פוילישער פרעסע. ער איז געווען זייער אַקטיוו אינם קאַמף געגן די „געטאָ־בענק" אין די אוניווערזיטעטן, די באַוועגונג האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפנונגען.

בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער אונטערערדישער אַרבעט. ער האָט נישט געלאָזט פאַרלאָשן ווערן דעם פייער פון דער באַוועגונג; אָפּגעהיט איר קאַמף־גייסט, — זייענדיק אויך אין דער אונטערערד־תקופה אַן אַקטיווער מיטגליד פון וואַרשעווער פאַרטיי־קאָמיטעט. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער פוילישער אויסגאַבע פון דער פאַרטיי „נאָווע טאָרי". ער איז דערמאָרדעט געוואָרן בשעת דעם גרויסן גירוש, יולי־סעפּטעמבער 1942. אינם בריוו פון דער פוילישער פאַרטיי, פון 15־טן נאָוועמבער 1945, צום איחוד־עולמי פועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות, געפינט זיך זיין נאָמען אין דער ליסטע פון די אַקטיווע טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף געגן שונא. ער איז דאַן אַלט געווען 27 יאָר.

לאַנדוי וולאַדיסלאַוו: אַן עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער. פון די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרישע קרייזן, ווייט פון אידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן. ער איז געווען אַ מיט־דירעקטאָר פון „באַנק זאַכאָדני" (מערב־באַנק) אין וואַרשע. פלעגט אויך שרייבן אין דער צייטשריפט פון די פוילישע אינדוסטריעלער. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פוילן באַריכטעט דעם 24־טן מאַי 1944 וועגן זיין דערמאָרדונג אין פרילינג 1944, מיט זיין פרוי און טאָכטער (זע זייט 191), צוליב אַ מסירה פון אויספּרעסער אויף דער אַרישער זייט וואַרשע. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

*** לאַנדוי מרגלית:** געבוירן אין וואַרשע. איר פאָטער, אַלעקסאַנדער לייב, אַן אָמאָליקער חבר פון דער עסטרייכישער פועלי־ציון באַוועגונג, איז אין די וואַרשעווער יאָרן געווען אַ מיט־אייגנטימער פון אַ פאַבריק פאַר האָלץ־אויסאַרבעטונגען, אין וועלכער עס האָבן פאַר דער מלחמה געאַרבעט חלוצים און אין דער מלחמה־צייט (ווען די פאַבריק איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די דייטשן און אַלעקסאַנדער לייב לאַנדוי איז פאַרבליבן איר לייטער), האָט זי געדינט אַלס פאַרבינ־דונגס־פּונקט און אויך אַלס באַהעלטעניש פאַר אַ סך אידן (וועגן דעם פאָטער, — זע זייט 138, באַמערקונג 19, אינם קאַפּיטל — די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע). מרגלית איז געווען אַ חברטע אין „השומר הצעיר" גדוד „הגליל". בשעת די צוגרייטונגען צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, איז אונטער דער פאַבריק אויסגעבויט געוואָרן אַ בונקער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ שטאַב פון דער אונטערערד־באַוועגונג. אויך דער טעלעפאָן פון איר פאָטערס פאַבריק איז געווען אין זייער רשות, און דורך אים האָבן

זיי אויפגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע שטעט. אַ געוויסע צייט האָבן זיך דאָרט קאָנצענטרירט די קאַמף־גרופעס פון „השומר הצעיר״. די יונגע מרגלית איז געווען צווישן די מוטיקע קעמפערינס און זי האָט אָנטייל גענומען אין די שלאַכטן אַלס מיטגלידערין פון אַ קאַמף־גרופע פון „השומר הצעיר״. זי האָט מיטגעהאָלפן אליהו רוזשאַנסקין (לפ״ג) ביים אויספירן דעם טויט־אורטייל אויפן קאָמענדאַנט פון דער אידישער „אָרדנונגס־פּאָליציי״ יעקב לייקין. זי איז געפאַלן אין די ערשטע וואָרשעווער געטאָ־קאַמפן, אין יאַנואַר 1943, בעת דעם קאַמף אויף זאַמענהאָף־גאַס, ווינקל ניזקע, אין וועלכן עס האָט זיך אויך באַטייליקט מרדכי אַניעליעוויטש (פאַראַן אַ מיינונג, אַז מען האָט זי אַוועקגעפירט פונם קאַמף־אָרט אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ״ און דאָרטן דערמאָרדעט). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. 17 יאָר איז זי אַלט געווען, ווען זי איז געפאַלן אין קאַמף (אירע עלטערן, דער פאָטער אַלעקסאַנדער לייב און די מוטער אסתר בראָניסלאַוואַ, און דער אינגערער ברודער ישראל, זיינען ביז מערץ 1944 געווען אין וויטעל, דאַן האָט מען זיי אַרויסגעשיקט, וויזט אויס, קיין אָשוויענטשים).

*** ליבעסקינד אהרן (דאָלעק):** געבוירן אין אַ דאָרף אין קראָקעווער געגנט, אין יאָר 1912, אין אַ טראַדיציאָנעל אידיש הויז. זיין פאָטער האָט געהאַלטן אין אַרענדע ערד און איז געווען אַ תבואה־פּאַרמיטלער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער פאָטער צוריקגעקומען אַן אינוואַליד; די משפחה איז אַריבערגעפאָרן קיין קראָקע און זיך דורכגעלעבט אין דחקות פון דער מוטערס פאַרדינסטן אַלס שניידערין. אהרן איז געווען אַ בן יחיד און ער האָט געלערנט אין אַ פאָלקסשול און שפּעטער אין אַ מלוכהשער גימנאַזיע, אויסצייכענענדיק זיך אין די לימודים. צו 13 יאָר האָט ער שוין געלערנט אַנדערע און די לערער האָבן אים רעקאָמענדירט אַלס גוטן לערער; זיין פאַרדינסט איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ וויכטיקער טייל אינם משפחה־בודזשעט. שוין זייענדיק אַ שילער אין די העכערע קלאַסן, איז ער אַריינגעטרעטן אין דער „עקיבא״־באַוועגונג און ער איז באַלד בולט געוואָרן מיט זיין ציוניסטישער און אַלגעמיין־אידישער בילדונג און מיט זיין איבערגעגעבנקייט און התלהבות פאַר דער באַוועגונג. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט, איז ער געוואָרן אַ ראש־גדוד און דערנאָך — דער ראש קן אין קראָקע, וואו ס׳איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע „עקיבא״־אָרגאַניזאַציעס אין פוילן. נאָך דעם מאַטורע־עקזאַמען האָבן

בילד פון 1938

זיינע עלטער־ווערנדיקע עלטערן פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל פאַרזעצן די לימודים און קענען מפרנס זיין די משפחה, אָבער אים האָט עס געצויגן צו דער באַוועגונג, צו ארץ־ישראל. ער איז אַריין אין דער חלוצישער באַוועגונג און זיך געשטעלט אין איר דינסט. ער האָט משפיע געווען אויך אויף זיין שוועסטער מ ר י ם, זי זאָל אַריין אין קיבוץ־הכשרה. מיט דער דערלויבניש פון דער באַוועגונג האָט ער זיך פאַרשריבן אין אוניווערזיטעט, געלערנט און אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס (קיינער האָט נישט געוואוסט ווען האָט ער געהאַט צייט צוצוגרייטן זיך צו זיי, אָבער ווייזט אויס, אַז זיין וואונדערלעכער זכרון איז אים בייגעשטאַנען) און ער האָט באַקומען דעם מאַגיסטער־דיפּלאָם פון יורידישע וויסנשאַפטן. דערביי פלעגט ער אָפּהיטן די אידישע טראַדיציע און איז געווען צווישן די שטענדיקע דאַווענער אין דער קליינער שול אין זוויעזשיניע־צער קוואַרטאַל פון קראָקע. די „עקיבא״־באַוועגונג אין פוילן האָט אים איבערגעגעבן די הכשרה־און־עליה־אָפּטיילונג, און ער פלעגט אַרומוואַנדערן פון פלוגה צו פלוגה, אָפּזיצן טעג און נעכט מיט די חברים, אַריינדרינגען אין זייערע פּראָבלעמען, מיט־העלפן זיי אין זייער לעזונג און אויפמונטערן זייער גייסט. גליקלעך איז ער געווען, ווען ער פלעגט קענען באַפרייען זיך אויף עטלעכע טעג פון זיין אַרבעט און פאַר־ברענגען אין דער קבוצת־הכשרה, וואָס ער האָט געהערט צו איר, — אין זשיוויעץ (זייבוש). די לעצטע יאָרן האָט ער אָנגעפירט דעם הויפּט־סעקרעטאַריאַט פון דער „עקיבא״־באַוועגונג אין פוילן און איז אין איר נאָמען אויך געווען מיטגליד פון דער החלוץ־צענטראַלע און אויך לייטונגס־מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע אין מערב־גאַליציע און שלעזיע. ס׳איז נישטאָ קיין איין שטאָט און קיין איין שטעטל אין גאַליציע און קיין איין „עקיבא״ קן אין פוילן, וואָס ער האָט זיי נישט באַזוכט. יעדער באַזוך זיינער פלעגט דאָרטן באַרייכערן דעם ציוניסטישן געדאַנק.

די ידיעות וועגן זיין טעטיקייט אין דער תקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן געקלונגען ווי לעגענדעס — ער האָט נישט גערעכנט זיך מיט קיין שום געפאַרן, איז אַרומגעפאָרן פון אָרט צו אָרט, באַקעמפט דעם יאוש, אויפגעמונטערט דעם גלויבן און אָפּגעהיט דאָס פייער פון דער באַוועגונג זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. און ווען עס זיינען אָנגעקומען די טעג פון דער לעצטער האָפנונגסלאָזיקייט, האָט ער צונויפגענומען די רעשטלעך פון דער באַוועגונג, און זיין גרויסע ליבע צו מענטשן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרעניצלאָזער שנאה צום אכזריותדיקן שונא. אין דער ערשטער געטאָ־תקופה איז ער געווען אַ פּרעזידיום־מיטגליד פון Z. S. S. — די אידישע געזעלשאַפט־לעכע זעלבסטהילף — וואו ער האָט גענומען אויף זיך דעם אַמט פון לאַנדווירט־שאַפטלעכער אויסבילדונג, כדי ער זאָל קענען לעגאַל באַזוכן די יוגנט־גרופּעס אויף די ערטער, און אונטער דעם מאַנטל דערפילן די שליחות פונם קעמפנדן אונטער־ערד. ער האָט באַקומען פאַר זיך דאָקומענטן אויפן נאָמען יאַן ראַפּאַ און האָט געוואוינט אַמאָל אין קראָקע און אַמאָל אין אַנדערע ערטער. און ווי עס איז נאָך

באַשלאָסן געוואָרן וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, האָט ער נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדער אינהאַלט אין לעבן. ער איז געווען געגן אַרויסשיקן יוגנטלעכע קיין אויסלאַנד, כאָטש ער האָט געוואוסט קלאָר וואָס עס וועט זיין. ער איז געוואָרן דער איניציאַטאָר פון אַ סך דרייסטע אַקציעס קעגן די דייטשן און האָט זיך לרוב אַליין באַטייליקט אין זייער אַדורכפירונג. ער האָט פיבערהאַפט געזוכט פאַרבינדונגען מיט פוילישע פאַרטיזאַנער־גרופּן, כדי ווירקזאַמער צו פירן דעם קאַמף קעגן דעם בשותפות־דיקן תלין, און נישט איינמאָל דערלעבט די ערביי ביטערע אַנטוישונגען. ער האָט אויפגע־האַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע; פון איר באַקומען אַנווייזונגען און מיטגעאַרבעט מיט איר און דערנאָך אויך באַשטימט געוואָרן אַלס איר קאָמאַנדירונגס־חבר אין קראָקע. זיין מוטיקע טעטיקייט איז געוואָרן באַקאַנט אין גאַנצן לאַנד און האָט געהויבן דעם ווידערשטאַנד־גייסט. ער איז געפאַלן דעם 27־טן דעצעמבער 1942, פיר טעג נאָך דעם געוואַגטן איבערפאַל פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף די דייטשן אין קראָקע, וואָס ער איז געווען איינער פון זיינע הויפּט־איניציאַטאָרן און אַדורכפירער (מער פרטים וועגן דעם געוואַגטן אָנפאַל אין קראָקע זע זייט 148, באַמערקונג 38). ווען מען איז געקומען אים אַרעסטירן אויף זשולאַווסקי־גאַס אין קראָקע, האָט ער נאָך באַוויזן דערהרגענען צוויי דייטשן און פאַרוואונדן אַנדערע צוויי. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, אין דער ליסטע פון „עקיבא" (זיין שוועסטער מ ר י ם, וועלכע איז געווען אַקטיוו אין דער „עקיבא"־באַוועגונג און אין „החלוץ הלוחם" אין קראָקע, איז דערשאָסן געוואָרן אין ראַדאָם, אין יאַנואַר 1943. זיין פרוי ר ב ק ה, פונדערהיים ש פ י נ ע ר, איז אויך געווען אַן אַקטיווע און מוטיקע קעמפערין; זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין סוף 1942 און דעם 19־טן יאַנואַר 1943, איז זי אַוועק־געפירט געוואָרן אין לאַגער בירקענאו, — זי איז גערעטעוועט. אין 1947 איז זי מיט דער מעפילים־עליה אָנגעקומען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין קפריסין).

* **ליבערט חיים:** מען נעמט אָן, אַז עס רעדט זיך וועגן אַ חבר פון „פרייהייט" און „החלוץ". אין 1936 איז ער אָנגעקומען אין קיבוץ־הכשרה אין זשיראַרדאָוו ביי וואַרשע, האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָרטיקער מיידל און זיך דאָרט באַזעצט, זייענדיק אַקטיוו אין דער אָרטיקער פועלי־ציון (צ.ס.)־אָרגאַניזאַציע.

בשעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע און האָט פאָרגעזעצט זיין פאַרטייאישע טעטיקייט אַלס איינער פון די געטרייע אונטערערדלער פון דער באַוועגונג. ער איז אַריין אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור" און איז געפאַלן אין די יאַנואַר קאַמפן 1943. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף — ער איז דאַן אַלט געווען 32 יאָר (אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך דער נאָמען פון זיין ברודער י אַ ש י נ ס ק י ל י י ב).

ליבערמאַן הירש, ד״ר: אַ באַקאַנטער און אָנגענומענער קינדער־דאָקטאָר אין סאָסנאָוויעץ, וועלכער איז געווען מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכקייט. נאָך זייענ־דיק אַ גימנאַזיע־שילער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די לינקע פּועלי־ציון און געבליבן געטריי זיין פּאַר־טיי איבער 25 יאָר. ער איז געווען פון די פּאַרטיי־פירער אין זאַגלעמביער געגנט, פּאָרזיצער פון דער סאָסנאָוצער אָרגאַניזאַציע. אַ סך יאָרן איז ער געווען פאָרשטייער פון זיין פּאַרטיי אין שטאָטראַט און אין דער קהלה־פאַרוואַלטונג. אַ מיטגליד פון צענטראַלן פּאַרטיי־ראַט און אויך אַקטיוו אויפן ספּאָרט־געביט און מיטגליד אינם הויפּט־ראַט פון דער לינק־פּועלי־ציוניסטישער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „שטערן״. ער איז אויך געווען וויצע־פּאָרזיצער פונם אידישן דאָק־טוירים־פאַרבאַנד אין פּוילן. ער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל אַלס טוריסט, און אפילו אַרויסגענומען אַ רעגירונגס־ליצענץ צו באַשעפטיקן זיך אין לאַנד מיט זיין פאַך. אויך אין 1938 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל, אָבער תמיד זיינען אויפגעקומען שוועריקייטן און ער פלעגט אָפּלייגן אויף אַ געוויסע צייט זיין עליה.

בילד פון 1936

בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך, אָבער ער האָט באַשטימט צו בלייבן אויף דער וואַך. באַלד נאָך דער אָקופּאַציע זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע שפּיטאָלן. נאָך אַ סך באַמיאונגען איז אים געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבניש צו עפענען דעם אידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויעץ, וועלכער האָט באַדינט די גאַנצע סביבה. ער האָט אָנגעפירט מיטן שפּיטאָל במשך דער גאַנצער צייט, ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין אויגוסט 1943. ער איז געווען דער פּאָרזיצער פון דער אָפּטיילונג פאַר געזונטהייט און סאָציאַלע הילף ביי דער אידישע קהלה. די אָפּטיילונג האָט געעפנט פּאָלקסקיכן, וועלכע האָבן געשפּייזט 5000 דערוואַקסענע און 800 קינדער. נאָכן גירוש אין אויגוסט 1943 האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט אַ „ליקווידאַציאָנס־לאַגער״ אויף צו ליקווידירן דעם געטאָ און אים באַשטימט אַלס „לאַגער־פירער״. שפּעטער איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען אין דייטשלאַנד. דאָרט איז ער געשטאָרבן באַלד נאָכדעם ווי דער לאַגער איז באַפרייט געוואָרן דורך די פאַרבינדעטע אַרמייען. זיין נאָמען איז על־פּי־טעות אַריינגענומען געוואָרן אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער, וועלכע איז איבער־געשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, ווייל דאַמאָלסט האָט ער נאָך געלעבט.

*** ליטמאַן יוסף:** געבוירן אין נאָווידוואָר ביי וואַרשע, אין 1919. זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר, אַ ציוניסט. יוסף האָט געלערנט אין אַן אַלגעמיינער שול איז זיין שטעטל, דערנאָך איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הלאומי", אָבער הויפּטזאַכלעך איז ער געווען אַקטיוו אין „מכבי". אָנקומענדיק קיין וואַרשע, האָט ער געאַרבעט אַלס שלאָסער־מעכאַניקער, און אין דער לעצטער תקופה, אין געטאָ, האָט ער געאַרבעט אינם לאַנדוי־„שאָפּ". ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און האָט געקעמפט אין דער לינק־פּועלי־ציוניסטישער קאַמף־גרופּע אונטער דער קאָמאַנדירונג פון הירש בערלינסקי (לפ"ג). צווישן די קעמפער, וואָס ס'איז זיי געלונגען אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן



בילד פון 1943

אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון די לעצטפאַרבליבענע געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן געקעמפט אין די ווישקאָווער וועלדער. ער איז געווען צווישן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן גוט געקענט דעם וועג פון דער מזרח־זייט בוג אויף דער מערב זייט, האָט ער בעת איינער אַ פּאַרטיזאַנישער קריגס־אָפּעראַציע אַריבערבאַגלייט אויף דער מערב זייט בוג אַ גרופּע חברים אונטער דער אָנפירונג פון דוד נאָוואָדוואָרסקי (לפ"ג). אָנקומענדיק אין דער געגנט פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצקי, האָט די גרופּע זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד און אַרויסגעשיקט אַ חבר אין אַ נאָענטן דאָרף צו איינעם אַ פּויער, וועלכער האָט געדינט אַלס פאַרבינדלער צווישן די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. יוסף האָט אים באַגלייט און איז געבליבן אינדרויסן אויף דער וואַך, בעת יענער איז אַריין צום פּויער אין שטוב. עס איז דאַן אָנגעקומען פּוילישע פּאָליציי און געעפנט אויף אים אַ שיסעריי. דאָס האָט געדינט אַלס וואָרנונג די חברים אין נאָענטן וואַלד און זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן. ער גופא איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. קריכנדיק, איז ער אָנגעקומען אין וואַלד — נאָכדעם ווי עס איז אים געלונגען צו באַהאַלטן דאָס געווער אין אַ תבואה־סטויג און מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער אויסגעפונען אַ שליח אָנצוזאָגן דער גרופּע וואו ער געפינט זיך. די חברים, צווישן זיי הירש בערלינסקי, אליהו ערליך (ביידע לפ"ג) און אַנדערע, זיינען אָנגעקומען צו אים מיט אַ דאָקטאָר אָבער זיי האָבן אים שוין געפונען אַ טויטן. דאָס איז געווען דעם 28 יוני 1943. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (די גאַנצע אויבנדערמאָנטע גרופּע, וועלכע ער האָט באַגלייט, מיט דוד נאָוואָדוואָרסקי בראש, איז שפּעטער אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געגנט, ווי עס ווערט דערציילט אין דער אזכרה־פאַרצייכניש וועגן ד. נאָוואָדוואָרסקי).

ליטעווסקי יוסף: געבוירן אין לאָדזש אין 1914. דער פאָטער, אַ הייסער ציוניסט, האָט באַווירקט אין דאָזיקן גייסט די גאַנצע משפחה. אויך די מוטער, אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ בונדיסטין, איז שפּעטער געוואָרן אַ געטרייע ציוניסטין. די קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן ציוניסטיש, אין ליבע צו ד'ער שאַפונג אין ארץ־ישראל. יוסף האָט געלערנט אין יצחק קאַצענעלסאָנס העברעאישער שול. צו 16 יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען שלאָסעריי אין אַ פּריוואַטן וואַרשטאַט. ער פלעגט אַ סך לייענען וויסנשאַפטלעכע ביכער. גלייכצייטיק מיט זיין פאַך־אַרבעט האָט ער ווייטער געלערנט אין אַ מלוכהשער אָוונט־גימנאַזיע און באַקומען דעם מאַטורע־דיפּלאָם.


בילד פון 1938

ער איז געווען איינער פון די געציילטע אידן אין דער גימנאַזיע און האָט זיך אויסגעצייכנט אין מאַטעמאַטיק און פיזיק. פאַרענדיקנדיק די לימודים, איז ער גערופן געוואָרן צו מיליטער־דינסט. ער איז איבערגעפירט געוואָרן אין דער אונטער־אָפיצערן־שול און דאָרט באַקומען עטלעכע אויסצייכנונגען. נאָכן פאַרענדיקן די דינסט־צייט, האָט מען אים פאָרגעלייגט צו בלייבן פּראָפעסיאָנעל אין מיליטער אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. ער איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש, האָט ווייטער געאַרבעט ביי זיין פאַך און געטרוימט וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל און ווייטער לערנען אין חיפה'ער טעכניקום.

יוסף איז געווען אַ טרייער חבר פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון די גרינדער פון לאָדזשער „החלוץ הצעיר" און אַ חבר אין דער פועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז אַריין שוין אין דער מלחמה־צייט. אַ יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער ווידער גערופן געוואָרן צום מיליטער, און בשעת די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן איז ער געווען אין אַקטיוון דינסט. ער איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט אין קוטנער געגנט, איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אָבער מען האָט אים באַפרייט (אַזוי ווי אַלע אידישע געפאַנגענע, כדי זיי שפּעטער אויסצוּמאָרדן). ער איז אַוועק קיין לאָדזש און פון דאָרטן קיין וואַרשע און גע־וואָרן אַ לערער אין אַ פאַך־שול אין געטאָ; דערנאָך, האָט ער געאַרבעט אין די טעבענס־וואַרשטאַטן. זייענדיק שוין אין געטאָ האָט ער געשטיצט די אין לאָדזש פאַרבליבענע עלטערן. ער איז געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג.

זיין אינגערער ברודער שלום איז געווען אַ פּאָליטיש־טעטיקער און באַגאַב־טער בחור, אַן איבערגעגעבענער פּאַרטיי־חבר, און די פּאַרטיי האָט אים באַאויפ־טראַגט צו אַרבעטן אין דער אידישער געטאָ־פּאָליציי; אין דערדאָזיקער אַרבעט האָט

ער אַרויסגעוויזן אַ סך טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט דינענדיק דער באַוועגונג און ברענגענדיק איר גרויס נוצן. אויך ער איז אומגעקומען. פון דער גרויסער און ציון־טרייער משפחה זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן נאָר צוויי טעכטער, וועלכע האָבן זוכה געווען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל, און זיי געפינען זיך אין קיבוצים.


זיין אינגערער ברודער שלום

דער רואיקער און באַשיידענער, איידעלער און גייסטיק־אַריסטאָקראַטישער יוסף איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און געווען צווישן די העלדישע קעמפער פון דער פועלי־ציוניסטישער (צ.ס.) קאַמף־גרופּע. זיין מיליטערישע אויסבילדונג איז אים שטאַרק צונוצגעקומען בשעת די שלאַכטן. ער האָט געקעמפט אויפן אָפּשניט לעשנע גאַס — טעבענס־וואַרשטאַטן (אין דער מאַפּע פון די געטאָ־קאַמפן באַצייכנט מיטן אות „ב"). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער קאַמף (אין דער קיין לאָנדאָן אַריבערגעשיקטער ליסטע איז דער נאָמען פאַרשריבן על־פּי־טעות: ליטעסקי אָן א פאַרנאָמען).

*** לייבאָוויטש אברהם לייב (לאַבאַן):** קאָמענדאַנט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע. געבוירן אין קראָקע אין 1917, אין אַ טראַדיציאָנעלער און פאַרמעגלעכער משפחה, באַזיצער פון אַ באַקאַנטער קאָנדיטאָריי ביי דער ווייסל, ביים צונויפטרעף פון קראָקע און דער פאָרשטאָט פּאָדגוזשע. אין 1931 איז ער אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט" און אין ספּאָרט־קלוב „שילאָ" („קראַפט"). אין דער ערשטער צייט פלעגט ער קומען אין דער אָרגאַניזאַציע אָנגעטון אין דעם פּויליש־אידישן טראַדיציאָנעלן היטל און מיט געקרייזלטע פאות; גאָר גיך האָט ער זיך איינגעלעבט אין דער נייער סביבה און געוואָרן אַן אַקטיווער און געטרייער חבר. ער האָט זיך באַלד אינגאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. דער געזונטער, שיינער בחור מיט בולטע, כאַראַקטער־שטאַרקע געזיכטשטריכן איז געווען אַ באַשיידענער שווייגער, אַ תמיד פאַרטוענער אין זיך, מיט א

בילד פון 1938

קלוגן, גוטמוטיגן שמייכל אויפן ערנסטן פנים. אין 1933 איז ער אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין כשאַנאָוו, אַלס איינער פון די גרינדער פון דער „דרור״־פלוגה, און איז אויך דאָרט גלייך געוואָרן אַקטיוו. ער האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אידישע עמפינדלעכקייט און פלעגט תיכף רעאַגירן אויף יעדן אָנגריף אויף זיין אידישער ווירדע. אין די יאָרן 1936־37, ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן האָט זיך גע־שטאַרקט, איז ער געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זעלבסטשוץ, און האָט פאַרהאַנדלט מכוח דעם מיט דער פוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט. אין 1938 האָט ער זיך באַטייליקט אין „פרייהייט״־סעמינאַר אין וואַרשע. האַרט פאַר דער מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין פוילישן מיליטער. ער איז אָנגעקומען קיין לעמבערג און ווען די רויטע אַרמיי איז אַהין אַריין, איז ער דאָרט פאַרבליבן. ער האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט די חברים פון קיבוץ „דרור״ און ווידער זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער אַרבעט אין דער באַוועגונג, באַזונדערס אויפן געביט פון העלפן באַדערפטיקע, אַרעסטירטע חברים א. א.וו. ווען ער פלעגט דערהערן, אַז אַ חבר געפינט זיך אין אַ נויט, האָט ער נישט געקענט איינרוען. ער איז געווען אַקטיוו טעטיק אינם חלוצישן אונטערערד, וועלכער האָט דאַמאָלסט געפּרוווט אַדורכרייסן, אָן גרויס דערפאָלג, די רומענישע גרעניץ. ער איז געווען דער פאַרבינדלער פון דער באַוועגונג צווישן די חברים, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין לעמבערג און אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די גרעניץ־שטעטלעך אַרום קאָלאָמיי. ער פלעגט זיך באַהענגען מיט שוך־שנירלעך און ענלעכע סחורות און אַזוי פאַרמאַסקירט אַלס הענדלער, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג אויפן לעמבערגער וואָקזאַל, מקבל פנים זיין חברים פון דער פּראָווינץ און איבערגעבן זיי אָנווייזונגען, צייכנס און געלט אויף הוצאות. אינאָוונט פלעגט ער זיך טרעפן מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע חברים אין עפּעס אַ רעסטאָראַנדל, לויט פון פריער באַשטימטע סימנים, און ביי אַ גלאָז טיי פלעגט ער איבערגעבן קורץ און געגוי דעם טאָג־ראַפּאָרט פון זיין אַרבעט, און נאָכן אויסהערן אינפאָרמאַציע פון זיי, איז ער אַוועק אויף נאַכטלעגער כדי אויפצומאָרגנס ווידער נעמען זיך צו דער עבודת־הקודש. דערוויסנדיק זיך, אַז זיין ברודער איז שוין נישטאָ אין דער היים (ער איז געווען אין פוילישן מיליטער און מען ווייסט נישט צי ער איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אָדער ער איז דערהרגעט געוואָרן) און אַז די עלטערן מיינען, אַז אויך ער לעבט שוין נישט, איז ער — נישט געקוקט אויף אַלע סכנות — צוריק אַוועק אין דייטשן אָקופּאַציע־געביט צו די עלטערן אין קראָקע, כדי זיי צו באַרואיקן. עס האָט אים באַוואויגן דערצו אויך די באַדערפניש צו טרעפן זיך דאָרט מיט דער באַוועגונג, וועלכע האָט געאַרבעט ביי נאָך שווערערע באַדינגונגען, און באַטייליקן זיך אין איר אַרבעט און העלפן איר טראָגן דעם באַזונדערס שווערן גורל ביי די נייע באַדינגונגען. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדיש־חלוצישער אַרבעט

אין נאַצישן אָקופּאַציע־געביט. ער איז געווען צווישן די חברים, וועלכע האָבן איניצירט און אַסך געהאָלפן ביים אַרויסשמוגלען חברים פון פּוילן קיין סלאָוואַקיי־אונגאַרן דורך די קאַרפּאַטן־בערג.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשע פאַרניכטונגס־אַקציעס איז ער געווען צווישן די גרינדער פון „החלוץ הלוחם" (קעמפנדיקער החלוץ) אין קראָקע און אומגעגנט, וועלכער האָט אַדורכגעפירט אַ סך געפערלעכע און געלונגענע געגן־אַקציעס, צווישן זיי עטלעכע געוואַגטע אָנפאַלן אויף די נאַציס, ווי אויפרייסן בריקן, קאָמוניקאַציע־וועגן א. א. וו. — וועגן דעם איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. (זע אויך די אזכרה־פאַרצייכענישן וועגן שמשון דרענגער און אהרן ליבעסקינד) ער האָט אָנגעפירט די געהיימע דרוקעריי פון דער באַוועגונג וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אין קראָקע יעדע וואָך אַ מאַשין־געשריבענע צייטונג פון 10 זייטן און זי פאַרשפּרייט אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן. זיין אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן פינאַנציעל די אַקציעס — און ער האָט זי דערפילט ווי געהעריק. „לאבאן" איז אָפט, אין פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער אַרבעט, געקומען קיין וואַרשע און דערפילט וויכטיקע און געפערלעכע שליחותן. אַ טאָג פאַרן אָנהויב פונם גרויסן וואַרשעווער פאַרניכטונגס־גירוש איז ער ווידער אַהינגעקומען. מען האָט אים אַרעסטירט און נאָר מיט שווערי־קייטן האָט מען באַוויזן אים צו באַפרייען און קוים מיט מי געפועלט ביי אים, אַז ער זאָל אין יענע געפאַרפולע טעג נישט פאַרבלייבן אין וואַרשע, נאָר צוריקפאָרן קיין קראָקע. מען האָט צוערשט אַדורכגערעדט זיך וועגן דער טעטיקייט אין קראָקע. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און דער אָנפירער פונם ערשטן גרויסן קאַמף־אַרויסטריט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, וועלכער איז אַדורכ־געפירט געוואָרן אין קראָקע דעם 23־טן דעצעמבער 1942 (מער פּרטים זע זייט 148, באַמערקונג 38) און דער רעזולטאַט איז געווען — ביי 50 דערהרגעטע און פאַר־וואונדעטע דייטשן. אין דער נאַכט האָט די קאַמף־גרופּע געליטן אַ דורכפאַל, ביים פאַרשפּרייטן אויפרופן און עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן ביי 40 אידישע קעמ־פער, וועלכע זיינען געווען אין באַהעלטעניש אין דער געביידע פון פריערדיקן אידישן שפּיטאָל אויף סקאַווינסקע גאַס. דערנאָך איז קלאָר געוואָרן, אַז געסטאַפּאָ־פּראָוואָקאַטאָרן נ ת ן ו ו י י ס מ א ן, י ו ל י א ַ ן א ַ פּ ע ל און אַנדערע איז געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין „החלוץ הלוחם" און די קעמפער זיינען געכאַפּט געוואָרן צוליב זייער מסירה. עס איז אויך קלאָר, אַז צוליב זיי זיינען אַ צייט שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן שמשון ד ר ע נ ג ע ר (לפ"ג) און די לעצט־פאַרבליבענע פון „החלוץ הלוחם", וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין באָכניע ביי קראָקע. לאַבאַן האָט נישט געוואוסט וועגן דורכפאַל און אין דער באַשטימטער שעה איז ער געקומען אין שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פאַרקליידעט אַלס דייטשער אָפיצער, און דאָרט האָבן אים די נאַציס געכאַפּט (יצחק צוקערמאַן, וועלכער איז

געקומען צוזאמען מיט אים, איז על פי נס ניצול געוואָרן פאַרוואונדעט ווערנדיק שווער אין פוס). לאַבאַנען האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט אין דער קראָקעווער ט.רמע אויף מאַנטעלופּיך־גאַס. דעם 29־טן אַפּריל 1943 ווען מען האָט אים, צוזאַמען מיט נאָך 5 חברים, געפירט פון טורמע צום טויט, האָט ער געפּרוווט אַנטלויפן און מען האָט אים געכאַפּט. עטלעכע חברים איז דאַן געלונגען צו ראַטעווען זיך. ווען די דייטשן האָבן אים געבראַכט צום מאָרד־פּלאַץ אויפן אידישן בית־עולם, נעבן פּלאַשאָווער שרעקלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט ער מיט ליידיקע הענט, אָן געווער, זיך געוואָרפן אויף די דייטשע תליינים און נאָך אַ גראַנגל איז ער געפאַלן אַדורכגעלעכערט מיט 50 קוילן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין די געטאָ־קאַמפן — צווישן די וואַרשעווער קאַמף־גרופּעס פון „דרור".

ליכטענשטיין ישראל: געבוירן אין ראַדזין־פּאָדלאַסקי, 1904. זיין פאָטער, יעקב אַ שטעטלשער סוחר, וועלכער האָט געהאַט פּרנסה־בדוחק, איז געשטאָרבן, ווען ישראל איז נאָך געווען זייער יונג. דאָס האָט נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע אין שטוב (די משפּחה איז דאַן געווען: די מוטער דבורה, דריי ברידער און אַ שוועסטער, — דער ברודער שלמה איז פון 1930 אין ארץ־ישראל). ישראל האָט געלערנט אין חדר און דערנאָך אין דער אָרטיקער „תרבות־שול". פון קינדוויַיז־אָן האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן באַגער צו לערנען. טראָץ אַלע שוועריקייטן און שווערע באַדינגונגען, האָט ער תמיד געזוכט מעגלעכקייטן דערצו און האָט עס אויך דערגרייכט. צוזאַמען מיט וויסן־באַגער האָט ער אויך געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע נטיה צו געזעל־

בילד פון 1933

שאַפטלעכע ענינים און איז פון דער יוגנט אָן געווען טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן; צוערשט אין „השומר הצעיר" — ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון קן אין זיין שטעטל — און דערנאָך ביי די לינקע פועלי־ציון. ער איז אויך געווען אַן אַמאַטאָרישער אָנטיילנעמער אין פאָרשטעלונגען פון דראַמאַטישע קרייזן. דורך גרויסע אָנשטרענגונגען איז אים געלונגען אין 1925 אָנצוקומען קיין ווילנע. דאָרט האָט ער געלערנט אין אידישן לערער־סעמינאַר און דערנאָך אין העברעאישן. אין 1932 איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע. געוואָרן אַ לערער, לייטער פון דער באָראָכאָוו־שול אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער קינדער־צייטונג „גרינינקע ביימעלעך" און אַנדערע אויסגאַבן. זיין אויסגעשפּראָכענער געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט האָט זיך נישט באַגנוגנט

נאָר מיט דער אַרבעט אויפן דערציאונגס־געביט און ער איז אויך געווען פּאָליטיש זייער אַקטיוו אַלס פּעאיקער רעדנער און גוטער אָרגאַניזאַטאָר. קאָמיטעט־מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע לינקע פּועלי־ציון, האָט אָנטיילגענומען אין דער טאָגטעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט, און האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס אין דער קערפּערלעכער דערציאונג פון די אידישע אַרבעטער, זייענדיק קאָמיטעט־מיטגליד פון וואַרשעווער אַרבעטער־ספּאָרט־פאַרבאַנד „שטערן". אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע.

אין דער נאַצישער אָקופּאַציע־צייט האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער הילפס־אַרבעט פאַר די אידן אין וואַרשע אין זייער עקזיסטענץ־קאַמף און פון דער אונטערערדישער דערציאונגס־אַרבעט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען לייטער פון אַן אונטערערדישער צוגרייטונגס־שול אין ראַדאָשטש ביי וואַרשע. פון די אַקטיווע העלפער און עסקנים פונם געהיימען צענטראַלן אַרכיוו, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און דער ענערגישער טעטיקייט פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום, אליהו גוטקאָווסקי (ביידע לפ"ג) און אַ ריי אַנדערע איבערגעגעבענע אידישע קולטור־טוער. טרעגער די שרעקלעכע באַדינגונגען פון יענע טעג האָבן זיי געזאַמלט און אָפּגעהיט מיט מסירת נפש דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער מאַרטיראָלאָגיע און מיטן קאַמף פון די אידן אין פּוילן אין יענע ביטערע און שוידערלעכע יאָרן (וועגן דער טעטיקייט פונם אַרכיוו זע אויך ד"ר ע. רינגעלבלומס בריוו זייט 310, באַמערקונג 4). ישראל ליכטענשטיין האָט אויך געאַרבעט אין איינער פון די פּאָלקס־קיכן אין געטאָ. אין קעלער פון אָט דער קיך האָט מען אויסגעבויט איינעם פון די באַהעלטענישן פונם אויפגעקליבענעם מאַטעריאַל. ער אַליין איז געווען דער איבערשרייבער און אַרכיוואַר פון דער באַהעלטעניש. אין איינעם פון די קאַסטנס פון דעם צענטראַלן געהיימען אַרכיוו, האָט זיך אָפּגעפונען, צווישן אַנדערע דאָקומענטן, די צוואה פון י ש ר א ל ל י כ ט ע נ ש ט י י ן, וועלכער איז געווען איינער פון די מיט־העלפער ביים פאַרגראָבן דעם אַרכיוו (אַ טייל פונם אַרכיוו איז פאַרגראָבן געוואָרן דעם 14־טן אויגוסט 1942, בשעת דעם גרויסן גירוש; אין די חורבות פונם הויף נאָוואָליפּקי 68 האָט מען אויסגעגראָבן אין סעפּטעמבער 1946 צען קאַסטנס מיט אַרכיוו־מאַטעריאַלן). אין דער צוואה שרייבט ער, אַז ער ווייסט, אַז ער וועט שוין נישט דערלעבן דעם טאָג פון דערלייזונג, אָבער ער בעט, מען זאָל דערמאָנען זיין נאָמען ווען דער מאַטעריאַל וועט אויסגעגראָבן ווערן פון דער ערד — און דאָס שטאַרקט אים אין די שווערע מינוטן פון פּיין. ער בעט אויך, מען זאָל דערמאָנען דעם נאָמען פון זיין פרוי, די באַקאַנטע מאָלערין געלאַ ס ע ק ש ט י י ן, און פון זייער איינציק קינד (מיר האָבן נישט באַוויזן צו דערוויסן זיך דעם נאָמען). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

ליכטשיין משה: אַ לובלינער, אַ זון פון אַ חסידישער משפּחה. אין דער יוגנט איז ער אַנטלאָפן פון דער ישיבה און אָנגעהויבן אַן אַרבעטס־לעבן. ער איז געוואָרן אַ שליח אין אַן אייזן־געשעפט און אין די פרייע שעהן פלעגט ער לערנען. ער איז אַריינגעטרעטן אין דער „צעירי ציון" באַוועגונג באַלד ביי אירע ערשטע אָנהויבן אין זיין שטאָט. ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי. אין 1918 האָט ער זיך אומגעקערט קיין לובלין, האָט באַנייט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און איז געוויילט געוואָרן אין ראַיאָן־קאָמיטעט פון צעירי־ציון. נאָך דער פאַראייניקונג און שאַפונג פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, איז ער געוויילט געוואָרן אין פּאַרטיי־ראַט, און נאָך זיין אַריבערפאָר קיין וואַרשע איז ער געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער איז גיך געוואָרן אַ פּאָפּולערער אַרבעטער־טוער, באַקאַנט אַלס „חבר משה". פון 1934 איז ער געווען דער סעקרעטאַר פונם טרעגער־און־טראַנספּאָרט־אַרבעטער־פאַריין, וועלכער האָט געציילט 1500 מיטגלידער און איז געווען אָנגעשלאָסן אינם ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ביי פּועלי ציון (צ.ס.). דער פאַריין איז לכתחילה געווען צעשפּאָלטן צוליב פּאַרטייאישע קריגערייען און די אַרבעטער האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זייער אָרגאַניזאַציע. מיט גרויסע שוועריקייטן, מיט אַן עקשנותדיקער און איבערגעגעבענער אַרבעט האָט משה באַנייט דעם פאַריין און די מיטגלידער, וועלכע זיינען יאָרן־לאַנג דערצויגן געוואָרן אין שנאת ציון, האָט ער געבראַכט צו דער באַוועגונג פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל. ער האָט דערוואָרבן זייער צוטרוי און האָט פונדאַסניי געשאַפן סעקציע נאָך סעקציע (טרעגער, האַנטוועגעלעך־פירער, פורמאַנעס, קוילן־טרעגער, פלייש־טרעגער א. א. וו.), ער האָט געווידמעט צייט און ענערגיע יעדער סעקציע מיט אירע ענינים און פּראָבלעמען, ער האָט אויך אָרגאַניזירט דעם ערשטן קאָאָפּעראַטיוו פון לאַסט־אויטאָ־אַרבעטער, און איז געווען איינער פון די גרינדער פונם ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ביי פּועלי ציון (צ.ס.), וועלכער האָט קאָנצענטרירט ביי אַ 250 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין אַלע פּוילישע שטעט. ער האָט אָנטיילגענומען און מיטגעהאָלפן אין דער שאַפונג פון ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון די אידישע אַרבעטער אין פּוילן (פאַרבראויכס־געזעלשאַפטן, קאָאָפּעראַטיוון, ליי־קאַסעס, אַמטן פאַר פּראָפעסיאָנעלער קאָנסולטאַציע און פאַר יורידישע הילף, זומער־קאָלאָניעס א. א. וו.). אַ מענטש רייך מיט איניציאַטיוו, אַן אומדערמידלעכער טוער, אַ מוסטער פון אַקטיוויטעט און איבערגעגעבנקייט.



בילד פון 1930

בשעת דער מלחמה איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש, אָבער ער האָט זיך זייער גיך אומגעקערט קיין וואַרשע און איז געוואָרן אַקטיוו אין דער אונטער־ערדישער באַוועגונג. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פאָלקסקיכן און דער לייטער פון דער פאָלקסקיך אויף נאַלעווקי 35, אינם פריערדיקן לאָקאַל פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דידאָזיקע פאָלקסקיך איז געוואָרן אַ זאַמלפונקט פאַר די חברים אין דער געטאָ־תקופה. אַ מיטגליד פון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אומגעקומען איז ער בשעת דעם גרויסן וואַרשעווער גירוש, דעם 7־טן סעפּטעמבער 1942, בעת דער צוואַנגס־קאָנצענטרירונג פון די לעבנגעבליבענע וואַרשעווער אידן אין עטלעכע גאַסן (זע זייטן 92 און 93, באַמער־קונגען 8 און 9), אַלטזייענדיק אַרום 47 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך צווישן די נעמען פון די געפאַלענע טוער און אַקטיווע חברים פון דער באַוועגונג, וואָס די פּאַרטיי אין פוילן דערמאָנט זיי באַזונדערס אין איר בריוו פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צום איחוד־עולמי פועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות אין ארץ־ישראל.

*** לילית:** זע פודען רבקה (רעגינא).

לינדער מנחם: געבוירן דעם 8־טן יולי 1911 אין שניאַטין (מזרח גאַליציע). דער פאָטער איז געווען אַ לעדער־סוחר. צו 4 יאָר, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער איבערגע־פאָרן מיט די עלטערן קיין ווין און נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען אין זיין געבורטסשטאָט. ער האָט געלערנט אין חדר און אין אַ העברעאישער שול, און דערנאָך אין דער מלוכהשער פוילישער גימ־נאַזיע. אין דער יוגנט האָט ער געהערט צום „השומר הצעיר", איז געווען אַקטיוו אין אָרטיקן קן און האָט זיך באַטייליקט אין אירע צוזאַמענקומען אין סטאַ־ניסלעוו. נאָך אין זיין שטעטל האָט ער זיך ספּעציעל געווידמעט די אַרבעטער־אינטערעסן, באַזונדערס צווישן די אוקראַינער, וועלכע האָבן פון אים זייער געהאַלטן. ער איז געווען אַ טאַלענטירטער און אייב־



בילד פון 1929

פלוסרייכער רעדנער, פול מיט ענערגיע און לעבנס־פרייד. עלטער־ווערנדיק, האָט ער זיך דערווייטערט פון פּאָליטישער טעטיקייט און זיך אָפּגעגעבן וויסנשאַפטלעכער אויסבילדונג. האָט שטודירט אין לעמבערגער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם מאַגיסטער־דיפּלאָם (ער איז געווען אַ תלמיד פונם באַקאַנטן אַנטיסעמיטישן פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו גראַבסקי, וועלכער האָט פאַר אים אויסגעפּועלט אַ סטי־פּענדיע אַלס אויסצייכנונגס־באַוויז פאַר זיין גוטן לערנען). שפּעטער איז ער

אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, אָפּגעלאָזט די אַדוואָקאַטישע באַשעפטיקונג און אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין „ייוואָ״. עד האָט זיך באַטייליקט אין אַ וויסנשאַפטלעכן קאָנקורס פון „ייוואָ״ וועגן לעבן פון די אידן אין די קליינע שטעטלעך. זיין טעמע פאַר דער אַספּיראַנטן־אַרבעט איז געווען „דער זאַמש־באַאַרבעטער־פאַך אין ווילנע״. ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס שטענדיקער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון „ייוואָ״ און איז דערביי פאַרבליבן; חתונה געהאַט מיט אַ ווילנער מיידל און געוואָרן אַ דאָרטיקער תושב. אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער געשיקט געוואָרן אויף פאַרפּולקאָמונג־שטודיעס קיין וואַרשע. גלייכצייטיק מיטן שטודירן האָט ער דאָרט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט „ייוואָ״־פריינט, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן די צענטראַלע פּערזאָן פון דער גאַנצער דאָרטיקער „ייוואָ״־אַרבעט. ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע אָפּהאַנדלונגען אין דער חודש־שריפט פונם אינסטיטוט, — „ייוואָ־בלעטער״, און האָט אויך מיטגעאַרבעט מיט י ע ק ב ל ע ש ט ש י נ ס ק י ן, ווען יענער איז געווען אין וואַרשע, און האָט צוזאַמען מיט אים רעדאַגירט דעם חודש־זשורנאַל פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע ביים „ייוואָ״, — „די אידישע עקאָנאָמיק״. דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויכטיקע סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען, און אויך אַ סך רעצענזיעס וועגן ביכער אויף דעם עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישן געביט, צווישן זיי אויך וועגן דעמאָגראַפישע אויסגאַבעס אין ארץ־ישראל. ווען לעשטשינסקי האָט פאַרלאָזט וואַרשע, איז לינדער, דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר, געוואָרן דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פונם חודש־זשורנאַל. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ צוגאַנג פון אַן עקאָנאָמיסט־וויסנשאַפטלער מיט אַ געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג, וועלכער ווייסט ווי צו דערוועקן איניציאַטיוו אויפן געביט פון אידישער פּראָדוקטיוויזאַציע און ווירטשאַפטלעכער זעלבסטפאַרטיידיקונג (דאָס איז געווען אין דער תקופה פון דעם באַרימטן „אָושעם״ — „מהיכא־תיתי״ — ווען דער פּוילישער פּרעמיער האָט דערקלערט: פּאָגראָמען ניין, אָבער אַ ווירטשאַפטלעכע מלחמה קעגן אידן — אדרבא). ספּעציאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז לינדער האָט פאַר זיך אַ צוקונפט פון אַן אָנגעזעענעם וויסנשאַפטלער. פון זיינע וויכטיקערע אַרבעטן איז כדאי צו פאַרצייכנען: „דער אונטערגאַנג פון אידישן מסחר אין ביאַליסטאָקער קרייז״, „דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון די שטעט אין פּוילן״, „די אידישע וואַנדערונגען אין די לעצטע צען יאָר״ און נאָך. עפּעס ווי אַ טראַגישער סימבאָל איז דאָ אין דעם, וואָס זיין לעצטע, גרעסערע אָפּהאַנדלונג אין „די אידישע עקאָנאָמיק״, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן קורץ פאַרן מלחמה־אויסברוך, האָט געהייסן: „דער אידישער געטאָ אין וואַרשע״, וואָס באַהאַנדלט די קאָמפּאַקטקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די גאַסן פון דער אידישער הויפּט־געגנט אין וואַרשע.

בשעת דער מלחמה איז ער געווען אין ווילנע, אָבער ער איז צוריקגעקומען

קיין וואַרשע. אין דער נאַצישער אָקופּאַציע־צייט איז ער געווען טעטיק אין דער צענטראַלע פון די וואַרשעווער אידישע פאָלקסקיכן, וואָס זייער צאָל האָט אָנהויב 1942 באַטראָפן ביז 150. הויפּטזאַכלעך איז ער אָבער געווען שטאַרק באַטייליקט אין דער אונטערערדישער קולטור־אַרבעט. ער איז געווען די נשמה פון דער אונטער־ערדישער „אידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע" („איקאָר"), איר שעפער און איניציאַטאָר (דאָס ווערט ספּעציעל באַצייכנט אינם איבערזיכט וועגן דער קולטור־אַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ, זייט 308). „איקאָר" האָט אין די כמעט אנדערטהאַלבן יאָר פון איר עקזיסטענץ אין געטאָ געפירט אונטער מנחם לינדערס לייטונג אַ גאָר פאַר־צווייגטע, אינטענסיווע קולטור־טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן. צענדליקער טויזנ־טער אידן אין געטאָ האָבן אָנטיילגענומען אין אירע פאַראַנשטאַלטונגען. זי האָט אָפּגע־שטעלט איר טעטיקייט אינם טאָג פון לינדערס דערמאָרדונג (זע זייט 230 באַמ. 4).

ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אויף דער גאַס, נעבן זיין דירה אויף לעשנע 50, דעם 17־טן אַפּריל 1942, אין דער נאַכט פון אַ גרויסער זוכונג, ווען אין וואַרשעווער געטאָ זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן 49 אידישע עסקנים (זע זייט 136, באַמערקונג 14). זיין פרוי שרה, איז בעת די געטאָ־קאַמפן געווען אינם בונקער אויף מוראַנאָווסקע 44, צוזאַמען מיט ד"ר נפתלי נוסנבלאַט. דעם 27־טן אַפּריל, ווען דאָס הויז האָט געברענט און די דייטשן זיינען געווען אין הויף און אין גאַס, האָט זי איינגענומען ציאַנקאַלי, כדי נישט אַריינצופאַלן אין דייטשע הענט. מען האָט זי דאַמאָלסט אָפּגעראַטעוועט, אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זי די דייטשן גענומען צום „אומשלאַגפּלאַץ".

לעוואַרטאָווסקי־פּינקעלשטיין יוסף: געבוירן אין ביעלסק־פּאָדלאַסק ביי ביאַליסטאָק, אין 1896. ער איז געווען אַ בוכהאַלטער און געאַרבעט אין אַ באַנק. — ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער נישט געהערט צו קיין שום גרופּירונג. אַן אינטעליגענטער יוגנערמאַן, געווען קולטורעל טעטיק אין זיין שטעטל און האָט געהאַלטן אַ סך עפנטלעכע פאָרטראַגן אויף ליטעראַ־רישע און צו ליטעראַטור־נאַענטע טעמעס. אין 1918 איז ער אַריינגעטרעטן אין פועלי־ציון און זייער גיך זיך אַרויסגערוקט אַלס איינער פון די חשובע כוחות. ער איז געווען אַ זייער אַקטיווער מיטגליד פון ביאַ־ליסטאָקער ראַיאָן־קאָמיטעט. אין דער קראָקאָווער קאָנפערענץ פון דער פּוילישער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין מאַי 1920 האָט ער זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט.



ווען ביאַליסטאָקער קרייז איז אין 1920 פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, איז ער געווען פאַרזיצער פון רעווקאָם אין זיין שטעטל. נאָכן אומקערן זיך פון דער פוילישער אַרמיי, איז ער אַנטלאָפן און אויסבאַהאַלטן זיך אין ביאַליסטאָק. נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין 1920, איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון לינקע פּועלי ציון, געווען אַ מיטגליד פון פּאַרטיי־קאָמיטעט און סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן האַנדלס־אָנגעשטעלטע פאַריין אין וואַרשע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער, צוזאַמען מיט ש א ו ל אַ מ ס ט ע ר ד אַ ם, פאַרלאָזט די פּאַרטיי און איז אַריבער צו די קאָמוניסטן, וואו ער איז געווען זייער אַקטיוו און פאַרנומען באַדייטנדע און הויפּט־ערטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן און אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וואָס איז געווען אונטער איר השפּעה. מיטגליד פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן און לייטער פון צענטראַלן אידישן ביוראָ פון דער פּאַרטיי. ער האָט אויך באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד. עטלעכע מאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען און איז אַרום צוועלף יאָר אָפּגעזעסן אין תפיסות. איין מאָל, בשעת מען איז געקומען אים אַרעסטירן, איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער, האָט אויסגעלענקט אַ פוס און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אַביסל אונטערגעהינקען.

ביים מלחמה אויסברוך, אין יאָר 1939, איז ער געזעסן אין דער ראַוויטשער תפיסה. ער איז פון דאָרטן אַוועק איבער וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. דאָרטן געווען זייער אַקטיוו אין דער הערשאַפט־צייט פון דער רויטער אַרמיי. אָרגאַניזירט הילף פאַר די אידישע פּליטים פון גאַנץ פוילן און אויך געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אַ טעקסטיל־פאַבריק. נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען ביאַליסטאָק האָבן אים זיינע חברים, סוף 1941, אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע. צוערשט איז ער געווען עטלעכע וואָכן אויף דער אַרישער זייט און דאַן, אָנהויב 1942, איז ער געקומען אין געטאָ און באַלד געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע אָנפירער פון אידישן אונטערערד. פאָרמעל האָט ער געאַרבעט אין ביוראָ פון „צענטאָס" אויף זאַמענהאָף גאַס 56, אָבער זיין גאַנצע צייט האָט ער געווידמעט דער אונטערערד־אַרבעט. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון פ.פ.ר. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ — פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, אַזוי הייסט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פוילן), דער סעקרעטאַר פון איר ראַיאָן־קאָמיטעט אינם שטח פון געטאָ און דער רוח־החיים פון איר אַקטיווער טעטיקייט; ער איז אויך געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק אין געטאָ, אין פרילינג 1942; צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פונם פאַראייניקטן אַרבעטער־קאָמיטעט וועלכער האָט גענומען אויף זיך די אחריות פאַרן גורל פונם געטאָ און זיין ערע, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער גירוש. הגם ער איז נאָר געווען אין וואַרשעווער געטאָ נאָר 6—7 חדשים, איז ער געווען אין אַ סך אונטערערדישע אַקטיוויטעטן דער איניציאַטאָר און לעבעדיקער גייסט. ער האָט הויכגעשאַצט די

חלוצישע באַוועגונג און זיך צוגעבונדן צו אירע אָנפירנדיקע חברים. זייענדיק אין וואַרשע האָט ער אויך אָפּגעהיט דעם קאָנטאַקט מיטן ביאַליסטאָקער געטאָ. אין איינער פון זיינע אָנווייזונגען הייסט עס: „מיר זיינען אַלע ברידער און קינדער פון איין משפחה". זיינע חברים האָבן עס פאַרשטאַנען אַלס אַ דירעקטיוו צו שאַפן אַן איינהייט־לעכן פראָנט און האָבן אַזוי געהאַנדלט. פונם וואַרשעווער געטאָ האָט ער זיך אויך באַמיט אַרויסצושיקן גרופּן קעמפער אין וואַלד. אין די שווערע גירוש־טעג האָבן אים זיינע חברים געוואָלט אַריבערנעמען אויף דער אַרישער זייט וואַרשע, ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ענטפערנדיק, אַז זיין אָרט איז דאָ, ווו זיין פאָלק קעמפט און שטאַרבט. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס אין טרעבלינקע, אין הערבסט 1942, בשעת דעם גרויסן גירוש (מען גיט איבער, אַז אין דער באַן, וואָס האָט אים געפירט צום טויט, בשעת אידן האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן צווישן זיך אין דער שוידערלעכער ענגשאַפט, וועגן אַ ביסל לופט, אַ טראָפּן וואַסער און אַ פּיצעלע באַקוועמערן פּלאַץ, האָט ער זיך צו זיי געווענדעט: „אידן, איר פאָרט דאָך צום טויט, געדענקט, אַז איר זענט אידן און פאָרט בכבוד"). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנ־שאַפטלער און קינסטלער (זיין פרוי רות, מיט וועלכער ער האָט זיך צעשיידט דעם 22־טן יוני 1941, אַוועקשיקנדיק זי פון ביאַליסטאָק מיט דער עוואַקואַציע קיין אָמסק — זי איז דאַמאָלסט געווען אין ניינטן חודש — איז צווישן די געראַטעוועטע, און אויך דאָס קינד, וואָס טראָגט דעם פאָטערס נאָמען; זי זעצט פאָר איר אַרבעט אין פּוילן).

לעווין אברהם: געבוירן אין וואַרשע, אין 1893, ביי אַ פאָטער אַ למדן מיט סמיכות אויף רבנות און דערביי אַ משכיל, אַ גוט־האַרציקער מענטש און אַ בעל מידות. אברהם האָט פון קינדווייז־אָן ליב געהאַט צו לערנען. ער פלעגט זיצן אין שטוב און לערנען רעליגיעזע און וועלט־לעכע לימודים. יונגערהייט איז ער געוואָרן אַ יתום פון פאָטער און אויף אים איז געפאַלן דער פרנסה־יאָך פון דער גאַנצער משפּחה. ער האָט זיך נישט באַקלאָגט און אָנגענומען אַלץ פאַר ליב. אַ רואיקער, באַשיידענער און גוטהאַרציקער מענטש, איז ער געווען באַליבט ביי אַלע זיינע באַקאַנטע. אין 1911 איז ער געווען צווישן די גרינדער פון דער וואַרשע־ווער גרופּע חלוצי־ציון, וואָס אַ טייל פון איר איז אין 1912 אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. צו 17 יאָר

בילד פון 1930

האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס לערער פון העברעאיש און אידישע געשיכטע אין דער וואַרשעווער העברעאישער שול „יהודיה", וועלכע איז דערנאָך געוואָרן אַ העברעאיש־פּויילישע מיידלעך־גימנאַזיע. אין 1925 האָט ער חתונה געהאַט מיט ל י ו ב א ה ו נ ט ע ר, די טאָכטער פון הרב הונטער און אייניקל פון וואַרשעווער הויפּט־רב ר' אידעלע סגל (אידעלע מורה הוראה). אין 1930, ווען די רעגירונג האָט געפּרווּט צוליב פאַרמעלע סיבות צונעמען ביי אים די לערער־רעכט, האָט ער זיך געשטעלט צום עקזאַמען און אים אויסגעהאַלטן מיט אויסצייכנונג. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־פּערזאָנען אין דער גימנאַזיע, — דער סעקרעטאַר און נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון דער לייטערין ב ת ש ב ע ש ו ו י י ג ע ר (איר נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעל־שאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער), און זייער באַליבט און אָנגענומען ביי די תלמידים.

ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל, האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל און געטרוימט זיך דאָרט צו באַזעצן, אָבער מען האָט אים נישט באַפרייט פון זיין אַרבעט אין דער שול. אין 1934 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אידיש אַ בוך פון 360 זייטן מיטן נאָמען „קאַנטאָניסטן" (מ. ק. האָט עס איבערגעזעצט אין העברעאיש און „עם עובד" גיט עס אַרויס), וועגן דער געשיכטע פון כאַפּן אידישע קינדער און אָפּגעבן זיי אויף אַסך יאָרן אין מיליטער אין די צייטן פון צאַר ניקאָליי דעם ערשטן (1827—1856). דאָס בוך האָט ער געווידמעט „די יונגע און צאַרטע נשמות, וואָס זיינען פאַרפייניקט געוואָרן אין די קאַזאַרמעס", און אין דער הקדמה שרייבט ער: מ'דאַרף אַלע אידישע קינדערישע טרערן פון דער קאַנ־טאָניסטן־תקופה איינזאַמלען אין איין בעכער און אים אַוועקשטעלן צווישן אונזערע פּילע, מיט טרערן און בלוט פאַרפולטע בעכער. דאָס פאָלק דאַרף זיינע יונגע קדושים נישט פאַרגעסן". ער האָט זיך דאַמאָלסט נישט פאָרגעשטעלט, אַז אים וועט אינקורצן באַשערט זיין מיטצוזאַמלען טרערן און בלוט פאַר אַן אומפאַרגלייכלעך־גרעסערן יסורים־כוס פון אונזער געפייניקט פאָלק.

בשעת דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען אַקטיוו אין אידישן אונטערערד. ער האָט זיך געווידמעט דער קולטור־אַרבעט אין געטאָ און ער האָט געהערט צו דער גרופּע, וועלכע האָט — מיט דר. ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל־ב ל ו ם בראש — אויפגעשטעלט דעם געהיימען צענטראַלן אַרכיוו מיטן צוועק צו זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דער מאַרטירלאָגיע פון די פּוילישע אידן (אגב, אין זיין בוך וועגן די קאַנטאָניסטן דריקט ער אויס אַ דאַנק זיין פריינט און חבר ר י נ ג ע ל ב ל ו מ ע ן פאַר זיין מיטהילף אין דער אַרבעט). אין געטאָ איז ער אויך געווען טעטיק אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף און כאָטש ער האָט געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען, האָט ער אויך אין יענע ביטערע טעג ווייטער

פאַרגעזעצט זיין פעדאַגאָגישע טעטיקייט, צו וועלכער ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן,—ער האָט אונטעריכטעט אין די אונטערערדישע לערנאַנשטאַלטן העברעאיש, תנ"ך, אידישע געשיכטע און ליטעראַטור. ער האָט געשריבן אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון געטאָ.

בשעת דעם גרויסן גירוש, יולי־סעפטעמבער 1942, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן זיין פרוי ל י ו ב א און זייער 14־יאָריקע טאָכטער א ו ר ה. פון גרויס צער האָט ער געפּרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט. ער איז אומגעקומען אין אַ קורצער צייט שפּעטער, בשעת דעם באַקאַנטן „קעסל", צווישן 6־טן און 12־טן סעפּטעמבער 1942 (זע זייטן 92 און 93 און באַמערקונגען 8 און 9 דאָרטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער.

*** לעווין דינה:** געבוירן אין לאָדזש, דעם 29־טן סעפטעמבער 1923, — די טאָכטער פון ל י י ז ע ר ל ע װ י ן, דעם אַלט־באַקאַנטן טוער פון פועלי־ציון (צ.ס.) אין פוילן. זי איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ שטוב — דורכגעזאַפּט מיטן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן גייסט. איר מוטער א ס ת ר (לעווי פונדערהיים) איז געווען אַן אַקטיווע חברטע ביי די לינקע פועלי ציון, פון די ערשטע לערערינס אין די באָראָכאָוו־שולן. ד י נ ה האָט געלערנט אין ד"ר מ. ז. ברוידעס גימנאַזיע אין לאָדזש, — די וואַקאַציעס פלעגט זי פאַרברענגען אין דער החלוץ־פאַרם אין גראָכאָוו ביי וואַרשע.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי צוזאַמען מיט די עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און זי האָט פאַרגעזעצט אירע לימודים אינם אונטערערדישן ליצעאום, געשאַפן דורך דער „דרור"־באַוועגונג. זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע חברטע פון „דרור" („פרייהייט—החלוץ הצעיר"), — אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט און אַן אָנפירערין פון דערציאונגס־גרופּעס פון „החלוץ". זי האָט ארויסגעוויזן אין איר טעטי־קייט פּאָליטישע וואַכזאַמקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלע טרייהייט, זי האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט גייסטיקן מוט און מיט אַ סך דרייסטקייט. די מוטער, וועלכע איז אויך אין וואַרשע געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער טעטיקייט פון דער באַוועגונג און אויך אין איר פעדאַגאָגישער אַרבעט, איז אומגעקומען בשעת דעם גרויסן גירוש, דעם 6־טן סעפטעמבער 1942.

ד י נ ה איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". אין הערבסט 1942 איז זי אַרויס מיט דער דריטער, לעצטער, גרופּע פון 20 „דרור"־קעמפער אין די הרוביעשאָווער וועלדער (זע זייט 142, באַמ. 27). בשעת אַ דאָקומענטן־קאָנטראָלירונג אין באַן, איז די גרופּע אַדורכגעפאַלן און דערמיט זיינען אַדורכגעפאַלן אויך די פריערדיקע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער

זעגמיל צוזאַמען מיטן אַרטיקן חלוצישן קערן. אַלע קעמפער זיינען אומגעקומען אין יענעם צוזאַמענשטויס. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז אין נאָוועמבער 1943 אריבערגעשיקט געוואָרן דורכן וואַרשעווער אונטערערד קיין לאָנדאָן איז איר נאָמען פאַרשריבן, על־פי־טעות: ג י נ א; דער פאָטער און אַ אינגערער ברודער גערא־טעוועט, געקומען קיין ארץ־ישראל, זע זייט 131, באַמערקונג 8).

*** לעוועגטאַל שמעון:** געבוירן אין וואַרשע, אויפגעוואַקסן אין אַ האַלב־אַסימי־לירטער שטוב. זיינע שפּיל־און־שול־חברים זיינען געווען קריסטלעכע קינדער, און בעת ער איז אַריינגעטרעטן אין „גורדוניה", האָט ער מיט־געבראַכט אין דער באַוועגונג אויך זיין נאָענטסטן פריינט — אַ קריסט. פאַמעלעך און ביסלעכווייז, אָבער קאָנסעקווענט האָט ער איבערגעריסן זיינע פאַרבינדונגען מיט די פריערדיקע חברים און ער האָט זיך אַריינגעטון אין דערלערנען העברעאיש, — זיין התמדה־קראַפט האָט אים בייגעהאָלפן צו דערגרייכן זיין ציל. ער פלעגט נישט אַדורכלאָזן קיין איין שמועס, כאָטש ער איז אין בילדונג אַריבערגעשטיגן אַ סך חברים אין גדוד. דער רואיקער און געלאַסענער שמעון האָט גענומען אויף זיך אַ טייל פון די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן אין קן און ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים באַטיי־ליקן אין אַלץ. ער האָט געטרוימט וועגן ים־הכשרה אָבער ער האָט אָפּגעלייגט זיין אַרויספאָר אין דער פּלוגה פון ים־הכשרה אין גדיניע, ביז ער וועט נישט באַווירקן זיינע יונגע חברים פון זיין אַסימילירטער סביבה — זיי זאָלן גיין אין זיין וועג. אַ סך פון זיי האָט ער טאַקי אַריינגעבראַכט אין דער באַוועגונג.

בעת דער מלחמה, איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. זיין גוישער אויסזען האָט אים דערמעגלעכט צו פירן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט אין די שווערע געטאָ־צייטן. ער האָט טריי געדינט זיין באַוועגונג אינם אונטערערד. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „גורדוניה" און אָנטיילגענומען אין די ערשטע באַוואָפנטע געטאָ־צוזאַמענשטויסן, יאַנואַר 1943. אַ קורצע צייט פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד, איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן, צוזאַמען מיט זיין חבר י ה ו ד ה ק אַ נ ס ק י (לפ"ג), אין אַ מאָמענט ווען זיי האָבן אויף דער אַרישער זייט באַקומען געוועער פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע (וועגן זייער אַרעסט זע — די אזכרה־פאַרצייכניש וועגן יהודה קאַנסקי). ער איז געמאַטערט געוואָרן מיט שרעקלעכע פייניקונגען בשעת דער געסטאַפּאָ־אויספאָרשונג אונטער דער אָנפירונג פונם באַוואוסטן סאַדיסט בראַנד (רעפערענט פון אידישע ענינים אין וואַרשעווער געסטאַפּאָ, דער אכזריותדיקסטער און פאַרהאַסטעסטער צווישן די תליינים פון וואַרשעווער געטאָ, צווישן די אָנפירער פון דער „באַפעלסשטעלע", אויף זשעלאַזנע־גאַס 103; ער האָט נאָכן גרויסן גירוש אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער 1942 געהאַט די פאַקטישע מאַכט איבער די אידן אין געטאָ),

אָבער ער האָט גענומען אויף זיך אַלע יסורים און האָט קיין שום זאַך נישט דערציילט. זיין דערנאָך אַרויסגעגעבענער קערפּער איז געווען אינגאַנצן שוואַרץ. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף — 26 יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער איז אומגעקומען.

לענט הירש: געבוירן אין 1898. געווען אַ סטאָלער. פון דער יוגנט־אָן געווען אַקטיוו ביי די לינקע פּועלי ציון און ענערגיש זיך באַטייליקט אין אַלע פּאַרטיי־אַרבעטן. געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. אין 1925 איז ער געקומען מיט זיין משפחה קיין ארץ־ישראל, אָבער צוליב אַ שווערער קראַנקהייט פון זיין פרוי האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. דאָרטן איז ער געווען איינער פון די פּאָר געציילטע אידישע טראַמוויי־אַרבעטער און פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אין דער פּאַרטיי און אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון דער באַוועגונג — אינם עלטערן־קאָמיטעט פון דער באָראָכאָוו־שול, אַלס קאַסירער פון דער קיך ביים „אַרבעטער־היים" פון די לינקע פּועלי־ציון א.א.


בילד פון 1925

בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, סעפּטעמבער 1939, פלעגט ער קומען אין אַלע ערטער פון סכנה און דערלאַנגט הילף. אין דעצעמבער 1939 איז אים געלונגען אַריבערצופאָרן קיין לעמבערג און אויך דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין שטאָטישן טראַמוויי. אין אָנהויב 1942 איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און זיך געווידמעט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דער אונטערערדישער אַרבעט. ער איז געווען באַשעפטיקט אין „צענטאָס" און דערנאָך אינם „שאָפּ" פון קורט רעריך. ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין אָנהויב 1942, איז ער געווען איינער פון די צוויי קאָמאַנדירן (מיט פישלזאָן, לפ"ג), וועלכע האָבן שוין דאַמאָלסט אָרגאַניזירט הונדערטער קאַמף־פינפטלעך, כאָטש זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין געווער.

נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד, אין אַפּריל 1943, האָבן אים די דייטשן אַרויסגעשיקט אין טויט־לאַגער מאַידאַנעק. דאָרט איז ער דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך 18 טויזנט אידן דעם 3־טן נאָוועמבער 1943, בשעת דער ליקווידירונג פון די אידן אינם לאַגער. זיין נאָמען געפינט זיך צווישן די דערמאָרדעטע אַקטיווע חברים, וועלכע ווערן דערמאָנט אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון פון 24־טן מאַי 1944 — צו זייערע חברים אין ארץ ישראל (וועגן זיין זון שאַנן — זע ווייטער).



* **לענט שאנן:** געבוירן אין תל־אביבער פאַרשטאָט נוה־שאנן (דערפון זיין נאָמען) אין מערץ 1926, — דער זון פון הירש לענט (זע פריער). אַלס קינד איז ער געקומען מיט זיינע על־טערן קיין פוילן. ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ שטוב — דורכגעזאַפּט מיט ליבע צום אַרבעטנדן ארץ־ישראל. נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריבער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן קיין לעמבערג און דאָרטן האָט ער — ווי עס גייט איבער זיין פעטער, דער קאָמוניס־טישער טוער אין פוילן מ ל ך ב י ט ע ר — אָנגע־שלאָסן זיך אין דער קאָמוניסטישער יוגנט. שאנן איז געווען אַן אַנטוויקלטער אינגל, — באַליבט ביי אַלע זיינע באַקאַנטע. אומקערנדיק זיך קיין וואַרשע, איז ער, נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן, אַנגענומען געוואָרן אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פועלי־ציון. בשעת די שלאַכטן האָבן אים זיינע עלטערן געבעטן, ער זאָל איבערבלייבן אין בונקער, אָבער ער האָט דערויף געענטפערט: „איך וועל נישט פאַרקריכן אין באַהעלטעניש ווי אַ מויז, איך וועל קעמפן פאַרן כבוד פון אידישן פאָלק״.

שאנן איז געפאַלן אין די געטאָ שלאַכטן, דעם 3־טן מאַי 1943, אין אַ צוזאַמענ־שטויס מיט ס.ס.־לייט ביים איבערגיין פונם בונקער אויף פראַנציסקאַנער גאַס 30 אין אַן אַנדער אָרט; איידער ער איז געפאַלן, האָט ער דערהרגעט דריי ס.ס.־לייט. פאַר־וואונדעט ווערנדיק, האָט ער איבערגעגעבן די ביקס זיין קאָמענדאַנט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, — 17 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געפאַלן (נאָך פרטים וועגן אים — זע אין די „סילועטן פון קעמפער״ פון הערש וואַסער, קאַפּיטל „דער יונגער פאַרטיזאַן״, זייט 295).

* **לעווסקי איזשאַ (יוסף?):** איינער פון די קאָמוניסטישע טוער, וועלכע זיינען אין זומער 1941, נאָכן איבערפאַל פון די דייטשן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, געקומען פון די מזרח־געביטן קיין וואַרשע. אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). אַ הויכער, בלאָנדהאָרי־קער, מאָגערער בחור, — זייער אַ באַגאַבטער און אַ מוטיקער. ער האָט געהערט צו אַ קאַמף־אָפּטיילונג אין „צענטראַלן געטאָ״. אינם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, דעם 19־טן אַפּריל 1943, איז ער אַרויסגערופן געוואָרן צום קאָמענדאַנט פון טעבענס־שולץ־געביט, אליעזר ג ע ל ע ר (לפ״ג), ווייל מען האָט געדאַרפט אויפקלערן דעם אמת וועגן עמיצן, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ (זע זייט 266, באַמ. 6). ער האָט שוין נישט באַוויזן אומצוקערן זיך צו זיין אָפּטיילונג, און בעת

די קאַמפן האָט ער געקעמפט אין טעבענס־שולץ־געביט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קאַלטבלוטיקייט און העלדישקייט (זע אויך זייטן 266 און 267, באַמ. 7). ער איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרי־שער זייט און האָבן זיך קאָנצענטרירט אינם טאָל ביי לאָמיאַנקי. ווען מען האָט אַרי־בערגעפירט די קעמפער פון זייער באַהעלטעניש נעבן לאָמיאַנקי אין די ווישקאָווער וועלדער, איז ער געווען צווישן די באַגלייטער פונם אויטאָ, אין אַ דייטשער מילי־טערישער אוניפאָרם און מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ער איז אויך געווען אין דער גרופּע פון די צען קעמפער אונטער דער קאָמאַנדירונג פון מרדכי גראָוואַס (לפ״ג), וועלכע האָט אַ געוויסע צייט צוזאַמענגעאַרבעט מיט פּאַרטיזאַנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״, און זיינען דערמאָרדעט געוואָרן (זע זייטן 187 און 188, באַמ. 3). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

לערנער שלמה: געבוירן אין בענדין ביי אַרבעטנדיקע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ לוינאַרבעטער. פון קינדהייט אָן האָט ער געליטן דחקות און געלעבט שווער. גאָר יונג איז ער אַריינגעטרעטן אין „גורדוניה״ און דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ אינגל אין סקויטן־גדוד ביז אַ מיטגליד פון דער הנהגה פון זאַגלעמביער ראַיאָן (די געגנט פון די קוילן־גרובן נעבן דער דייטשער גרעניץ). זיינע בעס־טע כוחות האָט ער געווידמעט דער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן. ער איז געווען אַ באַשיידענער בחור, זיין אַרבעט פלעגט ער טון רואיק, אָבער מיט גרעניצלאָזער איבערגעגעבנקייט.

בילד פון 1941

בשעת דער מלחמה איז ער באַלאָדן געוואָרן מיט זייער אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און עטלעכע מאָל האָט אים געדראָט די סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערן אין לאַגער, ווייל ער האָט פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט אין דער שניידער־פאַבריק, וואָס אַלע נישט־אַרויסגעשיקטע אידן האָבן געמוזט דאָרטן אַרבעטן. שפּעטער האָט ער באַקומען אַ דרום־אַמעריקאַנישן פּאַס און ער האָט געקענט זיך ראַטעווען ווי אַנדערע חברים, וועלכע זיינען פּסח 1943 אַריבערגעפירט געוואָרן קיין טיטמאַניק אין וויר־טעמבערג אינם לאַגער פאַר פרעמדע אונטערטאַנען. אָבער די הנהגה פון „גורדוניה״ האָט באַשלאָסן, אַז ער און האַנקאַ באָרנשטיין (אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן העברעאישן לערער, אַ געטרייע און דרייסטע קעמפערין, אומגעקומען אין אָשוויענט־שים) דאַרפן פאַרבלייבן אין בענדין אָנצופירן מיט דער באַוועגונג און מיטצואַרבעטן ביי דער צוגרייטונג פונם ווידערשטאַנד. אין יענער צייט האָט אויך דער „החלוץ״, מיט

פ ר ו מ ק ע ן בראש, אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די חברים דאַרפן פאַרבלייבן אויפן אָרט און אַקטיוו זיך באַטייליקן אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די לעצטע חדשים פאַרן גירוש האָט ער אײַנגעאַנצן אויפגעהערט גיין אין דער פאַבריק און האָט זיך געווידמעט נאָר דער אַרבעט אין דער באַוועגונג און די צוגרייטונגען צום ווידערשטאַנד. צוליב דער סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערן, האָט ער נישט געוואוינט ביי זיך אינדערהיים נאָר אין אַ באַהעלטעניש צוזאַמען מיט אַ גרופּע „גורדוניה"־חברים פון וואַרשע. צוויי טעג איידער ער איז אומגעקומען, דעם 30־טן יולי 1943, האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ חברים־פאַרזאַמלונג צום געזעגענען זיך מיט אַ חבר, וועלכער האָט געזאָלט צוזאַמען מיט מיטגלידער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אַריבערקלייבן זיך קיין אונגאַרן; אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט שלמה געזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט אים ווערן 24 יאָר און ער צווייפלט צי ער וועט זוכה זיין צו דערלעבן דעם טאָג. און טאַקע דעם 1־טן אויגוסט 1943, ווען מען האָט אַרויסגעשיקט די לעצטע בענדינער אידן, האָט ער זיך געפונען מיט אַ גרופּע חברים אין אַ בונקער, אין אַ פאַרם מחוץ פון געטאָ און זיי האָבן געהאַט געווער. עס איז זיכער, אַז זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד בעת מען האָט זיי געכאַפּט. געננוי ווייסט מען גאָרנישט וועגן זייער גורל, ווייל מען האָט אפילו זייערע קערפּערס נישט געפונען. אפשר האָט מען זיי פאַרשלעפּט קיין אָשוויענטשים באַכדעם ווי זיי זיינען געפאַלן אין ווידערשטאַנד, און אפשר זיינען זיי געפאַלן אַ קרבן פון אַ מסירה. איצטער איז שוין באַוואוסט, אַז זייער פּוילישער פאַרטרויאונגס־מאַן פראַנצישעק דודעק, וועלכער איז געוועזן אַקטיוו אין פּוילישן אונטערערד און האָט אויך זיי געהאָלפן און געוואוסט וועגן אַלע זייערע פאַרבאַרייטונגען, — האָט געדינט אין דער געסטאַפּאָ, און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז זיי זיינען אומגעקומען אַלס קרבנות פון אַ מסירה (וועגן דעם פאַל זע אינם קאַפּיטל „דער געטאָ אין גראַנגל", זייטן 63 און 64).

* **לערער צפורה:** געבוירן אין פּאַטשאַיעוו, וואָלין, אין 1920, אין אַ ציוניס־טישער משפחה. איר פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער און שווער אויסגעהאָרעוועט די חיונה פאַר דער משפחה (צפורה האָט נאָך געהאַט צוויי אינגערע שוועסטער און צוויי אינגערע ברידער). די עלטערן האָבן דערצויגן די קינדער אין גייסט פון אַרבעטנדן ארץ־ישראל. צפורה האָט געלערנט אין אַ פּוילישער שול אין איר שטעטל און דערנאָך האָט זי געלערנט ניטערייַ אין דער „אָרט"־שול אין קרעמעניץ. זי איז אַריינגעטרעטן אין „החלוץ" און אין 1938 איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין קיבוץ־באָראָכאָוו אין לאָדזש און געאַרבעט אין דער ניטערייַ (איר אינגערע שוועסטער, לאה, איז געפאָרן אין גראָכאָווער קיבוץ). אַ טרייע און איבערגעגעבענע חברטע פון דער באַוועגונג.

בשעת דער מלחמה איז זי געווען צווישן יענע חברטעס, וועלכע האָבן געקעמפט

פאַר דער עקזיסטענץ פונם קיבוץ אין לאָדזשער געטאָ, און זי האָט נישט געוואָלט שלום־מאַכן מיט זיין ליקווידירונג. שפּעטער איז זי אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און געוואָרן אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט. לויט ווי עס דערציילן אָנגעקומענע קיין ארץ־ישראל, וועלכע זיינען געווען צוזאַמען מיט איר אין וואַרשעווער געטאָ ביז 1942, האָט זי געאַרבעט אין יאַנוש קאָרטשאַקס יתומים־הויז און איז דאָרט געווען צווישן די גוטע דערציערינס. זי איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור". בעת די שלאַכטן, האָט זי געקעמפט אין חנוך גוטמאַנס (לפ"ג) גרופּע. אויך אין די קאַמף־טעג איז זי געווען לעבהאַפטיק און מלא חן. זי האָט אויפגעמונטערט די קעמפער און צוזאַמען מיט אירע חברטעס דבורה באַראַן און פייטשע ראַבאָוו (ביידע לפ"ג), האָט זי אויפגעהאַלטן אַ גוטע שטימונג צווישן די קעמפער. זי האָט געטרוימט וועגן אַ רואיק לעבן אין שויס פון דער נאַטור, אָבער די ווירקלעכקייט האָט זי אַוועקגעשטעלט אין אַ שלאַכט־פראָנט מיט געווער אין האַנט. ווען שמחה ראַטהייזער, אַ חבר פון איר אָפּטיילונג, איז דעם 30־טן אַפּריל אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ שליחות אויף דער אַרישער זייט, האָט זי צו אים אַ זאָג געטון: „ווי שטאַרק איך וואָלט נאָך געוואָלט זען אַמאָל אַ גרינע לאָנקע". אין די דאָ פאַרעפנטלעכטע טאָגביכער פון קעמפער ווערט דערציילט, ווי אַזוי אַ גרופּע דייטשן איז דערשטוינט געוואָרן דערזעענדיק אין פראָנט אַ פרוי, און זיי האָבן געעפנט אַ שיסעריי ספּעציעל אויף איר, אָבער זי האָט זיך נישט איבערגעשראָקן און האָט זיי מקבל פנים געווען ווי ס'דאַרף צו זיין. זי איז געפאַלן דעם 3־טן מאַי 1943 אין דער שלאַכט, וועלכע האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט בשעת דעם איבערגאַנג פונם בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 אין אַן אַנדער בונקער (נאָך פרטים — זע זייט 296, באַמערקונג 2). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויף דער נאָמען פון איר חבר: צבי עדעלשטיין).

מאַטיוויעצקי מנשה (אַנאַטאָל, פּסעוודאָנים: נאַסטעק): געבוירן אין קאָברין. געלערנט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט און מיטגעאַרבעט מיטן באַרימטן וואַרשעווער אַדוואָקאַט בערנסאָן. מאַטיוויעצקי איז געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט נאָך פאַר דער מלחמה און מיט דער גאַנצער נשמה פאַרבונדן מיט דער אידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט; האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר אידישע פּראָבלעמען און אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו די ציוניסטישע שטרעבונגען. אַן אמת אידעלע פּערזענלעכקייט.

בשעת דער מלחמה איז ער געווען אַ געטרייער מיטהעלפער אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, — דער לייטער פון איינעם פון די גרויסע הילפס־קעמערלעך פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט. זיין אַקטיווע קאַמף־טעטיקייט איז געווען

אינם אַלגעמיין פּוילישן אונטערערד. ער איז דאָרט געווען אַ שטאַב־אָפיצער, אַ מאַיאָר, פריער אין דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" (פאָלקס־גוואַרדיע) און דערנאָך אין דער „אַרמיאַ לודאָוואַ" (פאָלקס־אַרמיי). בשעת דעם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, איז ער געווען איינער פון די קאָמענדאַנטן אין אַלטשטאָט. ער איז געפאַלן אויף פרעטע־גאַס צוזאַמען מיט נאָך פיר שטאַב־אָפיצערן אין סוף אויגוסט 1944. נאָך דער באַפרייאונג פון וואַרשע, איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבורה, דעם 23־טן מערץ 1945, צוזאַמען מיט די העלדן פונם אויפשטאַנד, אינם העלדן־פּאַנטעאָן, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרן אין צענטער פון וואַרשע.

* **מאַיופּעס (מה־יפית):** אַ וואַרשעווער. אַ דרוקער־אַרבעטער. אַ סימפּאַטיקער פון „בונד". אין דער אונטערערדישער תקופה איז ער געווען אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ביים דערוועלבן געוועב. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער רשימה, וואָס דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין וואַרשע האָט אַריבערגעשיקט אין נאָוועמבער 1943 קיין לאָנדאָן, איז זיין נאָמען אָנגעגעבן צווישן די מיטגלידער פון די קאַמף־גרופּעס פון די לינקע פּאַרייען — אידישע קאָמוניסטן — און אפשר איז דאָרט אַריינגעפאַלן אַ טעות. זיכערע איינצלהייטן וועגן אים האָבן מיר נישט באַוויזן צו באַקומען).

* **מאיראָוויטש מאיר (מאַרעק):** קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון פּועלי־ציון (צ.ס.). געבוירן אין גאַרוואָלין ביי וואַרשע, סעפּטעמבער 1911, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ טאַבאַק־פאַבריקאַנט. ווען מאיר איז נאָך געווען אַ קינד, זיינען זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דער אידישער געגנט פון וואַרשע, וואו זיי האָבן געוואוינט. ער האָט געלערנט אין אַ פאָלקס־שול און דערנאָך אין „תחכמוני". ביז זיין 14־טן לעבנסיאָר איז ער געווען זייער פרום, אָבער אָנקומענדיק אין דער גימנאַזיע „אסכולה" האָט ער זיך אין דעם פּרט געענדערט. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע, האָט ער געלערנט יוריספּרודענץ אין אוניווערזיטעט, אָבער ער האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס אויך פאַר אַנדערע געביטן, ווי כימיע און מוזיק, און אויך אין זיי דערוואָרבן


בילד פון 1930

אַ סך ידיעות. מיט דער פאַררעגערונג פונם פאָטערס עקאָנאָמישן מצב (אין רעזולטאַט פון דער איינפירונג פונם מלוכה־מאָנאָפּאָל אויף טאַבאַק־פּראָדוקטן אין פּוילן), האָט ער געמוזט אויסער די לימודים און זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מיטהעלפן דער משפחה — דורך פּריוואַטע לעקציעס און שרייבן אין דער פּרעסע.

די אַטמאָספער אין שטוב איז געווען אַ אידיש־נאַציאָנאַלע (אין 1922 האָט זיין פאָטער באַזוכט ארץ־ישראל), און אין דעם גייסט זיינען דערצויגן געוואָרן די קינדער (פיר זין און דריי טעכטער ; נאָר דריי פון זיי האָבן איבערגעלעבט דעם קריג. די אַנדערע פיר און די עלטערן זיינען אומגעקומען). נאָך זייענדיק אין גימנאַזיע, איז מאיר אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג פון פועלי־ציון (צ.ס.), שפּעטער איז ער געווען מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט און פאָרזיצער פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד אין פּוילן, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. אַן אייגנאַרטיקע, אידעאַליסטישע נאַטור ; אַ אין־זיך־קאָנצענטרירטער מענטש ; אַ פעסט־אַנטשלאָסענער און צאַרט־איידעלער גלייכצייטיק. ער איז געווען אַ זייער אַקטיווער און באַגאַבטער טוער אויפן קולטור־געביט, — האָט אָרגאַניזירט זומער־קאָלאָניעס, פאָלקס־אוניווערזיטעטן א.אַ.וו. ער האָט זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט אויפקלערן דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם אין פּוילישע אַרבעטער־קרייזן און באַזונדערס צווישן דער אינטעליגענץ. ער האָט אָנטיילגענומען אין די אויסגאַבעס פון דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין פּויליש. ער איז אויך געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון „שול־קולט״.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריבער אין סאָוויעטישן געביט און האָט געלעבט אין לעמבערג. ער האָט געשפּירט די קאַטאַסטראָפע, וואָס קומט אָן אויפן אידישן פאָלק און אין אַ בריוו פון יענער צייט צו זיין שוועסטער, וועלכע איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד (דערנאָך איז איר געלונגען צו קומען קיין ארץ־ישראל), האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק דידאָזיקע געדאַנקען זיינע און ער האָט איר מודיע געווען וועגן זיין אַנטשלוס אומצוקערן זיך קיין וואַרשע כדי צו זיין אין דער שווערער צייט צוזאַמען מיט די עלטערן און מיט די חברים. אינמיטן 1941 איז ער טאַקי צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער איז באַלד געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט און אין דער צוגרייטונג פונם ווידערשטאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער פּאַרטיי־אויסגאַבע אין פּויליש „נאָווע טאָרי״ (נייע וועגן) און אויך אין געטאָ איז ער געווען טעטיק אין אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער סטודענטן־גרופּע. ער ווערט אַ סך מאָל דערמאָנט אין די קאַמף־באַריכטן אין צוזאַמענהאַנג מיט אויף־אים אָרויפגעלייגטע, פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן.

בשעת די געטאָ־שלאַכטן, האָט ער געקעמפט מיט זיין גרופּע אינם געביט פון „פּראָדוקטיוון געטאָ״ (די וואַרשטאַטן פון טעבענס און שולץ), אויף נאָוואָליפּיע 31, און דערנאָך זיינען זיי דורך בוידעמער און דעכער אַריבער אויף לעשנע 36. ער איז

געווען צווישן די געטאָ־קעמפער, וועלכע זיינען נאָך די שלאַכטן אַריבער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. אַרויסקומענדיק, האָבן זיי אָנגעטראָפן דייטשע זשאַנדאַרמען און אינם צוזאַמענשטויס זיינען געפאַלן אַלע קעמפער אויסער צוויי: מאיר איז געווען איינער פון די צוויי. דעם 24־טן מאַי 1943 האָט ער זיך געפונען אין דער באַהעלטניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויפן בוידעם פון דער פאַבריק פאַר פילם־בענדער און צעלולאָיד־אויסאַרבעטונג, אין דער פאָרשטאָט פּראַגע, אויף 11־טער נאָוועמבער־גאַס נומער 10. דאָרטן האָבן זיך געפונען 10 חברים, צווישן זיי אויך טאָסיאַ אַלטמאַן, אליעזר געלער (ביידע — לפ״ג), מאַניע גראַיעק (שלום גראַיעקס פרוי) און אַנדערע. אויפן בוידעם איז אויסגעבראָכן אַ שרפה און אַלע — אויסער אליעזר געלער און מאיר שוואַרץ (לפ״ג), זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט; צווישן זיי אויך מאיר מאיראָוויטש, ער איז דאַן אַלט געווען 32 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

מאַלינאָווסקי שמעון: געבוירן אין לאָדזש, 1910. דער פאָטער איז געווען אַ טעקסטיל־אַרבעטער. שמעון האָט זיך דערצויגן אין אַ מעדעם־שול און איז שוין דאַמאָלסט אַריין אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף״ און דערנאָך אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. צו 14 יאָר האָט ער פאַרלאָזט די שול און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס לערן־אינגל ביים קירזשנער־פאַך. ער איז שפעטער געווען אַקטיוו אינם לאָדזשער פראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די נאָדל־אַרבעטער, — פאָרזיצער פון דער קירזשנער־סעקציע. ער איז אויך געווען זייער אַקטיוו אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט — קאָמיטעט־מיטגליד פון „צוקונפט״ אין לאָדזש. אַ גוטהאַרציקער און מוטיקער איז ער געווען באַליבט ביי די חברים.



בעת דעם מלחמה־אויסברוך, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און האָט אָנטיילגענומען אין דער וואַרשע־פאַרטיידיקונג אין סעפּטעמבער 1939. שפעטער איז ער געווען אַקטיוו אין אידישן אונטערערד. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טראַווניקי און אויך דאָרט איז ער געווען אַקטיוו אין דער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף און אין דער גרופּע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ביז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן. — ער איז דאַן אַלט געווען 33 יאָר.

* **מאַנעלאַק בראַנקע:** געבוירן אין לאָדזש, אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז און אַ סביבה פון צוגעבונדנקייט צום אַרבעטנדן ארץ־ישראל. זי איז געווען אַ פועלי־ציוניסטין אין דריטן דור. סיי איר זיידע, אברהם מאַנעלאַק, דער טעקסטיל־אַרבעטער פון לאָדזשער באַלוט, סיי איר פֿאָטער עזריאל, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, און איר מוטער מלכה (רעדער פונדערהיים), אַ נייטערין, און אויך די איבעריקע פֿאַמיליע־מיטגלידער זיינען אַלע געווען געטרייע אָנהענגער פון פועלי־ציון. בראַנקע איז דערצויגן געוואָרן אינם לינק־פועלי־ציוניסטישן קינדערהיים אויפן נאָמען פון שורעק און דערנאָך האָט זי געלערנט אין אַ באָראָכאָוו־שול. זי איז נאָך קינדווייז געווען אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונגבאָר״ און שפּעטער אין דער „יוגנט״ פון די לינקע פועלי־ציון. זי האָט געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי אַריבער קיין וואַרשע און געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן אינם בערשטער־געביט. זי איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פועלי ציון. זי איז געפאַלן צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער ביים אַרויסגיין דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט דעם 10־טן מאַי 1943. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף — זי איז דאַן אַלט געווען ביי 20 יאָר.

* **מאַנפרעד:** פון דער יוגנט־עליה פון דייטשלאַנד, וועלכע זיינען קומענדיק קיין פוילן אַריינגעטרעטן אין „דרור״ און זיינען געווען אין גראָכאָוו־קיבוץ נעבן וואַרשע נאָך פאַר דער מלחמה. ער איז אויך געווען אַ חבר אין דער גראָכאָווער „החלוץ״־פאַרם, ווען זי איז באַנייט געוואָרן בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע. בשעת דעם גרויסן גירוש פון וואַרשע, יולי־סעפּטעמבער 1942, איז ער געווען אין אַ טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע, אָבער ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון באַן און צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור״ און האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט בשעת די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל 1943 (ער ווערט דערמאָנט אינם דאָ־אין־בוך־פאַרעפנטלעכטן טאָגבוך פונם קעמפער טוביה באָזשיקאָווסקי). ער האָט געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ״ אין דער גרופּע פון ז כ ר י ה אַ ר ט ש ט י י ן (לפ״ג). ער איז געווען פון די געטאָ־קעמפער, וועלכע זיינען פאַרבליבן צווישן די געטאָ־חורבות אויך נאָכן 8 מאַי 1943 (נאָכדעם ווי די מערצאַל לעצט פאַרבליבענע קעמפער זיינען אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן) און האָבן פאַרגעזעצט צווישן די חורבות דעם קאַמף. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. — ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען ביי 21 יאָר (אין דער ליסטע פון געפאַלענע ווערט אָנגעגעבן נאָר זיין פערזענלעכער נאָמען און מיר האָבן נישט באַוויזן פעסטצושטעלן זיין פאַמיליע־נאָמען).

*** מאָרגענשטערן יוחנן:** געבוירן חנוכה 1905 אין זאַמאָשטש. דער פאָטער אַ פרומער איד, אַ מאַנופאַקטור־סוחר, האָט אויך געהאַט אַן אינטערעס צו וועלטלעכע און נאַציאָנאַלע ענינים. יוחנן האָט געלערנט אין חדר און באַזוכט 7 קלאַסן פון דער אָרטיקער פאָלקס־שול. אויפגעוואַקסן אין אַ פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער־אידישער אַטמאָספער און איז איר פאַרבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן. נאָך אין די יוגנט־יאָרן האָט ער רעדאַגירט די צייטונג „זאַמאָשטשער שטימע". אין 1929 איז ער אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי קיין וואַרשע צו ווערן אינסטרוקטאָר פונם צענטראַל־קאָמיטעט. דידאַזיקע אויפגאַבע האָט ער דערפילט, צייטנווייז אין נאָמען פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל און צייטנווייז אין נאָמען פון דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. ער איז געווען צווישן די פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון די אידייען פון דער באַוועגונג אין אַלע געגנטן פון דער פוילישער מדינה. ער האָט געהערט צו יענעם טיפּ פון פּאַרטיי־פּראַקטיקער, וואָס אויף זיי שטיצט זיך אַ מאַסן־באַוועגונג. ער האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט ממש מיט מאַסן־חברים אין דער פּראָווינץ און ער איז געווען איינער פון די איבערגעגעבענע און געטרייע הויפּט־טוער במשך פון איבער צוויי צענדליק יאָר. נישט קיין סך חברים האָבן אַזוי ווי ער באַזוכט דאָס גרויסע, פיל־ערטערדיקע פוילישע אידנטום פון איין עק מדינה ביזן אַנדערן — צי דאָס איז געווען מזרח־גאַליציע אָדער ווילנער געגנט, זאַגלעמביע אָדער ביאַליסטאָקער סביבה. די חברים אויף די ערטער האָבן אים תמיד אויפגענומען מיט צופרידנקייט. ער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער רעדנער און אויך מיט זיין אויסערלעכער דערשיינונג האָט ער דערוואָרבן סימפּאַטיע ביי די חברים. זיין פּערזענלעכע נטיה איז געווען צו ליטעראַרישע טעמעס, אָבער די באַדערפענישן פון דער באַוועגונג האָבן אים געפירט אויף אַנדערע וועגן. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער וואָכנצייטונג פון דער פּאַרטיי „באַפרייאונג־אַרבעטער־שטימע", און שפּעטער אין דער טאָגצייטונג „דאָס וואָרט" (אונטערן פּסעוודאָנים י. שחר). אין קליינע באַשרייבונגען האָט ער געשילדערט דאָס פּראָווינץ־לעבן, געשטעמפּלט העסלעכקייטן און געקעמפט פאַר אויסבעסערונגען. ער האָט באַזוכט ארץ־ישראל און איז במשך עטלעכע וואָכן אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געלערנט די פּראָבלעמען און דערשיינונגען. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער געטרוימט וועגן באַפרייען זיך פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין פוילן, כדי ער זאָל זיך קענען באַזעצן אין ארץ־ישראל.



בילד פון 1934

אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן איז ער געווען צווישן די אַקטיווע מיטגלידער

אינם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אין איר נאָמען איז ער אויך געווען טעטיק אינם ביוראָ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס. האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פּוילן. ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אויפן איין־און־צוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווו, און האָט דאָרטן אָפּגעהאַלטן אַ סך באַראַטונגען און שמועסן מיט די ארץ־ישראלדיקע חברים מכוח דער פאַרשטייענדיקער טעטיקייט פון אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פּוילן אין דער נאָענטער תקופה.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער ביי לובלין. עס זיינען געמאַכט געוואָרן דערפאָלגרייכע באַמיאונגען צו העלפן אים אַנטלויפן פון דאָרטן. ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און איז געווען צווישן יענע, וואָס אַרום זיי האָט זיך קאָנצענטרירט די אונטערערדישע־טעטיקייט פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. אין די גרויזאַמע יאָרן האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט מיטן גאַנצן כוח זיין איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט. ער איז געשטאַנען אינדערשפּיץ פון „יעאַס", געווען דער פאַרשטייער פון דער באַוועגונג אין „דזשאָינט", ער איז געווען איינער פון די, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און ביז אַ קורצער צייט פאַר זיין טויט האָבן מיר דערהאַלטן פון אים אַ סך ידיעות. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן און אַ פּרעזידיום־מיטגליד פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. האָט געהערט צום שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — דער לייטער פון איר פינאַנץ־אָפּטיילונג. אין אַלע באַריכטן ווערט דערמאָנט זיין באַטייליקונג אין אַלע טעטיקייטן. לעצטנס האָט ער געאַרבעט אַלס בוי־אַרבעטער אין „קליינעם שאָפּ" פון שולץ. בשעת די הויפּט־שלאַכטן, אין אַפּריל 1943, איז ער געווען אין וואַרשעווער געטאָ. אין די ערשטע טעלעגראַמעס קיין אויסלאַנד וועגן געטאָ־אויפשטאַנד דערשיינט נאָך זיין נאָמען צווישן די געחתמעטע אין נאָמען פון איד. נאַצ. קאָמיטעט. דעם 29־טן אַפּריל איז ער געווען אין דער גרופּע, וועלכע איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. אַן ערך 30 חברים פון דער באַוועגונג זיינען אויסבאַהאַלטן געוואָרן אינם בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט, אויף אָגראָדאָווע־גאַס 29. דעם 6־טן מאַי האָט די געסטאַפּאָ אַנטדעקט דעם בונקער און אַלע געפונענע אַריבערגעפירט אין דער ס.ס.־קאָמענדאַנטור. די פרויען זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין טויט־לאַגער פון מאַידאַנעק און די מענער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט (צווישן זיי איז אויך געווען דער מיטגליד פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין וואַרשע י ה ו ש ע מ אַ ל ע ו ו אַ נ ט ש י ק, אַ מוטיקער קעמפער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז געווען אַ באַגאַבטער און טרייער מיטאַרבעטער פון איר שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג). י ו ח נ ן מ אָ ר ג ע נ ש ט ע ר נ ס נאָמען גע־

פינט זיך אין דער רשימה פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון פּועלי־ציון (צ.ס.) (פון זיין פאַרצווייגטער משפחה — אַ פרוי, עלטערן, 4 שוועסטער און אַ ברודער זיינען געבליבן ביים לעבן נאָר זיין עלטערע שוועסטער אסתר, וועלכע איז סוף 1947 געקומען קיין ארץ־ישראל און אַ צווייטע שוועסטער פּערל, וועלכע איז אין 1940 אַוועק קיין רוסלאַנד).


POSTKARTE

Türkei

Absender J. Zacharzon
Warschau
ul. Leszno 36/56

Kochany Rymalt!
My tu wszyscy Bogu dzięki jesteśmy zdrowi i pracujemy. Nasze dzieci uczą się dobrze i są bardzo zdolne. Wiktor jest chory i dlatego mało pracuje.
Oczekujemy z niecierpliwością odpowiedzi. Zasyłamy ukłony i pozdrowienia dla wszystkich. Całujemy mocno. Twój Zacharzon
29.V.1942 r.

אַ פּאָסט־קאַרטל פון יוחנן מאָרגנשטערן צום מחבר פון דעם בוך. לויטן פּאָסט־סטעמפּל אַרויס פון וואַרשע דעם 1־טן יוני 1942 און אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם 12־טן יוני 1942.

אין לאָדזשער „דאָס נייע לעבן" (5.12.1947) דערציילט א. וואָלף יאַסני וועגן צוויי וואַר־נונגען פון דער „אָבוּוערנעבנשטעלע" אין ווין צו דער קאָמענדאַנטור פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי אין וואַרשע, וועגן בריוו וואָס קומען קיין פּוילן פון סאַרקאַ מאַנדעלבלאַט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (אויף דעם אַדרעס איז אויך אָנגעקומען דאָס אויבּיקע קאַרטל פון י. מאָרגנשטערן ; איינער פון די וויכטיקע אַדרעסן פון די הסתדרות־פאַרשטייער). א. וואָלף יאַסני פאַרעפנטלעכט אויך איינעם פון די בריוו (צו ד"ר יצחק שיפּער פונם 11־טן מאַי 1942), וואָס די דייטשן האָבן פאַר־האַלטן. מיר האָבן פאַרויס גערעכנט דערמיט, אַז פון די הונדערטער בריוו אין אַלע באַזעצטע לענדער, אונטער פאַרשידענע נעמען און מיט פאַרשידענע אַדרעסאַטן, וואָס מיר האָבן דאַמאָלסט און שפּעטער געשריבן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלן אַ טייל אַדורכפאַלן. אַ גרויסער טייל פון די בריוו איז אָבער יאָ אָנגעקומען און מיר האָבן אויך באַקומען אַסך צענדליקער תשובות, וואָס עס האָט אונז פיל געהאָלפן ביים אָפּהיטן דעם קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג.

*** מאַרגענלענדער יצחק (איצעק):** געבוירן אין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי, ביי אָרימע עלטערן. געלערנט אין דער פאָלקסשול און געווען פון די אויסגעצייכנטע תלמידים, באַליבט ביי די חברים און צוציענדיק מיט זיין שיינעם קול און האַרציקן זינגען. אַלס יונגער אינגל האָט ער געהערט צו דער מזרחיסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „בני־עקיבא", און שפּעטער, אין מלחמה־צייט, איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר". געווען אַ סעקרעטאַריאַט־מיטגליד פון אָרטיקן קן און אַקטיוו אין דערציערישער טעטיקייט. אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, פריער ביי זיך אין שטעטל און דערנאָך אין וואַרשע, וואוהין ער איז אַריבערגעפאָרן אין פעברואַר 1943. בעת די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל־מאַי 1943, האָט ער געקעמפט אין דער גרופּע פון בנימין וואַלד (לפ"ג) אין טעבענס־שולץ געביט. עס איז אים געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט און שפּעטער האָט ער זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אין פּראַגע, אויפן בוידעם פון דער פאַבריק־געביידע אויף 11־טער־נאָוועמבער־גאַס נומ. 10. דאָרטן איז ער פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, צוזאַמען מיט דעם פריער־דערמאָנטן מאַרעק מאיראָוויטש און אַנדערע חברים, דעם 24־טן מאַי 1943 (מער פּרטים — זע אין דער אזכרה פאַרצייכניש וועגן טאָסיאַ אַלטמאַן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** מאַרדקאָוויטש בתיה:** געבוירן אין סוליעיאָוו, פּיאָטרקאָווער קרייז, אין אַ ציוניסטישער משפּחה. איר פאָטער איז געווען אַ מיטגליד פון „מזרחי". ווי אַלע אירע פינף ברידער און שוועסטער, איז זי געווען טעטיק אין פועלי ציון (צ.ס.) און אין „פרייהייט". בתיה איז געווען אַ פעאיקע און ערנסטע מיידל; אַ שווייגנדיקע און תמיד געוואָלט הערן און לערנען. איר גאַנצן יוגנט־ברען און אַלע אירע כוחות האָט זי אָפּגעגעבן דער באַוועגונג, און זי פלעגט גערן און געטריי איבער־נעמען אויפגאַבן און דערפילן זיי. זי איז געווען אַקטיוו אין דראַמאַטישן קרייז פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע און אָנטיילגענומען אין אַלע אָרגאַני־זאַציאָנעלע אַרבעטן. אין 1938 איז זי אַרויס אויף הכשרה אין קיעלצער קיבוץ, נאָכדעם ווי איר איז געלונגען גובר צו זיין די געגנערשאַפט פון די עלטערן.

בילד פון 1936

בשעת דער מלחמה איז זי אַריבער קיין וואַרשע און פאַרגעזעצט איר טעטיקייט אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג. זי איז דאָן אַריין אין אַ קאַמף־גרופּע פון „דרור".

בעת די געטאָ־שלאַכטן האָט זי געקעמפט אין „צענטראַלן־געטאָ“ אין דער קאַמף־גרופּע פון איר חבר יצחק בלוישטיין (לפ״ג). זי איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין געטאָ־געביט אויך נאָכן 10־טן מאַי 1943. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ. — 21 יאָר איז זי דאַמאָלסט אַלט געווען.

מאַרקאָוויטש באָלעק: אַן איבערגעגעבענער חבר פון דער „יוגנט“ פון די לינקע פּועלי ציון. האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן דראַנג צו וויסן.

אַ סך געלייענט — פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם ביז אַקטועלע פּראָבלעמען. בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. צווישן די הויפּט־איניציאַטאָרן און אָרגאַניזירער פון די געהיימע צונויפטרעפן פונם אַקטיוו פון דער לינקער פּועלי ציון „יוגנט“ אין דער דירה פונם אַלטן פּועלי ציון טוער אברהם פריינד אויף דער נאָוואָליפּיע־גאַס (זע אזכרה פאַרצייכעניש וועגן עמוס פריינד). אָט די צונויפטרעפן זיינען פאַר אים געווען אין יענע ביטערע טעג דער איינציקער קוואַל פון טרייסט און האָפנונג. ער ווערט דערמאָנט אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין וואַרשע, פון 24־טן מאַי 1944 צו זיינע חברים אין ארץ־ישראל, אַלס איינער פון די חברים, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אינם אונטערערד ביזן לעצטן מאָמענט און זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

מאָשקאָוויטש רבקה (ריווע): געבוירן אין בענדין, 1921, אין אַן אָרימער, אַרבעטנדיקער משפחה. געלערנט אין אַ פּוילישער פאָלקסשול. צוליב דער נויטווענדיקייט מיטצוהעלפן דער משפחה, איז זי געווען געצוואונגען אָנהויבן אַרבעטן פון דער פריער יוגנט; זי האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע אין אַ קליידער־געשעפט. 13 יאָר איז זי אַלט געווען, ווען זי איז אַריינגעטרעטן אין דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פריי־הייט“ און זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גאַנצע גרופּע אירע חברטעס. אין דער באַוועגונג האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס פאַראינטערעסירטקייט און אַקטי־וויטעט. זי פלעגט גובר זיין אַלע שוועריקייטן און זיך באַטייליקן אין יעדער אונטערנעמונג, ווי זומער־אָדער ווינטער־קאָלאָניעס א.אַ.וו. צו 15 יאָר איז זי

אויסגעוויילט געוואָרן אין בענדינער קאָמיטעט פון דער „פרייהייט“־אָרגאַניזאַציע.

ביי איר אינדערהיים איז מען געווען געגן איר אַרויספאָרן אויף הכשרה, אָבער

זי האָט נישט מותּר געווען דערויף. צו 17 יאָר איז זי אַרויסגעפֿאָרן אין קיעלצער קיבוץ און האָט באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן שווערע פֿיזישע אַרבעט אין אַ פֿאַבריק, באַגלייך מיט די בחורים. זייענדיק אויף הכשרה, איז זי אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אַ זעלבסט־שוץ־קורס און ווען זי איז צוריקגעקומען, איז זי געוואָרן אַן אינסטרוקטאָרין אין קיבוץ. אַ צוויי חדשים פֿאַרן אויסברוך פֿון דער מלחמה איז זי געפֿאָרן קיין בענדין כּדי צוצוגרייטן זיך צו דער עליה קיין ארץ־ישׂראל. ווען בענדין איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן איז ריווע מאַשקאָוויטש פֿאַרבליבן אויפֿן אָרט. דער בענדינער קיבוץ, אין וועלכן עס זיינען פֿאַר דער מלחמה געווען ביי 250 חברים, האָט זיך אויפֿגעלייזט בשעת דעם מלחמה־אויסברוך און ערשט שפּעטער זיינען די חברים ווידער זיך צוזאַמענ־געקומען ביסלעכווייז, — דאַן איז אויך זי אין אים אַריינגעטרעטן.

בשעת די אַרויסשיקונגען פֿון בענדין איז אויך איר פֿיל־פֿאַרצווייגטע פֿאַמיליע אַרויסגעשיקט געוואָרן און זי איז פֿאַרבליבן איינע אַליין. זי איז נישט אַוועקגעשיקט געוואָרן צוליב איר פּראָדוקטיווער באַשעפֿטיקונג אין דער וועשעריי פֿונם קיבוץ. זי האָט שווער געליטן פֿון מצב און איז קראַנק־געוואָרן. אין פֿרי־זומער 1943 האָט דער קיבוץ באַשלאָסן אַריבערצופֿירן זי, צוזאַמען מיט אַ חברטע פֿון „השומר הצעיר", אויף דער אַנדערער זייט פֿון די געטאָ־מויערן, כּדי אויסצוגעפֿינען באַהעלטענישן פֿאַר חברים. דערביי איז מען אויך אויסן געווען צו דערמעגלעכן איר אַביסל צו פֿאַר־בעסערן איר געזונט־צושטאַנד. צ ב י ה האָט דאַמאָלסט געשיקט פֿון וואַרשע פֿאַפּירן, כּדי אַריבערצופֿירן אַהין חברים פֿון בענדינער קיבוץ. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט אַרויסצופֿאָרן: זיי האָבן זיך געגרייט צו אַ ווידערשטאַנד און נישט געוואָלט הערן וועגן אַרויסראַטעווען גראָד זיי. די אָנפֿירנדע חברים האָבן זיך אָבער באַזונדערס באַמיט משפּיע צו זיין אויף ריווען, אַז זי זאָל אַרויספֿאָרן, ווייל ביי איר געזונט־צושטאַנד וואָלט איר געווען גאָר שווער אויסצוהאַלטן אין די באַדינגונגען, וועלכע מען האָט דערוואַרט. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז ר ע נ י אַ ק ו ק ע ל ק אַ (איצטער אין ארץ־ישׂראל, אין קיבוץ דפנה) זאָל פֿאָרן מיט איר קיין וואַרשע. ביידע זיינען זיי אַרויסגעפֿאָרן מיט אַרישע דאָקומענטן און זייער אויסערלעכער אויסזען האָט אויך מיטגעהאָלפֿן צו זייער אָנקומען אויפֿן אָרט (וועגן דערדאָזיקער נסיעה דערציילט ר ע נ י אַ אין איר בוך: „בנדודים ובמחתרת", פֿאַרלאַג הקיבוץ המאוחד, זייט 133). אין וואַרשע איז ריווע געווען טעטיק אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „זאָשאַ". זי האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט י צ ח ק צ ו ק ע ר מ אַ ן ביים אַריבערפֿירן געווער אין שטאָט און ביים ברענגען הילף די אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט. זי ווערט דערמאָנט אינם באַריכט פֿון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט (פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם בוך) אַלס איינע פֿון די איבערגעגעבנסטע און אַקטיווסטע מיטאַרבעטערינס אין דער הילפֿס־טעטיקייט פֿאַר די אויסבאַהאַלטענע אידן אויף דער אַרישער זייט וואַרשע. אַ געוויסע צייט האָט זי אין וואַרשע געוווינט

אויף סאַסקע קעמפּע. איר אויסזען ווי אַן אמתע קריסטלעכע מיידל, האָט איר אַסך גענוצט אין איר מוטיקער אונטערערד־אַרבעט אין וואַרשע.

דעם 1־טן אויגוסט 1944, בשעת דעם אויסברוך פֿונם אַלגעמיינעם אויפֿשטאַנד, האָט זי זיך געפֿונען אין שליחות פֿון דער באַוועגונג אויף טוואַרדע גאַס. אַ דייטשער אויטאָמאָביל האָט זיך דאַן געיאָגט איבער דער גאַס און געשאָסן פֿון אַ מאַשינגעווער אויף די פֿאַרבייגייער. ריווע איז שווער פֿאַרוואונדעט געוואָרן. מען האָט נאָך באַוויזן זי אַוועקפֿירן אין שפּיטאָל. אירע לעצטע ווערטער זיינען געווען אַ בקשה איבערצוגעבן אַ גרוס צביהן און אַנטעקן, — אַזוי האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה.

* **מאַסעלמאַן רישעק:** געבוירן אין וואַרשע. געענדיקט אַ באַראַכאָוו־פֿאָלקסשול. זיין מוטער איז געווען אַן אַקטיווע חברטע אין דער לינקער פּועלי־ציון באַוועגונג. רישעק איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ קאַמף־גרופּע פֿון די לינקע פֿאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). ביי 21 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז אומגעקומען. זיין נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפֿן.

שמחה ראָטהייזער דערמאָנט אין זיין טאָגבוך (זע זייטן 283 און 284 אויך באַמערקונג 24 דאָרטן) דעם נאָמען פֿון מוטיקן קעמפֿער רישעק, וועלכער איז געווען טעטיק אויף דער אַרישער זייט ביי דער באַמיאונג אַרויסצוראַטעווען די לעצט־פֿאַרבליבענע קעמפֿער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, און איז געפֿאַלן ביי דערדאָזיקער אַרבעט בעת אַ צונויפֿשטויס מיט די דייטשן אויפֿן באַנק־פּלאַץ, דעם 10־טן מאַי 1943. קען זיין, אַז ער מיינט דערמיט רישעק מאַסעלמאַן.

מורזשאַן: אַ לערערין אין אַ „ציש"אָ"־שול אין פּלאָנסק. אַן איבער־געגעבענע חברטע פֿון די לינקע פּועלי־ציון. בשעת דער מלחמה איז זי געווען אין וואַרשע און האָט אָנגעפֿירט אין געטאָ מיט איינעם פֿון די קינדער־אַנשטאַלטן פֿון „צענטאָס" (ווי עס ווערט דערמאָנט אינם בריוו פֿון די לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן פֿונם 24־טן מאַי 1944 צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל). זי איז געווען אָנגענומען אַלס אַ גוטע לערערין. זי איז אומגעקומען בשעת דעם גרויסן גירוש אין יולי־סעפּטעמבער 1942, ווייזט אויס אָנהויב אויגוסט, צוזאַמען מיט די קינדער פֿון איר אַנשטאַלט, אַלט־זייענדיק דאַמאָלסט ביי 30 יאָר.

* **מיטלמאַן ישראל:** אַ מעטאַל־אַרבעטער. אַ חבר פֿון „בונד" אין וואַרשע. בעת די געטאָ־קאַמפֿן איז ער געווען אין דער קאַמף־גרופּע פֿון „בונד" אונטער דער אָנפֿירונג פֿון לייב גרוזאַלץ (לפ"ג). ער איז געפֿאַלן דעם 3־טן מאַי 1943, ווען אַ גרופּע קעמפֿער האָט געפּרוּווט אַדורכרייסן אַ וועג פֿונם בונקער פֿון פֿאַרזאָרגונג־אַמט אויף פֿראַנציסקאַנער 30 צו אַן אַנדער בונקער (זע

זייט 296, באַמערקונג 2). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף — ער איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר.

מערסיק צבי: געבוירן אין מעלניצע ביי קאָוועל. קליינערהייט איז ער געוואָרן אַ יתום פון פאָטער. ער איז געווען דער אינגסטער ברודערל אין זיין משפחה. האָט געלערנט אין חדר און אין דער פוילישער פאָלקסשול, — און איז תמיד געווען דער בעסטער תלמיד. יעדן שבת פלעגט ער גיין צום שטעטלשן רב, ער זאָל אים פאַרהערן. ער איז געווען דאָס שיינדל ביי זיינע קרובים און אויך ביי די לערער. דערוואַקסענע האָבן אים ליב־געהאַט פאַר זיין שאַרפן שכל און אנגענעמע שטימע און קליינוואַרג — פאַר זיין קענען דערציילן מעשיות. ווען עס האָט זיך אין זיין שטעטל געגרינדעט די „החלוץ־הצעיר“־אָרגאַניזאַציע, איז ער אַלט געווען 14 יאָר און איז אין איר גלייך אַריינגעטרעטן. דערביי האָט ער געמוזט גובר זיין אַ גרויסע געגנערשאַפט

בילד פון 1936

אינדערהיים, — די מוטער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אינגאַנצן פאַרלירן איר השפעה אויף אים, און זיינע אַנדערע משפחה־מיטגלידער האָבן, — ווי די גאַנצע אינטעליגענץ אין יענעם שטעטל, — סימפּאַטיזירט מיטן בית״ר. ער, דער יונגינקער החלוץ איז אָבער אַלץ בייגעשטאַנען און זיין איבערגעגעבנקייט און פעאיקייטן פלעגן זיך באַזונדערס אַרויסווייזן אין די דיסקוסיעס און שמועסן מיט די רעוויזיאָניסטן פון איין זייט און מיט די קאָמוניסטן פון דער אַנדערער זייט. ער איז אויך בייגעשטאַנען גרויסע שוועריקייטן ביים אַרויספאָרן אויף הכשרה, אין קיבוץ אין קאָוועל. דאָרטן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן האַרץ דעם קיבוץ־אויפבו און אין דער אָרטיקער אָרגאַ־ניזאַציע פלעגט ער מיט התפעלות און ברען אויפקלערן זיין באַדייט און די שיינקייט פונם קאָלעקטיוון און אַרבעטס־לעבן. ער פלעגט שטענדיק נאָכן אַרבעטס־טאָג קומען באַזוכן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע און ברענגען פרייד די קינדער, וואָס זיינען אים תמיד געווען באַליבט, מיט זינגען לידער און נייע ניגונים (זיין באַשעפטיקונג אין קאָוועלער הכשרה־קיבוץ איז געווען — וואַסער־טרעגעריי אין פריוואַטע הייזער). ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין זומער־קאָלאָניעס אַלס אינסטרוקטאָר. ער איז געווען אַ מיטגליד פונם ראַיאָן־ראַט און פלעגט אָפט באַזוכן אַלע אָרט־אָרגאַניזאַציעס אין וואָלינער קרייז. יעדער באַזוך זיינער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע לעבנס־כוואַליע. אין 1938 איז ער געוויילט געוואָרן אין דער צענטראַלע פון „החלוץ הצעיר“ און זיין אַקטיוויטעט האָט ווי באַקומען צוגאָב־ענערגיע און איבערגעגעבנקייט. ער איז אין תוך געווען זייער

אַ באַשיידענער און רואיקער, די פשטות אַליין, אַ מענטש מיט פעסטע מאָראַלישע פּרינציפּן און טיפן פאַראַנטוואָרטונג־באַוואוסטזיין. אין דער אָרגאַניזאַטאָרישער און אויפקלערערישער אַרבעט איז ער געווען פול מיט שוואונג און ענערגיע און זיין השפעה איז געווען קענטיק אין אַלץ און אומעטום.

בשעת דער מלחמה, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַזעצט יענעם געביט איז ער אַ שטיקל צייט געווען ביי זיך אינדערהיים, אין מעלניצע. ווי זיין שטייגער איז האָט ער זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע געווידמעט אַ גרופּע יוגנטלעכע חברים פון דייטש־לאַנד און פון אַנדערע לענדער, וועלכע האָט זיך אַהין פאַרוואַלגערט נאָך אַ סך אַרומ־וואַגלענישן. ער האָט צונויפגעזאַמלט די געטרייע חברים פון דער באַוועגונג און זיך באַמיט צו שטאַרקן ביי זיי די אידעאָלאָגישע אויסהאַלטעוודיקייט אַנטקעגן די סכנות פון די צייט־שטימונגען. ער איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג אין וואָלין. נאָך עטלעכע חדשים אַרבעט דאָרטן, איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע מיט דער האָפנונג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אינצווישן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער באַוועגונג אין ליטע און איז אויך דאָרט גיך באַליבט געוואָרן ביי אַלעמען. אין סוף 1940 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער דאַרף אָפּלייגן זיין פאָרן קיין ארץ־ישראל און ווייטער פאָרזעצן זיין אַרבעט אין דער באַוועגונג. ער האָט זייער געליטן דערפון און אין ערשטן מאָמענט איז ער נישט גרייט געווען שלום־צו־מאַכן מיטן אָפּלייגן זיין עליה קיין ארץ־ישראל. אָבער גאָר־גיך האָט ער, פאַרשטייט זיך, גענומען אויף זיך די אויף אים אַרויפגעלייגטע אויפגאַבע. ווייזט־אויס, אַז אין אַ צייט אַרום האָט ער יאָ געמאַכט עליה־פאַרבאַרייטונגען און אויך באַקומען אַ וויזע — און דערווייל איז גע־קומען דער אַריינמאַרש פון די דייטשן.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לייב־און־לעבן דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. ווען מ ר ד כ י ט ע נ ע נ ב ו י ם (לפ״ג) האָט פאַרלאָזן ווילנע, איז צ ב י מ ע ר ס י ק באַשטימט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ. ער איז געוואָרן דער לעבעדיקער גייסט פון דער אַרבעט. אַ געוויסע צייט שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים אַריבערגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק און האָט דאָרט פאָרגעזעצט זיין אונטערערדישע אַרבעט אין דער באַוועגונג. ער איז געווען באַשעפ־טיקט מיט זאַמלען אויטענטישן מאַטעריאַל וועגן די אידישע צרות אין יענער תקופה. דאָס האָט גיכער אַנטשפּראָכן זיין כאַראַקטער אין דער דאָזיקער שטורמישער צייט. ער האָט באַזוכט די געפערלעכסטע ערטער און געזאַמלט שטאָף און פאַרצייכנט עדות־דערקלערונגען. ער האָט באַוויזן צוצוגרייטן זייער ווערטפולן מאַטעריאַל אויף דעם געביט. ער איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן דעם חלוצישן קיבוץ אין דער אָרטיקער פּאַרטיי פּועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות, וועלכע האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דעם קיבוץ. אין יאַנואַר 1943 איז ער שווער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו באַזאָרגן אים מיט דער נויטיקער מעדיצינישער באַהאַנדלונג, —

און ער איז געשטאָרבן דעם 28־טן יאַנואַר 1943 אַרום חצות. די חברים האָבן אויסגע־קלעפּט מודעות וועגן זיין טויט, אַלס איינעם וואָס „איז געפאַלן אויף דער וואַך פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט". אַסך הונדערטער מענטשן און אַלע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען געקומען אים באַגלייטן צו זיין לעצטן רו־פּלאַץ.

ער ווערט דערמאָנט אינם בריוו פון החלוץ צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל פונם 15־טן נאָוועמבער 1943, צווישן די צענטראַלע טוער פון החלוץ אין פּוילן, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף געגן אָקופּאַנט.

נאָוואָגרודזקי סאַניע (פון דער היים טשעמעלינסקי): אַריינגעטרעטן אין

בילד פון דער געטא־צייט

„בונד" נאָך אַלס יונג מיידל. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשע אָקופּאַנטן און געזעסן אין אַ קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער צוזאַמען מיט צענטראַלע פּערזענלעכ־קייטן פון „בונד". אין זעלבסטשטענדיקן פּוילן האָט זי געווידמעט איר גאַנצע קראַפט און ענערגיע די פאָלקס־שולן אין אידיש. זי האָט פאַרפולקאָמט איר בילדונג אויפן דערציאונגס־געביט און איז געווען איינע פון די בעסטע דערציערינס און לערערינס. זייער אַקטיוו אינם פאַרבאַנד פון די עלטערן־קאָמיטעטן און בכלל אויף יעדן אַרבעטס־געביט פונם שול־וועזן אין אידיש.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז זי פאַרבליבן אויף איר וואַך־פּאָסטן, כאָטש מען האָט איר געעצהט צו אַנטלויפן. אַ געוויסע צייט האָט זי געוואוינט אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 7 און חברים פלעגן זיך פון צייט־צו־צייט ביי איר צונויפקומען. זי איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם בונדישן אונטערערד און איר פּערזענלעכע טעטיקייט אין אים איז געווען אַ שטאַרקע און פאַרצווייגטע. זי איז געווען אַ מיטגליד פונם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". איינע פון אירע אויפגאַבן איז געווען אויפצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די חברים, וועלכע האָבן פאַרלאָזט וואַרשע. דריי יאָר האָט זי אויסגעפילט איר געפערלעכע אויפגאַבע. דעם 13־טן אויגוסט 1942 האָט מען זי גענומען פון טעבענס־פאַבריק אינם „קליינעם געטאָ" און אַרויסגעשיקט אין טויט־לאַגער אין מאַידאַנעק. אַ 3 וואָכן שפּעטער איז זי דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער (איר מאַן, ע מ נ ו א ל נ אָ וו אָ ג ר ו ד ז ק י, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען סעקרעטאַר פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּוילן, איז אין די מלחמה־יאָרן

געוועזן אין אַמעריקע. וועגן איר דערמאָרדונג האָט ער אָנהויב 1943 באַקומען אַ ידיעה פון זלמן פרידריך — לפ״ג, אויך איר זון מ אַ י ו ס איז געראַטעוועט. ביים אָנהויב פון קריג איז ער אַוועק פון פוילן, האָט זיך דערשלאָגן צום פאָטער קיין אַמעריקע, און האָט בעתן קריג געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי).

* **נאָוואָדוואָרסקי דוד:** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר״. געבוירן אין וואַרשע, אין אַן אַרבעטנדיקער משפּחה. דער פאָטער איז אים אָפּגעשטאָרבן, ווען ער, דוד, איז נאָך געווען אַ קינד. די מוטער איז געווען אַן אַקושערקע. דוד האָט פון יונגוויינ־אָן געאַרבעט אין אַ געשעפט אויף גענשע־גאַס. דערצויגן אין וואַרשע־ווער קן פון „השומר הצעיר״, אין גדוד „גלעדי״. ער האָט אַרויסגעוויזן ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און מיט דער צייט האָט ער אָנגעפירט מיט דערציאונגס־גרופּעס אין די גדודים „במעלה״ און „כרית״. צוזאַמען מיט ר ב ק ה ש אַ פ י ר ש ט י י ן (לפ״ג) — שפּעטער זיין לעבנס־חברטע — האָט ער אָנגעפירט די פינאַנץ־אָפּטיילונג פון וואַרשע־ווער קן..

בשעת דער מלחמה איז ער געווען דער אָנפירער פון דער עדת־הבוגרים (געמיינשאַפט פון דערוואַקסענע) אין קן. אין דער באַוועגונג פלעגט מען אים רופן מיטן נאָמען: דוד סולל. ער איז געווען צווישן די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פונם אונ־טערערד פון „השומר הצעיר״. אין זייער היים, זיינער און ר ב ק ה׳ ס אויף לעשנע 6, איז געווען אַן אומלעגאַלער ראַדיאָ־אַפּאַראַט פון וועלכן מען האָט אויפגענומען אויס־לענדישע זענדונגען און געניצט די ידיעות פאַר ביולעטינס, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן. איידער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער שטאָטישער קיבוץ פון „השומר הצעיר״ אויף נאַלעווקי 23, זיינען אין זיין דירה פאָרגעקומען אַלע זיצונגען און באַראַטונגען פון דער הנהגה ראשית. פּערזענלעך האָט ער געהאַט בייצוקומען גרויסע שוועריקייטן, ווייל ער האָט געמוזט אויסהאַלטן, כּאָטש אין דחקות, ר ב ק ה׳ ס משפּחה. זיין מוטער איז געשטאָרבן פון טיפוס אין 1941.

אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1942, בעת דעם גרויסן גירוש, האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע, אָבער אַ וואָך שפּעטער איז אים על־פּי־נס געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן און ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס זיי האָבן געבראַכט אמתע ידיעות וועגן דעם שרעקלעכן פאַרניכטונגס־לאַגער, אָבער דער עולם האָט אים נישט געגלויבט. אין סוף 1942 האָט ער געאַרבעט

אין לאַנדוי־„שאָפּ״. אַלס אַקטיווער טוער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסן מוט. בעת די קאַמפן, אין אַפּריל 1943, האָט ער געקעמפט אינדערשפּיץ פון זיין גרופּע אינם טעבענס־שולץ־געביט, אויף נאָוואָליפּיע 67. דעם 29־טן אַפּריל האָט ער אַרויסגעפירט זיין קאַמף־גרופּע, צווישן די 40, דורך די קאַנאַ־ליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע. ער איז געווען אַ מיטגליד פונם באַהעלטנישן־שטאַב אין לאָמיאַנקי. פון דאָרטן איז ער אַריבער אין אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג. נאָך עטלעכע וואָכן האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און ער האָט געהאַט בדעה צו געפינען אַ וועג קיין אונגאַרן און פונדאָרטן פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט געזוכט אַ פאַרבינדונג מיטן אידישן אונטערערד דורכן פּוילישן פּויער קיישטשאַק (זע זייט 187, באַמערקונג 2 צום באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט). זוכנדיק דעם אַדרעס פון דעם פּויער, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אָן אַ „פאָלקס־דויטש״, וועלכער האָט אים געגעבן דעם אַדרעס און גלייכצייטיק אַלאַרמירט די פּאָליציי. דוד נאָוואָדוואָרסקי און אויך רבקה שאַפּירשטיין (יוליאַ), העניעק קליינוויס און דאָרקאַ דעמבינסקאַ (אַלע — לפ״ג) ווי אויך שמעון שיינטאַל (אַ סימפּאַטיקער פון די קאָמוניסטן, וועלכער האָט געקעמפט אין אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר״) זיינען אַלע אומגעקומען אין יענעם צוזאַמענשטויס. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** נאַזשיצע יצחק:** געבוירן אין וואַרשע. גאָר יונגערהייט אַריינגעטרעטן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי — „פרייהייט״. ער איז געווען באַזונדערס אַקטיוו אין דער „פרייהייט״־אָפּטיילונג אין טוואַרדער געגענט. דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט האָט ער געווידמעט דער באַוועגונג. רייף־ווערנדיק איז דער הויכגעוויקסיקער, קרעפּטיקער יצחק אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין קיבוץ פון „החלוץ״ אין סאָכאַטשעוו־בלאָניער געגנט (נישט ווייט פון וואַרשע).

בילד פון 1938

בשעת דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע — און ווידער אַרויסגעוויזן זיין טריי־הייט צו דער באַוועגונג. ער איז אַריינגעטרעטן אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור״ — און תמיד גענוי אויסגעפירט די אים איבערגעגעבענע אונטערערדישע אויפגאַבן. אָנהויב סעפּטעמבער 1942 איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן — אין דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פון וואַרשעווער „דרור״, וועלכע האָט געציילט 60 קעמ־

פער — אין די הרוביעשאָווער וועלדער (עס זיינען געשיקט געוואָרן עטלעכע גרופּעס, איינע נאָך דער אַנדערער. ער איז געווען אין דער לעצטער גרופּע, וועלכע האָט געליטן אַ דורכפאַל און וואָס צוליב איר זיינען אַדורכגעפאַלן אויך די פון־פריער אָנגעקומענע — זע זייט 142, באַמערקונג 27). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

נויטייך מאַריאַן: געבוירן אין לאָדזש, אין 1907. אויפגעוואַקסן אין אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער משכילישער משפחה. ער האָט געענדיקט וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים, באַזונדערס אַלס וויאָלאָ־טשעליסט. יונגערהייט האָט ער שוין געשריבן קאָמפּאָזיציעס. מומחים האָבן אים פאָרויסגעזאָגט אַ צוקונפט פון אַ גרויסן קינסטלער. דאגות־פרנסה האָבן אים אָבער שווער געמאַכט דאָס לעבן און אָפט געשטערט אים אָפּצוגעבן זיך אינגאַנצן דער קינסטלערישער פאַר־פולקאָמונג. במשך 10 יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אינם באַקאַנטן קוואַרטעט פון יוסף קאַמינסקי (איצטער אין ארץ־ישראל, אין ארץ־ישראלדיקן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער). נויטייך איז אָפט אויפ־געטרעטן אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע שטעט. עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה איז ער באַשטימט



בילד פון 1933

געוואָרן אַלס דיריגענט פון אַ אידישן אָרקעסטער אין וואַרשע און אין אַ קורצער צייט האָט ער דערהויבן זיין אָרקעסטער צו אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה. אין 1938 האָט ער באַזוכט די פאַרייניקטע שטאַטן און זיין שפּילן האָט דאָרט געמאַכט אַן איינדרוק. ערב דער מלחמה איז ער געווען אין אַרגענטינע און האָט זיך אומגעקערט פונדאָרטן קיין וואַרשע צוויי וואָכן פאַרן מלחמה־אויסברוך.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען איינער פון די אידישע קינסט־לער, וועלכע האָבן געפּרוווט אויפהאַלטן אַ קולטורעל און קינסטלעריש לעבן אין וואַרשעווער געטאָ, אויך ביי די סאַמע שרעקלעכסטע באַדינגונגען. ער ווערט דערמאָנט אינם לעצטן באַריכט פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום (לפ"ג), וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ (זע זייט 312), אַלס דער יונגער דיריגענט, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים — מוזיקער, זיך באַמיט דורך זייערע שיינע קאָנצערטן צו שאַפן פאַר די אידן אין געטאָ מאָמענטן פון אָפּרו און פאַרגעסונג. נאָך דער אונטער־דריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָבן אים די דייטשן אַרויסגעשיקט אין לאַגער טראַווניקי און דאָרט איז ער דערמאָרדעט געוואָרן.

*** נולמאַן סעוועק:** געבוירן אין וואַרשע. דער פאָטער, אַ מלחמה־אינוואַליד, האָט געהאַט אַ סיגאַרעטן־קיאָסק אין ווינקל פון די גאַסן גענשע און לובעצקי. סעוועק האָט געענדיקט אַ ציש״א־פאָלקסשול. אַלס אינגל איז ער אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. אויך דער פאָטער און דער ברודער זיינען געווען אַקטיווע קאָמוניסטן.

בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער אַ געוויסע צייט געווען הויז־וועכטער פונם הויז אויף לעשנע 60. דאָס האָט אויסגענוצט זיין באַוועגונג און אָפּגעהאַלטן אַ כּך צוזאַמענטרעפונגען אין יענעם הויז. סעוועק נולמאַן האָט אַרויסגעוויזן אַן אַקטיוון אינטערעס אין ליטעראַטור און ער האָט פאַרעפנטלעכט שיינע לידער, אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט געבן אַן אויסדרוק פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין געטאָ. אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען — די אידישע קאָמוניסטן — אין „צענטראַלן געטאָ״, אונטער דער אָנפירונג פון העניעק זילבערבערג (לפ״ג).

ער איז בכלל געווען אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אַ שטיקל צייט איז ער זעלבסט געווען אַ קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַ סך אויסשפּיר־אַקציעס. ער איז אומגעקומען דעם 8־טן מאַי 1943, אינם בונקער פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18, — ער איז דאַן אַלט געווען ביי 28 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

נוסנבלאַט נפתלי (טולאָ) ד״ר: געבוירן אין סטרי, גאַליציע. שוין אין די גימנאַזיע־יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע יוגנט־קרייזן „בני־ציון״ און איז אויך געווען טעטיק אין דער „השומר״־באַוועגונג, פון וועלכער עס איז דערנאָך אַרויסגעוואַקסן די „השומר־הצעיר״־באַוועגונג. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַן אָפיצער אין דער עסטרייכישער אַרמיי, פאַרוואונדעט געוואָרן אין די שלאַכטן און באַקומען אַ העלדישקייט־מעדאַל. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט ער זיך באַזעצט אין ווין. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ און באַקומען דעם דאָקטאָראַט, אָבער ער האָט זיך נישט באַשעפטיקט דערמיט אַלס פאַך, נאָר אינגאַנצן זיך געווידמעט ליטעראַרישער און פובליציסטישער אַרבעט. ער

האָט מיט זיין אַרבעט און מיט זיינע אייגענע מיטלען זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן —

דער הערצל־פאָרשונג און דער פאַרעפנטלעכונג פון מאַטעריאַלן וועגן הערצלס לעבן און טעטיקייט, ווי אויך וועגן דער הערצליאַנישער תקופה און אירע באַדייטנדע פּער־זענלעכקייטן. אַדאַנק זיין פלייסיקער אַרבעט איז אים געלונגען צונויפצוזאַמלען זייער אַ סך מאַטעריאַל. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער ציוניסטישער פּרעסע אין פּוילן און אין ווין און אויך מיטגעהאָלפן דער חלוצישער באַוועגונג אין עסטרייך. פון זיינע גרעסערע אַרבעטן איז כדאי צו פאַרצייכענען די אין דייטש דערשינענע ביכער: „מענטשן פון אונזער צייט וועגן הערצלען" (ברין 1929); „אַ פאָלק אויפן וועג צו שלום" (אַרכיוואַלע דאָקומענטן וועגן הערצלס לעבן און טעטיקייט, ווין, 1933); „טעאָדאָר הערצל־יאָרבוך" (ווין, 1937).

ווען די נאַציס זיינען אַריין אין ווין, אין יאָר 1938, איז ער אַנטלאָפן קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין דאָמבראָווע גורניטשע, ביי בענדין, די געבורטס־שטאָט פון זיין פרוי תמר, פונדערהיים גוטמאַן, פון די אָרטיקע גבירים. בעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע און באַטייליקט זיך אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין געטאָ. אויך אין געטאָ האָט ער פאָרגעזעצט זיינע הערצל־פאָרשונגען און האָט געאַרבעט אויף אַ גרויס ביאָגראַפיש ווערק. דאַמאָלסט איז ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געשטעלט געוואָרן פאַר דער שווערער פראַגע וועגן מפרנס זיין די גאַנצע פאַמיליע, וועלכע איז געבליבן אָן קיין שום פאַרמעגן, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעשוואַכט זיין געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט. ער איז געוועזן אַ מיטגליד אין קאָמיטעט פון די קהלה־בעאַמטע, ער איז אַרויסגעטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אַלס איינער פון די בעסטע געטאָ־רעדנער, און האָט אויך אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער אונטערערדישער קולטור־טעטיקייט אין געטאָ. ער איז אין געטאָ געוועזן ענג פאַרבונדן מיט דער „עקיבא"־אָרגאַניזאַציע און מיט אירע מענטשן און האָט אָנגעהערט צום פּאַטראָנאַט פון זייער קבוצה אויף נאַלעווקי־גאַס 10.

נאָכן גירוש אין די חדשים יולי—סעפּטעמבער 1942, האָט ער געוואוינט אויף מוראַנאָווסקע 44. אין יענע אַזוי ביטערע טעג פלעגט ער האַלטן פאַר זיין אויפגאַבע צו מונטערן די אַרומיקע און פאַר יעדן איינעם האָט ער געפונען עפּעס אַ טרייסט־וואָרט. צוזאַמען מיט אַ צווייטן שכן, האָבן זיי זיך אויסגעבויט אַ צימער אין קעלער, מיט אַן אונטערערדישן פאַרבאָרגענעם אַריינגאַנג. בעת די געטאָ־קאַמפן, ווען דאָס הויז האָט געברענט און אַלע שכנים האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן, האָט ער אַריינגענומען אין זיין בונקער אַרום 60 מענטשן, טראָץ דער שרעקלעכער ענגשאַפט און שטיקעניש. ער איז אַליין געשטאַנען אויף דער וואַך און אין מינוטן פון סכנה פלעגט ער אַלעמען באַרואיקן און פלעגט אפילו אַליין אַרויסגיין אויספאָרשן די לאַגע. ווען מען האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם בונקער, צוליב דעם שטאַרקן שטיקעדיקן רויך וואָס איז אַריין אַהינצו, — און דייטשן זיינען געווען אין הויף, האָט ער געזוכט קודם־כל באַהעלטענישן פאַר די מענטשן, געמונטערט די אָפּגעשוואַכטע און די פאַרצווייפלטע

און געטיילט זיי דאָס ביסל ברויט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט. אין דעם דאָזיקן גאַנצן ווירוואַר און שטענדיקן לעבנס־געפֿאַר האָט ער זיך ביטער־באַקלאָגט אויף איין זאַך — ער האָט אינם ברענענדיקן בונקער געמוזט איבערלאָזן אַ קופּערל מיט בריוו פֿון טעאָדאָר הערצל, וועלכע ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן. דעם 27־טן אַפּריל איז די שפּאַנונג דערגאַנגען ביז איר העכסטן פּונקט. אין דעם טאָג איז ער אויך פֿאַרוואונדעט געוואָרן, שטייענדיק אויף דער וואַך. אָוונטס איז געקומען אַ גרופּע פֿון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — ליוטעק ראָטבלאַט, טאָסיאַ אַלטמאַן, רבקה פּאַסאַמאַניק (אַלע לפ״ג) און אַנדערע און האָבן אָנגעהויבן אַריבערפֿירן אַ טייל מענטשן אין אַ צווייטן בונקער (צווישן זיי אויך די מוטער פֿון ליוטעק ראָטבלאַט און העלע שיפּער). אַזוי ווי די דייטשן זיינען אינצווישן אָנגעקומען האָט מען ד״ר נוסנבלאַט מער נישט באַוויזן אַריבערצופֿירן. אויף צומאָרגנס האָבן אים די דייטשן געכאַפּט און מיט דער פֿאַמיליע געפֿירט צום „אומשלאַגפּלאַץ״. דאָרט האָט ער אינם כאַאָס פֿאַרלוירן די פֿאַמיליע. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צוריקצוקומען אין די חורבות פֿונם הויז אויף מוראַנאָווסקע 44; ער האָט גערעכנט, אַז אפשר איז אויך זיין פֿאַמיליע געלונגען אַהינצוקומען. ער האָט אָבער קיינעם פֿון די אייגענע נישט געטראָפֿן. אויף צומאָרגנס האָט אים דאָרטן געפֿונען ליוטעק ראָטבלאַט און אים אַריבערגעפֿירט אינם בונקער אויף פֿראַנצישקאַנער 30, וואו עס זיינען געווען קאַמף־גרופּעס. עטלעכע טעג שפּעטער זיינען דאָרטן פֿאָרגעקומען שווערע קאַמפֿן (זע זייטן 295 און 296, באַמ. 1 און 2) און ער איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די דייטשן. זיי האָבן אים אַוועקגעשיקט אין איינעם פֿון די סאַמע אָפּגעשלאָסענע לאַגערן אין לובלינער געגנט, און דאָרטן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן.

פֿון דער יוגנט־אָן, אַלס אוניווערזיטעט־סטודענט, אַלס אָפֿיצער אין דער עסטרייכישער אַרמיי, און ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן האָט ער מוטיק און שטאָלץ געטראָגן זיין אידישקייט.

* **ניעמיעצקאַ רעניע:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ פֿאַרמעגלעכער חסידישער משפּחה. איר פֿאָטער איז געווען אַ חסיד פֿון סאָכאַטשעווער רבין און אַ בעל־תפֿלה. רעניע איז אויפֿגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון דער אידישער געגנט, אויף פֿראַנצישקאַנער גאַס. זי האָט געלערנט אין אַ פֿאָלקס־שול און שפּעטער אין אַ גימנאַזיע. אַ רואיקע, פֿלייסיקע און באַגאַבטע מיידל. אין די יוגנט־יאָרן האָט זי געהערט צום „השומר הצעיר״, דערנאָך האָט זי זיך דערנענטערט צו די לינקע קרייזן.

בשעת דער מלחמה איז זי פֿאַרבליבן אין וואַרשע, זי איז געווען אַ זייער אַקטיווע מיטגלידערין אין די קאַמף־גרופּעס פֿון די לינקע פֿאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זי האָט זיך באַטייליקט אין רעקוויזיר־אַקציעס לטובת דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

געקעמפט בעתן געטאָ־אויפשטאַנד אינם בערשטער־געביט. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, — 24 יאָר איז זי אַלט געווען ווען זי איז געפאַלן.

*** סאַבאַל שמואל:** געבוירן אין וואַרשעווער פאַרשטאָט פּראַגע, אין אַן אָרימער שטוב. ער האָט אפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן די פאָלקסשול, ווייל ער האָט געמוזט זיך איינשפּאַנען אין פרנסה־יאָך פון זיין פאַמיליע און איז געוואָרן אַ מעטאַל־אַרבעטער. פון 1935 איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. זייער איבערגעגעבן דער באַוועגונג, אַ לייטונגס־מיטגליד אין זיין גרופּע. ער איז אויך געווען טעטיק אין „הפועל" — די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג. אַ מוטיקער און דרייסטער בחור, געווען צווישן די אַקטיווסטע און געטרייסטע חברים אין דער „פרייהייט־שוץ", — די זעלבסטשוץ־גרופּעס פון דער יוגנט־באַוועגונג פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין וואַרשע. ער איז געווען איינער פון די

בילד פון 1938

אַקטיווע אָנטיילנעמער אין אַלע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן טראָץ דעם פאַרבאָט פון דער פּאָליציי, בשעת דעם האַלב־פאַשיסטישן רעזשים אין פּוילן, נאָענט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן ברען דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין דער „החלוץ"־פאַרם אין טשערניאַקאָוו, נעבן וואַרשע. ער איז געווען אַ געטרייער מיט־גליד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אַן אַקטיווער קעמפער אין די קאַמף־גרופּעס פון „דרור". בעת די קאַמפן האָט ער געקעמפט אין בערל ב ר ו י ד ע ס (לפ"ג) גרופּע אין „צענטראַלן געטאָ" און איז אומגעקומען דעם 18־טן מאַי אין שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע־גאַס 18. 23 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

סאַוויצקי סטעפאַן: אַ פּאָליאַק, אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פון „טור", — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי). ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געטריישאַפט אין זיין הילף די אידישע קעמפער; איינער פון די געטרייע פאַרבינדלער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט. אין דער געטאָ־תקופה האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן ביים אויסגעפינען

אַרייננאַנג־מעגלעכקייטן אין געטאָ אַריין פון דער אַרישער זייט. באַזונדערס אַקטיוו ביים איינקויפן און אַריינשמוגלען געווער אין געטאָ אַריין. ער האָט אויך מיטגעהאָלפן ביים אַריבערפירן די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער פון לאַמיאַנקי אין די ווישקאָווער וועל־דער ביים ברעג פון בוג, און שפּעטער אויך ביים אַריבערפירן געווער און שפּייז פאַר זיי. ער האָט פיל געהאָלפן ביים איינאָרדנען די אַרויסגעראַטעוועטע אויף דער אַרישער זייט וואַרשע. אויך זיין מומע אַננאַ וואַנכאַלסקאַ און איר שוועסטער מאַרישאַ סאַוויצקאַ זיינען געווען טרייע מיטהעלפערינס דעם אידישן אונטערערד (זע ז. 279, באַמ. 11). ווי מען גיט איבער איז ער געווען אַן אַריינגייער אין הויז פון דער בונדיסטין, פייגעלע פעלטעל („וולאַדקע" — זע די געדענק־פאַרצייכעניש וועגן אַבראַשאַ בלום) און אויך געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די בונדישע קעמפער זלמן פרידריך און מיכאל קלעפּפיש (ביידע לפ"ג). נאָכדעם ווי אין וולאַדקעס דירה איז דער־מאָרדעט געוואָרן אַבראַשאַ בלום, האָט סאַוויצקי געדראָט מיט נקמה דעם הויז־וועכ־טער, וועלכן מען האָט חושד געווען, אַז ער האָט געהאַט אַ שייכות צו דער דערמאָרדונג. פאַראַן אַ סברה, אַז דערזעלבער הויזוועכטער האָט אויך געמסרט סאַוויצקין, וועל־כער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין 1943, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ באַזוך ביי די אידישע קעמפער אין וואַלד און ער איז געזעסן אין אַ שענק אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט וואָליע. ער האָט דאַן געהאַט ביי זיך געווער, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרבאָרגן. עס איז דאָרטן פאָרגעקומען אַ צונאַמענשטויס מיט דייטשע זשאַנדאַרמען און ער איז געפאַלן אין קאַמף.

סאַמבערג אייזיק (יצחק אייזיק סאַמבאָרעק) : געבוירן אין וואַרשע, דעם 22־טן פעברואר 1889. דער באַקאַנטער טעאַטער־דירעקטאָר און שוישפּילער אברהם יצחק קאַמינסקי איז געווען זיינער אַ קרוב און האָט אים אַריינגעפירט אין דער טעאַטער־וועלט. ער איז אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל אויף דער בינע אין וואַרשע, אין 1907. אין די יאָרן 1909—10 האָט ער געשפּילט אין בראָנשטיינס טרופּע, וועלכע איז דערשינען אין די פּרימיטיוועסטע באַדינגונגען. פון דאַמאָלסט־אָן ביזן סוף פון זיין לעבן האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם און הויפּט־אָרט אין דער אידישער טעאַטער־וועלט. ער איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אידישע פאָלקסמאַסן אַלס איינער וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון זיי גופא און איז נאָר אַ דאַנק זיין ווילנסקראַפט,

זיין התמדה און ערנסטער באַציאונג צו זיין אויפגאַבע געשטיגן אַזוי הויך אין אידישן

טעאַטער. ער איז געווען איינער פון די בעסטע אידישע אַקטיאָרן אין פוילן, פון דער אַלטער שול, — ער האָט געשפּילט הויפּט־ראָלן. ער האָט באַזוכט אַ סך אייראָפּעאישע און מעבר־לים־לענדער (אין 1923 — דרום־אַמעריקע, אין 1932 — צפון־אַמעריקע) אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער „ווילנער טרופּע"; איינער פון די גרינדער פון אידישן „צענטראַל"־טעאַטער אין וואַרשע; האָט אנטיילגענומען אין אידישן נאַציאָנאַלן טעאַטער, וואָס זיין ציל איז געווען אויפצופירן פאַרן אידישן עולם אין פוילן ספּעקטאַקלען פון ארץ־ישראלדיקן לעבן. ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין אידישן פּראָפעסיאָנעלן אַרטיסטן־פאַריין און במשך יאָרן — זיין פאָרזיצער. ער האָט געהאַט פאַרשטענדניש און אַ חברישע באַציאונג צום יונגן אַקטיאָרן־דור. האָט זיך זעלבסט צוגעפּאַסט צו די נייע שטרעמונגען אין אידישן טעאַטער. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ אידישער וואַנדער־טרופּע קיין רוסלאַנד. אין דער רעוואָלוציע־צייט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און איז איר געבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן.

ביי די שרעקלעכסטע באַדינגונגען פון וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען צווישן די גרינדער און אָרגאַניזאַטאָרן פון אַ אידישן קונסט־טעאַטער. ער האָט געדינט די אידישע מאַסן ביז זיין לעצטן לעבנס־אָטעם. די דייטשן האָבן אים אַוועקגעשיקט אין איינעם פון די סאַמע אָפּגעשלאָסנסטע לאַגערן אין לובלינער געגנט און דאָרטן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דורך די דייטשן דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

* **סאַרנאַק יעזשיק:** אַ זון פון אַן אינטעליגענטער משפּחה. ער איז געווען אַ לעבהאַפּטיקער און באַגאַבטער אינגל, וועלכער האָט זייער ליב־געהאַט מוזיק און אויך געשפּילט קלאַוויר. בעת דער אָקופּאַציע האָט ער, צוזאַמען מיט זיין פאָטער, געאַרבעט אין בראָווערס מעטאַל־ווערק אויף נאַלעווקי־גאַס. אינם גרויסן גירוש זיינען זיינע עלטערן און זיין שוועסטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ בונקער אויף נאַלעווקי גאַס, דאָרטן דערמאָרדעט געוואָרן, צוזאַמען מיט נאָך 40 אידן, ביים פּרווו אַנטקעגנצושטעלן זיך דער אַרויסשיקונג.

יעזשיק איז אַריינגעטרעטן אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן) און בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער אָנטיילגענומען אין די קאַמפן אין „צענטראַלן געטאָ" אין פּ אַ ווע ל ס (לפּ"ג) קאַמף גרופּע. ער איז געפאַלן אין קאַמף, אַלט־זייענדיק 20 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **סאַרענקאַ:** זע זילבערבערג רחל.

* **סוקניק יצחק (פסעוודאָנים „קאַזאַ"):** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ משפחה פון אידישן מיטלשטאַנד. זיין פאָטער האָט געהאַט אַ זעק־פאַבריק אויף פאַנסקע 44. יצחק האָט געענדיקט די פאַך־שול אויף סטאַווקי־גאַס, די מע־טאַל־אָפּטיילונג. ער איז געווען אַ לעבנספריידיקער און דרייסטער אינגל מיט אַ גוטן און פריילעך־שטיפערישן כאַראַקטער, — דערפאַר האָבן אים די חברים געגעבן אַ צונאָמען „קאַזאַ" („ציג"). אַ חבר אין וואַרשעווער קן פון „השומר הצעיר" אין גדוד „כרית". האַרט פאַר דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך געמערט און געשטאַרקט די פוילישע, אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אין די וואַרשעווער גאַסן, פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן אינדערשפּיץ פון זיינע חברים צו שיצן די אידישע פאַרבייגייער. פאַר דער מלחמה האָט ער געדינט אין דער פוילישער „מיליטערישער צוגרייטונג", ער האָט זיך דאָרטן אויסגע־צייכנט אַלס גוטער שיסער און איז געוואָרן סערזשאַנט.

בילד פון דער געטאָ־צייט

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות און אומגליקן. בעת די באָמבאַרדירונגען אין 1939 זיינען דערהרגעט גע־וואָרן זיין מוטער און זיין אינגערער ברודער. דער פאָטער האָט געעפנט אין געטאָ אַ בעקעריי אויף דער גזשיבאָווסקע־גאַס, אָבער ער איז נאָכדעם געשטאָרבן פון טיפוס, פון וואָס עס איז אויך געשטאָרבן דער צווייטער ברודער. יצחק האָט געשוואוירן נוקם צו זיין זיך אין די דייטשן, און דאָס איז די גאַנצע צייט געווען זיין חלום. דער פריי־לעכער אינגל, וואָס פריער פלעגט תמיד שוועבן אַ שמייכל אויף זיין פּנים, איז געוואָרן אַ פאַרביטערטער און נקמה־דורשטיקער מאַן. אין דער ערשטער תקופה האָט ער זיך געפונען אין דער הכשרה־פאַרם אין פניעווי ביי וואַרשע. אין 1941 איז ער, צוזאַמען מיט זיינע חברים אַריין אין קיבוץ „מעפּילים", וועלכער האָט זיך דאַמאָלסט קאָנצענט־רירט אין טשענסטאָכאָוו. אַ יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אָרגאַניזירונג פונם ווידערשטאַנד. לויט זיין איניציאַ־טיוו איז געגרינדעט געוואָרן אין געטאָ אַ וואַרשטאַט אויסצואַרבעטן האַנט־גראַנאַטן און צו פאַריכטן קליין געווער. אין סוף 1942 איז ער געווען דער לייטער פון צוויי אַזעלכע וואַרשטאַטן, וואָס זייער פּראָדוקציע האָט דערגרייכט אַ באַדייטנדן פאַרנעם. אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „השומר הצעיר". אַ מוטיקער קעמפער. בעת די ערשטע געטאָ־קאַמפן, אין יאַנואַר 1943, האָט ער אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פונם הויפּט־קאָמענדאַנט מרדכי אַניעליעוויטש (לפ"ג) דורכדעם וואָס ער האָט געוואָרפן צוויי גראַנאַטן אויף די אים יאָגנדיקע דייטשן, איין גראַנאַט האָט אויפגעריסן

און צעריסן צוויי דייטשן און די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין געטאָ־אויפשטאַנד ווי איינער פון די בעסטע שיסער פון די קאַמף־אָפּטיילונגען (אין איינער אַ שלאַכט האָט ער דערהרגעט 4 דייטשן, זע טוביה באָזשיקאָווסקיס באַריכט, זייט 291). אין אָנהויב מאַי האָט ער אָנטיילגענומען אין די קאַמפן אין „צענטראַלן געטאָ" אין דער אָפּטיילונג פון מרדכי (מערדעק) גראָוואַס (לפ"ג). ער איז דעם 7־טן מאַי געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט פּאַוועלן (לפ"ג) און אַנדערע, אויף דער אַרישער זייט, כדי צוצואיילן הילף. די דעלעגאַציע איז אַדורכגעפאַלן און דער גרעסטער טייל פון אירע מיטגלידער איז געפאַלן (זע זייט 278, באַם. 9). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע איז זיין נאָמען אָנגעגעבן סוקעניק און עס דאַרף זיין סוקניק).

*** סופיט שלום:** געבוירן אין 1921, אַ תּלמיד פון דער אידישער גימנאַזיע „חינוך" אין וואַרשע. אינגלווייז איז ער געווען אַ מיטגליד פון „הנוער הציוני". אין דער מלחמה־צייט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער וואַרשעווער „עקיבא"־אָרגאַניזאַציע. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אַ חבר פון וואַרשעווער קיבוץ פון „עקיבא" אויף נאַלעווקי 10. ער האָט דאָרטן אָנגעפירט מיט דער דערציאונגס־אַרבעט. אַ גוטהאַרציקער בחור מיט פיינע מאַניערן, ער פלעגט טענה'ן, אַז אַ גאַנץ לעבן איז ער דערצויגן געוואָרן נישט צו הרגענען און קיינעם קיין שלעכטס נישט טון אָבער איצטער, צוזעענדיק וואָס די דייטשן האָבן אונז געטון, פלאַקערט אין זיין האַרצן איין לוסט, — הרגענען און מאָרדן זיי און נקמה־נעמען פאַר אונזער פאַרגאָסן בלוט. אינם אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אינם געביט פון די טעבענס־וואַרשטאַטן; ער איז געווען געהילף־קאָמענדאַנט אין דוד נאָוואָדוואָרסקיס (לפ"ג) אָפּטיילונג. דעם 28־טן אַפּריל איז ער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס (זע זייט 268, באַמערקונג 10; ש. גראַיעק, וועלכער האָט איצט קאָריגירט זיין באַריכט און אים אָפּגעדרוקט אין „נאַשע סלאָוואָ" פון אַפּריל 1947, האַלט, אַז ש. סופיט איז פאַרוואונדעט געוואָרן דעם 22־טן אַפּריל) און איז אַריבערגעפירט געוואָרן אינם בונקער פאַר פאַרוואונדעטע אויף לעשנע 76; אַזוי־אַרום איז ער נישט מיטגעגאַנגען מיט דער גרופּע פון די 40, וועלכע איז דעם 29־טן אַפּריל 1943 אַרויס דורך קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט נאָך באַוויזן אַריבערצושיקן אַ בריוו צו זיינע חברים אין „צענטראַלן געטאָ", אין וועלכן ער האָט זיי מודיע געווען, אַז ער האָט נקמה־גענומען פאַרן בלוט פון די חברים און פון זיין חברטע, וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן. ער האָט אויך נאָך אַריבערגעשיקט אַ בריוו צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען אין בראַוערס „שאָפּ" אויף נאַלעווקי־גאַס. ער איז געפאַלן צוזאַמען מיט די, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין בונקער. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** סטאַלאַק אברהם:** אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פּועלי־ציון. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ספּעציעלער דרייסטקייט אין די געטאָ־קאַמפן. אַן אויסגעצייכנטער שיסער, וועלכער האָט באַקומען זיין מיליטערישע אויסבילדונג אין דער פּוילישער אַרמיי, וואו ער איז געווען אַ קאַפּראַל. אין דער לעצטער געטאָ־תקופה האָט ער געאַרבעט אין בראַוערס פאַבריק אויף נאַלעווקי 28—38. ער איז געווען צווישן די קעמפער, וועלכע זיינען דעם 10־טן מאַי ארויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס פון די לעצט־פאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן אָפּערירט אין די וועלדער ביים בוג. בשעת אַ קאַמף־אַקציע, ווען די קעמפער האָבן געמוזט אַריבערשווימען דעם בוג איז ער דערטרונקען געוואָרן. ער איז דאַן אַלט געווען 25 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

סטאַלער לאַזער: זע ריכטער הירש

סיטנער יעקב דוד: געבוירן אין קאַליש, אין 1897, אין אַ פאַרמעגלעכער, פרומער משפּחה. זיין פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער עסקן אין שטאָט און אַ קהלה־פּרנס. אויך די מוטער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין מיט אַן אָפּן האַרץ פאַר פרעמדע צרות. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ טראַדיציאָנעלן גייסט. צווישן די בויער פון דער „צעירי־ציון״־באַוועגונג אין זיין שטאָט איז ער געשטאַנען אינדערשפּיץ פון איר טעטיקייט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך שפּעטער. ער האָט דאַמאָלסט געגרינדעט אין קאַליש איינע פון די ערשטע ליגעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל, וועלכע האָט געציילט הונדערטער חברים. ער פלעגט באַזוכן די פּראָווינץ־שטעט אין זיין קרייז און דאָרט ווירקן אַלס רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר

בילד פון 1935

אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט. אין 1925 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער איז געווען לייטער פון אַ גרויס עקספּעדיציע־געשעפט, אָבער אַ גרויסן טייל פון זיין צייט און ענערגיע האָט ער אויך אין וואַרשע געווידמעט די אינטערעסן פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי און במשך א סך יאָרן איז ער געווען מיטגליד פון איר וואַרשעווער קאָמיטעט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען מיטגליד פון פּאַרטיי־ראַט און אויך פון צענטראַל־קאָמיטעט. זיין הויז איז געווען אַ טרעף־פּונקט פאַר די

פּאַרטיי־טוער; דאָרטן זיינען פאָרגעקומען אַ סך זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אויך פאַרשידענע באַראַטונגען אין די שווערסטע טעג פון דער באַוועגונג. ער און זיין פרוי, חברטע לאה (פונדערהיים לאַסקער) — אַ געטרייע און איבערגעגעבענע פּאַרטיי־חברטע —— האָבן געזאָרגט, אַז יעדער חבר זאָל זיך ביי זיי אין שטוב פילן היימיש, און אַ סך חברים האָבן דאָרטן טאַקי געפונען טרייסט און אייפמונטערונג אין ציַיטן פון צרות און נויט. ביידע זיינען זיי געווען גוטהאַרציקע, איידעלע און באַליבטע ביי אַלעמען. לויט זיין איניציאַטיוו און מיט זיין גרויסער הילף איז געגרינדעט געוואָרן דער טעאָרעטישער חודש־זשורנאַל פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי „די נייע געזעלשאַפט". ער איז געווען תמיד צווישן די ערשטעביים אָפּרופן זיך אויף מאָנונגען פון דער פּאַרטיי, ער האָט זיך באַטייליקט אינם שאַפן אַ סך פון אירע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען. ער איז געווען אַ דעלעגאַט אויפן בער־לינער קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין 1930. אין 1935 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל און פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט וועגן גרינדן אַ הסתדרותישע עקספּעדיציע־אונטערנעמונג פאַר אַריבערפירן באַגאַזש פון פּוילן קיין ארץ־ישראל. דער פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרן, אָבער עס האָט זיך פאַרהאַלטן זיין רעאַליזירונג.

אין דער אונטערערדישער תקופה איז ער געווען איינער פון די איבערגעגע־בנסטע טוער פון דער פּאַרטיי, אַקטיוו אין די אַנשטאַלטן פאַר סאָציאַלער הילף אין וואַרשעווער געטאָ, — איינער פון די געטרייסטע אין דער באַוועגונג אין יענע שווערע און שרעקלעכע ציַיטן. ער איז דאַן געווען דער פּאָרזיצער פונם אונטערערדישן אָרטיקן קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין וואַרשע. אין דער ערשטער געטאָ־תקופה האָט ער אָנגעפירט אַ בערשטער־וואַרשטאַט אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט די חברים פונם קיבוץ אויף דזשעלנע־גאַס. אַ שטיקל צייט האָט ער געצויגן זיין חיונה אין געטאָ פון אויסאַרבעטן היימישן דזשעם. שפּעטער איז ער אַריבער אין בערשטער „שאָפּ". ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1942. זיין פרוי לאה, וועלכע איז אויך געווען אַקטיוו אינם אונטערערד, איז אומגעקומען

לאה סיטנער
בילד פון 1935

אין אַפּריל 1943 צוזאַמען מיט זייער איינציקן זון יואל (יולעק, ער האָט געשריבן לידער, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע). אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צום איחוד־עולמי פּועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות, ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די אַקטיווע פּאַרטיי־טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן.

סטערלינג וו.: אַ דאָצענט פון נעוראָלאָגיע אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, פון די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרישע קרייזן. ער האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיטן אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז אויך מעגלעך, אַז אין 1938 איז ער אַרויסגעטרעטן פון דער אידישער קהלה.

ער איז געכאַפּט געוואָרן בשעת אַ אידן־יאַגד פון די דייטשן, מיט דער הילף פון אָרטיקע עלעמענטן, אין אָנהויב 1944, אויף דער אַרישער זייט וואַרשע, און איז דערמאָרדעט געוואָרן (ווי עס ווערט דערציילט אינם באַריכט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, — זע זייט 191).

*** סילמאַן בתיה:** א רבנישע טאָכטער, אַ מיטגלידערין פון דער „דרור"־אָרגאַניזאַציע אין אָסטראָוויעץ קיעלעצקי. נישט געקוקט אויף איר יונגן עלטער איז זי געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַ טיף אחריות־געפיל. זי האָט מיט דער גאַנצער נשמה געשטרעבט נקמה־צו־נעמען אין די דייטשע מערדער פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן אָפּגעטון דעם אידישן פאָלק. זי איז, צוזאַמען מיט איר נאָך־אינגערער שוועסטער, אַריינגעטרעטן אין דער קאַמף־גרופּע פון „דרור", וועלכע איז אַריבער פון אָסטראָוויעץ קיין וואַרשע, כדי צו באַטייליקן זיך אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. איר מוטער האָט זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט וואַרשע און זי האָט געקאָנט, פאַר אַ סך געלט, צוגרייטן אַ מער־אָדער־ווייניקער זיכער באַהעלטעניש פאַר אירע טעכטער; בתיה האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם געטאָ. זי האָט אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. בשעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי אָנטיילגענומען אין קאַמף, אין אַפּריל־מאַי 1943, אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור" אונטער דער קאָמאַנדירונג פון חנוך גוטמאַן (לפ"ג). זי איז אומגעקומען אַלטזייענדיק 18 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע געפינט זיך אויך איר אינגערע שוועסטער סויאַ, זע ווייטער).

*** סילמאַן שרה (סויאַ):** פון דער גרופּע מוטיקער „דרור"־יוגנט אין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט אינם וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. די אינגערע שוועסטער פון בתיה סילמאַן (זע פריער).ביידע שוועסטער האָבן מיט אַ שווער האַרץ פאַרלאָזט די עלטערן, איינזענדיק, אַז זייער לעבנס־אויפגאַבע באַשטייט אין באַטייליקן זיך אינם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין וואַרשע. דאָס יונגע מיידל איז געווען אַ געטרייע און מוטיקע קעמפערין. זי איז אומגעקומען אַלס מיטגלידערין פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור", בשעת דעם ערשטן וואַרשעווער באַוואָפנטן־ווידערשטאַנד צווישן 18־טן און 21־טן יאַנואַר 1943, — 17 יאָר איז זי דעמאָלסט אַלט געווען. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

סימכאָוויטש (שמחוויטש) ראָזע: געבוירן אין סלוצק, אין אַ מיוחסדיקער משפחה. פון רבנים און קהילה־פירער פון די צייטן פונם ועד ארבע ארצות און ווייטער. איר ברודער איז געווען דער באַוואוסטער העברעאישער שריפט־שטעלער און היסטאָריקער ד״ר י. נ. שמחוני. ראָזע האָט פון קינדווייז־אָן זיך דערצויגן אין אַ פיינער גייסטיקער אַטמאָספער, סיי אַ רעליגיעזע און סיי אַ וועלטלעכע. זי איז געווען אַ גרויסע קענערין פון העברעאיש, האָט גוט באַהערשט פראַנצויזיש און רעפערירט און געשריבן אין אידיש. זי האָט דערצויגן אַ גאַנצן דור אידישע לערער פאַר דער פאָלקס־שול.

בילד פון 1920

ווען זי איז נאָך געווען גאָר יונג איז איר משפחה אַריבערגעפאָרן קיין מינסק. ראָזע איז דאַן צוגע־שטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זי איז אַרעסטירט געוואָרן — אַלטזייענדיק 16 יאָר — און זי האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. צוליב אירע אומגעווייגלעכע פעאיקייטן איז זי אָנגענומען געוואָרן אין באַרימטן פעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויפן נאָמען פון זשאַן זשאַק רוסאָ אין זשענעווע און גלייכצייטיק אויך אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט. זי האָט שטודירט פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע און געענדיקט אירע לימודים מיט אַן אויסצייכנונג. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי געוואוינט אין ווין און דאָרטן האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן נשמה־ברען אַ ברייט־פאַרצווייגטער דערציאונגס־אַרבעט צווישן די קינדער פון די אידישע פליטים. אַ קורצע צייט איז זי געווען איינע פון די לייטערינס פון דער נעץ פאַרבאַרייטונגס־קלאַסן צו די פאָלקסשולן אין דער סאָציאַליסטישער ווין. אין 1919 איז זי געקומען קיין ווילנע. טראָץ איר אויסערגעוויינ־לעכער באַשיידנקייט און דעם ווילן צו טון עפּעס אַ געוויינלעכע און נישט ספּעציעל־בולטע אַרבעט, האָבן די דאָרטיקע דערציאונגס־טוער זי באַלד אַוועקגעשטעלט בראש פון אַ צענטראַלער אינסטיטוציע — די פּרעבליסטישע קורסן פון צ.ב.ק. (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט), „יעקאָפּאַ״ (אידישער הילפס־קאָמיטעט פאַר מלחמה־געליטענע) און „אָזע״ (אידישע געזונטהייטס־געזעלשאַפט). פון דאַמאָלסט אָן איז זי איבערגע־גאַנגען פון איין אָנפירונגס־פּאָסטן און דערציאונגס־וועזן צום אַנדערן. ווען עס האָט זיך געגרינדעט אין 1921 דער אידישער לערער־סעמינאַר — דער הויפּט־אינסטיטוט פון דער גאַנצער אידיש־שפּראַכיקער שול־נעץ — איז זי אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינ־דערשפּיץ. אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער אַלפּוילישער אָרגאַניזאַציע פון די אידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר, איז זי געווען צווישן די הויפּט־זאָגער און גרונטלייגער פון די אידעאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע יסודות.

זי איז שפּעטער אויך געווען איינע פון די בעסטע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער אין „ייוואָ"; זי האָט אַסך אויפגעטון אין זיין פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע און אָנגעפירט אויך אין וואַרשע אַ סעמינאַר. אַ מיטרעדאַקטאָרין פונם פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל „נייע שול" און פונם חודש־זשורנאַל פאַר עלטערן „שול און היים". זי האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך וויכטיקע אַרבעטן אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק (צוו. אַנד. אַן אַריינפיר צו ישראל רובינס „פון חזי'לעס — יחזקאל'ס — טאָגבוך"). אַ שטיקל צייט האָט זי אויך מיטגעאַרבעט אינם ארץ־ישראל־אַמט אין בערלין. אויפן פּעדאַגאָגישן וועלט־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937 האָט זי רעפערירט וועגן דער נייער אידישער דערציאונג אין פּוילן, און איר רעפעראַט איז באַצייכנט געוואָרן אין די פאַרשידנ־שפּראַכיקע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס אַלס איינער פון די גאָר בעסטע. די לעצטע יאָרן האָט זי געאַרבעט אין וואַרשע און געצויגן אַ קנאַפּע חיונה פון פּריוואַטע לעקציעס. ווער עס האָט נאָר זוכה־געווען צו זיין נאָענט צו איר אַרבעטס־קרייז, איז פון איר נתפּעל און אַנטציקט געוואָרן, זעענדיק אין איר אַ וואונדערלעכןביישפּיל פון געהויבענע מידות, גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם און געוויסן־ריינקייט. זי איז געווען אַ צאַרטע פרוי פול מיט תורה און בילדונג און פאָלקסטימלעך אין איר התנהגות.

נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע און די געשעענישן האָבן זי שרעקלעך נידערגעשלאָגן. ווען עס האָט זיך געעפנט אַ היים פאַר הפקר־קינדער, איז זי געוואָרן זייער מאַמע. זי האָט געלעבט ווי אַ לעגענדאַרע צדקת, גע־הונגערט און נישט אָנגענומען קיין שום הילף און קיין באַזונדערע באַציאונג. צווישן די קינדער איז זי אָנגעשטעקט געוואָרן מיט טיפוס און געשטאָרבן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 געזעלשאַפטלעכע טוער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער (י. ר.).

*** סימסאָן זיגפרידא:** אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). אין די געטאָ־קאַמפן האָט זי אָנטיילגענומען אין „צענטראַלן געטאָ" אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון איר לעבנס־חבר פּ אַ וו ע ל (אהרן ברוסקין, לפ"ג). דעם 7־טן מאַי 1943, בעת מען האָט געזוכט אַ וועג אַדורכצורייסן זיך אויף דער אַרישער זייט וואַרשע און מען האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ גרופּע קעמפער, וועלכע זאָלן עס צוגרייטן, איז זי געווען באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט, צוזאַמען מיט פּ אַ וו ע ל, וואַנדאַ אָכ־ראַן, לילקאַ זשימאַק, יצחק סוקניק (אַלע לפ"ג), העלע שיפער און אַנדערע. די דעלעגאַציע איז, ווי דערמאָנט (זע ז. 278, באַמ. 9 און די געדענק־פאַרצייכעניש וועגן פּאַוועלן), אַדורכגעפאַלן און די מערסטע מיטגלידער אירע זיינען געפאַלן, צווישן זיי אויך זיגפרידא סימסאָן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

סימפלאַק יצחק: געבוירן און אויפגעוואַקסן אין וואַרשעווער אידישן אָרימקייט־קוואַרטאַל. פון קינדערהייט־אָן האָט געדריקט אויף אים דער פרנסה־יאָך. צו 12 יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַר־בעטן און שוין דאַמאָלסט איז ער אַריין אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, אין קרייז „אָדלער". ער האָט גובר געווען די געגנערשאַפט פון זיינע פרומע עלטערן צו זיין אַריינטריט אין דער באַוועגונג פונקט אַזוי ווי ער האָט שפּעטער גובר געווען זייער געגנערשאַפט צו זיין אַרויספאָרן אויף הכשרה. ער איז געווען אַ קליינער, קורצגעוויקסיקער אינגל מיט ברייטע פּלייצעס און אַ פּנים פון אַ דערוואַקסע־נעם. קינדערהייט האָט ער ווייניק־וואָס געלערנט. פון דער אַרבעט — ביים מאַכן דאַמען־טאַשן — פלעגט ער קומען גלייך אין דער אָרגאַניזאַציע, און אַדאַנק איר קולטור־טעטיקייט האָט ער דערוואָרבן ידיעות און איז געוואָרן דער טאָנגעבער פון זיין גרופּע און געווילט געוואָרן אין דער לייטונג. אַ גרויסע פרייד האָט אים באַהערשט ווען עס איז אים דערמעגלעכט געוואָרן אַרויסצו־פאָרן אויף אַ זומער־קאָלאָניע. די נאַענטקייט פון דער נאַטור האָט אים געענדערט, זיין פּנים האָט אָנגעהויבן שמייכלען און די תמידיקע קנייטשן זיינען ערגעצוואו פאַרשוואונדן.

בילד פון 1938

באַלד נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע כדי אַוועק־צופאָרן קיין ווילנע און פון דאָרטן קיין ארץ־ישראל. די גרופּע איז אָבער נישט געפאָרן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט־לייב־און־לעבן אין דער אונטערערדישער אַרבעט צוצוגרייטן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. ער איז אַריינגעטרעטן אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". ער איז געווען איינער פון די שליחים פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, צוצוגרייטן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין קראָקע (זע זייט 148, באַ־מערקונג 38). אַ קורצע צייט נאָך זיין אומקערן זיך קיין וואַרשע, איז ער אומגעקומען בשעת דעם ערשטן וואַרשעווער געטאָ־ווידערשטאַנד אין יאַנואַר 1943, אין עלטער פון 22 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **סקולסקאַ חנה:** געבוירן אין קרעמעניץ, וואָלין. גאָר יונג איז זי אַריינ־געטרעטן אין דער „פרייהייט"־באַוועגונג. זי איז אַרויס־געפאָרן אויף הכשרה אין לאָדזשער באָראָכאָוו־קיבוץ און איז דאָרטן געווען די מאַ־גאַזינערין. נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. זי איז געווען צוערשט

אין גראַכאָווער קיבוץ, וועלכער איז אין אָנהויב 1940 באַנייט געוואָרן נאָך אַ סך מי, ער איז אָבער דאַן ווידער פון די דייטשן ליקווידירט געוואָרן. שפּעטער איז זי געווען אין דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע־גאַס 34 און דאַן אין דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו. זי איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין די „דרור״ אָפּטיילונגען. בעתן אויפשטאַנד האָט זי געקעמפט אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור״ אונטער דער קאָמאַנדירונג פון בנימין וואַלד (לפ״ג), אינם געביט פון די טעבענס און שולץ וואַרשטאַטן (באַצייכנט אין דער געטאָ־מאַפּע מיטן אות „ב״). זי איז דאַן געפאַלן אַלטזייענדיק 26 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

סלאָמניצקי נטע: געבוירן אין טשענסטאָכאָוו אין אַ חסידישער משפּחה און דערצויגן געוואָרן אין אָרטאָדאָקסישן גייסט. צו דער „פרייהייט״־באַוועגונג איז ער געקומען גלייך פון בית־המדרש און אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער זיך שוין אַרויסגעוויזן ווי אַן איבערגעגעבענער חבר, אַן אומדערמידלעכער אין דער אַרבעט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ער איז גאָר גיך געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון די אָרטיקע „פרייהייט״ און „החלוץ״־אָרגאַניזאַציעס. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער און הויפּט־טוער פון „העובד״ און „הפועל״ אין זיין שטאָט. עלטער־ווערנדיק איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער פועלי ציון (צ.ס.)־פאַרטיי.

בילד פון 1929

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין טשענסטאָכאָוו און האָט אַסך אויפגעטון אין דער דאָרטיקער אונטערערדישער אַרבעט. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַ־טאָרן פון דעם דאָרטיקן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. נאָך אין אַפּריל 1943 האָט ער געשריבן צו זיינע חברים אין אַן אַנדער אָרט וועגן דעם, אַז עס ווערן ווייטער געמאַכט די פאַרבאַרייטונגען צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ער איז געווען פול מיט מוט און אויך מיט גלויבן, אַז די חברים וועלן אויספירן אַלע נויטיקע אויפגאַבן. נאָך דער ליק־ווידירונג פון די אידן אין טשענסטאָכאָוו האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אים איז כלומרשט געלונגען צו אַנטלויפן בשעת די קאַמפן אין זומער 1943 און אָנשליסן זיך אין אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע, אָבער די ידיעה האָט זיך נישט באַשטעטיקט. אינם בריוו פון „החלוץ״ אין פּוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די נעמען פון די צענטראַלע טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף.

סמאלאר נתן: געבוירן אין זאמבראוו, אין אן אנגעזעענער משפחה, ביי א פאטער א סוחר און א משכיל. נתן האט געלערנט אינם ווילנער אידיש־רוסישן לערער־אינסטיטוט. ער איז געווען א געלערנטער, וואס האט זיין גאנץ לעבן נישט אויפגעהערט צו לערנען. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אריינגעטרעטן אין דער פועלי ציון באוועגונג. שוין דאמאלסט האט ער געעפנט אין זיין שטעטל א אידישע שול. ער איז געווען איינער פון די אנפירנדיקע טוער אין דער פארטיי, וואס ער איז איר טריי געבליבן ביזן טויט. א געוויסע צייט איז ער געווען אין לאמזשע און לויט דער פאדערונג פון דער פארטיי־צענטראלע איז ער אריבערגעפארן קיין ווארשע און געווארן איינער פון די הויפט־טוער אין די אידיש־שפראכיקע לערן־

בילד פון 1935

אנשטאלטן. ער איז א לאנגע צייט געווען קאמיטעט־מיטגליד פון דער ווארשעווער ארגאניזאציע פון די לינקע פועלי ציון, לייטער פון א בראכאוו־שול, דעלעגאט אויף אלע ציש״א־צוזאמענפארן. ער איז געווען טעטיק אין פארשפרייטן וויסן צווישן די ארבעטער און א מיטגליד פון דער צענטראלע פון דער געזעלשאפט „ארבעטער־אונט־קורסן". ער איז געווען איינער פון די בעסטע לערער, וועלכער האט יארנלאנג געלערנט און דערצויגן ארבעטער־קינדער, זיי ליב געהאט און געווען באליבט ביי זיי. תמיד פריינטלעך צו זיינע מיטמענטשן, גוטהארציק און איידל, האט ער שטענדיק געפונען א גוט ווארט פאר זיינע חברים און פאר יעדן קינד.

בעת דער מלחמה איז ער אין דער ערשטער תקופה אוועק אינם געביט, וואס די רויטע־ארמיי האט אקופירט, אבער זומער 1941, באלד נאכן איבערפאל פון דייטשלאנד אויף רוסלאנד, איז ער צוריקגעקומען קיין ווארשע און טראץ אלע שוועריקייטן און סכנות פארגעזעצט אונטערערדיש זיין אקטיווע און געטרייע טעטיקייט. דער עיקר איז ער געווען טעטיק אין דער קולטור־ארבעט אינם געטא. ער האט אנגעפירט מיט א געהיימער שול אויפן נאמען פון בראכאוו, וועלכע איז טראץ אירע שרעקלעכע עקזיס־טענץ־באדינגונגען און איר אונטערערדישקייט געשטאנען אויף א הויכן ניוואַ. ער האט אויך אנטיילגענומען אין אנדערע געזעלשאפטלעכע ארבעטן אין געטא, סיי פון זיין פארטיי און סיי פון אן אלגעמיינעם כאראקטער. מיר האבן נישט באוויזן צו באקומען קיין זיכערע ידיעות ביי וועלכע אומשטענדן און ווען ער איז אומגעקומען. אינם בריוו פון די לינקע פועלי ציון צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל ווערט זיין ארבעט באצוי־דערט דערמאנט. זיין נאמען געפינט זיך אין דער דערמאנטער ליסטע פון די 320 דער־מארדעטע אידישע געזעלשאפטלעכע טוער, קינסטלער און וויסנשאפטלער.

סערייסקי פסח: א געבוירענער אין גראָדנע, אַן אַקטיווער חבר פון „פרייהייט״ און פועלי ציון (צ.ס.) אין זיין שטאָט. מיט דער אַנטוויקלונג פונם ספּאָרט־פאַרבאַנד פון זיין פּאַרטיי און פון החלוץ — „הפועל״, איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע, וואו ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער „הפועל״־צענטראַלע. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געטריי און גוט אויסגעפירט די אים־אָנפאַרטרויטע אויפגאַבע. פאַר דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך געשטאַרקט אין פּוילן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן און די אידישע גאַס איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געשפּאַנטער שטימונג, איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די זעלבסטשוץ־גרופּן פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, וועלכע האָבן פונקציאָנירט אין וואַרשע און אויך אויף דער פּראָווינץ און ער האָט אַרויסגעוויזן שטאַרקע אַקטיוויטעט אין דערדאָזיקער טעטיקייט.

בילד פון 1935

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי, וואו ער איז געווען אונטעראָפיצער און האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע שלאַכטן פון דער פּוילישער אַרמיי געגן די נאַציס. ער האָט אַרויסגעוויזן אַסך העלדישקייט בעת דער ערשטער באַלאַגערונג פון וואַרשע. נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט וואַרשע איז ער פאַרבליבן אין שטאָט מיט אַ גרופּע חברים, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. ער האָט מיטגעאַרבעט אין „יעאַס״. דער לעצטער דירעקטער גרוס פון אים איז אָנגעקומען אין אַ נייטראַלער מדינה אין מאַי 1942. אין דער לעצטער תקופה האָט ער געאַרבעט אין די שולץ־וואַרשטאַטן אויף נאַוואָליפּיע־גאַס (אין „פּראָדוקטיוון געטאָ״). בעת די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן, אין אַפּריל 1943, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאַגער טראַווניקי. אויך אין לאַגער האָט ער מיט קרבן־גרייטקייט געטון אַן אומאויפהערלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, — צווישן די וואָס זיינען אינם לאַגער געשטאַנען בראש פון דער געהיימער קעגנזייטיקער־הילף און דער גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן צום איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — געפינט זיך זיין נאָמען צווישן די אַקטיווע טוער, וועלכע זיינען פאַרשפּאַרט אין אַן אָפּגעשלאָסענעם לאַגער און זייער גורל איז שוין אַ געחתמעטער, — ער איז דערמאָרדעט געוואָרן בשעת דער ליקווידירונג פונם לאַגער אין אָנהויב נאָוועמבער 1943. 35 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען.

*** עדעלשטיין צבי:** געבוירן אין וואַרשע אין 1922. זיין פאַמיליע האָט געוואוינט די מערסטע יאָרן אויף לעשנע־גאַס, אין אידישן קוואַרטאַל. צבי איז געוואַקסן אין אַ ציוניסטישער אַטמאָספער. געווען אַ פאַנטאַזיע־רייכער אינגל פול מיט לעבנס־פרייד. אַ תלמיד פון אַ „תרבות"־שול, לויט זיין כאַראַקטער האָט ער נישט געקענט צו־פאַסן זיך צום שול־רעזשים און נישט פאַרענדיקט דאָס לעצטע לערניאָר. אָבער דוקא אין יענער צייט האָט ער זייער אַסך געלייענט און איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערנסטער. ער איז אַריין אין דער יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע „עקיבא" און אין גייסט פון זיינע שטרע־בונגען האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. היות ווי די עלטערן האָבן פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל פאָרזעצן די לימודים, האָט ער אויסגעוויילט אַן אַנשטאַלט, וואָס זאָל אים צוגרייטן צו אַן אַרבעטס־לעבן: ער איז אַריין אין אַ פראָפעסיאָנעלער שול. נאָך צוויי יאָר לערנען אין דער שול, איז ער, אינדערשפּיץ פון אַ גרופּע, איבערגעגאַנגען אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. אויך געווען אַ מיטגליד פונם יוגנט־ראַט ביי דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל. אונטערן איינפלוס פון דער באַוועגונג האָט ער פאַרלאָזט די פראָפעסיאָנעלע שול און איז אַריבער אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול פון „תרבות" אין דאָרף אנושין נעבן לודמיר (וואָלין), כדי צוצוגרייטן זיך פאַר ארץ־ישראל. דאָרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים, באַזונדערס אין כימיע און פיזיק; ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע ליבע צו בעלי־חיים, באַזונדערס צו פערד. אין זיינע בריוו צו די עלטערן און צו דער שוועסטער לאָטקע אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן אַ מאַסע שילדערונגען וועגן בעלי־חיים.



בילד פון 1937

ביים מלחמה־אויסברוך האָט ער זיך געפונען אין דער שול־פאַרם, ווייט פון וואַרשע, אָבער ער איז צוריקגעקומען. ער איז געווען אַ טרייער חבר פון דער באַוועגונג אויך אין דער אונטערערד תקופה. האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „דרור" און האָט געהערט צו חנוך גוטמאַנס (לפ"ג) קאַמף־גרופּע אינעם בערשטער־געביט. אַ טאָג פאַרן אָנהויב פון די קאַמפן איז ער אַוועק באַזוכן זיין שוועסטער (שיינדל, געראַטעוועט, איז אין פוילן) אין טעבענס־שולץ־געביט (באַצייכנט אין דער מאַפּע מיטן אות „ב") און איז דאָרט פאַרבליבן; בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן האָט ער געקעמפט אין בנימין וואַלדס (לפ"ג) קאַמף־אָפּטיילונג. ווען די קאַמפן האָבן זיך געענדיקט, איז אים געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט. אָבער דעם 6־טן מאַי 1943 איז ער אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט (ווי ס'ווייזט

אויס, צוזאַמען מיט גדליהו ר אַ ט מ אַ ן — לפ״ג) און איז דערמאָרדעט געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן (אין דער ליסטע פון די געפאַלענע איז אויך פאַראַן דער נאָמען פון זיין חברטע צפורה ל ע ר ע ר, זיין מוטער איז אומגעקומען אין וואַרשע בשעת דעם גרויסן גירוש אין 1942, דער פאָטער האָט געלעבט אויף דער אַרישער זייט ביז 1944).

עטקין מאיר: געבוירן אין גאָראָדאָק נעבן וויטעבסק אַנהויב 1894 ביי פרומע עלטערן. דער פאָטער אַ למדן, פון אַ רבנישער משפחה, האָט מיט גרויס מי מפרנס געווען די משפחה. די עלטערן זיינען געווען טרייע ציוניסטן און האָבן שטענדיק אָפּגעהיט, אַז אין שטוב זאָל זיין די קרן־קיימת־לישראל־פּושקע, אַבאָנירט די „הצפירה״, אפילו געחלומט וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל (אין יאָר 1924 האָבן זיי שוין אפילו געהאַט גרייט זייערע פּאַפּירן, כדי עולה צו זיין). אין יאָר 1900, איז די משפחה אַריבער קיין לאָדזש. הגם די משפחה האָט געלעבט אין דחקות האָט מען נישט געקאַרגט פאַר אַ גוטער אידישער דערציאונג פון די קינדער (זיי זיינען געווען 4 ברידער און 2 שוועסטער). אַז די קינדער זיינען נאָר עפּעס עלטער געוואָרן האָבן זיי אַליין אָנגעהויבן צו פאַרדינען. אַלע ענערגישע, זעלבסטשטענדיקע, וועלכע האָבן געוואוסט וואָס זיי ווילן. מאיר איז געווען פון די אַקטיווע בונדיסטן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ באַשיידענער, איידעלער און רואיקער מענטש. פון קינדוויז אָן אַ גוטהאַרציקער און זייער איבערגעגעבן דער משפחה. אַסך יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון לאָדזשער בונדישן קאָמיטעט און איינער פון די וויכטיקע טוער אינם האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַריין. ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין דער באַקאַנטער פאַבריק פון עטינגאָן. אָבער די גאַנצע פרייע צייט האָט ער געווידמעט דער באַוועגונג, וועלכער ער איז געווען טריי ביז גאָר.

בילד פון 1922

בעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע. געווען אַ פּרעזידיום־מיטגליד פונם אידישן אַנשטאַלט פאַר סאָציאַלער הילף, ער האָט געאַרבעט אין דער באַקליידונגס־אָפּטיילונג; געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון אָנגעשטעלטע אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. זייער אַקטיוו אין דער פּראַקטישער אַרבעט און אויך אין דער אונטערערדישער אַרבעט פונם „בונד״ אין וואַרשע. ביי אים אין שטוב אויף לעשנע־גאַס 63 פלעגן זיינע פּאַרטיי־חברים צונויפקומען זיך אויף באַראַטונגען. חברים האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן אין אַן עת־צרה. אויך זיין פרוי, חוה, פון דער היים פ א ז ש ע נ־

טשעוווסקי (אַ לאַדזשערין) איז געווען אַקטיוו אין „בונד" און מיט גרויס מוט אַסך מיטגעהאָלפן אין דער אונטערערד־אַרבעט. אין דער לעצטער צייט האָט ער גע־אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין טעבענס־„שאָפּ" אויף לעשנע־גאַס. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד איז ער אַרויס־געשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַ־טאָווע אין לובלינער געגנט. אויך דאָרט איז ער געווען צווישן די טוער פון דער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף און צווישן דער גרופּע פון דער אידי־שער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ביז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיק־שעפערישע פּערזאָ־נען. (זיין מיט צוויי יאָר אינגערער ברודער אהרן, פון די גאָר חשובע אַרבעטער אין לאַנד, געקומען 1912 קיין ארץ־ישראל, פון די גרינדער פון דער קבוצה גבע, איז דעם 15־טן סעפּטעמבער 1938 דערמאָרדעט געוואָרן אין דער סביבה פון בית־שאן, ווען זיין אויטאָ איז אַרויף אויף אַ מינע, וואָס די אַראַבער האָבן אונטערגעלייגט; פון דער משפחה איז נאָר פאַרבליבן ביים לעבן איין שוועסטער — חיה, וועלכע איז אין ארץ־ישראל).

חוה עטקין בילד פון 1918

עלסטער פאַלע: געבוירן אין וואַרשע, אויפגעוואַקסן אין אַ הויז פון אַסימי־לאַטאָרן. גאָר יונג איז זי 1926 אַריינגעטרעטן אין דער שילער־באַוועגונג פון די לינקע פּועלי ציון „פרייער שומר". זייענדיק אינטעליגענט, מיט אַ פּאָליטישן חוש, אַ באַגאַבטע רעדנערין, מיט אָרגאַ־ניזאַטאָרישע פעאיקייטן, — האָט זי זיך זייער גיך אַרויסגערוקט אַלס וויכטיקע טוערין אין דער לינקער פּועלי־ציון באַוועגונג. געאַרבעט האָט זי אַלס שניי־דערין, אָבער איר גאַנצע פרייע צייט האָט זי אָוועקגעגעבן דער באַוועגונג. אַריינטרעטנדיק אין דער באַוועגונג, האָט זי אפילו קיין אידיש נישט געקענט, אָבער זי האָט גאָר גיך דערלערנט די שפּראַך און געוואָרן איינע פון די אַקטיוווסטע טוערינס אין דער יוגנט־באַוועגונג. איר הויפּט־טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די שילער־קרייזן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו די לינקע

פועלי ציון. אינם לעצטן יאָר פאַר דער מלחמה איז זי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער פאַרטיי־קאָמיטעט. שוין אין סאַמע אָנהויב פון איר אַקטיוו־ווערן אין דער באַוועגונג, אין יאָר 1930, איז זי אַרעסטירט געוואָרן פאַר פונאַנדערטיילן אויפרופן צווישן שילער. זי איז געזעסן אַ קורצע צייט אין טורמע און פאַרמשפט געוואָרן אויף גוטע אויפפירונג. צוליב דעם האָבן די פאָליטישע מאַכט־אָרגאַנען אָפּגעהאַלטן איר אַרויספאָר־דערלויבניש, ווען זי האָט געוואָלט אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל.

באַלד ביים אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט צוזאַמען מיט איר שוועסטער בעלאַ (פּסעוודאָנים „וואַנדאַ״, אויך אַ פאַרטיי־חברטע, איינע פון די מוטיקסטע און געוואַגטעסטע קעמפערינס אויף אַלע געביטן פון אידישער אונטערערד־אַקטיוויטעט — צווישן די געראַטעוועטע ; איז ווייטער טעטיק אין פוילן). אַסך מאָל ווערט פאַלע׳ס נאָמען דערמאָנט צווישן די טוערינס אויף פאַרשידענע טעטיקייט־געביטן (איר פּסעוודאָנים אין דער אונטערערד צייט איז געווען „עווא״) סיי אין וואַרשעווער געטאָ און סיי אין דעם אַרישן טייל פון וואַרשע : סאָציאַלע הילף (זי האָט געשאַפן און אָנגעפירט מיט אַ פאָלקס־קיך אויף עלעקטאָראַלנע גאַס 14), קינדער־הילף, שאַפונג פון אונטערערדישע שולן ; זי איז אויך אַרומגעפאָרן אין שליחות פון צענטראַל־קאָמיטעט איבער דער פּראָווינץ און פאַר־שפּרייט די אונטערערדישע פּרעסע. זי איז געווען טעטיק אין די אינסטאַנצן פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין פרילינג 1943 איז זי אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאַגער פּאָניאַטאָווא, אָבער עס איז געלונגען דעם אידישן אונטערערד זי אַרויסצושמוגלען פון דאָרטן און אַריבערצופירן אין אַרישן טייל וואַרשע — מיט דער הילף פונם פּאָליאַק טעאָדאָר פּ אַ י ע ס ק י (ער לעבט), וואָס מיט זיין הילף האָט דער אידישער אונטערערד אַרויסגעראַטעוועט פון די לאַגערן אַ גאַנצע ריי מענטשן, צווישן זיי אויך ד״ר ע. רינגעלבלום (לפ״ג). זי האָט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט אינם וואַרשעווער אַרישן טייל. זי איז געווען אַ מיטגלידערין פונם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון איר פאַרטיי און אין זיין נאָמען האָט זי זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדיש־אָפּגעהאַלטענער זיצונג פון פּוילישן אונטער־ערדישן פּאַרלאַמענט אין דער נאַכט פונם 31־טן דעצעמבער 1943. בעת דעם אַלגע־מיינעם אויפשטאַנד, אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, איז זי געפאַלן אין קאַמף אין דעם וואַרשעווער קוואַרטאַל זשאָליבאָזש, — 35 יאָר איז זי דאַמאָלסט אַלט געווען. נאָך דער באַפרייאונג פון וואַרשע, איז דעם 29־טן אַפּריל 1945, איר קערפּער געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל, און מען האָט זי מקבר געווען אויפן וואַרשעווער אידישן בית־עולם אויף גענשע־גאַס, צוזאַמען מיט אירע קאַמפּס־חברים הירש בערלינסקי און אליהו ערליך (ביידע לפ״ג).

ענטין שלמה: געבוירן אין דראָהיטשין נעבן פינסק, אין יוני 1916, אין אַ משפחה פון מיטלשטאַנד. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די משפחה מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פליטים אַזש קיין יעקאַטערינאָסלאַוו (היינט — דניעפּראָפּיעטראָווסק), און אין 1922 איז זי צוריק־געקומען קיין פינסק. דער פאָטער, אַ תבואה־סוחר, האָט דערנאָך געעפנט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט. שלמה איז אויפגעוואַקסן אין אַ הויז, וואו ס׳האָט געהערשט אַ ציוניסטישע פּראָגרעסיווע אַטמאָספער און די קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט (דריי זין זיינען געווען, — די צוויי ברידער זיינע, שמעון און מאיר, זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל, איינער אין 1935 און דער אַנדערער — אין 1939). שלמה האָט געענדיקט אַ „תרבות״־פאָלקס־שול און געלערנט אין דער „תרבות״־גימנאַזיע, אָבער ער האָט נישט פאַרענדיקט די לימודים און צו 15 יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַ באַאַמטער אין דער דיקטן־פאַבריק פון לוריע.

אַלט־זייענדיק 13 יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג פון „הנוער הציוני״ (דאַן — „השומר הלאומי״). ער איז געווען אַ פלינקער און טיכטיקער אינגל. נאָך אַ קורצער צייט איז ער אַריינגענומען געוואָרן אינם אָנפירער־ראַט. הגם נאָך גאָר יונג איז ער געווען רייף לויט זיין אויפנעם־פעאיקייט און לויטן אחריות־געפיל, און מען האָט אים איבערגעגעבן אַ גרופּע צום אָנפירן. באַקומענדיק אויפגאַבן אין קן האָט זיך נאָך מער אַרויסגעוויזן און געשטאַרקט זיין איבערגעגעבנקייט. במשך אַ פּאָר יאָר איז ער געוואָרן איינער פון די הויפּט־טוער פון פּינסקער קן, באַליבט ביי הונ־דערטער חברים און פאַרערט אין די יונגע שיכטן.

בעתן מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אין פּינסק און פאַרגעזעצט אונטער־ערדיש די טעטיקייט. נאָך אַ קורצער צייט איז ער אַריבער קיין ווילנע און פאַרגע־זעצט אין קיבוץ דאָס חלוצישע לעבן מיט דער האָפנונג אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. נאָך דער שאַפונג פון געטאָ אין ווילנע (האַרבסט 1941) איז ער געשטאַנען אינדער־שפּיץ פון דער טעטיקייט פון „הנוער הציוני״ און איז געווען איר גאַנצער אָנפירער. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער „הנהגה ראשית״ און אַ פאָרשטייער פון זיין באַוועגונג אין דער חלוצישער קאָאָרדינאַציע, וועלכע האָט זיך דאַמאָלסט געשאַפן אין ווילנע.

ער איז געווען אַ געזונטער, ברייט־פּלייציקער בחור, איינער פון די מוטיקסטע, אַ כאַראַקטער־שטאַרקער און פּאָפּולערער ביי זיינע חברים. אין דער אונטערערד־צייט,

אין דער ערשטער תקופה פון ווילנער געטאָ, האָט ער אָנגעפֿירט מיט דער פֿאַלקס־קיך אויף סטראַשון־גאַס 2 און אַדאַנק אים האָט די אידישע אונטערערד־באַוועגונג באַנוצט פֿאַר אירע צעקן יענעם לאָקאַל פֿאַר טרעפֿונגען און באַראַטונגען אין אַלע ענינים פון דער אונטערערד־באַוועגונג און פון צוגרייטן דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד. דערדאָזיקער לאָקאַל איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקע טעטיקייט־צענטערן. שלמה איז געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן זיך געטראָגן מיטן געדאַנק וועגן אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד געגן די דייטשע מערדער. בעת דער „אַקציע" אין יום־כפור 1941 אין ווילנע, ווען אַ פיר טויזנט אידן זיינען אַוועקגעפֿירט געוואָרן אויף אומקום קיין פּאָנאַר, איז ער געשטאַנען ביי די טויערן פון די הייזער אויף שאַוועלסקע־גאַס און זיך געראַנגלט מיט די ליטווינער, וועלכע האָבן אַדורכגעפֿירט די ארויסשיקונג, און נישט איין קרבן האָט ער אָפּגעראַטעוועט פון זייערע הענט.

ער איז געווען צווישן די מיטגלידער פון דער ווילנער יוגנט־דעלעגאַציע, וועלכע איז געקומען קיין וואַרשע סוף 1941 און געבראַכט די ערשטע קאָמפּעטענטע ידיעות וועגן דער פֿאַרניכטונג פון די אידן אין ווילנע און אויך פֿאַרלאַנגט געלט און געווער פֿאַר ווידערשטאַנד־צוועקן (וועגן דערדאָזיקער דעלעגאַציע זע אינם באַריכט פון דער „אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע", זייטן 129 און 130). ער איז דאַן צוריקגעפֿאָרן קיין ווילנע און פֿאַרגעזעצט זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג. ער האָט אויסגעפֿירט גע־פֿערלעכע שליחותן פונם אונטערערד. אין איינער אַזאַ שליחות, אויפן וועג פון ביאַליס־טאָק קיין וואַרשע, איז ער אין אַפּריל 1942 אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַן־סטאַציע מאַלקיניאַ, ווייל די געסטאַפּאָ האָט שוין געוואוסט וועגן די געפֿעלשטע דאָקומענטן פון אידישן אונטערערד (ער האָט געהאַט אַ דאָקומענט אויפן נאָמען פון יאַן סטאַנקעוויטש; אין יענער צייט — אין אַפּריל 1942 — איז דאָרטן אויך דורכגעפֿאַלן לאה קאָזיעבראָדז־קאָ). צוזאַמען מיט אים זיינען ארעסטירט און שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן די שוועס־טער שרה און רוזשקע זילבער — חברטעס פון „השומר הצעיר" פון ראַדאָם (געבוירן אין 1919 און 1920, בעת דער מלחמה זיינען זיי געקומען אין ווילנער ריכוז און זיינען אַריין אין דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. שרה האָט געאַרבעט אין ווילנע ביי אַ פּוילישער פֿאַמיליע אין אַרישן טייל פון שטאָט און זי איז געווען אַ פֿאַרבינדלערין צווישן געטאָ און דעם אַרישן טייל). אַלע דריי זיינען זיי געפֿאָרן קיין וואַרשע כדי איבערצוגעבן וועגן די געשעענישן און וועגן דעם פּרווו צו שאַפֿן די פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. ער איז גענומען געוואָרן קיין וואַרשע, אין דער פּאַוויאַק־טורמע. עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַסך באַמיאונגען אים צו ראַטעווען, אָבער אָן דערפֿאָלג. בעת דעם גרויסן גירוש פון די וואַרשעווער אידן, אין יולי 1942, איז ער דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַרעסטירטע, וועלכע זיינען דערהרגעט געוואָרן די ערשטע (אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווערט זיין נאָמען אָנגעגעבן סאַלאָמאָן עטקין. אָבער דאָס איז אַ טעות און עס דאַרף זיין ע נ ט י ן).

ערליך אליהו (עלעק): געבוירן אין וואַרשע, אַ קינד פון דער אָרימקייט. אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע אויף וואָלינסקע־גאַס, געענדיקט אַ 7־קלאַסיקע פאָלקסשול אויפן נאָמען פון באָראָכאָוו, אויף זאַמענהאָף־גאַס 6. ער האָט פרי אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי דאַמען־האַנט־טאַשן. פון דער יוגנט־אָן געווען אין דער יוגנט־באַוועגונג פון די לינקע פועלי ציון, צוערשט אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונגבאָר" און שפּעטער אין דער „יוגנט". ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, געהאַט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, געווען אַ מיטגליד אינם וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער „יוגנט" און אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דעם לינק־פועלי־ציוניסטישן ספּאָרט־קלוב „שטערן" אין וואַרשע. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער יוגנט־סעקציע פון פראָפעסיאָנעלן לעדער־אַרבעטער־פאַריין. דאָרט האָבן די קאָמוניסטן געהאַט אַ גרויסע השפעה און אים איז אויסגעקומען צו פירן מיט זיי שאַרפע ויכוחים. אַ מוטיקער אינגל, אָנגעפירט מיט די גרופּעס וואָס פלעגן אויסקלעפן אין די גאַסן די אויפרופן און פלאַקאַטן פון זיין באַוועגונג און גיין בראש פון די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. די גאַנצע פרייע צייט פלעגט ער אָוועקגעבן דער אַרבעט פון דער „יוגנט". אַ לעבעדיקער בחור, תמיד פול אָפּטימיזם און מיט אַ שמייכל אויפן פנים, שטאַרק באַליבט ביי די חברים.

ביים אויסברוך פון קריג איז ער אַוועק מיטן שטראָם פליטים קיין מזרח. ער איז אַ צייט געווען אין בריסק. אָבער די פליכט צו זיין משפחה האָט אים נישט געלאָזט רוען און ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע. געווען אַקטיוו אין דער אונטערערד־אַרבעט און אַקטיוו אין די געטאָ־שלאַכטן. נאָך די געטאָ־קאַמפן איז אים געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט און ער האָט דאָרט פאָרגעזעצט די אונטערערדישע טעטיקייט. ער איז געווען צווישן די פאַרטרויאונגס־מענער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין אונטערערד. צווישן די קעמפער אין דער פאַרטיזאַנער־גרופּע אין די ווישקאָווער וועלדער ביים בוג־טייך. ער איז געפאַלן אין וואַרשע בעת דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, אין זשאָליבאָזש — דעם וואַרשעווער נייעם קוואַרטאַל (די גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געקעמפט בעת דעם אַלגעמיינעם פוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע — פריער אין דער אַלטשטאָט און דערנאָך אין זשאָליבאָזש). נאָך דער באַפרייאונג פון וואַרשע איז ער דעם 29־טן אַפּריל 1945 געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל, באַגלייט פון אַ גרויסער לויה, אויפן אידישן בית־עולם אויף גענשע־גאַס, צוזאַמען מיט זיינע קאַמפס־חברים הירש בערלינסקי און פאָלע עלסטער (ביידע — לפ"ג).

פּאַוו שלמה: געבוירן אין לאָדזשער באַלוט אין 1911, אין אַ פּרומער אַרבעטער־משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַ טעקסטיל־אַרבעטער. שלמה האָט געלערנט אין אַ פאָלקסשול אויפן נאָמען פון וול. מעדעם, שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס שניידער־לערנאינגל און ער איז אַריינגעטרעטן אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". ער איז געווען זייער אַקטיוו, האָט געשטרעבט צו זעלבסטבילדונג, האָט אָנגעפירט מיט קרייזן און רעפערירט פאַר זיי נאָך זייענדיק אין דער יוגנט־באַוועגונג. אויך ווען ער איז אַריבער אין דער פּאַרטיי, אין „בונד", איז ער געווען זייער אַקטיוו און אין 1937, ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג, איז ער געוויילט געוואָרן אין קאָמיטעט פון דער לאָדזשער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע און אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ פון „צוקונפט" אַלס חבר פונם צענטראַל־קאָמיטעט. ער איז געווען באַליבט און אָנגעזען צווישן זיינע חברים.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריבער קיין וואַרשע און געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג; ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער „צוקונפט"־צענטראַלע און אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון דער „יוגנט־שטימע". לויטן באַריכט פון „בונד" איז ער אומגעקומען אין טעבענס־שולץ־געביט בשעת דעם אויפשטאַנד, אָבער לויט אַנדערע ידיעות איז ער פון דאָרטן אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאַגער סקאַרזשיסק און אומגעקומען אינם לאַגער.

פּאַוועל (אהרן ברוסקין): קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פּאַריינען — אידישע קאָמוניסטן. אין די דאָקומענטן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז זיין נאָמען פאַרשריבן „פּאַוועל" און אפילו די חברים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים זיך באַטייליקט אין די קאַמפן האָבן אים געקענט נאָר מיט דעם נאָמען. לויט ב. מ אַ ר ק, אין „דאָס נייע לעבן" (לאָדזש, 18 אַפּריל 1947) איז דאָס געווען א ה ר ן ב ר ו ס ק י ן, אַ געבוירענער אין וואַרשע, אין אַ מיטלשטאַנד־פאַמיליע; דער פאָטער איז געווען אַ האַנדלס־אַגענט. די עלטערן האָבן געשטאַמט פון דער ליטע. אהרנ׳ס עלטערע שוועסטער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין די פּעטליורע־פּאָגראָמען אין אוקראַינע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין עלטערער ברודער, איז דינענדיק אין פּוילישן מיליטער, דערהרגעט געוואָרן אין אַ מאָטאָציקל־צוזאַמענשטויס אין יאָר 1926. אַ צווייטע שוועסטער, אַ לערערין, אַן אַקטיווע קאָמוניסטין איז אַוועקגעפאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אהרן איז אויפגעוואַקסן אין האַרץ פון דער אידישער וואַרשע (זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אויף גענשע־גאַס 33). ער האָט געענדיקט די מעטאַל־אָפּטיילונג ביי דער פאַך־שול פון דער וואַרשעווער אידישער קהילה, אויף סטאַווקי גאַס, און האָט גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן אין קליינמאַנס מעטאַל־פאַבריק אויף אָקאָפּאָווע. דער

הויכגעוויקסיקער, שוואַרצהאָריקער, לעבנספּריידיקער אינגל איז פון די אינגסטע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין דער אידישער געגנט. ער איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פונם ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין דער פּאָוואָנזעק־געגנט און דערנאָך איז ער אַריין אויך אין ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אונטערערדיש־אַקטיוו נאָך פאַר דער מלחמה, ווייל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דאָך געווען אומלעגאַל אין דאַמאָלסטיקן פּוילן. עטלעכע מאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן, דאָס לעצטע מאָל אין יאָר 1937. צווישן זיינע חברים האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ טיף־באַוואוסטזיניקן חבר און דערביי אַ דרייסטער און אויסגעצייכנטער קאָנספּיראַטאָר.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער אַוועק קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרטן ווייטער — קיין רוסלאַנד. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ אידישער לאַנדווירטשאַפט־לעכער פאַרם אין קרים און שפּעטער איז ער געפאָרן קיין מינסק. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די רוסישע געביטן, האָט ער זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וועג צוריק קיין וואַרשע.

ער איז געווען איינער פון די מוטיקסטע קעמפער, וועלכע האָבן נישט געוואוסט וואָס מורא באַדייט. נאָך פאַרן אויפשטאַנד האָט ער אָנגעפירט מיט אַ קאַמף־גרופּע פון פּ.פּ.ר. אין בראָווערס שאָפּ. ער ווערט דערמאָנט אין די טאָג־ביכער פון די קעמפער, אין די באַריכטן פון די קאַמפן, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט זיין אָפּטיילונג אין „צענטראַלן געטאָ". צווישן אַנדערע האָט ער אויך געקעמפט אַרום דעם שוצאָרט אויף מילע 29 (זע זייט 256, באַמערקונג 18). דעם 7־טן מאַי איז אים איבער־געגעבן געוואָרן, ער זאָל, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 10 קעמפער, אַדורכרייסן אַ וועג אויף דער אַרישער זייט, כדי צוצואיילן פון דאָרטן הילף פאַר די נאָך אין געטאָ פאַרבליבענע קעמפער. די גרופּע, וועלכע איז געגאַנגען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, האָט געדאַרפט אַרויסקומען אויף ביעלאַנסקע־גאַס, אָבער זי האָט פאַרבלאָנדזשעט און איז אַרויס פון קאַנאַל אַנטקעגנאיבער דעם קראַשינסקי־גאָרטן; דאָרט האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין דייטשע סאָלדאַטן און פּוילישע פּאָליציי. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף און אונזערע קעמפער האָבן זיך פאַרטיידיקט ביז דער לעצטער רגע. 30 יאָר איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען. צוזאַמען מיט אים זיינען געפאַלן פון יענער דעלעגאַ־ציע — זיין חברטע זיגפרידע סימסאָן, יצחק סוקניק („קאַזאַ"), וואַנדאַ אַכראַן, לילקאַ זשימאַק (אַלע — לפ"ג) און אַנדערע; העלע שיפּער אַ מוטיקע קעמפערין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אַ חברטע פון „עקיבא", וועלכע איז אויך דערביי געווען, אַלס מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, איז דאַכט זיך די איינציק־געראַטעוועטע פון דער דעלעגאַציע (איצטער אין ארץ־ישראל, אין קיבוץ בית יהושע), זי גיט איבער, אַז די קעמפער האָבן זיך צושפּרייט אין אַ ברייטער ליניע און איינער האָט נישט געקענט זען, וואָס מיטן צווייטן געשעט.

פּאַזשענטשעווסקי אברהם: געבוירן אין לוביען, װלאָצלאַװקער קרייז. פרי אַ יתום געוואָרן. ער איז דערצויגן געוואָרן דורך זיין זיידע, אַ גרויסער תלמיד־חכם, און דורך דעם שטעטלשן רב. פּאַזשענטשעווסקי איז שפּעטער געוואָרן אַן אַקטיווער חבר פון צעירי ציון און נאָך דער פאַרייניקונג — פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. פאַר דער מלחמה איז ער נישט געווען באַזונדערס אַקטיוו, אָפּגעבנדיק זיך איינגאַנצן זיין אַרבעט, אַ אידישער לערער אין אַ מלוכהשער פאָלקס־שול, אָבער אין דער מלחמה־צייט איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און געווען אַ מיטגליד פונם קאָמיטעט פון די פּאַרטיי־חברים פון דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין וואַרשע. ער איז געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער אונטער־ערדישער פּאַרטיי־אַרבעט.

אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן צום איחוד־עולמי פועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די אַקטיווע טוער פון דער באַוועגונג, וועלכע זיינען אומגעקומען דערפילנדיק זייערע אויפגאַבן. — ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען עטלעכע און פערציק יאָר (זיין אינגערער ברודער, י. פּ אַ ז ש ע נ ט ש ע װ ס ק י, אַ מיטגליד פון פּאַרטיי־ראַט, פון די אַקטיווע אָנפירער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין װלאָצלאַװעק, וועלכער האָט אַסך יאָרן געטראָגן די הויפּט־לאַסט פון דער אָרטיקער פּאַרטייאישער אַקטיוויטעט, האָט אין דער אָקופּאַציע־צייט אָנגעפירט מיט אַ יתומים־הויז פון „צענטאָס" אין שעדלעץ. ער איז גע־שטאָרבן פון טיפוס בשעת דער אַרויסשיקונג פון די שעדלעצער אידן).

*** פּאַכאַל חוה:** געבוירן אין קיעלץ, אין 1918, אין אַ פרומער, אָרימער משפּחה, וועלכע האָט בדוחק זיך מפרנס געווען אַלס עופות־הענדלער. ווען זי האָט געענדיקט די לימודים אין דער פאָלקסשול, איז זי אַריינגעטרעטן אין דער אָרטיקער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע און געוואָרן אַקטיוו טעטיק. אַ רואיקע איבערגעגעבענע און טרייע חברטע האָט זי מיט ליבשאַפט אויסגעפירט אַלע געבאָטן פון דער באַוועגונג. נאָך פאַר דער מלחמה איז זי געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. דער פאָטער און די מוטער זיינען איר געשטאָרבן. אין 1938 איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין בענדינער קיבוץ.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי אָנגעקומען קיין וואַרשע. זי האָט טריי מיטגע־אַרבעט אין דער אונטערערדישער טעטיקייט פון דער באַוועגונג; האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און געוואָרן אַן אַקטיווע אָנטיילנעמערין אין איר אַרבעט אַלס מיטגלידערין פון די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „דרור". זי איז געפאַלן אין קאַמף אין ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פונם וואַרשעווער געטאָ, אין יאַנואַר 1943. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** פּאַסאַמאַניק רבקה:** געבוירן אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט טשערניאַקאָוו אין 1921, ביי פרומע עלטערן, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה פון אַ מילך־ווירטשאַפט. זיי האָבן זי געפּרוּווט דערציען אין זייער גייסט. עס איז איר אויסגעקומען שווער גובר צו זיין די געגנערשאַפט פון אירע עלטערן צו איר אַריינטריט אין „הנוער הציוני״; באַזונדערס האָט דער פאָטער שמערצלעך איבערגעלעבט דעמדאָזיקן שריט אירן. זי האָט זיך אָבער פאַרבונדן מיט לייב־און־לעבן מיט דער באַוועגונג און מיט אירע פאַרווירקלעכונגס־געבאָטן. ווען זי איז אין 1938 אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה, האָט זי געהאַט גרויס עגמת־נפש דערפון, וואָס זי האָט געמוזט מאַכן אַלע פאָרבאַרייטונגען אין געהיים. אויך אין קיבוץ איז זי געווען צווישן די אַקטיווע חברים. אַ טונקלהאָריקע, הויכע און שלאַנקע מיידל מיט קלוגע אויסדרוקפולע אויגן; זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויסגעהאַלטענער טריישאַפט צום וועג, וואָס זי האָט געוויילט. אין דער באַוועגונג איז זי גאָר גיך געוואָרן פון אַ צוהערערין אַ דערציערין און האָט געווידמעט דער דערציאונגס־אַרבעט אירע גאַנצע פעאיקייטן.

בילד פון 1938

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי, צוזאַמען מיט די עלטערן, געקומען קיין וואַרשע. זי איז דאַן אַריין אין דער „עקיבא״־באַוועגונג און געווען אַ מיטגלידערין אין שטאָטישן „עקיבא״־קיבוץ אויף נאַלעווקי 10. זי האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער אינערלעכער ווירטשאַפט פונם קיבוץ. זי איז געווען אַ גוטהאַרציקע און מוטיקע, און געוואָרן אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט. אַ געוויסע צייט איז זי געווען אין דער החלוץ־פאַרם טשערניאַקאָוו. ווען עס האָט זיך געגרינדעט די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז זי אַריינגעטרעטן אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „עקיבא״; זי איז געווען פריער אין דוד נאָוואָדוואָרסקיס (לפ״ג) קאַמף־גרופּע, און דערנאָך אין דער גרופּע פון בערל ברוידע (לפ״ג), מיט וועלכער זי האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן. זי האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט מיט איר מוט, באַזונדערס בעת דעם אַריבערגאַנג פונם בונקער אויף מילע גאַס 29 (זע ז. 256, באַמ. 18). פאַרוואונדעטערהייט פלעגט זי זיך אַרויסלאָזן ביינאַכט, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער שפּייז־באַזאָרגונג — און ברענגען שפּייז פון פאַרלאָזטע בונקערס און פון די פאַרזאָרגונגס־מאַגאַזינען פון דער קהילה. זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דעם 8־טן מאַי אינם בונקער פונם הויפּט־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — כדי נישט אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקע אין די דייטשע הענט. פאַר דעם האָט זי דערשאָסן אירע אַ חברטע, לויט יענערס בקשה. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

פּאַפּיער זישע (זיגמונט): געבוירן אין נאָווידוואָר ביי וואַרשע, דעם 3־טן מאַי 1917. דער פּאָטער, אַ באַזיצער פון אַן עקספּעדיציע־געשעפט, איז געווען אַ ציוניסט. זישע האָט געענדיקט די לימודים אין דער אָרטיקער אַלגעמיינער פאָלקס־שול און דערנאָך האָט ער געאַרבעט אין אַ פּאָרצע־לאַן־פאַבריק. ער איז געווען אַ מיטגליד פון „מכבי" אין זיין שטעטל.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז די גאַנצע משפּחה (די עלטערן מיט 8 קינדער) אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אין דער לעצטער געטאָ־תקופה האָט זישע געאַרבעט אין לאַנדוי־„שאָפּ"; דאָרטן איז ער מאָ־ביליזירט געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין שוועסטער פ נ י נ ה (פון די איינצלנע קעמפער, וועלכע זיינען געבליבן לעבן; איצטער איז זי אין ארץ־ישראל), דורך ה י ר ש ב ע ר ל י נ ס ק י (לפ"ג) אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פּועלי־ציון. ער איז געווען אַ מוטיקער און געטרייער זעלנער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. בעת'ן אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין בערשטער־געביט. דעם 3־טן מאַי 1943, ווען אַ גרופּע קעמפער האָט געפּרוווט אַדורכשלאָגן זיך אַ וועג פון איר צעשטערטן בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 אין אַן אַנדערן בונקער איז זישע (וועלכער איז אַ טאָג פריער פאַרוואונדעט געוואָרן אינם קאַמף נעבן בונקער, — זע זייטן 293 און 296, באַמ. 1 און 2) געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן. — דאָס איז געווען אין זיין 26־טן געבורטס־טאָג. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע איז על פּי טעות אַריינגענומען געוואָרן אויך דער נאָמען פון זיין שוועסטער, די פריער דערמאָנטע פנינה; וועגן איר זע „אַריינפיר־באַמערקונגען צום אָנדענק די געפאַלענע אויף דער וואַך", זייטן 327 און 328).

פּאַקראַפּעק סטעפאַן: אַ פּאָליאַק, פון דער פּ.פּ.ס.־ישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. 40 יאָר איז ער אַלט געווען בעתן געטאָ־אויפשטאַנד. ער איז געווען איינער פון די „חסידי אומות העולם". האָט מיטגעהאָלפן דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פלעגט באַגלייטן די אידן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צו די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס אין די וועלדער. די אידישע קעמפער האָבן תמיד געפונען אַ שוץ אין זיין וואוינונג, אויף וואַשינגטאָן־גאַס 80 אין וואַרשע, כאָטש ער האָט געמוזט זייער זיך היטן פון זיינע שכנים און אפילו פון זיין ווייב. ער האָט אויך מיטגעהאָלפן ביים באַקומען געווער און פלעגט אפילו באַהאַלטן ביי זיך אינדערהיים געווער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

זומער 1943 איז צו אים געקומען עמיצער מיט אַ רעקאָמענדיר־בריוו פון זיינעם אַ פריינט און אים געבעטן זיין אים בייהילפיק אַריבערצופירן אים אין אַ פּאַרטיזאַנישער גרופּע. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דערזעלבער מענטש געמאָלדן, אַז ער קען פאַר־קויפן דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַ גרעסערע פּאַרטיע געווער. אין דער אָפּגע־רעדטער שעה האָט שמחה ראַטהייזער געוואַרט אויף אים אין פּאַקראַפּעקס וואוינונג, אָבער אַנשטאָט יענעם מענטש זיינען אָנגעקומען געסטאַפּאָ־לייט און אַרומ־גערינגלט דאָס הויז (שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז יענער האָט געדינט אין געסטאַפּאָ און ער האָט אויסגענוצט זיינע פאַרבינדונגען מיטן אונטערערד אויך כדי צו כאַפּן עטלעכע פון די באַדייטנדיקע פּ.פּ.ר.־טוער). פּאַקראַפּעק האָט נישט באַוויזן צו באַהאַלטן דאָס געווער, וואָס איז געווען אין זיין צימער, און כדי נישט אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ראַטהייזער האָט באַוויזן אַרויסצושפּרינגען דורכן פענסטער און אונטער אַ האָגל קוילן איז אים געלונגען אַדורכצוגליטשן זיך צווישן די הייזער און אַנטלויפן. טוביה שיינגוט — טאַדעק (לפ"ג), וועלכער איז גראַד דאַמאָלסט אָנגעקומען אויף יענעם אָרט איז דערהרגעט געוואָרן ביים פּרווו צו אַנטלויפן. דאָרטן איז אויך אַרעסטירט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ אַ 17־יאָריקער אידישער אינגל, וואָס פּאַקראַפּעק האָט אים אין יענער צייט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין הויז.

פּולמאַן שמעון: געבוירן אין וואַרשע, אין 1889, אין אַן אַנגעזעענער משפּחה. זיין מוטער, די שוועסטער פון דער באַרימטער אַקטריסע אסתר־רחל קאַמינסקי, האָט אים מיטגעהאָלפן אין זיין קינסטלערישן וועג און איבערגעגעבן זיין מוזיקאַלישע דערציאונג אין די הענט פונם באַקאַנטן פּראָפעסאָר הילי. ער האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכנונג די קאָנסערוואַטאָריע־לימודים אין פּעטערבורג (היינט: לענינגראַד) און אין וואַרשע און אַדאַנק דער סטיפּענדיע פון וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג און שטיצע פון אַנדערע קוועלן, איז ער אַוועקגעפאָרן פאַרפולקאָמען זיך קיין פראַנקרייך, וואו ער איז געווען אַ תלמיד פון פּראָפעסאָר מערסיק. אויך דאָרטן האָט ער געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע־לימודים מיט אַן אויסצייכנונג און איז געווען פאַרעכנט אלס איינער פון די באַגאַבטע פידלער. ער איז אָפט אויפגעטרעטן אויף קאָנצערטן אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע שטעט און געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דאַן איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר אין דער נייער ווינער קאָנסערוואַטאָריע און געווען דאָרט פּעדאַגאָגיש טעטיק ביז עסטרייך איז אָקופּירט געוואָרן דורך די נאַציס. ער איז אַוועק קיין פּאַריז און געוואָרן אויך דאָרטן פּראָפעסאָר. אין אויגוסט 1939 איז ער געפאָרן קיין פּוילן צו באַזוכן זיינע קרובים, אינצווישן איז אויסגעבראָכן די מלחמה און ער האָט שוין נישט געקענט אומקערן זיך קיין פּאַריז. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געשטאַנען בראש פונם סימפאָנישן אָרקעסטער און האָט זיך

באַמיט דורך די שיינע קאָנצערטן געבן זיינע אומגליקלעכע פאָלקסברידער מינוטן פון אָפּרו און זעלבסטפאַרגעסונג, ווי עס ווערט באַריכטעט אינם בריוו פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז אַרויסגע־שיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרטן דערמאָרדעט געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע טוער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער.

פּיזשיץ רעניע: פונדערהיים — יאַרעצקי, געבוירן אין וואַרשע, אין אָקטאָבער 1901, אין אַ פאַרמעגלעך־באַלעבאַטישער משפחה. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים האָט זי פאַר־געזעצט אירע בילדונגס־שטודיען אין הומאַניסטישן פאַקולטעט (פּעדאַגאָגיק און פילאָזאָפיע) פון וואַר־שעווער אוניווערזיטעט און דערנאָך אין די פּעדאַ־גאָגישע קורסן פון דער אידישער קהילה. נאָכן פאַרענדיקן די קורסן איז זי געוואָרן אַ לערערין אין די אידישע פאָלקסשולן פונם „בונד״.

בילד פון 1929

פון די גימנאַזיע־יאָרן ביז אירע לעצטע טעג איז זי געווען אַן איבערגעגעבענע חברטע פון „בונד״ אין פּוילן: פריער אין דער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע „צוקונפט״, — און אין די אוניווערזיטעט־יאָרן, אין בונדיסטישן אַקאַדעמישן קרייז „רינגען״. אַ שטיקל צייט פאַרן מלחמה־אויסברוך איז זי געווען לייטערין פון „קולטור־ליגע״ אין וואַרשע. איר מאַן, ד״ר הענריק פּ י ז ש י ץ — אַ באַקאַנטער בונדישער טוער, איז געווען דער פאָרזיצער פון „מאָרגנשטערן״ — דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון „בונד״.

ביים מלחמה־אויסברוך איז איר דירה באָמבאַרדירט געוואָרן. איר מאַן איז צוזאַמען מיט אַנדערע בונדיסטישע טוער אַנטלאָפן קיין ווילנע און ס׳זיינען נישטאָ קיין ידיעות וועגן זיין גורל. רעניע האָט נישט פאַרלאָזט דעם געטאָ במשך דער גאַנצער, פינצטערער אָקופּאַציע־צייט, כאָטש איר צווייטע שוועסטער, וועלכע איז אַריבער אויף דער אַרישער זייט (און געבליבן לעבן) האָט זי שטאַרק געבעטן זי זאָל אויך טון דאָסזעלבע. אַ דריטע שוועסטער געפינט זיך אין ארץ־ישראל. נאָך א שוועסטער און אַ ברודער ווי אויך די עלטערן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. רעניע איז געווען אַקטיוו אין אונטערערד און אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. בעת די געטאָ־קאַמפן האָט מען זי אַריבערגע־פירט אין בונקער פון אידישן שפּיטאָל אויף גענשע 6 און דאָרטן איז זי, אַרום דעם 10־טן מאַי 1943, אומגעקומען צוזאַמען מיט איר זעקסיאָריקן בן־יחיד א ב י ג ד ו ר־(וו י ק ט אָ ר) און אַ גאַנצער ריי אירע חברים.

פּלאָטניצקאַ פרומקע: געבוירן אין פּלאָטניצע נעבן פּינסק, כ׳ אלול תרע״ד (11־טער נאָוועמבער 1914), אין אַ חסידישער משפחה, אָקסן־הענדלער, פּאַרוואָרצלטע זינט אַ סך יאָרן אין דעם אָרט. פרומקעס פאָטער האָט צו 18 יאָר באַקומען סמיכות אויף רבנות, אָבער לויט דער עצה פון סטאָלינער רבין, האָט ער זיך גענומען צו מסחר. נאָכן פּאָגראָם פון בולאַק־באַלאַכאָוויטשעס באַנדעס אין 1920 איז די פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין פּינסק. שוין אין דער פריער יוגנט איז פרומקע אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט״ — די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פּועלי ציון (צ.ס.). צוליב דער נויט אין שטוב האָט זי נישט געלערנט אין קיין שול נאָר אינדערהיים, ביי איר עלטערער שוועסטער זלאַטקע, וועלכע האָט געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע.



כאָטש די שוועסטער איז געווען אַ קאָמוניסטקע איז איר נישט געלונגען צו באַווירקן אין איר גייסט פרומקען און די אינגערע חנה׳טשע און דעם נאָך אינגערן ברודער הערשל, וועלכע זיינען באַלד אַריין צווישן די ארץ־ישראל־קעמפער און זיינען געוואָרן סימבאָלן פון חלוצישער איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט (זלאַטקע, וועלכער געפינט זיך איצטער אין אַרגענטינע, האָט געשריבן אין אָקטאָבער 1945 צום ברודער אליהו קיין ארץ־ישראל, אַז אירע קינדער וויל זי דערציען אין גייסט פון פרומקען און חנה׳טשען, ווייל „דיין אידעאַל האָט געזיגט״). אינדערהיים איז פרומקע געווען אַ באַשיידענע, רואיקע, געטראָגן דעם יאָך, און אַזאַ איז זי געווען אויך אין דער באַוועגונג — אַ אין־זיך־פאַרשלאָסענע און איבערגעגעבענע. זי האָט נישט געזוכט קיין אויבנאָן, זי האָט געוואָלט זיין דער פשוטער, געטרייער זעלנער, וועלכער איז גרייט אויף יעדן רוף. אין 1935 איז זי געווען אין ביאַליסטאָקער קיבוץ „תל־חי״, זי האָט זיך באַטייליקט אין אַלע צוזאַמענקומען און סעמינאַרן פון דער באַוועגונג און גאָר־גיך איז זי געוואָרן איינע פון די אַקטיווסטע און ווירקעוודסטע מענטשן אין דער גרויסער „החלוץ״־משפחה אין פּוילן. זי פלעגט מאַכן באַזוכן — אויך לאַנגטערמיניקע — אין שליחות פון דער באַוועגונג אין דער פּראָווינץ און אין פאַרשידענע קיבוצים. אַזוי, למשל, האָט זי אין דער צווייטער העלפט 1938 און אָנהויב 1939 פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין לאָדזשער באָראָכאָוו־קיבוץ. אירע באַזוכן האָבן אַריינגעבראַכט אַ באַלעבונג אין די סניפים און קיבוצים. זי האָט פאַרנומען אַ הויפּט־אָרט אין דער באַוועגונג.

איר פאַרוואָרצלונג אין דער באַוועגונג איז געווען אַ פולשטענדיקע. אין אירן אַ בריוו פון 1938 שרייבט זי : „אָן דער באַוועגונג וועל איך דאָך נישט קענען לעבן״. גרויס איז געווען איר בענקשאַפט צו קומען קיין ארץ־ישראל. אין אירע פאַרבאָרגענע

טרוימען האָט זי זיך געזען אין לאַנד, אין קיבוץ, אין פעלד, ביי דער שמירה, — אינדעם האָט זי איינגעזען איר לעבנס־אינהאַלט און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אירע בריוו פון דער פאַר־מלחמהדיקער תקופה. אין איינעם אַזאַ בריוו שרייבט זי: „איך וואָלט שוין געוואָלט אָנקומען. איך שפיר שוין די ערד פון ארץ־ישראל. אין די נעכט חלום איך וועגן די מענטשן און וועגן אָרט". זי האָט דאָס נישט דערלעבט. זי האָט אויך אַרויסגעשפירט די פאָרשטייענדיקע סכנה. אין אַ בריוו פון 25־טן מאַי 1939 שרייבט זי: „עס דערנעענטערט זיך, עס קומט אָן דער טאָג פון מיין עליה. ווי וועל איך אַזוי קענען קומען אין לאַנד אַריין? (אפשר וועט אינצווישן אויסברעכן אַ וועלט־מלחמה; וועל איך דאַן איבערבלייבן?!)".

זי איז איבערגעבליבן. די מלחמה־יאָרן האָבן זי געמאַכט פאַר אַ צענטראַלע, ממש לעגענדאַרע פערזענלעכקייט אין דער אידישער אונטערערדישער באַוועגונג אין פוילן. קנאַפּ מענטשן זיינען אַזוי ווי זי אַדורכגעפאָרן, אין שליחות פון דער באַוועגונג, דאָס אָקופּירטע פוילן, אין אַלע טיילן, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין די סאַמע שווערסטע און געפערלעכסטע צייטן. צענדליקער בריוו פונם נאַציסטן גיהנום זיינען אָנגעקומען פון איר צו חברים אין נייטראַלע לענדער און פון דאָרטן קיין ארץ־ישראל; און די בריוו האָבן איבערגעגעבן אַ סך ידיעות וועגן דעם מצב פון דער באַוועגונג אין יענער צייט. חברים, וואָס זיי איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פונם גיהנום האָבן דערציילט וועגן איר איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט, וועלכע זיינען ממש געווען אָן אַ גרעניץ. איר שוועסטער ח נ ה' ט ש ע האָט געשריבן צום ברודער קיין ארץ־ישראל: „דו געדענקסט אָן אַנדערע פרומקע, אַ פאָלגעוודיקע, רואיקע, אין אַ זייט אָפּגערוקטע, אין־זיך־פאַרשלאָסענע, דאָס האָט זי דאַמאָלסט אָנגעזאַמלט אין זיך אַן אוצר ענערגיע, איבערגעגעבנקייט און גרייטשאַפט — און דערפון איז אַרויסגעקומען די וואונדערבאַרע קאָמפּאָזיציע: פרומקע און די באַוועגונג". פרומקע איז געוואָרן דער הויפּט־שליח פון דער וואַרשעווער החלוץ־צענטראַלע. כלפּי חוץ האָט זי אין יענע שווערע־און ווילדע־טעג פון דער מלחמה נישט אַרויסגעוויזן דעם טיפן שמערץ און ליידן, וואָס דאָס אָפּגעריסן זיין פון ארץ־ישראל האָט איר גורם געווען. זי פלעגט נאָך מונטערן, מוטיקן און טרייסטן אַנדערע. מיט אַן איבערמענטשלעכער קראַפט האָט זי אין יענע טעג פאָרגעזעצט די דערפילונג פון אירע אויפגאַבן. פאַרשטעלט אַלס אַ גויה, פלעגט זי אָנקומען אין פאַרשידענע ערטער און צוזען ווי פאַר אירע אויגן פירט מען אידן צום טויט (אין „מבפנים", יוני 1947, גיט חו'קה פאָלמאַן אַ דערשיטערנדיקן באַריכט פון איר באַזוך מיט פרומקען אין הרוביעשאָוו, אין פרילינג 1942, בשעת דאָרטן איז פאָרגעקומען אַ פאַרניכטונגס־גירוש). זי איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט געבראַכט קיין וואַרשע די גרויליקע ידיעה, אַז זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן צוגעזען דעם אָנהויב פון דער אידן־פאַרניכטונג אין פוילן אין די מזרח־געביטן — און זי האָט פאַרלאַנגט אַ קאָנטר־אַקציע. אינם בריוו פון 10־טן יאַנואַר 1942 האָט זי געשריבן צום

זשענעווער פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות וועגן דערדאָזיקער נסיעה אירער. אויך אינם בריוו פון 5־טן יוני 1942 צו דער באַוועגונג אין אויסלאַנד, וועלכע איז געשריבן געוואָרן בשעת איר באַזוך אין טשענסטאָכאָוו, האָט זי דערמאָנט אירע באַזוכן אין ווילנע, ביאַליסטאָק א. א. (אין די חדשים פעברואר — מערץ 1942 האָט זי במשך 6 וואָכן אָנגעפירט מיט אַ סעמינאַר פון דער באַוועגונג אינם החלוץ־קיבוץ אין ביאַליסטאָק, אויף וואַנזקע־גאַס 13). נישט געקוקט אויף אירע אָפּטע, לאַנגדויערנדיקע און געפאַרפולע אַרויספאָרן אין די אָקופּאַציע־יאָרן, איז זי כסדר געווען איינע פון די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן אינם אידישן אונטערערד אין וואַרשע. זי האָט מיטגעווירקט אין אַלע אַקציעס און אין דער אויסאַרבעטונג פון אַלע פּלענער. אויף דער אַנטשיידנדיקער זיצונג פון „החלוץ" און פון די פאַרבונדענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 28־טן יולי 1942, און ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איז פרומקע באַשטימט געוואָרן אין דער דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט צוזאַמען מיט טאָסיע אַלטמאַן, לאה פּערלשטיין און אריה ווילנער (אַלע לפ"ג).

אין דער צווייטער העלפט 1942 איז זי געשיקט געוואָרן אין נאָמען פון דער באַוועגונג קיין בענדין און דאָרטן איז זי געוואָרן די נשמה פון דער באַוועגונג און פון דער גאַנצער ווידערשטאַנד־אַקציע. אַ חברטע, וועלכע איז געווען צוזאַמען מיט איר ביזן לעצטן מאָמענט, שרייבט וועגן איר אין דער בענדינער תקופה: „די גאַנצע שטאָט קען זי, אַלע האָבן צו איר אַ געפיל פון אומבאַגרעניצטער ליבע און דאַנקבאַרקייט. „די מאַמע" — אַזוי רופט מען זי אין פאָלק. זי מאַכט לייכטער דאָס יסורימדיקע לעבן מיט טרייסט, מיט אַ ליִב וואָרט, מיט אַ גוטער עצה". אינם אַרטיקל „מעבר לחומה" — פון יענער זייט מויער — (מ. ניישטאַדט „הפועל הצעיר", פעברואר 1943), וואָס איז אויך דערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשור און איז געשריבן געוואָרן בעת פרומקע האָט נאָך געלעבט, לייענען מיר: „אין אַ תל־אביבער קינאָ זעט מען שוין עטלעכע וואָכן דעם פילם „נאַטאַשאַ" — די לענינגראַדערין, די טויזנטער קינאָ־באַזוכער ווערן באַגייסטערט און אַנטציקן זיך, און מיט רעכט, פון דער העלדישקייט פונם דאָזיקן מיידל — דער סימבאָל פון מוט און העלדישקייט, וועלכע עס פאַרמאָגט אַ יונגע רוסישע קעמפערין. ווי קומט דאָס אָבער, וואָס די אַלע טויזנטער ווייסן גאָרנישט וואָס עס טוען אונזערע צביה'ס און וויאַזוי עס ווירקן אונזערע פרומקעס: איינזאַמע און פאַרלאָזטע, אָן שטיצע, אָן דעם נויטיקן גראָשן אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט, טוען זיי טאָג־איין־טאָג־אויס, שוין עטלעכע יאָר, די הייליקע אַרבעט. און ס'איז נישטאָ קיין וואָרט פון טרייסט, און ס'איז נישטאָ קיין סימן פון אָפּשאַצונג און אָנערקענונג, וועלכע זאָל זיי דערמוטיקן. און זייער לאַגע איז דאָך אומפאַרגלייכלעך שווערער און פילפאַך געפערלעכער ווי דער מצב פון דער העלדין פון לענינגראַד".

באַזונדערס שווער זיינען איר געווען די וואָכן נאָך דער אונטערדריקונג פונם

וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אַלע, וואָס זי איז געווען פאַרבונדן מיט זיי מיט דער גאַנצער נשמה אירער, זיינען געפאַלן, — צווישן זיי אויך איר אינגערע שוועסטער חנה׳טשע. און איר פליכט איז געווען אָנצוזאָגן עס דער באַוועגונג אין אויסלאַנד. זי האָט עס געטון מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „גיב אים איבער, אַז מיין קליינע חנה׳לע האָט חתונה געהאַט מיט רופינען". אָבער איר פליכט איז אויך געווען גובר צו זיין דעם שמערצלעך־ברענענדיקן צער און ווייטער פירן די אַרבעט. דעם 1־טן יולי 1943 זאָגט זי אָן דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ: „גרשון איז דאָ געווען עטלעכע טעג און איז אַוועקגעפאָרן מיט ה. אלף קיין מוותיה" („דער גירוש האָט צוגענומען 5 טויזנט צום טויט"). פון דער צענטראַלע האָט מען זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל אַריבערפאָרן אין אַ נייטראַלע מדינה, אָבער פרומקע האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. עטלעכע טעג פאַר איר טויט האָט אַ שליח באַזוכט בענדין. דעם באַזוך האָבן פרומקע און אַנדערע חברים באַשטעטיקט אין זייער לעצטן בריוו פון 17־טן יולי 1943 (זע זייטן 259 א.וו.). דער שליח — אַ נישט־איד — איז געווען אינגאַנצן דערשיטערט און זיך נישט געקענט באַרואיקן בעת ער האָט דערציילט, אומקערנדיק זיך אין אַן אַנדער לאַנד אַריין, וויאַזוי ער האָט זיך געבעטן ביי פרומקען זי זאָל גיין מיט אים, און זי האָט זיך געהאַלטן ביי איר מיינונג און איז פאַרבליבן מיט די חברים. נאָך דעם 24־טן יולי האָט זי געשריבן: „אַגנאַ (די הגנה, די זעלבסטשוץ) לחבר איז געזונט. זי אַרבעט נאָך אַלץ אויף איר פריערדיקן פּאָסטן". און אין אַ פּאָר טעג אַרום, אין אַ שיינעם זומער־טאָג, דעם 3־טן אויגוסט 1943 איז זי געפאַלן, קעמפנדיק ביז דער לעצטער מינוט ביים בונקער, וואו עס זיינען געווען די חברים פון קיבוץ.

*** פּלאָטניצקאַ חנה׳טשע:** געבוירן שביעי של פסח תרע״ח (3־טער אַפּריל 1918), אין פּלאָטניצע נעבן פּינסק. ווי איר עלטערע שוועסטער פ ר ו מ ק ע האָט אויך זי נישט באַזוכט קיין שול און געלערנט ביי דער עלטסטער שוועסטער ז ל אַ ט ־ ק ע. זי איז געווען אַ לעבהאַפטע, חנ׳עוודיקע, פול מיט לעבנס־פרייד. נאָך זייענדיק אַ קליין מיידעלע האָט זי אויפגעשטורעמט די שטוב מיט איר פריילעכער שטיפערישקייט — זי האָט נישט אויפגעהערט לאַכן און זינגען. אפילו דער פאָטער אירער, אַ פרומער חסיד און באַיאָכטער מיט דאגת־פרנסה, פלעגט זי באַזונדערס צערטלען. אין עלטער פון 14 יאָר האָט איר ברודער א ל י ה ו (איצט אין ארץ־ישראל) זי אַריינגעפירט אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. זי האָט דאַמאָלסט גוט געקענט פּויליש און געוואוסט פּוילישע

ליטעראַטור, איר אידיש איז דאַמאָלסט געווען אַ געבראָכענער און פאַרמישטער מיט פּויליש־שע ווערטער און זאַצן, וואָס נאָר מיט זיי האָט זי זיך געקענט אויסדריקן ווי געהעריק. זי האָט גאָר גיך גובר געווען איר פּוילישע דערציאונג, האָט פליסיק געלערנט העברעאיש און האָט אַלעמען פאַרוואונדערט מיט איר שאַרפן אַריינדרינגען אין טיפע טעאָרעטישע פּראָבלעמען. נישט געקוקט אויף איר יוגנטלעכקייט האָט מען זי באַטראַכט אַלס אויפשטייגנדיקן כוח. עס איז געווען אין איר אַ סינטעזע פון קינדישער פרישקייט, געלעכטער, פרייליכקייט, זינג־און־טענצערישקייט צוזאַמען מיט גייסטיקער פעאיקייט, געדאַנקלעכער טיפקייט און אויסדרוק־קראַפט. אין 1936 איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין באַראַנאָוויטש, זי האָט זיך באַטייליקט אינם לאַנד־סעמינאַר פון „פרייהייט— החלוץ הצעיר" אין פאַלעניץ ביי וואַרשע. זי האָט מיטגעהאָלפן די חברים אין די לימודים און דערווייל אַליין עפּעס אויפגעכאַפּט אויף איר אייגענעם שטייגער. צו יענער צייט איז זי שוין געווען אַן אויסגעשפּראָכענע טוערין — זי האָט באַזוכט אָרט־אָרגאַניזאַציעס, אָרגאַניזירט, געמונטערט, געשטאַרקט און תמיד עפּעס אויפגעטון אין אַלע ווינקעלעך פון דער באַוועגונג. זי האָט געוואוסט וויאַזוי צו אַנטפּלעקן דאָס אייגנאַרטיק־גוטע אין יעדן, צו דערקענען דאָס פּאָזיטיווע און עוקר־מן־השורש זיין נעגאַטיווע דערשיינונגען.

דעם הויכפּונקט פון איר טרייהייט צו דער באַוועגונג האָט זי דערגרייכט אין דער מלחמה־צייט. נאָך אין נאָוועמבער 1939 איז זי אָנגעקומען מיט אַ ספּעציעלער שליחות קיין לעמבערג, און זי האָט אַריינגעבראַכט אַ לעבעדיקייט אין דער גרופּע חברים, וועלכע האָט זיך דאָרט קאָנצענטרירט. נאָך אַ געוויסער צייט פון טעטיקייט דאָרטן, איז זי געפאָרן קיין פּינסק צו טרעפן זיך מיט די עלטערן. באַזונדערס רירנדיק איז די שילדע־רונג פון איר אָפּגעזעגענען זיך מיט דער היים: „ווען חנה׳טשע האָט מודיע געווען אירע עלטערן, אַז זי קערט זיך אום אין דייטשן געביט, איז אַנטשטאַנען אין שטוב אַ שטומע שטילקייט, עפּעס אַ וועלט איז צוזאַמענגעפאַלן און פאַרשטיינערט געוואָרן. קיין שום באַוועג איז נישט געווען צו זען אין די פּנימער פון פאָטער און מוטער ווען זיי האָבן דערהערט די שלעכטע בשורה, און נאָכן ערשטן, אין זיין שטומקייט שרעקלעכן, מאָמענט, האָט דער פאָטער זיך געשטאַרקט און געזאָגט: „נו, טעכטערל, אויב דו פילסט, אַז דו דאַרפסט גיין, טאָ גיי בעזרת השם" („חנצ׳ה ופרומקה" ז. 165). זי איז דאַן צוריקגעפאָרן קיין לעמבערג און פאַרגעזעצט איר טעטיקייט, ווייטער באַזוכט די אָרטיקע אָרגאַני־זאַציעס. דערנאָך איז זי געפאָרן קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרטן קיין וואַרשע. די אַדורכפאָרן זיינען געווען אויסטערליש־שווערע און פאַרבונדענע מיט אַ סך סכנות. זי איז אויך געווען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם אין גראָכאָוו. אינם וואַרשע־ווער אונטערערד האָט זי אַ סך אויפגעטון.

אין אָנהויב 1942 איז זי געשיקט געוואָרן קיין בענדין און נאָך אַ סך פאַרלויפּע־נישן איז זי אָנגעקומען אַהין אַ פאַרשטעלטע אַלס גויה. איר אָנקום קיין בענדין איז געווען אַ גרויס געשעעניש פאַר די דאָרטיקע חברים, דאָס האָט זיי אַלעמען אויפגעוועקט

פון זייער דערשלאָגנקייט. איר לעבהאַפטיקייט האָט זי נישט פאַרלאָזט אויך אין יענע ביטערע צייטן, זי האָט נישט שלום געמאַכט מיטן אָפּשטעלן די קולטור־אַרבעט, און נאָך אַ שרעקלעכן שווערן אַרבעטס־טאָג פלעגט זי צונויפנעמען די חברים פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע אויף אַ שמועס. ריידנדיק וועגן ארץ־ישראל און וועגן קיבוץ־לעבן, האָט איר פּנים תּמיד אויפגעשיינט מיט אַ גרויס ליכט. די אַלגעמיינע ליידן האָבן זיך אָפּגערופן אויך אויף איר, אָבער איר מוט איז נישט געפאַלן, זי האָט אומאויפהערלעך פאַרלאַנגט פון די חברים אויסצובילדן זיך צו קאַמף און ווידערשטאַנד און זי זעלבסט איז געווען פון די ערשטע אַדורכצומאַכן אַזאַ אויסבילדונג. אין מערץ 1943 איז זי אויפגעפאָדערט געוואָרן צו קומען קיין וואַרשע. טראָץ די סכנות איז זי אָנגעקומען בשלום. בשעת די קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ האָט זי זיך געפונען אינם וואַרשטאַטן־געביט טעבענס־און־שולץ. דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי דאַרף זיך אומקערן קיין בענדין. מען האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון אַן איבערייס אין די קאַמפן (די וואַרשטאַטן־אייגנטימער האָבן זיך געווענדעט צו די אידן, זיי זאָלן פרייוויליק קומען צו דער אַרויסשיקונג און זיי האָבן געוואָרט אויף רעזולטאַטן — זע זייט 267, באַמערקונג 9) און דריי קעמפער — אַ ד ע ק ה י מ ע ל פ אַ ר ב, ה ע נ י ע ק ק ל יי נ וו אַ ק ס און מ אַ י ר ש וו אַ ר ץ (אַלע — לפ״ג) — זיינען אַרויס מיט איר זי צו באַגלייטן. אָנקומענדיק צו נומער 5 אויף קאַרמעליצקע־גאַס — די געטאָ־גרעניץ — האָט זיי געכאַפּט אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן און געפירט זיי צום קאָנצענטראַציע־אָרט פאַר די אַרויסגעשיקטע פון יענעם געביט — אויף לעשנע גאַס 80. זיי איז געלונגען איינצורײדן דעם וואַך־פּאָסטן, ער זאָל זיי צוריקפירן, ווייל זיי קענען באַווייזן וואו עס באַהאַלטן זיך אויס נאָך אידן. אויפן וועג צוריק האָבן זיי געעפנט אַ שיסעריי אויפן וואַך־פּאָסטן, כדי צו געבן ח נ ה׳ ט ש ע ן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, מ אַ י ר ש וו אַ ר ץ איז נאָר פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער ח נ ה׳ ט ש ע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַזוי פיל סכנות אין די אַלע גרויל־יאָרן איז דאַמאָלסט געפאַלן; זי האָט אויסגעהויכט איר ריינע נשמה. דאָס איז געווען (לויט ווי עס גיבן איבער צוויי לעבנגעבליבענע קעמפער פון יענעם געביט) דינסטאָג, דעם 20־טן אַפּריל 1943 (שלום גראַיעק אין זיין אין אַפּריל 1947 דערגענצטן באַריכט פון יענע טעג, שרייבט, אַז דאָס איז געווען דעם 25־טן אַפּריל).

פלאָטניצקי הירש: געבוירן אין פּינסק, דער אינגערער ברודער פון פ ר ו מ ק ע און ח נ ה׳ ט ש ע (זע פריער). אויך ער איז, ווי זיינע צוויי שוועסטער, גאָר יונגערהייט אַריינגעטרעטן אין דער יוגנט־באַוועגונג פון דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פאַרטיי „פרייהייט — החלוץ הצעיר״.

י ו ד ק ע באַשרייבט („חנצ׳ה ופרומקה״, זז. 165—166) אַ באַגעגעניש מיט הירשן אין פּינסק שוין נאָכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי; ער איז דאַמאָלסט געווען

איינער פון די וויכטיקסטע טוער און הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון זיין באַוועגונג אין שטאָט. בייטאָג פלעגט ער אַרבעטן אין איינעם פון די גרויסע סטאָלער־וואַרשטאַטן און אין די אָוונטן האָט ער אָפּגעגעבן פאַר זעלבסטבילדונג, לייענען, און דער עיקר — דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. ער איז געווען אַן ענערגישער און פעאיקער בחור מיט אַ סך באַגאַבונג צו טאָט. דער פּאָלעסיער ראַיאָן איז אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק אים געוואָרן איינער פון די שטאַרקסטע און אָרגאַניזירטסטע אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. די פּינסקער אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאָגט אַ העברעאישע ביבליאָטעק, וואָס הערשל האָט באַוויזן „אַרויסצובאַקומען" זי פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק, איידער זי איז קאָנפיס־קירט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען. שוין אין אָקטאָבער 1939 האָט מרדכי ט ע נ ע נ ב ו י ־ ם (לפ"ג) באַזוכט פּינסק אין שליחות פונם מרכז אין ווילנע און צוזאַמען מיט הערשל'ען האָבן זיי אַרומגערעדט די איינצלהייטן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט און דעם פּלאַן פון שאַפן אין פּינסק אַ הכשרה־קבוץ. די „פּינפּטלעך" פון דער פּינסקער אָרגאַניזאַציע האָבן קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ גרויסע צאָל אינגלעך און מייד־לעך פון דער אַרבעטנדיקער און לערנענדיקער יוגנט. זיי האָבן אויך דערוואָרבן אַן אָפּ־דרוק־מאַשין פאַר געסטענסלטע אומלעגאַלע אויסגאַבעס און זיי פלעגן פאַרשפּרייטן אויפרופן. אַן אויסגעצייכנטע כאַראַקטעריזונג פונם אינגל געפינט זיך אין זיין שוועסטער חנה'טשעס בריוו פון 28־טן מאַי 1939 צו זייער ברודער א ל י ה ו קיין ארץ־ישראל: „הערשל איז אויפגעוואַקסן. ער איז שוין אַ בחור פון 17 יאָר. מען דערציילט וואונדער וועגן אים. ער איז אַ באַגאַבטער, מיט אַ שיינער נשמה. ער האָט זיך גרינטלעך געענ־דערט, ער וועט זיין אַ באַדייטנדער מענטש" (דאָרטן, ז. 81).

הערשל האָט זיך באַטייליקט אין דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער אונטער־ערדישער באַוועגונג (זי איז פאָרגעקומען אין לעמבערג דעם 31־טן דעצעמבער 1939), וואו ער האָט פאַרטרעטן דעם פּאָלעסיער ראַיאָן. ער האָט גענומען אַן אַקטיוון און לעבהאַפטן אָנטייל אין די קאָנפערענץ־פאַרהאַנדלונגען און פאַרטיידיקט דעם שטאַנד־פּונקט פון אַקטיווע אַרויסטרעטונגען, ווייל פּאַסיוויטעט מוז דערפירן צו דעגענעראַציע. זיינע רייד האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע סימפּאַטיע, אָבער פונדעסטוועגן איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרבאָטן זעלבסטשטענדיקע ספּאָנטאַנישע אַרויסטרעטונגען. נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער פאַרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה, מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט. אינם בריוו פון „החלוץ" אין פּוילן צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל — פון 15־טן נאָוועמבער 1943, ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די געטאָ־קעמפער, וועלכע זיינען געפאַלן אין וואָלין, ביי 20 יאָר איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען (מער פּרטים וועגן אים, און באַזונדערס וועגן זיינע צוויי פריער דערמאָנטע שוועסטער פרומקה און חנה'טשע, זע אינם ביכל „חנצ'ה ופרומקה", פאַרלאַג הקיבוץ המאוחד, אַרויסגעגעבן אין ארץ־ישראל אין 1945).

* **פעלץ ברוך:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַן אַרבעטנדיקער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַ שוסטער אויף נאַלעווקי 35. ברוך איז געווען אַ מיטגליד אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף" און דערנאָך — אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". אויך זיין ברודער משה איז געווען אַן אַקטיווער בונדיסט. ברוך איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד". בשעת די ערשטע צוזאַמענשטויסן אין געטאָ, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, איז ער אַוועקגעפירט געוואָרן צום „אומשלאַגפּלאַץ", צוזאַמען מיט אַ גרופּע אידן. צוליבן פעלן פון געווער האָבן זיי נישט געקענט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" האָט ער אויפגעפאָדערט די צונויפגעזאַמלטע אידן, צוזאַמען מיט אַ צווייטן חבר גאָלדשטיין, זיי זאָלן נישט גיין אין די טויט־וואַגאָנען, און ער איז אויפן אָרט דער־מאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך 60 אידן. נאָר 17 יאָר איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **פערלמאַן מלך:** געבוירן אין וואַרשע, אין 1921, אין אַן אָרימער פאַמיליע. ער האָט געלערנט אין אַ ציש"אָ־שול. געווען אַ מיטגליד פון „סקיף" און שפּעטער פון „צוקונפט" (די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע און יוגנט־אָרגאַניזאַציע). זיין מוטער איז אים אָפּגעשטאָרבן זייער יונג און ער איז דערצויגן געוואָרן ביי אַ שטיפמוטער. אַ זייער באַגאַבטער אינגל, אַ מוזיקאַלישער, — באַליבט ביי די לערער און ביי די חברים.

בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ", אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד", אונטער דער קאָמאַנדירונג פון לייב (לוי) ג ר ו ז אַ ל ץ (לפ"ג). אין די קאַמף־טעג איז ער געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט נאָך דריי קעמפער, אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט די פייערלעשער מחוץ פון „צענטראַלן געטאָ" כדי אָפּצוראַטעווען מיט זייער הילף עטלעכע קעמפער. פּלוצלינג איז אַרומגערינגלט געוואָרן דאָס אָרט וואו זיי האָבן זיך געפונען. די דריי חברים, וועלכע האָבן אים באַגלייט זיינען געפאַלן אויפן אָרט און ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין די לונגען און אין בויך. די דייטשן האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין טויט און זיי האָבן אויפגעהערט שיסן, אָבער זיי האָבן פונדעסטוועגן נישט געוואָגט אַריינצוגיין אין הויף אַריין (גענשע 80). אין אַזאַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד איז ער אָפּגעלעגן ביז ביינאַכט. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער האָט ער גענומען דאָס געווער פון זיינע חברים און באַהאַלטן אין אַן איוויון, און ער אַליין איז צוגעקראָכן ביזן בונקער אויף מילע 29. אָבער ער האָט אים געפונען צעשטערט און ליידיק, פאַרלאָזט פון די קעמפער. מיט די לעצטע כוחות איז ער נאָך צוגעקומען צום בונקער אויף מילע 18 און איז געבליבן ליגן אין הויף. אַזוי האָבן אים געפונען די חברים, אָבער זיי האָבן אים נישט געקענט אַראָפּנעמען אין בונקער אַריין ווייל דער צוגאַנג איז געווען זייער אַ שווערער, דעריבער האָט מען

אים אַרייַנגעטראָגן אין אַ הויז אויף מוראַנאָווסקע 37, אויפן דריטן שטאָק, און מען האָט אויך געבראַכט צו אים אַ דאָקטאָר. מלך האָט געבעטן די חברים, זיי זאָלן אים דערשיסן אָבער זיי האָבן עס נישט געטון. ער איז פאַרבליבן אין צימער. דעמזעלבן טאָג האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז און ער איז פאַרברענט געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

פערלע יהושע: געבוירן אין ראַדאָם, אין יאָר 1888, ער איז געווען דאָס אינגסטע קינד פון עלטערן, וואָס יעדערער פון זיי האָט שוין געהאַט זין און טעכטער פון פריערדיקע הייראַטן. שפּורן פון זיין קינדהייט אין שטוב, וואו אַלע זין און טעכטער זיינען געווען אַ סך עלטער פון אים און אויך פרעמד צו אים, לאָזן זיך מערקן אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג. דער פאַקט האָט אייגנטלעך איינגעשטעלט זיין באַציאונג צום לעבן; דאָס האָט אויסגעפורעמט זיין גייסטיקע געשטאַלט ווי אַ שרייבער, וועלכער קוקט זיך צו פון אַ זייט און ווייסט אַ סך סודות, און פילט נישט קיין פליכט צו מאַכן זיך נישט־וויסנדיק. פונם פאָטער, אַ תבואה־סוחר אין דערפער, האָט פערלע געירשנט זיין ליבע צום דאָרף, צו דער דאָרפישער לאַנדשאַפט און צום לעבן פון די פשוטע פאָלקס־מענטשן. ביז 12 יאָר האָט ער געלערנט אין חדר, דערנאָך האָט ער געאַרבעט ווי אַ געהילף אין אַ געשעפט, שפּעטער — אַלס לערנאינגל ביי אַ שלאָסער, און צולעצט האָט ער זיך געגרייט צו לערנען אין גימנאַזיע. אין 1905 איז ער געקומען קיין וואַרשע און דאָרטן האָט ער יאָרנלאַנג געאַרבעט אַלס באַנק־באַאַמטער.

לויט אַ צייכנונג פון פעליקס פרידמאַן (לפ״ג)

צו צוואַנציק יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע דערציילונג „שבת“ אין זאַמלבוך „דער נייער גייסט“. אָבער זיין סטאַביליזירונג אין דער אידישער ליטעראַטור איז געקומען ערשט מיט איבער 12 יאָר שפּעטער, ווען עס איז דערשינען — אין 1920 — זיין ראָמאַן „מירל“ (אַרויס אויך אין העברעאיש אין מ. אינדעלמאַנס איבערזעצונג אונטערן נאָמען „בת חוה“). דאַן האָט ער פאַרעפנטלעכט „אין לאַנד פון דער ווייסל“ און „אונטער דער זון“. אין יענער צייט, בעת דער גרויסער ברויזונג אין דער אידישער ליטעראַטור אין פוילן, איז געקומען די תקופה פון זיין אויפשטייג. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם נוסח פון זיינע פאָרגייער און אָנגעהויבן גיין זיין אייגענעם וועג, דעם דערציילער־וועג פון אַ סודות־ווייסער, וועלכער איז גרייט אויסצודערציילן זיי פאַר אַלעמען. דער ליידנשאַפטלעכער נאַטוראַליזם — וואָס זיינע מוסטער־פאַרשטייער זיינען געווען

י. י. זינגער און א. מ. פוקס — האָט געפונען אין יהושע פערלע אַן אייגנ־אַרטיקן שותף און מיטגייער: אַ רואיקער און כמעט ביז אַפּאַטישקייט זייטיקער. זיינע ביכער „זינד" און „ניין אַזייגער אינדערפרי" און די סך דערציילונגען, וועלכע ער האָט דאַמאָלסט פאַרעפנטלעכט האָבן אַנטפּלעקט דאָס אינערלעכע לעבן פון מענער און פרויען פון אידישן מיטלקלאַס און האָבן אויפגעדעקט מיט אַ סך קענטעניש די „פאַרבאָרגענע ווינקעלעך" אין דעמדאָזיקן לעבן. אָבער דער גרויסער דערפאָלג, וואָס זיינע ביכער האָבן געהאַט צווישן די ברייטע לעזער־מאַסן, האָבן אים, זיין שרייבערישן איך, קיין טובה נישט געטון. אַנשטאָט צו דערהויבן דעם געשמאַק פון לייענער צו זיין טאַלאַנט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם טאַלאַנט צום געשמאַק פון זיין לייענער. באַזונדערס איז דאָס קענטיק געווען אין די „ראָמאַנען אין פאַרזעצונגען", וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט מיט גרויס דערפאָלג אין דער טאָג־פּרעסע; ער האָט נישט אונטער־געשריבן מיט זיין נאָמען נאָר מיט אַ סימן „דריי שטערנדלעך", אָבער אַלע האָבן געוואוסט ווער דער שרייבער איז. דאָס האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז אַנדערע שרייבער האָבן אָנגעהויבן מקנא זיין אים זיין דערפאָלג און זיי זיינען אַרויס קאָנקורירן מיט אים אויפן ירידה־וועג. אָבער גראָד ווען די ירידה איז דערגאַנגען ביזן נידעריקסטן פונקט, איז פאָרגעקומען אין יהושע פערלע אַן איבערברוך און אַן אַנטשיידנדיקע ענדערונג. עס זיינען געווען קלאַנגען, אַז דער איבערברוך איז פאָרגעקומען בעת דעם „ייוואָ"־צוזאַמענפאָר אין ווילנע, ווען אַ גרויסער עולם פון ווילנער אידישע לעזער איז זיך צונויפגעקומען אויף אַן אָוונט לכבוד דער אידישער ליטעראַטור און ער האָט נישט דערלאָזט פערלען פאַרלייענען פון זיינע שאַפונגען. עס קען אויך גרייליך זיין, אַז די אינערלעכע ענדערונג איז געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון טיפערע סיבות און פּראָצעסן. איינס איז אָבער קלאָר: זיין בוך „אידן פון אַ גאַנץ יאָר" איז שוין געווען אַן אויסדרוקפולער און ווערטפולער צייכן פון דערדאָזיקער ענדערונג. אין דעם אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן האָט ער אויסגעברייטערט זיינע שעפערישע גרעניצן, ער האָט זיך פאַרטיפערט און אָנגעזאָגט זיין באַנייאונגס־בשורה. ער האָט דאָס ווייטער געטון מיט אַ סך מוט אין זיין נייער אכסניה, אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" — און ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גרויס־פאַרנעמיקער ליטעראַרישער טעטיקייט.

דער באַגאַבטער אידישער שריפטשטעלער יהושע פערלע איז אומגעקומען צווישן די מיליאָנען אידישע קרבנות, וואָס די היטלערישע מערדער־כוואַליע האָט אַראָפּ־געשווענקט זיי און אויך זייערע געשטאַלטער (ד. ב. מ.).

ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז פערלע אַוועק קיין לעמבערג מיט זיין זון, אַן אינזשיניער. ער האָט אַרויסגעגעבן אין אידיש און רוסיש אַ רעפּאָרטאַזש־ראָמאַן פונם ערשטן מלחמה־יאָר „אויפן שאָסיי". ער איז דאַן שפּעטער צוריקגעקומען קיין וואַרשע. בעת די אַרויסשיקונגען האָבן די דייטשן צוגענומען די איינציק־פאַרבליבענע קאָפּיע פונם צווייטן באַנד פון זיין בוך „אידן פון אַ גאַנץ יאָר". ער איז געווען צווישן די,

וועלכע האָבן שפּעטער באַקומען פּעסער אַלס אויסלענדישע בירגער און אין זומער 1943 איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער בערגען־בעלזען. דעם 21־טן אָקטאָבער איז ער, צוזאַמען מיט נאָך 1800 אידן, אַוועקגעשיקט געוואָרן פון בערגען־בעלזען כלומרשט אין לאַגער בערגאַו ביי דרעזדען. אָבער דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ דייטשער שווינדל און דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז אָפּגעשיקט געוואָרן צום טויט קיין אָשוויענטשים (ב. מאַרק שרייבט אין „דאָס בייע לעבן" פונם 20־טן אויגוסט 1947, אַז פּערלע איז געווען אין בערגען־בעלזען אונטערן נאָמען פונם אומגעקומענעם אגודהשן סענאַטאָר טראָקנהיים).

* **פּערלשטיין לאה:** געבוירן אין סאָקאָלקע, ביי ביאַליסטאָק, אין אַ סוחריש־לומדישער משפּחה. לאה האָט געלערנט אין אַ „תרבות"־שול און דערנאָך אין גראָדנער לערער־סעמינאַר. זי האָט געאַרבעט אַלס העברעאישע לע־רערין אין פאַרשידענע שטעטלעך און דערנאָך איז זי אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אין 1935 איז זי אַריינגעטרעטן אין החלוץ. זי איז געווען איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לערער־פאַרייניקונג ביים החלוץ אין פּוילן. זי איז געקומען אויף הכשרה, פריער קיין ווילנע און שפּעטער אין לאָדזשער באָראָכאָוו־קיבוץ, כדי צו זיין דאָרט אַ לערערין פון העברעאיש, אָבער זי האָט באַשלאָסן איבערצו־בלייבן אין דער הכשרה. עס איז איר שווער אָנגע־קומען דאָס צופּאַסן זיך צום לעבנס־טעמפּאָ אין הכשרה־קיבוץ, אָבער ביסלעכווייז האָט געזיגט איר שטאַרקע ענערגיע און זי איז געוואָרן איינע פון די אַקטיווע טוער אין קיבוץ און אין החלוץ בכלל, וואו זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר קלוגשאַפט און שטאַרקן גייסטיקן מוט.

בילד פון 1938

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי געווען צווישן די געציילטע חברים, וואָס אויף זיי איז געפאַלן די פליכט אָפּצוהיטן דעם לאָדזשער באָראָכאָוו־קיבוץ, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ נישט־אידישער סביבה. זי איז פאַרבליבן אין אים ביז דער ליקווידירונג. דערנאָך איז זי אַריבער קיין וואַרשע און אַריין אין יאָך פון דער אַרבעט פונם צענטער. אין זומער 1940 איז איר איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו שטיין אינדערשפּיץ פון אַ גרופּע פון 70 מענטשן, וועלכע איז אַרויס אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין דער פאַרם אין טשערניאַקאָוו נעבן וואַרשע. די טשערניאַקאָווער פאַרם איז געוואָרן אַ סטראַטעגישער צענטער פון דער באַוועגונג, ווייל דאָרטן האָבן די חברים געקענט זיך באַוועגן פרייער ווי ערגעץ אַנדערש. אין געוויסע צייטן זיינען אין דער פאַרם געווען

ביז 200 חברים. די פאָרם האָט עקזיסטירט ביז אָקטאָבער 1942, אויך בעת דעם גרויסן גירוש פון וואַרשע. אָפּט פלעגן קומען אַהין דייטשן און עס האָט געדראָט מיט באַלדיקער ליקווידאַציע, אָבער לאה האָט מיט איר מוט און קאַלטבלוטיקייט כסדר באַוויזן אָפּצוראַטעווען די מענטשן און די אונטערנעמונג. עס האָט איר אַ סך מיטגע־האָלפן דער אייגנטימער פון די דאָרטיקע גיטער, זאַטוואַרדניצקי, אַ אידן־פריינט. לאה'ן איז תמיד געלונגען אויסצווירקן זיין הילף און אַריינמישונג לטובת דער פאַרם. איר אויסערלעכער אויסזען און די שפּראַכן־קענטעניש האָבן איר אָפּט דער־מעגלעכט אַרויסצוגיין פון געטאָ און פירן אונטערהאַנדלונגען מיט פּאָליאַקן און דייטשן. איר אויפגאַבע איז געווען איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג און צו באַקומען געווער פאַרן געטאָ. אין די אַנטשיידנדיקע טעג, בעת דעם גרויסן וואַרשעווער גירוש, דעם 28־טן יולי 1942, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע אויף דער אַרישער זייט כדי צו רעגולירן די פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג און באַקומען געווער פאַרן געטאָ, — לאה פערלשטיין איז געווען אין דערדאָזיקער דעלעגאַציע.

זי איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור“. זי איז אומגעקומען בעת דעם צווייטן גירוש, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, ווען מען האָט זי געכאַפּט אויף מוראַנאָווסקע־גאַס, צוזאַמען מיט טעמע שניידערמאַן און שרה גראַנאַט־שטיין (ביידע לפ"ג). — 30 יאָר איז זי דאַן אַלט געווען. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **פּראַשקער יעקב:** קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „הנוער הציוני“.

בילד פון 1930

געבוירן אין לאָדזש און אויפגעוואַקסן פון קינדווייז אָן אין אָרימקייט און נויט. די מוטער איז אים אָפּגעשטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, און דער פאָטער, אַ איד אַ למדן און אַ חסיד, האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגעטון פון די וואָכנדיקע ענינים. דאָס קינד האָבן צוגענומען קרובים, וואו ער האָט זיך געהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן. ער איז געווען אַ פּיזיש־שוואַכער, דאַר און מאָגער, אַ מתמיד אין לערנען, אַ תמיד־פאַרטראַכטער און אין־זיך־קאָנצענטרירטער. ווי אַ סך וואָס האָט געטראָפן אַן ענלעכער גורל איז ער פרי רייף געוואָרן. ער האָט געלערנט אַ מלאכה און געווען זעלבסטשטענ־דיק. ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער אָרגאַני־זאַציע פון „החלוץ המרכזי“ אין לאָדזש (דאָרטן איז דידאָזיקע באַוועגונג געשאַפן

געוואָרן) און אין דער אָרגאַניזאַציע האָט ער ווי־געפונען זיין היים. גאָרגיך איז ער געוואָרן אַ טאָן־געבער — ער איז געוואָרן אינסטרוקטאָר און דערציער פון די אינגערע און זיי זיינען געוואָרן באַגייסטערט פון אים. ווען די באַוועגונג איז זיך צעוואַקסן און אין לאָדזש איז געשאַפן געוואָרן אַ ראַיאָן־סעקרעטאַריאַט, איז ער אָנערקענט געוואָרן אַלס דער פּאַסיקסטער מענטש פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. ער פלעגט לייכט אַריינדרינגען אין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פונם אייגנאַרטיקן לעבן אין די הכשרה־גרופּעס און אויך דאָרט איז ער באַלד געוואָרן אַ פירער און וועגווייזער. אין קיבוץ, וואָס איז געווען פאַר אים זיין אמת'ע היים, איז ער אינגאַנצן רייף געוואָרן גייסטיק און אויך קערפּערליך פאַרהאַרטעוועט. דאָרטן האָט ער אויך געפונען זיין לעבנס־חברטע שושנה מאַסטבוים (אַ רייכע טאָכטער פון לאָדזש, וועלכע איז פון 14 יאָר אָן געווען אין דער באַוועגונג. אַן אַקטיווע, לעבנספריידיקע און אַנטוויקלטע מיידל, וועלכע האָט אַדורכגעמאַכט צוזאַמען מיט אים די פינצטערע צייט אין וואַרשעווער געטאָ). פון זינט 1934 איז ער געווען אַן עליה־קאַנדידאַט, אָבער שטענדיק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קען אים נישט באַפרייען, די באַוועגונג האָט אים אויפגעפאָדערט צו פאַרבלייבן אויפן פּאָסטן, — און ער האָט דערפילט די פאָדערונג. ביז עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, און עס איז שוין נישט געווען קיין עליה־מעגלעכקייט.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און איז אַריין אין דער אַרבעט פון דער צענטראַלע. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־טרעגער פונם שווערן אַרבעטס־יאָך. דער צוטרוי צו אים און די אַכטונג מצד די חברים זיינען געווען זייער גרויסע. ער איז געווען דער אַדרעס פון זיין באַוועגונג אין פּוילן. ער האָט אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט סיי אין פּוילן סיי אין אויסלאַנד — ביז ער איז איבערגעריסן געוואָרן. זיין לעצטער בריוו צום זשענעווער פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות העובדים איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 23־טן מערץ 1943. אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער מיט זיין בלוט געהייליקט דעם נאָמען פון דער באַוועגונג, קעמפנדיק מיט זיין גרופּע אינעם בערשטער־געביט. שמחה ראָטהייזער גיט איבער אין זיין באַריכט (זע זייט 276) ווי די קאַמף־גרופּן פונם בערשטער געביט האָבן געפּרוווט אַדורכצורייסן זיך אין צענטראַלן־געטאָ אַריין. זיי האָבן דערביי געמוזט גובר זיין דייטשע פּאַטרולן, פּוילישע פּאָליציי און לעטיש־אוקראַינישע וואַך־פּאָסטן. יעקב פּראַשקערס קאַמף־גרופּע האָט געמוזט צוריק־גיין אין בערשטער־געביט. ער איז שפּעטער געפאַלן אינעם בונקער אויף וואַלאָווע־גאַס 8, וועלכער איז אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט; ער מיט זיין גאַנצער קאַמף־גרופּע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען ישראל משה בוים, יצחק גאָלדשטיין יצחק בלאַנעס (אַלע דריי — לפ"ג) און אַנדערע און אויך זיין חברטע שושנה (אין יענעם בונקער זיינען אויך געווען גרופּעס פון ציווילע). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (פאַראַן אַ סברה, אַז אויך יעקב פּראַשקערס אַ ברודער זאָל האָבן אומגעקומען אין די קאַמפן).

פשעדעטש מאיר: געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1898. נאָך אינגלווייז האָט ער אַרויסגעוויזן פעאיקייטן אַלס גוטער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר. זייענדיק אַ בוכהאַלטער לויטן פאַך, איז ער צו 20 יאָר געווײַלט געוואָרן אין דער פאַר־וואַלטונג פונם פאַריין פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע; אַ קורצע צייט נאָכדעם איז ער געווען סעקרעטאַר אין פאַריין; שפּעטער איז ער געוואָרן דער פאָרזיצער און טאָנ־געבער אין אָט דעם שטאַרקן און גוט אָרגאַניזירטן פאַריין. ער איז געווען אַ זייער אַקטיווער טוער אין דער פּאַרטיי לינקע פּועלי ציון. אין 1927 איז ער געווײַלט געוואָרן דורך זיין פּאַרטיי אין וואַר־שעווער שטאָט־ראַט און האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אַלס איינער פון די קענער אין דער פראַגע פון שטאָטישע שטייערן. ער איז אויך געווען אַקטיוו

בילד פון 1933

טעטיק אויפן געביט פון פיזישער דערציאונג, — פריער אַלס פאָרזיצער פונם ספּאָרט־פאַרבאַנד ביים האַנדלס־אַנגעשטעלטע־פאַריין און נאָכן אַנשליסן זיך פון דעם דערמאָנטן פאַרבאַנד אינם ספּאָרט־פאַרבאַנד פון די לינקע פּועלי ציון „שטערן" („גוויאַזדאַ"), איז ער געווען וויצע־פאָרזיצער.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען איינער פון די אַקטיווסטע אויפן הילפס־געביט אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז געווען איינער פון די אָנפירער פונם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר אינם אידישן אַמט פאַר סאָציאַלער הילף, — זש.ט.אָ.ס. (Ż.T.O.S. — זשידאָווסקיע טאָוואַזשיסטוואָ אָפּיעקי ספּאָלעטשנעי), וואָס אינדערשפּיץ איז געשטאַנען ד"ר עמנואל רינגעלבלום. פשעדעטש איז געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. אויך אינם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּאָניאַטאָוואָ, וואוהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן, האָט ער פאָרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער געהיימער זעלבסטהילף און אין דער גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אָנהויב נאָוועמבער 1943, ווען די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט אַלע אידן און ליקווידירט דעם לאַגער.

ער ווערט דערמאָנט אינם באַריכט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן פונם 15־טן נאָוועמבער 1943 און אין די בריוו פון די לינקע פּועלי ציון צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל פונם 15־טן נאָוועמבער 1943 און 24־טן מאַי 1944, אַלס איינער, וועלכער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און אין דער אָרגאַניזירונג פונם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

פשעפיורקאַ אברהם: געבוירן אין ווענגראָוו, ביי סאָקאָלאָוו. פון דער יוגנט אָן

איז ער געווען אַקטיוו אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג, פריער ביי זיך אין שטעטל און שפּעטער אין וואַרשע. נאָך דער שפּאַלטונג אין 1920 האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ שווערן זעלבסטגעראַנגל און איז דערנאָך אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי פועלי ציון (צ.ס.), וואו ער איז געווען אַ געטרייער חבר. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט און פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אין וואַרשעווער ארץ־ישראל־אַמט, אין דער תקופה פון דער פערטער עליה, און ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן די חברים ביים פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט אָפט רעפערירט עפנטלעך אין נאָמען פון זיין באַוועגונג און זיינע רעפעראַטן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג צווישן די אַרבעטער. ער איז געווען אַ ליבער און פריינטלעכער מענטש, וועלכער פלעגט זיך צוהערן צו אַ חבר אין אַ שווערן מאָמענט און זיך אויך באַמיט צו העלפן. ער האָט געקענט יעדעס ווינקעלע אין דער אידישער וואַרשע און יעדן פּרט אין דער געשיכטע פון פוילישן אידנטום. זיין אַקטיוויטעט אין דער באַוועגונג איז געווען הויפּטזאַכלעך אַ ליטעראַרישע. ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין וואַרשע די טאָגצייטונג פון דער באַוועגונג פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל „דאָס וואָרט", איז ער געוואָרן איר שטענדיקער מיטאַרבעטער און איז גיך באַקאַנט געוואָרן ווי אַ באַגאַבטער זשורנאַליסט, אויסצייכענענדיק זיך מיט די פעליעטאָנען און באַשרייבונגען פון אידישן לעבן. ער איז געווען אַ פאָלקס־מענטש און מיט זיין באַהאַרצטן שרייבן איז ער באַליבט געוואָרן ביי פאָלקס־מאַסן. אין דער יוגנט, אין 1922, האָט ער אַרויסגעגעבן אין וואַרשעווער פאַרלאַג „די צייט" אַ בוך נאָוועלן פונם שטעטלשן לעבנס־שטייגער „האַרבסט־שאָטנס".

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן אין וואַרשע — איינער פון די טרייע פּאַרטיי־טוער אינם אונטערערד. ער איז געווען אַ קאָמיטעט־מיטגליד אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער סאָציאַלער אַרבעט אין געטאָ. זיין פּרנסה האָט ער געצויגן פון אויסאַרבעטן פודינג־פּראָשקעס. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אָנהויב 1943. אינם בריוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין פוילן צום איחוד־עולמי פועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — ווערט אָנגעגעבן זיין נאָמען צווישן די אַקטיווע טוער, וועלכע האָבן דערפילט ביז צום סוף זייער פליכט און זיינען געפאַלן אויפן פּאָסטן, — ער איז דאַן אַלט געווען 50 יאָר.

פאָגעלמאַן רחל: געבוירן אין ליאַכאָוויטש, באַראַנאָוויטשער קרייז, אין 1916, ביי עלטערן סוחרים, ציוניסטן. זי האָט געלערנט אין אַ העברעאישער שול און נאָך גאָר יונג איז זי אַריינגעטרעטן אין „החלוץ הצעיר". זי איז געווען דאָס אינגסטע און געצערטלטע קינד אין שטוב און די עלטערן זיינען געווען געגן איר אַרויספאָרן אויף הכשרה. זי האָט אָבער גובר געווען זייער געגנערשאַפט און אין 1935 איז זי אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה קיין לוצק. אַ לעבהאַפטע און ענער־גישע, האָט זי זיך גוט צוגעפאַסט צום קיבוץ־לעבן און אין אירע בריוו האָט זי תמיד אונטערגעשטראָכן איר גליק וואָס זי איז אַן אַרבעטערין. זי האָט אָנ־טיילגענומען אינם סעמינאַר פון דער באַוועגונג. נאָך דער פאַרייניקונג פון „פרייהייט" מיטן „החלוץ הצעיר" איז זי, אין 1938, אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע צו אַרבעטן אין דער צענטראַלע פון דער באַוועגונג.

בילד פון 1936

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט זי פאַרלאָזט וואַרשע. אַ געוויסע צייט איז זי געווען טעטיק אין לוצק, קאָוועל און לעמבערג אַלס מיטגליד פונם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באַוועגונג. זי האָט גענומען אויף זיך דעם שווערן יאָך פון דער אונטערערדישער אַרבעט און אויסגעפילט די גענומענע אויפגאַבן מיט טרייהייט. אינם בריוו פון „החלוץ" אין פוילן — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל ווערט דערמאָנט איר נאָמען צווישן די צענטראַלע טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פאָסטן אין וואָלין. חברים, וועלכע האָבן באַזוכט קאָוועל נאָך דער באַפרייאונג פון די דייטשן, האָבן געפונען אין דער האַלב־חרובער שול פאַרשידענע אויפשריפטן אויסגעקריצט אין דער וואַנט, און צווישן זיי, אין אַ באַזונדערער ראָם, אַן אויפשריפט אין העברעאיש (דעם טעקסט פון דער אויפשריפט זע ביים סוף פון דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן דוד אייזנבערג — זייט 341), אונטער וועלכער עס זיינען געחתמעט פיר נעמען, צווישן זיי אויך רחל פאָגעלמאַן פון ליאַכאָוויטש.

*** פאָס יוסף:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן אין נאָוועמבער 1943, דורך אונטערערד־וועגן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן. עס איז אונז נישט געלונגען צו באַקומען פרטים וועגן אים. אויך נישט צווישן די חברים פון זיין באַוועגונג.

פּאַלמאַן פּאַלע, ד״ר: פונדערהיים עדעלסבורג, געבוירן אין וואַרשע, אין אַן אַנגעזעענער, פּאַרמעגלעכער פאַמיליע. זי האָט געלערנט אין דער גימנאַזיע פון „זיעדנאָטשעניע״ (אַ קאָאָפּעראַטיוו פון אידישע לערער). צוליב די שווע־ריקייטן אַנצוקומען אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, האָט זי שטודירט מע־דיצין אין ווילנער אוניווערזיטעט, און איז שפּעטער, צוריקקומענדיק אין וואַרשע, געוואָרן אַ באַקאַנטע קינדער־דאָקטאָרין אין די שולן פון ציש״אָ און אין די אַנשטאַלטן פון „טאָז״ (איר מאַן איז געווען מ י כ א ל פ א ל מ א ן, אַן אַדמיניסטראַטאָר פון היי־זער, זיי האָבן געוואוינט אויף כלאָדנע גאַס 4). זי איז געווען אַ צאַרטע, גוטהאַרציקע און ערנסטע פרוי. אין די שולן וואו זי האָט געאַרבעט אַלס דאָק־טאָר האָט זי זיך אינטערעסירט מיט יעדן קינד און

בילד פון 1937

מיט דער לאַגע פון די עלטערן. זי איז געווען אַ סימפּאַטיקערין פון די לינקע פועלי ציון. אַלע האָבן זי געשעצט ווי אַן איבערגעגעבענע צו איר אַרבעט און אַ טרייער פריינט צו אַלע אירע חברים און באַקאַנטע. זי ווערט דערמאָנט אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פוילן צום איחוד־עולמי צווישן די קרבנות פון די דייטשע מערדער. 42 יאָר איז זי אַלט געווען, ווען זי איז אומגעקומען.

פּאַלמאַן וואָלף: געבוירן אין מיעכאָוו, קיעלצער קרייז, דעם 10־טן יאַנואַר 1914.

ער איז געווען דער בכור אין דער משכילישער און פּאַרמעגלעכער משפּחה פּאַלמאַן, וועלכע איז שפּע־טער אַריבערגעפאָרן קיין קיעלץ, און ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר — קיין וואַרשע. דאָרטן איז ער אויפגעוואַקסן אין דער אידישער געגנט, אויף פּאַוויע גאַס, אין אַ שטוב וואו עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון טרייהייט און ליבע צו די נאַציאָ־נאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן. ער האָט געלערנט אין דער גימנאַזיע „לאור״ און געווען איינער פון די פעאיקסטע תלמידים, מיט וועמען עס האָבן שטאָל־צירט סיי די עלטערן און סיי די לערער. אַ באַ־זונדערע נייגונג האָט ער אַרויסגעוויזן צו מאַטע־מאַטיק. נאָך זייענדיק אַ שילער האָט ער אַרויסגעוויזן



אַ פעסטן כאַראַקטער און שטאַרקע ווילנס־קראַפט. ער איז תמיד באַשטאַנען אויף זיינע באַשלוסן אַפּט אויך געגן ווילן פון פאָטער. אין די לימודים איז ער געווען אַ מתמיד און אַ סיסטעמאַטיקער. אַ גראַלדיניקער, האָט זיך אָפּגעקערט מיט עקל פון יעדן שווינדל און אָפּנאַרעריי, אַן ערנסטער און אין־זיך־קאָנצענטרירטער. אויך די נאָענטסטע האָבן נישט געוואוסט פון זיינע אינערלעכע איבערלעבונגען.

נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים האָט ער אַ יאָר צייט באַזוכט דעם מאַ־טעמאַטישן פאַקולטעט ביים וואַרשעווער אוניווערזיטעט, דערנאָך איז ער אַריבער אין דער אַרכיטעקטור־אָפּטיילונג ביים פּאָליטעכניקום און אויך דאָרטן געווען פון די בעסטע סטודענטן. זייענדיק אַ סאָציאַליסט פון דער יוגנט־אָן איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי — ערשט אין די אוניווערזיטעט־יאָרן. בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אַ לעקטאָר אויף בוי־און צייכן־קורסן. אין יענער צייט האָט ער חתונה־געהאַט מיט ר ב ק ה ש פּ י ר א, וועלכע איז געווען אַן אַקטיווע חברטע אינם סטודענטן־קרייז פון פועלי־ציון (צ.ס.). (דעם ערשטן נאָוועמבער 1941 איז זיי געבוירן געוואָרן אין וואַרשע זייער איינציק קינד ר פ א ל. די מוטער מיטן קינד זיינען געראַטעוועט און אין אָנהויב 1947 זיינען זיי אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל).

אַ געוויסע צייט אין דער געטאָ־תקופה האָט ער זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט, אין דעם נייעם וואַרשעווער וואוין־קוואַרטאַל זשאָליבאָזש, וואו ער איז געווען באַ־שעפטיקט אין אַ וואוין־קאָאָפּעראַטיוו. אין דער צייט פונם גירוש איז אים געלונגען אַריבערצונעמען צו זיך זיין מוטער ש ו ש נ ה (יאַדוויגאַ) — איינע פון די אויסגעצייכנטע, געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע אידישע פרויען, וועלכע האָט אין יענער תקופה באַוויזן אַ סך העלדנמוט און געאַרבעט מיט יוגנטלעכן ברען און באַגייסטערונג און נישט אויפגעהערט איר טעטיקייט אויך נאָכן פאַלן פון אירע צוויי זין (זי איז אינמיטן 1946 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל ; זע זייט 220, באַמ. 6). במשך דער גאַנצער צייט פון זיין געפינען זיך אויף דער אַרישער זייט האָט וואָלף (וועמעס האָבן אים די חברים גערופן) צוזאַמענגעאַרבעט מיט פּ.פּ.ר. — די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און געווען טעטיק אין די הויפּט־אינסטאַנצן פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" (פאָלקס־מיליץ), די שפּעטערדיקע „אַרמיאַ לודאָוואַ". נאָך אין מערץ 1942 האָט ער געמאָלדן די חברים פון החלוץ אין געטאָ, וועגן פּלאַן צו שאַפן אַן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. ער האָט דערפילט אַ וויכטיקע אויפגאַבע ביים באַקומען געווער פאַר די געטאָ־קעמפער, ער האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן פאַלשע דאָקומענטן, און אויף אַלע געביטן פון אָט דער אומלעגאַלער טעטיקייט האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכן מוט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער נאַצי־אָקופּירטער וואַרשע פריי און אָן מורא. ער פלעגט דערשיינען אומעטום, אַפּט האָט ער אויך באַזוכט פּראָווינץ־שטעט.

ער האָט אָבער נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אין דערדאָזיקער טעטיקייט אַליין, און ער האָט באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועל־

דער. אין אָנהויב 1943 איז ער אַוועק מיט אַ גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנער (מאַסקירט אַלס פּאָליאַק) צו די קאַמף־אָפּטיילונגען אין די ראַדאָמער וועלדער, וועלכע האָבן אַדורכגעפירט אַ סך סאַבאָטאַזש־אַקציעס. באַלד אינם ערשטן אָוונט פון זיין אָנקומען איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, און אין יענעם צוזאַמענשטויס איז ער געפאַלן. (לויט ווי ב. מאַרק גיט אָן אין זיין בוך „חורבות דערציילן", האָט ער געקעמפט אין דער פּאַרטיזאַנישער גרופּע פון גרשון אַלעף, אָבער לויט אַנדערע קוועלן איז עס נישט געווען די אָפּטיילונג). זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען : „נעמט צו מיין ביקס, איר וועט זי דאָך נאָך דאַרפן"... דאָס איז געווען דעם 19־טן פעברואַר 1943. ער ווערט דערמאָנט אינם בריוו פונם החלוץ אין פּוילן צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, צווישן די געפאַלענע אינם קאַמף געגן די דייטשן. אין דער ליסטע פון געפאַלענע איז אויך דאָ דער נאָמען פון זיין ברודער מ אַ ר ק (מאָטל, זע ווייטער). זיין אינגערע שוועסטער, ח ו ה ׳ ק ע, איינע פון די מוטיקסטע קעמפערינס, איז געראַטעוועט (זע זייט 221, באַמערקונג 8).

*** פּאַלמאַן מאָטל (מאַרק) :** געבוירן דעם 8־טן מאַי 1916 אין מיעכאָוו, אַ אינגערער ברודער פון וואָלף (זע פריער). ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר זיינען זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. ער האָט, אַזוי ווי דער עלטערער ברודער געלערנט אין דער גימנאַזיע „לאור". געווען אַן אַקטיווער חבר אין „פרייהייט" און שפּעטער אין דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי. ער האָט אין זיין טעטיקייט בכלל און בפרט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אַרויסגעוויזן ענערגיע, וויסן און אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. דערביי האָט ער זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון צו טון די

קלענסטע אַרבעטן אין דער טאָגטעגלעכער טעטיקייט פון דער באַוועגונג. ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאַרבאַנד פון דער גימנאַזיאַלער יוגנט (פּאַראַלעל צו „פרייהייט", אין וועלכער עס האָט זיך קאָנצענטרירט הויפּטזאַכלעך אַרבעטער־יוגנט), האָט ער גענומען אויף זיך דידאָזיקע אויפגאַבע און איז געוואָרן דער שטענדיקער אינסטרוקטאָר אין דער נייער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געזאָרגט פאַר יעדער קלייניקייט, פאַר דער איינאָרדנונג פון די פאַרזאַמלונגען, איינלאַדונג פון לעקטאָרן א.אַ.וו. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון „שול־קולט". זיין

ענערגיע און באַשטענדיקייט אין דער אַרבעט זיינען געווען מוסטערהאַפטע.

אין גאַנצן צו זיין עלטערן ברודער וואָלף איז ער געווען ווייניקער זעלבסט־זיכער. אַ פילבאַרער און עמפּינדלעכער מענטש, אַ זייער צוגעבונדענער צו זיין פאַמיליע, האָט געשפּרודלט מיט הומאָר און איז געווען פאָפּולער און באַליבט ביי מענטשן, — אַלע האָבן אין אים געזען אַ פריינט און ברודער. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים — אין וועלכע ער האָט, ווי זיין ברודער, אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע נייגונג צו מאַטעמאַטיק, האָט ער, נאָך אַ צוגרייטונג במשך אַ יאָר, אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס־עקזאַמען אין דער אָפּטיילונג פאַר וועגן־און־בריקן־בוי ביים פּאָליטעכניקום. ער איז געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן צו זיין פאַך. ער איז אויך געווען טעטיק צווישן דער אַלגעמיינער סטודענטנשאַפט, אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קעגנזייטיקער הילף פון די אידישע סטודענטן אין פּאָליטעכניקום. בשעת די ערשטע באָמבאַרדירונגען אין וואַרשע איז ער, צוזאַמען מיט זיין ברודער וואָלף, צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע אינזשינירן און טעכניקער, וועלכע האָבן מיט סכנת־נפשות באַשעפטיקט זיך מיט אַרויסראַטעווען מענטשן פון אונטער די איינגעפאַלענע הייזער.

אין דער צייט פון דער אונטערערדישער אַרבעט איז זיין איבערגעגעבנקייט נאָך מער געוואַקסן. צוליב זיין גוטן באַהערשן די לאַנדשפּראַך און זיין אַרישן אויסזען זיינען אים צוגעטיילט געוואָרן אַ סך באַזונדערס שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבן און ער האָט זיי דערפילט טריי און מיט באַגייסטערונג. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אומלעגאַלער גימנאַזיע, וואָס עס האָבן געגרינדעט דער החלוץ און „דרור", און וועלכע האָט אין יענע שרעקלעכע צייטן דערצויגן אַ יו..נט וואָס איז געווען מיט־לייב־און־לעבן איבערגעגעבן דער אונטערערדישער באַוועגונג. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט די אינטערעסן פון די לערער און פון די תלמידים, ער האָט געזאָרגט פאַר איר מאַטעריעלן קיום און האָט זעלבסט געלערנט די תלמידים מאַטעמאַטיק. ער האָט געפירט זיין אַרבעט אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער החלוץ־צענטראַלע. ער האָט אויך אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די קרייזן פונם פוילישן אונטערערד און פון די פאַרטיזאַנער (אין די חדשים יאַנואַר—אַפּריל 1943 האָט ער געקעמפט אין אַ פּוילישער פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג, אין די וועלדער פון קיעלצער געגנט, אונטער נאַרבוט'ס קאָמאַנדירונג). אין נאָמען פון דער באַוועגונג איז ער געשיקט געוואָרן קיין בענדין און געוואָרן אַקטיוו אין דעם דאָרטיקן אונטערערד, — ער איז געווען דער לייטער פון דער דאָרטיקער פאַך־שול און לערער פון העברעאיש און חשבון, און גלייכצייטיק אויך אַ סעקרעטאַר פונם קיבוץ „עתיד" פאַר די קינדער פונם בענדינער בית־יתומים (עס זיינען געווען דאָרט ביי אַ 20 קינדער אין עלטער פון 10 ביז 16 יאָר, וועלכע זיינען נאָך דער ליקווידירונג פונם בית־יתומים געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ). ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אַקטיווע אָנטיילנעמער פונם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין טשענסטאָכאָוו און אין בענדין. ער איז געווען צווישן

די, וואָס די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיי איבערגעגעבן די אויפגאַבע אַרויס־צונעמען די לעצטע פאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער פון זייער באַהעלטעניש אין וואַלד ביי לאָמיאַנקי און אַריבערפירן זיי צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין די ווישקאָווער וועלדער. פון דאָרטן איז ער, צוזאַמען מיט זיגמונט איגלאַ (לפ״ג), צוריקגעקומען קיין וואַרשע, כדי איינצושטעלן די פאַרבינדונגען צווישן די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען און דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אין טשענסטאָכאָוו בעת דעם ווידערשטאַנד־קאַמף געגן דער פאַרניכטונגס־אַקציע. אינם באַריכט פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווערט באַזונדערס באַטאָנט זיין אַקטיווער אָנטייל אין יענע קאַמפן, פון וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט על פי נס. נאָכן טשענסטאָכאָווער באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס איז ער ווידער געווען אין בענדין און נאָך אין יוני—יולי 1943 האָט ער דאָרטן אָרגאַניזירט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אַרויסצולאָזן זיך אין די וועלדער, אָבער דער פאַרמיטלער אין דער זאַך — אַ נישט אִיד — איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר; די גרופּעס זיינען אַדורכגעפאַלן און די חברים זיינען דערמאָרדעט געוואָרן (גענויער וועגן דעם קאַפּיטל זע דאָס בוך פון רעביא: „בנדודים ובמחתרת״, פאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד״, ז. 107 א.וו.). דערדאָזיקער אומגליק האָט אים זייער דערשלאָגן און ער איז אַוועק פון בענדין. אויפן וועג, אין טשענסטאָ־כאָוו, איז פאַרגעקומען אַ זוכונג, און ווי עס האָט איבערגעגעבן אַ קאָלאָנעל פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״ (די אונטערערדישע פּוילישע פאָלקס־אַרמיי), סענק־מאַ־לעצקי, וועלכער האָט זיך דאָרט געפונען בשעת מעשה, האָבן די דייטשן אים געכאַפּט און אים דערמאָרדעט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **פאַרבמאַן (קאַזשוך) העלע:** אין דער ליסטע פון געפאַלענע ווערט איר נאָ־מען אָנגעגעבן אַלס קאַזשוך העלע, אָבער איר אמתער נאָמען איז געווען פאַרבמאַן. די חברים האָבן איר געגעבן אַ צונאָמען קאַזשוך (פוטער — אויף פּויליש) ווייל קומענדיק קיין וואַרשע, אין דער טשערניאַקאָווער פאַרם פון החלוץ, איז זי תמיד געווען אָנגעטון אין אַ פוטער וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פונדערהיים. אויך אירע נאָענטסטע חברטעס קענען זי נאָר לויט דעם צונאָמען.

זי איז געבוירן אין פּרושקאָוו נעבן וואַרשע, אין 1922, אין אַ משפחה פון מיטל־שטאַנד. איר פאָטער איז געווען אַ סוחר. זי האָט פאַרענדיקט די לימודים אין דער אָרטיקער פּוילישער פאָלקסשול (קיין אידישע איז דאָרט נישט געווען) און האָט שפּעטער דערגענצט איר בילדונג אויף אָוונט־קורסן. אינדעראמתן איז זי אָבער גייס־טיק דערצויגן געוואָרן דורך דעם אויסגעצייכנטן לערער אברהם קאָזיעבראָדז־קי, דער פאָטער פון ליאָנקא (לפ״ג), וועלכער האָט אויף איר משפיע געווען צו־צובינדן זיך צו די אידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ווערטן. זי איז געווען אַ באַגאַבטע

מיידל, האָט שיין געזונגען, האָט אָנטיילגענומען אין אַ דראַמאַטישן קרייז אין וואַרשע און אַרויסגעוויזן פעאיקייטן אויך אויף דעם געביט. פון יאָר 1937 איז זי געווען אַ געטרייע חברטע פון „פרייהייט". אין 1941, נאָך דער אַרויסשיקונג פון די פּרושקאָווער אידן, איז זי אַריבער קיין וואַרשע, וואו זי האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו. זי איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַלס אַ מיטגלידערין אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". וועגן די אומשטענדן פון איר טויט זיינען נישט פאַראַן קיין זיכערע ידיעות. עס קען זיין, אַז זי איז פאַרבליבן אינם געטאָ־געביט אויך נאָכן 8־טן מאַי 1943, צוזאַמען מיט דער אָפּטיילונג פון זכריה אַרטשטיין (לפ"ג). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

* **פאַרבער יוסף:** קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע פון „השומר הצעיר". אַ געבוירענער אין וואַרשע. זיין פאָטער, בערל, איז געווען איינער פון די גרויסע אייזן־סוחרים אויפן גזשיבאָווער־פּלאַץ אין וואַרשע, אַ טרייער ציוניסט, איז געווען אין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1924—26 און האָט געעפנט אַן אייזן־געשעפט אין תל־אביב, אָבער בעת'ן קריזיס אין 1926 האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. יוסף האָט געלערנט אין גימנאַזיע, אָבער צוליב זיין אַקטיוויקייט אין „השומר הצעיר" האָט ער איבערגעריסן די לימודים. ער איז געווען אַ חבר פון גדוד „מרחביה" אין וואַרשעווער קן, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטאַרקער איבערגעגעבנקייט און שטורמדיקן גייסט. ער איז געווען אַ פעאיקער און אינטעליגענטער אינגל. נאָך ביי דער ערשטער שלאַכט אַרום וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1939, אַלס יונגער אינגל, האָט ער דערפילט די אויפגאַבע פון אַ פאַרבינדלער צווישן דער טוואַרדע־געגנט און דער נאַלעווקי־גענשע־געגנט. זיין עלטערע שוועסטער און זיין אינגערער ברודער האָבן נאָכן מלחמה־אויסברוך פאַרלאָזט וואַרשע און ער איז פאַרבליבן מיט די עלטערן. ער איז געווען איינער פון די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פונם געטאָ־ווידערשטאַנד. אין דער לעצטער תקופה האָט ער געאַרבעט אינם לאַנדוי־„שאָפּ". ער איז געווען קאָמענדאַנט פון אַן אָפּטייל — דריי סעקציעס — און דער אַדיוטאַנט פונם הויפּט־קאָמענדאַנט מרדכי אַניעליעוויטש. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מוטיקער דרייסטקייט און האָט אַסך אויפגעטון ביים צוגרייטן לויער־פונקטן אויף כאַפּן דייטשן בעת די געטאָ־קאַמפן אין אַפּריל 1943. ער איז פאַרבליבן מיט זיין גרופּע אינם „צענטראַלן געטאָ" אויך נאָכן 8־טן מאַי 1943 און

זיי האָבן פאַרגעזעצט דעם קאַמף נאָך עטלעכע וואָכן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, — 22 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען (פון זיין משפחה אין פוילן איז קיינער נישט לעבנגעבליבן. אין ארץ־ישראל געפינט זיך זיין זיידע ר׳ אפרים זינגער).

פודען רעגינע (לילית): באַקאַנט מיטן נאָמען לילית. אויך די, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט איר אינם געטאָ־אויפשטאַנד, קענען זי נאָר אונטער דעם נאָמען און אין די באַריכטן ווערט זי דערמאָנט נאָר אונטער דעם נאָמען. זי איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין אַן אָרימער משפחה. דער פאָטער אַ שניידער, האָט געהאַט קנאַפּ פרנסה פאַרן הויז־געזינד, און נאָר אַדאַנק אירע אויסגעצייכנטע פעאיקייטן איז איר געלונגען צו באַקומען אַ סטיפּענדיע און לערנען אין גימנאַזיע. זי האָט אָבער געלערנט נישט מער ווי פיר קלאַסן, ווייל זי איז געווען געצוואונגען אָנצוהויבן אַרבעטן כדי מיטצוהעלפן אין דער פרנסה. די יונגינקע רעגינע האָט געשפּרודלט מיט לעבנספרייד און ענערגיע און זי האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן איר שווער לעבן, זי האָט זיך נישט געקלאָגט, אדרבה, זי פלעגט נאָך טרייסטן און אויפמונטערן אַנדערע. צו 15 יאָר איז זי אַריין אין „השומר הצעיר״, נאָכדעם ווי איר עלטערער ברודער אריה איז אַריינגעטרעטן פאַר איר אין דער באַוועגונג. פריער פלעגט זי באַזוכן קרייזן פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, אָבער זי האָט נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אין זיי. איר אַריינטריט אין „השומר הצעיר״ איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געגנערשאַפט פון אירע עלטערן, אָבער זי האָט דאָס גובר געווען. אין „השומר הצעיר״ איז זי אַזויווי געקומען־צו־זיך, איר שטאַרקע ענערגיע האָט געפונען אויסדרוק־מעגלעכקייטן. זי האָט זיך באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן אין קן און זייענדיק תמיד אין אַ גוטן געמיט האָט זי גאָר גיך דערוואָרבן די סימפּאַטיעס פון די חברים.

בילד פון 1938

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע. זי איז געווען אַ חברטע אין גדוד „מרחביה״ און אָנפירערין פון דער קבוצה „גלבוע״. זי האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער העברעאישער דראַמאַטישער סטודיע פונם אַנשטאַלט פאַר העברעאישער קולטור „תקומה״, וועלכער איז געווען טעטיק אין געטאָ. זי איז געוואָרן אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, — אַ מוטיקע קעמפערין פון דער אידישער

קאַמף־אָרגאַניזאַציע. איר אַרישער אויסזען און קערפּערלעכע שטאַרקייט האָבן איר דערמעגלעכט אויסצופירן די שווערסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבן. זי פלעגט אָפט אַרויס פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט אין שליחות פון דער באַוועגונג; זי האָט אויך אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט קרייזן פונם פוילישן אונטערערד. בשעת די געטאָ־קאַמפן איז זי געווען אַ פאַרבינדלערין צווישן די קאַמף־אָפּטיילונגען אינם טעבענס־שולץ־געביט (דער „פּראָדוקטיווער געטאָ"). ביי דערדאָזיקער געפערלעכער אַרבעט איז זי פאַרוואונדעט געוואָרן (איר געפערלעכע אַרבעט אַלס פאַרבינדלערין בשעת די קאַמפן ווערט דערמאָנט אינם טאָגבוך פון ש. גראַיעק, זייט 265), אָבער די אַרבעט האָט זי פאַרגעזעצט. אויך בעת דעם אַרויסגאַנג דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט, דעם 29־טן אַפּריל 1943, האָט זי גענומען אויף זיך די שווערע און געפערלעכע אויפגאַבע פון אַ פאַרבינדלערין אין די קאַנאַלן, כדי די חברים זאָלן נישט פאַרבלאָנדזשען. זי האָט דידאָזיקע אויפגאַבע דערפילט מיט גרעניצלאָזער איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט; אַ סך שעה'ען איז זי געגאַנגען הין־און־צוריק אינם קאַנאַל, אַ האַלבער קערפּער אין דער פליסיקייט, און זי האָט נישט געטראַכט וועגן ראַטעווען זיך אַליין. ווען די גרופּע פון 40 איז אָנגעקומען צו דער אַרישער זייט, האָט זי זיך אומגעקערט, צוזאַמען מיט שלמה באַטשינסקי (לפ"ג) נאָכאַמאָל דורכן קאַנאַל צום טעבענס־געביט, כדי צו העלפן אַרויסנעמען די איבערגעבליבענע חברים, אָבער זי איז שוין נישט צוריקגעקומען; אין דער שליחות איז זי געפאַלן, — 21 יאָר איז זי דאַן אַלט געווען.

* **פורמאַנאָוויטש פעסיע:** געבוירן אין זאַמבראָוו, ביאַליסטאָקער ראַיאָן, אין 1919.

בילד פון 1938

דער פאָטער איז געווען אַ גלעזער און די מוטער האָט איר גאַנץ לעבן געהאָרעוועט אַלס בייטערין און מיטגעהאָלפן אין דער פרנסה. די אַטמאָספער אין שטוב איז געווען אַ ציוניסטישע. צו 10 יאָר איז שוין פעסיע אַריין אין „החלוץ הצעיר" און איז געטריי געבליבן דער באַוועגונג ביז אירע לעצטע מינוטן. נאָכן פאַרענדיקן די שול האָט זי געשטרעבט ווייטער צו לערנען, אָבער צוליבן מאַנגל אין מיטלען האָט זי עס נישט געקענט דערגרייכן און זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. זי איז געווען אַ פריילעכע און ענערגישע און באַליבט ביי אַלעמען. אין דער באַוועגונג האָט זי אַרויסגעוויזן אַ סך לעבהאַפטיקייט און גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט. נאָכדעם ווי איר שוועסטער מירא האָט פאַרלאָזט די היים און איז

אַרויסגעפֿאָרן אויף הכשרה זיינען די עלטערן געווען געגן איר אַרויספֿאָרן און איר איז אויסגעקומען אַדורכצומאַכן אַ שווערע צייט. זי האָט נישט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין צער די עלטערן, אָבער זי האָט אויך נישט געקענט אָפּזאָגן זיך פֿון אירע שטרע־בונגען, וועלכע זי האָט פֿאַרווירקלעכט נאָך אַ שווערן, אינערלעכן געראַנגל. צו 17 יאָר איז זי געפֿאָרן אויף אַ סעמינאַר פֿון „החלוץ הצעיר" און איז שוין נישט צוריק־געפֿאָרן אַהיים. זי איז אַריין אין ביאַליסטאָקער קיבוץ „תל־חי". די עלטערן האָבן אויף אַ געוויסע צייט איבערגעריסן מיט איר די באַציאונגען. אין קיבוץ איז זי געווען די אינגסטע — מען האָט זי דאָרט גערופֿן „דאָס קינד" — און עס איז איר געווען שווער איינצולעבן זיך אין אים, וואו די מערסטע חברים זיינען געווען עלטער פֿון איר. אין אירע בריוו פֿון יענע צייטן איז פֿאַראַן אַ מאָטיוו פֿון טרויער. אָבער זי האָט דאָס גיך גובר געווען און ווידער געוואָרן פֿריילעך און לעבהאַפֿטיק ווי פֿריער. זי האָט זיך זייער פֿאַראינטערעסירט מיט די פֿראַגן פֿון דער באַוועגונג, אין וועלכער זי האָט געפֿונען איר לעבנס־אינהאַלט. זי האָט אָנטיילגענומען אין זומער־קאָלאָניעס און לאַגערן און איז געווען זייער אַקטיוו אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. אין 1938 איז זי באַשטעטיקט געוואָרן צום אָפּפֿאָר קיין ארץ־ישראל. זי האָט אָבער געוואָלט פֿאָרן צוזאַמען מיט איר חבר מ אָ נ י ע ק ר ײ נ ג ע װ י ר ץ (לפ״ג), וועלכער איז אינצווישן אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף באַוועגונגס־אַרבעט קיין קראָקע און אויך זי איז אַרויס־געפֿאָרן קיין קראָקע, צו אַרבעטן אין דער דאָרטיקער „פֿרייהייט"־אָרגאַניזאַציע.

בעת דעם מלחמה־אויסברוך איז זי געווען אין קראָקע, און פֿון דאָרטן איז זי אַוועקגעפֿאָרן אַהיים, צו די עלטערן, קיין זאַמבראָווע, וואָס איז דאַמאָלסט געווען אין סאָוועטישן געביט. זי האָט זיך אָבער אומגעקערט קיין וואַרשע, כדי ווייטער צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג. אויף אַ שטיקל צייט איז זי אַרויסגעפֿאָרן אין לאַנדווירט־שאַפֿטלעכן קיבוץ אין סאָקאָלאָווער געגנט און זי איז ווידער צוריקגעקומען קיין וואַרשע. מיט איר גאַנצן נשמה־ברען האָט זי געאַרבעט אינם אונטערערד פֿון דער באַוועגונג און ביים אָרגאַניזירן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פֿון „דרור". אין סעפּטעמבער 1942 איז זי געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג פֿון 60 וואַרשעווער „דרור"־קעמפֿער אין די הרוביע־שאָווער וועלדער און דאָרטן איז זי אומגעקומען (זע זייט 142, באַמערקונג 27). איר נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון די געפֿאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפֿער.

* **פּוטערמאַן איגנאַץ:** אַ מיטגליד פֿון אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג. אין די געטאָ־קאַמפֿן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדירונג פֿון ל ײ ב ג ר ו ז אַ ל ץ (לפ״ג) — ער אַליין איז נישט געווען קיין בונדיסט נאָר אַ קאָמוניסט. ער איז אומגעקומען צוזאַמען

מיט די קעמפער, וועלכע זיינען געפאַלן אין דער שלאַכט אַרום דעם שוצאַרט פונם פאַרזאָרגונגס־מאַגאַזין אויף פראַנציסקאַנער 30 אין אָנהויב מאַי 1943 (זע ז. 296, באַמ. 2). ער איז דאַן אַלט געווען 19 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

פוכרער מירא: (אינם בריוו פון החלוץ אין פוילן, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל ווערט אָנגעגעבן איר נאָמען — אין דער ליסטע פון געפאַלענע — מירא פ י ר ע ר אָבער גע־מיינט ווערט מירא פ ו כ ר ע ר). געבוירן אין וואַרשע 1920 אין אַן אָרימער משפחה. צוליב פרנסה האָט זי געמוזט יונגערהייט אויפהערן לערנען. פון קינדווייז אָן איז זי געווען אין „השומר הצעיר”. פאַר דער מלחמה איז זי געווען די אָנפירערין פונם גדוד פון די יונגע אין קן — „בני המדבר” — וועלכע זיינען דערנאָך געוואָרן די קבוצה „מענית” און זי איז ווייטער געווען די אָנפירערין. אין קן האָט זי צוזאַמענגעאַרבעט מיט איר לעבנס־חבר מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע װ י ט ש.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע. אָבער ווען די שליחים זיינען אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, איז זי געווען צווישן די ערשטע, מיט וועלכע עס איז אויך געווען מרדכי, וואָס צו יענער צייט איז ער געקומען קיין ווילנע. קיין וואַרשע איז זי אָנגעקומען אין יאַנואַר 1940, און פון דאַמאָלסט אָן ביז אירע לעצטע טעג איז זי געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט. כאָטש גאָר יונג האָט זי גענומען אויף זיך שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן. די גרויל־צייטן האָבן זי אַזוי ווי געשטאַרקט און געגעבן כוח אויסצוהאַלטן. אין איינעם פון אירע בריוו אין די ערשטע אָקופּאַציע־יאָרן האָט זי געשריבן: „מרדכי איז זייער באַשעפטיקט מיט די עסקים פון דער פאַמיליע בייטאָג און ביינאַכט. אויך איך אַרבעט, בין זייער פאַרנומען. אָבער מיין נישט, אַז איך באַקלאָג זיך. — ס'איז מיר גוט. איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך... און קיינמאָל האָב איך אים נאָך נישט אַזוי געליבט מיט מיין גאַנצן לייב־און־לעבן...” זי איז געווען איינע פון די מוטיקסטע קעמפערינס, פול מיט לעבנס־פרייד און ענערגיע. מיט איר גוטן, איידעלען געמיט האָט זי אויך באַווירקט מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע װ י ט ש ן. אין טוביה באָזשיקאָווסקיס טאָגבוך ווערט זי דערמאָנט אַלס די העלדין, וועלכע איז געשטאַנען אויף איר פּאָסטן אין די טעג פון קאַמף. זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד — און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. אָפּט האָט זי אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע העלדישקייט און קאַלטבלוטיקייט, אַדאַנק וועלכע עס זיינען אין שווערע מאָמענטן געראַטעוועט געוואָרן לעבנס פון חברים. זי איז געווען אַ מוסטער פאַר די איבעריקע קעמפער. זי איז געפאַלן צוזאַמען מיט איר חבר מ ר ד כ י אַ נ י ע ל י ע װ י ט ש, און מיט צענדליקער קעמפער פון דער

אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, דעם 8־טן מאַי 1943, אינם שטאַב־בונקער אויף מילע 18. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע פונם צענטראַלן אַקטיוו, וואָס דער החלוץ רעכנט אויס אין זיין בריוו פונם 15־טן נאָוועמבער 1943, צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל.

* **פידלזייט פאַלע:** פון דער יוגנט־אָן געווען אין וואַרשעווער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, דערנאָך — אַן אַקטיווע און איבערגעגעבענע חברטע אין דער פועלי ציון (צ.ס.)־פאַרטיי, אַ טרייע און אָפטע באַזוכערין פון באָראָכאָוו־היים אין וואַרשע אויף גענשע־גאַס 14. זי האָט תמיד, מיטן גאַנצן האַרץ, מיטגעהאָלפן אין די אַרבעטן פון דער יוגנט און פון דער פאַרטיי. אַ מיטגלידערין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. צוזאַמען מיט איר מאַן ש מ ח ה האָט זי בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד געקעמפט אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון פועלי־ציון (צ.ס.). איר איז געלונגען אַרויסצוקומען פון טעבענס־שולץ־געביט אויף דער אַרישער זייט, אָבער מען האָט זי געכאַפּט און אָוועקגעשיקט קיין מאַידאַנעק און דערנאָך קיין אָשוויענטשים; דאָרטן איז זי אומגעקומען אַלטזייענדיק 24 יאָר. איר נאָמען איז אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע געפינט זיך אויך דער נאָמען פון איר מאַן ש מ ח ה, — זע ווייטער).

* **פידלזייט שמחה:** אַ וואַרשעווער, פון דער „פרייהייט"־יוגנט. אַ שטיקל צייט איז ער אויך געווען אין קיבוץ־באָראָכאָוו אין קרולעווסקאַ־הוטאַ (ביי בענדין). אַ טרייער טוער פון באָראָכאָוו־היים אין וואַרשע, אַן איבערגעגע־בענער חבר פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־פאַרטיי. האָט אָנטיילגענומען אין אַלע אַקציעס און טעטיקייטן פון דער פאַרטיי. פון צווישן דעם אַקטיוו פון דער באַוועגונג אין איר טאָג־טעגלעכער לויפנדער אַרבעט. ער האָט אויך געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין דער צענטראַלע פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין פוילן.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אַקטיוו אינם אונטער־ערד פון דער באַוועגונג אין די שווערסטע און ביטערסטע מאָמענטן. אַ מיטגליד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון פועלי־ציון (צ.ס.), — דער אַקטיווסטער זעלנער אין זיין גרופּע; דער פאַרבינדלער צווישן וואַרשטאַטן־געביט פון שולץ און דעם וואַרשטאַטן־געביט פון טעבענס, דאָס הייסט, צווישן די גאַסן לעשנע און נאָוואָליפּיע, — אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און געפערלעכע אויפגאַבע. ער איז געפאַלן אין קאַמף אַלט־זייענדיק אַ יאָר 25. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך דער נאָמען פון זיין פרוי פאַלע, — זע פריער.

פייגענבוים לעאָן (פסעוודאָנים — **וואַרשאַווסקי**): אַ זון פון אַ רייכער מיוחס־דיקער משפּחה. אין יאָר 1903, ווען ער איז נאָך געווען אַ שילער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער ערשטער אָרגאַניזאַציע פון „אַרבעטער־ציוניסטן" אין וואַרשע. אין 1905 איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דער „ציוניסטיש (טעריטאָריאַליסטיש)־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי". ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַן אַקטיווער טוער, אַ באַליבטער רעדנער. בשעת דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, ווען ער האָט געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ דע־מאָנסטראַציע, האָט די פּאָליציי געשאָסן. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין פוס און ער איז פאַרבליבן אַ הינקענדיקער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַר־

בילד פון 1939

טיי אין פּוילן". ער האָט אָנטיילגענומען אַלס דעלעגירטער אין אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן. אויפן ווינער סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, אין 1931, האָט ער געהאַלטן אַן אויספּירלעכע רעדע אין דער אַנטי־מלחמה־קאָמיסיע. אין 1935 איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דער „פריילאַנד־ליגע". ווען די פריער דערמאָנטע „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּוילן" האָט זיך פאַראייניקט, אין 1937, מיט דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, איז ער געווען צווישן די הויפּט־רעדנער אויף דער פייערלעכער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אין וואַר־שעווער „נאָוואָשטשי"־טעאַטער און ער האָט באַגרינדעט די פּראָגראַמאַטישע יסודות פון דער פאַראייניקונג. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי אין פּוילן און געווען איינער פון די אָנגעזעענע פּאַרטיי־פירער אין לאָדזש. אַ סך פון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטראָפן, האָבן זייער געהאַלטן פון אים. ער איז געווען אַן איידעלע פּער־זענלעכקייט, איינער פון די ברייטהאַרציקע און אָפּפערווויליקע אין דער אידישער אַר־בעטער־באַוועגונג.

בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער געווען לייטער פון דער לאָדזשער „אָרט"־אָפּטיילונג. אין סוף 1939 איז ער אַריבער קיין וואַרשע. נאָך דער שאַפונג פונם געטאָ האָט ער אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר רעקאָנסטרוקציע און פאַך־אויסבילדונג ביי דער וואַרשעווער קהילה. ער האָט אַ סך מיטגעווירקט און מיטגעהאָלפן אין דער באַוועגונג אין איר אונטערערדישער טעטיקייט. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דעם גרויסן גירוש, אויגוסט־סעפּטעמבער 1942. די קהילה־טוער האָבן אים געוואָלט אַרויסראַטעווען

פונם קאָנצענטריר־אָרט פון די אַרויסגעשיקטע („אומשלאַג־פּלאַץ"), אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, דערקלערנדיק, אַז ער וועט גיין צוזאַמען מיט אַלע זיינע פאָלקס־ברידער. אינעם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צום איחוד־עולמי פּועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות ווערט אָנגעגעבן זיין נאָמען צווישן די אַקטיווע טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן.

*** פייגענבלאַט יעקב:** קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „גורדוניה".

גבוירן אין וואַרשע, אין 1919, אין אַן אָרימער שטוב;

דער פאָטער איז געווען אַן אַרבעטער וועלכער האָט שווער געקעמפט פאַר דער עקזיסטענץ פון זיין משפחה. נאָכן פאַרענדיקן די פאָלקסשול האָט יעקב געאַרבעט אַלס אַרבעטער און געלעבט אין גרויסער נויט. ער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער און בלייכער אינגל מיט אַ שוואַרצער געקרייזלטער טשופּרינע און שוואַרצע, בליש־טשענדיקע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַ שטאַרקן אינערלעכן געראַנגל און שטרעבונג צו עפּעס דערהויבנס. דער שטאַרקער געזיכט־אויסדרוק האָט געמאַכט נאָך אינטערעסאַנטער דאָס אויסזען פון דעם שיינעם אינגל. ער איז אַריינגעטרעטן אין „גורדוניה" און באַלד זיך צונויפגעוואַקסן מיטן לעבן פון קן. זייענדיק נאָך גאָר יונג, איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אָנצופירן מיטן סעקרעטאַריאַט פונם וואַרשעווער קן פון „גורדוניה" און ער האָט דערפילט זיין אויפגאַבע ווי אַ דערוואַקסענער. ער איז תמיד געווען פאַראַנטוואָרטלעך אין דער אַרבעט, רייך אין איניציאַטיוו און אָריגינעל אין די געדאַנקען. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער אַרבעט אין וואַרשע אַליין, — אַלס מיטגליד פון דער ראַיאָן־אָנפירונג פלעגט ער יעדן פרייען אָוונט באַזוכן פּראָווינץ־פּונקטן אין דער אומגעגנט. באַזונדערס האָט ער זיך צוגעבונדן צום קן אין פּאַלעניץ, וואָס נעבן וואַרשע, און האָט דאָרט צוזאַמענגעאַרבעט אין שטאַרקער, חברישער פריינטשאַפט מיט די אָרטיקע אָנפירער. אין דער באַוועגונג האָט ער געזוכט און גע־פונען דאָס אַלץ וואָס עס האָט אים געפעלט אין דעם שווערן, ענגען און האָפנונגס־לאָזן טאָג־טעגלעכן לעבן.

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט ער באַלד איבערגענומען די פולע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער אונטערערדישער טעטיקייט. ער האָט געטרייסט, געמונטערט, אויך געשטראָפט — און קיין איין מאָמענט האָט ער נישט פאַרלוירן די האָפנונג. בשעת די אונטערערדישע קאַמפן איז ער געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „גורדוניה", וועלכע האָט געקעמפט אין טעבענס־שולץ־געביט, — אויף לעשנע־גאַס (פאַר די קאַמפן איז די אָפּטיילונג געווען טעטיק אינעם בערשטער־געביט). די חברים האָבן אים גערופן מיטן צונאָמען „יאַצעק"; ער איז געווען אַ טרייער און מוטיקער קעמפער. אים איז געלונגען אַריבערצוקומען אויף דער אַרישער זייט דעם 29־טן אַפּריל. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער אַוועק מיט דער גרויסער פּאַרטיזאַנער־גרופּע

אין די ווישקאָווער וועלדער. ער איז געווען איינער פון די געציילטע, וואָס אים איז געלונגען, אין אָנהויב 1944, צוריקצוקומען קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט גוטע קאַ־וועניאַקי, וועלכע איז דאַמאָלסט געווען קראַנק. די געסטאַפּאָ האָט אים געכאַפּט אין דער באַהעלטעניש ביים הויזוועכטער (אינם דורכגאַנג־הויז) אויף פּרוזשנע־גאַס 14 — גזשיבאָוו־פּלאַץ 6, צוזאַמען מיט גוטע קאָוועניאַקי און זיגמונט איגלאַ. זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד מיט געווער אין האַנט. די געסטאַפּאָ האָט אַרויסגערופן הילף און ס'איז אָנגעקומען זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָט זיי באַ־שאָסן מיט אַ מאַשין־געווער און געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. אונזערע דריי העלדישע קעמפער זיינען געפאַלן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעשאָסן זייער גאַנצע אַמוניציע און עטלעכע פון די דייטשע מערדער זיינען געטראָפן געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (על פּי טעות איז זיין נאָמען אָנגעגעבן אין דער ליסטע פון נאָוועמבער 1943 צווישן די געפאַלענע — דאַמאָלסט האָט ער נאָך געלעבט; אויך אין די בונדישע אויסגאַבן אין אַמעריקע איז זיין נאָמען אָנגעגעבן לויט דער דאָזיקער פאַרעפנטלעכונג אין דער ליסטע פון זייערע געפאַלענע חברים; מער פּרטים וועגן זיין לעצטן קאַמף זע זייט 219, באַמערקונג 1).

פּייווישיס ישראל: געבוירן אין אַ פרומער משפחה, אין אַ שטעטל פון די מערבדיקע ראַנד־געביטן פון רוסלאַנד. אין דער קינדהייט איז ער געווען אַ משורר ביי גרויס־באַרימטע חזנים. אַרום 1907 איז ער אָנגעקומען קיין בראָד, וואו ער איז תחילת געווען אַ משורר אין דער גרויסער שול און דערנאָך דער כאָר־דיריגענט. ער איז געווען זייער אַקטיוו געזעלשאַפטלעך. אַ טרייער חבר פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי און האָט געגרינדעט אַ כאָר אין דער אָרטיקער פּאַרטיי־אָרגאַ־ניזאַציע, און זיך באַטייליקט אויך אין אַנדערע טעטיקייטן פון דער פּאַרטיי. אין 1909 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין טאַרנע און דאָרטן געעפנט אַ מוזיק־שול און אויך באַשטימט געוואָרן אַלס כאָר־דיריגענט אינם טעמפּל פון די פּראָגרעסיווע. אויף דאָרטן האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג. אין 1912 איז אין טאַרנע געגרינדעט געוואָרן אַ אידיש־נאַציאָנאַלער געזאַנג־פאַריין „האַרמאָניאַ" און ער איז געוואָרן דער דיריגענט פונם כאָר, וואָס זיינע קאָנצערטן האָבן אים פּאָפּולער־געמאַכט אויף גאַנץ גאַליציע. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט איין קאָנ־צערט, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן פּועלי־ציוניסטישן אַקאַדעמישן קרייז „חרות" און איז פאָרגעקומען אין באַרימטן זאַל פון קראָקעווער אַלטן טעאַטער (וואָס פלעגט געגעבן ווערן נאָר פאַר אַרויסטרעטונגען פון וועלט־באַרימטע קינסט־לער); צווישן דעם גוואַלדיק־גרויסן עולם אויף יענעם קאָנצערט זיינען אויך געווען די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּוילישער אינטעליגענץ.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פּייווישיס געווען הויפּט־

זאַכלעך אין ווין און זיך פאַרפּולקאָמט אין זיין פאַך. אין דער ערשטער תקופה נאָך יענער מלחמה האָט ער געוואוינט אין קראָקע, וואו ער האָט ווייטער געעפנט אַ מוזיק־שול, און אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ליבהאָבער פון אידישער מוזיק. אין יאָר 1922 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש און דאָרטן האָט ער אַנט־וויקלט אַ פרוכטבאַרע מוזיקאַלישע טעטיקייט. דער באַרימטער טראַדיציע־רייכער כאָר „הזמיר" האָט דערגרייכט אונטער זיין אָנפירונג אַ הויכע שטופע און ער האָט פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער צווישן די אידישע כאָרן אין פוילן. טויזנטער הערער, סיי פון וואַרשע און סיי פון דער פּראָווינץ, פלעגן שטראָמען אויף די קאָנצערטן פון דעם כאָר אונטער זיין דיריזשירונג. ער פלעגט דיריגירן שאַפונגען פון וועלט־באַקאַנטע קאָמפּאָזיטאָרן און אויך אָריגינעלע אידישע קאָמפּאָזיציעס. אַלס געזאַנג־לערער אין די אידישע מיטלשולן, באַזונדערס אין דער טעכטער־גימנאַזיע, האָט ער אַרויסגעוויזן די גאַנצע גרויס פון זיין פּעדאַגאָגישן טאַלענט. מיט זיין טעטיקייט האָט ער דערנעענטערט די יוגנט צו די שאַפונגען פון דער עכט־אידישער מוזיק און צום ארץ־ישראלדיקן ליד. ווען עס האָבן זיך געשאַפן אין לאָדזש, די הכשרה־קיבוצים פון החלוץ, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט מוזיקאַלישער טעטיקייט אין די קיבוצים; ער איז צוגעצויגן געוואָרן דורך זייער התלהבות צום העברעאישן ליד, און אין זיין אַרבעט האָט ער אַנטדעקט צווישן זיי נישט ווייניק מוזיקאַלישע טאַלאַנטן. ער האָט אָרגאַניזירט פון חברים פונם קיבוץ באָראָכאָוו אין לאָדזש אַ כאָר, וועלכער איז זייער פּאָפּולער געוואָרן אין דער החלוץ־באַוועגונג אין פוילן. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אינטערעס צו אַלע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל.

נאָך דער דייטשער אָקופּירונג פון פוילן איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אין די אָנגעקומענע באַריכטן פון וואַרשעווער געטאָ ווערט ער דערמאָנט אַלס איינער פון די קינסטלער, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן דער אידישער אונטערערדישער באַוועגונג און זיך באַמיט כאָטש אויף קורצע שעהן צו פאַרגרינגערן דאָס ביטערע און גרויע לעבן דורך אָרגאַניזירן כאָרן און איינאָרדנען קאָנצערטן. ער האָט אָרגאַ־ניזירט אין געטאָ אַ קינדער־כאָר, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הויכן ניוואָ. צווישן אַנדערע האָט ער אויך אויפגעפירט די אָראַטאָריע „חשמונאים". ער ווערט באַזונדערס דערמאָנט אינם בריוו פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום, וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ (זייטן 307 ביז 314). בעת דער ליקווידירונג פון וואַר־שעווער געטאָ, האָבן אים די דייטשן אַרויסגעשיקט אינם פאַרניכטונגס־לאַגער אין פּאָניאַטאָווע און דאָרטן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן. — ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַ יאָר 55. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער, וועלכע דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פוילן האָט אַרויסגעשיקט פון וואַרשע קיין לאָנדאָן דעם 24־טן מאַי 1944.

פיינער לעאָן, ד״ר: געבוירן אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט פּאָדגוזשע, אין יאָר 1886, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן; דער פאָטער איז געווען אַ בלעכער. נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיע־שילער אין פּאָדגוזשע איז לעאָן פיינער אַריינגעטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און אַלס סטודענט פונם קראָקעווער יאַגעלאָנישן אוניווערזיטעט — איז ער שוין געווען איינער פון די ערשטע אַקטיווע און געטרייע טוער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע (זש.פּ.ס.), וועלכע איז דאָרטן געווען די פאָרגייערין פון „בונד״ (אירע גרינדער האָבן אין 1905 זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אידישער סעקציע ביי פּ.פּ.ס. און דערפאַר האָט מען זיי אַ לאַנגע צייט גערופן „סעפּעראַטיסטן״). בעת די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן

צום פּאַרלאַמענט אין עסטרייך — אין יאָר 1907 — האָט ער אין איינעם פון די קראָקעווער וואַל־קרייזן אַגיטירט מיט יוגנטלעכער התלהבות פאַר דער קאַנדידאַטור פון איגנאַצי דאַשינסקי, גרינדער און הויפּט־פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). כאָטש ער איז אין דער יוגנט ווייט געווען פון אידישן אַרבעטער האָט ער זיך דורך דער צוגעהעריקייט צו זיין פּאַרטיי פאַרבונדן מיט אים אויפן גאַנצן לעבן. נאָכן פאַרענדיקן די לימודים אין יורידישן פאַקולטעט פון קראָקעווער אוניווערזיטעט האָט ער פּראַקטיצירט, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי באַקאַנטע אַדוואָקאַטן אין פּאָדגוזשע און אין קראָקע. אין 1919 האָט ער געעפנט אַן אייגענע אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע, און דאַמאָלסט האָט זיך אויך אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין אַ ברייטערן פאַרנעם. בעת דעם פּויליש־רוסישן קריג אין 1920, איז ער געווען צווישן די פאַרשפּאַרטע אינם קאָנצענטראַציע־לאַגער דאָמביע ביי קראָקע, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט דאַמאָלסט געשאַפן פאַר פּאָליטיש פאַרדעכטיקע. ער איז געווען באַקאַנט אַלס פאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן פון די לינקע. אין „בונד״ איז ער געווען איינער פון די פירער פונם לינקן פליגל. ער איז אויך געווען טעטיק אויפן קונסט־געביט, — אַ מיטגרינדער פון דער אידישער טעאַטער־געזעלשאַפט אין קראָקע, וועלכע האָט זיך באַמיט אויפצוהייבן דעם ניוואָ און דעם צושטאַנד פונם אידישן טעאַטער. אויך ליטעראַריש איז ער געווען טעטיק, — ער האָט איבערגעזעצט אויף פּויליש שאַפונגען פון ערנסט טאָלער. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פון „בונד״ אַלס ראַטמאַן אין קראָקעווער שטאָטראַט, און האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געהאַלטן אַ רעדע אין שטאָטראַט געגן דעם ווילדן בושעווען פון די אַנטיסעמיטישע סטודענטן און זייער פאָדערונג אויפצוהענגען אַ

קרייז אין אַלע לערנצימערן אין די שולן און אין אוניווערזיטעט. אַ פּאָר טעג נאָך אָט דער רעדע איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דעם פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע; 5 וואָכן איז ער דאָרט געווען און דאָס האָט אים ווייס געמאַכט די האָר און אָפּגעמאָגערט מיט 18 קילאָגראַם.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אַ שטיקל צייט אין סאָוויעטיש־פאַרנו־מענעם געביט. דאָרטן האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף צוואַנציק יאָר טורמע. איבער אַ יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין לידער תפיסה און האָט אַ סך געליטן. נאָכן דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד איז ער אַרויס פון תפיסה און אין האַרבסט 1941 אָנגעקומען קיין וואַרשע (גייענדיק וואָכנלאַנג צופוס כמעט דעם גאַנצן וועג פון לידע), וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן די העראָישע תקופה אין זיין לעבן, וועגן וועלכער מען דערציילט ווי וועגן אַ לעגענדע. קיין וואַרשע איז ער אָנגעקומען אָפּגעריסן און אויס־געהונגערט. אַ פּוילישער סאָציאַליסטישער אַדוואָקאַט סטאַפּניצקי האָט אים באַזאָרגט אַרישע פּאַפּירן, אים איינגעאָרדנט אין דער דירה פונם באַרימטן פּוילישן אַרטיסט זעלווערּאָוויטש און אים פאַרבונדן מיט די טוער פון „בונד״. פיינער איז באַלד אַריין אין דער אַרבעט און גאָר גיך איז ער געווען דער פאָרזיצער און הויפּט־טוער פונם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ און איינער פון די צענטראַלע פּער־זענלעכקייטן אין אַלגעמיינעם אידישן אונטערערד אין פּוילן. די באַריכטן פונם בונ־דישן אונטערערד אין פּוילן, וועלכע זיינען דערגאַנגען צו דער וועלט, אָנהויבנדיק פון 1942, און האָבן מיט זייערע פאַרצווייפלונג־רופן און גרויל־באַשרייבונגען געגעבן

לעאָן פיינער — אַלס בערזאָווסקי
אין די יאָרן 1942—1944

אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם גורל פון די פּוילישע אידן — זיינען צומגרעסטנטייל געשריבן געוואָרן דורך אים. ער האָט געלעבט אין אַרישן טייל פון וואַרשע אונטערן נאָמען בערעזאָווסקי. זייער ווייניק מענטשן האָבן געוואוסט, אַז אונטער דעם נאָמען באַהאַלט זיך דער הויפּט־טוער פון בונדישן אונטער־ערד, — וואו זיין נאָמען איז געווען מ י ק אָ ל אַ י. ער איז געווען וויצע־פאָרזיצער פונם קאָמיטעט צו העלפן אידן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער וואַרשעווער פאָרשטייערשאַפט פון דער אונ־טערערדישער פּוילישער רעגירונג. זייענדיק אויף דער אַרישער זייט (אַ געוויסע צייט האָט ער געוואוינט אין זשאָליבאָזש), האָט ער געהאַט דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט זיינע חברים און מיט דער גאַנצער אונטערערד־באַוועגונג אינם געטאָ. זיינע חברים האָבן נישט געמאַכט קיין שום וויכטיקערן שריט אין יענע שווערע צייטן, נישט באַראַטנדיק זיך

פריער מיט אים. ער איז אויסגעשטאַנען אַלע צרות און סכנות פון דער אכזריותדיקער דייטשער אָקופּאַציע. נאָכן דורכפאַל פונם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע איז ער אַ געוויסע צייט געווען אין פּרושקאָוו. ער האָט דערלעבט די באַפרייאונג פון וואַרשע, אָבער די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען און אין סוף יאַנואַר 1945, ווען ער איז שוין געווען שווער קראַנק, האָבן אים די חברים איבערגעפירט פון פּרושקאָוו קיין לובלין גלייך אין דער אוניווערזיטעט־קליניק. זיין קראַנקהייט איז געווען אַ האָפנונגסלאָזע — האַלז־קרעבס, אָבער ער האָט נישט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין ביזן לעצטן מאָמענט. אויך אין שפּיטאָל האָט ער אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די חברים און האָט אָנטיילגענומען אין די שמועסן וועגן דער פּאָליטישער ליניע פונם „בונד״ אין פּוילן. דעם 22־טן פעברואַר 1945 איז ער געשטאָרבן. סוף 1947 האָט דער „בונד״ אין פּוילן איבערגעפירט זיין קערפּער קיין וואַרשע און אים מקבר געווען אויפן גענשער בית־עולם, ביים קבר פון די בונדישע געטאָ־קעמפער.

* **פיינער אברהם:** געבוירן אין וואַרשע, אין יאָר 1915. זיין פאָטער איז געווען אַ העברעאישער לערער אין קאַלישע׳ס פּריוואַטער שול אין זאַמענהאָף־גאַס 17. אברהם איז אויפגעוואַקסן אינם סאַמע האַרץ פון דער אידישער געגנט, אויף גענשע 15. פון פאַך איז ער געווען אַ קירזשנער, אַ חבר פון „בונד״, אַ קאָמיטעט־מיטגליד פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״ אין וואַרשע. בשעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אַ סאָלדאַט אין דער פּוילישער אַרמיי, ער האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע שלאַכטן און איז אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט, וואו ער האָט געאַרבעט אין די געפאַנגענע אָפּטיילונגען; דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע (די דייטשן האָבן, ווי באַקאַנט, באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט אַלע אידן פונם פּוילישן מיליטער. זייער כוונה איז שוין דאַמאָלסט געווען די אידן צו דערמאָרדן, האָבן זיי געוואָלט אָפּהיטן כלפּי־חוץ דעם אינטערנאַציאָנאַלן־אָפּמאַך, אַז מען טאָר נישט מאָרדן קיין מלחמה־געפאַנגענע). אין געטאָ איז ער געווען איינער פון די אָנפירער פון דער אונטערערדישער בונדיסטישער יוגנט־באַוועגונג. צוזאַמען מיט זיין חברטע מרים שיפּמאַן (לפ״ג) האָט ער געעפנט אין געטאָ אַ פּריזיר־אַנשטאַלט, וועלכער האָט געדינט ווי אַ פאַרבינדונגס־אָרט פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג. ער האָט מיטגעהאָלפן אַרויסגעבן די אונטערערדישע צייטונג פון זיין באַוועגונג — „די יוגנט־שטימע״. אין דער לעצטער תקופה האָט ער געאַרבעט אין די טעבענס־שולץ־וואַרשטאַטן אויף נאָוואָליפּיע גאַס. ער איז געפאַלן ווי אַ זעלנער

בילד פון דער געטאָ־צייט.

אויפן פּאָסטן אין די ערשטע באַוואָפנטע געטאָ־צוזאַמענשטויסן, אין יאַנואַר 1943, נעבן דעם הויפּט־מאַגאַזין פון די שולץ־וואַרשטאַטן אויף נאַוואָליפּיע־גאַס (מער פּרטים זע — זייט 250, באַמערקונג 12). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, אין וועלכער עס געפינט זיך אויך דער נאָמען פון זיין חברטע מרים שיפּמאַן.

פיינקינד מלך: קאָמענדאַנט פון דער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אינם פאַרניכטונגס־לאַגער פּאָניאַטאָווא. געבוירן אין וואַרשע, אין יאָר 1898. פון פאַך — אַ טריקאָטאַזש־אַרבעטער. אין דער יוגנט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אין איר לינקן פליגל (ס.ד.ק.פּ.ל. — פון וועלכער עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי) און איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער אָנפירער פון מוראַנאָווער ראַיאָן (אין דער אידישער געגנט אין וואַרשע). אין יאָר 1916 איז ער אַריבערגעגאַנגען צו פּועלי ציון. אין די יאָרן 1925—1931 איז ער געווען אין ארץ־ישראל, ער איז דאָן געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי ציון אין פּתח־תקוה און איז אויך געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי. צוליב אַ קראַנקהייט איז ער געווען געצוואונגען צוריקצופאָרן קיין פּוילן. דאָרטן איז ער ווידער געווען אַקטיוו אין זיין פּאַרטיי אַלס מיטגליד פונם וואַרשעווער קאָמיטעט און פון פּאַרטיי־ראַט און אַלס לעקטאָר וועגן סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען.

בילד פון 1934

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אַקטיוו אין דער הילף־טעטיקייט; מיטגעאַרבעט אינם אידישן אונטערערד; געווען דער פאַרטרעטער פון די לינקע פּועלי ציון אויף אַלע באַראַטונגען וועגן שאַפן דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. — ער איז דערנאָך געווען טעטיק אין ביידע. ער האָט געמאַכט אַ סך באַמיאונגען כדי צו דערפירן צו דערנעענטערונג און צוזאַמענאַרבעט אינם לאַגער פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל. די נאַציס האָבן אים אַרויסגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּאָניאַטאָוואָ און אויך דאָרטן איז ער געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון סאָציאַלער זעלבסטהילף און פון דער גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אינם באַריכט פונם 15־טן נאָוועמבער 1943, מעלדעט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אין פּוילן, אַז דאָרטן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער.

*** פינקלשטיין אברהם:** אַ וואַרשעווער, אַ מיטגליד פון דער סקויטן־באַוועגונג פון „פרייהייט". אין דער אָקופּאַציע־צייט האָט ער געלערנט אין דער אונטערערדישער גימנאַזיע פון „דרור". ער איז געווען אַקטיוו אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. — אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". אין דער אַנדערער העלפט 1942 איז ער געשיקט געוואָרן מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון „דרור"־קעמפער קיין הרוביעשאָוו (זע זייט 142, באַמ. 27) און דאָרטן איז ער אומגעקומען, — 21 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

*** פינקלשטיין מאָטעק:** געבוירן אין וואַרשע, פון יענע קינדער פון דער אָרימקייט, וואָס זייער נויט פאַראומערט נישט זייער געמיט. ער איז דערצויגן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל אויף גענשע 39. צו 12 יאָר איז ער אַריין אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, אין דער גרופּע „אָדלער" פונם יונגן שיכט. ער פלעגט יעדן אָוונט קומען אין דער אָרגאַניזאַציע. אַ פריילעכער אינגל, מיט אַ שיינער שטימע, האָט זיך באַטייליקט אין דראַמאַטישן קרייז און אינם קינדער־כאָר פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט ערנסט אויפגענומען די שמועסן אין זיין גרופּע און אַ סך געלערנט פון זיי; דאָס איז געווען פאַר אים אַ מין פאַרגיטיקונג פאַר זיין קינדהייט, אין וועלכער ער האָט נישט זוכה געווען צו באַקומען שול־בילדונג.

בילד פון 1938

מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער יוגנטלעכער און ער האָט אַקטיוו מיטגעלעבט דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן. געווען טעטיק אין די קאָמיסיעס פון זיין גרופּע און אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד דעם טאָג ווען ער וועט קענען אַרויספאָרן אויף הכשרה.

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די האָפענונגען, וועלכע מען האָט פאַרבונדן מיט דער גרופּע „אָדלער" האָבן נישט אַנטוישט. מאָטעק און זיינע גרופּע־חברים האָבן אַ סך געגעבן דער באַוועגונג אין די פינצטערע אונטערערד־יאָרן. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו; דערנאָך איז ער געווען אין דער חלוצישער קאָנצענטרירונג פון „דרור"־חברים אויף מילע־גאַס 34 און ער האָט געאַרבעט אין די מאַגאַזינען פון „ווערטערפאַסונג" אויף ניזקע־גאַס. ער איז אַריין אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור" און האָט געקעמפט אין זכריה אַרטשטיינס (לפ"ג) אָפּטיילונג אין „צענטראַלן געטאָ". ער איז פאַרבליבן אין

געטאָ־שטח נאָכן 10־טן מאַי; דאָרט איז ער געפאַלן אַלט־זייענדיק בלויז 20 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **פינקלשטיין מאַיאַרעק:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ האָרעפּאַשנער משפחה. זיינע עלטערן האָבן געצויגן חיונה פון אויסאַרבעטן סוועטערס. ער איז אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל, אויף נאַוואָליפּיע־גאַס. אין דער געטאָ־צייט האָט ער געהערט צו אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור"; האָט אָנטייל־גענומען אין די ערשטע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, וואָס די אידישע קאַמף־אָרגאַני־זאַציע האָט אַדורכגעפירט, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, אינם וואַרשעווער־געטאָ, אין איר קאַמף קעגן די דייטשע מערדער. אינם קאַמף אויף זאַמענהאָף גאַס 56 איז ער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין מויל און אין גומען. אין אַזאַ צושטאַנד האָבן אים די חברים אָפּגעפירט אויף מילע 34. ווען מען האָט געמוזט אָפּרוימען דאָס הויז זיינען זיי, צוליב זיין שווערער לאַגע, געווען געצוואונגען אים דאָרט איבערצולאָזן, אָבער ז כ ר י ה אַ ר ט ש ט י י ן (לפּ"ג), צו וועמענס קאַמף־גרופּע ער האָט אָנגעהערט, האָט אים דערנאָך אַריבערגעפירט אויף פאַוויע 36, וואו מען האָט אים געגעבן הילף. ער האָט געליטן שרעקלעכע יסורים און האָט געבעטן מען זאָל רופן י צ ח ק צ ו ק ע ר מ אַ נ ע ן, ער זאָל אים דערשיסן — ווייל ער וועט מיט ליבע אויפנעמען דעם טויט פון דער האַנט פון אַ חבר. נאָך אַ קורצער צייט איז ער אויסגעגאַנגען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. אין דער ליסטע געפינט זיך אויך דער נאָמען פון זיין שוועסטער צ י ל י ע (זע ווייטער).

* **פינקלשטיין ציליע:** געבוירן אין וואַרשע, אַ שוועסטער פון דעם פריער־דערמאָנטן מאַיאַרעק. זי איז געווען אַן אַקטיווע חברטע אין דער וואַרשעווער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע (פריער האָט זי געהערט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט). יעדן אָוונט פלעגט זי קומען אין „באָראָכאָוו־היים" אויף גענשע 14 און זיך באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע. אויך אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי פאָרגעזעצט איר טרייע אַרבעט אין דער באַוועגונג. זי איז געווען איבערגעגעבן ביז גאָר און אַקטיוו אין דער אונטערערד־טעטיקייט. אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז זי געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור", און האָט געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון ז כ ר י ה אַ ר ט־ ש ט י י ן (לפּ"ג) — איר לעבנס־חבר. זי איז פאַרבליבן אין חרובן־געטאָ, צוזאַמען מיט איר לעבנס־חבר, אויך נאָכן 10־טן מאַי, נאָכדעם ווי דער גרעסטער טייל לעבנגעבליבענע קעמפער זיינען אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. זי האָט אָנטיילגענומען אין די לעצטע קאַמפן אין געטאָ־געביט. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

פיש לאה: געבוירן אין האראַכאָוו, וואָלין, אין 1918, אין אַ פרומער משפחה. זי האָט געלערנט מיט אויסצייכענונג אין אַ פוילישער שול און ביי פריוואַטע העברעאישע לערער. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ הצעיר" און געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע אין איר שטעטל. צו 18 יאָר איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין גראָכאָוו נעבן וואַרשע און פון דאָרטן האָט די צענטראַלע זי אַרויסגענומען אויף אָנצופירן מיט גרופּן יונגערע חברים. עטלעכע מאָל האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין ארץ־ישראל אָבער זי האָט זיך אונטערגעבן דער פאָדערונג פון די חברים און פאַרבליבן אַרבעטן אין דער באַוועגונג, וואָס האָט איר גלייכצייטיק געדינט צו פאַרפולקאָמען איר אייגענע בילדונג.

בילד פון 1938

נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי אַריבער קיין ווילנע און איז גלייך געשיקט געוואָרן קיין קאָוונע כדי צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג אין ליטע — און ווי תמיד האָט זי געטריי אויסגעפירט איר שליחות. אויך דאָרט האָט זי פאַרגעזעצט איר זעלבסטבילדונג און געלערנט שפּראַכן. אין יענער צייט האָט זי געהאַט עליה־אויסזיכטן אָבער די צענטראַלע האָט ווידער באַשלאָסן זי צו פאַרהאַלטן, און טראָץ איר שטאַרקער בענקשאַפט קיין ארץ־ישראל האָט זי זיך אונטערגעגעבן (איר ברודער חיים דן איז אין רמת־הכובש). זי האָט אַרומגעוואָגלט איבער שטעטלעך און געבראַכט צו די אידישע יוגנט־מאַסן דעם ארץ־ישראל־אידעאַל.

ווען ליטע איז פאַרייניקט געוואָרן מיטן ראַטנפאַרבאַנד און די ציוניסטישע באַוועגונג איז געוואָרן אומלעגאַל, איז זי אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און אָפּגעשלאָגן די טירן פון פאַרשידענע אַמטן כדי צו באַקומען עליה־מעגלעכקייטן; דאַן איז זי צוריקגעפאָרן קיין ווילנע און פון דאָרטן איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איר לעצטער בריוו, וואָס פון צווישן זיינע שורות האָט זיך געפילט איר שרעקלעכער צער צוליבן נישט קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן אַ טייל פון דער צענטראַלע קיין וואָלין, איז זי אַוועק פון ווילנע קיין לעמבערג און דערנאָך קיין קאָוועל. נאָר אומדירעקט זיינען אָנגעקומען אַ סך ידיעות וועגן איר שטאַרקער אַקטיוויטעט און אַ סך מאָל ווערט דערמאָנט איר נאָמען צווישן די צענטראַלע און אַקטיווע חברים. וואָלין איז געווען איר לעצטער טעטיקייטס־אָרט. (אינם בריוו פון החלוץ אין פוילן, פון 15 נאָוועמבער 1943, צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל ווערט דערמאָנט איר נאָמען צווישן די צענטראַלע טוער, וואָס זיינען געפאַלן אינם קאַמף מיט דעם אָקופּאַנט. חברים וועלכע האָבן באַזוכט קאָוועל נאָך דער

באַפרייאונג פון די נאַציס, האָבן געפונען אין דער טיילווייז שטיינגעבליבענער שול פיר נעמען אויסגעקריצט אין וואַנט, אונטער אַ מעלדונג, אַז זיי גייען שטאַרבן, — איר נאָמען איז געווען צווישן זיי — (זע דעם סוף פון דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן ד ו ד א י י ז נ ב ע ר ג).

פישלזאָן אברהם מרדכי: געבוירן אין וואַרשע, אין 1910, ביי פרומע עלטערן און ציוניסטן, וועלכע האָבן נישט געשטערט די קינדער צו באַקומען אַלגעמיינע בילדונג. ער איז אויפגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער אידישער געגנט. פון קינדווייז־אָן האָט ער מיט־געהאָלפן די עלטערן אין זייער געשעפט — אַ שפּייז־קראָם אויף באָניפראַטן־גאַס, וואו ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג און נאָר אין די אָוונט־שעהן האָט ער באַזוכט אַ האַנדלס־שול פאַר דערוואַקסענע. פון דער יוגנט־אָן איז ער געווען אַקטיוו אין דער יוגנט־באַוועגונג און ערשט אין 1933 זייענדיק ער און זיין ברודער ד ו ד (אויך אַן אַקטיווער און טרייער פאַר־טיי־חבר), צוזאַמען מיטן ספּאָרט־פאַריין „שמשון", אַריינגעטרעטן אין „הפועל" און גלייכצייטיק אין

בילד פון 1938

דער פועלי ציון (צ.ס.)־פאַרטיי. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטסמאַן און האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין די הויפּט־אַנשטאַלטן פון דער אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג אין פוילן. ער איז געווען זייער איבערגעגעבן דער פאַרטיי, טעטיק אין אָנגעשטעלטע־פאַריין וואָס ביים ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. אַ פּראַקטיקער, וועלכער צייכנט זיך אויס אין טאָגטעגלעכער אַרבעט. ער איז געווען באַליבט ביי אַלע אַרומיקע. ערב די ציוניסטישע קאָנגרעסן פלעגט ער זיין צווישן די אַקטיוווסטע שקל־פאַרשפּרייטער אין די אַרבעטער־קרייזן. אין די לעצטע פאַרמלחמה־יאָרן האָט ער אַ סך מיטגעאַרבעט אינם סעקרעטאַריאַט פון די מיט פועלי ציון (צ.ס.)־פאַרבונדענע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. בשעת דער פאַרשטאַרקונג פונם אַנטיסעמיטיזם אין פוילן און די אָנפאַלן אויף אידן איז ער געווען איינער פון די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זעלבסטשוץ ביי דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פאַרטיי. אַ מוטיקער, געזונטער און מיליטעריש־אויסגעבילדעטער מענטש האָט ער געבראַכט אַ סך נוצן אין דער זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ קאָמענדאַנט אין דער אינערלעכער מיליץ, וועלכע האָט פאַרהיט פון בלוטיקע אָנפאַלן פונם וואַרשעווער אַנטיסעמיטישן ערב־רב אויף פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס פון דער באַוועגונג.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער געווען צווישן די אין וואַרשע פאַרבליבענע חברים וועלכע האָבן איינגעהיט דאָס פייער פון דער באַוועגונג. צוזאַמען מיט זיין דערמאָנטן ברודער דוד (אומגעקומען אין געטאָ) איז ער געווען צווישן די אַקטיווע, פּראַקטישע אונטערערד־טוער און גרינדער פון די פּאַרטייאישע ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין געטאָ. ער איז געווען דער אָנפירער פון דער פּאַרטייאישער קאַמף־אָפּטיילונג איידער ס'איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן (אין אַפּריל 1942) דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין געטאָ (זע זייט 133, באַמ. 11) איז ער געווען איינער פון זיינע צוויי קאָמענדאַנטן (צוזאַמען מיט לענט, לפ"ג), וועלכע האָבן נאָך דאַמאָלסט אָרגאַניזירט הונדערטער קאַמף־פינפטלעך, כאָטש זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַקומען געווער. ער ווערט דערמאָנט צווישן די איניציאַטאָרן פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער און קינסטלער, און אויך אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, צום איחוד־עולמי פּועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די געפאַלענע אַקטיווע קעמפער.

דער ברודער — דוד פישלזאָן

פרוינד עמוס: דער זון פון אברהם פרוינד, אַ לערער און אַן אַלטבאַקאַנטער טוער פון די לינקע פּועלי ציון (נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צווישן די אַקטיווע טוער פון דער פּועלי ציון „יוגנט" אין לעמבערג), וועלכער איז אויך דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס. עמוס איז געווען אַן אַקטיווער און געטרייער חבר פון דער לינקער פּועלי ציון־יוגנט. אין דער צייט פון דער אונטערערדישער געטאָ־אַרבעט — איינער פון די ענערגישע און מוטיקע פאַרשפּרייטער פון דער אומלעגאַלער פּרעסע. אין דער דירה פון זיינע עלטערן אויף נאַוואָליפּיע־גאַס פלעגן אָפט פאַרקומען באַגעגענישן פון די אַקטיווע יוגנט־גרופּן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון זיין באַוועגונג. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן, פון 24־טן מאַי 1944, צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די אַקטיווע ביזן לעצטן מאָמענט. ער איז געפאַלן אַלטזייענדיק 19 יאָר.

פרידמאַן אַלעקסאַנדער זישע: געבוירן אין סאָכאַטשעוו, נעבן וואַרשע, אין יאָר 1889. אין דער יוגנט האָט ער זיך באַרימט געמאַכט ווי אַן עילוי און צו 11 יאָר איז ער שוין אָנגענומען געוואָרן אין דער ישיבה פונם סאָכאַטשעווער רבין ר׳ אברהם באָרנשטיין, דער בעל „אבני נזר״ (איידעם פון קאָצקער רבין), און נאָך דער פטירה פונם רבין האָט ער ווייטער געלערנט ביי זיין זון דעם רבין ר׳ שמואל, דער מחבר פון „שם משמואל״. גאָר יונג האָט אַלעקסאַנדער זישע חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון מלאַווע. צו 20 יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן געזעלשאַפטלעך און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזירונג פונם אָרטאָדאָקסישן אידנטום — פריער אין דער „אגודת האורטודוכסים״ און דערנאָך אין „שלומי אמוני ישראל״. ער איז



אויך געווען דער איניציאַטאָר צו אָרגאַניזירן די יוגנט פון פרומע עלטערן אין אַן אָרגאַניזאַציע „צעירי אמוני ישראל״. אין דער תקופה ווען די „אגודה״־באַוועגונג איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין פוילן, איז ער געווען במשך לאַנגע יאָרן דער הויפּט־סעקרעטאַר. אַ סך פון זיין ענערגיע האָט ער אויך געווידמעט דער אָרגאַניזירונג פונם אָרטאָדאָקסישן דערציאונגס־וועזן (חדרים, ישיבות, תלמוד תורה אינסטיטוציעס וכו׳; ער האָט אויך געגרינדעט אַ סעמינאַר פאַר דערציער פון רעליגיעזע שולן) און האָט אַ לאַנגע צייט אָנגעפירט מיט דער אָרטאָדאָקסישער שול־אָרגאַניזאַציע „חורב״, וועלכע האָט קאָנצענטרירט אין זיך אַ סך דערציאונגס־אַנשטאַלטן מיט צענדליקער טויזנטער תלמידים. ער איז געווען איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אָרטאָדאָקסישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן „פועלי אגודת ישראל״. ער איז געווען אַן „אגודה״־ראַטמאַן אין דער וואַרשעווער קהילה און כאָטש ער איז געווען דער אינגסטער צווישן די „אגודה״־פרנסים איז ער געשטעלט געוואָרן אין זייער שפּיץ. אין דער תקופה פון דער ציוניסטישער מערהייט אין דער וואַרשעווער קהילה, אונטער דער אָנפירונג פון העשל פאַרבשטיין, איז ער געווען דער אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע. ער האָט געהערט צו די בעסטע רעדנער פון דער „אגודה״, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און שאַרפקייט, — אַ פירער און הויפּט־טוער במשך אַ סך יאָרן; אַן אויסגעשפּראָכענער טיפּ פון אַן אָרטאָדאָקסישן פירער אין פוילישן אידנטום, וועלכער פאַרשטייט דעם צייט־גייסט. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער אגודה׳שער טאָגצייטונג „טאָגבלאַט״, וואו ער האָט געשריבן אויף אַקטועלע טעמעס. ער האָט געפירט אויך אַ פאַרצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט, הויפּטזאַכלעך אין העברעאיש. אַ סך יאָרן איז ער געווען רעדאַקטאָר און הויפּטשרייבער פון דעם אָרטאָ־

דאַקסישן העברעאישן חודש־זשורנאַל „דגלנו", אין וועלכן ער האָט אויך פּאַרעפנט־לעכט זיינע ליריש־געשטימטע לידער. אַ סך צייט האָט ער אָפּגעגעבן דעם תורה־לערנען און האָט אַרויסגעגעבן וויכטיקע ספרים אויף דעם געביט, ווי דעם „כסף מזוקק" אויפן רמב"ם און פינף בענדער „תורה־קוואַלן", אן אויסגעווײלטע זאַמלונג פון חסידישע תורה־טײַטשונגען. אין 1934 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל און איז געווען באַגייסטערט פון דער אויפבוי־אַרבעט. אומקערנדיק זיך קיין פּוילן האָט ער אויפגע־פּאָדערט די אָרטאָדאָקסישע מאַסן צו פאָרן און פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. אויף די „אגודה"־צוזאַמענפאָרן אין פּוילן און אין דער וועלט איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אונטערצושטרייכן די ארץ־ישראל־טענ־דענץ אין דער טעטיקייט פון „אגודת־ישראל". נאָך זיין צוריקקומען פון ארץ־ישראל האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן נאָך אַ צייטשריפט „דרכנו", וועלכע איז געווען גע־ווידמעט הויפּטזאַכלעך ארץ־ישראל־פּראָבלעמען.

נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון פּוילישן אידנטום אין די אָקופּאַציע־געביטן. ער איז נאָמי־נירט געוואָרן אַלס מיטגליד אין וואַרשעווער „יודען־ראַט" און האָט זיך באַטייליקט אין אַלע אָרגאַניזירטע אידישע טעטיקייטן, אָנהויבנדיק פון סאָציאַלער הילף ביז דער אונטערערדישער אַרבעט. ער האָט אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און געפּאָדערט הילף פון די אידישע וועלט־אינסטיטוציעס. בשעת די ליקווידאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער אַלאַרמירט די אידישע וועלט מיט דער באַרימטער טעלעגראַמע : „הער עמוס האָט מקיים געווען זיין צוזאָג פון דריטן־פינפטן", און אין אויסלאַנד האָט מען זי פונאַנדערגעשיפרירט אַלס דריטן פסוק אין פינפטן קאַפּיטל פון ספר עמוס : „וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר : די שטאָט וואָס פלעגט אַרויס מיט טויזנט, וועט בלייבן ביי הונדערט, און די וואָס פלעגט אַרויס מיט הונדערט וועט בלייבן ביי צען, פון דעם הויז פון ישראל". דאַמאָלסט האָט טאַקי אַזוי אויסגעזען דער מצב פון וואַרשעווער געטאָ, — פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג זיינען פאַרבליבן ווייניקער ווי 10 פּראָצענט. אין יענער תקופה האָט ער געאַרבעט ביי שוסטעריי אין שולץ־„שאָפּ" אויף נאָוואָליפּיע גאַס. דאָרטן האָבן געאַרבעט אַ סך רבי'ס, רבנים און תלמידי־חכמים. אויך אין יענע מטורפדיקע טעג האָט ער פאַרגעזעצט זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט און צוגעגרייט אַ ניי בוך פון פירושים צום תנ"ך.

נאָך דער אונטערדריקונג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז ער אַוועק־געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די לעצטע וואַרשעווער אידן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלינער געגנט. אויך דאָרטן האָט ער פאָרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ביזן לעצטן מאָמענט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, רבנים, שרייבער, לערער א. אַ. וו. (זיין פאַמיליע איז אומגעקומען נאָך פריער, בעת דעם גרויסן גירוש).

פרידמאַן פישל (פעליקס): געבוירן אין וואַרשע, יאַנואַר 1897, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אידיש־טראַדיציאָנעלן גייסט, און אַרויסגעוויזן מאָלערישע פעאיקייטן פון קינדווייז־אָן. צו 8 יאָר האָט ער געמאַכט זיין ערשטע „מאָלערישע" אַרבעט — אַ קאַריקאַטור פון זיין רבין אין חדר. צו 11 יאָר האָט ער געמאָלט פאָרטרעטן פון זיינע חברים. ער פלעגט זיצן אין זיין „אַטעליע", אין בוידעם־שטיבל אויפן

פערטן שטאָק, פאַרזונקען צווישן פאַרבן און פענזלען, און ווען ער פלעגט אַרויס אין גאַס פלעגן די חדר־אינגלעך אים נאָכלויפן און שרייען: „פישעלע מאַליאַזש" („מאַליאַזש" איז אין פויליש סיי אַ מאָלער און סיי אַ פאַרבער). פאַר די לעצטע גראָשנס האָט ער תמיד געקויפט פאַרבן און כסדר געאַרבעט. ער האָט געמאָלט בילדער פון דער ווייסל, פון קעניגלעכן פאַלאַץ אין וואַרשע, פון די קעניגלעכע דענקמעלער יאַן סאָביעסקי און זיגמונט וואַזאַ א.אַ. צוליבן בילד פון קעניג זיגמונט וואַזאַ מיט אַ צלם אין האַנט האָט דער פאָטער, אַ פרומער איד, אַרויסגעטריבן דעם אינגל פון הויז צוזאַמען מיט די פינזלען און פאַרבן. אַ שכן האָט אים גענומען צו זיך, האָט אים אַוועקגעפירט אין דער וואַרשעווער קונסט־געזעלשאַפט („זאַכענטאַ שטוק פיענקניך"). די פראָפעסאָרן האָבן אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ גרויסן טאַלאַנט מיט אַ סך מעגלעכקייטן אין דער צוקונפט. די געזעלשאַפט האָט אים געשיקט קיין קראָקע און דאָרטן האָט ער געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע אַלס בעסטער תלמיד פון פראָפעסאָר לענץ. אויפן חשבון פון דער אַקאַדעמיע איז ער געשיקט געוואָרן קיין פאַריז. ער איז צוריקגעקומען אַ פולקאָמענער קינסטלער און זיינע קאַריקאַטורן און פאָרטרעטן פלעגן אויסגעשטעלט ווערן דורך דער קונסט־געזעלשאַפט אויף יעדער אויסשטעלונג. אין יענער צייט האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פאַרבראַכט צווישן אידישע קינסטלער און שרייבער אין אידישן ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13. די ווענט פונם פאַריין זיינען פול געווען מיט קאַריקאַטורן פון אידישע שרייבער, זשורנאַליסטן און אַקטיאָרן, וואָס ער האָט געצייכנט און אונטערגעשריבן מיט זיין יוגנט־צונאָמען: פישעלע מאַליאַזש. ער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צום אידישן טעאַטער. ביי יעדער פרעמיערע פלעגט ער צייכענען פאַר דער פרעסע סקיצעס פון די אַקטיאָרן און נישט דוקא פון די באַרימטע. ער האָט אָנגעהויבן מאָלן אויף אידישע טעמעס. זיינע מאָלערייען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערס איידעלען געשמאַק, און וואָס מער די פוילישע קריטיק האָט אים געלויבט און ער איז באַקאַנט געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך צוגעבונדן צו

די אידישע שרייבער און קינסטלער און איז געוואָרן אַקטיוועד אין אידישן קינסטלער־פאַריין, וואו ער איז די לעצטע יאָרן געווען וויצע־פאַרזיצער.

אין דער צייט פון דער נאַציסשער אָקופּאַציע האָט ער זיך באַמיט אויף זיין וועג צו ברענגען נוצן דעם פאָלק. כאָטש ער האָט געלעבט אין גרויסער נויט האָט ער פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען פון זיינע בילדער און קאַריקאַ־טורן. צוזאַמען מיט די מאָלער טראַכטער און פוטערמאַן האָט ער אין געטאָ געמאָלט אַ גרויס בילד „איוב״. בעת דעם ערשטן פאַרניכטונגס־גירוש, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1942, איז ער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, — כמעט דער איינציקער פונצווישן אַלע אידישע מאָלער, — ווייל ער איז דאַמאָלסט געווען אין אַטוואַצק. אַלע אידישע מאָלער האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק פון קאַרל הייניץ מילער און האָבן געגלויבט, אַז דאָס וועט זיי ראַטעווען. קען אָבער זיין, אַז דאָס איז געווען זייער אומגליק — זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צום טויט אַלס אַ גאַנצע גרופּע. פעליקס פרידמאַן איז געווען לונגען־קראַנק, און סוף דעצעמבער 1942 האָט מען אים אַריבערגעפירט אין אידישן שפּיטאָל אויף גענשע 6. דעם 18־טן יאַנואַר 1943, ווען עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די אַרויסשיקונגס־אַקציע און עס האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז ער זאָל אַרויס־געשיקט ווערן צוזאַמען מיטן טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע, האָט אויף אים רחמנות־געהאַט אַ שפּיטאָל־שוועסטער און זי האָט אים איינגעשפּריצט אַ פאַרגרעסערטע פּאָרציע מאָרפיום כדי אים צו פאַרשפּאָרן לכל הפחות די וועג־יסורים אויף דער רייזע צו די גאַז־אויוונס. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דורך די דייטשן דערמאָרדעטע אידישע עסקנים, קינסטלער און וויסנשאַפטלער.

* **פרידריך זלמן (זיגמונט):** געבוירן אין וואַרשע, אין 1911, אין אַן אָרימער משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד און זיין באַשעפטיקונג איז געווען אויסאַרבעטן פּאַפּיר־בייטלען. זלמן איז אויפגעוואַקסן אין דער אידישער געגנט, אויף נאַוואָליפּקי 60. ער האָט גע־לערנט אין אַ ציש״אָ־שול און איז געווען באַליבט סיי ביי די לערער און סיי ביי די תלמידים. אַ לעב־האַפטער און זעלבסטשטענדיקער אינגל, אַ גייסטיק אַנטוויקלטער, — אַ סך צייט האָט ער אָפּגעגעבן דעם לייענען ביכער. אַזוי ווי זיינע שוועסטער איז אויך ער אַריינגעטרעטן אין דער יוגנט־באַוועגונג פון „בונד״ (אַלע זיינע דריי שוועסטער לעבן שוין נישט; די צוויי עלטסטע ברידער האָבן אין 1918 פאַרלאָזט פּוילן און זיי זיינען אַקטיווע קאָמוניסטן



אין רוסלאַנד). עטלעכע יאָר, אינגלוויז, האָט ער געאַרבעט אַלס שליח אין דער ציש"א־לייטונג און האָט באַטראַכט זיין אַרבעט נישט סתם ווי אַ באַשעפטיקונג, נאָר ווי אַן אויספירונג פון אַן אויפגאַבע פאַר דער באַוועגונג און זיך אָפּגעגעבן דערדאָזיקער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען פון דער נשמה. דערנאָך האָט ער געאַרבעט אין בונדישן עמיגראַציע־אַמט און איז געווען סעקרעטאַר פון דער בונדישער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגענשטערן", און איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער אין דער וועכנטלעכער ספּאָרט־ביילאַגע ביים בונדישן טאָגבלאַט „פאָלקסצייטונג". ער איז געווען אַ הויכער, בלאָנדער בחור מיט בלויע אויגן, אַ דרייסטער, שטאַרקער און שטאָלצער — באַליבט ביי אַלעמען און זייער פּאָפּולער אין די בונדישע קרייזן. ער האָט געדינט אין פּוילישן מיליטער, דאָרטן האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ גרינדלעכע מיליטערישע אויסבילדונג, וועלכע איז אים שטאַרק צונוצגעקומען אין די ביטערע יאָרן.

ביים מלחמה־אויסברוך איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע שלאַכטן און איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. אויך זייענדיק אין געפאַנגען־לאַגער אין קעניגסבערג האָט ער אויפגעהאַלטן זיינע פאַרבינדונגען מיט די חברים אין וואַרשע און אין ווילנע. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט (זע וועגן דעם באַמערקונג אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש פאַר אברהם פיינער), האָט ער זייער אַ סך אויפגעטון אין דער אונטערערדישער אַרבעט אין וואַרשע. באַלד נאָך דעם אָנהויב פונם גרויסן גירוש, דעם 22־טן יולי 1942, האָט אים די פאַרטיי געשיקט אין דער געגנט פון טרעבלינקע, כדי ער זאָל זיך דערוויסן אויפן אָרט, וואָס דאָרט קומט פאַר מיט די אַרויסגעשיקטע אידן. ער איז געווען איינער פון די, וועלכע זיינען צוריקגעקומען קיין וואַרשע און דערשיטערט דאָס וואַרשעווער אידנטום מיטן ביטערן אמת וועגן די „טרעבלינקער טראַנספּאָרטן". ער איז געווען אַ העלדישער און מוטיקער קעמפער אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — אַ מיטגליד אין די בונדישע קאַמף־אָפּטיילונגען. אין די באַריכטן פון די געטאָ־קאַמפן ווערט ער אַ סך מאָל דערמאָנט אַלס פאַרבינדלער צווישן די קאַמף־אָפּטיילונגען אין דער הויפּט־קאָמענדאַנטור און אויך צווישן דעם געטאָ אין דער אַרישער זייט. בעת די קאַמפן, דעם 30 אַפּריל, איז ער צוזאַמען מיט שמחה ר א ט ־ ה י י ז ע ר (קאַזשיק) ספּעציעל געשיקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט, כדי צוצואיילן הילף פאַר די קעמפער. ער איז דאָן שוין פאַרבליבן אויף דער אַרישער זייט. נאָך דער אונטערדריקונג פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז ער געווען אין לאָמיאַנקי, נעבן וואַרשע, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די לעצטפאַרבליבענע קעמפער, און פון דאָרטן האָט ער אַוועקגעפירט אַ גרופּע חברים אין אַ זיכערן אָרט אין נאָענטן דאָרף פלודי, וואו עס האָט זיך דאַן געפונען די בונדישע טועריין רוזשע קלאַג (לפ"ג). אויפן וועג, שוין זייענדיק אין דאָרף, האָבן אים די דייטשע מערדער געכאַפּט און ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע (מער פּרטים וועגן דעם זע אין דער

אזכרה־פֿאַרצייכעניש וועגן רוזשע קלאָג און אויך זייט 257, באַמ. 20, צום באַריכט פֿון „בונד״). זיין נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. דעם 1־טן יאַנואַר 1946 איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אויפֿן וואַרשעווער אידישן בית־עולם אויף גענשע גאַס, צוזאַמען מיט די קערפּערס פֿון די איבעריקע „בונד״־חברים, וועלכע זיינען דאַמאָלסט דערמאָרדעט געוואָרן אין פּלודי (זיין פֿרוי ציליע, אַ טעטיקע חברטע פֿון „בונד״, איז אַרעסטירט געוואָרן סוף 1942 אין דער קאָנספּיראַטיווער־דירה פֿון „בונד״ אויף שוויענטאָ־יערסקיע 11 (אויסערהאַלב דעם געטאָ), בעת מען האָט אין קעלער פֿון דעם הויז געפֿונען געווער. זי איז שפּעטער אומגעקומען אין מאַידאַנעק; זייער קליין טעכטערל האָבן זיי נאָך פֿריער פֿאַרבאַהאַלטן אין אַ קלויסטער נעבן קראָקע. שפּעטער איז געלונגען דאָס קינד אַרויסצונעמען פֿונם קלויסטער. דאָס מיידעלע איז געראַטעוועט).

ציליע פרידריך

* **פרענקעל טובה:** געבוירן אין וואַרשע, געלערנט אין אַ פֿאָלקסשול און דערנאָך אָנגעהויבן אַן אַרבעטס־לעבן אַלס נייטערין. צו 14 יאָר איז זי אַריינגעטרעטן אין דער „השומר־הצעיר״־באַוועגונג, — אין גדוד „חזית״. זי איז געווען אַ שטילע און באַשיידענע, געטריי און איבערגעגעבן איר קבוצה.

אין דער מלחמה־צייט איז זי פֿאַרבליבן אין וואַרשע און געווען טעטיק צווישן די דערוואַקסענע אין קן. זי האָט געטריי דערפֿילט אירע אויפֿגאַבן אין די שווערע אונטערערדישע צייטן וועלכע זי האָט באַזונדערס שווער דורכגעלעבט, נאָכדעם ווי איר פֿאָטער איז געשטאָרבן פֿון טיפֿוס. זי האָט געוואוינט פֿריער אויף כלאָדנע און דערנאָך אויף זאַמענהאָף. זי האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ אַ קאָאָפּעראַטיווע נייטעריי אין וועלכער זי האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט צוויי חברטעס. אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט און מיט באַזונדערער פֿריינטשאַפֿט איז זי געווען פֿאַרבונדן מיט אירע צוויי פֿריינדינס מירא פוכרער און רחל זילבערבערג (ביידע — לפ״ג). זי איז געווען אַ מיטגלידערין פֿון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פֿון „השומר הצעיר״ און איז געפֿאַלן אין עלטער פֿון 23 יאָר. איר נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **צוקער נחה (נאשקע):** געבוירן אין טשעכאטשינעק, סוכות 1922, אין א מיטלשטאנד־משפחה; די עלטערן האבן געהאט א גאלאנטעריע־געשעפט. זי האט געלערנט אין א פויל־לישער פאלקסשול און איז דארט צוגעבונדן געווארן צו דער פוילישער שפראך און ליטעראטור. צו 14 יאר, אין 1936, איז זי אריינגעטרעטן אין „פרייהייט" און גאר גיך איז זי געווארן איינע פון די אקטיווע חברטעס אין דער ארטיקער ארגאניזאציע. האט זיך באטייליקט אינם לאנד־סעמינאר אין זשעלאנקע אין 1938 און אויך אין די 6־וואכיקע זעלבסטשוץ־קורסן, וועלכע זיינען דארט פארגעקומען. זי האט מיט א באזונדער לעבהאפטיקייט און אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רעפעראטן, ווייל די פראבלע־מען פון אידנטום און פון דער באוועגונג זיינען איר געווען ניי און אומבאקאנט. אין די פרייע שעהן

בילד פון 1939

האט זי געלערנט לייענען און שרייבן אידיש. זי האט עס געטון פארבארגענערהייט, ווייל זי האט זיך געשעמט וואס זי האט עס פריער נישט געקענט. נאכן סעמינאר האט זי פארברייטערט איר טעטיקייט אויך אויף דער אומגעגנט און זי האט אנגעהויבן ארגאניזירן נייע אפטיילונגען. זי איז געווען באליבט ביי די חברים. אין מערץ־אפריל 1939 האט זי זיך באטייליקט אינם סעמינאר אין פאלעניץ און פון דארטן איז זי ארויסגעפארן אויף הכשרה אין די ביאליסטאקער און קיעלצער קיבוצים. אויך דארטן האט זי א סך געלייענט, געלערנט העברעאיש, און אנטיילגענומען אין די דיסקוסיעס, וואו זי האט ארויסגעוויזן איר דערוואַרבענעם וויסן אין די באוועגונגס־ענינים. אין שליחות פון דער באוועגונג איז זי אוועק ארבעטן אין ביאליסטאקער ראיאן. געווארן טעטיק אינם ראיאן־ראט און איז ארויסגעשיקט געווארן אין שליחות איבערן ראיאן.

אין אנהויב מלחמה איז זי געווען אין א גרופע, וועלכע האט שוין געדארפט אפפארן קיין ארץ־ישראל, אבער זי איז פארהאלטן געווארן צוליב דער טעטיקייט אין דער באוועגונג. זי האט געארבעט אין סאוויעטישן געביט אין ביאליסטאקער קרייז. האט אנטייל גענומען אין ערשטן אונטערערדישן צוזאמענטרעף פון דער באוועגונג (לעמבערג, 31־טן דעצעמבער 1939), נאך א געוויסער צייט איז זי געפארן קיין ווארשע, כדי צו ארבעטן אין דער אונטערערדישער צענטראלע פון דער באוועגונג. מיט אירע פעאיקייטן און איבערגעגעבנקייט האט זי אין יענע שרעקלעכע יארן א סך אויפ־געטון פאר דער באוועגונג. זי איז געווען טעטיק צווישן דער יוגנט און אין די הכשרה־גרופעס; אקטיוו אין דער אידישער קאמף־ארגאניזאציע — אין א קאמף־אפטיילונג פון „דרור". תחילת אין בנימין וואלדס (לפ"ג) קאמף־גרופע און דערנאך אין

דער קאַמף־גרופּע פון בערל ברוידע (לפ״ג) אין „צענטראַלן געטאָ״. איר אָפּ־טיילונג האָט געקעמפט אויף מילע־גאַס, וואו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט דריי קאַמף־אָפּטיילונגען. די אויפגאַבע פון איר אָפּטיילונג, וועלכע איז געווען די פאָדער־שטע, איז געווען אַ באַזונדערס וויכטיקע — אָפּצוּוואַרטן ביז די דייטשן וועלן אַריין אין גאַס און דאַן זיי אַטאַקירן פון הינטן, אויך זען אָפּהאַלטן דאָס ברענגען דייטשע הילף בשעתן קאַמף. איר אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדירונג פון בערל ברוידע האָט אויפגעטון וואונדער אין יענע טעג מיט איר מוטיקן קעמפן און האָט גורם געווען שווערע פאַרלוסטן די דייטשע מערדער, וועלכע האָבן זיך באַמיט אַריינצודרינגען אינם געטאָ אין קליינע גרופּן. זי איז געפאַלן אין קאַמף דעם 8־טן מאַי אין צענטראַלן בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **צוקער משה:** אַן אינטעליגענטער לעדער־אַרבעטער, וועלכער האָט זיך דער־וואָרבן בילדונג דורך כסדרדיקן לערנען און לייע־נען. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער באַראָכאָוור יוגנט און שפּעטער אַ געטרייער חבר פון די לינקע פּועלי־ציון. אַ מענטש מיט אַן אייגענער שטעלונג, אַן אַקטיווער און איניציאַטיוו־רייכער. אין אַ קור־צער צייט האָט ער פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון זיין פּאַרטיי, — די לעצטע יאָרן איז ער געווען קאָמיטעט־מיטגליד. כאָטש זיין פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון לעדער־אַרבעטער האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון „בונד״ און פון די אידישע קאָמוניסטן, האָבן די פאַריין־מיטגלידער זיך באַצויגן צו אים מיט אַכטונג און צוטרוי. זיי פלעגן אים תמיד אויסוויילן אין דער סעקציע־לייטונג, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען געווען ארץ־ישראל־געגנער.



בילד פון 1930

אויך אין געטאָ איז ער געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. געלעבט האָט ער פון זיין באַשעפטיקונג אַלס באַדינער אין דער קיכן־אָפּטיילונג ביים אידישן אַמט פאַר סאָציאַלער הילף. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי־ציון, פון 24־טן מאַי 1944, צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, ווערט דערמאָנט זיין נאָמען צווישן די אונטערערדיש־אַקטיווע חברים, וועלכע האָבן געווירקט ביזן לעצטן מאָמענט און זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן, — ער איז דאַן אַלט געווען 35 יאָר.

*** ציגלער משה:** געבוירן אין זשיראַרדאָוו, ביי וואַרשע, אין אַן אַרבעטנדיקער משפּחה. דער פאָטער האָט געאַרבעט ביי וועגאַרבעטן, וואָס ס'איז געווען זייער אַ זעלטענע באַשעפטיקונג צווישן אידן אין פוילן. די קינדער זיינען אַריין אין אַרבעטס-לעבן פון זייער פריער קינדהייט-אָן. משה איז געווען אַ שוסטער, און אַן אַקטיווער און געטרייער חבר אין דער „פרייהייט"-באַוועגונג. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַריבער קיין וואַרשע. ער איז געווען אין דער החלוץ-פאַרם אין טשערניאַקאָוו און דערנאָך אין דער חלוצישער קאָנצענטריר־רונג פון „דרור"-מיטגלידער אויף מילע 34. טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג און אין דער אידישער קאַמף-אָרגאַניזאַציע, — אַ מיטגליד פון אַ קאַמף-אָפּטיילונג פון „דרור". אין די געטאָ-קאַמפן פון אַפּריל-מאַי 1943 האָט ער געקעמפט אין זכריה אַרטשטיינס (לפ"ג) אָפּטיילונג. ער איז פאַרבליבן אין געטאָ-שטח אויך נאָכן 8-טן מאַי 1943. 25 יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער איז געפאַלן אין די לעצטע קאַמפן אינם שוין חרובן געטאָ. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ-קאַמף.

צימערמאַן יהודה: געבוירן אין באָכניע, ביי קראָקע, אין יאָר 1880. דער פאָטער איז געווען אַ פעלד-אַרענדאַר. ער האָט געלערנט אין דער אָרטיקער גימנאַזיע און פאַרענדיקט שטודירן אַלס אַדוואָקאַט אין קראָקע. זיין שווער איז געווען ד"ר אברהם זאַלץ פון טאַרנע, איינער פון די ערשטע גאַליצישע ציוניסטן, אַ דעלעגאַט אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897 און אַ מיטגרינדער פון דער קאָלאָניע מחניים אין גליל.

בילד פון 1934

נאָך יונגערהייט איז י. צימערמאַן אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווען זי איז נאָך געווען קליין און האָט געהאַט ווייניק אָנהענגער, און ער איז איר טריי געבליבן זיין גאַנץ לעבן. אין די גימנאַזיע-יאָרן האָט ער אָנטיילגענומען אין אָרגאַניזירן יוגנט-קרייזן צו לערנען אידישע געשיכטע, פּראָבלעמען פון ציוניזם און העברעאיש. ער איז געווען אַקטיוו אינם פאַרבאַנד פון ציוניסטישע אַקאַדעמיקער, און גאָר גיך איז ער געוואָרן שטאַרק אָנגעזען אין דער באַוואוסטער סטודענטן-אָרגאַניזאַציע „השחר". ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מערב-גאַליציע פון איר ערשטן טאָג אָן. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין קראָקעווער שטאָטראַט און קהילה-פּרנס פון דער ציוניסטישער ליסטע. אַ מיטגרינדער פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און

ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין קראקע און אויך פון דער קראקעווער ציוניסטישער טאג־צייטונג אין פויליש „נאווי דזשענניק". א מיטגליד פון קרן־היסוד־דירעקטאריום. זייענדיק פריוואט באשעפטיקט אלס אדוואקאט, ספעציאליסט אין ציוויל־רעכט, איז ער גלייכצייטיק געווען א זייער אקטיווער געזעלשאפטלעכער טוער.

ער איז איינגעשפארט געווארן אין דעם אכזריותדיקן קאנצענטראציע־לאגער אין פלאשאוו ביי קראקע (זע זייט 236, באמערקונגען 3 און 5) און דעם 14־טן מאי 1944 איז ער דערמארדעט געווארן (זיין זון יעקב האט געענדיקט די לימודים אין חיפה'ער טעכניקום, בשעת דער מלחמה האט ער געדינט אין די „ראיאל־אינזשיניערס").

* **צעבולאזש טאסיא:** א מיטגלידערין אין א קאמף־אפטיילונג פון די לינקע פאריינען (די אידישע קאמוניסטן). זי איז געווען זייער אקטיוו, באזונדערס ביים פארשפרייטן אונטערערדישע ליטעראטור. זי האט אנטייל־גענומען אין אלע טעטיקייטן פון איר באוועגונג. 20 יאר איז זי אלט געווען פאלנדיק אין קאמף. מער פרטים האבן מיר נישט באוויזן וועגן איר צובאקומען. איר נאמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאלענע אין ווארשעווער געטא־קאמף. (ב. מארק אין זיין בוך „חורבות דערציילן" שרייבט, אז זי איז געפאלן בעת די קאמפן אין אפריל־מאי 1943 אין טעבענס־שולץ־געביט).

צענטנערשווער מ.: א אידישער געלערנטער, א פראפעסאר פון כימיע אין ווארשעווער אוניווערזיטעט. פאר דער מלחמה איז ער נישט געווען טעטיק אינם אידישן געזעלשאפטלעכן און פאליטישן לעבן, א חוץ וואס ער איז געווען איינער פון די טוער לטובת דעם מושב־זקנים אויף גרזיבאווסקע־גאס. זייענ־דיק אין געטא האט ער זיך זייער דערנענטערט צום אידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז דערמארדעט געווארן דורך די נאציס אין ארישן טייל ווארשע, אין פרילינג 1944, צוליב א מסירה פון פוילישע אויסוואורפן, ווי עס ווערט דערציילט אינם באריכט פון אידישן נאציאנאלן קאמיטעט אין פוילן פונם 24־טן מאי 1944.

* **קאווע הערשל (העניעק):** א קאמענדאנט פון א קאמף־אפטיילונג פון די לינקע פאריינען (אידישע קאמוניסטן). געבוירן אין ווארשע. זיין פאטער האט געהאט א פריזיר־אנשטאלט אויף נאוואליפיע־גאס, וואס האט אים אריינגעבראכט קנאפלעך פרנסה. הערשל האט געלערנט אין א פאלקסשול און שפעטער אין א האנדלס־שול, דערנאך האט ער געארבעט אלס האנדלס־אנגעשטעלטער אין א געשעפט פון רפואה־ארטיקלען. א קורצע צייט איז ער געווען א חבר פון די לינקע פועלי־ציון, דערנאך איז ער אריינגעטרעטן אין דער קאמוניסטישער באוועגונג און האט זיך אנגעשלאסן אינם האנדלס־אנגעשטעלטע־פאריין אויף זאמענהאף־גאס 5.

ער איז געווען אַ טאַלענטירטער רעדנער און איז אָפט אַרויסגעטרעטן אויף פאַרזאַמ־לונגען, דערהויפּט וועגן די פּאַך־אינטערעסן פון באַאַמטע און האַנדלס־אַנגעשטעלטע. אין זיין פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט האָט ער אַרויסגעוויזן ספּעציעלע פעאיקייטן. אין דער אָקופּאַציע־צייט איז ער געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון זיין באַוועגונג און אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַקטיוו ביים איינמאָנען די באַשטייערונגען, וועלכע מען האָט אַרויפגעלייגט אויף געטאָ־ספּעקו־לאַנטן און זיי האָבן נישט געוואָלט באַצאָלן. סוף פעברואַר 1943 איז ער אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט ביי אים געפונען געווער. דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן זיין העלדנמוט: פאַרוואונדעטערהייט און מיט אין־קייטן־געשלאָסענע הענט איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. אין די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל מאַי 1943, האָט ער געקעמפט בראש פון זיין אָפּטיילונג אין טעבענס־שולץ־געביט אויף לעשנע 74. ווען ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, האָבן די חברים אים אַריבערגעפירט אין אַ בונקער אויף נאַוואָליפּיע גאַס; דאָרטן האָט ער אָפּגעגעבן דעם זייגער און דאָס געווער זיין חבר אהרן אַ ל ט ע ר — אַנטאָש, און די לעצטע ווערטער זיינע זיינען געווען אַ רוף נקמה־צו־נעמען אין די דייטשע מערדער (אויך אַלטער איז שפּעטער אומגעקומען, אין וואַלד). 30 יאָר איז הערשל אַלט געווען בעת זיין טויט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (לויט דער באַשרייבונג פון בערנאַרד באַרג, אין „דאָס נייע לעבן" לאָדזש, פון 23 אַפּריל 1946, איז קאַווע געפאַלן דעם ערשטן מאַי 1943).

קאַוועגאַקי (קב-ונקי) גוטע: געבוירן אין לאָדזש, אין אַ מיוחסדיקער משפּחה, וועלכע האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק. איר פאָטער איז געווען אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט, די מוטער אַ פאַרמאַצעווטין, און דער ברודער — אַ באַוואוסטער דיריגענט אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ באַקאַנטע ציוניסטישע משפּחה און גוטע איז אינדערהיים דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט. פון איר פריער יוגנט איז זי געווען אַ מיטגלידערין אין „גורדוניה". נאָכן פאַרענדיקן די שול־לימודים האָט זי געאַרבעט ביי אַ צאָן־טעכניקער אין לאָדזש. אין 1940 איז זי געקומען קיין וואַרשע. זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע צאַרטע און גוטהאַרציקע חברטע און האָט טריי מיטגעאַרבעט אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויפן געפערלעכסטן טעטיקייט־געביט — אין דער שפּיאָניר־אָפּטיילונג. זי האָט געהערט צו דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „גורדוניה", וועלכע האָט זיך תחילת געפונען אין בערשטער־געביט. גוטע קאַוועגאַקי איז געווען אַ קאַסירערין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און איר זיינען אָנפאַרטרויט געוואָרן די קאָנפּיסקירטע געלטער און ווערט־זאַכן. זי איז געווען צווישן די קעמפער, וואָס זיי איז געלונגען אַריבערצוקומען נאָכן אויפשטאַנד אויף דער אַרישער זייט. זי איז געשיקט געוואָרן מיט דער פאַרטיזאַנער־גרופּע אין די־

ווישקאָווער וועלדער און אַ געוויסע צייט האָט זי זיך אויף געפונען אין דער געגנט פון טשערוואָני בור ביים טייך נאַרעוו. צוליב איר קראַנקהייט איז זי געווען געצוואונגען אומצוקערן זיך קיין וואַרשע. זי איז געקומען קיין וואַרשע אין דער באַגלייטונג פון יעקב פייגנבלאַט און צוזאַמען מיט אים און מיט זיגמונט איגלאַ (ביידע לפ"ג) האָט זי זיך געפונען אין באַהעלטעניש ביים הויזוועכטער יאַבלאָנסקי אין אַ דורכגאַנג־הויף — גזשיבאָוו־פּלאַץ 6 און פּרוזשנע 14. צוליב אַ מסירה, ווייזט אויס, האָט געסטאַפּאָ אַנטדעקט די באַהעלטעניש און געקומען אַהין. די קעמפער האָבן זיך מוטיק פאַרטיידיקט מיט געווער אין האַנט און זיינען געפאַלן אין קאַמף (פּרטים זע אין די אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן זיגמונט איגלאַ און יעקב פייגנבלאַט), — גוטע קאָוועגאַקי איז דאַמאַלסט אַלט געווען 24 יאָר. אינם בריוו פון „החלוץ" אין פּוילן — פון 24־טן מאַי 1944 — צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל ווערט דערמאָנט איר נאָמען צווישן די אַקטיווע טוער אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג (וועגן איר טויט זע אויף זייט 219, באַמ. 1.; איר מוטער איז דערמאָרדעט געוואָרן בעתן גירוש וואַרשע).

*** קאַזיעבראָדזקאַ לאה (לאַנקאַ):** געבוירן אין פּרושקאָוו, ביי וואַרשע, איר ערשטע בילדונג האָט זי באַקומען אין שטוב און דערנאָך האָט זי פאַרגעזעצט אירע לימודים אין דער קריסטלעכער סביבה פון דער אָרטיקער פּוילישער פאָלקס־שול און גימנאַזיע (אין שטעטל איז נישט געווען קיין אידישע גימנאַזיע) אָבער דאָס לעצטע יאָר האָט זי געלערנט אין דער גימנאַזיע „יהודיה" אין וואַרשע. אין איר היים האָט געהערשט אַ אידיש־נאַציאָנאַלע אַטמאָספער. איר פאָטער, אברהם קאַזיעבראָדזקי, אַ העברעאישער לערער — דער גייסטיקער פאָטער און דערציער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער יוגנט אין שטעטל, אַ געבילדעטער און קולטורעלער מענטש, אַ סימפּאַטיקער פון דער „פרייהייט"־באַוועגונג, — האָט איר מיטגעהאָלפן אין איר דערציערישער און קולטורעלער טעטיקייט.

בילד פון 1937

אַ יוגנט האָט לאה דורכגעמאַכט אַ שווערע. דער פאָטער האָט זייער שווער צונויפגעשטעלט די פּרנסה פאַרן הויזגעזינד. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים האָט זי געלערנט אין אוניווערזיטעט, אין פראַנצויזישן אינסטיטוט. איר וואונטש איז געווען צו פאַרפולקאָמען זיך אין פילאָלאָגיע. זי האָט גוט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן — העברעאיש, פראַנצויזיש, ענגליש. אין די גאָר יונגע יאָרן איז זי געווען אַ מיטגלידערין פון „טור" (די פּוילישע סאָציאַליסטישע יוגנט־באַוועגונג). די עלטערן האָבן איר

געלאָזט גיין איר וועג לויט איר ווילן און אירע נייגונגען, און זי איז דערגאַנגען אין יאָר 1939 צו דער „פרייהייט״־באַוועגונג, אין אַ גרויסער מאָס אונטער דער השפּעה פון איר עלטערן ברודער דוד. נאָך פריער האָט זי געוואָלט מיטגיין מיט אים ווען ער איז אַוועק אין אַ הכשרה־קיבוץ. מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ דערפאָלגרייכע דערציערין אין דער באַוועגונג און חברים פלעגן גערן קומען צו אירע לעקציעס. איז די זומער־קאָלאָניעס האָט זי זיך אויסגעצייכנט אַלס אָנפירערין און לייטערין פון קרייזן. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און אַ סך לעבהאַפטיקייט אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן און דערשיינונגען. אַ הויך־געוויקסיקע, בלאָנדע שיינע מיידל, אַ פיינע האַרמאָניע פון לעבנספרייד מיט ערנסטקייט. צו איר פולן אויסדרוק איז זי געקומען אין די צייטן פון דער קאַטאַסטראָפע.

באַלד נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט זי זיך געשטעלט צום דינסט פון דער באַוועגונג און זי איז געווען טעטיק אויפן סאַמע שווערסטן, געפערלעכסטן און פאַראַנטוואָרטלעכסטן פראָנט — אַלס פאַרבינדלערין. איר טעטיקייט האָט זי געפירט מאַסקירט אַלס אַריערין מיטן נאָמען קריסטינא קאָסאָווסקאַ. איר הויכע און שלאַנקע פיגור און איר עכט־אַרישער אויסזען האָבן זי געמאַכט באַזונדערס צוגעפּאַסט צו איר אויפגאַבע. צוליב אָט דעם אויסזען אירן האָט מען אָפט אויך צווישן חברים געשראָקן זיך פאַר איר, מורא האָבנדיק, אַז זי איז אַ געסטאַפּאָ־אַגענטין (אין 1939, ווען זי האָט געפּרוווט אַדורכרייסן זיך קיין ווילנע, איז זי אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ וואַך־פּאָסטן פון דער רויטער אַרמיי. מען האָט איר נישט געגלויבט, אַז זי איז אַ אידישע, כאָטש זי האָט גערעדט און גלייענט אידיש, און מען האָט זי חושד געווען, אַז זי איז אַ דייטשע שפּיאָנקע. זי איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן, און נאָר על פּי נס און אויסערגעוויינלעכע באַמיאונגען איז זי אין לעצטן מאָמענט באַפרייט געוואָרן). זי האָט נישט געוואוסט פון שרעק און פלעגט נעמען אויף זיך אַלע געפערלעכסטע אַרבעטן. אירע חברים האָבן דאָן געוואוסט, אַז זייער זאַך געפינט זיך אין זיכערע הענט. זי פלעגט אָפט אַריבערפאָרן די גרעניץ און תמיד האָט זי זיך געפונען אונטערוועגס, הגם איר פערזענלעכער וואונטש איז גרויס געווען צו זיין אין וואַרשע, און אַכטונג געבן, אַלס איינציקע טאָכטער, אויף אירע עלטערן. צוליב דעם האָט זי זיך געאיילט צוריקצוגיין פון ווילנע קיין וואַרשע, וואוהין זי איז געקומען אין אָנהויב פון דער מלחמה. זי האָט אָרגאַניזירט מיט גרויס דערפאָלג פאַרשידענע אונטערערדישע אַרבעטן. זי האָט איינגעאָרדנט אָפּטיילונגען פאַר סעזאָן־אַרבעטן אין לובלינער געגנט, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט גוט־באַזיצערס און געחתמעט די אָפּמאַכן. מיט איר הילף האָט די צענטראַלע אין וואַרשע געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין אַלע אָפּטיילונגען און אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָווינץ. ביים אַריבערפירן מאַטעריאַלן פון אָרט צו אָרט האָט זי אַרויסגעוויזן ממש־לעגענדאַרישן מוט און איבערגעגעבנקייט. נישט איין מאָל פלעגט אַ געסטאַפּאָ־מאַן איר נאָכטראָגן דעם רענצל מיט אומלעגאַלע מאַטעריאַלן. אין קיין

שום מאָמענט האָט זי נישט פאַרלוירן איר קאַלטבלוטיקייט און זעלבסט־זיכערקייט. אויך אין דער תקופה פון גנבענען די גרעניצן אין יאָר 1941 האָט זי דערפילט אַ וויכ־טיקע אויפגאַבע; זי האָט צוגעגרייט דאָקומענטן, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט שמוגלערס, באַשטימט די איבערגאַנג־ערטער א.אַ.וו. זי האָט געפירט צו די גרעניצן די נויטיקע געלט־סומעס און האָט ממש טאָג און נאַכט געאַרבעט ביים ראַטעווען חברים. נאָך אין סוף 1941 האָט זי באַזוכט ווילנע און געבראַכט אַהין אַ לעבעדיקן גרוס פון וואַרשעווער אונטערערד. זי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן ביים אַריבערפירן חברים פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק און אין איינער פון אירע נסיעות האָט זי אפילו געוואַגט צו נעמען מיט זיך אַ קינד פון עטלעכע חדשים. אויך גראָדנע און ביאַליסטאָק האָט זי באַזוכט אין שליחות פון דער באַוועגונג. איר הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן פאַר דער פינאַנצירונג פון די טעטיקייטן. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צו־גרייטונגען צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָט זי באַקומען די אויפגאַבע אויסצו־געפינען געווער. זי פלעגט אַריינדרינגען צווישן פּאָליאַקן און דייטשן און האָט אַנטדעקט אַ סך מעגלעכקייטן צו דערווערבן געווער. אין איינער פון דידאָזיקע שליחותן, ווען זי איז אין אַפּריל 1942 געפאָרן פונם החלוץ־סעמינאַר אין ביאַליסטאָק קיין וואַרשע, האָט מען זי געכאַפּט אויף דער באַן־סטאַציע מאַלקיניאַ. אירע דאָקומענטן זיינען אויסגע־קומען פאַרדעכטיק, האָט מען געמאַכט אַ דורכזוכונג פון אירע זאַכן און מען האָט געפונען 4 רעוואָלווערן און די צייטונג פון ווילנער געטאָ. מען האָט זי תחילת אַריבער־געפירט אין דער וואַרשעווער געסטאַפּאָ, אין די שוך־אַלייען, און דערנאָך אין דער „פּאַוויאַק״־טורמע. די געסטאַפּאָ האָט געטון אַלץ כדי אויפצודעקן איר אמתן נאָמען און מיט וועמען זי שטייט אין פאַרבינדונגען, — אָבער עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן.

בילד פון דער מלחמה־צייט

נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין פאַרלוירן אַלע האָפנונגען און מיינענדיק, אַז זי איז אַ פּוילישע, האָבן זיי דעם 11־טן נאָוועמבער 1942 זי אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט נאָך 56 פּאָליטישע־פאַרדעכטיקע פּאָליאַקן, אין אָשוויענטשימער טויט־לאַגער. דאָרטן איז זי אַ קורצע צייט שפּעטער קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס. זעקס וואָכן האָט זי געקרענקט. צוליבן מאַנגל אין געהעריקער באַהאַנדלונג איז זי געשטאָרבן, — העלדיש אומגעקומען פאַר איר פאָלק און פאַר דער באַוועגונג — דעם 18־טן מערץ 1943.

אירע לעצטע ווערטער צו אירע חברטעס אין לאַגער זיינען געווען: „איך וועל שוין ווייטער נישט פאַרזעצן, אָבער איר זייט העלדיש און מוטיק, קוקט אַלעמען גלייך אין די אויגן. פאַלט נישט דורך, וועט איר זוכה זיין איבערצולעבן די

ליקווידירונג פון אַט דעם לאַגער. שלום". די חברטעס (מאַסקירטע ווי פוילישע פרויען) האָבן געבעטן אַ דערלויבניש אַוועקצוטראָגן איר קערפּער אין קרעמאַטאָריום אויף אַ באַזונדער טראַגבעטל. אַזוי האָט מען זי געטראָגן באַגלייט אויך פון עטלעכע פוילישע פרויען, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון דער „פּאַוויאַק"־טורמע קיין אַשוויענטשים. איר קערפּער איז געווען באַדעקט מיט בלומען, וויפל מען האָט נאָר געקענט געפינען. 26 יאָר איז זי דאַן אַלט געווען. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

(איר ברודער ד ו ד, אַן אַקטיווער חבר פון החלוץ אין פוילן, איז בעת דער מלחמה אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, האָט זיך דאָרטן מאָביליזירט אין דער אַרמיי און 1946 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל; די עלטערן זיינען אומגעקומען בשעתן גרויסן גירוש אין וואַרשע).

* **קאַזשוך העלע**: זע — פאַרבמאַן העלע.

קאַזשוך ישראל: געבוירן אין דאָרף איגאָלאָמיע (קיעלציער קרייז), אין 1919, ביי אַ פאָטער אַ גוטבאַזיצער. פון קינדווייז־אָן האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט אַ טיפע ליבע צו נאַטור און צו פרייהייט. ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר איז זיין פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין סאָסנאָוויעץ. דאָרטן האָט זיך דאָס קינד דערנעענטערט צום אַלטן רב און צו דער פרייד פון זיינע עלטערן, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ נטיה צו רעליגיעזיטעט. ער איז געווען איינער פון די געציילטע תלמידים אין דער אָרטיקער פּוילישער מלוכה־גימנאַזיע. אַמאָל איז ער אַהיימגעקומען אַן אויפגערעגטער און האָט דערציילט, אַז זיינע שול־חברים זיינען אים באַפאַלן און געוואָלט אים שלאָגן. דער פאָטער האָט געפּרווט אים באַרואיקן און אָנגעהויבן אויסדערציילן וועגן דעם וואַנדערוועג און דער מאַרטיראָלאָגיע פון אידישן פאָלק. דאָס אינגל האָט אים אויסגעהערט, דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן: „אָבער איך וועל זיך נישט אונטערגעבן, זאָלן זיי נישט מיינען, אַז איך בין שוואַכער פון זיי; איך וועל זיי נאָך דערווייזן מיין כוח". אַזוי האָט ער זיך טאַקי אַנטוויקלט אין גייסט און אין כאַראַקטער. ער פלעגט ענטפערן מיט קלעפּ אויף קלעפּ און אויך אין די לימודים האָט ער זיך באַמיט איבערצושטייגן זיינע קריסטלעכע חברים. ער האָט שטענדיק אָפן דערקלערט, אַז ער איז אַ איד, אין קעגנזאַץ צו זיינע אידישע קלאַס־חברים, וועלכע האָבן בעסער געזאָגט, אַז זיי זיינען פּאָליאַקן פון משה'ס גלויבן; מיט דער


בילד פון 1938

שטעלונג האָט ער דערוואָרבן אַכטונג מצד די לערער און די חברים. אין דער צייט פון זיין בר־מצוה (פון די באַקומענע מתנות האָט ער דעם תנ״ך און הערצל׳ס „מדינת היהודים״ אָפּגעהיט ביזן לעצטן טאָג) איז ער אַריינגעטרעטן אין „הנוער הציוני״, כאָטש די עלטערן זיינען געווען געגן דעם. ער האָט זיך איבערגעגעבן מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען דער אַרבעט אין דער באַוועגונג, אין וועלכער ער זעלבסט האָט אָנגעהויבן אינער־לעך שטייגן. ער האָט אַ סך געלערנט און געליינט, ער האָט געחלומט וועגן אַ ניי לעבן פון אויפטו און שאַפונג. מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער אָנפירער און הויפּט־טוער פון קן. ער פלעגט יעדן אָוונט קומען דער ערשטער און אוועקגיין דער לעצטער.
ער האָט אָנגעפירט דערציאונגס־קבוצות און גדודים, איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן און משפטים, ער האָט געגרינדעט אַ ביבליאָטעק און איז אויך אַרויסגעפאָרן אויף באַזוכן. אין יענער תקופה איז אַריינגעטרעטן אין „הנוער הציוני״ זיין שפּעטערדיקע לעבנס־חברטע פ ר ע ד ק ע (זי איז געווען צוזאַמען מיט אים ביזן לעצטן מאָמענט; שטאַרק אַקטיוו אין דער באַוועגונג און נאָכמער אין דער אונטערערד־צייט; סוף 1943 האָט זי באַוויזן צו קומען קיין אונגאַרן און אָנהויב 1944 קיין ארץ־ישראל). ישראל איז געווען איר קבוצה־אָנפירער. ער פלעגט שוין דאַמאָלסט לערנען די יוגנט ווי צו באַנוצן זיך מיט געווער און זיין אַרגומענט איז געווען ווער ווייסט, אפשר וועט דאָס אונז צונוצ־קומען. נאָך די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן אין בריסק און אין אַנדערע ערטער, ווען אידן האָבן פּראָקלאַמירט אַ פּראָטעסט־שטרייק, איז ער נישט געגאַנגען אין שול נאָר ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָטעסט־באַוועגונג. פאַר דעם „פאַרברעכן״ איז ער דערוויטערט געוואָרן פון דער שול און ערשט נאָך שטאַרקע באַמיאונגען האָט מען אים צוריק אַריינגענומען. ער האָט זייער געוואָלט אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל אָבער זיין באַוועגונג האָט אים פאַרפליכטעט איבערצו־בלייבן אויפן אָרט נאָך אַ יאָר און זיך אינגאַנצן אָפּגעבן איר טעטיקייט.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט ער זיך געגנגעשטעלט אַלעמען, ווער ער האָט געמאַכט פּלענער צו אַנטלויפן. נישט געוואָלט פאַרלאָזן די דורך אים דערצויגענע יונגע חברים אין אַ מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך צומשטאַרקסטן גענויטיקט אין אים. ער האָט דערפירט צו אַ קאָאָרדינירונג פון די פאַרשידענע באַוועגונגען און האָט זיי אַדורכגעדרונגען מיטן גייסט פון רעוואָלט און ווידערשטאַנד. ער האָט געמאַכט באַמיאונגען צו שאַפן אַ נעץ פון פאַך־שולן (און די קהילה האָט דערויף באַקומען אַ דערלויבניש). אין אַ בריוו צום זשענעווער פאַרבינדונגס־ביוראָ, פון 4־טן אָקטאָבער 1941, גיט ער אַ גענויען איבערבליק איבער דער דאָזיקער טעטיקייט: אין יענער תקופה האָבן געלערנט פאַכן 900 תלמידים, און איבער 300 האָבן פאַרענדיקט זייער אויס־בילדונג. ער האָט געשטאַרקט צווישן דער יוגנט דעם נאַציאָנאַלן גייסט און האָט זיך זעלבסט באַשעפטיקט מיט לערנען יוגנטלעכע העברעאיש. אַ גרויסע נעץ שולן פון דעם מין האָט זיך אַדאַנק זיינע באַמיאונגען פונאַנדערגעוואַקסן אין גאַנצן קרייז.

זיי האָבן אויך געדינט אַלס גוטער דעקמאַנטל פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער יוגנט. ער פלעגט מאַכן באַזוכן אין די שולן, אויסאַרבעטן פּלענער פאַר זייער טעטיקייט, געהויבן צווישן די חברים דעם געדאַנק פון ווידערשטאַנד און געזוכט מעגלעכקייטן אים אַדורכצופירן און אויך צו אַנטלויפן — אינם ערגסטן מאָמענט. אויף אַ געזעגנונגס־אָוונט פאַר אַ חברטע, וועלכע איז צוריקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל (אַ חברטע פון קבוצת גבע, מיט אַן ארץ־ישראלדיקן פאַס; די דייטשן האָבן זי פאַרהאַלטן ביז אָנהויב 1942), האָט ער געזאָגט: „זאָלסט זיי דאָרטן זאָגן, אַז זיי זאָלן נישט וויינען נאָך אונז; זאָלסט זיי זאָגן, אַז דער טעמפּאָ פון לעבן דאַרף זיין אַזוי שנעל ווי עס איז שנעל דער טעמפּאָ פון פאַרניכטונג".

אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט ווי אַ פאָרשטייער פון דער יוגנט אַלס באַאַמטער אין דער קהילה. ער האָט אָבער פאַרלאָזט די אַרבעט באַלד ווי די קהילה האָט אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיט די דייטשן ביי די אַרויסשיקונגס־אַקציעס. כאָטש ער האָט געוואוסט ווי קנאַפּ עס זיינען די ווידערשטאַנד־מיטלען און ווי ווייניק עס זיינען די מענטשן, וועלכע קענען זיך באַטייליקן אין ווידערשטאַנד, האָט ער זיך נישט געוואָלט אונטער־געבן. ער האָט מיטגעריסן מיט זיך די יוגנט, וועלכע האָט געהאַט צו אים אומ־באַגרעניצטן צוטרוי. ער האָט אויפגעפאָדערט צו אַקטיוויטעט אין צוויי ריכטונגען: ראַטעווען וועמען עס לאָזט זיך און פאַרטיידיקן זיך ביזן לעצטן מאָמענט. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַפּיטל פון אויסגעפינען געווער און רעטונגס־וועגן פאַר די יונגע חברים, די דורך־אים דערצויגענע אין דער באַוועגונג. אין אַ געוויסער מאָס האָט די דאָזיקע אַרבעט זיינע געהאַט דערפאָלג. ער האָט איינגעהיט די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. אין זיינע לעצטע בריוו, פון 6־טן און פון 24־טן אַפּריל 1943, שרייבט ער צום זשענעווער פאַרבינדונגס־ביוראָ, אַז ער אַרבעט אין דער באַקאַנטער שניידעריי־פאַבריק אין בענדין אָבער ער וואוינט ווייטער ביי זיינע עלטערן אין סאָסנאָוויעץ. אינם טאָג פון דער לעצטער אַרויסשיקונג פון בענדין האָט ער זיך געפונען צוזאַמען מיט די חברים פון דער באַוועגונג אין אַ בונקער מחוץ פון געטאָ. עס איז דאַן אַרויס־געזאָגט געוואָרן אַ מיינונג, אַז מען דאַרף תיכף אָנהויבן דעם קאַמף ווייל סיי־ווי־סיי זיינען נישט פאַרבליבן קיין רעטונגס־אויסזיכטן. ער איז אָבער געווען געגן דעם, ווייל ער האָט געהאַפּט אַרויסצוראַטעווען די מענטשן. זיין פּלאַן איז געווען: צו באַפאַלן דעם געסטאַפּאָ־שטאַב, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון בענדינער אידישער קהילה, צו דערהרגענען די געסטאַפּאָ־לייט און אָנגעטוענע אין זייער אוני־פאָרם אַרויסצולאָזן זיך צום גרעניץ אַלס באַגלייטער פון אַרעסטירטע אידן און אַזוי אַרויסצוראַטעווען די אין בונקער־פאַרבליבענע גרופּע. דאָס איז געווען אַ גוט־אויסגע־רעכנטער פּלאַן, און די חברים האָבן אים אָנגענומען. ער איז געשיקט געוואָרן צו זען צי לאָזט זיך דער פּלאַן אַדורכפירן אין אַלע זיינע איינצלהייטן, — אָבער ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. נאָך אַ סך שעה׳ן איז זיין חברטע פרעדקע אַרויס 4 פאַרטאָג

אים זוכן און זי האָט געפונען זיין נאָך־וואַרעמען קערפער. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין שלייף און אַ דינער בלוט־שטראָם איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אויפן פנים. דאָס איז געווען אין דער נאַכט פון 2־טן אויפן 3־טן אויגוסט 1943. ער איז דער־מאָרדעט געוואָרן דורכן שעף פון דער אַרויסשיקונגס־אַקציע פייקערט. זיין קערפער איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אַשוויענטשים. די אין געטאָ־פאַרבליבענע אידן האָבן געזאָגט נאָך אים קדיש.

*** קאַמיען סאַלקא:** אַ מיטגלידערין אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). בעת די געטאָ־קאַמפן האָט זי געקעמפט אין פּ אַ וו ע ל ס (לפ״ג) אָפּטיילונג. 20 יאָר איז זי אַלט געווען ווען זי איז אומגעקומען, דעם 8־טן מאַי 1943, אינם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. קיין גענויערע פּרטים וועגן איר האָבן מיר נישט באַוויזן צו באַקומען. איר נאָמען געפינט זיך אַן דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

קאַנאַל ישראל: געבוירן אין בידגאָשטש, — אין דער מערב־געגנט פון פוילן, וועלכע איז געווען אונטער דייטשער הערשאַפט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, — ביי רייכע פרומע עלטערן, קען זיין, אַז קרובים פון הרב י. מ. קאַנאַל, איינעם פון די אָנגעזעענסטע וואַרשעווער רבנים. דער פאָטער, אַ מאַנופאַקטור־סוחר, איז געווען אַ ציוניסט און האָט דערצויגן די קינדער אין נאַציאָ־נאַלן גייסט און זיי געלערנט ריידן העברעאיש פון קליינוויז־אָן. ישראל האָט פאַר־ענדיקט די לימודים אין אַן אָרטיקער גימנאַזיע. ער איז געווען אַקטיוו אין דער „עקיבא״־באַוועגונג און האָט זיך נאָך באַטייליקט אין דער לעצטער זומער־קאָלאָניע, אין זאַקאָפּאַנער געגנט, האַרט פאַר דער מלחמה. נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אָנגעקומען, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, קיין וואַרשע און באַלד נאָך דעם איז אים אָפּגעשטאָרבן די מוטער (אין אָנהויב 1942 איז געשטאָרבן דער פאָטער פון טיפוס, ישראל איז אויך קראַנק געוואָרן אויף דערזעלבער קרענק, אָבער ער איז געזונט געוואָרן). צו דער „עקיבא״־באַוועגונג האָט אויך געהערט זיין ברודער ס אַ ל אָ און אין וואַרשע זיינען זיי ביידע געווען אינם שטאָטישן „עקיבא״־קיבוץ, אויף נאַלעווקי 10. וועלכער האָט געציילט 25 חברים. ישראל איז געווען אַן אינטעליגענטער, ענערגישער אינגל פול מיט איניציאַטיוו. אין זיין באַוועגונג — און אויך אויסער איר — איז ער געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן אויפגעפאָדערט צו אַן אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. לויט דער פאָדערונג פון דער באַוועגונג, האָט ער געדינט אין דער אידישער געטאָ־פאָליציי, אָבער ער האָט זי פאַרלאָזט ערב דעם גרויסן גירוש. דעם 20־טן אויגוסט 1942, ווען עס האָט געבושעוועט די אַקציע פון דעם גרויסן פאַרניכטונגס־גירוש, האָט די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויפן קאָמענדאַנט פון

דער געטאָ־פּאָליציי, י ו ז ע ף ש ע ר י נ ס ק י, און ישראל קאַנאַל איז געווען דער, וועלכער האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און פאַרוואונדעט דעם פאַרעטער (וועגן שערינסקי און דעם אַטענטאַט זע זייט 83, באַמ. 4 אין זייט 141, באַמ. 25). נאָך פאַר דעם אָנהויב פון די קאַמפן האָט ער געלערנט די קעמפער געווער־באַנוצונג. בעת די איבונגען איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס אָבער ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „השומר הצעיר". ער איז געווען קאָמענדאַנט פון אַ גרופּע, וועלכע האָט העלדיש געקעמפט נאָך אין ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, אויף נאַוואָליפּיע גאַס. דערנאָך איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענ־דאַנט פונם „צענטראַלן געטאָ". צווישן די חברים איז ער אויך געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען: מיעטעק. אין די קאַמף־באַריכטן ווערט ער זייער אָפט דערמאָנט ווי איינער פון די העלדישסטע און מוטיקסטע קעמפער.

נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד איז ער, צוזאַמען מיט די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער, אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין די ווישקאָווער וועלדער. צוליב זיין קראַנקהייט האָט ער געמוזט אומקערן זיך קיין וואַרשע. זיין אויסגעשפּראָכן־אידישער אויסזען האָט אים נישט דערמעגלעכט קיין שום טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט, און אויך זיין אויסבאַהאַלטונג איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן. דעריבער האָט ער מסכים געווען מען זאָל אים מאַכן דאָקומענטן אַלס אויסלענדישער בירגער און אין אויגוסט 1943 איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער בערגען־בעלזען. שמחת־תורה תש"ד, דעם 21 אָקטאָבער 1943, האָט מען אים מיט נאָך 1800 אידן אַוועקגעשיקט כלומרשט קיין בערגאַו ביי דרעזדען (וועגן שיקזאַל פון דעם טראַנספּאָרט — אין דער אזכרה־פאַר־צייכניש וועגן נ ת ן ב ו ק ס ב ו י ם). 22 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז דערמאָרדעט געוואָרן (זיין ברודער, סאַלאָ, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קראָקעווער „החלוץ הלוחם" אין וואַלד מיט אַ קליינער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון 6 יונגע אידישע קעמפער. צוליב אַ מסירה האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט זייער באַהעלטעניש און אין דעם קאַמף זיינען פינף געפאַלן, צווישן זיי סאַלאָ).

קאַפּלאַנסקי: אין דער באַשרייבונג פון דעם וואַרשעווער מאַסן־גירוש אין יולי־סעפּטעמבער 1942, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן דעם 15טן נאָוועמבער 1942, ווערט דערמאָנט זיין נאָמען אַלס איינער פון די אָנטיילנעמער אין דער אידישער פּאָליציי, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט און קרבן־גרייטקייט ביים ראַטעווען צענדליקער אידן. אָט דער געוויינלעכער זעלנער פון דער אידישער געטאָ־פּאָליציי איז געווען איינער פון יענע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט מיטהעלפן די דייטשע תליינים און האָבן דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן. מיר האָבן נישט געקענט באַקומען קיין פּרטים וועגן אים.

* **קאַנסקי יהודה:** געבוירן אין שעדלעץ, אַן איינציקער זון ביי אַ טאַטן אַ שניידער, וועלכער איז געווען אַ פרומער און ארץ־ישראל־בענקענדיקער איד. יהודה איז געווען אַ שיינער, שוואַרצאויגיקער און האָר־געקרייזלטער אינגל, וועלכער האָט פון קינדוויי־אָן איינגעזאַפּט אין זיך, פון די עלטערנס דערציילונגען, די העלדישע אַטמאָספערע פונם גליל און פון דער תל־חי גבורה. ער האָט געלערנט אין אַ „תרבות"־שול און אַרויס־געוויזן באַזונדערע פעאיקייטן אין מאָלן און אין זינגען; ער פלעגט זיך אויסצייכענען ביים איינאָרדנען אָוונטן. ער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע חברים אינם שעדלעצער קן פון „גורדוניה": האָט אָרגאַניזירט און אַנגעפירט אַ דראַמאַטישן קרייז, — אין שול־פאָרשטעלונגען, און שפּעטער אויך אין דער באַוועגונג, פלעגט ער תמיד באַקומען צו שפּילן די הויפּט־ראָלן; האָט איינגעאָרדנט קינסטלערישע אונטערנעמונגען און אָוונטן; פלעגט ווערבירן נייע חברים. זיינע באַציאונגען מיטן קן אין שעדלעץ האָט ער נישט איבערגעריסן אויך ווען זיינע עלטערן זיינען אין 1939, האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך, אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אויך אין וואַרשע איז ער באַלד געוואָרן דער הויפּט־מענטש אויף אַלע פייערונגען און קינסט־לערישע אונטערנעמונגען פונם קן. ער האָט זייער געוואָלט אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיין דערציערין אין דער באַוועגונג, ה ע נ י ע ג אָ ל ד ב ע ר ג (איצטער אין קרית ענבים) און ווען זי איז אָפּגעפאָרן האָט ער זי געבעטן צו שרייבן אים בריוו ביז עס וועט אָנקומען דער געהאָפטער טאָג פון זיין עליה.

בילד פון 1938

ווען ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט פון קאַמף־אויפגאַבן אין דער נאַצי־תקופה האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער קאַמף־טעטיקייט. אַ פלינקער, טיכטיקער בחור מיט אַסך איניציאַטיוו און איינפאַלן, אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אין דערפילן אויפגאַבן. אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „גורדוניה" און אַ שטיקל צייט איר קאָמענדאַנט. אַ חודש צייט פאַרן אויפשטאַנד פון 19־טן אַפּריל 1943 האָט מען אים געכאַפּט — צוזאַמען מיט זיין חבר ש מ ע ו ן ל ע ו ו ע נ ט אַ ל (לפ"ג) בשעת אַ משא־ומתן וועגן קויפן געווער. ווי עס ווייזט אויס, האָט דאַן די געסטאַפּאָ אויסגעשפּרייט אַ נעץ און דער פאַרמיטלער ביים געווער־געשעפט איז געווען אירער אַ מענטש. דער אַרעסט איז פאָרגעקומען אין דער שולץ־פאַבריק אין דער נאָוואָליפּיע־גאַס, אינם געטאָ־געביט; דאָרטן איז געווען דער טרעף־פונקט מיטן פאַרמיטלער. בעת דער געסטאַפּאָ־אויספאָרשונג איז יהודה געפּייניקט געוואָרן מיט אויסטערלישער אַכזריות דורכן באַקאַנטן דייטשן סאַדיסט בראַנד

(ווענן אים זע אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש פאַר שמעון לעווענטאַל און אויך זייט 251, באַמערקונג 14), אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן אים צו ברעכן און ער האָט גאָרנישט אויסגעזאָגט. אין יענע פייניקונגען איז ער אומגעקומען, — 20 יאָר איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען. ווען זיין קערפּער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז ער געווען אינגאַנצן שוואַרץ און די פינגער פון די הענט זיינען געווען איין פלאַטשיקע מאַסע פון בלוטיק פלייש. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך זיין לעבנס־חברטע לאה קאָרן, — זע ווייטער, — זיינע עלטערן און שוועסטער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין געטאָ).

* **קאַפּלאַן יוסף:** געבוירן אין קאַליש, אין נאָוועמבער 1913, ביי פרומע עלטערן, וועלכע האָבן אים דערצויגן אין זייער גייסט. ער האָט געלערנט אין חדר און אין ישיבה און ערשט עלטערוועררנדיק איז ער אַריין אין דער אָרטיקער העברעאיש־פּוילישער גימנאַזיע, אָבער צוליבן מאַטעריעל־שווערן מצב פון דער משפּחה האָט ער געמוזט איבעררייסן די לימודים. צו 13 יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון „השומר־הצעיר”, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער אָנפירער פונם קן און אַ מיטגליד אין דער ראַיאָן־אָנפירונג. אין 1933 איז ער געפאָרן אויף הכשרה און אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין דער באַוועגונג: פריער אין

בילד פון 1939

דער אָנפירונג פונם לאָדזש־קאַלישער ראַיאָן, שפּעטער אין וואָלין, און צום סוף — אין דער הנהגה ראשית אין וואַרשע. דידאַזיקע אַרבעט האָט ער שוין נישט פאַרלאָזט ביז דעם לעצטן טאָג זיינעם. ער איז אַ סך מאָל אַדורכגעפאָרן פּוילן אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט אָרגאַניזירט סעמינאַרן, זומער־לאַגערן, הכשרה־קיבוצים. עטלעכע מאָל האָט ער שוין געזאָלט אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל און שטענדיק איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר עפּעס אַ ספּעציעלער אויפגאַבע און האָט ווייטער אומדערמידלעך פאַרגעזעצט זיין אַרבעט. ער איז געווען דאַר און מאָגער, לייכט און פלינק־באַוועגלעך, באַשיידן און פשוט און קנאַפּ־באַרעדעווודיק,— עפּעס ווי זיין גאַנץ וועזן וואָלט געזאָגט, אַז דער עיקר איז: טון און נישט רעדן. אויך אין די ערגסטע צייטן פון הונגער און נויט האָט ער געטון זיין אַרבעט ווי תמיד.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַוועק אין די מזרח־געגנטן פון פּוילן. אין נאָמען פון דער חברים־קאָנצענטרירונג אין ווילנע איז ער אַרומגעפאָרן איבער

שטעט און שטעטלעך און איינגעזאַמלט די חברים. דורך איינעם אַ דאָרף אויף דער ליטווישער גרעניץ האָט ער אַריבערגעפירט אין דער ווילנער קאָנצענטרירונג הונדערטער חברים און אַליין איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע ערשט אין יאַנואַר 1940; אין פעברואַר 1940 איז ער שוין צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע אין שליחות פון דער באַוועגונג. אָנקומענדיק קיין וואַרשע איז ער געוואָרן דער אָנפירער פון דער אונטערערדישער אַרבעט פון זיין באַוועגונג און אין איר נאָמען איז ער אויך געווען טעטיק אין די צווישן־פאַרטייאישע אינסטיטוציעס. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין „דזשאָינט"־ביוראָ. ער האָט אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די אידישע אַנשטאַלטן און אויך מיט די סאַמע ווייטסטע אָרט־אָרגאַניזאַציעס פון זיין באַוועגונג און זיי צוגעשטעלט מאַטעריעלע הילף, אָנווייזונגען און אויפמונטערונג. ער איז געווען איינער פון די צוזאַמענרופער פון דעם אידעאָלאָגישן ראַט, אין מאַי 1940. ער האָט אָרגאַניזירט דעם הכשרה־קיבוץ אין פּניעווי ביי וואַרשע און אומדערמידלעך האָט ער כמעט יעדן טאָג דורכגעמאַכט צו־פוס גרויסע שטרעקעס כדי ברענגען ברויט פאַר די הונגעריקע חברים. נאָך דער ליקווידירונג פונם קיבוץ אין פּניעווי האָט ער אָרגאַניזירט דעם קיבוץ „מעפּילים" אין וואַרשע, אויף נאַלעווקי 23 (און ער האָט געלעבט אין אים ביז דער קיבוץ איז אַריבערגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו). אויך די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם אין זשאַרקי (ביי טשענסטאָכאָוו, וואוהין ס'איז אַריבערגעפירט געוואָרן דער קיבוץ „מעפּילים") איז געשאַפן געוואָרן דורך זיינע שטאַרקע באַמיאונגען. עס איז אים געלונגען צו באַקומען אַ רייזע־דערלויבניש אין באַן און אין פאַרלויף פון פיר וואָכן איז ער כסדר געווען אין וועג, אַריבערפירנדיק קיין טשענסטאָכאָוו יעדעס מאָל אַ צוויי־דריי חברים.

יוסף איז געוואָרן אַ פאָטער דער באַוועגונג. די אומגעוויינלעכע באַדינגונגען האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו ווערן אַ פאָטער, וועלכער זאָרגט פאַר אַלץ, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע זאַכן. פון־צווישן די עלטערע טוער פון דער גרויסער שומרישער משפחה איז ער פאַרבליבן איינער־אַליין. ער פלעגט קומען אין די אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס און מיטברענגען די אינגערע חברים אַ פרייטלעכן שמייכל, אַן אויפמונטערנדיקן וויץ, און אין זיין רייזע־זעקל זיינען געווען — ברויט און קאַרטאָפל. ער האָט אָפּגעהיט די חברישע פאַרבינדונגען אויך אויסער פּוילן. דאָס פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין דער שווייץ האָט דערהאַלטן פון אים אַ סך בריוו: אין איינעם פון די לעצטע בריוו זיינע, פון 10־טן יוני 1942, בעט ער מען זאָל באַזונדערס רעכענען זיך מיט דער שווערער לאַגע פון די חברים אין לעמבערג און זיי העלפן. די פון אויסלאַנד אָנגעקומענע ידיעות האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער באַוועגונגס־צייטונג „נגד הזרם" („געגן שטראָם", געדרוקט אין סטענסל, העלפט העבּרעאיש, העלפט פּויליש). אין 1941 האָט ער עטלעכע חדשים געאַרבעט אויף דער צוזאַמענשטעלונג פון אַ בוך, איבער הונדערט זייטן, אין וועלכן עס זיינען אָפּגעדרוקט

געוואָרן דאָקומענטן, אויסגאַבן און מאָמענט־שילדערונגען פון דער באַוועגונג אין דער מלחמה־צייט (דאָס בוך איז דערשינען אין אָנהויב 1942, צום 15־יאָריקן יובל פון הקיבוץ הארצי אין ארץ־ישראל. דאָס שער־בלאַט מיטן צייכן פון דער באַוועגונג און מיט אַ גרוס פונם אונטערערד צום הקיבוץ הארצי איז גוט פאַרבאָרגן אונטער אַן אויבערשטער הילע מיט דער אויפשריפט „לוח חקלאי״ — לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַלענדאַר). אַ סך עקזעמפּלאַרן פון דעם בוך זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין די אַרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער באַוועגונג אָבער עס איז נישט געלונגען אַריבער־צושיקן קיין אויסלאַנד אפילו איין עקזעמפּלאַר (צווישן די דאָקומענטן פונם אונטער־ערדישן אַרכיוו, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבן אין סעפּטעמבער 1946 אינם הויף אויף נאַוואָליפּיע 68, האָט מען געפונען איין עקזעמפּלאַר פון דעם זאַמלבוך — 111 זייטן אָן דער הילע — דער נאָמען פון זאַמלבוך איז: „עתון התנועה״).

יוסף קאַפּלאַן האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער סטאַטיסטישער אָפּטיילונג ביים אידישן אַמט פאַר סאָציאַלער הילף, וואָס איר אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין זאַמלען מאַטעריאַלן און עדות־דערקלערונגען וועגן די מאָרד־און גרויל־טאַטן, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן דורך די דייטשן. מיט דעם צונויפגע־זאַמלטן פאַקטן־מאַטעריאַל איז ער געקומען צו די אידישע אינסטאַנצן און זיי אויפגע־פאָדערט צו מאַכן ממשות׳דיקע פאַרבאַרייטונגען צו אַ ווידערשטאַנד, אויב די דייטשן וועלן אָנהויבן טון דאָס־זעלבע אויך אין וואַרשע. די מערהייט פון די פאַרזאַמלטע האָט אָבער געזען אין דעם נאָר אַ „פאַרשפּרייטונג פון פאַלשע קלאַנגען״, וועלכע קען ברענגען אַן אומגליק אויפן געטאָ. אַ לענגערע צייט פלעגט ער יעדע נאַכט טוישן זיין אָרט צום נעכטיקן, ווייסנדיק, אַז די דייטשן זוכן אים.

בשעת די גרויסע רדיפות איז ער כסדר אַרומגעפאָרן, אָן קיין שום מורא, ממש ביז זעלבסטפאַרגעסונג. ער איז געפאָרן אויף אַלע וועגן און אופנים, און ער האָט דאָך געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן סעמיטישן אויסזען. ער פלעגט זיך אַרויסראַטעווען פון אַלע סכנות אַדאַנק זיין קלאָרן געדאַנק, זיין גיכער אָריענטאַציע און זיין גוואַלדיקער פלינקייט און עלאַסטישקייט. ווען ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ־גיהנום האָט ער נישט מסכים געווען צו ראַטעווען זיך אַליין.

אין דער געטאָ־תקופה האָט ער אַ לענגערע צייט געוואוינט אויף נאַוואָליפּיע 45 אין דער דירה פון מרים היינסדאָרפס (לפ״ג) פאַמיליע. יענע דירה איז אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט געווען אַ וויכטיקער צענטער פאַר דער באַוועגונג. בעת דעם גרויסן וואַרשעווער פאַרניכטונגס־גירוש האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט „אויס־אַרבעטן״ דייטשע אַרבעטס־דאָקומענטן (מיטן שטעמפּל פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען) פאַר די טוער פון דער אידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער איז געווען אַ מיטשאַפער פון די ערשטע קאַמף־אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען געווען דער יסוד פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און ווען זי איז געשאַפן געוואָרן איז ער אויסגע־

ווילט געוואָרן אין איר הויפּט־שטאַב. ער איז געווען צווישן די אַקטיוויסטע ביים שאַפן דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט; האָט אָנטיילגענומען אין אַלע באַראַטונגען און פאַרבאַרייטונגען. אין אָנהויב סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן געכאַפּט אַ גרופּע חברים מיט געפעלשטע דאָקומענטן. איידער זיי האָבן זיי דערהרגעט האָבן די דייטשן זיך נאָך באַמיט אַרויסצובאַקומען פון זיי אינפאָרמאַציעס; זיי האָבן צוגעזאָגט צו באַפרייען די, וועלכע וועלן אויסגעבן ווער עס האָט זיי געמאַכט אָט די פּאַפּירן. קען זיין, אַז איינער פון די אַרעסטירטע איז, נישט בייגעשטאַנען דעם פּרווו, און אַזוי האָט מען געכאַפּט יוסעפן.

בילד פון דער געטאָ־צייט

אָן אָוונט פאַר זיין אַרעסטירונג האָט ער גענעכ־טיקט אין דער דירה פון דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע 34. די געסטאַפּאָ־לייט זיינען דעם 3־טן סעפּטעמבער 1942 געקומען אין לאַנדוי־„שאָפּ" אויף גענשע 30, וואו ער האָט געאַרבעט און האָבן געשיקט אים רופן. באַלד ווי ער איז אַרויס אין הויף האָבן זיי אים אַריינגענומען אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ און אַוועקגעפירט אין דער „פּאַוויאַק"־טורמע, וואו מען האָט אים געהאַלטן אַ געוויסע צייט. די חברים פון דער באַוועגונג האָבן געמאַכט איבערמענטש־לעכע אָנשטרענגונגען אַרויסצוראַטעווען אים — אָבער עס איז נישט געלונגען. אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט מען אים דערמאָרדעט. די חברים האָבן געמאַכט באַמי־אונגען און עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען זיין קערפּער און אים ברענגען צו קבורה אין אַן איינצל־קבר אויפן גענשער בית־עולם.

יוסעפס טויט, כאָטש דאָס איז געשען אין די סאַמע גירוש־טעג, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג אין געטאָ. איינער פון די אָנפירער פון דער אידישער געזעל־שאַפט האָט עס דאַן אויסגעדריקט מיט פאָלגנדע ווערטער: „מיטן טויט פון יוסף איז אַוועק פון אונז איינער פון די גרויסע אידן, וואָס דאָס וואַרשעווער אידנטום האָט פאַרמאָגט". עטלעכע טעג פאַרן טויט האָט יוסף געשיקט זיין לעצטן בריוו צום קיבוץ „מעפּילים", אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן: „גלויבט נישט מער די דייטשן, — אַלע זייערע צוזאָגן זיינען נישט מער ווי טייוולשע קונצן צו צעשפּאַלטן אונזער געזעלשאַפטלעכקייט. אויב עס איז אונז באַשערט שטאַרבן, לאָמיר שטאַרבן מיט ווירדע. שטעלט אַ ווידערשטאַנד געגן די דייטשן ביי יעדן פאַל און אין יעדן אָרט. אָרגאַניזירט די יוגנט, פאַרטיידיקט זיך, גייט נישט אין די וואַגאָנעס!" זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

קאַפּלאַן שמואל (סאַמעק): געבוירן אין וואַרשע, אין 1907, אין אַן אַסימילירטער משפחה, וועלכע האָט געוואוינט אין דער פּוילישער געגנט אויף זלאָטע 32. די קינדער האָבן געלערנט אין פּויליש־קריסטלעכע שולן. שמואל האָט געענדיקט זעקס קלאַסן גימנאַזיע און צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די עלטערן האָט ער געמוזט איבערייסן די לימודים. ער האָט זיך אויסגעלערנט צאָן־טעכניקעריי און געאַרבעט אין דעם פאַך צוזאַמען מיטן פאָטער און מיט אַ ברודער. כאָטש ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן פרעמד פון אידישקייט און ציוניזם, איז ער נאָך־גאָר־יונג אַרייַנגעטרעטן אין „השומר הצעיר" און אין די יאָרן 1923—26 איז ער געווען איינער פון די אַקטיווע בויער פון דער באַוועגונג און אַ מיטגליד פון דער הנהגה־ראשית אין פּוילן. אין 1927 האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ גייסטיקן קריזיס און נאָך שווערע, אינערלעכע ראַנגלענישן האָט ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינט און חברים, פאַרלאָזט די באַוועגונג און האָט אָנגעהויבן בויען די באַוועגונג פון „השומר הלאומי". אָבער אויך דאַן האָט ער איינגעהיט חברישע און נאָענטע באַציאונגען מיט זיינע פריינט פון די יוגנט־יאָרן.

בילד פון 1938

עפּעס אַ חן פון נאַאיווקייט און יוגנטלעכקייט איז תמיד געווען אין זיין אויסזען און אויך אין זיין וועזן. די שומרישע און סקויטישע דערציאונג האָט אין אים געלאָזט צייכנס אויף תמיד: ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דיסציפּלינירטקייט און אָרדנונג, מיט זויבערקייט און אָרנטלעכקייט, מיט האַרציקייט און גלויבן אין מענטשן, מיט וואַרימקייט און גרעניצלאָזער איבערגעגעבנקייט צו חברים און פריינט. די חברים פון די קבוצות און גדודים אין וואַרשע, וועלכע ער האָט דערצויגן, די אָנטיילנעמער און דערציערס אין די זומער־קאָלאָניעס, — אַלע האָבן זיי אים ליב געהאַט און זיך צוגעבונדן צו אים זייער שטאַרק. אין דער הנהגה־ראשית פון דער באַוועגונג (די באַוועגונגען „השומר הלאומי" און „הרצליה" האָבן זיך אין יאָר 1931 פאַראייניקט און פאַרגעזעצט זייער עקזיסטענץ און טעטיקייט אונטער דעם נאָמען „הנוער הציוני") האָט ער זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן די דערציאונגס־פּראָבלעמען. ער האָט אַרויסגעגעבן בראָשורן און צייטונגען וועגן דער דערציאונג אינם ערשטן שיכט (זאבים־וועלף). די פראַגע פון פאַרפולקאָמען די דערציאונגס־אַרבעט צווישן די אינגסטע האָט אים באַזונדערס אינטערעסירט. אויף צוזאַמענפאָרן, צונויפקומען, זומער־קאָלאָניעס האָט ער תמיד רעפערירט וועגן דערציאונגס־פראַגן. כאָטש ער איז געווען זייער באַשעפטיקט אין זיין פאַך־אַרבעט, וועלכע ער האָט נישט אָפּגעלאָזט קיין איין טאָג, האָט ער

געאַרבעט אין דער באַוועגונג נישט וויניקער ווי חברים, וועלכע האָבן זיך באַשעפ־טיקט נאָר מיט דער באַוועגונגס־אַרבעט. ער איז די גאַנצע יאָרן געווען דער איינציקער שטיצער פון זיינע עלטערן און זיין איבערגעגעבנקייט צו די עלטערן האָט אים אָפּגעהאַלטן פון פאָרן קיין ארץ־ישראל, צו־וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געשטרעבט. די חברים האָבן געוואוסט, אַז תמיד, סיי אין אַ צרה און סיי אין אַ שמחה, אין שווערע און קאָמפּליצירטע מאָמענטן, איז פאַראַן צו וועמען צו קומען און מיט וועמען זיך צו באַראָטן. נישט איינמאָל איז די הנהגה ראשית אין וואַרשע געשטאַנען פאַר מאַ־טעריעלע שוועריקייטן און שמואל איז שטענדיק געווען דער אַרויסהעלפער און רעטער. זיין לעצטער באַזוך אין ארץ־ישראל, אין 1936, האָט געשטאַרקט זיינע פאַר־בינדונגען מיט דער באַוועגונג אין לאַנד.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען איינער פון די הויפּטטוער אין „הנוער־הציוני״, איינער פון דער גרופּע חברים, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער באַוועגונג. ער איז געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון דעם ציוניסטיש־חלוצישן אונטערערד און איינער פון די אַקטיווסטע געטאָ־טוער. זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג האָט ער נישט איבער־געריסן אויף קיין איין טאָג. פונם וואַרשעווער געטאָ האָט ער אויפגעהאַלטן פערמאַ־נענטע פאַרבינדונגען מיט די חברים און אָרגאַניזאַציעס אין די פּראָווינצער געטאָס. בעת דער גרויסער טיפוס־עפּידעמיע און דעם הונגער אין געטאָ האָבן חברים פון פאַרשידענע געטאָס געשריבן צום ביוראָ אין דער שוויץ — „שיקט די פּעקלעך אין וואַרשעווער געטאָ, ווייל דאָרטן זיינען זיי נויטיקער״. צו אַזאַ מדרגה פון מסירות־נפש און געגנזייטיקער הילף זיינען דערגאַנגען די חברים אינם אונטערערד, און שמואל איז געווען צווישן יענע, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אָט דאָס אחריות־געפיל. אַ סך פון די חברים, וועלכע ער האָט דערצויגן, האָבן דערפילט פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן אין וואַרשעווער געטאָ, סיי אין דער געגנזייטיקער הילף, סיי אין די פאָלקס־קיכן און סיי אין די אַרבעט־וואַרשטאַטן.

דעם 19־טן יאַנואַר 1943 האָט מען געשריבן פון דעם פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין דער שוויץ: „שוין אַ לאַנגע צייט הער איך גאָרנישט פון סאַמעקן״, דערמיט ווערט געמיינט די „הנוער־הציוני״־באַוועגונג אין געטאָ. אין יענעם בריוו זיינען ווייטער פאַראַן פאָלגנדיקע שורות: „סאַמעק האָט די גאַנצע צייט ענערגיש צוזאַמענגעאַרבעט מיט פּ. און שטאַרק געזאָרגט פאַר זיין גאַנצער משפחה (די באַוועג־גונג). די קינדער זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די פאַרשידענע אַרבעטן און באַזונ־דערס אין פאַרשידענע וואַרשטאַטן. לויט זייטיקע ידיעות פאַרשטיי איך, אַז דאָרטן איז נאָך פאַראַן אַ געוויסער קערן און ער זעצט פאָר מיט עקשנות״. צום בריוו איז געווען בייגעלייגט אַ קאָפּיע פון וואַרשע, פון 27טן מאי 1942, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ באַאומרואיקנדער און זאָרגדערוועקנדיקער זאַץ: „מיר זיינען אַלע פאַראינ־

טערעסירט אין ידיעות פון אייך. סאַמעק און יעקב זיינען קראַנק. דער דאָקטאָר האָט זיי פאַרווערט יעטוועדע באַוועגונג. דעריבער זייט אַזוי גוט און שיקט ידיעות לויט אַן אַנדער אַדרעס. אַדאַנק פאַרן גוטן געדענקען. אַ גרוס פון סאַמעקן״.

בשעת דעם וואַרשעווער גרויסן גירוש איז שמואל אַוועקגעשיקט געוואָרן אין טויט־לאַגער טרעבלינקע. מען גיט איבער, אַז ער איז געווען איינער פון די ערשטע אַנטקעגנצושטעלן זיך מיט כוח די גרויזאַמע מאָרד־טאַטן פון די דייטשן, ער האָט אַדורכגעריסן די רייען פון די צום־טויט־פירנדיקע, איז באַפאַלן די דייטשע וועכטער און אין קאַמף מיט זיי איז ער דערמאָרדעט געוואָרן.

* קאַצענעלסאָן בן־ציון (בעניעק): אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז דורכן וואַרשעווער אונטערערד אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943 איז ער על־פּי־טעות אָנגעגעבן מיטן נאָמען צ ב י, אָבער עס דאַרף זיין: ב ן־צ י ו ן (ב ע נ י ע ק). ער איז געווען אַ ברודערנזון פונם דיכטער י צ ח ק ק אַ צ ע נ ע ל־ס אָ ן. בן־ציון׳ס פאָטער, ב ע ר ל, דעם דיכטערס איינגערער ברודער, איז אין דער מלחמה־צייט אַריבער פון לאָדזש (דאָרטן האָט ער געפירט די ווירטשאַפט אין יצחק קאַצענעלסאָנס גימנאַזיע) קיין וואַרשע און האָט געאַרבעט אין דער געטאָ־פּאָסט. יצחק האָט ביי אים אויסבאַהאַלטן אַ סך פון זיינע שריפטן. ב ן־צ י ו ן האָט געלערנט אין דער וואַרשעווער אונטערערדישער „דרור״־גימנאַזיע. נישט געקוקט אויף זיין גאָר יונגן עלטער איז ער געווען זייער אַקטיוו. בעת דעם גרויסן גירוש (אין וועלכן זיין פאַמיליע איז דערמאָרדעט געוואָרן) איז ער געווען צווישן די פאַרשפּרייטער פון מעלדונגען און אָנזאָגן פון דער באַוועגונג, — וועלכע האָבן אויפגעפאָדערט די אידן נישט צו גלייבן די דייטשע הבטחות און נישט צו גיין אין גירוש. אין דער צווייטער העלפט 1942 איז ער אַוועק אין די הרובישאָווער וועלדער, צוזאַמען מיט דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון „דרור״, וועלכע איז אַהין געשיקט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דאָרטן איז ער אומגעקומען, אַלטזייענדיק 17 יאָר. ער איז געווען אין דער דריטער, לעצטער גרופּע פון די אַהין־געשיקטע, וועלכע זיינען כמעט אַלע, אַרום 60, אומגעקומען אין יענער שליחות (זע זייט 142, באַמערקונג 27). זיין נאָמען איז אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

קאַצענעלסאָן יצחק (יצחק יחיאל): געבוירן אין קאַרעליץ, מינסקער גובערניע אין תמוז 1886. זיין פאָטער, דער העברעאישער שרייבער יעקב־בנימין (בן־ימיני, — וועמענס שוועסטער חיענע, די מוטער פון יצחק טאַבענקין, געפינט זיך אין עין־חרוד), וועלכער האָט פאַרעפענטלעכט עטלעכע שריפטן, און דער־עיקר די מוטער, האָבן געווירקט אויף זיין נייגונג צו ליטעראַטור; ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איר נאָך זייענדיק ממש אַ קינד און אינגלוויז (זייענדיק אַלט 6 יאָר איז ער מיט די עלטערן אַריבער קיין זגערזש, נעבן לאָדזש, דאָרט האָט ער געלערנט ביים פאָטער, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן אַ שול), האָט ער שוין אָנגעשריבן זיינע העבראַישע ערשטלינג־לידער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אָנגענעמער לייכטקייט. צווישן זיינע יוגנט־שאַפונגען האָט זיך אַרויסגערוקט אויבנאָן די ליד־און־פּראָזע געמישטע פּאָעמע „בגבולות ליטא". דערמוטיקט האָט אים דוד פרישמאַן מיט זיין גוטער באַציאונג צו אים. יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז געווען הויפּטזאַכלעך אַ העברעאישער דיכטער, האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך לידער אויך אין אידיש, וואָס די ערשטע פון זיי זיינען געדרוקט געוואָרן, דורך י. ל. פּרץ'ס אונטערשטיצונג, אין דער „אידישער ביבליאָטעק". זיין דיכטערישע שאַפונג טראָגט אויף זיך אַ שטעמפּל פון פּשוטקייט און נאַטירלעכקייט, אויסצייכענענדיק זיך מיט אַ חנעוודיקער גראַציעזקייט און מיט לעבנס־און ליבע־גלוסטונגען, כאָטש נישט וויניק צווישן זיי זיינען אַדורכגעדרונגען מיט עלעגישן טרויער. זיינע געזאַמלטע שירים זיינען פריער דערשינען אין צוויי בענדער אונטערן נאָמען „דמדומים" (פאַרלאַג „תושיה", 1910) און דערנאָך אין דריי גרויסע בענדער (דורכן קאָמיטעט פאַר זיין פופציק־יאָריקן יובילעי, 1938). אַ ספּעציעלע ליבשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן צום טעאַטער און ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע טעאַטער־שטיק, ווי „קאַריקטורות" („השלח", 1909), „במעגל" און די איינאַקטערס „דעקאַדענטן", „בחורים" (1911). ער איז בכלל געווען שטאַרק טעטיק אויפן סצענישן געביט (סיי אַלס רעזשיסער און סיי אַלס אַקטיאָר אין געוויסע צייטן) פון העברעאישן און אידישן טעאַטער. צו זיין דראַמאַטישער שאַפונג געהערן: די דראַמאַטישע פּאָעמע „פּאַטימאַ" (נאָר אויף אידיש, דער קאָמפּאָזיטאָר ישראל גלאַטשטיין האָט צו איר אָנגעשריבן מוזיק און מאָריס שוואַרץ האָט זי אויפגעפירט אין ניו־יאָרק), די ביבלישע דראַמעס „אַמנון" און „הנביא", די טרילאָגיע „אנו חיים ומתים" (1913) און די דראַמע „תרשיש" (געדרוקט אין „מקלט"). די מערסטע פון זיינע דראַ־



מעס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף די אידישע טעאַטער־בינעס אין רוסלאַנד און אין פוילן (דורך דער „ווילנער טרופּע", פּרץ הירשביינס טעאַטער, זאַס־לאַווסקי'ס טרופּע א. א.), אין אַמעריקע („תרשיש") און אין ארץ־ישראל. זיין „החמה!" איז אויפגעפירט געוואָרן דורך וואַכטאַנגאָוון אין מאָסקווע, — מיט דער „הבימה"־סטודיע. אין די יאָרן 1911־12 איז ער געווען אַ מיטגרינדער פונם העבראישן טעאַטער „הבמה העברית", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אויך די אַקטיאָרן פון אידישן טעאַטער יוליוס אַדלער און זיין פרוי, ר. זאַסלאַווסקי, וואָלף זילבערבערג א. א. די דאָזיקע העבראישע טרופּע איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער לייטונג אויפן 11־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, אין 1913, און זי האָט, אונטער יצחק קאַצענעלסאָן'ס דירעקציע, אויפגעפירט גוצקאָווס „אוריאל אקאָסטא" און הערצל'ס — „נייער געטאָ".

אַ גרויסע טעטיקייט האָט ער פונאַנדערגעוויקלט אויך אויפן דערציאונגס־געביט — ער האָט געגרינדעט און אָנגעפירט אין לאָדזש אַ העבראישע פאָלקס־שול (פון 1925 — אַ העבראישע גימנאַזיע), און אין די לעצטע יאָרן אַ זומער־סאַנאַטאָריע פאַר די שול־תלמידים, אין וולאָדזשימיעזשאָוו נעבן פּיעטרקאָוו. מיט זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט איז אויך פאַרבונדן זיין פרוכטבאַרע שאַפונג אויפן געביט פון קינדער־ליטעראַטור. די מערסטע פון זיינע קינדער־לידער זיינען געדרוקט אין די זאַמלונגען „גן ילדים", „תלתלים" (1922) און „מחמדים" (1924). אַ סך פון זיינע פאָלקס־לידער זיינען זייער אָפט געזונגען געוואָרן סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין די גלות־לענדער.

דער טאַלאַנט־געבענטשטער העבראיש־אידישער דיכטער איז זיין גאַנץ לעבן רייך געווען מיט פריילעכקייט, פרישקייט, ליבע־בענקשאַפט, לעבנס־און נאַטור־דורשט, — די בעסטע מידות פון באַשטענדיקער נשמה'דיקער יוגנטלעכקייט. אָט די יוגנטלעכקייט האָט תמיד אַרויסגעקוקט פון זיינע גרויסע קינדישע אויגן אונטערן ברייטן שטערן, פון זיין שטענדיקן הומאָר, פון זיינע לייכט־שווערע סענטענצן וועגן מענטש און וועלט. אָט די יוגנטלעכקייט האָט אים אויך נישט דערלאָזט אָפּצושליסן זיך אין ענגע שאַפונגס־גרעניצן און איינצופירן אין אַ באַשטימטער ליטעראַרישער ראַם. אַ לירישער דיכטער, אַ דערציילער, אַ דראַמאַטורג, אַ זשורנאַליסט, אַ היינע־איבערזעצער, אַ גלענצנדער פּעדאַגאָג, אַ מחבר פון קינדער לידער, אַ מיט־שאַפער פון דער העבראישער בינע, אַ קולטור־טוער, — ווי אַן אַרבעטס־פריידיקע בין האָט ער ארומגעשוועבט אין אונזער קולטור־גאָרטן און האָט געזויגן פון זיינע בלומען אָן־אַ שיעור שאַפונגס־האָניג. (א. ל.)

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריבער קיין וואַרשע. זיין פרוי מיט די דריי קינדער זיינען געקומען צו אים עטלעכע חדשים שפּעטער, אין יאַנואַר 1940. די גע־ביידע פון זיין גימנאַזיע אין לאָדזש אויף זאַוואַדזקע 43 איז געוואָרן אַ דייטשע

מיליטער־קאַזאַרמע און דער הויף — אַ פייניקונגס־פּלאַץ פאַר אידן. אין וואַרשע איז ער געווען אַ לעבעדיקער עדות פון דער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געקומען אויף די אידן. אַט די איבערלעבונגען זיינע האָבן געפונען אַ טיפן אויסדרוק אין זיין שאַפונג. ער איז פון תמיד אָן מיט דער גאַנצער נשמה געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל (דריי מאָל האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד) און דער עיקר מיט דער חלוצישער באַוועגונג. ער איז געווען אַ טרייער און איבערגעגע־בענער פריינט דעם באָראָכאָוו־קיבוץ אין לאָדזש און האָט אים אַ סך מיטגעהאָלפן. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע פייערונגען און שמחות פונם קיבוץ, ער פלעגט אָפט אָנפירן די רעגולערע „עונג־שבת״־אָוונטן אין די פרייטאָג־צו־נאַכטן, — זיין צוגע־בונדנקייט צו דער ארץ־ישראלדיק־חלוצישער באַוועגונג האָט ער נאָך מער פאַרשטאַרקט אין די גרויל־יאָרן. אין זיין וואַרשעווער געטאָ־תקופה האָט ער אָנגעפירט מיטן דראַמאַטישן קרייז פון „דרור״, וועלכער האָט מיט אַ סך דערפאָלג אויפגעפירט ביבלישע שאַפונגען און שאַפונגען אויף ביבלישע טעמעס. פאַרן קרייז האָט ער ספּעציעל איבער־געזעצט אויף העברעאיש זיינע דראַמעס „יעקב און עשיו״, „אמנון ותמר״ („צווישן פאַסטוכער״), פרקים פון תנ״ך, און האָט אויך אָנגעשריבן אַ ביבלישע דראַמע „על נהרות בבל״ און אַ פּאָעמע „יזכור״ — געהייליקט דעם קיבוץ אויף דזשעלנע גאַס. ער איז געווען פון די בעסטע לערער אין די אונטערערדיש־עקזיסטירנדיקע גימנאַזיע און ליצעאום פון „דרור״ אין וואַרשעווער געטאָ, אין וועלכע עס האָבן געלערנט אַרום 120 קינדער. ער האָט רעגולער זיך באַטייליקט אין די אונטערערדישע צייטונגען און אויסגאַבעס פון „דרור״ און החלוץ. אין דערדאָזיקער פּרעסע האָט ער פאַרעפנטלעכט, צווישן אנדערע זיינע זאַכן, אַרטיקלען וועגן י. ל. פּרץ, וועגן מענדעלע מוכר ספרים און לידער אויף אַקטועלע טעמעס. אינם אונטערערדיש־טעטיקן „דרור״־פאַרלאַג זיינען דערשינען (אין יוני 1941) זיין ביבלישע דראַמע „איוב״ און נאָך ווערק. צווישן זיינע שאַפונגען אין דער געטאָ־תקופה זיינען דערשינען דריי גרויסע פּאָעמעס: „ווייַ מיר״; „דאָס ליד וועגן שלמה זשעליכאָווסקי״; „דער איד האָט געלאַכט״; אַ פאָלקס־פּזמון „אַרויס איז אַ איד אויף דער גאַס״, וועלכן מען האָט אַסך געזונגען אין געטאָ; אַ ליד אויפן טויט פונם דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש; אַ סאַטיריש ליד אויף היטלערן „ווען דער טייוול איז גערעכט״; אַ שוישפּיל פאַר קינדער: „מיך ציט אין גאַס״; לידער: „קינדער פון גאַס״; „לידער פון קעלט״; „לידער פון הונגער״; אַ שוישפּיל אין העברעאיש: „דריי מתנות״. ער האָט אויך איבערזעצט אויף אידיש ח. נ. ביאַליקס „על השחיטה״ און נאָך.

בשעת דעם ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט די דייטשע רוצחים אין וואַרשעווער געטאָ, אין יאַנואַר 1943, האָט ער נישט געוואָלט זיך באַהאַלטן, און צוזאַמען מיט זיין זון צבי האָט ער אָנטיילגענו־מען אין דער אַקציע פון די קאַמף־גרופּעס, אין די רייען פון די קעמפער. דעם אָוונט

פאַרן צוזאַמענשטויס איז ער געקומען אין דער חלוצישער קאָמונע און אין אַ טיף־געריידטער רעדע האָט ער באַגייסטערט די חברים אַרויסצוּווייזן העלדן־מוט און העלדיש פירן אויפּצומאַרגנס זייער הייליקן קאַמף (אין דער פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק״, אין קאַפּיטל דרייצן, דערציילט ער וועגן אָט דעם באַזוך זייַנעם און וועגן זיין אָנטיילנעמען אין קאַמף). זיין פרוי ח נ ה, פונדערהיים ר אָ ז ע נ ב ע ר ג, און די צוויי אינגערע קינדער — דער 14 יאָריקער ב ע נ ט ש י ק (בן־ציון) און 11 יאָריקער ב נ י מ י ן (יאַמעקל) האָט ער פאַרלוירן נאָך בעת דעם גרויסן גירוש, דעם 14־טן אויגוסט 1942.

אין מאַי 1943 איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן — אויף אַ פּאַספּאָרט פון אַן אויסלענדישן בירגער (האָנדוראַס — דרום אַמעריקע) קיין וויטעל אין פראַנקרייך. אויך דאָרטן האָט ער פאַרגעזעצט זיין אָנגעשטרענגטע ליטעראַרישע טעטיקייט (אין וויטעל האָט ער געוואוינט אין האָטעל „פּראָווידענס״, צימער 107), געשריבן „דאָס ליד פונם אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק״ (אין עטלעכע טעקסטן, צוויי זיינען ניצול געוואָרן); זיין טאָגבוך א. א. ער האָט דאָרטן אויך געלערנט העברעאיש עטלעכע קינדער פון די אַהין־אַרויסגעשיקטע, צווישן זיי אויך דעם אינגערן ברודער פון מ ר ג ל י ת ל אַ נ ד ו י (לפ״ג), וועלכער איז געווען אין וויטעל צוזאַמען מיטן פאָטער (א. ל. לאַנדוי, זע זייט 138, באַמ. 19). אין וויטעל האָט זיך גרופּירט אַרום אים אַ גרופּע איבערגע־געבענע פריינט. און צווישן זיי אויך נ ת ן ע ק, זיין פריינט פון לאָדזש (געראַטעוועט, איצטער אין צפון־אַמעריקע). יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען צווישן די 173 אידן, וועלכע זיינען דעם 17טן אַפּריל 1944 אַריבערגעפירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דראַנסי און פון דאָרטן זיינען זיי דעם 27־טן אַפּריל אַרויס־געשיקט געוואָרן קיין פוילן אין אַ פאַרניכטונגס־אָרט (ווייזט אויס, קיין אָשוויענטשים). פון דאַמאָלסט אָן איז אויף אייביק שטום געוואָרן דעם דיכטערס שטימע.

זייענדיק אין געטאָ האָט ער איבערגעגעבן זיין אינגערן ברודער, ב ע ר ל, וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אויף דער פּאָסט, אַ טייל פון זיינע שאַפונגען און יענער האָט זיי פאַרגראָבן אין דער ערד. מען רעכנט, אַז נאָך אַ טייל פון זיינע שריפטן האָט ער פאַרגראָבן אינם הויף פון דעם הויז אויף נאָוואָליפּיע גאַס 30, וואו ער האָט לעצטנס געוואוינט אויפן דריטן שטאָק אין איין צימערל מיט זיין גאַנצער משפחה. אַ טייל פון זיינע שריפטן האָט מען געפונען אינם הויף פון דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע־גאַס 34, צווישן דעם אַרכיוו פון „דרור״, וואָס מרדכי טענענבוים (לפ״ג) האָט דאָרטן פאַרגראָבן דעם 22־טן יולי 1942. מ ר י ם נ אָ ו ו י ט ש (מאַרי קאַסטעל, אַ געבוירענע אין ווילנע, וועלכע איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין פראַנקרייך, אַן אַקטיווע טוערין אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פאַר דער מלחמה און אין די אונטערערד־יאָרן ; זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין יוני 1943 און איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון דער טורמע קיין וויטעל) האָט, צוזאַמען מיט יצחק ק.,

בילד פון דער געטאָ־צייט

פאַרגראָבן אַ טייל פון זיינע לידער אין דער ערד און נאָך דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך האָט זי זיי אַרויסגענומען. זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַמעריקע און אין ארץ־ישראל (אין פאַריז האָט נ ת ן ע ק אַרויסגעגעבן אין 1945 די דערמאָנטע פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק" — אין וועלכער עס גייען אויך אַריין עטלעכע לידער פון די, וואָס ער האָט געשריבן אין וואַרשעווער געטאָ). אינם פאַרלאַג פון הקבוץ המאוחד איז אין תש"ז דערשינען אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון זיינע לעצטע שריפטן (כתבים אחרונים) פון תש"ג—תש"ד. איז דאָרטן פאַראַן זיין טאָג־בוך פון וויטעל — פונם 22־טן מאַי ביזן 16־טן סעפּטעמבער 1943; דאָס ליד פונם אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק; הניבעל: במצבאה הראשית. דער פאַרלאַג פּלאַנט אַרויסצוגעבן אויך זיינע איבריקע שריפטן און בריוו, בעיקר וואָס ער האָט געשריבן אין דער געטאָ־צייט, אויף וויפל די אויסגעגראָבענע מאַנוסקריפּטן וועלן זיין לעזבאַר).

*



Interniertenlager
Camp des Internés

Datum:
Date 11.43

Mein teuerer Cousin! Ich sind mir Zwei sind gesund. Wir wissen nur nicht was du machst. Warum schreibt uns dein Alia nicht? Soll sie uns sofort schreiben. Grüsse für unsere alle Verwandten, besonders unsern Chaim Baskana, und Goldin Jzchak

אַ פּאָסט־קאַרטל פון יצחק ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן צום פאַרבינדונגס־ביוראָ פון דער הסתדרות אין אַ נייטראַל־לאַנד, געשריבן אין וויטעל אין נאָוועמבער 1943. מיר ברענגען דאָ נאָר די ערשטע דריי שורות פון יצחק קאַצענעלסאָן. אינם קאַרטל זיינען פאַראַן נאָך 2 שורות פון נתן ע ק (געראַטעוועט, איצטער אין אַמעריקע) און ווייטערע צוויי שורות פון אַלעקסאַנדער לייב ל אַ נ ד ו י (זע זייט 138, באַמערקונג 19).

דער גרוס פאַר חיים באַסקאַנאַ מיינט — חיים בסכנה (אונזער לעבן איז אין געפאַר). אַ קורצע צייט פריער — אין חודש סעפּטעמבער, איז געקומען קיין וויטעל אַ געסטאַפּאַ־קאָמיסיע און האָט אונטערזוכט די דאָקומענטן פון די אינטערנירטע. ביי אַ סך, צווישן זיי אויך יצחק קאַצע־נעלסאָן, האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען די דרום־אַמעריקאַנישע פּעסער. דער גרוס פאַר גאָלדין מיינט: ד"ר י. גאָלדין, אין יענער צייט דער לייטער פון ארץ־ישראל־אַמט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

קאַצענעלסאָן צבי: דער עלטסטער זון פון יצחק קאַצענעלסאָן, געבוירן אין לאָדזש, געלערנט אין זיין פאָטערס העברעאישער גימנאַזיע. דער אינטעליגענטער און טאַלענטירטער אינגל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע קענטענישן אין העברעאיש און האָט בכלל אַרויסגעוויזן שפּראַך־פּעאיקייטן און אַ שטאַרקע נייגונג צו ליטעראַטור. דערביי איז ער געווען זייער באַליבט צווישן קינדער. ער פלעגט קומען מיטן פאָטער אויף די „עונג־שבת"־אָוונטן אין באָראָכאָוו־קיבוץ און פון דער יוגנט־אָן איז ער געקומען אין באַרירונג מיט דער חלוצישער סביבה און האָט זיך געצויגן צו איר.



אין אָנהויב 1940, ווען ער איז אָנגעקומען מיט דער מוטער קיין וואַרשע, האָט ער פאָרגעזעצט די לימודים אין דער אונטערערדישער „דרור"־גימנאַזיע. דאָרטן האָט ער זיך נאָך מער דערנענטערט צו דער חלוצישער מחנה און האָט זיך צוגעבונדן צו איר מיט דער גאַנצער נשמה. אין 1941 האָט ער אָנטיילגענומען אינם לאַנד־סעמינאַר פון דער אונטערערדישער החלוץ־באַוועגונג אין פּוילן. ער איז אַריינגעטרעטן אין „דרור" און איז געוואָרן איינער פון זיינע אַקטיווע חברים.

בשעת דעם גרויסן גירוש, דעם 14־טן אויגוסט 1942, זיינען אומגעקומען זיין מוטער און זיינע צוויי אינגערע ברידער. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך נישט געשיידט פון פאָטער. ווען מען האָט אין יענער תקופה איינגעאָרדנט דעם פאָטער אַלס אַרבעטער ביי א. ג. שולץ אויף נאָוואָליפּיע גאַס, האָט מען אויך אים באַזאָרגט מיט אַרבעט אויפן זעלבן פּלאַץ און זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין איין „שאָפּ". שפּעטער האָבן זיי ביידע פאַרלאָזט דעם „שאָפּ" און געלעבט אין אַ באַהעלטעניש אינם טעבענס־געביט אויף לעשנע־גאַס. שטענדיק זיינען זיי געווען צוזאַמען.

אינם ערשטן ווידערשטאַנד פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, אין יאַנואַר 1943, האָט ער געקעמפט צוזאַמען מיטן פאָטער אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „דרור". צוזאַמען מיטן פאָטער האָט ער שפּעטער, אין מאַי 1943, פאַרלאָזט פּוילן אויפן וועג קיין פראַנקרייך אין לאַגער וויטעל. פון דאָרטן האָבן די דייטשן ביידע אַוועקגעפירט דעם 17־טן אַפּריל 1944 קיין דראַנסי, דעם באַרימטן גרויסן איבערגאַנגס־לאַגער אין פראַנקרייך, פונוואַנען עס פלעגן אָפּגיין די טראַנספּאָרטן פון אידן, וועלכע מען האָט געשיקט פון פראַנקרייך אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פּוילן. פון דראַנסי האָט מען זיי אין אַ צען טעג שפּעטער — דעם 17־טן אַפּריל, געשיקט אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער, ווי עס ווייזט אויס קיין אָשוויענטשים, וואו ער איז אומגעקומען אַלטזייענדיק אַ יאָר 18 (אין די בריוו פון החלוץ אין וואַרשע, צו דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, איז בטעות אָנגעגעבן זיין נאָמען דוב ; עס דאַרף זיין: צ ב י).

* **קאַרלינער אריה:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אַפטיילונג פון „השומר הצעיר" אונטער דער קאָמאַנדירונג פון יוסף יהושע (שלמה) ווינאַגראַן (לפ"ג), וועלכע האָט געקעמפט אין די טעג פונם געטאָ־אויפשטאַנד אינם אַזוי גערופענעם „פּראָדוקטיוון געטאָ" (טעבענס־שולץ געביט — באַצייכנט אין דער מאַפּע פון די געטאָ־קאַמפן מיטן אות ב׳). מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען פּרטים וועגן אים, אויך נישט ביי זיינע חברים. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **קאַרן לאה:** געבוירן אין לאָדזש, אין 1918. אירע עלטערן, כאָטש זיי זיינען פאַראָרימט געוואָרן, האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות באַמיט אויפצוהאַלטן שיין די שטוב און געבן בילדונג די קינדער. לאה איז גאָר יונג אַריינגעטרעטן אין „גורדוניה". זי איז געווען צווישן די ערשטע און אָנפירנדיקע חברים אין גדוד „תל־חי", — אַ זייער איבערגעגעבענע און טעטיקע. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך וויכקייט און צאַרטקייט, אַ סך חן האַרמאָנירט מיט וויסן־באַגער און תמיד גרייט צו העלפן חברים. זי איז געווען באַליבט צווישן אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט זיין נעבן איר צוליב איר גוטהאַרציקייט און צוליב דער רואיקייט, וואָס זי האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך. גרויס איז געווען איר ווילן צו קענען העברעאיש און זי האָט אָפּגעגעבן אַ סך ענערגיע און צייט אויף צו דערלערנען די שפּראַך. זייער יונג איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון איר גדוד און זי איז געווען איינע פון די ערשטע גרינדער פון דעם נייעם הכשרה־פּונקט „אפיקים" אין טאָמאַשאָוו.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז דידאָזיקע הכשרה־גרופּע צעפאַלן און אַ לאַנגע צייט האָט מען גאָרנישט געהערט וועגן לאה׳ן. זי איז אָבער אָנגעקומען קיין וואַרשע און ווידער געוואָרן אַקטיוו אין דער באַוועגונג, אינם אונטערערד. אַ סך ענערגיע האָט זי געווידמעט איר אַרבעט אַלס קינדער־דערציערין אין וואַרשעווער געטאָ. אַ סך אָנשטרענגונגען האָט זי געמאַכט צו ראַטעווען איר מוטער. זי האָט זי אַרומגעפירט פון אָרט צו אָרט אַלס אַרישע, אָבער אירע באַמיאונגען האָבן נישט געהאָלפן און די מוטער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו פאַרניכטונג. לאה איז אַריינגעטרעטן אין דער קאַמף־אַפּטיילונג פון „גורדוניה" און האָט געוואוינט אין דער דירה פון דער אָפּטיי־לונג אויפן ווינקל פון די גאַסן דזשיקע און סטאַווקי. בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי געקעמפט אינם געביט פון די טעבענס־שולץ־וואַרשטאַטן. ווען די קעמפער זיינען אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צו דער אַרישער זייט, דעם 29־טן אַפּריל, האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווער וועט פאַרבלייבן צו פלעגן די פאַרוואונדעטע חברים, וואָס מען האָט זיי נישט געקענט אַרויסראַטעווען דורכן קאַנאַל, — צווישן זיי זיינען געווען חנה גראומן (הגר), שלום סופיט און טאָבטשע דאַווידאָוויטש (אַלע לפ"ג) און נאָך אַנדערע. לאה האָט פרייוויליק זיך געמאָלדן צו דער אויפגאַבע; זי

איז מיט זיי פאַרבליבן אינם בונקער פאַר קראַנקע אויף לעשנע 76, און איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך איר לעבנס־חבר יהודה קאַנסקי — זע פריער).

* **קאַרנבלום עלמה:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ רייך הויז, אויפגעוואַקסן אין סאַמע צענטער פון אידישן קוואַרטאַל, אויף נאַלעווקי־גאַס. די עלטערן האָבן זי גערופן מיטן נאָמען קאַראַ־לינאַ, אָבער ווען זי איז, אין 1937, אַריין אין „השומר הצעיר" אין גדוד „מרחביה", האָט זי אין קן באַקומען דעם נאָמען עלמה און אַזוי איז פאַר־בליבן. זי איז געווען געבענטשט מיט שיינקייט און מיט פעאיקייטן צו מאָלן און זינגען, אינטעליגענט און באַליבט ביי אַלעמען; דער „זינגפויגל פון די נאַלעווקיס", — אַזוי האָבן זי גערופן אירע חברים און חברטעס סיי אין קן און סיי אין דער שול. אין דער לעצטער פאַר־מלחמה־צייט האָט זי אָנגעהויבן איר דרעציערישע אַרבעט אין קן, אינם יונגן גדוד.

בילד פון 1938

אין דער מלחמה־צייט האָט זי פאַרגעזעצט איר אַרבעט צווישן די קינדער און געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג אינם אונטערערד. זי איז געווען אַ מיטגלידערין אינם שטאָטישן קיבוץ פון „השומר הצעיר" אין וואַרשע אויף נאַלעווקי 23 און איז אַריינגעטרעטן אין די קאַמף־אָפטיילונגען פון „השומר הצעיר". אין די געטאָ־קאַמפן האָט זי געקעמפט אינם טעבענס־שולץ־געביט, אין דער קאַמף־גרופע פון דוד נאָוואָדוואָרסקי (לפ"ג). זי איז געפאַלן אין קאַמף דעם 22־טן אַפּריל, אַלטזייענדיק אַ יאָר 22 (די חברים האָבן געפונען איר קערפּער אויפן בוידעם פון הויז נומער 76 אויף לעשנע־גאַס, דאָרטן איז געווען אַ קאָנצענטראַציע־אָרט פון די קעמפער). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז אַריבערגעשיקט געוואָרן פונם וואַרשעווער אונטערערד קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943 ווערט איר נאָמען אָנגעגעבן בטעות: קערנברום).

קורץ אברהם: געבוירן אין וואַרשע, אין 1890, ביי אָרימע עלטערן, אין דער געדיכטעניש פון אידישן קוואַרטאַל, אויף קראָכמאַלנע־גאַס. זיינע עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אים צו שיקן אין אַ שול און ביז זיין 14־טן לעבנסיאָר האָט ער נישט געקענט לייענען און שרייבן. אין 1905 האָט ער דערזען אויפן מוראַנאָוו־פּלאַץ אין וואַרשע אַ אידיש טעאַטער אונטער

אַ שטעל־דאַך און ער האָט געפּרוּווט — צוזאַמען מיט קינדער פון דער געגנט — נאָכמאַכן די אַקטיאָרן. די „פאָרשטעלונגען" זיינען אים געפעלן געוואָרן און ער האָט זיי אַדורכגעפירט יעדן טאָג אין אַן אַנדער הויף. די צאַרישע פּאָליציי האָט איינגעזעצן אין די פאַרגרימירטע קינדער געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן, זי האָט אַרעסטירט אברהם׳ען און אים איינגעזעצט אויף עטלעכע חדשים אין תפיסה. זיין נייגונג צו טעאַטער־שפּיל איז אָבער נישט פאַרשוואונדן; ער האָט אָנגעהויבן ענערגיש לערנען לייענען און שרייבן און מיט זיין גוואַלדיקער ווילנס־עקשנות האָט ער באַקומען בילדונג. אין 1908 האָט ער אָרגאַניזירט אַן אַמאַטאָרן־טרופּע און זיי זיינען אַרומגע־פאָרן איבער די שטעטלעך (צווישן די אַמאַטאָרן איז אויך געווען מנשה סקולניק, שפּע־טער דער באַקאַנטער סטאַר פונם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע). מיט דער צייט איז ער געוואָרן איינער פון די גוטע אידישע אַקטיאָרן אין פּוילן. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך געשפּילט אין אברהם מאָרעווסקי׳ס טרופּע. ער איז געווען זייער טעטיק אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון אידישע אַקטיאָרן און איז אַ צייט געווען וויצע־פּאָרזיצער.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע, ער האָט אַקטיוו מיט־געאַרבעט אין דער לייטונג פון דער פאָלקס־קיך פאַר אַקטיאָרן. געווען אַ מיט־אָרגאַניזאַטאָר פון אידישן טעאַטער אין געטאָ און האָט אויך געשפּילט אין אים, ווי עס ווערט דערציילט אינם בריוו פון ד״ר ע. רינגעלבלום (לפ״ג), וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין געטאָ. ער איז אומגעקומען צווישן די מאַסן־אידן בעת די גרויסע אַרויסשיקונגען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

קירמאַן יוסף: פון די יונגע אָריגינעלע דיכטער אין אידיש. אין פאַך איז ער געווען אַ שירם־מאַכער. פון דער יוגנט־אָן אַ חבר פון די לינקע פּועלי ציון; אַקטיוו אין זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אַ מיטגליד אין סעקציע־קאָמיטעט; ער האָט געקעמפט פאַר די ארץ־ישראל־אידייען אין זיין פאַריין. די ערשטע ליטעראַרישע שריט האָט ער געמאַכט אין דער „אַרבעטער־צייטונג" פון די לינקע פּועלי־ציון.



אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען טעטיק אין דער באַוועגונג אינם אונטערערד. ער האָט נישט אָנגענומען קיין שום עצות און וואָרענונגען און נישט געוואָלט זוכן קיין רעטונג פאַר זיך אַליין, — מיטן פאָלק צוזאַמען האָט ער געוואָלט זיין אין דער עת

צרה. א פיזיש גוט־אנטוויקלטער, האט ער זיך באמיט אין די אקופאציע־יארן צו פאר־דינען זיין חיונה דורך פיזיש־שווערער ארבעט. ער האט דערביי נישט פארלוירן זיין מונטערקייט, פארגעזעצט זיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט און אויך געשריבן לידער וועגן די אידן־יאגדן, וועגן הונגער, וועגן די אויסגעשטארבענע גאסן פון געטא און וועגן דעם ארויס־ייק־פלאץ. פון זיינע שריפטן איז אבער גארנישט געבליבן. ער האט איבערגעלעבט אלע ארויסשיקונג־אקציעס. נאך דער אונטערדריקונג פונם געטא־אויפשטאנד איז ער פארשפארט געווארן אין לאגער פאניאטאווא און דארטן האבן אים די דייטשן דערמארדעט אין הארבסט 1943, ווען ער איז אלט געווען ביי 40 יאר. זיין נאמען געפינט זיך אין דער דערמאנטער ליסטע פון די 320 דערמארדעטע אידישע געזעלשאפטלעכע טוער, וויסנשאפטלער און קינסטלער.

קירשענבוים מנחם: געבוירן אין לובלין ביי רייכע עלטערן, פון א מיוחסדיקער חסידישער משפחה. כאטש ער איז אויפגעוואקסן אין אן אטמאספער פון געגנערשאפט צום ציוניזם, האט ער זיך דערנענטערט צום ציוניסטישן געדאנק שוין אין דער יוגנט, ווען ער איז געווען א ישיבה־לערנער. דער חסידישער פונק האט אבער געברענט אין אים זיין גאנץ געזעלשאפטלעך לעבן, אנהויבנדיק פון דער אקטיווער מיטארבעט אין דער ראדיקאל־ציו־ניסטישער גרופע „על המשמר" פון זיין רבין יצחק גרינבוים ביז ער איז געוויילט געווארן אין צענ־טראל־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילן. לויט דער באשעפטיקונג איז ער געווען א סוחר און האנדלס־אגענט, אבער די געזעלשאפט־לעכע טעטיקייט און באזונדערס דער ציוניזם, — דאס איז געווען זיין לעבנס־אינהאלט. זיין אקטיווע טעטיקייט האט ער אנגעהויבן אין לובלין און זי פארגעזעצט אין ווארשע, וואו ער האט זיך שפעטער באזעצט. ער איז געווען א פשוטער פאלקס־מענטש, א גוטער חבר מיט א ווארעם און פילבאר הארץ פאר פערזענלעכע און אלגעמיינע צרות. דידאזיקע אייגנשאפטן זיינע האבן צו אים דערנענטערט א סך מענטשן סיי פון זיין אייגענער ארגאניזאציע און סיי פון דרויסן. פון צווישן די אלגעמיין־ציוניסטישע פירער אין פוילן, וועלכע האבן ענערגיש געקעמפט פארן אפהיטן דעם דעמאקראטיש־פראגרעסיוון און ארבעטער־פריינטלעכן כאראקטער פון דער אלגעמיין־ציוניסטישער באוועגונג. אין שליחות פונם צ.ק. פון דער אלגעמיין־ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילן האט ער באזוכט אסך שטעט און שטעטלעך. ער איז געווען דער פארזיצער פון ווארשעווער שטאט־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאני־

זאַציע, אַ פּרנס פון דער וואַרשעווער אידישער קהלה, אַן אַקטיוועד טוער אינם באַיקאַט־קאַמיטעט געגן נאַצי־דייטשלאַנד. ער האָט פאַרמאָגט אַ געזונטן, פּאָליטישן חוש און אָר־גאַניזאַטאָרישע איניציאַטיוו, און אין זיין אָרגאַניזאַציע פלעגט ער שטענדיק נעמען אויף זיך די שווערסטע לאַסט — ער איז געווען קאַסירער פון דער צענטראַלע. אין נאָמען פון די אַלגעמיין־ציוניסטן פלעגט ער אָרגאַניזירן דעם גאַנצן וואַל־אַפּאַראַט בעת די וואַלן צום סיים, צום סענאַט, צום שטאָטראַט, צו דער אידישער קהלה — און תמיד מיט גרויס דערפאָלג. ער האָט זיך אויך נישט אָפּגעהאַלטן פון טון די קליינע, טאָגטעגלעכע ציוניסטישע אַרבעט. ער האָט זייער געשטרעבט צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. פינף מאָל האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד און יעדעס מאָל האָט זיך ביי אים באַנייט די האָפענונג, אַז אָט־איצט וועט ער קענען פאַרבלייבן דאָרט. זיינע פּריוואַטע געשעפטן האָט ער געפירט מיט אויסרעכנונג צו דערגרייכן וואָס גיכער דעמדאָזיקן ציל.

נאָך אין אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער געמאַכט גרויסע באַמיאונגען אויסצוהעלפן זיינע דערשלאָגענע חברים און זייערע פאַמיליעס. ער האָט זיך באַמיט צו באַקומען פאַר זיי אַרבעט אין דער קהלה און אין דזשאָינט, און אויך הלוואות און שפּייז־פּראָדוקטן, וועלכע האָבן דאַמאָלסט אויסגעפעלט אין וואַרשע. ער איז געווען אַן אָנפירער פון אידישן אָמט פאַר סאָציאַלער הילף Ż. T. O. S. (זשידאָווסקיע טאָוואַזשיסטוואָ אָפּיעקי ספּאָלעטשנעי) — די קאָאָרדינאַציע פון אַלע דאַן־עקזיסטירנדיקע הילף־אינסטיטוציעס, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין זומער 1940. ער איז געווען איינער פון די אַקטיוויסטע ביים באַקומען מיטלען ווייטער צו פירן די סאָציאַלע הילף־טעטיקייט. זיין שטוב איז געוואָרן אַ צענטער פונוואַנען עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אָנווייזונגען אין די פּראָווינץ־שטעט און צו די חברים פון דער באַוועגונג ; ביי אים פלעגן פאָרקומען באַראַטונגען פון די ציוניסטישע פּאַרטייען. ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער פאַראייניקטער אידי־שער טעטיקייט. זיין אַרבעט האָט ער נישט איבערגעריסן טראָץ אַלע סכנות און שוועריקייטן. און הגם דער פאַקט, וואָס ער איז געווען אַלעמען באַקאַנט און פּאָפּולער אַלס אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער און פריער זייער אַקטיוו אינם באַיקאָט־קאָמיטעט געגן די נאַציס, האָט באַדייטענד פאַרגרעסערט די געפאַר, וועלכע האָט אים שטענדיק געדראָט. ער איז געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אידישער אַרבעט און איז געווען איינער פון די הויפּט־טוער אינם אונטערערדישן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע באַראַטונגען און פאַרבאַריי־טונגען פאַרן אויפשטאַנד. נאָכן צווייטן גירוש און דעם ערשטן ווידערשטאַנד אין יאַנואַר 1943 איז ער אַריבער אויף דער אַרישער זייט און פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט. מען האָט באַקומען פאַר אים דאָקומענטן פון אַן אויסלענדישן בירגער און ער האָט געזאָלט אַוועקגעשיקט ווערן קיין פראַנקרייך אין לאַגער וויטעל. ווען ער איז שוין געווען מיט זיין פאַמיליע אויף דער באַן־סטאַציע איז געקומען אַ ספּעציעלער שליח פון

געסטאַפּאָ און זיי צוריקגעפירט אין דער „פּאַוויאַק"־טורמע. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אים צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער, אַריבערגעפירט אין אַ חורבה אויף דזשעלנע 27, אַנטקעגנאיבער דעם „פּאַוויאַק", און דאָרטן האָט מען זיי אַלע דערמאָרדעט, ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען ביי 50 יאָר.

קירשענבוים ראָזע (רוזשע): אַ חברטע פון „פרייען שומר", די אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פועלי־ציון. טעטיק אין דער אונטערערד־צייט אין דער אַרבעט פון דער באַוועגונג, באַזונדערס ביים פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע ליטעראַטור. אַן אָנטיילנעמערין אין די אונטערערד־באַראַטונגען פון די קרייזלעך פון איר אָרגאַניזאַציע אין דער געטאָ־צייט, וועלכע פלעגן זיך צונויפקומען אין דער קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14 און שפּעטער אויף וואָלנאָשטש 10. אינם בריוו פון די לינקע פועלי ציון אין פוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, פון 24־טן מאַי 1944, ווערט איר נאָמען דערמאָנט צווישן די, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט ביזן לעצטן מאָמענט.

*** קירשענבוים רחל:** געבוירן אין וואַרשע. געווען אַן איבערגעגעבענע חברטע אין דער החלוץ־משפחה אין פוילן און אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי געווען אין דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע־גאַס 34, און שפּעטער אין דער טשערניאַקאָווער פאַרם נעבן וואַרשע. זי איז געווען אַ מיטגלידערין אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „דרור". נאָך די קאַמפן איז איר געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער אַרישער זייט און זי איז אַריין אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון די לעצט־פאַרבליבענע, אַרויסגעראַטעוועטע, וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן געקעמפט נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד אין די ווישקאָווער וועלדער. זי איז אומגעקומען ביי טשערוואָני באָר, נאָענט צום נאַרעוו־טייך, אין עלטער פון 22 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

*** קירשנער זיגי:** פון די דייטשע פּליטים, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין פוילן פאַר דער מלחמה. ער איז געווען אַ חבר פון דער „הבונים"־באַוועגונג. אין וואַרשע איז ער געווען אין דער חלוצישער קאָמונע אויף דזשעלנע 34 און אין דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו. אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". בעת די געטאָ־קאַמפן איז ער אַריבערגעשיקט געוואָרן פון „צענטראַלן געטאָ" אין טעבענס־שולץ־געביט. פון דאָרטן איז אים געלונגען אָנצוקומען נאָך די קאַמפן דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אינם בונקער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף אָגראָדאָווע 29 מחוץ דעם געטאָ־געביט. ווען דער בונקער איז אַנטדעקט געוואָרן, דעם 6־טן מאַי 1943, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן (אַנדערע חברים זיינען דער־

מאָרדעט געוואָרן) און ער איז דערנאָך אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף פּראַגע, אויף דער 11־טער נאָוועמבער גאַס 10. דאָרטן איז ער פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט דעם 24־טן מאַי 1943. ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען ביי 28 יאָר (מער פּרטים וועגן דעם — זע אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן טאָסיאַ אַלטמאַן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

קלאַג אליעזר (לאַזער): געבוירן אין ווילנע. צו 12 יאָר האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין דרוק־פאַך. ער האָט גאָר יונג אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין „בונד". אַ מומחה אויף אונטער־ערדישער דרוק־אַרבעט נאָך אין די צייטן פון רוסישן צאַריזם. איז די זכרונות וועגן יענער העלדישער תקופה אין ווילנע ווערט אַ סך דערציילט וועגן זיין מוט און קאַמף־גייסט. ער האָט זיך אָפט באַטייליקט אין די גרופּעס, וועלכע פלעגן אויף עטלעכע שעה פאַרנעמען עפּעס אַ גרויסע דרוקעריי, אָפּדרוקן דאָס נויטיקע, און טאָמער האָבן זיך געפונען אויפן אָרט פּאָליציי־לייט האָבן די רעוואָלוציאָנערן זיי געשמידט אין קייטן אויף די עטלעכע שעה און ערשט נאָכן פאַרענדיקן די גאַנצע אַרבעט פלעגן זיי פאַרלאָזן די דרוקעריי. לאַזער קלאַג איז געווען אַ מיטגליד

אין אַ בונדישער קאַמף־גרופּע אין ווילנע נאָך אין די צאַרישע צייטן. ער איז געווען גרענעניצלאָז איבערגעגעבן זיין באַוועגונג און גרייט יעדן מאָמענט צו טון אַלץ וואָס ס'איז נויטיק פאַר איר. צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט איז ער געזעסן עטלעכע מאָל אין טורמע. אַ געוויסע צייט איז ער געווען טעטיק אין קיעוו. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש און דאָרטן האָט ער פאַרנומען אַ הויפּט־אָרט צווישן די דרוקער־אַרבעטער; אין לאָדזש האָט ער געלעבט אומלעגאַל, אונטערן נאָמען טוביה גלוז. אין יאָר 1915 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. צוויי יאָר שפּעטער איז ער שוין געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון דרוקער־אַרבעטער. אונטער זיין אָנפירונג איז געשאַפן געוואָרן די לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון אידישע דרוקער־אַרבעטער אין פּוילן, און אויף איר ערשטן צוזאַמענפאָר, אין 1925, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן פון דער פאַריינס־אַרבעט, אפילו ביי קליינע טעכנישע אַרבעטן. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אינם אָרקעסטער פון פאַריין און האָט געשפּילט אויפן באַס. ער איז געווען פּרנס פון דער וואַרשעווער אידישער

קהלה, אַלס פאַרשטייער פון „בונד". די לעצטע צוואַנציק יאָר פאַר דער מלחמה, האָט ער געאַרבעט אַלס מעטראַפּאַזש פון דער וואַרשעווער צייטונג „מאָמענט".

נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ פּאַלקס־קיך, אויף נאַוואָליפּיע גאַס, אין וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט הויפּטזאַכלעך דרוקער־אַרבעטער. ער איז געווען איינער פון די צענטראַלע טוער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג; אַ מיטגליד פונם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". זיין גרויסע דערפאַרונג אויפן געביט פון אונטערערד־אַרבעט האָט אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן און ער האָט אַ סך אויפגעטון פאַר דער באַוועגונג אין יענע ביטערע צייטן. ער האָט מיטגעהאָלפן נישט נאָר דער אידישער אונטערערדישער באַוועגונג נאָר אויך דער פּוילישער. די דייטשן האָבן געוואוסט, וועגן זיין באַדייטונג אין דער אונטערערדישער אַרבעט. אין דער נאַכט פון 17־טן צום 18־טן אַפּריל 1942, ווען 49 אידן זיינען אַרעסטירט און דערמאָרדעט געוואָרן (זע זייט 136, באַמערקונג 14), זיינען זיי אויך צו אים געקומען. מען האָט אים אָבער באַצייטנס געוואָרנט און ער איז נישט געווען אין דער היים. בשעת די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך תחילת געפונען, — ווי עס גיבן איבער די קיין ארץ־ישראל־אָנגעקומענע געראַטעוועטע געטאָ־קעמפער, — אינם בונקער פונם פאַרזאָרגונגס־מאַגאַזין אויף פראַנציסקאַנער 30. אין יענעם בונקער האָט געהערשט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט (אין די ערשטע מאַי־טעג האָבן זיך דאָרטן געפירט ביטערע קאַמפן, זע זייטן 295 און 296, באַמ. 1 און 2) און א ל י ע ז ר ק ל אַ ג ר ע נ י ע פּ י ז ש י ק, מ אַ נ י ע ז י ג ע ל ב ו י ם און איר זון, י ש ר א ל ג ר י־ל אַ ק, ל י י ב ק ע ר ש און נאָך עטלעכע חברים פון „בונד" זיינען דורך מ אַ ר ע ק ע ד ע ל מ אַ ן אַריבערגעפירט געוואָרן אינם בונקער פון אידישן שפּיטאָל אויף גענשע 6. דאָרטן איז ער אומגעקומען, צוזאַמען מיט זיין פרוי הינדע און מיט די אַנדערע, אַרום 10־טן מאַי 1943, — 56 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען (אין דער ניו־יאָרקער צייטשריפט פון „בונד" „אונזער צייט", פון סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1945, איז געווען געשריבן, אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן נאָך אין האַרבסט 1942, אָבער דאָס איז, ווייזט אויס, געווען אַ טעות; וועגן זיינע טעכטער רוזשע און בלומע — זע ווייטער).

קלאַג (וואַסערמאַן) רוזשע: די טאָכטער פון פריער באַשריבענעם אליעזר קלאַג.

איר מאַן, לעאַן וואַסערמאַן, איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון „בונד" אין וואַרשע. אין דער נאַצי־תקופה האָט זי געוואוינט מאַסקירט אַלס אַריערין אינם דאָרף פלודי, ביי וואַרשע. נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד, ווען די לעצט־פאַרבליבענע קעמפער זיינען אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע רערן און געפרואווט זיך קאָנצענטרירן אין וואַלד נעבן לאָמיאַנקי, האָט אַ גרופּע חברים (ג ו ט ע, י ו ר ע ק, און ל י ו ש ע ק ב ל אַ נ ע ס, צ מ ר ת ו ו אַ כ נ ה ו י ז ע ר — אַלע פיר לפ"ג — און פ י י ג ע ל ע ג אַ ל ד ש ט י י ן) געמאַכט אַ פּרוווו, אונטער דער פירונג

פון ז ל מ ן פ ר י ד ר י ך (לפ״ג) אָנצוקומען צו איר קיין פלודי. ווען זיי זײַנען געקומען אין דאָרף אַרײַן איז פ ר י ד ר י ך אַוועק צו איר הויז און די איבעריקע חברים זײַנען געבליבן וואַרטן; אינצווישן איז אָבער אָנגעקומען פּאָליציי און אַלעמען געכאַפּט. די דײַטשן האָבן זיי געפירט דורכן דאָרף און די פויערן האָבן זיי שרעקלעך געמאַטערט. דערנאָך זײַנען זיי אַלע דערמאָרדעט געוואָרן. געראַטעוועט געוואָרן איז נאָר רוזשע קלאַגס צוויי־יאָריקע מיידעלע ב אַ ש ע (בתיה), ווײַל די פויערטע, בײַ וועלכער זיי האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן, — אָדער אירע אַ דאָרף־שכנטע, האָט געזאָגט, אַז עס איז איר אייגן קינד. דאָס קינד האָט זיך שפּעטער געפונען אין הויז פון איינעם אַ פּאָליאַק, יאַנעק (ער איז אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשע אין האַרבסט 1944), פון פּ.פּ.ס., אויף קראַכמאַלנע־גאַס 23 און איז געבליבן לעבן (אינם באַריכט פון „בונד״ איז איר נאָמען פאַרביטן געוואָרן אויפן נאָמען פון רוזשעס אינגערע שוועסטער ב ל ו מ ע, אַן ענערגישע טוערין פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג, וועלכע איז דאַן געווען אין לאַגער סקאַרזשיסק און איז דערמאָרדעט געוואָרן ביים פּרווו צו אַנטלויפן פונם לאַגער, אַלטזייענדיק בײַ 26 יאָר; זע אויך זייט 257, באַמ. 20 — על־פּי־טעות איז דאָרטן די באַמערקונג נומערירט 24).

* **קליינוויס חנוך (העניעק):** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ הויז פון רײַכע אַסימילאַטאָרן. זײַן פרײַנטשאַפט מיטן זון פון אַ אידישן קינסטלער, פון וועלכן ער האָט צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן אידישער קולטור, ליטעראַטור און קונסט, האָט אים געבראַכט אין די רייען פון „גורדוניה״. עס קען זײַן, אַז אויך די באַליידיקונגען, וועלכע ער האָט געליטן אַלס איד אין דער שול, האָבן אים געשטופּט דערצו. זײַן באַגייסטערונג פאַר ציוניזם און ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ פאַנאַטישע כמעט פון ערשטן טאָג ווען ער איז געקומען אין „גורדוניה״־קלוב. ער איז געווען אָנגענעם און באַצויבערנדיק אין זײַן האַלטונג און גאָר גיך האָט ער דערוואָרבן צו זיך צוטרוי אין דער נײַער חברה. ער האָט געשטרעבט צום ים און איז אַרויסגעפאָרן קיין גדיניע, וואו עס האָט זיך געפונען דער ים־הכשרה־פּונקט פון דער באַוועגונג. דעם קן איז אָבער שווער געווען מוותר צו זײַן אויף זײַן אַרבעט אַלס דערציִער און אָרגאַ־ניזאַטאָר, און ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרבלײַבן אין וואַרשע נאָך אַ יאָר כדי ער זאָל פאָרזעצן די אַרבעט.

בשעת דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע, האָט פאָרגעזעצט זײַן אַרבעט אונטערערדיש און איז אַרײַנגעטרעטן אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „גורדוניה״, וועלכע האָט געווירקט תחילת אינם בערשטער־געביט, אונטער דער קאָמאַנדירונג פון א ל י ע ז ר ג ע ל ע ר (לפ״ג); ער איז געווען דער הויפּט־טוער ביים צוגרייטן די אויפרייס־מינעס וועלכע זײַנען שפּעטער אַזוי שטאַרק באַנוצט געוואָרן אין די קאַמפן (זע באַריכט פון שמחה ראַטהייזער, זייט 274, באַמערקונג 4). די חברים האָבן אים

גערופן מיטן צונאָמען „מיכאַלעק". בעת די געטאָ־קאַמפן איז זיין גרופּע געווען אויפן שטח פון די טעבענס־שולץ־וואַרשטאַטן. ער איז געווען איינער פון די דריי קעמפער, וועלכע האָבן געפּרוּווט בעת די קאַמפן אַרויספירן פון געטאָ־געביט ח נ ט ש ע פ ל אָ ט נ י צ ק א (אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש, וועגן איר, זייט 563, איז זיין נאָמען, על־פּי־טעות, געדרוקט קליינוואַקס). נאָך די קאַמפן איז ער ארויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג אין די ווישקאָווער וועלדער. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט ד ו ד נ אָ ו ו אָ ד ו ו אָ ר ס ק י, ד אָ ר ק אָ ד ע מ ב י נ ס ק א (ביידע לפ"ג) און אַנדערע, — זיי האָבן געוואָלט אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד כדי אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. זוכנדיק די פאַרבינדונג זיינען זיי אַדורכגעפאַלן און די גאַנצע גרופּע איז אומגעקומען, — ער איז דאַן אַלט געווען 26 יאָר (מער פּרטים זע אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן ד ו ד נ אָ ו ו אָ ד ו ו אָ ר ס ק י). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **קליינמאַן זיוטאַ:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ פאַרמעגלעך הויז. דער פאָטער איז געווען איינער פון די גרויסע קנעפּ־פאַבריקאַנטן; די פאַבריק זיינע איז געווען אויף אָקאָפּאָווע־גאַס. זי האָט געלערנט אין גימנאַזיע און אין אוניווערזיטעט, און איז געווען אַקטיוו צווישן דער קאָמוניסטיש־געשטימטער יוגנט. אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג פלעגט זי אַרויסטרעטן אויף פאַר־זאַמלונגען און אויך אַרויספאָרן מיט שליחות'ן. אין דער פאַר־מלחמה־תקופה איז זי געווען זייער אַקטיוו געגן די אַנטיסעמיטישע אויפרודערונגען אין די אוניווערזיטעטן.

אויך בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי ווייטער געווען אַקטיוו טעטיק. זי איז אַריין אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן) און איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. 26 יאָר איז זי אַלט געווען ווען זי איז געפאַלן אין קאַמף.

* **קליינמאַן שורה:** אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די לינקע פאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). זי איז געווען איינע פון די מוטיקסטע קעמפעריננס גלייך פונם ערשטן טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אין וועלכן זי האָט אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט. זי האָט געקעמפט אין טעבענס־שולץ־געביט. נאָך די קאַמפן איז איר געלונגען אַריבערצוקומען — דורכן בונקער אויף לעשנע 74 — אינם הויז אויף לעשנע 71, פון דער אַנדערער זייט גאַס, וועלכע איז שוין געווען אין אַרישן קוואַרטאַל. מען האָט זי געכאַפּט און אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע, וואו זי איז אומגעקומען, אין עלטער פון 20 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (ב. מ אַ ר ק אין זיין בוך „חורבות דערציילן" שרייבט, אַז זי איז געפאַלן בעת די קאַמפן אינם געביט פון די טעבענס־וואַרשטאַטן).

קלמנאָוויטש זעליג הירש: געבוירן אין גאָלדינגען, אַ שטעטל אין קור־לאַנד, דעם 30־טן אָקטאָבער 1881, אין זייער אַן אָרימער פאַמיליע. דער פאָטער איז געווען אַ פעדלער, וואָס פלעגט אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך, און די מוטער האָט אַ שטיק צייט געאַרבעט אין אַ נאָדלען־פאַבריק. ער האָט געלערנט אין חדר און אין ישיבה ביז 15 יאָר. שפעטער האָט ער פאַרגעזעצט אַלס עקסטערן זיינע וועלטלעכע לימודים און אין יאָר 1901 האָט ער באַקומען דעם מאַטוראַ־דיפלאָם, אין ליבאַו. ער האָט ווייטער שטודירט פילאָלאָגיע אין די אוניווערזיטעטן פון בערלין און קעניגסבערג, וואו ער האָט אויך געלערנט פסיכאָלאָגיע, עקאָנאָמיע און אָריענטאַליסטיק. זיין הויכבילדונג האָט ער פאַרענדיקט אין פעטערבורגער (היינט לענינגראַד) אינסטיטוט פאַר סעמיטישע שפראַכן. ער איז געווען



בילד פון 1933

איינער פון די ערשטע צען מיטגלידער פונם בערלינער ציוניסטישן־סאָציאַליסטישן פאַריין „חרות", וועלכער איז אין אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט געגרינדעט געוואָרן דורך ד"ר נחמן סירקין.

די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט קלמנאָוויטש אָנגעהויבן אין 1906 אַלס איבערזעצער אויף אידיש; ער האָט איבערזעצט בראָשורן פון דער „סיימיסטן"־פאַרטיי (אַ אידיש־סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וואָס איר הויפט־פראָגראַם אין דער אידן־פראַגע איז באַשטאַנען אין קעמפן פאַר דער דערגרייכונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער) און אויך אַרטיקלען פאַר דער „פאָלקס־שטימע". שפעטער האָט ער מיטגעאַרבעט אין אַנדערע צייטונגען און אויך אַלס איבערזעצער אינם ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג, וואָס אַ געוויסע צייט, נאָכן אַרעסט פון א. ווייטער, איז ער געווען זיין אָנפירער. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן פון ווילנע קיין פעטערבורג (לענינגראַד). אין יאָר 1918 האָט ער געוואוינט אין קיעוו און איז געווען לעקטאָר פאַר אידישער ליטעראַטור אין אידישן פאָלקס־אוניווערזיטעט. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען לעקטאָר פאַר אידיש אויף די מינסקער לערער־קורסן. אין 1922 איז דערשינען אין מינסק אַ קאָנספעקט פון זיינע לעקציעס אין אידישער גראַמאַטיק. אין 1921 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קאָוונע; דאָרטן האָט ער געאַרבעט אַלס סטיל־רעדאַקטאָר אין דער טאָג־צייטונג „נייס" און איז געווען לעקטאָר אויף די „הויכבילדונגס־קורסן". אַ געוויסע צייט האָט ער אויך פאַרבראַכט אין בערלין און שפעטער אין ריגע, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס לערער אין די אידישע שולן און אין 1925 האָט ער רעדאַגירט די ריגער טאָג־צייטונג „לעצטע נייס". פון 1926 איז ער געווען

לערער פון העברעאיש און תנ״ך אין דער העברעאישער גימנאַזיע און פּאָנעוועזש (ליטע). פון דאָרטן איז ער אין 1929 אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע און געוואָרן איינער פון די אָנפירער פונם אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, — פאַקטיש איז ער געווען דער וויסנשאַפטלעכער און אָרגאַניזאַטאָרישער לייטער פונם אינסטיטוט און אויך דער רעדאַקטאָר פון זיינע וויכטיקסטע אויסגאַבעס.

ז. קלמנאָוויטש איז געווען אַ טיפּישער אידישער הויך־אינטעליגענט אַ תלמיד חכם, וועלכער איז היימיש אין אַלע אָפּצווייגונגען פון דער פּאַרצייטיקער און פון דער מאָדערנער אידישער קולטור; אַ מיטבויער פון דער אידישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור; אַ וויסנשאַפטלעכער שרייבער און פאָרשער אויפן געביט פון אידיש־פילאָלאָגיע (ער האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אויף אַ אידיש־ווערטער־בוך; געקעמפט פאַר דער ריינקייט פון דער אידישער שפּראַך, קעגן דייטשמעריזמען, געפאָדערט צו באַנוצן וואָס מער העברעאישע ווערטער, געווען בשעתו פון די שאַרפסטע קעגנער פונם איינפירן דעם קאָמוניסטישן אויסלייג); אַ מיטגרינדער פון גימנאַזיעס מיט דער אידישער לימודים־שפּראַך. באַזונדערס וויכטיק איז געווען זיין פּרוקטבאַרע איבערזעצונגס־אַרבעט אויף אידיש (צווישן אַנדערע האָט ער אויך איבערזעצט די „אידישע מלחמות״ פון יאָסיפוס פלאַוויוס, די „געשיכטע פון אידישן פאָלק אין דער תקופה פון בית שני״ פון עמיל שירער, די „וועלט־געשיכטע״ פון ה. ג. וועלס, „די געשיכטע פון אידישן פאָלק״ פון ש. דובנאָוו). ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אַלס איבערזעצער אין בערלינער „כלל״־פאַרלאַג. אַ געוויסע צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין פּאַריז, ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״, אַרויסגעגעבן דורכן „דובנאָוו פאָנד״ אין די בענד געווידמעט דעם קאַפּיטל ״יידן״ (אינם צווייטן באַנד האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן העברעאיש און אַראַמיש). אין צוויי זאַמלביכער „אויפן שיידוועג״, וואָס זיינען אין 1939 דערשינען אין פּאַריז, האָט ער פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן פראַגן פון אידנטום און פון הויפּט־מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע: „אונטערן האַמער פון דער געשיכטע״, „יחיד און פאָלק אין דער אידישער פראַגע״. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט א פילאָלאָגישע פאָרשונג־אַרבעט וועגן דער שפּראַך אין יוסף פּערלס „מגלה טמירין״ (דער אידישער וואַריאַנט, געפונען און אַרויסגעגעבן דורך דעם שרייבער און אַלטן ציוניסטישן עסקן ישראל ווייַנלעז, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען אין ארץ־ישראל; די דייטשן האָבן אים אין דער אָקופּאַציע־צייט דערמאָרדעט אין לעמבערג).

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין ווילנע, און מיטן אַריינטריט פון דער רויטער אַרמיי איז אָפּגעשטעלט געוואָרן זיין אַרבעט אין „ייוואָ״ (משה לערער האָט פאַרנומען זיין אָרט), און ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס קאָרעקטאָר אין קלעצקין־פאַרלאַג. ער איז פאַרבליבן אין ווילנע אויך נאָך דער דייטשער אָקופּירונג, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ, און

כאָטש ער איז דאַן שוין אַלט געווען אַ יאָר 60 — איז ער געווען זייער אַקטיוו אין געטאָ (וואו ער האָט געוואוינט אין זיין קליין צימערל אויף שאַוועלסקע־גאַס נומ. 6). ער איז געווען אַ מיטגרינדער און דער פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַריין אין געטאָ, — אין וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אידישע אינטעלעקטואַלן פון אַלע ריכטונגען: ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן און אַנדערע. געווען זייער טעטיק אויפן קולטור־געביט אין געטאָ, האָט אָנגעפירט מיטן „קולטור־הויז" אויף סטראַשון־גאַס 6 און דעם פאָלקס־אוניווערזיטעט אויף שאַוועלסקע 12. אַ שטאַרקער אָפטימיזם האָט אים באַהערשט יענע גאַנצע צייט און ער האָט נישט געוואָלט גלויבן אין אַן אַלגעמיינער פאַרניכטונג. ער האָט זיך כסדר באַמיט אויפצומונטערן און צו מוטיקן אויך אַנדערע. אויך אין די גרויל־טעג האָט ער פאָרגעזעצט זיין שאַפונגס־אַרבעט און אַ סך געשריבן. צווישן זיינע שריפטן פון יענער תקופה איז פאַרבליבן אַן אַרבעט וועגן י. ל. פרץ („פרץ׳עס בליקן אויף דער אידישער שפּראַך") און אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אחד־העם׳ס מיינונגען מכוח דער העברעאישער ליטעראַטור (די ביידע אַרבעטן האָט ער געשריבן אין העברעאיש). אויך אַן אַרבעט „די גרונט פּראָבלעמען פון דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור". אויף דער לעצטער טעמע האָט ער אויך עטלעכע מאָל געהאַלטן לעקציעס אין געטאָ. זיין (העברעאיש און אידיש געשריבענעם) טאָגבוך, וואָס נעמט אַרום די צייט פונם 22־טן יוני 1942 ביזן 31־טן אויגוסט 1943, האָט מען געפונען נאָכדעם ווי קלמנאָוויטש איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין עסטאָניע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער נאַרוואַ; דאָרט שרייבט ער וועגן „גרויסן און שטאַרקן שאַפונגס־גייסט פון אידישן פאָלק, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט אין געטאָ, — דאָס איז איינע פון אונזערע גרעסטע און דערהויבנסטע דערשיינונגען". אינם טאָגבוך, וואָס איז איצט אינם ייוואָ־אַרכיוו אין ניו־יאָרק, זיינען פאַרשריבן טאָג־פּאַסירונגען, פאַרצייכנונגען וועגן גורל פון מענטשן און אינסטיטוציעס און זיינע באַטראַכטונגען וועגן גורל פון אידישן פאָלק.

האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך (1939) האָט ז. קלמנאָוויטש באַזוכט ארץ־ישראל; ער האָט זיך שוין פריער באַצויגן מיט סימפּאַטיעס צום אויפבוי־ווערק און באַזונדערס צו דער חלוצישער יוגנט. דאָס לאַנד האָט זיך אים איינגעשטעמפּלט אין האַרצן און ער האָט שטאַרק ליב־באַקומען ארץ־ישראל. בעת זיין באַזוך האָט ב ע ר ל כ צ נ ל ס ו ן אים פאָרגעלייגט אָפּצוגעבן זיך דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטס־אַרכיוו (ארכיון־העבודה). ער איז געווען נוטה אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג, אָבער ער האָט געוואָלט פריער מיישב זיין זיך מיט זיין פרוי וועגן דעם. ער איז צוריקגעפאָרן קיין ווילנע און שוין נישט צוריקגעקומען. נאָך זיין באַזוך אין ארץ־ישראל האָט ער געשריבן אַהין צו זיין זון שלום (אין קיבוץ מרחביה), אַז פריער פלעגט ער בענקען נאָך צו אים, אָבער איצטער בענקט ער שוין אויך צום לאַנד. און ווער עס האָט געקענט קלמנאָוויטשעס אויפריכטיקייט און פאַנאַטישע אמת־ליבע, ווייסט ווי טיף־ערלעך

עס זיינען געווען יענע ווערטער זיינע. אין געטאָ איז נאָך שטאַרקער געוואָרן זיין ציוניסטישע איינשטעלונג. ער האָט געגלויבט אין ציוניזם און איז געווען אַ טרייער פריינט פון דער חלוצישער יוגנט. ר ו ז ש ק ע, די פּאַרטיזאַנקע פון ווילנע, וועלכע איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל אין אָנהויב 1945 (אין 1946 האָט זי פאַרעפנטלעכט אין ספרית־הפועלים אַ בוך „להבות באפר" — „פלאַמען אין אַש"), דערציילט, אַז נאָך איינער פון די אַקציעס אין געטאָ, ווען די אידן האָבן געוואַרט אין שפּאַנונג וואָס ווייטער וועט זיין, האָט ער אַ זאָג געטון צו זיינעם אַ פריינט: „איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט", און אויף דער פראַגע — „פאַרוואָס" האָט ער געענטפערט: „מיין זון איז דאָך אין ארץ־ישראל".

בעת דער ליקווידאַציע פונם געטאָ איז ער צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער אידן, פאַרשלעפּט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער נאַרוואַ אין עסטאָניע. זיין פרוי ר ב ק ה פונדערהיים ל ו ר י ע (48 יאָר איז זי אַלט געווען בעת איר דערמאָרדונג), וועלכע איז דורך אַ צופאַל איבערגעלאָזט געוואָרן אין געטאָ, האָט זיך נישט געוואָלט שיידן פון אים און איז מיטגעגאַנגען אין לאַגער. אין די לאַגערן האָט ער אַ סך געליטן פון הונגער און פון דער שרעקלעכער אַרבעט. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט און ס׳איז אין אים כסדר געוואַקסן די ליבע צו זיין פאָלק און גלויבן אין אים. וועגן זיין נשמה׳דיקער איידלקייט קען עדות־זאָגן אַזאַ פאַקט: אין לאַגער האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט מ ש ה ל ע ר ע ר, וועלכער האָט אים אַרויסגעשטויסן פון „ייוואָ" און דערוויטערט פון זיין לעבנס־ווערק. לערער איז קראַנק געוואָרן אויף דעזינטעריע און קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך מיט אים צערטלעך מטפל געווען, ער האָט געזאָרגט פאַר אים ווי אַ ברודער, געוואַשן דעם קראַנקן, געהאַלטן זיין בעט ריין, געטיילט מיט אים יעדן ביסן, און ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער געזאָרגט פאַר זיין קבורה און געזאָגט נאָך אים קדיש. דאָס שווערע לעבן און דער הונגער אין גרויזאַמען לאַגער האָבן אים פיזיש צעבראָכן. אַ געשוואָלענער פון הונגער האָט ער קוים געשלעפּט די פיס. מען האָט געפּרווט אים ראַטעווען און מיט דער הילף פון שוחד, אַריבערפירן אים צו גרינגערע אַרבעטן, אָבער אַלע אָנשטרענגונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אין אָט דעם לאַגער, אין באַראַק נומער 3,ביידל 14 איז ער געשטאָרבן. (א ב ר ה ם ס ו צ ק ע ו ו ע ר גיט איבער („מאָרגן פרייהייט", 15־טער סעפּטעמבער 1945) אין נאָמען פון דעם ווילנער זינגער שמואל מאיר ס ל י ו ו ק י ן, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט ק ל מ נ אָ ו ו י ט ש ן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַז בעת ער איז קראַנק געווען האָבן זיינע חברים געפּרווט אויסבאַהאַלטן זיין קראַנקהייט פון די דייטשן, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען. איינמאָל איז אַ דייטשע מעדיצינישע קאָמיסיע געקומען אין באַראַק און טרעפנדיק קלמנאָוויטשן אַ קראַנקן האָט דער הויפּט־דאָקטאָר באַפוילן מען זאָל אים נעמען צו פאַרברענען; אַנדערע גרעאַטעוועטע פון יענעם לאַגער באַשטעטיקן אָבער נישט די דאָזיקע ווערסיע).

* **קלעפּפיש יצחק:** אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943, איז צווישן די נעמען פון די „דרור״־קעמפער אָנגעגעבן ק ל ע פּ פ י ש יצחק. די לעבנגעבליבענע חברים געדענקען טאַקי אַזאַ נאָמען, אָבער ס׳איז אונז נישט געלונגען פעסטצושטעלן ווער עס ווערט געמיינט און ממילא האָבן מיר נישט געקענט באַקומען קיין פּרטים וועגן אים (אין דער ערשטער־העברעאישער־אויפלאַגע פון דעם בוך האָבן מיר אַרויסגעזאָגט אַ סברה, אַז אפשר ווערט געמיינט ק ל ע פּ פ י ש י ש ר א ל פון גריצע נעבן וואַרשע און מיר האָבן געגעבן אַ באַשרייבונג פון אים און זיין בילד; שפּעטער איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז נישט אים מיינט מען אין דער דערמאָנטער ליסטע).

* **קלעפּפיש מיכאל:** געבוירן אין וואַרשע, דעם 17־טן אַפּריל 1913 אין אַ באַוואוסטער וואַרשעווער חסידיש־רבנישער משפּחה. זיין פאָטער יעקב, אַ לערער אין דער קהלה־שול איז אין דער יוגנט געווען אַ חסיד, שפּעטער איז ער אַריינגעטרעטן אין „בונד״. אויך די מוטער איז געווען אַ לערערין, זי האָט געלערנט פּויליש און פּוילישע ליטעראַטור אין די מלוכה׳שע שולן פאַר אידישע קינדער. זי איז אויך געווען אַ באַקאַנטע טוערין — די פאָרזיצערין פונם פאַרבאַנד פון אידישע לערער אין די מלוכה׳שע שולן און אַ מיטגלידערין פון לאַנדראַט פון די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אַ סך קרובים פון דער משפּחה זיינען געווען אַקטיווע טוער אין „בונד״, צווישן זיי אויך מיכאלס פעטער — דער באַוואוסטער בונדישער טוער און פּובליציסט וו. ש ו ל מ אַ ן. מיכאל איז, ווי מער זעען, אויסגעוואַקסן אין אַ בונדישער סביבה (אין יאָר 1920 בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה, די צייט פון פאַרשטאַרקטע רדיפות קעגן דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אין דער דירה פון זיינע עלטערן אויף שווינטאָ־יערסקע 30 געווען דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט פון „בונד״) און איז שוין יונגערהייט געווען טעטיק אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״ און אויך אינם בונדישן ספּאָרט־פאַריין „מאָרגענשטערן״. אין וואַרשעווער פּאָליטעכניקום, וועלכן ער האָט פאַרענדיקט מיט אויסצייכענונג, איז ער געווען אַקטיוו אין „בונד״יסטישן אַקאַדעמישן קרייז „רינגען״. דער הויכגעוויקסיקער און שטאַרקער מיכאל קלעפּפיש איז געווען אַ גראַדליניקער און באַשיידענער און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן האָט ער דערפילט יעדע אויפגאַבע פאַר דער באַוועגונג, — פון פאַרשפּרייטן צייטונגען

אין גאַס ביז אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס און אָנפירן מיט די שוץ־גרופּעס, וואָס זייער וויכטיקייט איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן, ווען פּוילן איז פול געווען מיט אַנטיסעמיטישן גיפט. אויך פאַר דער מלחמה זיינען געווען אָפטע פאַלן, ווען ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דרייסטקייט און מוט, אַרויסווייזנדיק דערביי קאַלטבלוטיקייט און פעסטע האַלטונג. עס זיינען געבליבן אין זכרון פון איין זייט — זיין דרייסטע באַטייליקונג אין דער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשעווער פּוילישן נאַציאָנאַלן טעאַטער בעת אַ פּייער־לעכער פּרעמיערע פון מוסאָליני׳ס אַ פּיעסע, און פון דער אַנדערער זייט — דער פאַל אין אַ זומער־קאָלאָניע פון „צוקונפט" אין יאָר 1934, אין די בערג פון מערב־גאַליציע, ווען ער האָט בשעת אַ פאַרפלייצונג געראַטעוועט אַ קינד פון סכנה. דאָס געפיל פון ווירדע איז געווען ביי אים באַזונדערס אַנטוויקלט. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין שום דער־נידעריקונג און אָפט האָט ער מיט כוח זיך געגנגעשטעלט אַנטיסעמיטישע גראָבקייט און אָנפאַלן. ער האָט נישט געוואוסט קיין שרעק.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן קיין לעמבערג און שפּעטער אין דאָניעצער־באַסיין. דאָרטן האָט ער געאַרבעט נאָר אַ קורצע צייט אַלס אינזשיניער אין אַ סאָוויעטישער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק; איז צוריקגעקומען קיין לעמבערג און נאָכן איבערפאַל פון די דייטשן אויף רוסלאַנד האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַר־שע, צו די חברים, ער זאָל קענען באַטייליקן זיך אין זייערע ליידן און קאַמפן. ער איז געווען איינער פון די מוטיקסטע און געטרייסטע קעמפער אינם אונטערערד; האָט געהערט צו דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד". אלס פאַכמאַן האָט ער געבראַכט זייער גרויס נוצן דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ביים אויפשטעלן געווער־וואַרשטאַטן פאַר די געטאָ־קעמפער. ער האָט זיך פאַרנומען מיט צונויפשטעלן די פּלענער פאַר זעלבסט־אויסאַר־בעטונג פון גראַנאַטן, באָמבעס, מינעס, און בעיקר אויפרייס־פּלעשער. די מיינסטע צייט איז ער געווען אין אַרישן טייל וואַרשע און האָט מיטגעאַרבעט ביים אַריבערשמוגלען געווער אין געטאָ אַריין. אויף דער אַרישער זייט האָט ער זיך תחילת געפונען אינם הויז פון פּאַליאַק סטעפאַן ש ט ש ע פּ אַ נ י אַ ק אויף גורנאָשליאָנסקאַ 3 (פּייגעלע פּעלטעל (וולאַדקע), דערציילט אין אירע באַשרייבונגען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אַז דערדאָזיקער פּאָליאַק האָט אין דער ערשטער צייט אַ סך מיטגעהאָלפן, אָבער שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט איבעריידן דורך דער געסטאַפּאָ און ער האָט איבערגעגעבן די דייטשן אַ סך אידן, וועלכע זיינען געווען פאַרבאָרגן אין באַהעלטענישן; צום סוף איז ער גופא דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ), און דערנאָך אויף פּאַנסקע 48 און אין אַנדערע ערטער. איין מאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן (לויט אַ מסירה פון דעם שטשעפּאַניאַק) און איז שוין אַריינגענומען געוואָרן אין די טויט־וואַגאָנעס. אויפן וועג קיין טרעבלינקע, ער איז אָבער אַרויסגעשפּרונגען פון דער באַן און ס׳איז אים געלונגען אָנצוקומען קיין וואַרשע. צוויי טעג פאַרן אויפשטאַנד איז ער געקומען אין

בערשטער־געביט און האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפן אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון יורעק בלאָנעס (לפ״ג). ער איז געפאַלן אין צווייטן טאָג פון די קאַמפן, דעם 20־טן אַפּריל 1943 (זע זייט 275, אינם באַריכט פון ש. ראַטהייזער). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. דעם 11־טן מאַי 1943 האָט דער „בונד" פון וואַרשע טעלעגראַפיש מודיע געווען וועגן דעם העלדישן טויט פון הויפּט־זייל פון דעם אויפשטאַנד, דעם בונדישן פירער — מיכאל קלעפּפיש. אין מערץ 1944 האָט די פוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן באַשלאָסן צו באַערן דעם אָנדענק פון דעם מוטיקן קעמפער מיט דעם העכסטן פוילישן אויסצייכנונגס־אָרדען „ווירטוטי מיליטאַרי", פאַר זיין גרויסן פאַרדינסט און באַזונדערער העלדישקייט אינם געטאָ־קאַמף (זיין שוועסטער גינא, אַן אַקטיווע בונדיסטין האָט בשעת די אַרויסשיקונגס־אַקציעס אין וואַרשע געאַרבעט, מאַסקירט אַלס קריסטין, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין דער אַמבולאַטאָריע ביים „אומשלאַגפּלאַץ". אין אומאויפהערלעכער לעבנס־געפאַר האָט זי זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען אירע חברים פון די טויט־טראַנספּאָרטן. זי איז שווער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן אין דעצעמבער 1942; אַלס אַריערין (אונטערן נאָמען זאָפיא זאַקשעווסקאַ) האָט מען זי מקבר געווען אויפן קאַטאָלישן בית־הקברות. די פרוי פון מיכאל קלעפּפיש רוזשע פערטשיקאָף און זייער טעכטערל זיינען געבליבן לעבן און האָבן פאַרלאָזט פוילן).

קערש לייב: געבוירן אין אַ שטעטל אין ראַדאָמער קרייז, אין 1889, אין אַן אָרימער און פרומער משפּחה. ער איז דערצויגן געוואָרן אין רעליגיעזן גייסט, האָט געלערנט אין חדר און אין ישיבה. אַלס 18־יאָריקער איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע אין דער ישיבה־בחורשער קליידונג, אַ קליינוויקסיקער און אַ באַשיידענער און איבערפולט מיט תלמוד־און תורה־וויסן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו וועלטלעכע ביכער, איז אַריינגעטרעטן אין „בונד" און געוואָרן איינער פון די געטרייסטע און באַגייסטערטע חסידים פון דער באַוועגונג. אין דער ערשטער תקופה האָט ער זיין הויפּט־טעטיקייט געווידמעט די ישיבה־בחורים און ער האָט זיי געצויגן אין בונדישן קרייז א. ג. פון אַרקאַדי קרעמער, אין וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די ישיבה־בחורים.



ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער איבערצייגונגס־קראַפט און אַ סך פון יענע בחורים האָט ער אַריינגעפירט אין „בונד". אין 1930 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונם בונדישן פאַריין פון סאָציאַליסטישע האַנטוועקער און הויז־אַרבעטער.

אַ סך יאָרן איז ער געווען סעקרעטאַר פון אָט דעם פאַריין. צייטנווייז האָט ער אויך געשריבן אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" דער עיקר אויף טעמעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיין פאַריין. ער איז געווען אַ תמימותדיק־אָרנטלעכער, באַליבט ביי אַלעמען פון זיינע קרייזן, וועלכע האָבן אים גערופן „לייבעלע". ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט אַרויסצורוקן זיך אויבנאָן, ער האָט זיך דערווייטערט פון כבוד און פון עפנטלעכקייט בכלל.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע, ער האָט נישט אָנגענומען קיין שום עצות און בעטענישן, ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. זיין איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר דער באַוועגונג האָט ער פאַרגעזעצט אויך אין די יאָרן פון אָקופּאַציע און אונטער־ערדישקייט. ער איז געווען פּרעזידיום־מיטגליד פון בונדישן צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע האָבן אין די אָקופּאַציע־יאָרן אונטערערדיש באַנייט זייער טעטיקייט. ער האָט געאַרבעט אין אַ שניידער־פאַבריק — ביי טעבענס. אַ געוויסע צייט האָט ער געוואוינט אינם גרויסן הויז עק זאַמענהאָף און גענשע. בשעת די קאַמפן איז ער געווען פריער אין בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 און דערנאָך האָט אים מאַרעק עדעלמאַן אַריבערגעפירט, צוזאַמען מיט נאָך חברים, אינם שפּיטאָל־בונקער אויף גענשע 6. דאָרטן איז ער אומגעקומען אַרום דעם 10־טן מאַי 1943. אינם באַריכט פון וואַרשעווער „בונד", געשריבן אין מאַי 1944, ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די אַקטיווע אונטער־ערדישע טוער, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן.

קראַמאַזש מאיר: געבוירן אין ביאַלע־פּאַדליאַסק, אַן אַרבעטער, וואָס אַ דאַנק זיין ענערגיע און אָריגינעלער אינטעליגענץ האָט ער נאָך יונגערהייט פאַרנומען אַן ערשט־ראַיִקן פּלאַץ אין דער פּאַרטיי לינקע פּועלי־ציון אין זיין שטעטל. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער אָרטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און איר פאָרשטייער און קהלה־קאָמיטעט. ער איז אויך געווען אַן אינס־טרוקטאָר פון דער יוגנט־צענטראַלע און פלעגט אין איר נאָמען באַזוכן די פּונקטן און זיין אומגעגנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און רעדנער. אין 1935 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. תחילת האָט ער געאַרבעט אינם סעקרעטאַריאַט פון דער געזעלשאַפט „אַרבע־טער־אָוונט־קורסן", און דערנאָך אַלס סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון האָלץ־און בוי־אַרבעטער — איינער פון די וויכטיקע פּאָסטנס אין דער אידישער פּראָפעסיאָ־נעלער באַוועגונג אין וואַרשע.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער אָנטיילגענומען אין אָרגאַ־ניזירן די סאָציאַלע הילף, הויפּטזאַכלעך — די פאָלקס־קיכן. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי־ציון פון 24־טן מאַי 1944, צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די געטרייע פּאַרטיי־טוער, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו ביזן טויט, — 40 יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער איז געפאַלן.

קשאַטשעק (קאַסטעק): אַ פּאָליאַק פון פּ. פּ. ר. — קאָמוניסטן. ער איז געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין וואַרשע אונטערן פּסעוודאָנים „קשאַטשעק" (אַ קליינער קוסט). עס איז אונז נישט געלונגען צו אידענטיפיצירן זיין נאָמען. אין אָנהויב פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָט די אָנפירונג פון פּ.פּ.ר. אים געשטעלט אין רשות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, מיטצוהעלפן ביים אַרויסנעמען די געטאָ־קעמפער אויף דער אַרישער זייט (זע זייט 279, באַמ. 10 אינם טאָגבוך פון ש. ראַטהייזער). ער האָט געטריי אויסגעפילט זיין שליחות. אויך שפּעטער האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן די אידישע קעמפער. נישט איין מאָל איז ער דערשינען אין דער „פּאַוויאַק"־טורמע און אין די געסטאַפּאָ־אַמטן און פאַרשטעלנדיק אַ פאַלשן דאָקומענט, אַלס מיטגליד פון דער נאַצי־פּאַרטיי, האָט ער אַרויסגעראַטעוועט מענטשן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין אָנהויב 1944 ווען עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויף פּרושנע 14 גוטע קאַוועגאַקי, יעקב פייגנבלאַט און זיג־מונט איגלא (אַלע דריי לפ"ג), איז ער אַוועק אין געסטאַפּאָ־אַמט פעסטצושטעלן די ראָל פון איינעם נאַטעק — יוזעק לאַנטשניק (זע זייט 219, באַמערקונג 1), וועלכן די געסטאַפּאָ האָט מיטגענומען מיט זיך קומענדיק אין דער וואוינונג פונם הויזוועכטער יאַבלאָנסקי. אין אָט דער שליחות איז ער אַדורכגעפאַלן און אומגעקומען, — ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק.

* **ראַבאָוו פייטשע (צפּורה)**: געבוירן אין סוכאָוואָליע, ביאַליסטאָקער קרייז, אין 1921, ביי אָרימע עלטערן מיט אַ סך קינדער, ברידער און שוועסטער און אויף איר איז געפאַלן דער יאָך פון זאָרג פאַר די קליינע קינדער. זי האָט געלערנט אין אַ פּוילישער שול און זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים. צו 15 יאָר איז זי אַריינגעטרעטן אין דער החלוץ־באַוועגונג. איר גאַנצע ענערגיע און פרייע צייט האָט זי פון דאַמאָלסט אָן געווידמעט מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט דער טעטי־קייט אין דער אָרגאַניזאַציע. די נידעריקע פייטשע מיטן אָנגענעמען פּנים און מיט די זאָרגפולע און אומעטיק־פאַרחלומטע אויגן, איז מיט איר איידלקייט און וואַכזאַמער פּילבאַרקייט גיך באַליבט געוואָרן ביי די חברים, ווי זי איז בכלל געווען באַליבט צווישן אירע באַקאַנטע. אין 1939 איז זי אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין לאָדזשער קיבוץ.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז זי געווען איינע פון די זעקס חברטעס אין לאָדזש, וואָס זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אינטע־רעסן פון קיבוץ און פון דער באַוועגונג. דערנאָך איז זי אַריבער קיין וואַרשע און אַ געוויסע צייט האָט זי זיך געפונען אין דער טשערניאַקאָווער פאַרם. זי איז געווען אַקטיוו אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג און געטריי געדינט די אינטערעסן פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען אַ מיטגלידערין פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". אין טאָגבוך פונם קעמפער שמחה ראַטהייזער ווערט זי דערמאָנט אַלס

איינע פון די קעמפער אינם ערשטער־געביט בעת דעם געטא־אויפשטאנד. נאך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאנד האט זי נישט געוואלט פארלאזן דעם געטא־געביט, ווייל זי האט זיך נישט געוואלט שיידן פון איר פארוואונדעטן חבר, חנוך גוטמאן (לפ"ג). זי איז פארבליבן נאכן 10־טן מאי 1943 מיט די לעצטע קעמפער אין צענטראלן געטא, וועלכע האבן דארטן פארגעזעצט זייער קאמף וואכן־לאנג, הגם פאראייניזאמט און אפגעשניטן פון דער וועלט. איר נאמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאלענע אין ווארשעווער געטא־קאמף.

ראדונסקי דוד: געבוירן אין סלאנים אין 1889. אין 1909 איז ער אריינגעטרעטן אין דער „צעירי־ציון"־באוועגונג ביי די אנהייבן פון איר אנטוויקלונג, ער איז דאן געווען איינער פון אירע אקטיווע טוער און ארגאניזאטארן און ער איז איר געבליבן טריי אין אלע אירע איבערגאנגען. זיין גאנץ דערוואקסן לעבן איז געווען געווידמעט דעם ציוניזם, דער אויפלעבונג פון העברעאיש און דער ציוניסטישער ארבעטס־באוועגונג. במשך א סך יארן איז זיין טעטיקייטס־ארט געווען ווארשע. פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אן אקטיווער חבר אין ועד פון חובבי שפת עבר אין ווארשע. ער איז געווען איינער פון די ערשטע ארגאניזאטארן פון קרן־קימת אין פוילן און דער ערשטער לייטער זיינער אויך אין באפרייטן פוילן; שפעטער איז ער

געווען איינער פון די הויפט־באאמטע און ס'איז קיין שום ספק נישט, אז ער האט געהאט א גרויסן טייל אין דעם דערפאלג פון קרן־קימת, אינם דערוועקן אזא גרויסע סימפאטיע צום נאציאנאלן־פאנד אין די ברייטסטע קרייזן און באזונדערס צווישן דער יוגנט. ער איז געווען א מיטגרינדער פון דער „התאחדות"־פארטיי אין פוילן און אן אקטיווער חבר אין איר צענטראל־קאמיטעט פונם ערשטן טאג אן און במשך אלע ווייטערדיקע יארן, — אין שליחות פון דער פארטיי פלעגט ער אויך ארויספארן אין דער פראווינץ. די לעצטע יארן איז ער געווען אן איבערגעגעבענער און אקטיווער פרעזידיום־מיטגליד פון דער „תרבות"־צענטראלע אין פוילן; א מיטגליד פון דער צענטראלע פון דער ליגע פארן ארבעטנדן ארץ־ישראל און א מיטגליד פון ווארשעווער „האיאס"־קאמיטעט. אין שליחות פון דער באוועגונג האט ער דערפילט א סך וויכטיקע אויפגאבן — געטריי און פאראנטווארטלעך. ער איז געווען דעלעגאט פון דער באוועגונג אויף עטליכע ציוניס־טישע קאנגרעסן. ער האט אויך פארעפנטלעכט פארשידענע ארטיקלען אין „היינט" און אין „פאלק און לאנד" (די „התאחדות"־צייטונג אין פוילן). אין 1925 האט ער באזוכט

ארץ־ישראל אַלס פירער פון אַ זשורנאַליסטן־און טוריסטן־רייזע אָרגאַניזירט דורכן קרן־קימת, און שפּעטער האָט ער אויף צענדליקער פאַרזאַמלונגען אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן דערציילט וועגן לעבן און שאַפן אין ארץ־ישראל.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. די חברים, וועלכע האָבן פאַרלאָזט וואַרשע דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939 האָבן געבעטן אים און אויך דעם אומפאַרגעסלעכן אליעזר־ליפא בלאָך (לפ״ג), — אַז זיי זאָלן אַוועק צוזאַמען מיט זיי, אָבער די אַנטשיידונג איז ביי ביידן געווען אַ שווערע און זיי זיינען פאַרבליבן. ראַדונסקי האָט געהיט דאָס טליענדיקע פייער פון דער באַוועגונג אויך אין יענע גרויל־צייטן. די ידיעות פון וואַרשע האָבן דערציילט וועגן זיין איבערגעגעבענער טעטיקייט אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, אין די פאָלקסקיכן א. א.וו. ער איז געווען א ראַיאָן־לייטער אינם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פונם אידישן אַמט פאַר סאָציאַלער הילף (זש. ט. א. ס.) אין דער וואַרשעווער פאַרשטאָט פּראַגע, און נאָך דער ארויסשיקונג פון די פּראַגער אידן — אינם מוראַנאָווער ראַיאָן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון (צ. ס.) — התאחדות, מיטגליד פון דער צענטראַלע פון „תרבות״ אין געטאָ און אויך פון דער ציוניסטישער קאָאָרדינאַציע, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט יוחנן מארגענשטערן און מנחם קירשענבוים (ביידע לפ״ג) און צביה לובעטקין און יצחק צוקערמאַן. אין אַ שפּעטערדיקער תקופה האָט ער גע־אַרבעט אינם טעבענס־„שאָפּ״, אין וואַרשטאַטן־געביט. ער האָט אין דער לעצטער צייט געוואוינט אויף קאַרמעליצקע 5. אין דעם הויז איז געווען אַ בונקער פון אַ רעוויזיאָ־ניסטישער קאַמף־גרופּע און ראַדונסקי האָט זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן מיט זיין פאַמיליע, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געטאָ־קאַמפן. די דייטשן האָבן געפונען דעם בונקער און ס׳איז נישט באַקאַנט אויב זיי האָבן די אידן באַלד דערמאָרדעט אָדער פאַרשיקט אין די טויט־לאַגערן (ב. מאַרק גיט איבער אין לאָדזשער „דאָס נייע לעבן״ פון 20־טן אויגוסט 1947, אַז לויט ווי קלמן קאָרנגאָלד האָט אים דערציילט האָט ער באַגעגנט ראַדונסקין אין מאַידאַנעק, וועלכער האָט זיך דאָרטן אין די ערגסטע צייטן געהאַלטן זייער גוט, חבריש, און געאַרבעט אין לאַגער אַלס שרעער). אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פּוילן צום איחוד־עולמי פּועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די אַקטיווע טוער פון דער באַוועגונג, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן (זיין איינציקע טאָכטער האָט געלערנט אין אַ לערער־סעמינאַר אין ירושלים; דריי חדשים פאַרן מלחמה־אויסברוך איז זי געקומען קיין וואַרשע אויף אַ באַזוך צו די עלטערן און זי האָט נישט באַוויזן אומצוקערן זיך קיין ארץ־ישראל. זי איז געווען מיט אירע עלטערן אינם בונקער אויף קאַרמעליצקע 5 און איז דערמאָרדעט געוואָרן, ווי עס ווייזט אויס; זיין זון איז אומגעקומען ביי די גרויסע אַרויסשיקונגען אין יולי—סעפּטעמבער 1942).

*** ראַזאָווסקי וואָלף (וועלוועל): אַ קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד". געבוירן אין וואַרשע, אין יאָר 1916. ער האָט**
געלערנט אין אַ אידישער פאָלקסשול און שפּעטער האָט ער געענדיקט אַ גימנאַזיע און פאָרגעזעצט די לימודים אין אוניווערזיטעט. ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ משפחה, וואו עס האָט געהערשט דער גייסט פון „בונד". אין 1926 איז וועלוול אַריין אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף" און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון איר צענטראַל־קאָמיטעט. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אַלס דערציער און זיין איינפלוס אויף די קינדער איז געווען זייער אַ גרויסער. ער פלעגט שטענדיק אויפנעמען די קינדער מיט א שמייכל און אויף אַ רואיקן און באַשיידענעם אופן פלעגט ער אַריינדרינגען אין זייער אינערלעכער וועלט.

בעת דער מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט די אונטערערדישע קינדער־באַוועגונג פון „בונד" און ער איז געווען איר אָנפירער. אַלס איר פאָרשטייער איז ער געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". צוויי מאָל האָבן אים די נאַציס אַרעסטירט און ער איז באַפרייט געוואָרן פאַר גרויסע געלט־סומעס, דאָס צווייטע מאָל איז ער אויסגעלייזט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון אַ קאַמף־גרופּע אין טעבענס־שולץ־געביט. אין חודש נאָוועמבער 1942, כאָטש דאַן איז געווען אַ צייטווייליקער אָפּהאַלט פון אַרויסשיקונגען, האָבן די דייטשן צונויפגענומען עטלעכע הונדערט אידן און זיי געפירט צו איינעם פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן. וועלוול ראַזאָווסקי איז געווען צווישן די געפירטע. אויפן וועג האָט ער אויפגעבראָכן דעם וואַגאָן, געהאָלפן עטלעכע מיידלעך אַרויסצושפּרינגען פון אים — צווישן זיי ג ו ט ע ב ל אַ נ ע ס (לפ"ג), אויך ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער באַן אין איר גאַנג און ס'איז אים געלונגען אומצוקערן זיך קיין וואַרשע. אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך אויסגעצייכנט, קעמפנדיק מיט זיין אָפּטיילונג אויפן שטח פון רעריכס „שאָפּן" — סמאָטשע 6—8. בעת די קאַמפן האָט זיך אים איינמאָל איינגעגעבן, מיט נאָך חברים, צו וואַרפן אַ 2 קילאָ'דיקע באָמבע פון אַ באַלקאָן אויף אַ פאַרבייפאָרנדיקן פולן אויטאָ מיט דייטשע ס.ס.־לייט. פון די בערך 60 דייטשע רוצחים זיינען נאָר 5 פאַרבליבן נישט באַרירט. נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד איז ער דעם 29־טן אַפּריל אַרויס, צוזאַמען מיט אַנדערע פון די לעצטפאַרבליבענע קעמפער, דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט און איז דאָרטן פאַרבליבן אין אַ באַהעלטעניש צוזאַמען מיט מ אַ ר ע ק ע ד ע ל מ אַ ן. סוף מאַי 1943 זיינען צו זיי געקומען — ווייזט אויס, לויט אַ מסירה — פוילישע אויספּרעסערס; וועלוול איז אַרויס אין גאַס כדי צו באַקומען געלט. עס איז געווען פאַרנאַכט, נאָענט צו דער פאַרבאָטענער שעה, און אויפן וועג, אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס, האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט אַ דייטשער באַן־אַרבעטער און האָט אים איבערגעגעבן אַ פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן. ער האָט נאָך באַוויזן

צו שיקן אַ צעטל פונם אַרעסט, און עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך אַנשטרענגונגען אים אַרויסצוראַטעווען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער איז איבערגעגעבן געוואָרן דער געסטאַפּאָ און דאָרטן איז ער אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף; אין דער ליסטע זיינען אויך פאַראַן די נעמען פון זיין פאָטער ישראל און פון זיין ברודער לייב (זע ווייטער). זיין פרוי רבקה, פון דער היים ראָזענשטיין, אַן אַקטיווע טוערין פון דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף", איז געראַטעוועט און האָט פאַרלאָזן פוילן.

*** ראַזאָווסקי ישראל:** דער פאָטער פון וואָלף (זע פריער) און לייב (זע ווייטער). געווען אַן אַלטער בונדישער טוער. אַקטיוו אין וואַרשעווער אַנגעשטעלטע־פאַריין. אויך ער איז, ווי ביידע זין זיינע, געווען אַ מיטגליד פון אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג. ער איז געשטאָרבן אויף טיפוס אין 1943 און זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** ראַזאָווסקי לייב (לייבעלע):** דער ברודער פון וואָלף און זון פון ישראל (זע פריער). אויך ער איז געווען אַ חבר פון „בונד". ער האָט געלערנט אין דער העברעאיש־פּוילישער גימנאַזיע „לאור", — אַ רואיקער, באַשיידענער און פלייסיקער. ער האָט געהערט צו דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף" און צו דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט — ווי אַ מיטגליד אין אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג — אין דער אָפּטיילונג פון יורעק בלאָנעס (לפ"ג). ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די קעמפער, וועלכע זיינען געפאַלן ביים פּרווו ארויסצוגיין אויף דער אַרישער זייט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד, — אין עלטער פון 23. יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** ראָזען סטעפע:** געבוירן אין וואַרשע, אַ חברטע פון די לינקע פּועלי־ציון. אין דער געטאָ־תקופה האָט זי געאַרבעט אַלס מעטאַל־אַרבעטערין אין דרייערס „שאָפּ" אויף סמאָטשע גאַס. זי איז אַריינגעטרעטן אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון איר פּאַרטיי. בעת די קאַמפן האָט זי געקעמפט אין בערשטער־געביט. זי איז אומגעקומען דעם 3־טן מאַי, צוזאַמען מיט שאַנן לענט, זישע פאָפּיער (ביידע לפ"ג) און נאָך חברים, ווען זיי האָבן געפּרוווט אַדורכשלאָגן זיך אַ וועג פונם בונקער אויף פראַנצישקאַנער 30 צו אַן אַנדער בונקער, — 22 יאָר איז זי דאַן אַלט געווען. — מער פּרטים וועגן יענעם קאַמף, זע זייט 296, באַמ. 2 (אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז אין נאָוועמבער 1943 אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן און אויך אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון, פון 24־טן מאַי 1944, איז איר נאָמען על־פּי טעות אָנגעגעבן סטעפאַן).

*** ראָזענבערג ירדנה:** געבוירן אין וואַרשע, אין יאָר 1923, אין אַ פרומער, פאַר־מעגלעכער משפחה. זי איז אויסגעוואַקסן אין סאַמע צענטר פון אידישן קוואַרטאַל, אויף די נאַלעווקיס. האָט געלערנט אין דער מיידלעך־גימנאַזיע „יהודיה" און נישט געקוקט אויף דער געגנערשאַפט פון די עלטערן איז זי גאָר יונג אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר". די קליינגעוויקסיקע רואיקע און באַשיידענע ירדנה האָט גאָר גיך זיך אויסגעצייכנט אין איר גדוד — „תל־עמל" — און אַדאַנק אירע פעאיקייטן, איבערגעגעבנקייט און טרייקייט איז זי געוואָרן איינע פון די צענטראַלע חברים אין גדוד.

בשעת דער מלחמה איז זי געווען אַקטיוו אַלס דערציערין אין אונטערערדישן קן און האָט געלעבט אין שטאָטישן קיבוץ פון „השומר הצעיר" אין וואַרשע, אויף נאַלעווקי 23. זי האָט געגעבן לעקציעס אין די אונטערערדישע הויף־שולן אין געטאָ, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן אַמט פאַר סאָציאַלער הילף. זי האָט גובר געווען די טיפוס־קרענק און פאַרגעזעצט איר אונטערערדישע אַרבעט. האָט געהערט צו אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „השומר הצעיר" און זיך באַטייליקט אין די געטאָ־קאַמפן. — איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

ראָזנבערג ראובן (ראובטשיק): געבוירן אין סוכאָוואָליע, ביאַליסטאָקער קרייז, אין יאָר 1921, אין אַ רייכער, יחוסדיקער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער, געזעלשאַפטלעכער טוער אין שטעטל, אַ סימ־פּאַטיקער פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. ראובן איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער, שוואַרץ־געקרייזלטער, שיינער אינגל, וואָס אין דער קינדהייט איז ער שטאַרק גע־צערטלט געוואָרן. צו 13 יאָר האָט ער פאַרענדיקט די אָרטיקע „תרבות"־פאָלקסשול און איז געפאָרן לערנען אין דער ביאַליסטאָקער העברעאישער גימנאַזיע. אָבער די מאַ־טעריעלע לאַגע פון די עלטערן איז געוואָרן אַ שווערע, האָט ער איבערגעריסן די לימו־דים און איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס בוכהאַלטער אין דער שטאָטישער עלעקטריציטעט־סטאַציע. אין יענער צייט איז ער אַריבער פון „החלוץ הצעיר" אין „החלוץ". ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרע־טאַר פון דער אָרטיקער החלוץ־אָרגאַניזאַציע; האָט באַזאָרגט די קולטור־אַרבעט. זיינע עלטערן זיינען געווען געגען זיין טעטיקייט אין החלוץ, און באַזונדערס האָבן זיי געמאַכט שוועריקייטן זיין אַרויספאָרן אויף הכשרה. אין 1938 האָט ער, צוזאַמען מיטן רב'ס זון, אָרגאַניזירט אַ גרופּע בחורים און זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין לאָדזש. פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו און באַגייסטערט פון נייעם לעבנסשטייגער האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלע פראַגן פון קיבוץ און איז באַליבט געוואָרן ביי אַלעמען ווי אַ מיזיניקל (מען האָט אים גערופן מיט ליבע „ראובטשיק", און אויך אינם בריוו פון החלוץ אין פוילן צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל, פון 15־טן נאָוועמבער

1943, ווערט אָנגעגעבן נאָר דער נאָמען אָן דעם פאַמיליע־נאָמען). מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פלעגט ער זיך מתגבר זיין אויף אַלע שוועריקייטן אין די הכשרה־באַדינגונגען און איז געווען אַ מוסטער פאַר עלטערע פון אים.

בעת דער מלחמה האָט ער פאַרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אַלס איינער פון די צענטראַלע טוער פון דער באַוועגונג אין אונטערערד, — אין ביאַליסטאָק און אין דער אומגעגנט. אין 1942 האָט ער באַוויזן צו באַקומען אַ ראַדיאָ און הערן די נייס פון דער גאָרער וועלט, בעיקר פון די פראָנטן. צוויי מאָל אין וואָך פלעגט מען אַרויסגעבן ביולעטינען מיט די פון אים באַקומענע ידיעות. דאָס איז געווען גאָר וויכטיק פאַר דער אַרבעט צווישן דער יוגנט, וועלכע איז געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. אינעם טאָג פונעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ האָט ער אַכטונג געגעבן, אַז אין זיין גרופּע זאָל יעדער שטיין אויף זיין פּאָזיציע און פאַרטיילט יעדן געווער. זיך אַליין האָט ער געלאָזן 2 רעוואָלווערן זאַגנדיק, אַז ער וויל קעמפן מיטן שונא מיט 2 רעוואָלווערן. ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן די געטאָ־פאַרצוימונג אויף סמאָלנע־גאַס. דאָרט האָט ער געקעמפט און דאָרט — אויף סמאָלנע־גאַס איז ער געפאַלן אין קאַמף; ער איז אַלט געווען 22 יאָר.

ראָזענטאַל צבי (הערשל): געבוירן אין יאַשינאָווקע, נעבן ביאַליסטאָק, אין יאָר 1919. זיין קינדהייט איז געווען אַ שווערע. דער פאָטער, אַ שאָפער, איז מערסנטס נישט געווען אין־דערהיים. צבי האָט געלערנט אין דער אָרטיקער „תרבות"־שול און האָט זיך דערצויגן אין חלוצישן גייסט. גאָר יונג איז ער שוין געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון „החלוץ הצעיר" אין זיין שטעטל און שפּעטער האָט ער געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון דער אַרבעט אין דער אָרגאַני־זאַציע. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע אין זיין שטעטל צו מאַכן אַ מין אַרבעטס־רעוואָלוציע. צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים פלעגט ער אין די אָוונטן אַרויסלאָזן זיך האַלץ־האַקן. ער האָט געגריג־דעט זומער־קאָלאָניעס און צוגעצויגן צו זיך אינגערע פון אים. אין אַלע זיינע טואונגען איז ער געווען

בילד פון 1937

מוטיק און ערלעך. ער איז אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין גראָכאָווער קיבוץ נעבן וואַרשע און פון דאָרטן איז ער געשיקט געוואָרן אין סעמינאַר קיין קלעוואַן (וואָלין), פונוואַנען מען האָט אים געשיקט אין קיעלצער קיבוץ צו שטאַרקן די דאָרטיקע אָנפירונג און דאָרטן איז ער פאַרבליבן ביזן מלחמה־אויסברוך.

דאַן האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין שטעטל וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. די פון־קיבוצים־צוריקגעקומענע חברים פון דער געגנט האָבן זיך פאַרזאַמלט און באַשלאָסן אַלץ צו פאַרלאָזן און זוכן אַ וועג צו פאַרבינדן זיך מיט דער באַוועגונג. הערשל (אַזוי האָבן אים די חברים גערופן) איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַן צווייפלענישן זיך געלאָזט אין וועג אַריין און אויפגעמונ־טערט אַנדערע צו טון ווי ער. ער איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און זיך פאַרבונדן מיט די חברים. אַנדערע האָבן נאָך אַ שטיקל צייט זיך אומגעקערט אין זייערע שטעטלעך אָבער ער איז פאַרבליבן אַרבעטן אין דער באַוועגונג. ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע און געוואָרן אַקטיוו אין דער חלוצישער קאָנצענטרירונג. ער האָט דערפילט די שווער־סטע אויפגאַבן פון אַן אונטערערדישן טוער; ער האָט קיינמאָל נישט גערוט, שטענדיק געאַרבעט מיט טאָפּלטער איבערגעגעבנקייט. אינמיטן 1942 האָט ער זיך אומגעקערט פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק. ער איז געווען אַקטיוו אין קיבוץ, האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער מוטיקייט, און אָפטמאָל האָט ער גענומען אויף זיך די געפערלעכע אויפגאַבע אַוועקצולאָזן זיך איבער די נאָענטע דערפער און שטעט־לעך איינצוזאַמלען די חברים און באַזאָרגן געווער. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פונם „דרור“־אַקטיוו אין ביאַליסטאָק דעם 27־טן פעברואַר 1943, האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „אַלע מייניקע זיינען אומגעקומען, פונדעסטוועגן וויל איך לעבן. אָבער ס׳איז נישטאָ קיין ברירה. נאָר יחידים קענען זיך ראַטעווען. וואָלט געווען אַן אויסזיכט, אַז 50—60 פּראָצענט אידן זאָלן בלייבן לעבן וואָלט איך געזאָגט, אַז דער וועג פון דער באַוועגונג מוז זיין: בלייבן לעבן, וואָס עס זאָל נישט זיין — אָבער אונזער גורל איז געחתמעט.“ ער איז געווען געגן גיין אין וואַלד. דאָרטן זיינען נישטאָ קיין באַדינגונגען צום קעמפן. נאָר איין וועג איז פאַראַן, האָט ער געזאָגט, אָרגאַניזירן פאַר יעדן פּרייז אַ קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד אין געטאָ. לאָמיר זען אינם געטאָ אונזער „מוסאַ־דאַג“ און צוגעבן אַ קאַפּיטל פון ערע דער אידישער ביאַליסטאָק און אונזער באַוועגונג. אינם בריוו פון החלוץ אין פּוילן צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל, פון 15־טן נאָוועמבער 1943, ווערט אָנגעגעבן זיין נאָמען צווישן די צענטראַלע טוער אין ביאַליסטאָקער קרייז, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף געגן שונא.

ראָזענפעלד מיכאל: שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, געווען נאָך פאַר דער מלחמה אַן אַקטיווער חבר אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין אַקאַדעמישן פאַרבאַנד „זשיטשע“ (לעבן); ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס לערער אין אַ קינדער־אַנשטאַלט פון „צענטאָס“. נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער פאַרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, לכתחילה אין לעמבערג, און ערשט פון יאָר 1942 — אין וואַרשע. ער איז געווען דער פאַרשטייער פון פּ. פּ. ר. (קאָמוניסטן) אין הויפּט־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, — בעתן

געטאָ־אויפשטאַנד אין אפּריל 1943 איז ער געווען אַן אַקטיווער און מוטיקער קעמפער. דעם 10־טן מאַי איז ער, צוזאַמען מיט אַנדערע לעצטפאַרבליבענע קעמפער, אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון די לעבנגעבלי־בענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער אין די ווישקאָווער וועלדער. ער האָט זיך באַטייליקט אינם איבערפאַל אויף דער באַן־סטאַציע אורלע (אָרלע), צוזאַמען מיט יאַנעק שוואַרצפּוס (לפ״ג) א. א. נאָך יענעם איבערפאַל האָט ער זיך געפונען אינם הויז פונם וואַלד־וועכטער נעבן דאָרף קראַוצאָוויזנאַ, די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם אָרט און אים קאַמף מיט זיי איז ער געפאַלן, אַלטזייענדיק אַ יאָר 29 (מער איינצלהייטן וועגן דעם קאַמף — זע די אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן יאַנעק שוואַרצפּוס).

* **ראָזענפעלד רוזשקע:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ מיטלשטאַנד משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַ שיך־סוחר. זי איז אויפגעוואַקסן אינם צענטער פון אידישן קוואַרטאַל — אויף מוראַנאָווסקע 14. האָט געענדיקט אַ מיטל־שול — די פּויליש־יידישע גימנאַזיע פון פרוי זיספעלד. נאָך פאַר דער מלחמה האָט זי געהערט צום קאָמוניסטישן פאַרבאַנד פון דער שטודירנדיקער יוגנט. אַ נידעריקע, אַ שוואַרצע, תמיד פול ענערגיע און טעטיקייטס־דראַנג. בשעת דער דייטשער אָקו־פּאַציע איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע און איז געווען טעטיק אין אָרגאַניזירן „ספּאַרטאַ־קוס״־גרופּעס פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. זי איז אויך געווען טעטיק אין די הויף־קאָמיטעטן. פאַרזיצערין פונם הויף־קאָמיטעט אין איר וואוין־הויז, דאָרטן פלעגט זי אויך פירן שמועסן וועגן די טאָג־געשעענישן. זי איז געווען טאַלאַנטפול און כאַראַקטער־שטאַרק; איינע פון די אַקטיווסטע טוערינס; צווישן די, וואָס האָבן געהאַט אַן אויפגאַבע איינצוהיטן די פאַרבינדונגען און אויך אַדורכצופירן געלט־קאָנפיסקאַציעס. אַ געוויסע צייט, ביז צום ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין יאַנואַר 1943, האָט זי אָנגעפירט מיט אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון די אידישע קאָמוניסטן, אין דער פאַבריק פון הערמאַן בראַוער, אינם הייזער־בלאָק נאַלעווקי 28 ביז 38. אין די טעג פונם אויפשטאַנד האָט זי געקעמפט אין טעבענס־שולץ געביט, אין דער קאַמף־אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדירונג פון ה. קאַווע (לפ״ג). זי האָט געהערט צום פּאָליטישן דרייליגג, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין יענע געביטן (זע די אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן לעוו רודניצקי). עס איז איר געלונגען אַרויסצוקומען דורכן בונקער וואָס אויף לעשנע 74 אינם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז אויף לעשנע 71, אויף דער אַרישער זייט. דעם 7־טן מאַי איז זי אַרעסטירט געוואָרן. ווען מען האָט זי געפירט צוריק אין געטאָ האָט זי געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן און זי איז דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט, אויף נאָוואָליפּיע 42 (לויט דער עדות פון ב. באָרג) אַלטזייענדיק דאַן אַ יאָר 22. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** ראזענצווייג רחל:** געבוירן אין סולעיאוו, פיעטרקאווער קרייז, אין א ציוניס־טישער ארבעטער־משפחה. דער פאטער איז געווען א קהלה־פרנס אין שטעטל און א סימפאטיקער פון דער באוועגונג פארן ארבעטנדן ארץ־ישראל. אין דעם גייסט האט ער אויך דערצויגן די טאכטער, וועלכע איז נאך־גאר־יונג אריינגעטרעטן אין „פריי־הייט" און אין החלוץ און איז געווארן מיט דער צייט אן אקטיווע חברטע. שפעטער איז זי ארויסגעפארן אויף הכשרה אין קיבוץ פון החלוץ אין קעלץ.

בילד פון 1936

בעת דער דייטשער אקופאציע איז זי געקומען קיין ווארשע, וואו זי האט געטריי געדינט דער אונ־טערערדישער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג. א שטיקל צייט האט זי געארבעט אין דער החלוץ־גרופע אין סטערדין נעבן סאקאלאוו. אומ־קערנדיק זיך קיין ווארשע איז זי אריין אין א קאמף־אפטיילונג פון „דרור" און בעת דעם אויפשטאנד האט זי געקעמפט אין זכריה ארטשטיינס (לפ"ג) אפטיילונג אין „צענטראלן געטא". זי איז פארבליבן אינם געטא־געביט אויך נאך דעם 8־טן מאי 1943. זי איז געפאלן אין די לעצטע קאמפן צווישן די געטא־חורבות, אלטזייענדיק 24 יאר. איר נאמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאלענע אין ווארשעווער געטא־קאמף. אין דער ליסטע פון געפאלענע געפינט זיך אויך דער נאמען פון איר חבר, אברהם דרייער.

ראט יעקב (קובא): געבוירן אין לעמבערג, פעברואר 1902, אין א סוחרישער משפחה פון מיטלשטאנד. ער איז אויפגעוואקסן און געווען פארווארצלט אין דער אידישער געגנט. אבער זיין שפראך איז געווען פויליש — די שפראך, וועל־כע מען האט באנוצט ביי אים אין דער היים. ער האט געלערנט אין דער אויסגעצייכנטער פוילישער גימ־נאזיע אויף סאקאל־גאס, און נאכן פאגראם פון יאר 1918, — אין דער אידישער גימנאזיע אויף זיג־מונטאווסקע־גאס. ער איז געווען א הויכער און א שיינער בחור, א שטאלצער און דרייסטער, און פון דער יוגנט אן, האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איינדרוקפולן שרייבן און פארלייענען. זייענדיק אין גימנאזיע האט ער געהערט צום ציוניסטישן סטו־דענטן־פארבאנד „טעאדאר הערצל", און שפעטער —

צום „השומר הצעיר״ (אַ טייל פון זיינע חברים אין קן זיינען שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און האָבן געגרינדעט דעם קיבוץ בית־אלפא). ער איז געווען דאָרטן איינער פון דער גרופּע „עקספּרעסיאָניסטן״, וועלכע זיינען צומגרעסטנטייל, און אויך ער, אַרויסגעטרעטן פון דער באַוועגונג, אין דער אָנהויב־תקופה פון דער דריטער עליה, און זיינען אַוועק, הויפּטזאַכלעך, אין די עקסטרעם־לינקע פּאַרטייען. ער איז געוואָרן אַ אידיש־פּוילישער שרייבער. האָט באַהערשט אַ סך שפּראַכן און זיך באַטייליקט אין עטלעכע פּוילישע צייטונגען; געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צענטראַלער פּוילישער ליטעראַרישער וואָכנשריפט „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע״ (ליטעראַרישע ידיעות.) אַ באַזונדערן אינטערעס האָט ער געהאַט צו מאָלעריי־קונסט און געשריבן אויף דער טעמע אַ סך קריטישע אָפּהאַנדלונגען.

אין דער אָקופּאַציע־תקופה האָט ער צוזאַמענגעאַרבעט מיטן אידישן אונטערערד אין וואַרשע אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף פאַר אידן אויף דער אַרישער זייט. ער איז געווען דער לייטער פון אַ הילף־קעמערל פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט. אַלע האָבן אים געשעצט ווי אַ ריינע און גראַדליניקע פּערזענלעכ־קייט. ער איז געפאַלן אין אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין אויגוסט־סעפּטעמ־בער 1944 (זיין שוועסטער שרה איז אין ארץ־ישראל, אַ חברטע אין קיבוץ עין־שמר).

* **ראַטבלאַט לייב (ליוטעק):** קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „עקיבא״. געבוירן אין וואַרשע, דעם 14־טן אָקטאָ־בער 1918; אַ בן־יחיד אין אַ ליבעראַל־אַסימילאַטאָ־רישער משפחה. כאָטש זיין משפחה האָט געוואוינט אין אַ צענטער פון דער אידישער געגנט, אויף טוואַרדע־גאַס, האָט ער געלערנט אין אַ קריסטלעכער גימנאַזיע. צו 12 יאָר איז אים אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער, און זיין מוטער, אַן אינטעליגענטע און ענער־גישע פרוי (זי איז געווען פאַרוואַלטערין פון אַ יתו־מים־אינטערנאַט און פון אַ קינדער אַנשטאַלט, פריער אויף גזשיבאָווסקע־גאַס און דערנאָך אויף טוואַרדע 27), האָט אים דערצויגן און אַנטוויקלט אין אים דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע. זייענדיק אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע האָט ער זיך צוגעקוקט צום וואוקס



בילד פון 1936

פון אנטיסעמיטיזם אַרום אים און עס האָט זיך ביי אים אַנגעהויבן אַ שווערער אינער־לעכער געראַנגל מכוח זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. דאַן איז ביי אים אויפגעקומען דער געדאַנק אוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל און פאָרזעצן דאָרט די לימודים אין חיפה׳ער טעכניקום. זיין אַנטשלוס האָט איבעראַשט אַלע זיינע באַקאַנטע און מען

האָט אָנגעהויבן משפיע צו זיין אויף אים, ער זאָל פריער אַריינטרעטן אין דער באַוועגונג פון „הנוער הציוני״. תחילת האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג דערצו, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן אָנגעהויבן באַזוכן דעם קן. עס האָט זיך אָנטפּלעקט פאַר אים אַ נייע וועלט און נאָך אַ קורצער צייט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג. אין 1937 איז דער שילער שוין געוואָרן אַ דערציער און אַרויסגעוויזן אין דער דאָזיקער טעטיקייט אַ גרויסן פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז געוואָרן אָנפירער פונם קן און האָט געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון דער אַרבעט און פון דער דערציִאונג אין דער באַוועגונג. דער הויכער, שיינער און פּעאיקער ליוטעק איז באַלד באַליבט געוואָרן צווישן די חברים און אַלע אָרט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן פאַרלאַנגען זיינע באַזוכן. אין 1938 איז ער אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה, אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז ער געווען געצוואונגען אומצוקערן זיך קיין וואַרשע און פאָרזעצן די אַרבעט אין קן, וואו ער איז געוואָרן דער הויפּט־טוער און איינער פון די פּעאיקסטע אָנפירער.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען אין וואַרשע. דאָן איז ער אַריינגעטרעטן אין דער „עקיבא״־באַוועגונג. אַ קורצע צייט איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס אַרבעט־פירער אין איינעם פון די געשעפּענע אַרבעטס־לעגיאָנען אָבער גאָר אינגיכן איז ער אַוועק פונם פּאָסטן, נישט וועלנדיק דערפילן קיין אויפגאַבע אין דעם געשאַפענעם אַרבעט־רעזשים. ער איז אַריבער אויפן געביט פון סאָציאַלער טעטיקייט און האָט אָנגעפירט איינע פון די פּליטים־קאָנצענטראַציעס אויף זאַמענהאָף־גאַס 32, וואו ער האָט אָנגעטראָפן אַ שרעקלעכע פאַרוואָרלאָזטקייט. ער האָט זיך דאָרט אָנגעשטעקט מיט טיפוס און עפּעס ווי דורך אַ נס איז ער געזונט געוואָרן. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אינם קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו פון די קהלה־מיטאַרבעטער. ביי אַלע זיינע באַשעפטיקונגען האָט ער אָבער קיין איין מאָמענט נישט איבערגעריסן זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג, ער איז געווען דער הויפּט־טוער אין וואַרשעווער „עקיבא״ קן, וועלכער האָט אין יענער תקופה געציילט ביי דריי הונדערט חברים. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבן גערופן צום געטאָ־אויפשטאַנד. עס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו זיין קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון זיין („עקיבא״) באַוועגונג און ער האָט זי דערפילט מוטיק און געטריי. ער ווערט דערמאָנט עטלעכע מאָל אין די קאַמף־באַריכטן פונם געטאָ־אויפשטאַנד. זיין שטוב אויף מוראַנאָווסקע 44 איז געווען אַ באַהעלטעניש, אַ מין שפּיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע קעמפער. דאָרטן האָט אַ געוויסע צייט זיך געהיילט א ר י ה ו ו י ל נ ע ר, ווען אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער געסטאַפּאָ און י ש ר א ל ק א נ א ל (ביידע — לפ״ג), נאָכדעם ווען ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן בעת געוועור־איבונגען, און אויך אַנדערע קעמפער. בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין „צענטראַלן־געטאָ״. ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם 8־טן מאַי פון אַלע זייטן דעם הויפּט־בונקער פון דער

קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18, האָבן די דאָרט־פאַראַנענע קעמפער נישט געוואָלט אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט אין די דייטשע הענט און זיי האָבן באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. לייב איז געווען צווישן זיי. אינם בונקער איז אויך געווען זיין מוטער מרים און אַ מיידל דאָלטשיע, דערצויגן אין דער מוטערס קינדער־אַנשטאַלט. ער האָט זיי אַהינגעבראַכט מיט עטלעכע טעג פריער, נאָכדעם ווי דאָס הויז און אַלע באַהעל־טעגישן אויף מוראַנאָווסקי 44 זיינען פאַרניכטעט געוואָרן (זע אזכרה־פאַרצייכעניש, וועגן ד״ר נפתלי נוסענבלאַט). ער האָט נישט געוואָלט, אַז די מוטער זאָל אַריינפאַלן אַ לעבעדיקע אין די הענט פון די דייטשע סאַדיסטן. ער האָט פריער געשאָסן צו זיין מאַמען, וועלכע ער האָט געליבט מער פון אַלץ (און פון גרויס אויפרעגונג האָט ער געמוזט פיר מאָל שיסן ביז זי איז אומגעקומען), און דערנאָך האָט ער זיך דערשאָסן. 24 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (זיין חברטע העלא שיפער, אַ מוטיקע קעמפערין פון דער „עקיבא״ קאַמף־אָפּטיילונג, וועלכע איז אַ טאָג פאַר זיין פאַלן אַרויס דורכן קאַנאַל אויף דער אַרישער זייט — זע זייט 278, באַמ. 9 — געפינט זיך אין ארץ־ישראל.

*** ראַטבליט יחיאל (חיל):** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „השומר הצעיר״. ער האָט געקעמפט אין דער גרופּע פון שלמה (יוסף יהושע) ווינאָגראָן (לפ״ג) אין טעבענס־שולץ־געביט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף. קיין פּרטים וועגן אים האָבן מיר נישט באַוויזן צו באַקומען.

*** ראַטמאַן גדליה:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ מיטלשטאַנד־משפּחה; זיין פאָטער האָט געהאַט אַ שפּייז־געוועלב אויף טוואַרדע־גאַס. גדליה איז אויפגעוואַקסן אין דער אידישער געגנט, האָט געלערנט אין דער קהלה־פאָלקסשול אויף שליסקע־גאַס, און דערנאָך אין אַ גימנאַזיע. אין יאָר 1937 איז ער אַריינגעטרעטן אין „הנוער הציוני״; ער איז געווען אַ מוזיק־ליבהאָבער און אָנגע־פירט מיט דעם כאָר אין קן. אין דער מלחמה־צייט איז ער אַריבער אין דער „עקיבא״־אָרגאַניזאַציע און איז געווען אַ חבר אין גדוד „לכפר״. אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „עקיבא״ און האָט זיך באַטייליקט אין די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל 1943, אין בנימין וואַלדס (לפ״ג) אָפּטיילונג, אין טעבענס־שולץ־געביט. ער איז געווען איינער פון דער קליינער גרופּע קעמפערס, וועלכע זיינען דעם 6־טן מאַי 1943 אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט, און די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט אויף אָגראָדאָווע־גאַס און אַוועקגעפירט זיי (אויך צבי עדעלשטיין — לפ״ג — איז געווען צווישן זיי) אין דער „בעפעלס־שטעלע״ פון די דייטשן אויף זשעלאַזנע 103. ביי גדליה ראַטמאַן האָט מען געפונען אַ גראַנאַט און מען האָט אים דערשאָסן אויפן

אַרט, — 20 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** ראַטמאַן צבי:** אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „השומר־הצעיר". אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט, אין טעבענס־שולץ־געביט, אין דער אָפּטיילונג פון דוד נאָוואָדוואָרסקי (לפ"ג). ער איז געווען צווישן יענע, וועלכע זיינען דעם 29־טן אַפּריל אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט (זע זייט 270, באַמערקונג 13). שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען פון די לעצט־פאַרבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן געקעמפט אין די ווישקאָווער וועלדער ביים בוג. ער איז אומגעקומען אין אַ קאַמף־אַקציע, אַדורכשווימענדיק דעם בוג, — אַ יאָר 23 איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** ראַמאַנאָוויטש ישראל:** פון אָכאָטע־קוואַרטאַל אין וואַרשע. האָט געלערנט שלאָסעריי אין דער פאַך־שול אויף גזשיבאָווסקע־גאַס און איז געווען אַ טוער אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". אין דער געטאָ־תקופה איז ער געווען אַ הייצער אין אידישן קינדער־שפּיטאָל אויף שליסקע־גאַס, און שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין די שולץ־וואַרשטאַטן.

ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „בונד". אין די קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער גרופּע פון יורעק בלאָנעס (לפ"ג). נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער אַרישער זייט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין וואַלד, אָבער ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט דוד נאָוואָדוואָרסקי און אַנדערע, כדי צו זוכן וועגן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. נעבן לאָמיאַנקי האָט מען זיי, לויט אַ מסירה, געכאַפּט און זיי זיינען אַלע אומגעקומען (זע די אזכרה פאַרצייכעניש וועגן דוד נאָוואָדוואָרסקי). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** ראַפּאַפּאָרט לייב:** געבוירן אין ביעלסקאָ, שלעזיע, ביי רייכע עלטערן, טעקסטיל־פאַבריקאַנטן. אין דער מלחמה־צייט איז ער פאַרוואַגלט געוואָרן קיין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי און דאָרטן אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען אין דער גרופּע „דרור"־חברים, וועלכע זיינען אַרויסגעפאָרן פון אָסטראָוויעץ קיין וואַרשע, כדי אָנטייל צו נעמען אין דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. מיטן גאַנצן יוגנט־ברען, מיט איבערגעגעבנקייט און

לעבהאַפטיקייט האָט ער זיך געווידמעט דער אונטערערדישער אַרבעט בכלל און באַזונדערס דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויס־צופאָרן קיין אויסלאַנד, אָבער ער האָט זי נישט געוואָלט אויסנוצן. זיינע קרובים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער אַרישן טייל פון וואַרשע, האָבן געמאַכט באַמיאונגען אים אַריבערצונעמען צו זיך אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון און איז פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן אין געטאָ. אין די קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער גרופּע פון בנימין וואַלד (לפ״ג) אין טעבענס־שולץ געביט און איז אומגעקומען אין די קאַמפן אין אַפּריל 1943, — אַ יאַר 21 איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **רובין משה:** איינער פון די פּליטים פון דייטשלאַנד, וועלכע זיינען נאָך אַ סך אַרומוואַגלענישן אָנגעקומען קיין פּוילן: פון דייטש־לאַנד קיין ווין, פון דאָרטן — נאָך היטלערס אַריינ־מאַרש — קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. און דערנאָך — קיין פּוילן. נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן איז אים געלונגען, אַדאַנק זיין ענערגיע און זיינע אָנ־שטרענגונגען, אַריבערצופירן מיט זיך די פאַמיליע פון אָרט צו אָרט. ער איז געווען אַ בחור מיט אַ שטאַרקן אינטעלעקט, אַ מדריך צווישן דער יוגנט, וועלכע איז פון דייטשלאַנד געקומען קיין פּוילן. ער האָט זיך באַמיט אַריינדרינגען אין דער נייער סביבה, אפילו גיך זיך אויסגעלערנט פּויליש. ער איז אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט״ און מיט שטאַר־קער איבערגעגעבנקייט צו דער טאָגטעגלעכער



אַרבעט האָט ער פאַראַנטוואָרטלעך אויסגעפירט אַלע אויפגאַבן. פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע רייף־געוואָרענע „פרייהייט״־חברים אַריבער אין דער פּועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי און געווען אַ חבר אין „יוגנ־פּועלי־ציון״, אַ מין איבערגאַנג־גרופּע צווישן דער פּאַרטיי און איר יוגנט־באַוועגונג. אויך זייענדיק אין דער פּאַרטיי האָט ער אייגעהיט דעם קאָנטאַקט מיט דער יוגנט און זיך באַטייליקט אין אַ סך אַקציעס אירע.

בשעת דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און מיט גוואַלדיקער איבער־געגעבנקייט געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. פאַר דער מלחמה האָט ער געלערנט אין אַ גראַפיק־שול; זיינע פאַך־ידיעות און זיינע גרויסע פעאיקייטן האָט ער שפּעטער אויסגענוצט ביים אויסאַרבעטן פאַלשע דאָקו־מענטן, וועלכע זיינען שטאַרק צונוץ־געקומען דער אונטערערדישער אַרבעט. ער איז אַוועק אין דער טשערניאַקאָווער פאַרם און געווען איינער פון די הויפּט־חברים

אויפן אָרט. נאָך דער ליקווידאַציע פון דער פאַרם אין האַרבסט 1942, האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און פאַרגעזעצט זיין אונטערערדישע אַרבעט אין דער באַוועגונג. באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען ביים אָרגאַניזירן די קאַמף־אָפּטיילונגען. ער איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער אָנטייל גענומען אין זכריה אַרטשטיינס (לפ"ג) קאַמף־אָפּטיילונג אין „צענטראַלן געטאָ". אויך אין די מינוטן פון שרעקלעכסטער געפאַר האָט ער נישט פאַרלוירן זיין גוט געמיט. טוביה באָזשיקאָווסקי דערמאָנט, אין זיין דאָך־פאַרעפנטלעכטן טאָגבוך, אַז אין די הפסקות צווישן די שלאַכטן פלעגט ער זיך באַמיען צו פאַרלייכטערן די מינוטן פון די קעמפער שפּילנדיק אויף אַ האַרמאָניקע. ער איז פאַרבליבן אינם געטאָ־געביט אויך נאָכן 10־טן מאַי 1943 און איז דאָן געפאַלן ביי די שפּעטערע קאַמפן, — אַלטזייענדיק אַ יאָר 24. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **רובענטשיק משה:** געבוירן אין נאָוואָסוויערזשין, נעבן סטויבץ (סטאָלפּצע), אין 1914, אַ בן־יחיד ביי זיין מוטער, וואָס איז געוואָרן אַן אַלמנה. ער האָט געלערנט אין אַ העברעאישער גימנאַזיע, איז אַריינגעטרעטן אין החלוץ און איז אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין באָראַכאָוו־קיבוץ אין לאָדזש. אין 1938 האָט ער זיך באַטייליקט אין צענטראַלן סעמינאַר פון החלוץ אין וואַרשע און דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין לאָדזש, און געווען פון די אַקטיווע טוער אין דער החלוץ־באַוועגונג. אַ גוטהאַרציקער בחור מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, אַ מתמיד און וויסן־גיריקער; ער האָט געלייענט אַ סך אָבער אויך ליב געהאַט סתם אַ שמועס; אַ פריינטלעכער צו מענטשן און אָנגענומען אין זיין געזעלשאַפט. אין קיבוץ האָט ער געאַרבעט אין דער גרויסער שניידעריי, וועלכע האָט באַשעפטיקט ביי

בילד פון 1937

אַ הונדערט־און־דרייסיק חברים, און ער איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. מיט דער גאַנצער וואַרימקייט און מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן האָט ער מיטגעהאָלפן דער דערציאונגס־טעטיקייט אין דער פאַראייניקטער יוגנט־באַוועגונג „פרייהייט־החלוץ הצעיר". ער פלעגט אויך אַרומפאָרן אין נאָמען פון דעם לאָדזשער ראַיאָן־ראַט.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווע חברים פון דער קאָמונע אויף דזשעלנע 34 און איז געווען איינער פון די פאַרוואַלטערס פון דער דאָרטיקער אַלגעמיינער פּאַלקסקיך, אין

וועלכער עס האָבן געגעסן ביי 600 מיטגלידער פון דער באַוועגונג. ווען עס איז פונדאַסניי געעפנט געוואָרן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם אין גראָכאָוו, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס איר פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרוואַלטער פאַר די מאַכט־אָרגאַ־נען און פאַר דער קהלה. צ ב י ה און פ ר ו מ ק ע דערמאָנען אים אין זייערע בריוו, ווי איינעם פון די אַקטיווע טוער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. ווען עס איז גע־שאַפן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור״. אין דער צווייטער העלפט פון 1942 איז ער געשיקט געוואָרן מיט דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון וואַרשעווער „דרור״־קעמפער אין די הרוביעשאָווער וועלדער און דאָרטן איז ער אומגעקומען (פּרטים זע זייט 142 באַמערקונג 27). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

* **רודניצקי לעוו (לב):** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ מיטלשטאַנד־משפחה. ער איז אויפגעוואַקסן אין סאַמע האַרץ פון אידישן קוואַר־טאַל. געווען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט אויף די נאַלעווקיס. אַ נידעריקער, תמיד־ערנסטער בחור; נאָך פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט און אין איר ספּאָרט־קלוב.

נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און געווען אַקטיוו אינם אונטערערד. אין דער געטאָ־תקופה האָט ער געאַרבעט אין האַלמאַנס פאַבריק אויף נאָוואָליפּקי־גאַס. ער איז געווען טעטיק אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהערט צום פּאָליטישן דרייליגג (צוזאַמען מיט ר ו ז ש ק ע ר אָ ז נ פ ע ל ד (לפ״ג) און ב ע ר נ אַ ר ד ב אָ ר ג — געראַטעוועט, פאַרבליבן אין פּוילן), וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער אידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין טעבענס־שולץ־געביט. אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער געקעמפט, אין שולץ־געביט אויף נאָוואָליפּיע גאַס, מיט זיין גרופּע ביז דער לעצטער קויל. ווען עס זיינען אויסגעגאַנגען די קוילן איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **רוזשאַנסקי אליהו (עלעק):** געבוירן אין וואַרשע, אין 1923, ביי פאַרמעג־לעכע עלטערן. ער איז אויפגעוואַקסן אינם סאַמע צענטער פונם אידישן קוואַרטאַל, אויף די נאַלעווקיס. ער האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע און גאָר יונגערהייט איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר״, אין גדוד „בניר״, וואו ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע חברים. ער פלעגט אָפט שאַרף קריטיקירן די טעטיקייט פונם גדוד און אויך פון איינצלנע חברים, אָבער אַלע האָבן אָנערקענט זיין אויפריכטיקייט און מען האָט זיך באַצויגן צו אים מיט אַכטונג און ליבע.

בעת דער מלחמה האָט ער אַדורכגעמאַכט אַן אינערלעכן געראַנגל צווישן דער

נויטיקייט צו פאַרזעצן די אַרבעט פון דער באַוועגונג אויפן אָרט און צווישן אַנדערע מעגלעכקייטן. צוזאַמען מיט זיין חבר און פריינט אברהם אַרוואַטש (לפ״ג) איז ער אַריבערגעפאָרן אין סאָוויעטישן געביט, אָבער אין 1940 האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. אין געטאָ איז ער געווען אַקטיוו אין קן און איינער פון די טעטיקסטע ביים אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד. זיין דרייסטקייט איז געווען צום באַוואונדערן — ער האָט אויף זיך גענומען די שווערסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבן. ווען דער קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן אָפצורייניקן די אַטמאָספער אין געטאָ דורכן באַזייטיקן די פאַרדאָרבנסטע פאַרברעכער, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט צו די דייטשן, איז אים איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע אויס־צופירן דעם טויט־אורטייל אויף מענדל לייקין, דעם קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי (די אידישע געטאָ־פּאָליציי; זע זייט 72, באַמערקונג 2 און זייט 147, באַמער־קונג 35), — עלעק האָט די אויפגאַבע אַדורכגעפירט. אינם ערשטן באַוואָפנטן קאַמף אין געטאָ, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, איז ער געווען אין דער קאַמף־גרופּע, וועלכע האָט, אונטער דער קאָמאַנדירונג פון מרדכי אַניעליעוויטש, אויסגעמישט זיך מיט אַ גרופּע אידן, וואָס מען האָט זיי געפירט צום טויט, כדי זיי זאָלן זיך קענען צעלויפן. אין יענעם צוזאַמענשטויס איז ער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דעם רעוואָלווער. אַ שטערבלעך־פאַרוואונדעטער איז ער אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַ שטוב אויף מילע 61 און דאָרטן איז ער געשטאָרבן ביים פולן באַוואוסטזיין. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַר־שעווער געטאָ־קאַמף.

* **ריינגעווירץ מאָניעק:** געבוירן אין ראַדאָמסק, אַ בן־יחיד אין אַ פאַרמעגלעכער משפחה. ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָר איז די מוטער מיט אים אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָרטן איז ער באַלד אַריין אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „פרייער סקויט״, דער יונגער שיכט פון דער פּועלי־ציוניסטישער (צ.ס.) יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט״. מאָניעק איז געווען אַ באַוועגלעכער, הויכגעוויקסי־קער און מאָגערער אינגל, מיט אַ שיינער טשופּרינע און פונם שמאָלן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט לעב־האַפטיקע אויגן מיט אַ שטאַרקן אויסדרוק פון ווילנס־קראַפט. ווי אַ בן־יחיד איז ער געווען זייער עמ־פינדלעך און געצערטלט אָבער ער האָט זיך גאָר גיך איינגעלעבט אין דער נייער סביבה' און זיך צוגע־וואוינט צו אַ געזעלשאַפטלעכן און דיסציפּלינירטן

בילד אין עלטער פון 17־18 יאָר

לעבנסשטייגער. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע און אויס־געפירט מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט הויפּט־אויפגאַבן. ער האָט זיך אַריינגעטון אין אַלע אינעווייניקסטע פּראָבלעמען און זוכענישן. ער האָט תמיד משפּיע געווען אויף דער יוגנט, געוואוסט צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט זיי, און זיי צוגעצויגן צו דער באַוועגונג. אַלס אָנפירער אין „פרייען סקויט" און דערנאָך אין „פרייהייט" האָט ער געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט און פון זיין ענערגיע די קינדער פון דער אידישער אָרימקייט, פונם לאָדזשער באַלוט. די קינדער, וועלכע האָבן נישט געוואוסט פון קינדהייט, פון לעבנספרייד און פלעגן שטיין אין די גאַסן־ווינקלען ביינאַכט און טרייסלענדיק זיך פון קעלט אויסרופן מיט מידע און הייזעריקע שטימען וועגן זייערע סחורות, — אָט די קינדער האָט ער דערצויגן און אַריינגענומען אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. די השפּעה פון דער נייער סביבה פלעגט זיך באַלד לאָזן דערקענען. אין די שבתים און ימים־טובים פלעגט ער געוויינלעך אַרויסלאָזן זיך מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע אויף שפּאַצירן אין די נעבן־שטאָטישע וועלדער און פלעגט מיט זיי פאַרברענגען די אָפרו־שעה׳ן אין שמועסן וועגן דעם גורל פון דער אידיש־פּראָלעטאַרישער יוגנט אין גלות און וועגן איר אויפגאַבע אין דער אויפלעבונג פון פאָלק, אינם אויפבוי פון ארץ־ישראל און אין דער וועלט־באַפרייאונג. אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן, ווען די אַנטיסעמיטישע כוואַליע האָט פאַרפלייצט די פּוילישע שטעט און אָנפאַלן אויף אידן אינמיטן־העלן־טאָג זיינען געוואָרן געוויינלעכע דער־שיינונגען, פלעגט ער אָפּט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און זיצונגען פון „פריי־הייט" און אויפפאָדערן, מען זאָל אָנהויבן געבן די חברים אַ מיליטערישע אויסבילדונג און פאַרבאַרייטן יעדן אינגל און יעדעס מיידל צו ווידערשטאַנד־מעגלעכקייטן. אין 1938 האָט ער פאַרלאָזט זיין מוטער און זיין גוטן פּאָסטן אין דער לאָדזשער דעפּאָזיטן־באַנק און איז מיט אַ גאַנצער גרופּע אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער, וועלכע האָבן גלייכצייטיק אויך געהערט צום החלוץ, אַוועקגעפאָרן אין קיבוץ. דאָרט האָט ער פאַר־פולקאָמט זיינע ידיעות, ער האָט געלערנט העברעאיש און אידישע געשיכטע און האָט פאַרטיפט זיינע קענטענישן אין די פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. ער האָט ווייטער אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אָרטיקער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע און אין ראַיאָן, ער איז געווען אַ מיטגליד פון ראַיאָן־ראַט, האָט אָנטייל־גענומען אינם לאַנד־סעמינאַר און אויך אין דער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ פון „פרייהייט" און „החלוץ הצעיר". אַ קורצע צייט נאָכדעם איז ער געשיקט געוואָרן אין נאָמען פון דער באַוועגונג צו אַרבעטן אין „דרור" אין קראָקע.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַריבער קיין וואַרשע און האָט זיך געפונען אין קיבוץ אויף דזשעלנע־גאַס 34. ער האָט געאַרבעט אינם אונטערערד פון דער באַוועגונג, וואו ער האָט דערפילט צענטראַלע אויפגאַבן און אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן. ער האָט אָרגאַניזירט די יוגנט און זי כסדר געמוטיקט און געמונטערט

צו טאָטן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". אין די שווערע צייטן אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער דערוויזן זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאי־קייטן, זיין ווילנס־כוח און זיין גייסטיקע קראַפט. ער איז געפאַלן צוזאַמען מיט דער פון וואַרשע אַרויסגעשיקטער פאַרטיזאַנער־גרופּע אין די הרוביעשאָווער וועלדער, אין האַרבסט 1942 (זע זייט 142, באַמערקונג 27), אַלטזייענדיק אַ יאָר 27. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער. אין יענער גרופּע איז אויך געפאַלן זיין חברטע פ ע ס י ע פ ו מ אַ נ אָ װ י ט ש.

ריכטער הירש (לאַזער סטאָלער): געבוירן אין ביאַלע־פּאָדלאַסק. יונגער־הייט איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און אויפגעוואַקסן אין קוואַרטאַל פון דער אידישער אָרימקייט אויף סטאַווקי־גאַס. נאָך אַלס אינגל — אין די יאָרן 4—1903 — האָט ער געהערט צום „בונד", אָבער דער איינגעשפּאַרטער קאַמף פונם „בונד" געגן ציוניזם האָט אים דערווייטערט פון זיך. ער האָט זיך דאַן דערנעענטערט צום ראַדיקאַל־ציוניסטישן קרייז „התחיה", וואָס צווישן זיינע פירער זיינען אויך געווען י צ ח ק ט אַ ב ע נ ק י ן, י צ ח ק ג ר י נ ב ו י ם און י ו ס ף ש פּ ר י נ צ אַ ק. דערנאָך איז ער געווען אין דער גרופּע, וועלכע האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר פּועלי ציוניסטישן פּראָגראַם און פאַרבונדן מיט דער ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, וועלכער ער איז געבליבן טריי נאָענט פערציק יאָר, ביז דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן. זיין גוזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע האָט ער זיך דערוואָרבן אַדאַנק זיין גראָדליניקייט, אויסגעהאַלטנקייט, קעמפערישקייט און אָפּערווילּיקייט. ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט אין קיין שול אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ טיף־אינערלעכע אינטעליגענץ און נאַטירלעכע פעאיקייטן און האָט געקענט אַריינדרינגען אין די סאַמע־קאָמפּלי־צירטסטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און רעאַליזירן זייערע לעזונגען אין טאָגטעגלעכן לעבן. ווען ער איז אַריינגעטרעטן אין דער פּועלי ציון־באַוועגונג האָט מען זיך אין איר באַשעפטיקט הויפּטזאַכלעך מיט טעאָרעטישע אויפקלערונגען און דיסקוסיעס, און ער איז געווען איינער פון יענע, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט באַלדיקע פּראַקטישע אַרבעט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט; אונטער דעם לאָזונג האָט ער אָרגאַניזירט אין דער פּאַרטיי די „אַרבעטער־אָפּאָזיציע". זייענדיק פאַרוואָרצלט אין דער מאַסע האָט ער געוואוסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין יעדן וואַרשטאַט, אין יעדער פאַבריק, און ער האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע השפּעה צווישן די אַרבעטער פון זיין פאַך, האָלץ־אַרבעטער, כאָטש

זיי האָבן צומגרעסטנטייל געהערט צום „בונד". ער איז געווען פּאָפּולער צווישן די אידישע אַרבעטער און אָרימע פּאָלקסמאַסן, סיי אין וואַרשע און סיי אין דער פּראָווינץ, — זיי האָבן אים גערופן מיט אַ ליבשאַפט צונאָמען: לאַזער סטאָלער. אָפטמאָל האָט אים זיין אויסגעהאַלטנקייט געבראַכט צו אַ שאַרפן אָקעגנשטעלן זיך זיין פּאַרטיי־אָנפירונג, ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי וויכט אויס די פּאַרטיי־ליניע. ער איז אָפט אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער פּאָליציי צוליב זיין פּאַרטיי־טעטיקייט. און נישט איין־מאָל איז ער מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן אין אַרעסט. אין 1909 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אויף דריי יאָר אין רוסישן מיליטער, — ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער־דינסט האָט ער באַלד ווידער פאַרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט. אין אַפּריל 1914 איז ער צוליב אַ מסירה אַרעסטירט געוואָרן און איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט קיין אַריאַל. דאָרטן איז ער געזעסן צוזאַמען מיט די פירער פון „בונד", וו. מעדעם און וו. אַלטער, וועלכע האָבן אומזיסט זיך באַמיט צו צעשטערן זיין ציוניסטישן גלויבן. די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אים באַפרייט פון קאַטאָרגע און ער איז געוואָרן איינער פון די קאָמוניסטישע אָנפירער אין דער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין רוסלאַנד. אָבער ווען דער קאָמינטערן האָט אין 1920 באַשטימט די באַקאַנטע פּונקטן פאַר דער אָנשליסונג פון די לינקע פועלי ציון איז ער געווען צווישן די שאַרפסטע באַקעמפער פון יעטוועדער אידעאָלאָגישער נאָכגעבונג. ער האָט ענערגיש פאַרלאַנגט פון דער פּאַרטיי טאָגטעגלעכע פּראַקטישע אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, ענגערע פאַרבינדונגען מיטן גאַנצן לאַגער פונם אַרבעטנדן ארץ־ישראל און אָנשלוס אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין 1924 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל, צו־וואָס ער האָט אַזוי לאַנג און שטאַרק געשטרעבט. די אַלטע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, באַזונדערס די תל־אביבער, געדענקען אים גוט אין די יאָרן 1924—27. לויט דער פאָדערונג פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע אין וואַרשע האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן צו אַרבעטן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ער האָט זייער געוואָלט צוריקפאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער דער פּאַרטיי־צענטער האָט אים אָפּגעהאַלטן אין פּוילן.

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט ער פאַרלאָזט וואַרשע, אָבער ער האָט זיך איינגיכן אומגעקערט כדי ווייטער צו זיין טעטיק דאָרט, וואו ער איז געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק פיר יאָר צענדליקער. ער איז טאַקי געוואָרן אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון דער אונטערערדישער אַרבעט. לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקענט זיך צופרידנשטעלן מיט פּאַסיוון ווידערשטאַנד און ער איז געווען צווישן די פאָדערער פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די נאַציס האָבן אים אַריבערגעפירט אין לובלינער קאָנצענטראַציע־לאַגער און אים דאָרט פאַרפייניקט צום טויט, — 58 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

רינגעלבלום עמנואל, ד"ר: געבוירן אין בוטשאטש (מזרח־גאליציע), דעם 12־טן נאוועמבער 1900. די קינדער־יארן זיינען ביי אים געווען שווערע; צו 12 יאר איז ער געווארן א יתום פון זיין מוטער. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די משפחה אריבערגעפארן קיין נייסאנץ (מערב־גאליציע) און דארטן האט ער פארענדיקט זיינע גימנאזיע־לימודים, זייענדיק געצוואונגען צו פארדינען גלייכצייטיק אויף חיונה פון פריוואטע לעקציעס. שוין דאמאלסט האט ער זיך ארויס־גערוקט אין די ערשטע רייען פונם פועלי־ציוניסטישן גימנאזיסטן־קרייז. ער האט א סך געלייענט און פלייסיק פארפולקאמט זיינע ידיעות אין סאציא־לאגיע און סאציאלע וויסנשאפטן בכלל. ער האט אנגעפירט מיט א קרייז פון ארבעטנדיקער יוגנט און האט אנטייל גענומען אין דער טעטיקייט פון דער



בילד פון 1931

פועלי ציון פארטיי אין זיין שטאט. אין 1920 איז ער אריבערגעפארן קיין ווארשע. ער איז אנגעקומען אויפן הומאניסטישן פאקולטעט פון ווארשעווער אוניווערזיטעט און האט זיך ספעציאליזירט אין היסטאריע (דר. יצחק שיפער האט געהאט אן אנטשיידנדיקן איינפלוס אויף דער באשטימונג פון זיין וויסנשאפטלעכן וועג). די גאנצע פרייע צייט האט ער געווידמעט פאר קולטור־ארבעט אין דער יוגנט־באוועגונג פון די לינקע פועלי ציון: געווען א מיטגליד פון איר צענטראל־קאמיטעט; האט זיך באטייליקט אינם רעדאגירן איר פרעסע (ער פלעגט זיך אונטערשרייבן אויך מיט א פסעוודאנים: מוניע העלער); א לערער און פארוואלטער פון ארבעטער־אוונט־קורסן. אין 1923 האט ער געשאפן, ביים אידישן סטודענטן־קרייז אין ווארשע, סעמינארן צו פארשן די אידישע געשיכטע און ער איז געווען מיטרעדאקטאר פון זייער צייטשריפט „דער יונגער היס־טאריקער". אין 1927 האט ער באקומען דעם דאקטאר־טיטול. ער איז אריבערגעפארן אויף א יאר צייט קיין ווילנע אלס לערער פון געשיכטע אין די מיטלשולן און האט מיטגעארבעט אין דער היסטארישער סעקציע פון ייווא. אין 1928 האט ער זיך אומ־געקערט קיין ווארשע און צען יאר נאכאנאנד האט ער געארבעט אלס לערער אין א דארטיקער פוילישער מיידלעך־גימנאזיע. אין 1929 איז ער איינגעלאדן געווארן דורכן „דזשאינט" מיטצוארבעטן אויפן געביט פון גמילות־חסדים־קאסעס און ער איז געווארן רעדאקטאר פון דער צייטשריפט פון די דאזיקע קאסעס — „פאלקס הילף". אין זיין „דזשאינט"־טעטיקייט האט ער ארויסגעוויזן א סך ענערגיע און האט א סך אויפ־געטאן פאר דער אידישער זעלבסטהילף און פאר דער פראדוקטיוויזאציע פון די אידישע מיטלשטאנד־שיכטן; ער האט זיך באמיט צו פארשפרייטן צווישן זיי דעם געדאנק פון

באַשעפטיקן זיך מיט גערטנעריי, בינען־ציכטלעריי און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען אַלס הילף־פּרנסות אינם אידישן קליינשטעטל אין פּוילן. אין יענער תּקופה האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע ייוו״א־טעטיקייט און איז געוואָרן איינער פון די חשובסטע מיטאַרבעטער פון דער היסטאָרישער סעקציע. ער איז אויך געווען טעטיק אַלס קולטור־טוער און לעקטאָר אין אָוונט־קורסן און סעמינאַרן, צווישן זיי, אויך אין די סעמינאַרן פון החלוץ. אין 1938 האָט ער פאַרלאָזט זיין לערער־אַרבעט און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער „דזשאָינט״־טעטיקייט. ער איז דאַן געווען טעטיק הויפּטזאַכלעך אין דער הילף־אַרבעט פאַר די אידישע פּליטים פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין די טויזנטער. גלייכצייטיק האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט אין דער פּאַרטיי פּועלי ציון לינקע, געווען אַ מיטגליד פונם פּאַרטיי־ראַט, און צום 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעוו איז ער געוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט דורך זיין פּאַרטיי. ער איז תּמיד געווען ענערגיש און באַליבט ביי אַלעמען. צוזאַמען מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן אַלס וויסנשאַפטלער און הויך־קול־טורעלער געזעלשאַפטלעכער טוער איז ער געווען פאַלקסטימלעך און איינפאַך אין באַציאונגען מיט מענטשן, און ערנסט און געוויסנהאַפט אין זיינע פאַרפּליכטונגען. זיין ווערטפול בוך „די געשיכטע פון אידן אין וואַרשע ביז צום גירוש פון יאָר 1527״ (וואָס האָט אים געדינט צו זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע) האָט באַקומען דעם פּרייז פון וואַרשעווער שטאָטראַט און איז דערשינען אויף פּויליש אין יאָר 1932 (קאַפּיטלען זיינען אויך דערשינען אין אידיש, און דער ווייטערדיקער טייל פונם ווערק — ביזן סוף פון 18־טן יאָרהונדערט — איז געווען גרייט אין כּתב־יד). ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך אַ סך אַנדערע פאָרשונגס־אַרבעטן, צווישן זיי: צוויי ביכלעך אויף פּויליש און אויף אידיש (אין 1930) „מקורים צו דער געשיכטע פון אידן אין פּוילן און מזרח־אייראָפּע״ (צוזאַמען מיט ד״ר רפאל מאַהלער); „צו דער געשיכטע פון אידישן בוך און דרוק אין פּוילן אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט״ (אידיש, 1932—1934); „אידן אין ליכט פון דער וואַרשעווער פּרעסע״ (פּויליש, 1932); אַ שורה אַרטיקלען וועגן פּוילישע אידן אין 18־טן יאָרהונדערט („אַ אידישע דעבאַטע אין פּוילישן סיים פון 1775״, „עטלעכע ידיעות וועגן די פראַנצויזישע אידן אין דער פּוילישער פּרעסע אין 18־טן יאָרהונדערט״, „אַן אָפּקלאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״ — אַלע דריי געדרוקט אין די יאָרן 1931/32); „פּראָיעקטן און פּרווון איבערצושיכטן אידן אין דער עפּאָכע פון קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט״ (פּויליש, 1934); „די פּוילישע אידן אין אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ אין יאָר 1794״ (1937); בערך 25 אַרטיקלען וועגן אידישע דאָקטוירים אין אַמאָליקן פּוילן און אין קאָנגרעס־פּוילן ביז צום אויפשטאַנד 1863 (אין די יאָרן 1931—1938); „שמואל זביטקאָווער, דער מנהיג און באַנקיר״ (1938); „חסידות און השכּלה אין וואַרשע אין 18־טן יאָרהונדערט״ (1938); מאָנאָגראַפיעס וועגן אידישע קהילות (אַ סעריע אַרטיקלען) און נאָך פיל אַנדערע אַרבעטן.

בעת דער מלחמה איז ער געווען איינער פון די אָנפירערס פון דער פאַרצווייגטער סאָציאַלער הילף־טעטיקייט פונם „דזשאָינט״, און אויך איינער פון די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע טוער אינם אידישן אונטערערד אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז געווען דער לייטער פונם געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר פון דעם אידישן אַמט פאַר סאָציאַלער הילף Ż.T.O.S., וואָס זיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין באַקומען געלט־מיטלען, שאַפן הויף־קאָמיטעטן, פירן אַ קולטור־אַרבעט, זאַמלען קליידונג א.א.וו. אַדאַנק זיין איניציאַטיוו, אַדאַנק זיין ענערגיע און איבערגעגעבנקייט איז געשאַפן געוואָרן דער אונטערערד־אַרכיוו, וואו עס זיינען געזאַמלט געוואָרן אַלע דאָקומענטן וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון פוילישן אידנטום. ער איז געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט אַ גרופּע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער, און איז זעלבסט געווען דער הויפּט־זייל פון דער גאַנצער אַרבעט. ער האָט געמונטערט שרייבערס און סתם־מענטשן זיי זאָלן באַשרייבן אַלץ וואָס עס איז געשען מיט אידן אין יענער תקופה און ער האָט זיי באַשטימט די טעמעס. ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די מאַטעריאַלן זאָלן ווי געהעריק באַהאַלטן ווערן, אַזוי אַז מען זאָל זיי קענען באַנוצן אויך נאָך אַ לאַנגער צייט (זע זייט 310, באַמערקונג 4). ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אין דער אָרגאַניזירונג פונם אידישן אויפשטאַנד. אַ געוויסע צייט (סוף 1942) איז ער געווען אינם טישלער־„שאָפּ״ פון האַלמאַן אויף נאָוואָליפּקי (פריער האָט ער אין געטאָ געוואוינט אויף נאָוואָליפּיע 55). אין מערץ 1943 איז ער אַרויס אויף דער אַרישער זייט, אָבער צוריקגעקומען אין געטאָ ערב דעם אויפשטאַנד. נאָך דער אונטערדריקונג פונם אויפשטאַנד האָבן אים די נאַציס אַרויסגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טראַווניקי. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען איז דער אונטערערדישער באַוועגונג געלונגען, אין זומער 1943, אים אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן, מיט דער הילף פונם פּאָליאַק טעאָדאָר פּאַיעסקי. צוזאַמען מיט דער גרופּע מיטאַרבעטער האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט זיין ווערטפולע אַרבעט אין וואַרשעווער אונטערערד — זיי האָבן געזאַמלט אויסערסט־וויכטיקן מאַטעריאַל וועגן דער קאַטאַסטראָפע פון די פוילישע אידן אין דער מלחמה. אין 1943 איז דורך באַמיאונגען אין אויסלאַנד דערגרייכט געוואָרן אַ מעגלעכקייט, אַז ער און נאָך עטלעכע מיטגלידער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט זאָלן פאַרלאָזן פוילן; ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע, אָפּגעזאָגט זיך אויסצונוצן די דאָזיקע מעגלעכקייטן (וועגן דעם ווערט דערציילט אויף זייט 198). אין זומער 1943 איז ער צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק אידן אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין אַ בונקער אויף גרויעצקער־גאַס, מאָקאָטאָווער קוואַרטאַל, אין דעם אַרישן טייל וואַרשע. דערדאָזיקער בונקער איז פאַר זייער גרויסע געלט־סומעס ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרן דורכן פּאָליאַק מיעטשיסלאַוו וואָלסקי און ער איז געוואָרן פאַרדעקט מיט אַן אָראַנזשעריע. דעם 7־טן מערץ 1944 האָט געסטאַפּאָ, ווייזט אויס, צוליב אַ מסירה, אַנטדעקט דעם

בונקער און אַוועקגעפירט אַלעמען פון דאָרטן אין דער „פּאַוויאַק"־טורמע, וואו עס זיינען פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט עמנואל רינגעלבלום, זיין פרוי יהודית (פונ־דערהיים הערמאַן — זע וויטער), זייער 14 יאָריקער בן־יחיד אוריה צוזאַמען מיט נאָך 35 אידן, צווישן זיי אויך אַ פרוי, וועלכע האָט אין דערזעלבער נאַכט געבוירן (אַ וואָך איידער ער איז דערמאָרדעט געוואָרן האָט רינגעלבלום געשריבן, צוזאַמען, מיט דר. אַדאָלף בערמאַן אַ געניען בריוו וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין וואַרשעווער געטאָ — דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט דאָ אין בוך, זייטן 307 און ווייטער).

רינגעלבלום (פונדערהיים **הערמאַן**) **יהודית**: געבוירן אין וואַרשע, אין אַ חסידישער משפחה מיט אַ סך טעכטער, וועלכע זיינען אַלע אַרויס פון די טראַדיציאָנעלע ראַמען און זיינען געוואָרן אַקטיוו אין פאַרשידענע באַוועגונגען — אין „בונד", אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, איןביידע פליגלען פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג, אין החלוץ. יהודית איז פון יאָר 1920 געווען אַ חברטע פון די לינקע פועלי־ציון. זי איז געווען טעטיק אין אַקאַדעמישן קרייז פון דער פּאַרטיי, דאָרטן האָט זי אויך דערקענט עמנואל רינגעלבלומען און האָט זיך מיט אים פאַרבונדן. זי איז געווען אַ לערערין פון פּויליש אין מלוכה־שולן פאַר אידישע קינדער און אין אַ באַראַכאָוו־שול פון דער ציש"אַ, און אויך אויף די „אַרבעטער־אָוונט־קורסן". זי האָט זיך אָבער נישט

בילד פון 1931

באַגרעניצט נאָר אין ראַמען פון לערעריי און פלעגט זיך אָפּרופן אויף יעדער פאָדערונג צו דערפילן געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן. איר גוטהאַרציקייט און מיטגעפיל צו פערזענלעכע און אַלגעמיינע נויטן און צרות האָבן זי דערפירט צו אַ סאָציאַלער טעטיקייט צווישן קינדער, און זי פלעגט אָפט זיי באַזוכן אין זייערע היימען. אַ פיינער און איידעלער טיפּ פון אַ טרייער אידישער טאָכטער.

אין דער געטאָ־צייט האָט זי געאַרבעט אין די „צענטאָס"־מאַגאַזינען. טראָץ אירע שטאַרקע פאַרבינדונגען אין די קרייזן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ איז נישט לייכט געווען צו פועלן ביי איר זי זאָל פאַרבלייבן מחוץ די געטאָ־מויערן, צוגלייך מיט אַנדערע חברטעס, וועלכע זיינען געווען פאַרבינדלעריגס מיטן פּוילישן אונטערערד. זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דעם 7־טן מערץ 1944 צוזאַמען מיט איר מאַן עמנואל און מיט זייער איינציקן 14 יאָריקן זון אריה (ווי עס ווערט באַשריבן פריער), — זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר 40.

רעמבא נחום: געבוירן אין קאַלנע, ניסן תרע״א (אַפּריל 1910) אין אַ באַקאַנטער ציוניסטישער משפחה. דער פאָטער איז געווען דער פאָרזיצער פון „מזרחי״ אין שטעטל און וויצע־פאָרזיצער פון שטאָטראַט. די ברידער זיינען געווען אַקטיווע ציוניסטן פון זייער יוגנט אָן: משה יוסף איז געווען סעקרעטאַר פונם שטאָט־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע און סעקרעטאַר פון צענטראַלן שקל־קאָמיטעט אין פוילן (ער איז דערטרונקען געוואָרן אין יאָר 1931), און אייזיק — אַ רעוויזיאָניסטישער פירער, איצטער — רעדאַקטאָר פון „המשקיף״ אין ארץ־ישראל. נחום איז געווען אַ מיטגרינדער און ערשטער סעקרעטאַר פון דער ראַדיקאַל־ציוניסטישער פאַרייניקונג „התחיה״ אין וואַרשע, וועלכע האָט געטריי געשטיצט די „על המשמר״־באַוועגונג אין פוילן. ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין טעטיקייט פאַרן קרן־קימת; פופצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געאַרבעט אין וואַרשעווער קהלה, — אַלס סעקרעטאַר פון דער דערציאונגס־אָפּטיילונג.


בילד פון 1938

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער אונטערערדישער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַר זיינע פאַרטיי־חברים. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אַלס קהלה־סעקרעטאַר און אַרויסגעוויזן גרויסע געזעלשאַפטלעכע איבערגעגעבנקייט. ער איז אויך געווען לייטער פון דער פּערסאָנאַל־אָפּטיילונג. גלייכצייטיק האָט ער געשאַפן דעם פאַריין פון קהלה־מיטאַרבעטער און איז געווען זיין פאָרזיצער. ער איז אויך געווען איינער פון די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די נאַציס האָבן אים אַוועקגעפירט אין איינעם פון די געשלאָסענע לאַגערן אין לובלין און אויך דאָרטן האָט ער פאָרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און איינגעהיט דעם קאָנטאַקט מיטן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. דאָרטן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער (זיין מוטער פעסיע איז געשטאָרבן אין תל־אביב, אין אַפּריל 1947).

* **רישיא:** אין דער ליסטע פון געפאַלענע, וועלכע איז געשיקט געוואָרן פונם וואַרשעווער אונטערערד קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943, דערשיינט דער נאָמען אָן אַ פאַמיליענאָמען, און אויך איצטער קען מען אים נישט פעסטשטעלן.

זי איז געבוירן אין לאָדזש, האָט דאָרטן געלערנט אין אַ פּוילישער מיטלשול. בשעת דער מלחמה איז זי אַריבערגעפאָרן קיין ראַדאָמסק און זי איז געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון „פרייהייט־החלוץ הצעיר". קיין וואַרשע איז זי אָנגעקומען סוף 1941, איז אַריין אין דער טשערניאַקאָווער פאַרם פון החלוץ, אָבער מערסטנס איז זי געווען געצוואונגען צו געפינען זיך אין די וועגן. זי איז געווען אַ פאַרבינדלערין פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע צווישן די געטאָס פון וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, קראָקע א. א. איר אַרישער אויסזען האָט איר מעגלעך געמאַכט אויסצופירן געפערלעכע שליחותן און זי האָט זיי טאַקי אויסגעפירט געטריי און מיט איבערגעגעבנקייט. זי איז געווען לעבהאַפטיק, דרייסט און פאַראַנטוואָרטלעך. סוף דעצעמבער 1942 איז זי געשיקט געוואָרן קיין קראָקע אויפצושטעלן פונדאָסניי אַ קאָנטאַקט, נאָכדעם ווי די מערסטע פון די דאָרטיקע קעמפער זיינען אַדורכגעפאַלן נאָכן איבערפאַל אויף די דייטשן דעם 23־טן דעצעמבער 1942 (זע זייט 148, באַמערקונג 38). זי האָט אַריבערגעפירט פונדאָרטן קיין וואַרשע עטלעכע פון די געציילטע קעמפער, וואָס זיי איז דאַן געלונגען צו ראַטעווען זיך פון די דייטשן — ישראל זילבערמאַן, נפתלי זשימאַק און לייב טראַקס (אַלע — לפ"ג). דעם 17־טן יאַנואַר 1943 איז זי געקומען קיין וואַרשע אויף אַ זיצונג פון די פאַרבינדלער, און אויפצומאָרגנס האָט זי זיך באַטייליקט מיט די „דרור"־קעמפער אין די ערשטע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן אין געטאָ און זי איז געפאַלן אין קאַמף, אַלטזייענדיק אַ יאָר 25. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שאַפּיראָ ברוך: אַריינגעטרעטן אין דער פועלי־ציון באַוועגונג נאָך אין איר אונטערערדישער תקופה אין דער צאַרישער צייט; האָט מיטגעאַרבעט ביי דער אויפשטעלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און געווען סעקרעטאַר אין צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. נאָכן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון פועלי ציון אין פוילן, אין דעצעמבער 1918, איז ער געשיקט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט קיין כעלם צו אָרגאַניזירן די וואַל־קאַמפּאַניע ביי די ערשטע סיים־וואַלן — דאַמאָלסט איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פוילישן סיים דער ערשטער פועלי ציון דעפּוטאַט, ד"ר מאַקס ראָזנפעלד. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער געשיקט געוואָרן אויף פאַרטיי־אַרבעט קיין קעלץ, וועלכע ער האָט געטון מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. אין קעלץ איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער

בילד פון 1938

פּוילישער מאַכט, ער איז אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט אין טורמע און איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קעלץ. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש, וואו ער איז געוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון אַנגעשטעלטע־פאַריין. אין 1928 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן — פון די לינקע פּועלי ציון — אין לאָדזשער שטאָטראַט.

בשעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע. ער האָט מיטגעאַרבעט אין אידישן אַנשטאַלט פאַר סאָציאַלער הילף און אָנטיילגענומען אין דער אונטערערדישער געטאָ־טעטיקייט. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד איז ער אַוועקגעפירט געוואָרן אין אכזריות־דיקן אַרבעטס־לאַגער אין סקאַרזשיסק (זע זייט 193, באַמ. 10). דאָרטן איז ער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און צוליב מאַנגל אין מעדיצינישער באַהאַנדלונג איז ער געשטאָרבן. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן, פון 24־טן מאַי 1944 צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל, ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די, וועלכע זיינען געווען טעטיק ביזן לעצטן מאָמענט.

* **שאַפּירשטיין רבקה (יוליאַ)**: געבוירן אין וואַרשע, אין יאָר 1919, ביי אַן אָרימער פּראָלעטאַרישער משפחה, אין דער געדיכטעניש פון אידישן קוואַרטאַל, אויף נאָוואָליפּקי־נאַלעווקי־גאַס 14. דער פאָטער איז געווען אַ פרומער איד. זי איז געווען די יינגסטע פון אַ סך קינדער, און האָט פון דער פריעסטער יוגנט אָן געאַרבעט אַלס טריקאָטאַזש־אַרבעטערין, פאַרדינט אויף איר אייגענער חיונה און אויך צוגעהאָלפן אין שטוב. צו 12 יאָר איז זי אַריין אין „השומר הצעיר", אין גדוד „בחזית". מיט דער צייט איז זי אויסגעוואַקסן אַ הויכגעוויקסיק שיין מיידל מיט אַן עכט־אידיש אויסזען. זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין קן מיט איר אַקטיווער טעטיקייט, שטאַרקער איבערגעגעבנקייט און ענערגיע און האָט אויך אַרויסגעוויזן אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. צוזאַמען מיט איר שפּעטערדיקן לעבנס־חבר, ד ו ד נ אָ וו אָ ד וו אָ ר ס ק י (לפ"ג), האָט זי גענומען אויף זיך שווערע אַרבעטן אין קן; זי איז געווען זיין געהילף אין דער אָנפירונג פון די פינאַנץ־ענינים אין דער אָרגאַניזאַציע. פון יאָר 1938 איז זי אין נאָמען פון „השומר הצעיר" געווען אַקטיוו אין דער וואַרשעווער החלוץ־אָרגאַני־זאַציע.

אין דער מלחמה־צייט האָט זי אַ סך אַדורכגעמאַכט: באַלד נאָך די ערשטע באָמבאַרדירונגען אין 1939 איז זי קראַנק געוואָרן אויף טיפוס; די פאַמיליע איז אַריבער וואוינען אויף לעשנע 6 און זי האָט געמוזט אויסהאַלטן אירע עלטערן און די שוועסטער. אין 1941 איז די מוטער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, זי האָט אַ לענגערע צייט געפלעגט זי מיט גרויס איבערגעגעבנקייט, אָבער די מוטער איז געשטאָרבן. נישט געקוקט אויף די אַלע פּערזענלעכע שווערקייטן, האָט זי קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט איר אַקטיווע און ענערגישע טעטיקייט אין דער באַוועגונג. זי איז געווען צווישן די אָנפירנדיקע חברים אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון איר באַוועגונג. אַ מיטגליד אין דער

אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און אין די געטאָ־קאַמפן האָט זי זיך באַטייליקט אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „השומר הצעיר", אין „פּראָדוקטיוון געטאָ" (די טעבענס־שולץ־וואַרשטאַטן). דעם 29־טן אַפּריל 1943 איז איר געלונגען אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט און זי איז דורך דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לאָמיאַנקי; דאָרטן האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג. נאָך אַ געוויסער צייט איז זי צוריקגעקומען קיין וואַרשע, צוזאַמען מיט דוד נאָוואָדוואָרסקי און נאָך חברים. ביים זוכן אַ פאַרבינדונג מיט דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע זיינען זיי אַדורכגעפאַלן און אומגעקומען (מער פּרטים זע אין דער אזכרה־פאַרצייכניש וועגן דוד נאָוואָדוואָרסקי). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שאַרפשטיין משה (מאַשעק): געבוירן אין וואַרשע. עטלעכע יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך איז ער אַריין אין „החלוץ הצעיר" און געווען איינער פון די געטרייסטע און אַקטיווסטע חברים אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

בשעת דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און ווייטער געווען אַקטיוו און איבערגעגעבן אין דער אונטערערדישער טעטיקייט פון החלוץ. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין דער פאַרם אין טשערניאַקאָוו ביי וואַרשע. אַ מיטגליד פון די „דרור"־אָפּטיילונגען אין דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און בעתן אויפשטאַנד האָט ער געקעמפט אין דער אָפּטיילונג פון בערל ברוידע (לפ"ג). דעם 6־טן אָדער דעם 7־טן מאַי איז אים געלונגען, צוזאַמען מיט נאָך קעמפער, אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך שפּעטער געפונען אין דער באַהעלטעניש פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויפן בוידעם פון דער פילם־בענדער און צעלולאָאיד־פאַבריק אויף דער 11־טער נאָוועמבער־גאַס נומ. 10 (אין פּראַגע). בשעת דער שרפה, וועלכע איז דאָרט אויסגעבראָכן דעם 24־טן מאַי 1943 איז ער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, — 23 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען (פּרטים וועגן דעם פאַל — אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן טאָסיאַ אַלטמאַן). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

(אין דער באַוועגונג „פרייהייט־החלוץ הצעיר" אין וואַרשע זיינען געווען טעטיק צוויי חברים מיטן זעלבן נאָמען — שאַרפשטיין משה. אין דער ערשטער — העברעאישער — אויפלאַגע פון דעם בוך האָבן מיר געבראַכט אַ באַשרייבונג און אויך אַ בילד פון איינעם פון זיי, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז וועגן אים רעדט זיך דאָס אין דער ליסטע פון געפאַלענע. שפּעטער איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן אַ טעות געהאַט: יענער איז לעבנגעבליבן, און אין דער ליסטע פון געפאַלענע ווערט געמיינט דער, וועלכן מיר באַשרייבן דאָ).

* **שוואַרץ מאיר:** ער האָט געלערנט — צוזאַמען מיט ל י י ב ע ל ע ר אַ־ ז אַ װ ו ס ק י (לפ״ג) אין דער גימנאַזיע „לאור״ אין וואַרשע און שפּעטער האָט ער באַזוכט אַ פאַך־שול. ער האָט געהערט צום יונגן דור בונדיסטן. אין געטאָ האָט ער זיך באַשעפטיקט אַלס ריקשע־פירער. פאַרן גירוש האָט ער געוואוינט אויף פּראָסטע גאַס. לויט די אָנווייזונגען פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט ער אָנגענומען אַ פּאָסטן אַלס „ווערקשוץ״ אין די דייטשע וואַרשטאַטן. דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו געניסן — טראַגנדיק אַ ספּעציעל היטל — פון אַ געוויסער באַוועגונגס־פרייהייט. בעת די געטאָ־קאַמפן, אַפּריל־מאַי 1943, האָט ער געקעמפט אין „פּראָדוקטיוון געטאָ״ (טעבענס־שולץ־וואַרשטאַטן) און ער האָט דערפילט די געפערלעכע אויפגאַבע פון אַ פאַרבינדלער צווישן די קאַמף־גרופּעס. אין איינער אַ קאַמף־אויפגאַבע (ביים פּרווו אַרויסצופירן ח נ ה׳ ט ש ע פ ל אָ ט נ י צ ק אַ — לפ״ג — פון געטאָ) איז ער פאַר־וואונדעט געוואָרן אין אָרעם, אָבער עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. דעם 29־טן אַפּריל איז ער, צוזאַמען מיט נאָך קעמפער, אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. צופעליק איז ער נישט מיטגענומען געוואָרן מיט דער גרופּע, וועלכע איז אַוועק אויפצומאַרגנס קיין לאָמיאַנקי און עס איז אים געלונגען אַריינצוקומען אין בונקער אויף אָגראָדאָווע־גאַס 29. דער בונקער איז אַנטדעקט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ דעם 6־טן מאַי, — די מענער זיינען באַלד דערמאָרדעט געוואָרן און די פרויען האָבן זיי אַוועקגעפירט קיין מאַידאַנעק. שוואַרץ איז כמעט געווען דער איינציקער, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפן; ער איז אַוועק קיין פּראַגע און האָט זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש אויפן בוידעם פון דער צעלולאָאיד־פאַבריק אויף 11־טער נאָוועמ־בער גאַס. דעם 24־טן מאַי איז דאָרטן אויסגעבראָכן אַ שרפה. עס זיינען פאַרברענט געוואָרן ט אָ ס י אַ א ל ט מ אַ ן, מ א י ר (מ אַ ר ק) מ א י ר אָ װ י ט ש (ביידע לפ״ג) און אַנדערע, אָבער אים און א ל י ע ז ר ג ע ל ע ר ן איז געלונגען צו אַנטלויפן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שטוב פון אַ פּאָליאַק, און די געסטאַפּאָ האָט דאָרט יענעם טאָג געמאַכט אַ זוכונג. זי האָט אים נישט געפונען, ער איז געלעגן פאַרשפּאַרט אין אַ שאַנק, אָבער ווען מען האָט נאָכן אַוועקגיין פון דער געסטאַפּאָ געעפנט דעם שאַנק האָט מען אים געפונען טויט (אויך זיין עלטערער ברודער ש ל מ ה — זע ווייטער — איז צווישן די געפאַלענע קעמפער). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין די „בונד״־אויסגאַבעס אין אַמעריקע ווערט על פי טעות באַשריבן אַלס געפאַלענער געטאָ־קעמפער אַ צווייטער מ א י ר ש װ אַ ר ץ).

* **שוואַרץ שלמה:** אַ שניידער, דער עלטערער ברודער פון מ א י ר ש װ אַ ר ץ (פריער), אַ מיטגליד פון אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג. אין דער מלחמה־צייט האָט ער געוואוינט אויף נאַוואַליפּיע 58, און פאַרן גירוש אויף פּראָסטע גאַס. אין דער לעצטער געטאָ־תקופה האָט ער געאַרבעט אין שולץ־„שאָפּ״ אויף

נאָוואָליפּיע גאַס. אין די קאַמפן האָט ער אָנטיילגענומען אין דער אָפּטיילונג פון וועלוול ראָזאָווסקי (לפ״ג). דערנאָך איז אים געלונגען אַרויסצוקומען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. ער איז געווען צווישן די, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין לאַמיאַנקי, און פונדאָרטן איז ער אַריין אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין די ווישקאָווער וועלדער. ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע צו זוכן פאַרבינדונגען האָבן אים, ביים אַריינקומען אין שטאָט, באַמערקט פּאַסטוכער און זיי האָבן גערופן דייטשן, וועלכע האָבן אים דערמאָרדעט, — 32 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין די ניו־יאָרקער אויסגאַבעס פון „בונד": „געטאָ אין פלאַמען", „אונזער צייט", „די געשיכטע פון אַ יוגנט" — איז זיין נאָמען אָנגעגעבן בטעות: שוואַן שלמה).

שוואַרץ שיינדל: געבוירן אין קאָוועל אין אַ פאַרמעגלעכער משפחה. די עלטערן, פּראָגרעסיווע ציוניסטן, האָבן געזאָרגט צו געבן איר אַ גוטע, אַלגעמיינע און ציוניסטיש־אידישע דערציִאונג. זי האָט געלערנט אין דער קאָוולער העברעאיִשער „תרבות"־גימנאַזיע און געווען דאָרטן איינע פון די פּעאיקסטע שילערינס, — טעטיק אין די פאַרשיידענע שול־קאָמיסיעס. אַ רואיקע, אַ חברישע, באַשיידן און פריינטלעך האָט זי מיט אַ סך טאַקט מיטגעהאָלפן אין די לימודים די אָפּגעשטאַנענערע תלמידים, — זי איז באַליבט געווען ביי אַלע לערער און תלמידים. די שיינע און אויסגעאיידלטע שיינדל איז אין איר אויסערלעכער האַלטונג און קליידונג געווען פשוט ביז נאַכלעסיקייט, אָבער מיט איר פריילעכן בליק, מיט אירע שוואַרצע אויגן און בלאָנדע לאָקן האָט זי דעראָבערט אַלע הערצער אָן אַ ברעקל קאָקעטעריע. איר פּנים האָט תמיד אויסגעדריקט צערטלעכקייט, גוטסקייט און אַ גראָדן שכל. אין 1937, ווען זי איז געווען אין 7־טן קלאַס גימנאַזיע, האָט זי נאָך אַ שווערן אינערלעכן געראַנגל גובר געווען די געגנערשאַפט אין דער היים (וואו מען האָט געוואָלט, זי זאָל אַריין אין עפּעס אַ שילער־אָרגאַניזאַציע) און איז אַריינגעטרעטן אין „החלוץ הצעיר", וואו עס זיינען געווען הויפּטזאַכלעך קינדער פון אָרימע און האַרעפּאַשנע היימען. זי האָט, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים, אָרגאַניזירט אַ „החלוץ הצעיר"־קרייז אין קלאַס און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט התלהבות דער טעטיקייט פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. זי האָט געלערנט, אָרגאַניזירט אויספלוגן, איבערגענומען דערציאונגס־אַרבעט, — אין דערדאָזיקער טעטיקייט האָט זי אַזוי ווי געפונען אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט. בעת זי איז

אַריין אין דער באַוועגונג האָט זי געוואָלט באַלד אויפהערן לערנען און אַרויספאָרן אויף הכשרה, אָבער די עלטערן זיינען געווען געגן דעם, און כדי נישט צו פאַרשאַפן זיי עגמת־נפש האָט זי מסכים געווען צו פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים און זי האָט זיי טאַקי פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג. דעם 11־טן יוני 1938, צוויי טעג נאָך דעם מאַטורא־עקזאַמען, איז זי אַ גליקלעכע ארויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין גראָכאָוו. עס איז איר שווער אָנגעקומען דאָס צופאַסן זיך צום נייעם לעבנסשטייגער, צו אַרבעטס־ און קאָמונע־לעבן, אָבער זי האָט די שוועריקייט גובר געווען און האָט גערעדט מיט ליבע וועגן איר אַרבעט אין הינער־שטייג און וועגן אירע הינדעלעך. זי האָט זיך באַטייליקט אינם וועלט־סעמינאַר פון החלוץ, וועלכער האָט געדויערט דריי וואָכן. ווען דער גראָכאָווער קיבוץ האָט אויפגענומען אַ גרופּע אינגלעך־פּליטים פון דייטשלאַנד איז זי באַשטימט געוואָרן אַלס דערציערין און האָט איר אויפגאַבע דערפילט געטריי און מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן. זי האָט אַ סך געאַרבעט איבער איר אייגענער פאַר־פּולקאָמונג — זי פלעגט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוהערן זיך צו די רייד פון די ארץ־ישראלדיקע שליחים און זי פלעגט ממש שלינגען די ארץ־ישראלדיקע און קיבוצישע פּרעסע. איר הכשרה־צייט איז ביי איר אַדורך אין אַ שטימונג פון שאַפונגס־פרייד און פון עליה־אַפּוואַרטונג.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 איז גראָכאָוו באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די דייטשן אָבער צווישן די 250 חברים איז נישט געווען קיין איינער, וועלכער זאָל וועלן פאַרלאָזן דאָס אָרט. אַלע האָבן ווייטער פאָרגעזעצט די אַרבעט — אין שטאַל, אין הינער־שטייג, אין פעלד. די רואיקע, צערטלעכע שיינדל האָט אַלעמען געמונטערט און געשטאַרקט, — אומעטום איז זי געווען און מיט אַלעמען. ווען די החלוץ־צענטראַלע האָט פאַרפליכטעט די חברים צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און די חברים האָבן זיך גענומען גרייטן צוזאַמען אין וועג אַריין איז שיינדל געווען צווישן די פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן. צען טעג האָט געדויערט דאָס גיין קיין קאָוועל, אויף וועגן, וועלכע די דייטשן האָבן כסדר באָמבאַרדירט. מען איז געגאַנגען ביינאַכט, — און בייטאָג האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. דער הונגער האָט געמאַטערט, די שיך זיינען צעריסן געוואָרן און די פיס צעוואונדיקט. זי איז בייגעשטאַנען אַלע שוועריקייטן, האָט געשטאַרקט זיך און אויך אַנדערע. נאָר אין דער אָנוועזנהייט פון גאַנץ נאָענטע האָט זי אַרויסגעוויזן איר שמערץ און זיך מאַנכמאָל אויך גוט אויסגעוויינט. אין יענע פרוו־טעג איז זי אויסגעוואַקסן און רייף־געהאַרטעוועט געוואָרן. אין קאָוועל האָט די באַוועגונג באַשלאָסן וואָס ווייטער צו טון. עס זיינען אַרויס שליחים צו דער רומענישער גרעניץ, עס זיינען אַוועק חברים קיין וואַרשע אויסצובויען די באַוועגונג אינם אונטערערד, גרופּעס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין ווילנע אין דער ליטע האָפנדיק אַזוי אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. שיינדל איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו זיין אַ פאַר־בינדלערין פון דער באַוועגונג און אין איר נאָמען איז זי אַרויסגעפאָרן אין אַלע

ווינקעלעך פֿון וואָלינער און ביאַליסטאָקער ראַיאָנען. זי האָט זיך פֿאַרשריבן אַלס סטודענטין אין לעמבערגער אוניווערזיטעט, כדי דערמיט צו פֿאַרלייכטערן איר שווערע און געפֿערלעכע אויפֿגאַבע. זי האָט געדאַרפֿט אָנקומען אין פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך, אויסגעפֿינען חברים פֿון דער באַוועגונג, מוטיקן זיי און אָרגאַניזירן זיי אין פֿינפֿטלעך, אינסטרואירנדיק זיי אין דער אַרבעט. מיט ברען און איבערגעגעבנקייט האָט זי געטראָגן דעם שווערן יאָך פֿון דער אויפֿגאַבע. נאָר איין מאָל אין דריי חדשים האָט זי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך מיט די אַנדערע אַקטיווע חברים. אין אָנהויב 1941 איז פֿאָרגעקומען אין ווילנער אונטערערד אַ סעמינאַר פֿאַר די אַקטיווע חברים פֿון דער באַוועגונג אין ליטע. זי האָט געגנבֿעט די גרעניץ, איז אַהין אָנגעקומען אין דער צייט און אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון דער אונטערערדישער דערפֿאַרונג אין פּוילן, — ווייל די חברים אין ליטע האָבן ערשט געדאַרפֿט אָנהייבן זייער אונטערערדישע טעטיקייט. אין ווילנע האָט זי זיך געזעגנט מיט די חברים, וועלכע זיינען אָפּגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, — אָן קיין שום פֿאַרביטערונג, וואָס זי פֿאָרט נישט מיט זיי: „מען קען נישט אַנדערש", האָט זי אַליין פֿאַרענטפֿערט; זי מוז פֿאַרבלייבן און פֿאָרזעצן איר אַקטיווע מיטאַרבעט אין דער באַנייאונג פֿון דער אונטערערדישער חלוצישער באַוועגונג. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז די חברים אין ארץ־ישראל זאָלן זי נישט פֿאַרגעסן. זי האָט טריי ווייטער געדינט דער באַוועגונג. די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זי אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער לוצקער טורמע צוזאַמען מיט יצחק (עדעק) גאַלאָוונער (לפ"ג). ווען לוצק איז פֿאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן איז זי אַנטלאָפֿן פֿון טורמע און זי האָט ווייטער פֿאָרגעזעצט איר אונטערערדישע טעטיקייט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. עס איז שווער געווען אויפֿצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די פּוילישע ראַנד־געביטן, וואו זי איז געווען טעטיק, און עס זיינען אָנגעקומען ווייניק ידיעות וועגן איר אַרבעט; מען האָט נאָר געוואוסט, אַז זי האָט אויסצופֿירן אַ זייער שווערע אויפֿגאַבע. זי האָט ווייטער אַרומגעוואָגלט איבער פֿאַרשידענע ערטער, פֿונאַנדערגעפֿירט מאַטעריאַלן א.אַ.וו. אינם בריוו פֿון „החלוץ" אין פּוילן צו דער הסתדרות העובֿדים אין ארץ־ישראל — פֿון 15־טן נאָוועמבער 1943 — געפֿינט זיך איר נאָמען צווישן די נעמען פֿון די צענטראַלע טוער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין וואָלינער געגנט, — זי איז דאַמאָלסט אַלט געווען 23 יאָר. חברים, וועלכע האָבן באַזוכט קאָוועל באַלד נאָכדעם ווי די שטאָט איז פֿריי געוואָרן פֿון די דייטשן, האָבן געפֿונען אין דער האַלב־חרובֿער שול פֿאַרשידענע אויפֿשריפֿטן אויסגעקריצט אין די ווענט, און צווישן זיי, אין אַ ספּעציעלער ראַם, אַ העברעאישע אויפֿשריפֿט: „שלום די חברים פֿון אַ גרופּע חלוצים, וועלכע גייען שטאַרבן. מיר זיינען געבליבן טריי אונזער אידעאַל ביזן סוף. נעמט נקמה פֿאַר אונזער פֿאַרגאָסן בלוט", — און געחתמעט זיינען פֿיר נעמען: שיינדל שוואַרץ פֿון קאָוועל, לאה פֿיש פֿון האָראָכאָוו, רחל פּאַגעלמאַן פֿון ליאַכאָוויטש און דוד אייזנבערג פֿון וואַרשע (אַלע — לפ"ג).

שוואַרצבאַרט מרדכי: געבוירן אין לאָדזש, אין יאָר 1896, אין אַן אַרבעטנדיקער משפחה. דער פֿאָטער איז געווען אַ שניידער אויף פּיעטרקאָווער־גאַס 41. מרדכי האָט געלערנט אין אַ פֿאַך־שול „תלמוד־תורה". בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער געווען צווישן די גרינדער פֿון דער פּועלי ציון „יוגנט" אין זיין שטאָט און יאָרנלאַנג איר פֿירער. ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מיטגליד אין אָרטיקן קאָמיטעט פֿון דער לינקער פּועלי ציון־פּאַרטיי און אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער אָנגע־שטעלטע־אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש, אויך אַ מיטגליד אינם צ. ק. פֿון „יוגנט". ער האָט שווער געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין דער טוך־פֿאַבריק פֿון רינגאַרט און רייכערט, און זיין גאַנצע צייט האָט ער געווידמעט דער טעטיקייט פֿון דער באַוועגונג. אַ באַגאַבטער און באַגייסטערטער רעדנער; זיינע רעדעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טיפֿן אינהאַלט. ער איז געווען אָנגענומען אַלס איינער פֿון די באַדייטנדיקע אינטעלעקטועלע כוחות פֿון דער פּאַרטיי. בעת דער הערשאַפֿט פֿון די ענדעקעס (נ. ד. — איניציאַלן פֿון „נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטן", דער נאָמען פֿון דער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי אין פּוילן) אין לאָדזש איז ער אַרעסטירט געוואָרן, אין יאָר 1922, און אָפּגעזעסן אַ יאָר אין דער טורמע אויף גדאַנסקע־גאַס, — נאָך זיין באַפֿרייאונג, האָט ער ווייטער פֿאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט.

בעת דער מלחמה איז ער אַריבער, צוזאַמען מיט דער פֿאַמיליע, קיין וואַרשע, וואו ער האָט ווייטער געטון געטריי און איבערגעגעבן די פּאַרטיי־אַרבעט — אונטער־ערדיש. ער איז געווען דער געהילף־דירעקטאָר פֿון דער ספּעציעלער פֿאָלקס־קיך פֿאַר די פּליטים פֿון לאָדזש און ער האָט דאָרטן אויך געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער. אינם בריוו פֿון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל — פֿון 24־טן מאַי 1944 — ווערט זיין נאָמען דערמאָנט צווישן די אַקטיווע ביזן לעצטן מאָמענט, וועלכע זיינען געפֿאַלן אויף זייער פּאָסטן (אויך זיין פֿרוי מ ר י ם פֿון דער היים גערטנער, אַן אַקטיווע חברטע און זייער זון ד נ י א ל זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין געטאָ; זיין ברודער י ה ו ד ה, אַ פֿירנדער חבר פֿון „השומר הצעיר", געפֿינט זיך אין ארץ־ישראל פֿון יאָר 1926).

* **שוואַרצפוס יאַנעק:** אַ מיטגליד פֿון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פֿון די לינקע פֿאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). פֿאַר דער מלחמה איז ער געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. בשעת דער דייטשער

אָקופּאַציע איז ער געווען אַרעסטירט אין מאָקאָטאָווער תּפיסה. בעת דעם גרויסן גירוש־וואַרשע, אין יולי־סעפּטעמבער 1942, ווען אַלע אידישע אַרעסטירטע זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן כדי זיי אָוועקצופירן אין די טויט־לאַגערן, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און ער איז פאַרבליבן אין געטאָ. ער איז אַריין אַרבעטן אינם „שאָפּ" פון קורט רעריך. דאָרטן האָט ער אָרגאַניזירט אַ יוגנט־גרופּע, וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנטיילגענומען צוזאַמען מיט זיין אָפּטיילונג, אין די געטאָ־קאַמפן, אין די שולץ־וואַרשטאַטן, אויף די גאַסן סמאָטשע־נאָוואָליפּיע־קאַרמעליצקע. צווישן די חברים איז דער הויכער, בלאָנדער קאַמף־אָנפירער געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „ביאַלי יאַנעק" (ווייסער יאַנעק). ער איז געווען איינער פון די פעאיקע קעמפער; פאַר דער מלחמה האָט ער געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי, און ער האָט גוט געוואוסט ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיטן געווער.

ער איז געווען איינער פון די געציילטע קעמפער, וועלכע האָבן מיט כּוח אַדורכ־געריסן אַ וועג אויף דער אַרישער זייט. צוערשט איז ער געווען אינם קאָנצענטריר־פּונקט פון די אַרויסגעראַטעוועטע געטאָ־קעמפער, אינם וועלדל נעבן לאָמיאַנקי. פון דאָרטן איז ער אַוועק מיט די פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען פון די לעצטפאַרבליבענע וואַר־שעווער קעמפער, אין די ווישקאָווער וועלדער ביים בוג. ער האָט באַקומען אַן אויפגאַבע צו שעדיקן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 12 קעמפער, אַ דייטשע באַן אויף דער סטאַציע אורלע (אָרלע), אַ 60 קילאָמעטער פון וואַרשע, אויפן וועג קיין מאַלקיניאַ. נאָכן אַדורכ־פירן די אַקציע האָבן זיך די קעמפער אויסבאַהאַלטן אין הויז פון אַ פּוילישן וואַלד־וועכ־טער נעבן דאָרף קראַווצאָוויזנאַ און זיי האָבן אַרויסגעשיקט צוויי מענטשן אויסצושפּירן, צי די שעדיקונג איז געלונגען. די פרוי פונם וואַלד־וועכטער האָט זיך דאַן אַרויסגעכאַפּט פונם הויז און אָנגעזאָגט דער דייטשער פּאָליציי וועגן דער גרופּע. די אָנגעקומענע דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם שייער, וואו די קעמפער האָבן זיך געפונען. אין דער צעפלאַקערטער שלאַכט זיינען געפאַלן אַלע דאָרט געבליבענע 11 קעמפער און צוזאַמען מיט זיי אויך דעם וואַלד־וועכטערס טאָכטער, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אַלס ערובניצע. 27 יאָר איז ער אַלט געווען אומקומענדיק אין יענעם קאַמף; צוזאַמען מיט אים זיינען אויך אומגעקומען זיין חברטע גוטע טייכלער, מיכאל ראָזענפעלד (ביידע לפ"ג) און די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאַמף־גרופּע. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

* **שוואַרצשטיין פייוול (פּאַעק):** געבוירן אין יאָר 1916 אין זשיראַרדאָוו, נעבן וואַרשע, אין אַן אָרימער משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַ שניידער. אין דער יוגנט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער „פרייהייט"־באַוועגונג און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ קאָמיטעט־מיטגליד אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע וואו ער איז געווען אַקטיוו אויף אַלע טעטיקייט־געביטן, — אויך אין דער ספּאָרט־

באַוועגונג „הפועל". ווען ער איז אַריבער אין דער פועלי־ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי, האָט ער איר געווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט און זיין גאַנצע ענערגיע. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אָרטיקער זעלבסטשוץ.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין איבערגעגעבענע טעטיקייט אין דער באַוועגונג. ער האָט געטריי דערפילט אַלע אויפגאַבן, וועלכע זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן אין יענע שווערע צייטן. ער איז געווען אין דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו און נאָך איר ליקווי־דירונג אין האַרבסט 1942 איז ער אַריבער אין דער חלוצישער גרופּע אויף מילע גאַס. אַ מיטגליד אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". אים, צוזאַמען מיט אברהם דרייער (לפ"ג), איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע אויסצופירן דעם טויט־אורטייל איבער אַלפרעד נאָסיג (זע זייט 154, באַמ. 48). אין די קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין זכריה אַרטשטיינס (לפ"ג) אָפּטיילונג. ער ווערט באַזונדערס דערמאָנט אין טוביה באָזשיקאָווסקיס טאָג־בוך, וואָס איז געדרוקט אין אונזער בוך, אַלס איינער פון די אַקטיווע קעמפער אין די פילע און שווערע קאַמפן, אויף די פאַרשידענע קאַמף־אָפּשניטן, אינם „צענטראַלן געטאָ". אַ יאָר 22 איז ער אַלט געווען, ווען ער איז אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (דאָרטן איז זיין נאָמען אָנגעגעבן: שוואַרצשטיין פּאַעק).

*** שולמאַן געניע:** געבוירן אין וואַרשע, אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. איר פאָטער איז געווען אַ בוי־אונטערנעמער. זי איז אויפגעוואַקסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון אידישן קוואַרטאַל, אויף פאַוויע 36. זי איז געווען אַן אַקטיווע חברטע אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע, אין דער גרופּע „אָדלער". אויך איר שוועסטער מאַרילע, וועלכע איז פריער געווען אין דער קאָמוניסטישער יוגנט, איז אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט" און געווען אַ גרופּע־אָנפירערין אין דער אָרגאַניזאַציע. ווען געניע איז אַריינגעטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע איז איר שפּראַך געווען פויליש און זי האָט מיט שוועריקייטן דערלערנט אידיש, אָבער איר ענערגיע איז איר בייגעשטאַנען און ווען די חברים פון איר גרופּע האָבן זיך געגרייט אָנצו־הייבן דערציאונגס־אַרבעט איז זי שוין אויך גרייט געווען אַריינצוטרעטן אינם דער־ציאונגס־קרייז, וואָס ער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון די חברים, וועלכע זיינען אַרויס־געפאָרן אויף הכשרה. זי איז געווען איידל און גוטהאַרציק. איין מאָל, זי איז דאַן אַלט געווען 14 יאָר, האָט זי געבראַכט אין דער אָרגאַניזאַציע אַן אומגליקלעכן 12 יאָריקן אינגל, וואָס די עלטערן האָבן אים אַרויסגעטריבן פון שטוב, ווייזט אויס, ווייל אים איז נישט געלונגען אַהיימצוברענגען אַ פּאָר גראָשן; זי האָט זיך פאַרנומען מיטן אינגעלע, זי האָט פאַר אים צונויפגעזאַמלט געלט צווישן די חברים, האָט אים געקויפט עסן און איינגעאָרדנט פאַר אים אַן אָרט צום שלאָפן. גוטהאַרציק און געטריי האָט זי

געטון דאָס איריקע אין דער באַוועגונג.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן איר כאַראַקטער. זי האָט געאַרבעט אונטערערדיש אין דער באַוועגונג און איז בייגעשטאַנען אַלע נסיונות ביזן לעצטן מאָמענט, אַלס מיטגלידערין אין אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור". איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שולמאַן דוד, אַדוואָקאַט: געבוירן אין יאָר 1907, אין וואַרשע, אין אַ טראַדיציאָנעל־אידישער משפחה. ער איז אויפגעוואַקסן אין אידישן קוואַרטאַל, אויף נאַוואַליפּיע גאַס. האָט געלערנט אין יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט. ער איז געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן, — צוערשט אין „מרכז" (אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע פאַרייניקונג אין וואַרשע, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען), און בעת די שטרייטן צווישן די גרופּעס „על המשמר" (ראַדיקאַלע ציוניסטן) און „עת לבנות" (מער רעכט געשטימטע), איז שולמאַן צוזאַמען מיטן גאַנצן „מרכז" אַריבער אין דער „עת לבנות"־באַוועגונג. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער פאַרלאָזן דעם „מרכז" און איז געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער רעוויזיאָניסטישער אַקאַדעמישער קאָרפּאָראַציע. אַ שטיקל צייט איז ער אויך געווען וויצע־פּאָרזיצער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע „מנורה". ער איז געווען געטריי זיין באַוועגונג ביזן לעצטן מאָמענט.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. ער איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טראַווניקי, אין לובלינער געגנט, וואוהין די דייטשן האָבן איבערגעפירט, נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד, אַ טייל פון די לעצט־פאַרבליבענע וואַרשעווער אידן. אויך דאָרטן איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן מיט זעלבסטאָפּפערונג געטון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און האָבן אָנגעפירט די געהיימע זעלבסטהילף און די גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. בעת דער ליקווידירונג פונם לאַגער — אָנהויב נאָוועמבער 1943, האָבן אים די דייטשן דערמאָרדעט. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

*** שולמאַן דוד:** געבוירן אין וואַרשע. ער האָט געלערנט אין אַ „תרבות"־שול און פון קינדווייז־אָן איינגעזאַפּט נאַציאָנאַל־אידישן באַוואוסטזיין. ער איז געווען אַן אַקטיווער חבר אין „פריהייט" און אין החלוץ. ער איז אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין קיבוץ קיין אָסטראָוויעץ־קיעלעצקי און ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע בעת דער אָקופּאַציע, צוזאַמען מיט דער דאָרטיקער קאַמף־גרופּע פון „דרור". דער יונגער דוד איז געווען איינער פון די איבערגעגעבענע טוער אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג. אַ דיסציפּלינירטער, קאַלט־

בלוטיקער און טיכטיקער, ענערגיש און דרייסט אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. ער איז געווען צווישן די אויספירער פון פאַראַנטוואָרטלעכע אין גע־פערלעכע אויפגאַבן, אויך פונם טויט־אורטייל אויף ישראל פירשט, דער באַאַמטער, וועלכער האָט פאַרמיטלט צווישן דער קהלה און די נאַציס און האָט זיך אכזריות'דיק באַצויגן צו די אידישע אַרבעטער (מער פרטים וועגן דער אויספירונג פון דעם אָטענ־טאַט — זע זייט 147, באַמ. 37 צום קאַפּיטל — די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע). ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור", האָט אָנטיילגענומען אין די געטאָ־קאַמפן און איז געפאַלן אַלט־זייענדיק 18 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **שוסטער שלמה (שלאַמעק):** געבוירן דעם 18טן אַפּריל 1926, אין פּרושקאָוו נעבן וואַרשע, ביי אַרבעטנדיקע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ קאַמאַשנמאַכער. תחילת האָט ער גע־לערנט אין דער אָרטיקער פּוילישער שול, אָבער צוליב די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין דער שול פלעגט ער שטענדיק זיך אַמפּערן מיט די פּוילי־שע שילער. היות ווי אין שטעטל איז קיין אַנדערע שול נישט געווען איז ער אַריבער אין אַ וואַרשעווער אידישער שול. גאָר יונג איז ער אַריינגעטרעטן אין „פרייהייט" (צו וועלכער עס האָט אויך געהערט זיין עלטערע שוועסטער העלע, אַן אַקטיווע חברטע פון דער אונטערערדישער „דרור"־אָרגאַניזאַציע; זי האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך איצטער אין ארץ־ישראל). דער העל־אויגיקער, לעבהאַפטער און

בילד פון 1938

לעבנספרייידיקער שלאַמעק איז גאָר גיך געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע און געטרייסטע חברים פון יונגן שיכט.

אין יאַנואַר 1941, בעת דעם גירוש פון די פּרושקאָווער אידן, איז ער אַריבער צוזאַמען מיט די עלטערן קיין וואַרשע. דער שטיפערישער אינגל איז באַלד געוואָרן אַ דערוואַקסענער און פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. זיין משפחה האָט געלעבט אין הונגער און אין נויט, און ער האָט גענומען אויף זיך די גאַנצע זאָרג פאַר איר. ער פלעגט פאַרלאָזן דעם געטאָ און אַוועק אויף דער אַרישער זייט, און אָנקומען אפילו אַזש ביז זיין שטעטל פּרושקאָוו, כדי אַרויסצוהעלפן דער משפחה אין פרנסה. אָפט האָט מען אים געזען אַרומוואָגלענדיק צוזאַמען מיט זיין מוטער איבער די גאַסן, כדי צו פאַרקויפן ברויט, וואָס זיי אַליין האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם דערפון, אָדער צו פאַרקויפן עפּעס פון די שטוב־זאַכן, אַבי צו דערהאַלטן די נשמה. ערשט ווען די מוטער

האָט באַקומען אַרבעט איז ער אַריין אין דער טשערניאַקאָווער החלוץ־פאַרם, וואו זיין שוועסטער האָט זיך שוין פונפריער געפונען. די באַוועגונג האָט געהאַט פון אים גרויס נוצן אין יענע שרעקלעכע צייטן.

ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור" און אין די געטאָ־קאַמפן האָט ער זיך באַטייליקט אין חנוך גוטמאַנס (לפ"ג) קאַמף־אָפּטיילונג, אינם בערשטער־געביט; ער איז געווען איינער פון די מוטיקסטע קעמפער. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער דרייסטקייט און קאַלטבלוטיקייט, — יעדער גראַנאַט אָדער צינדפלאַש וואָס זיינען דורך אים געוואָרפן געוואָרן אויף די דייטשן, האָבן אַוועקגעלייגט אַ סך פון זייערע. ער ווערט באַזונדערס דערמאָנט אין די שלאַכט־באַריכטן. ווען זיין אָפּטיילונג איז אינם בערשטער־געביט אַרומגערינגלט געוואָרן דורכן שונא און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מער איז נישטאָ קיין רעטונג, האָט ער, דער אינגסטער קעמפער, זיך אַריינגעריסן אין די רייען פונם שונא, האָט געוואָרפן עטלעכע גראַנאַטן; זיין אָפּטיילונג האָט אויסגענוצט די צעמישונג אין די דייטשע רייען און האָט זיך אַדורכגעריסן אינם צענטראַלן געטאָ אַריין. ווען זיין קאָמאַנדיר חנוך גוטמאַן איז פאַרוואונדעט געוואָרן, איז ער געוואָרן קאָמאַנדיר, טראָץ זיין יונגן עלטער. ער איז געווען צווישן די, וועלכע זיינען דעם 8־טן מאַי אַרויס דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן צו דער אַרישער זייט. שוין זייענדיק אין קאַנאַל, ביים אַרויסגאַנג צו דער אַרישער זייט, איז ער צוריקגעשיקט געוואָרן אין געטאָ־געביט, כדי אַרויסצוּ־פירן די דאָרט־פאַרבליבענע קעמפער. די דייטשן האָבן דערווייל פאַרשפאַרט דעם אַרויסגאַנג צום געטאָ, און ער האָט נישט געקענט דערפילן זיין שליחות. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גרופּע קעמפער, וועלכע איז געפאַלן אינם קאַמף מיט די דייטשן אויף פּראָסטע־גאַס, בעתן אַרויסקומען שפּעטער פון די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט (זע זייט 285, באַמערקונג 23). זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

* **שושקאָווסקאַ שולמית:** געבוירן אין וואַרשע. אַ געטרייע חברטע פון „השומר הצעיר" — „גדוד מרחביה". בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זי פאַרגעזעצט איר טעטיקייט אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. זי איז געווען אין קיבוץ „גל־און" און האָט זיך אויסגעצייכנט — אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „השומר הצעיר" — מיט איר איבערגעגעבנקייט און מוטיקייט. אין די געטאָ־קאַמפן — אַפּריל־מאַי 1943 — האָט זי זיך באַטייליקט אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון מרדכי גראָוואַס (לפ"ג). זי איז אומגעקומען דעם 8־טן מאַי 1943, אינם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18, — אַלט זייענדיק 21 יאָר. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שטאָקהאַמער הרב ר' שמשון: געבוירן אין יאַר תרס"ב (1902), אין סקאָלע (מזרח־גאַליציע), ביי אָרימע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ שוחט און אַ מלמד, אַ בעלזער חסיד. צו דער בר־מצוה־דרשה האָט דער אינגל שמשון מחבר געווען אַ שאלות ותשובות וועגן אַקטועלע ענינים. צו 17 יאָר האָט ער באַקומען סמיכה אויף רבנות פון באַקאַנטע גאַליצישע רבנים. שפּעטער האָט ער זיך



צוגעשטעלט אין לעמבערג צום רעגירונגס־עקזאַמען פאַר רבנים. בעלזער חסידים זיינען געווען בייז אויף אים דערפאַר און זייער כעס איז נאָך גרעסער גע־וואָרן, ווען ער איז אַריין אין „אגודת ישראל". ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ וואַר־שעווער רב — ווילטשיק — וועלכע האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטין אין דער קהלה. אין וואַרשע איז ער אַריינגעטרעטן אין רעדאַקציע פון „טאָגבלאַט", די טאָגצייטונג פון „אגודת־ישראל" און ער האָט אינגיכן פאַרנומען אַ געזועלשאַפטלעכע פּאָזיציע אַלס אַ זייער באַגאַבטער פּובליציסט. אין פאַרלויף פון 10 יאָר האָט ער וואָך־איין־וואָך־אויס פאַרעפנטלעכט פּובליציסטישע אַרטיקלען און איז געווען דער איינ־ציקער צווישן די רבנים אין פּוילן, וועלכער האָט זיך רעגולער באַטייליקט אין דער טאָג־פּרעסע און דערמיט געהאַט די מעגלעכקייט דירעקט צו באַאיינפלוסן דאָס רעלי־גיעזע לעבן פון פּוילישן אידנטום. ער איז געווען דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון דער מועצת גדולי התורה אין דער רעדאַקציע פון „טאָגבלאַט" און זיין אויפגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן, אַז די פאַרעפנטלעכטע ידיעות זאָלן נישט אַרויס פון די ראַמען פון אַ רעליגיעזער צייטונג. אויך מיטאַרבעטנדיק אין דער צייטונג האָט ער פאַרגעזעצט דאָס תורה־לערנען און האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן דעם אים באַליבטן געביט פון שאלות ותשובות. נישט געקוקט אויף זיין שטאַרקער באַשעפטיקטקייט האָט ער צוגע־גרייט צום דרוק עטלעכע ספרים. אין 1934 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס הלכה־סעקרעטאַר ביים וואַרשעווער הויפּט־ראַבינאַט. ער איז גיך פּאָפּולער געוואָרן מיט זיינע תשובות אויף די סאַמע קאָמפּליצירטסטע שאלות אין תורה־דינים. ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ביים אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונגס־אַקציע געגן דעם אַנטי־סעמיטישן געזעץ־פּראָיעקט צו פאַרבאָטן די אידישע שחיטה, — ער איז געווען דער הויפּט־טוער אין דערדאָזיקער אַקציע. אָט יענער געראַנגל, וועלכער האָט באַצייכנט דעם אָנהויב פונם באַנייט־פאַרשטאַרקטן אַקטיוון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן — אונטער דער דירעקטער השפּעה פון נאַצישן דייטשלאַנד — איז געווען איינע פון די דראַ־מאַטישע געשעענישן אין אידישן לעבן, וואָס האָט פאַרייניקט אינם אָפּוער־קאַמף אַלע שיכטן און פאַרטייען פונם פּוילישן אידנטום.

בעת דער מלחמה האָט ער אָנגעהויבן אַ תיקון־עגונות־אַקציע, ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די אידישע זעלנער אין פוילישן מיליטער זאָלן פאַרן אַוועקגיין אין דער אַרמיי געבן זייערע פרויען על־תנאי־גטן און ער האָט זיך באַמיט צו העלפן די פרויען פון די מאָביליזירטע. אין די גרויזאַמע צייטן פון דער דייטשער אָקופאַציע איז ער געווען צווישן די אַקטיווע רבנים, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אינם „יודן־ראַט״ איז ער געווען דער פאַרשטייער פון ועד הרבנים, וועלכער האָט עקזיסטירט אין וואַרשע אומלעגאַל, און ער האָט באַקומען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די גאַנצע רעליגיעזע טעטיקייט אינם געטאָ־אונטערערד. ער איז געווען אַקטיוו־באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן פונם „יודן־ראַט״ און האָט אויפגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיטן „דזשאָינט״ און מיט דער אידישער זעלבסטהילף מכוח די רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן. ער איז געווען טעטיק אינם קאָמיטעט „עזרת הרבנים״, וועלכער האָט זיך באַמיט צו העלפן מאַטעריעל די פילע רבנים און תלמידי חכמים פון וואַרשע און פון דער פראָווינץ און זיי אָפראַטעווען פון די אַרבעטס־לאַגערן, דורך אַריינעמען זיי אין דער רשימה פון רבנים, וועלכע מען האָט אַ געוויסע צייט באַפרייט פון צוואַנג־אַרבעט. מיט שטאַרקער איבערגעגעבנקייט האָט ער געאַרבעט לטובת די וואַרשעווער אידן ביי זייער לעבן און אויך נאָך זייער טויט האָט ער געזאָרגט צו ברענגען זיי צו קבר ישראל.

נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד אין מאַי 1943 האָבן די דייטשן אים אַוועקגעשיקט אין בודזינער קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין לובלינער געגנט, צוזאַמען מיט אַרום 800 וואַרשעווער אידן. אין דעם לאַגער איז געווען אַ „הענקעל״־אעראָפלאַנען־פאַבריק. די דאָרט פאַרשפאַרטע אידן האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צו די רבנים (אויך הרב קעלמיש שפיראָ און הרב פאָזנער זיינען דאָרטן געווען פאַרשפאַרט — זע באַמערקונג 11, זייט 193) און זיך באַמיט צו באַקומען פאַר זיי לייכטע אַרבעטן. אין מאַי 1944 האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט נאָך געמאָלדן וועגן פאַרבינדונגען מיט אים. ער איז געווען צווישן די אידן, וועלכע די דייטשן האָבן אין פרילינג און זומער 1944 אַריבערגעפירט פון בודזינער לאַגער קיין פלאַשאָוו און וויעליטשקי. אַ טעלעגראַמע פון לובלין, פון 18־טן יאַנואַר 1945, האָט אָנגעזאָגט, אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן (ד״ר הלל זיידמאַן שרייבט אין „מאָרגן זשורנאַל״ פון 20־טן יולי 1947, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין פעברואַר 1944 בשעת אַ באַמבאַרדירונג פונם טראַנספאָרט וואָס האָט געפירט די אידן פונם בודזינער לאַגער קיין מערב און איז שפעטער געשטאָרבן אַ דריי טעג פאַר דער באַפרייאונג. אַ געראַטעוועטער פון בודזינער לאַגער מיינט, אַז דאָס איז אַ טעות: א) די אידן פון בודזין האָט מען נישט אין פעברואַר אַריבערגעפירט נאָר שפעטער; ב) אים ווייזט אויס, אַז ער האָט געזען הרב שטאָקהאַמער אויפן נייעם פלאַץ נישט קיין פאַרוואונדעטן). זיין פאַמיליע איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, נאָך פאַר זיין פאַרשיקונג אינם בודזינער לאַגער.

שטיין אריה: איינער פון עלטסטע חברים און מיטגרינדער פון דער צעירי־ציון־באוועגונג; אין די יארן 1917—1920, און אויך שפע־טער איז ער געווען א מיטגליד פון פוילישן צענט־ראל־קאמיטעט און שטארק טעטיק אין דער פארטיי. ער האט פארמאגט א שארפן מוח און האט זיך גע־רעכנט פאר איינעם פון די גוטע פאלעמיסטן אין דער פארטיי. ער האט פארעפנטלעכט א ריי אר־טיקלען וועגן פאליטישער עקאנאמיע און וועגן יוגנט־דערציאונג. נאך דער פארייניקונג פון צעירי ציון מיט פועלי ציון, איז ער געווען איינער פון די אנגע־זעענע חברים אין דער פועלי ציון (צ.ס.)־פארטיי,



כאטש ער איז נישט געווען פארטייאיש־אקטיוו און האט זיך אינגאנצן אפגעגעבן זיין ארבעט אלס הויפט־בוכהאלטער אין צענטראלן ארץ־ישראל־אמט אין ווארשע, — ער פלעגט אבער דערפילן אלע אויפגאבן, וואס די פארטיי האט אויף אים ארויפגעלייגט. א לאנגע צייט איז ער געווען אנפירער פון ווארשעווער בוכהאל־טארן־פאריין, אין יאר 1937 האט ער, צוזאמען מיט זיין פרוי רחל שטיין (זע ווייטער), באזוכט ארץ־ישראל און האט באשלאסן צוריקצוקומען און שוין באזעצן זיך אין לאנד.

אין דער מלחמה־צייט איז ער פארבליבן אין ווארשעווער געטא. ער האט געארבעט אין דעם אידישן אמט פאר סאציאלער הילף און איז געווען זייער טעטיק אין דער פארטיי־ארגאניזאציע. אינם בריוו פון צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי אין פוילן צום איחוד־עולמי פועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות אין ארץ־ישראל, — פון 15־טן נאוועמבער 1943, — ווערט ער דערמאנט צווישן די אקטיווע טוער, וועלכע זיינען געווען טעטיק ביזן לעצטן מאמענט און זיינען געפאלן אויף זייער פאסטן, — א יאר 57 איז ער דאמאלסט אלט געווען. זיין פרוי רחל שטיין איז מיט א פאר חדשים שפעטער באגאנגען זעלבסטמארד.

שטיין רחל־רייזל: איר ערשטע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט איז געווען אין דער „צעירי־ציון"־באוועגונג, וואס איר מאן אריה (זע פריער) איז געווען איינער פון אירע מיטגרינדער. אבער איר הויפט־טעטיקייט האט זי געטון אין דער פרויען־באוועגונג. באזונדערס האט זיך ארויסגעוויזן איר געזעלשאפטלעכער כוח, ווען די „בנות־ציון"־ארגאניזאציע האט זיך איבערגעבויט אלס „יפ"א" — אידישע פרויען ארגאנ־ניזאציע", — דארטן האט זי זייער אסך אויפגעטון אויפן סאציאלן און דערציאונגס־געביט. פון יאר 1921 איז זי במשך א סך יארן געווען פארזיצערין פון דערדאזיקער ארגאניזאציע

און האָט געווידמעט אַ סך ענערגיע דער באַפּעסטיקונג פון אירע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. אין די יאָרן 1925—1933 איז זי געווען אַ באַאַמטין אין דער דערציאונגס־אָפּטיילונג פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, און איר גאַנצע פרייע צייט האָט זי אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אין וועלכער זי האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ פּאָלקס־טוערין פון בעסטן סאָרט. מען האָט זיך באַצויגן צו איר מיט אַכטונג און אָנערקענונג אין ברייטע, אידישע און נישט־אידישע קרייזן. פון יאָר 1921 אָן, במשך אַלע יאָרן, איז זי געווען אַ ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, אויסגעקליבן פון דער ציוניסטישער ליסטע, שטאַרק פּאָפּולער ביי די אידישע ווילער. אירע אַרויסטרעטונגען אויף די זיצונגען פונם שטאָט־ראַט האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. זי איז געווען אַן אַקטיווע מיטגלידערין אין דער שטאָטישער קאָמיסיע פאַר דערציאונג און סאָציאַלע הילף און זי האָט מוטיק געקעמפט פאַר די רעכט פון אידן בכלל, און באַזונדערס פונם אידישן קינד, געגן די כסדרדיקע עוולות מצד די שטאָט־הערשער. איר היים איז תמיד געווען אָפן פאַר הילף־נויטיקע עלטערן און קינדער, בפרט ווען עס פלעגט זיך דערנעענטערן דער זומער און זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער וויכטיקער טעטיקייט פון באַזאָרגן אָרימע קינדער מיט אָפּרו־פּלעצער. זי האָט אויך פּראַקטיש מיטגעאַרבעט אין דער סאָציאַלער הילף און אין דער פאַך־אויסבילדונג־טעטיקייט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. פון יאָר 1943 איז זי געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגלידערין אין די הילף־אַנשטאַלטן פון דער אידישער הילף־געזעלשאַפט פאַר יתומים און פאַרלאָזטע קינדער אין פוילן, און פון יאָר 1939 — לייטערין פון „צענטאָס״.

נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן איז זי פאַרבליבן אין וואַרשע און איינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן דער אידישער הילף־אַרבעט; קינדער־הילף אין נאָמען פון „צענטאָס״. זי האָט אויך מיטגעהאָלפן שאַפן די אונטערערדישע קינדערהיים פון דער פּועלי ציון (צ.ס.)־פּאַרטיי. נישט געקוקט אויף דער באַזונדערער געפאַר, צוליב איר עלטער און איר פּאָפּולערקייט, האָט זי זיך באַמיט אויך אָנטיילצונעמען אין די אונטערערדישע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, הגם אין די לעצטע פאַר מלחמה־יאָרן איז זי נישט געווען באַזונדער אַקטיוו אין דער אינערלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. זי איז געווען זייער אָנגעזען אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. בשעת דעם ערשטן פאַרניכטונגס־גירוש — אויגוסט־סעפּטעמבער 1942 — איז זי באַאַנגען זעלבסטמאָרד אויפן זאַמלאָרט („אומשלאַג־פּלאַץ״), איידער זי איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין טויטלאַגער טרעבלינקע. אַ יאָר 58 איז זי דאַן אַלט געווען. אינם בריוו פון דער פּאַרטיי אין פוילן — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — צו דער וועלט־פאַראייניקונג פּועלי־ציון (צ.ס.)־התאחדות ווערט זי דערמאָנט צווישן די אַקטיווע טוער, וועלכע האָבן געטון זייער פליכט ביזן לעצטן מאָמענט. איר נאָמען געפינט זיך אויך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער.

ד"ר שטיין מנחם (עדמונד): געבוירן אין יאָר 1891, אין טורקא, גאַליציע. דעם טיטל דאָקטאָר־פילאָזאָפיע האָט ער באַקומען אין יאַגעלאָנישן אוניווערזיטעט אין קראָקע און סמיכה אויף רבנות האָט ער באַקומען אין בערלין. ער איז געווען אַ באַקאַנטער פילאָלאָג, אַ ספּעציאַליסט פאַר סעמיטישע שפּראַכן, און היסטאָריקער. שטאַרק צוגעבונדען צו ארץ־ישראל און אין דעם גייסט האָט ער זיך אויך באַמיט צו דערציען זיינע תלמידים. הויפּטזאַכלעך האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דער פאָרשונג פון דער אידישער פילאָזאָפיע און פון מדרש. אין קראָקע איז ער געווען אַ לערער פון לאַטיין אין דער העברעאישער גימנאַזיע און אַ לעקטאָר פון העברעאיש אין יאַגעלאָנישן אוניווערזיטעט. אין 1920 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און באַשטימט געוואָרן אַלס דאָצענט אין יודאַאיסטישן אינסטיטוט, ווו ער האָט געלערנט אידישע געשיכטע, פילאָזאָפיע און מדרש. אין די יאָרן 1938—39 איז ער געווען פּרעזידענט פונם אינסטיטוט. ער איז אויך געווען אַ וויזיטאַטאָר פון די אידישע מיטלשולן אין פּוילן. ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער „תרבות"־טעטיקייט און איז געווען אַ קאָמיטעט־מיטגליד פונם פאַרבאַנד פון העברעאישע שרייבער אין פּוילן. זיין היים אין זשאָליבאָזש (אַ נייער וואַרשעווער וואוין־קוואַרטאַל) איז געוואָרן אַ זאַמל־אָרט פאַר וויסנשאַפטלער און סטודענטן־פאָרשער. ביי די סטודענטן איז ער געווען זייער באַליבט. ער האָט גענומען אַ לעבהאַפטן שריפטשטעלערישן אַנטייל אין וויסנ־שאַפטלעכע יודאַאיסטישע אויסגאַבעס. פון זיינע וויכטיקסטע ווערק איז צו דערמאָנען „פילאָן פון אַלעקסאַנדריע" (העברעאיש, וואַרשע, תרצ"ז. דערשינען אויך אין פּויליש); „די שילדערונגס־קונסט פון יוסיפוס פלאַוויוס" (העברעאיש, וואַרשע, תרפ"ט); „די העלעניסטישע לערע" (ווי פריער); „רעליגיע און וויסן" (העברעאיש, קראָקע, תרצ"ח). ער האָט אויך איבערזעצט אויף העברעאיש די ווערק פון יוסיפוס פלאַוויוס, פילאָן פון אַלעקסאַנדריע און ציצעראָ. אויף דייטש און פּויליש זיינען דערשינען זיינע ביכער: „די אַלעגאָרישע טייטשונגען פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדריער" (גיסן, 1929); „פילאָן און דער מדרש — די תנ"ך־געשטאַלטן פאַרן מדרש" (גיסן, 1931); „די דרשה פאַר־ענדיקונגען אין מדרש" (סינסינעטי, 1932); „די אַנימאַלע וועלט אין דער תורה און אין תלמוד" (וואַרשע, 1932); „די לערע פון די שולן־אַלטערטימלעכקייטן אין גליל" (וואַרשע, 1933); „די געזעלשאַפטלעכע היגיענע אין דער תקופה פון תלמוד" (וואַרשע, 1933); „די ביבל־קריטיק אין דער שפּעטער־העלעניסטישער ליטעראַטור" (לעמבערג, 1935); „די ערשטע העלענאָ־אידישע אַפּאָלאָגעטן" (לעמבערג, 1936); „דער רמב"ם — דער אידישער אַריסטאָטעלעס" (וואַרשע, 1937). צווישן זיינע אַנדערע, דערשינענע וויסנשאַפטלעכע ווערק דאַרף פאַרצייכנט ווערן די לאַטיין־געשריבענע שטודיע וועגן קעלזוס. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע איבערזעצונג פונם „חכמת שלמה" (ספרים חיצוניים, תרצ"ז). אין זיין בוך (אין פּויליש) „יודאַיזם און העלעניזם", האָט ער זיך באַמיט צו געבן אַן ענטפער היטלערס „ראַסע"־תלמידים, וועלכע האָבן אין די

לעצטע יאָרן פאַרן קריג שטאַרק אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין פּוילן, אונטער דעם דעקמאַנטל פון וויסנשאַפט.

אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און האָט זיך באַטייליקט אין דער געהיימער קולטור־טעטיקייט אינם געטאָ־אונטערערד. ווען ער איז אַריבער פון דער אַרישער זייט אין געטאָ אַריין, און שפּע־טער אויך בעת זיינע וואַגלענישן אין געטאָ גופא, האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות מיטצונעמען זיין רייכע פּילטויזנטער־בענדיקע ביבליאָטעק, וואָס אָן איר האָט ער נישט געזען קיין אינהאַלט אין זיין לעבן. אין געטאָ האָט ער אָפט געהאַט פאַרטראַגן. ער האָט זיך באַמיט איינצואָרדענען פאַרטראַגן פאַר די געוועזענע סטודענטן פון יודאַאיס־טישן אינסטיטוט. אַ באַריכט וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין לאָנדאָן (דורך אַ פון וואַרשע אַנטלאָפענעם איד אין דער צווייטער העלפט 1942), האָט צווישן אַנדערן דערציילט וועגן וויסנשאַפטלעכע לעקציעס — אין אַ קעלער, פריער אויף געגנשע־גאַס און דערנאָך אויף כלאָדנע 15 — פון פאַרשידענע געלערנטע, און צווישן זיי פון מ נ ח ם ש ט י י ן, וועלכער האָט ביי יענע באַדינגונגען רעפערירט וועגן סאָקראַטעס, אַריסטאָטעלעס, דעם רמב״ם און סעדיה גאון. ער איז אויך געווען שטאַרק טעטיק אין דער העברעאיש־אידישער קולטור־פאַריייניקונג „תקומה״ אין געטאָ (וועגן דער טעטי־קייט פון „תקומה״, זע זייט 309, באַמ. 2). אַ געוויסע צייט איז ער געווען פאַרזיצער פונם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט ביי דער קהילה, — דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט עק־זיסטירט נישט לאַנג. נאָכן גרויסן גירוש, אין האַרבסט 1942, איז ער אַריין אַרבעטן אינם „גרויסן שאָפּ״ פון ק. ג. שולץ אויף נאַוואָליפּיע־גאַס, ווו זיין פרוי איז געווען פונפריער, אָבער ווען ער איז אַהין געקומען האָט ער זי שוין נישט געפונען. די דייטשן האָבן אים דערנאָך אַוועקגעשיקט אין איינעם פון די אָפּגעשלאָסענע לאַגערן אין לובלינער געגנט און אים דאָרטן דערמאָרדעט. זיין נאָמען געפינט זיך צווישן די דער־מאָנטע 320 עסקנים, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, וועלכע זיינען פון די דייטשן אויסגעמאָרדעט געוואָרן.

שטענגעל ישעיהו (שיע): פון שטעטעלע טישעוויץ נעבן כעלם. אַ בוי־אַרבעטער, אַ זעלטענע באַשעפעניש צווישן פּוילישע אידן. שיע איז געווען זייער אָנגעזען אין זיין שטעטל. אַ געטרייער חבר פון דער „יוגנט״־באַוועגונג פון די לינקע פּועלי ציון. קומענדיק קיין וואַרשע, נאָך פאַרן קריג האָט ער טריי פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אַלס אַקטיווער און וויכטיקער טוער ביי דער „יוגנט״; ער איז אויך געווען טעטיק אין דער יוגנט־סעקציע פונם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די בוי־אַרבעטער. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל — פון 24־טן מאַי 1944 — ווערט ער דערמאָנט צווישן די ביזן לעצטן מאָמענט אַקטיווע חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן, — אַ יאָר 30 איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען.

*** שטענגעל מאַניעק:** געבוירן אין אַ שטעטל, אין לאָדזשער געגנט. בשעת דער מלחמה איז ער אָנגעקומען, צוזאַמען מיט די עלטערן קיין וואַרשע; ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר 13. ער האָט געלערנט אין דער אונטערערדישער „דרור"־גימנאַזיע און איז געווען אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער „דרור"־אָרגאַניזאַציע. אויך דער פאָטער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג; ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דער עקזיסטענץ פון דער אונטערערדישער גימנאַזיע און האָט גענומען אויף זיך די זאָרג פאַר דער אויסהאַלטונג פון אַ טייל תלמידים. מאַניעק איז טראָץ זיין יונגן עלטער אַריינגעטרעטן אין די קאַמף־אָפּטיילונגען פון „דרור". ער איז געווען צווישן די „דרור"־קעמפער, וועלכע זיינען אין דער צווייטער העלפט פון 1942 געשיקט געוואָרן קיין הרוביעשאָוו (זע זייט 142, באַמערקונג 27). ער איז אַרויס מיט דער לעצטער גרופּע פון 18 חברים, וועלכע איז אַדורכגעפאַלן באַלד ביים אָנקומען אויפן אָרט. ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער איז אַנטלאָפן און האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, מיטברענגענדיק די שרעקלעכע ידיעה וועגן דורכפאַל פון דער גרופּע און דער דערמאָרדונג פון די חברים. ער האָט זיך באַטייליקט אין די געטאָ־קאַמפן אין אַפּריל־מאַי 1943 אין יצחק בלושטיינס (לפ"ג) אָפּטיילונג, וועלכע האָט געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ". ער איז אומגעקומען דעם 8־טן מאַי 1943, אינם שטאַב־בונקער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אויף מילע־גאַס 18, — ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַ יאָר 17. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** שיינגוט טוביה (טאַדעק):** געבוירן און אויפגעוואַקסן אין וואַרשע, אין דער אידישער געגנט, אויף נאַוואָליפּיע־גאַס, און געלערנט מע־טאַל־דרעקסלעריי אין דער פאַך־שול פון דער קהלה אויף גזשיבאָווסקע־גאַס. אין יענער שול האָט געהערשט אַ שטאַרקע השפעה פון דער קאָמוניסטישער יוגנט און ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערן אינערלעכן געראַנגל אין די דיסקוסיעס מיט זיי, זוכנדיק אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען, וועלכע זיי האָבן פאַר אים געשטעלט, אָבער זיין נייגונג צו דער חלוצישער באַוועגונג איז כסדר געוואַקסן, און אין 1938 איז ער אַריינגעטרעטן אין „השומר הצעיר", אין גדוד „תל־עמל".

בעת דער מלחמה האָבן זיך נאָכמער געשטאַרקט זיין טרייהייט און איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג, עס זיינען פאַרשוואונדן אַלע זיינע ספקות און ער האָט דערזען זיין פליכט און אויפגאַבע אין אָפּגעבן זיך אינגאַנצן דער אַרבעט פאַר דער באַוועגונג און פאַרן פאָלק. אַ געזונטער, פעסטגעבויטער בחור, האָט ער געווידמעט דער אויפגאַבע אַלע זיינע כוחות. ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן, אָבער ער איז אַנטלאָפן און איז אַריין אין קיבוץ „מעפּילים" אין טשענסטאָכאָוו, וואו ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד אין געטאָ. שפּעטער

האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און אַקטיוו אָנטיילגענומען אין אָרגאַניזירן די קאַמף־אָפּטיילונגען. אין סוף 1942 איז ער געשיקט געוואָרן מיט אַ באַזונדערס־געפערלעכער שליחות קיין קראָקע — אויסראָטן די פּראָוואָקאַציע — (וועגן דער פּלאָג פון פּראָוואָקאַציע אין קראָקע, זע אין דער באַמערקונג 38, זייט 148), ער האָט די שליחות אויסגעפירט און איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער האָט געהערט צו אַ קאַמף־אָפּטיילונג פון „השומר הצעיר”, און זיין אויפגאַבע בעת די געטאָ־קאַמפן איז געווען — פאַרבינדונגען מיט דער אַרישער זייט. וועגן זיינע אָנשטרענגונגען אַרויסצוראַטעווען די לעצטפאַרבליבענע קעמפער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן דער־ציילט שמחה ראַטהייזער אין זיין דאָ־פאַרעפנטלעכטן טאָג־בוך. ער האָט אויך מיטגעהאָלפן ביים אַריבערפירן די לעבנגעבליבענע געטאָ־קעמפער קיין לאָמיאַנקי און פונדאָרטן אין די ווישקאָווער וועלדער. אויך נאָך דער אונטערדריקונג פונם געטאָ־אויפשטאַנד האָט ער נאָך אַרומגעוואָגלט אין געטאָ, מאַסקירט אַלס נישט־איד און געזוכט אין צווישן־די־חורבות־פאַרבליבענע חברים.

אין איינעם אַ טאָג, זומער 1943, איז ער געקומען אין הויז פונם פּאָליאַק סטעפאַן פּאָקראָפּעק (לפ״ג), אין וואַרשע אויף וואַשינגטאָן־גאַס 80, דאָרטן האָט זיך דאָן געפונען אויך שמחה ראַטהייזער, אָבער דאָס הויז איז שוין געווען אַרומ־גערינגלט מיט געסטאַפּאָ־לייט. ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן, אָבער אַ דייטשע קויל האָט אים געטראָפן און ער איז אומגעקומען, אַלטזייענדיק 23 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (מער פּרטים וועגן זיין טויט זע אין דער געדענק־פאַרצייכעניש וועגן סטעפאַן פּאָקראָפּעק).

* **שיפמאַן לאה:** די אינגערע שוועסטער פון מרים (זע ווייטער). געבוירן אין וואַרשע אין אַן אָרעם־האָרעפּאַשנער פאַמיליע, אין דער געגנט פון דער אידישער אָרימקייט, אויף אָסטראָווסקע גאַס. דער פאָטער, אַן אָרימער הענד־לער, וועלכער האָט בדוחק מפרנס געווען זיין פאַ־מיליע. זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אונטער דער השפעה פון איר עלטערער שוועסטער און איז, אַזוי ווי יענע, אין די גאָר־יונגע יאָרן אַריינגעטרעטן אין „בונד”. בשעת דער מלחמה האָט זי געהערט צו די יונגע אונטערערדיש־זייער־אַקטיווע שיכטן פון דער באַוועגונג. זי איז געווען אַ מיטגליד פון אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג און אין די געטאָ־קאַמפן האָט זי זיך באַטייליקט אין דער אָפּטיילונג פון לייב (לוי) גרוזאַלץ (לפ״ג), אין „צענטראַלן געטאָ”.

אין דער שלאַכט, וועלכע איז אויסגעבראָכן דעם 27־טן אַפּריל 1943 אינם בונקער אויף מילע 29, איז זי געפאַלן אין קאַמף צוזאַמען מיט ל. גרוזאַלץ, דוד האָכבערג (ביידע לפ״ג) און אַנדערע (מער פּרטים — זייט 256, באַמ. 18, צום באַריכט פון „בונד״) — 21 יאָר איז זי דאַמאָלסט אַלט געווען. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע וועלכע איז געשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער 1943 איז איר נאָמען על פּי טעות אָנגעגעבן צווישן די קעמפער פון „דרור״).

* **שיפמאַן מרים:** געבוירן אין וואַרשע (זע פריער וועגן איר שוועסטער שיפמאַן לאה). זי האָט געלערנט אין אַ ציש״א־פאָלקסשול אויף מילע־גאַס 57. הגם זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע שילערין (איר אָפּשלוס־אַרבעט אין שול איז געווען אַ חיבור וועגן י. ל. פּרץ), האָט זי נישט פאַרגעזעצט לערנען און אָנגעהויבן אַרבעטן פון דער יוגנט־אָן אַלס מעטאַל־אַרבעטערין (ווייל מען האָט דערביי מער פאַרדינט). מיט איר אַרבעט אין פאַבריק איז זי געווען די פּרנסה־געבערין פאַר אירע אָרימע עלטערן און פאַר אירע דריי איינגערע שוועסטערלעך. זי איז אַריינגעטרעטן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון „בונד״ און גאַר גיך האָט זי זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן איבערגעגעבענע און פּעאיקע טוערין און איז געוויילט געוואָרן אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער „צוקונפט״־אָרגאַניזאַציע. נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג אין דער פאַבריק פלעגט זי קומען יעדן אָוונט אין דער אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען אַ קערפּערלעך שוואַכע, אָבער האָט פאַרמאָגט אַ סך ענערגיע און האָט זי אינגאַנצן געווידמעט דער באַוועגונג און איר טעטיקייט צווישן די יוגנטלעכע מיטגלידער פונם מעטאַל־אַרבעטער־פאַריין. פון צייט צו צייט פלעגט זי אויך שרייבן אין דער צייטונג פון יוגנט־בונד „צוקונפט״.

בילד פון דער געטאָ־צייט

בשעת דער מלחמה איז איר איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו זיין סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער „צוקונפט״־אָרגאַניזאַציע. איר גוטהאַרציקייט האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אין דער געטאָ־תּקופה. אין דער צייט פונם שרעקלעכן הונגער פלעגט זי אַרומגיין אין די פאַרחושכטע גאַסן און טיילן צווישן דער יוגנט צעטלען אויף מיטאָג־עסן אין די אַרבעטער־קיכן. זי איז געווען זייער טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג. צווישן די אַקטיווע פאַרשפּרייטערינס פון דער אונטערערדישער פּרעסע. צוזאַמען מיט איר חבר אברהם פייגער — אויך זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע — האָט זי געעפנט אין געטאָ אַ פריזיר־געשעפט,

וואָס האָט געדינט אַלס פאַרבינדונגס־אָרט פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג. אין דער לעצטער געטאָ־תקופה האָט זי געאַרבעט אינם „שאָפּ״ פון רעריך אויף נאָוואָ־ליפּיע 72, דאָרטן האָט מען צוגעגרייט דייטשע מיליטער־מונדירן. די מיטגלידער פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דעם „שאָפּ״ — און מרים צווישן זיי — פלעגן אַרויסנעמען מיט זיך, טראָץ דער לעבנסגעפאַר, טיילן פון די מונדירן, וועלכע די קעמפער פלעגן באַנוצן ביי געוויסע געלעגנהייטן, בפרט בשעת די געטאָ־קאַמפן. זי האָט אָנטיילגענומען אין דער אַקטיוויטעט פון די בונדישע קאַמף־אָפּטיילונגען. נאָך פאַר די געטאָ־קאַמפן איז זי פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס און צוגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אויף גענשע 6. בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי זיך געפונען אינם שפּיטאָל־בונקער. זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אַרום דעם 10־טן מאַי 1943, אינעם טאָג ווען עס זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אַלע פון יענעם בונקער, צווישן זיי אויך ל אַ ז ע ר ק ל אָ ג (לפ״ג), מ אַ נ י ע ז י ג ע ל ב ו י ם און אַנדערע. 25 יאָר איז זי דאַמאָלסט אַלט געווען. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שיפער יצחק, ד״ר: געבוירן דעם 9־טן נאָוועמבער 1884, אין טאַרנע, מערב־גאַליציע. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע־לימודים, האָט ער שטודירט אין די קראָקעווער און ווינער אוניווערזיטעטן. אין 1907 האָט ער באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל פון יורידישן פאַקולטעט. אין די פריע יוגנט־יאָרן איז ער געווען נאָענט צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (פּ.פּ.ס.), אָבער אין 1904 איז ער אַריין אין דער פועלי ציון באַוועגונג און איז געוואָרן איינער פון די גרינדער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרטיי אין גאַליציע און אין עסטרייך, אין דער תקופה פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. במשך לאַנגע יאָרן איז ער געווען איינער פון די הויפּט־זיילן און געשטאַלטער פון דער פועלי־ציון פאַרטיי, און זיין נאָמען און איינפלוס האָבן שוין דאַמאָלסט דערגרייכט די ברייטע פעריפעריע פון דער באַוועגונג אין דער וועלט. אין די יאָרן 1910־11 איז ער אַ געוויסע צייט אויך געווען רעדאַקטאָר פונם פאַרטיי־אָרגאַן אין לעמבערג „דער אידישער אַרבעטער״. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אין עסטרייכישן מיליטער. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז ער געווען אַ מיטגרינדער פון „אידישן נאַציאָנאַלן ראַט״ אין קראָקע און זיין וויצעפאָרזיצער; ער איז אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן

פון אַ אידישער זעלבסטשוץ, וועלכע איז געווען טעטיק בשעת די דאַמאָלסטיקע אַנטי־סעמיטישע געשעענישן אין מערב־גאַליציע. אין יאָר 1919 איז ער אַריין אין ערשטן, געזעצגעבערישן פּוילישן סיים, אויפן אָרט פון דאַמאָלסט פאַרשטאָרבענעם ד״ר מ אַ ק ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד, וועלכער איז געווילט געוואָרן אין כעלמער קרייז דורך דער פּועלי ציון ליסטע. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער געוואוינט אין וואַרשע, וואו ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ סיים־דעפּוטאַט. נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּ׳עלי ציון באַוועגונג, אין יאָר 1920, איז ער געווען דער אָנפירער פונם טייל, וואָס פון אים האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די פּועלי ציון (צ.ס.)־באַוועגונג אין פּוילן. בעת די סיים־וואַלן אין 1922 איז ער אַרויסגעטרעטן פון דער פּאַרטיי צוליב מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן אַן אַלגעמיין־אידישער וואַל־ליסטע אָדער אַ באַזונדער־פּאַרטייאישער (די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן צו די וואַלן זעלבסטשטענדיק — צוזאַמען מיט צ.ס. „צעירי ציון״, און ער איז געווען פּאַר באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיין־אידישער ליסטע, וועלכע איז געווען פּאַרבונדן מיטן בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן). ער איז דאַן אַריין אין לאַגער פון פּראָגרעסיוון אַלגעמיינעם ציוניזם און האָט דאָרטן פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען פּאָרזיצער פון אידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פּאַריין אין וואַרשע און אין זיין לעצטער לעבנס־תּקופה איז ער געווען דירעקטאָר פון „אידישן אַקאַדעמישן הויז״, וואָס האָט זיך געפונען אין דער וואַרשעווער פּאָרשטאָט פּראַגע.

פון דער יוגנט אָן פלעגט ער אַרויסטרעטן אַלס לעקטאָר און רעדנער אויף פאַר־זאַמלונגען און פאַרלעזונגען אין אַלע טיילן פון לאַנד, — ער איז געווען אַ טאַלאַנט־פולער און אינהאַלטרייכער רעדנער, וועלכער האָט אין זיינע פילע הונדערטער פאַר־זאַמלונגען און לעקציעס במשך נאָענט פיר יאָרצענדליקער באַרירט סיי אַקטועלע פּראַגן און סיי דערשיינונגען פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט. ער איז אויך געווען איינער פון די הויפּט־פּובליציסטן, פריער אין דער פּועלי ציון פּרעסע און דערנאָך אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פּרעסע. זיינע אַקטועלע ציוניסטישע און וויסנשאַפטלעכע אַר־טיקלען דערגרייכן זיכער די צאָל פון אַ סך הונדערטער. ער האָט דערביי געפירט אַ פאַרצווייגטע וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט, אין וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן הויפּט־זאַכלעך דעם געביט פון היסטאָרישער פאָרשונג און איז געווען איינער פון די וויכ־טיקסטע בויער פון דער אידישער היסטאָריאָגראַפיע אין לעצטן דור. ער האָט זיך אין זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויסגעצייכנט מיט אינטואיציע און דערפינדערישקייט. ער איז בכלל געווען אַ מענטש פון גייסטיקער אימפּולסיווקייט און אויפבליצן, אַ מענטש מיט אַ לעבהאַפטן געדאַנק, אַ פּאָעטישן באַנעם און אַן אויסגעשפּראָכן דראַמאַטישן חוש. זיין ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1902. דאָס איז געווען אַ שטודיע וועגן דער „אידישער געזעצגעבונג פונם קעניג קאַזימיר דער גרויסער״. ער האָט געשריבן אַ ווערק וועגן דער געשיכטע פון די אידן אין זיין היימ־

שטאַט טאַרנע. אין 1907 איז דערשינען זיין בוך „דער אָנהויב פון קאַפּיטאַליזם ביי אידן אין מערב־אייראָפּע אין פריען מיטלאַלטער״ (דערשינען לכתחילה אויף דייטש, און דערנאָך אויך — רוסיש, פּויליש און אידיש). אין 1911 איז דערשינען זיין בוך „שטודיע וועגן די עקאָנאָמישע באַציאונגען פון די אידן אין פּוילן אין מיטלאַלטער״, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען דעם היפּאַליט וואַוועלבערג־פּרייז פון לעמבערגער אוני־ווערזיטעט. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי שטודיעס וועגן דער געשיכטע פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין אַמאָליקן פּוילן. אין 1917 איז דערשינען — אויף פּויליש — זיין בוך „די אידן אין פּוילן און ליטע — און ארץ־ישראל״. אין 1927 איז דערשינען — אויף אידיש — זיין צווייבענדיקע „געשיכטע פון אידישן טעאַטער, קונסט און דראַמע — פון די עלטסטע צייטן ביז 1750״; זיין בוך „די געשיכטע פון דער אידישער עקאָנאָמיק״ איז איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש (דערשינען 1936); צוזאַמען מיט ד״ר א. טאַרטאַקאָווער און א. האַפּטקע האָט ער רעדאַגירט די גרויסע אַנטאָלאָגיע „די אידן אין באַנייטן פּוילן״, אין וועלכער ער האָט פאַר־עפנטלעכט זיינע זייער וויכטיקע שטודיעס אויף די געביטן פון אידישער געשיכטע, עקאָנאָמיק און קונסט־געשיכטע אין פּוילן; אין 1937 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין גרויס בוך „די געשיכטע פון אידישן מסחר אין פּוילן״, זיינע ביכער זיינען איבערגעזעצט אין אַ סך שפּראַכן.

בשעת דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע. ער האָט פאַרגעזעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. געווען אַ געטרייער שתדלן אין אַלע הילפס־אינסטי־טוציעס לטובת די נויטליידנדע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער. האָט אָנטייל־גענומען אין די באַראַטונגען וועגן דער שאַפונג פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און ווען דער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן, איז ער געווען אַ מיטגליד אין אים. אין די סאַמע שווערסטע און ביטערסטע מאָמענטן האָט ער געפּרוווט אויפמונטערן און דערמוטיקן מיט האָפנונגען, פאַרופנדיק זיך אויף מאָמענטן פון אונזער לאַנגער און יסורים־פולער געשיכטע. ער האָט באַקעמפט די האָפנונגסלאָזיקייט און דאָס געפיל, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. ער איז געווען צווישן די אונטערגעשריבענע אויף דער ערשטער טעלעגראַמע פון וואַרשע קיין ארץ־ישראל, — וועגן דעם געטאָ־אויפשטאַנד. די דייטשן האָבן אים אַוועקגעשיקט אין טויט־לאַגער מאַידאַנעק. דאָרטן האָט ער געאַרבעט אין קיך, אָין איז אָפט אויסגעשטאַנען פייניקונגען פון די דייטשע סאַדיסטן. זיין געזונט איז זייער צעשטערט געוואָרן, די פיס זיינען אים געוואָרן געשוואָלן און ער האָט אויס־געזען ווי אַ שוואַכער זקן. די לעצטע טעג פלעגט מען אים אפילו טראָגן צו דער אַרבעט, פונם בלאָק 11, וואו ער האָט זיך געפונען. און טראָץ דעם אַלעם און הגם זייענדיק אַליין שווער האַרץ־קראַנק האָט ער ביזן לעצטן מאָמענט געפּרוווט צו מונטערן און מוטיקן אַנדערע. ער איז אויסגעגאַנגען סוף מאַי אָדער אָנהויב יוני 1943. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 אויסגעמאָרדעטע אידישע עסקנים, געלערנטע און קינסטלער.

שיפּריס זאב (וולאַדזימיעזש), ד״ר: קאָמענדאַנט פון דער גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אינם פאַרניכטונגס־לאַגער טראַווניקי. אַ וואַרשעווער, פון אַ רייכער משפּחה. אַ דאָקטאָר פאַר אינערלעכע קראַנק־הייטן. געווען זייער טעטיק אין „לינת הצדק״ אין דער געגנט פון וואַרשעווער אידישער אָרימקייט, אין די גאַסן סמאָטשע און מילע, — דער אַנשטאַלט האָט געזאָרגט פאַר נאַכטלעגערס פאַר וואוינונגסלאָזע און פאַר מעדיצינישער באַהאַנדלונג פון אָרימע קראַנקע. ווען ער פלעגט באַזוכן אַן אָרימען חולה האָט ער תמיד פאַרבאָרגענערהייט איבערגעלאָזט עפּעס אַ שטיצע. ער איז געווען אַ פאָלקסמענטש, זייער פּאָפּולער צווישן די מאַסן.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער פאַרבליבן אין וואַרשע און פאָרגע־זעצט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. די דייטשן האָבן אים אַוועקגעשיקט אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער טראַווניקי אין לובלינער געגנט, צוזאַמען מיט אַ טייל פון די לעצט־פאַרבליבענע וואַרשעווער אידן נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד. דאָרטן איז ער געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער געהיימער זעלבסטהילף און ביים אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אין לאַגער. ער האָט זיינע אויפגאַבן דערפילט געטריי ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן — און דאַמאָלסט איז ער אַלט געווען 42 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער רשימה פון די דערמאָרדעטע, וועלכע דער אידישער נאַציאָנאַלער־קאָמיטעט גיט אָן אין זיין בריוו פונם 5־טן נאָוועמבער 1943 און אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעלשאַפטלעכע טוער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער.

שמידט אברהם: געבוירן אין לובראַניעץ נעבן וולאָצלאַוועק. די גימנאַזיע־לימודים האָט ער אַדורכגעמאַכט אין וולאָצלאַוועק און איז געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון שטודירנדיקער יוגנט „הרצליה״. אין 1922 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און אָנגעהויבן אַרבעטן אין צענטראַל־אַמט פון „קרן־היסוד״ אין פּוילן. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער יוגנט־באַוועגונג פון צעירי־ציון, דערנאָך — פון פּועלי ציון (צ.ס.). אין 1927 האָט ער פאַרלאָזט די אַרבעט אין קרן־היסוד און איבערגענומען אַן אַרבעט לויטן אויפ־טראַג פון דער באַוועגונג. שפּעטער האָט ער אויך געאַרבעט אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל. ביי וואָס ער האָט נישט געזאָלט זיין באַ־שעפטיקט, איז קיינמאָל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיין געטריישאַפט און אַקטיווער אינטערעס פאַר דער באַוועגונג.

בילד פון 1926

בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט ער פאַרגעזעצט זיין אַרבעט, — אינם אונטערערד. ער איז געווען איינער פון די ענערגישע און טרייע חברים אין יענער צייט. ער האָט געאַרבעט אין אידישן אַמט פאַר סאָציאַלע הילף זש.ט.אָ.ס. Ż.T.O.S., אַלס ראַיאָן־לייטער, און שפּעטער אין „צענטאָס" אַלס לייטער פון געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר. אין אַפּריל 1943 האָבן אים די דייטשן אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָווא. אויך דאָרטן איז ער געווען צווישן די, וועלכע האָבן נישט־קוקנדיק אויף אַלע געפאַרן געפירט אומאויפהערלעך זייער סאָציאַלע טעטיקייט און געשטאַנען אינדערשפּיץ פון דער געהיימער זעלבסט־הילף און פון דער גרופּע פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין לאַגער. 43 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די דערמאָרדעטע 320 פּירנדע עסקנים, געלערנטע און קינסטלער.

*** שניידמיל אברהם שמואל (בערעק):** געבוירן אין לאָדזש, ביי אַן אָרימען, פרומען פאָטער. געלערנט אין יורטשינסקיס מאָדער־נער תלמוד־תורה פאַר אָרימע קינדער. דער מנהל פון דער תלמוד־תורה האָט ליב־באַקומען דאָס אינגל, דעם מתמיד און ווען עס האָט זיך געעפנט אין לאָדזש שווייצערס באַקאַנטע רעאַל־גימנאַזיע האָט ער אים אַריינגעפירט אַהין כמעט אָן שכר־לימוד. אין 1922 האָט ער דאָרטן פאַרענדיקט די לימודים און האָט זיך זייער באַמיט ווייטער צו שטודירן — זיין טרוים איז געווען צו ווערן אַן אַדוואָקאַט און פאַרטיידיקן אין פּאָליטישע פּראָצעסן אַרבעטער און סאָציאַליסטן. ער האָט אָנגעהויבן לערנען רעכט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט אָבער צו זיין באַדויערן האָט ער נישט געקענט פאַרענדיקן די לימודים צוליב זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע. ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ גרויסער פירמע. נאָך זייענדיק אַ שילער אין גימנאַזיע איז ער אַריינגעטרעטן אין „בונד" און איז געבליבן פאַרבונדן מיטן גאַנצן האַרצן צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געווידמעט אַ סך ענערגיע דער אָרגאַניזירונג פון די שוץ־אָפּטיילונגען ביי דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג און איז אויך געווען איינער פון די הויפּט־טוער ביי אַלע בונדישע וואַל־קאַמפּאַניעס אין וואַרשע. ווייניק מענטשן האָבן געוואוסט זיין אמתן נאָמען און מען האָט אים גערופן ליבלעך: בערעק.



בשעת דער מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן קיין ליטע, שפּעטער, האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַרשע כדי אָנטיילצונעמען אין דער אונטערערדישער באַוועגונג.

אויפן וועג האָבן אים די דייטשן געכאַפּט, געשלאָגן מכות־רצח און אים אומגעקערט צום סאָוויעטישן געביט. זיינע פריינט האָבן אים געבעטן, ער זאָל נישט פּרוּוון פאָרן קיין וואַרשע, ער האָט זיי אָבער נישט געפאָלגט און האָט דערגרייכט זיין ציל. מיט זיין גאַנצער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער בונדישער, אונטערערדישער אַרבעט, אין וועלכער ער האָט פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן אָרט, — ער איז געווען מיטגליד פון בונדישן אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט און פאַרשטייער פונם „בונד" אינם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דעם 20־טן אָקטאָבער 1942 (זע זייט 145, באַמערקונג 32). באַקומענדיק נאָך פאַר דער מלחמה אַ מיליטערישע אויסבילדונג און זייענדיק קאָמענדאַנט פון „צוקונפט־שטורם" (די בונדישע שוץ אָפּטיילונגען), איז ער געווען זייער פאַסיק פאַר זיין וויכטיקער אויפגאַבע אינם אונטערערד און אויך ביי דער אָרגאַניזירונג פונם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ער איז געפאַלן אין דעם קאַמף ביים פאַרזאָרגונגס־אַמט אויף פראַנצישקאַנער 20, דעם ערשטן אָדער דעם צווייטן מאַי 1943, צוזאַמען מיט אברהם אייגער, אברהם דיאַמאַנט, סטאַשעק ברילאַנטשטיין א.א. (זע זייט 295, באַמ. 1), — ער איז דאַן אַלט געווען 40 יאָר. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

*** שניידערמאַן טעמע:** געבוירן 1917 אין וואַרשע, אין אַן אַסימילאַטאָרישער משפּחה. געלערנט האָט זי אין אַ פּוילישער פאָלקס־שול און האָט קיין אידיש נישט געקענט. האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך איז זי אַריינגעטרעטן אין החלוץ, וואו זי האָט ערשט אויפגענומען די אידיש־נאַציאָנאַלע ווערטן.

בילד פון 1940

בשעת דער מלחמה איז זי אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע קיין קאָוועל און שפּעטער איז זי צוזאַמען מיט דער חלוצישער קאָנצענטראַציע אַריבער קיין ווילנע. איר מוטער און איר שוועסטער זיינען דערהרגעט געוואָרן ביי דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע. דער אומגליק האָט זי דערשלאָגן און זי האָט זיך אַזוי ווי איינגעשלאָסן אין זיך זעלבסט. די אַרבעט אין דער באַוועגונג האָט איר אָבער מיטגעהאָלפן גיך קומען צו זיך און זי האָט געפונען אַן אינהאַלט אין לעבן. זי האָט גאָרנישט געטראַכט אפילו וועגן ראַטעווען זיך, — זי האָט נאָר געוואָלט צוריקפאָרן קיין וואַרשע און נקמה־נעמען אין די מערדער פון אידן. זי איז געווען אַ שוואַכע און אַ צאַרטע, אָבער אין אירע גרויסע טרויעריקע אויגן, אין איר איידל און בלייך פּנים איז געווען ווי באַהאַלטן

אַ שטאַרקע לעבנס־קראַפֿט און זי האָט צוזאַמען מיט איר חבר מרדכי טענענבוים (לפ"ג) מוטיק אַדורכגעמאַכט אַלע אונטערערדישע שוועריקייטן אין איר אַקטיווער אַרבעט. נאָך איידער די דייטשן האָבן אָקופּירט ליטע איז זי געווען איינע פֿון די אַקטיווסטע ביים באַקומען און אויסאַרבעטן כלערליי דאָקומענטן און וויזעס, אַדאַנק וועלכע אַ סך חברים זיינען אַנגעקומען אין ווייטן מזרח און אין אַנדערע ערטער. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז זי פֿאַרבליבן אין ווילנע, לויטן באַשלוס פֿון דער באַוועגונג: זי האָט געוואוינט אויף דער אַרישער זייט און איז געווען די פֿאַרבינדלערין מיטן געטאָ. איר אַרישער אויסזען האָט איר דערמעגלעכט גוט אויסצופֿירן איר אויפֿגאַבע. איר טאַקט האָט איר אויך דערמעגלעכט אַ סך מיטצוהעלפֿן די חברים ביי איר באַשעפֿטיקונג אַלס קראַנקנשוועסטער. איר חבר, דער איינציק נאָענטער מענטש, וואָס איז איר פֿאַרבליבן, מרדכי, מיט וועלכן זי איז געווען פֿאַרבונדן נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה און וועלכער איז געווען זייער צוגעבונדן צו איר, האָט זיך תמיד געפֿונען אין די וועגן, אין געפֿערלעכע שליחותן, אָבער זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט. ווען די לאַגע אין ווילנער־געטאָ איז געוואָרן שווערער פֿון טאָג־צו־טאָג און עס האָט זיך אויסגעוויזן פֿאַר אַ געוויסער צייט, אַז די תנאים פֿאַר דער אונטערערד־אַרבעט אין ביאַליסטאָקער־געטאָ זיינען בעסערע, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווערע, געפֿערלעכע קאַפּיטל פֿון אַריבערפֿירן פֿון ווילנע קיין ביאַליסטאָק עטלעכע צענדליק מענטשן פֿונם אַקטיוו פֿון אַלע גרופּן. ווידער זיינען מרדכי און טעמע געווען צווישן די איניציאַטאָרן און אַקטיווע אַדורכפֿירער ביים אויסאַרבעטן די פּלענער און באַגלייטן די חברים. די אַדורכפֿירונג איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער אַקטיווער מיטהילף פֿונם דייטשן פֿעלדפֿעבל שמידט, דער אָנפֿירער פֿון דער דייטשער „פֿערשפּרענגטען זאַמעלשטעלע" אין ווילנע, אַ 40 יאָריקער ווינער סאָציאַל־דעמאָקראַט, פֿון די יחידים צווישן מיליאָנען דייטשן, וועלכער האָט מיט טרייקייט און מיט הארץ מיטגעאַרבעט מיט אונזערע חברים, זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען פֿאַר זיך וועלכע עס איז באַלוינונג אָדער אפילו נאָר די קלענסטע מתנה, ער האָט מסכן געווען זיין לעבן יעדע שעה און האָט אויך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַקטיווע חברים — ער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פֿאַר אָט זיין טרייקייט. מען רעכנט, אַז עס איז געווען אַ מסירה. די געסטאַפּאָ האָט אים אין אַ געוויסן טאָג גענומען און נאָך דעמזעלבן טאָג דערמאָרדעט.

אויך אין וואַרשע, וואוהין טעמע האָט זיך אומגעקערט נאָך פֿאַר מרדכי'ן איז זי געווען אַקטיוו איינם אונטערערד אַלס פֿאַרבינדלערין מיטן נאָמען וואַנדאַ מאַיעווסקאַ. אַ געוויסע צייט האָט זי געוואוינט אין די וואַרשעווער פֿאַרשטעט אין טשערביאַקאָוו און ווילאַנאָוו. זי איז געווען איינע פֿון די באַדייטנדסטע פֿאַרבינדלער — פֿלעגט אין שליחות פֿון דער באַוועגונג אָנקומען אין די מזרח־געביטן און אויך אין די געביטן, וועלכע זיינען אַנגעשלאָסן געוואָרן אין „רייך". אין יענע שרעקלעכע צייטן האָט זי אַ מאָל צוואַנציק באַזוכט ביאַליסטאָקער געגנט, וויסנדיק, אַז יעדער באַזוך איז פֿאַר־

בונדן מיט טויט־געפאַר, — איר אויפגאַבע איז געווען אַריבערצופירן אַהין מענטשן, געלטער און געווער, און זי האָט איר אויפגאַבע דערפילט. זי האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון די „דרור״־קאַמף־אָפּטיילונגען. אין יאַנואַר 1943 איז זי נאָך אַרויסגעפאָרן אין שליחות פון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע קיין ביאַליסטאָק. עטלעכע טעג נאָך איר אומקערן זיך קיין וואַרשע, מיטברענגענדיק אַ גרעסערע געלט־סומע — 80.000 רובל — וועלכע זי האָט דאָרטן באַקומען פאַר דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון אפרים באַראַש (לפ״ג), איז זי אומגעקומען, בשעת דעם ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, דעם 18־טן יאַנואַר 1943, צוזאַמען מיט ל א ה פ ע ר ל ש ט י י ן און ש ר ה ג ר אַ נ אַ ט ש ט י י ן (ביידע לפ״ג). איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שענקער שמואל, ד״ר: אַ פשעמישלער, אַלטער חבר פון פועלי ציון פאַרטיי, אין וועלכער ער איז אַריינגעטרעטן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זייענדיק אַ סטודענט. ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון פועלי־ציוניסטישן סטודענטן־פאַרבאַנד „חרות״ אין זיין שטאָט. ווען ער האָט געלערנט אין לעמבערגער אוניווערזיטעט איז ער געווען איינער פון די אַקטיווע פועלי ציוניסטן צווישן די אַקאַדעמיקער. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אַלס אָפיצער אין דער עסטרייכישער אַרמיי און איז גענומען געוואָרן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה האָט ער פאַרענדיקט זיינע מעדיצינישע לימודים אין ווין, און אויך דאָרטן איז ער געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. דערנאָך איז ער אַנגעקומען קיין פאַביאַניץ נעבן לאָדזש, אַלס איידעם פון באַקאַנטן אינדוסטריעלער פ א ו ס ט, און האָט אָנגעהויבן פּראַקטיצירן ווי אַ דאָקטאָר־מעדיצין. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין רשות פון דער פועלי ציון (צ.ס.)־פאַרטיי און איז ביזן לעצטן מאָמענט געווען איינער פון אירע געטרייסטע אַקטיווע חברים. ביי צוויי צענדליק יאָר איז ער געווען פאַרזיצער פון דער אָרטיקער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און האָט זיך אַליין באַשעפטיקט מיט אַלע טאָג־טעגלעכע פאַרטיי־אַרבעטן, — עס איז נישט געווען קיין אַרבעט, וואָס ער האָט זי באַטראַכט אַלס אומוויכטיק. ער איז געווען באַקאַנט און באַליבט אין דער גאַנצער סביבה. ער איז אָפט אַרויסגעטרעטן מיט פאָרטראַגן סיי אין דער לאָדזשער אומגעגנט און אויך אין ווייטערע פלעצער אין שליחות פון ראַיאָן־קאָמיטעט, פונם צ. ק. פון דער פאַרטיי און אָפּטמאָל אויך אין שליחות פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער און געווען באַקאַנט מיט די ענינים, וועגן וועלכע ער האָט רעפערירט. אויף י ע ד ע ווענדונג פון דער פאַרטיי־צענטראַלע האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַן אָפן האַרץ און אַ ברייטער האַנט. ער האָט פאַרמאָגט אַ זייער רייכן אַרכיוו מיט מאַטעריאַלן פון דער באַוועגונג — כמעט אַלע פועלי־ציוניסטישע אויסגאַבעס, אין אַלע שפּראַכן, אָנהויבנדיק

פֿון יאָר 1907. ער פֿלעגט זאָגן די חברים אַז קומענדיק קיין ארץ־ישׂראל וועט ער עס געבן אַ מתּנה דעם אַרכיוו־העבֿודה פֿון דער הסתּדרות.

בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער אַוועק קיין מזרח־גאַליציע, זיין פֿרוי מיט די צוויי זין זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע. נאָך אַ קורצער צייט איז אויך ער געקומען און געאַרבעט אַלס פּערסאָנאַל־דאָקטאָר אין די אידישע פֿאָלקס־קיכן. גלייכ־צייטיק איז ער געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. בעת דעם גרויסן גירוש — יולי־סעפּטעמבער 1942, זיינען זיינע צוויי זין, אַקטיווע יוגנטלעכע אין „דרור", צוגענומען געוואָרן אין פֿאַרניכטונגס־לאַגער. ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם אומגליק און צוזאַמען מיט זיין פֿרוי זיינען זיי פֿרייוויליק אַוועק אין די טויט־לאַגערן. 56 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. אינם בריוו פֿון דער פּאַרטיי אין פּוילן צום איחוד־עולמי פּועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות — פֿון 15־טן נאָוועמבער 1943 — געפֿינט זיך זיין נאָמען אין דער ליסטע פֿון די אַקטיווע און געטרייע טוער פֿון דער באַוועגונג, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך ביזן לעצטן מאָמענט.

* **שערמאַן מאַיאָרעק (מאיר):** אַ וואַרשעווער. אַ ספּאָרטלער פֿון די אינגסטע יאָרן. געווען אַ מיטגליד אין דער באָקס־סעקציע פֿון דער בונדישער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגענשטערן". ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פּאָליטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן די אידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז ער אַריין אין אירע רייען. ער האָט געקעמפֿט אין אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג און האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט ביים בונקער פֿונם פֿאַרזאָרגונגס־אַמט אויף פֿראַנציסקאַנער־גאַס. אויפֿצומאָרגנס, דעם 3־טן מאַי, ווען די קעמפֿער האָבן געפּרוּווט אַריבערגיין אויף אַן אַנדער אָרט, איז ער געפֿאַלן צוזאַמען מיט שאַנן לענט, זישע פֿאַפֿיער, דבורה באַראַן, ישׂראל מיטלמאַן, צפּורה לערער (אַלע לפּ״ג) און נאָך קעמפֿער, — 22 יאָר איז ער דאַמאָלסט אַלט געווען. זיין נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף (מער פּרטים וועגן דעם קאַמף זע זייטן 295 און 296, באַמערקונגען 1 און 2).

* **שפּאַנצער ישעיה (שיע):** אַ שניידער־אַרבעטער. אַ טוער פֿון די אידישע קאָמוניסטן אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג. בעת דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד אַ מיטגליד פֿון אַ קאַמף־אָפּטיילונג פֿון די לינקע פֿאַריינען (אידישע קאָמוניסטן). צווישן די געפֿאַלענע דעם 8־טן מאַי 1943, אינם שטאַב־בונקער פֿון דער אידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18. מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען קיין גענויערע פּרטים וועגן אים. זיין נאָמען געפֿינט זיך אין דער ליסטע פֿון געפֿאַלענע אין וואַרשעווער געטאָ־קאַמף.

שפּיגעל משה: אַ וואַרשעווער, אַריינגעטרעטן אין דער פּועלי ציון באַוועגונג בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט איר געטריי געדינט דריי צענדליק יאָר. ער איז געווען אַ רואיקער, באַדאַכטער און דערביי אַ זייער אַקטיווער מענטש, — איינער פון די בעסטע טוער אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אַ מיטגרינדער פון אַנגעשטעלטע־פאַריין, אַ מיטגליד פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג במשך לאַנגע יאָרן, און פאָרזיצער פון דער פאַך־סעקציע פון אַנגעשטעלטע אין משקאות־געשעפטן, ווו ער זעלבסט איז געווען באַשעפטיקט. אַ מענטש מיט אַ זעלבסטשטענדיקן דענק־אופן, פלעגט אַריינדרינגען אין די קאָמפּלי־צירטסטע פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער איז געווען איינער פון די בעסטע טוער ביי די וואַרשעווער לינקע פּועלי ציון, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכער האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער פּאַרטיי־אַרבעט.

בילד פון 1934

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען טעטיק אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף. אינם בריוו פון די לינקע פּועלי ציון אין פּוילן צו זייערע חברים אין ארץ־ישראל ווערט ער דערמאָנט צווישן די חברים, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו ביזן לעצטן מאָמענט. אַ יאָר פופציק איז ער אַלט געווען, ווען ער איז אומגעקומען.

שפּיראָ הרב קלונימוס־קעלמיש, דער פּיאַסעטשנער רבי: געבוירן אין גראָדזשיסק, נעבן וואַרשע, ט״ו אייר תרמ״ט (16 מאַי 1888). דער אינגסטער זון פון רבין ר׳ אלימלך שפּי־ראָ, דער מחבר פון „אמרי אלימלך״, אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד און פון לובלינער חוזה. צו פיר יאָר איז ער געוואָרן אַ יתום פון זיין פּאָטער, און די מוטער, אַ טאָכטער פון כענטשינער רבין, איז פאַר־בליבן מיט צוויי קינדער — ער, דער שפּעטערדיקער רבי ר׳ קעלמיש, און זיין אינגערער ברודער, דער שפּעטערדיקער פירער פון „הפועל המזרחי״ אין ארץ־ישראל הרב ר׳ ישעיהו שפּיראָ ז״ל. דער רבי ר׳ קעלמיש האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין גראָדזשיסק און נאָך אַלס קינד האָט ער אַרויסגעוויזן גאונישקייט. ווען ער איז אַלט געוואָרן 15 יאָר האָט ער חתונה

געהאַט מיט אַ טאָכטער פון קאָזשעניצער רבי, און נאָך דער פּטירה פונם שווער — איז ער געוואָרן רבי, אַלטזייענדיק 19 יאָר. צו 21 יאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּיאַסעטשנע און דאָרטן האָט ער געפירט די רבנות ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. ער פלעגט לערנען טאָג־און־נאַכט. אויף שבתים און ימים־טובים, און באַזונדערס אויף די ימים־נוראים, פלעגן קומען צו אים טויזנטער חסידים. פאַר קראַנקע פלעגט ער שרייבן רעצעפּטן אויף לאַטיין, וואָס די אַפּטייקן פלעגן אַרויסגעבן לויט זיי רפואות. ער איז געווען אַ הדרת־פּנים, אַ ליבלעכער און האַרציקער און ער איז גיך פּאָפּולער געוואָרן אין די לומדיש־חסידישע קרייזן אַלס פּאָלקס־רבי. ער האָט פאַר־מאָגט אַ שטענדיקן אינערלעכן ברען און ס'איז נישט געווען קיין שום אידיש־געזעל־שאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס האָט נישט דערוועקט זיין אינטערעס. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט שמירת־שבת און ער איז געווען דער נשיא פון די שומרי־שבת אין וואַרשע. ער איז געווען פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער אין דער אגודת הרבנים אין פוילן און איינער פון די הויפּט־קעמפער געגן דער שחיטה־גזירה פון דער פּוילישער רעגירונג. אין יאָר 1921 האָט ער געגרינדעט אין וואַרשע די ישיבה „דעת משה", איינע פון די גרויסע פּוילישע ישיבות, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל רבנים. ער האָט געזאָגט שיעורים אין חסידות און קבלה. ער האָט אויך געמאַכט אַ סך חידושי־תורה — האָט מחבר געווען אַ גרויסן ספר (פּלפּול) אויף דער מסכתא שבת, אַ פּירוש אויפן זוהר א. א., אָבער ער האָט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן נאָר די דערציערישע ספרים, ווי „חובות התלמידים", „חובות האברכים" און „בני מחשבה טובה". דער ספר „חובות התלמידים" איז דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס און לעצטנס אויך אין ארץ־ישראל — דורך פּיאַסעטשנער חסידים — און ער האָט אַרויס־גערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. זיינע חסידים האָבן אים גערופן „אוהב ישראל" און ער האָט טאַקי ליב געהאַט אידן מיטן גאַנצן האַרצן. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געהאַט אַ ליבשאַפט צו ארץ־ישראל און האָט אַהינגעשיקט אַ סך פון זיינע חסידים.

בשעת דער מלחמה איז ער צוזאַמען מיט די אָרטיקע אידן אַריבער קיין וואַרשע. ביי די ערשטע באָמבאַרדירונגען זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן זיין בן־יחיד הרב אלימלך שפּירא, וועלכער האָט, פאַר דער מלחמה, זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל קיין פוילן, און אויך די שנור און אַ שוועגערין. די מוטער איז פון גרויס צער און עגמת־נפש באַלד נפטר געוואָרן. ער וואָלט געקענט אַרויס פון פוילן, ער האָט עס אָבער נישט געטון. אַדאַנק זיינע אָנשטרענגונגען האָט דער „דזשאָינט" געגרינדעט אויף דזשעלנע 5 (וואו ער האָט געוואוינט) אַ פאָלקס־קיך, וואו עס האָבן — איידער ס'איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ און אויך שפּעטער — געגעסן 1.500 פּיאַסעטשנער אידן, פון די אַנטלאָפענע קיין וואַרשע.

אין דער לעצטער געטאָ־תקופה האָט ער געאַרבעט אַ שטיקל צייט אינם שולץ־„שאָפּ" אויף נאָוואָליפּיע גאַס, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע ריי רבנים און

תלמידי־חכמים. נאָך דער ליקווידירונג פון וואַרשעווער געטאָ איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין בודזינער לאַגער וואו עס האָבן זיך געפונען נאָך רבנים און געזעלשאַפט־לעכע טוער (צווישן זיי הרב ש. שטאָקהאַמער און א. ל. בלאָך — ביידע לפ״ג; דער בונדישער טוער י. פאַלק און דער רעוויזיאָניסטישער עסקן ד״ר ד. וודאָווינסקי — (ביידע זיינען געראַטעוועט, זע זייט 194, באַמערקונגען 12 און 13; מער פרטים וועגן בודזינער לאַגער זע זייט 193, באַמערקונג 11). מען גיט איבער, אַז 15 מענטשן פון זיי האָבן זיך מתחייב געווען מיט אַ תקיעת־כף נישט צו פאַרלאָזן איינער דעם אַנדערן ביי קיין שום רעטונגס־פּרווו. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט געשיקט פון וואַרשע ספּעציעלע שליחים אין לאַגער צו ראַטעווען עטלעכע. דער שליח (אַ פּאָליאַק, אַ באַן־אַרבעטער, טעאָדאָר פּאַיעסקי, וועלכער האָט אויך געראַטעוועט ד״ר ע. רינגעלבלומען — לפ״ג — פון טראַווניקי) האָט געקענט אַרויסנעמען פון לאַגער נאָר צו איין־צוויי מענטשן, העכסטנס. צוליבן תקיעת־כף האָבן זיי דערויף נישט מסכים געווען און דורכדעם איז נישט מעגלעך געווען זיי אַרויסצוראַטעווען. הרב שפּיראָ איז געווען צווישן די וועלכע די דייטשן האָבן אין פרילינג און זומער 1944 אַריבערגעפירט פון בודזינער און אַנדערע לאַגערן קיין פּלאַשאָוו און וויעליטשקי, דאָרטן איז ער אומגעקומען. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער דערמאָנטער ליסטע פון די 320 דערמאָרדעטע געזעל־שאַפטלעכע טוער, רבנים, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

שפּרינגער הערשל: געבוירן אין וואָלבראָם, קיעלצער געגנט, אין אַן אָרימער אַרבעטער־פאַמיליע. דער פאָטער איז געווען אַ שוועכער־פאַרהאָרעוועטער גאַרבער. הערשל האָט אין דער פאָלקסשול זיך אויסגעצייכנט מיט פלייס צום לערנען, מיט אַ שנעלער אָריענטאַציע און אַ געזונטע לאָגיק און געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון לערער און חברים. ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג איז זייער משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש, און ער מיט זיין ברודער דוד זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַ וועבעריי־וואַרשטאַט, ווו זיי האָבן געלערנט די מלאכה אויף האַנט־וועבשטולן. צו 17 יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין דער סקויטן־באַוועגונג פון „פרייהייט״, ווו ער האָט זיך גאָר גיך אויסגעצייכנט און אָנגעהויבן אַ דערציערישע און אָנפירערישע טעטיקייט. אַ ביסל שפּעטער איז ער אַריין אין „פרייהייט״ און געוואָרן איינער פון די וויכטיקע אָנפירנדע חברים אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט צווישן די חברים. ווען מען האָט אין סוף 1934 אַנטדעקט

בילד פון 1940

אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע קאָמוניסטישע עמיסאַרן, — איז ער געווען צווישן די וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבן נישט דערלאָזט, אַז די יוגנט זאָל פאַרפירט ווערן פון פראַזעס און ווייטער געדופן צו חלוציש־קייט און זעלבסטפאַרווירקלעכונג. אין 1936 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין ראַיאָן־ראַט פון „פרייהייט", און כאָטש ער האָט געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע האָט ער געפונען צייט אויף פאַר באַזוכן אין דער אומגעגנט, וואו ער האָט אָרגאַניזירט נייע אָרגאַניזאַציעס אָדער אָנגעפירט זומער־קאָלאָניעס. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אַ דאַנק זיין פּערזענלעכער מאָראַלישקייט און זיין אייזערנער לאָגיק. צו 27 יאָר האָט ער באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אויף הכשרה און אין 1938 איז ער אַוועק אין בענדינער קיבוץ, דאָרטן האָט מען אים באַלד איבערגעגעבן אַ סך וויכטיקע אַרבעטן און ער איז געוואָרן איינער פון די צענטראַלע מענטשן אינם קיבוץ.

אין דער נאַצישער אָקופּאַציע־צייט האָבן זיך ערשט באמת אַנטפּלעקט זיינע וואונדערבאַרע פעאיקייטן און אייגנשאַפטן. אין אָנהויב מלחמה האָט ער אַ שטיקל צייט אַרומגעוואָגלט אָבער ער איז גאָר אינגיכן צוריקגעקומען אין בענדינער קיבוץ און אים אָנגעפירט ביזן לעצטן מאָמענט. ער איז געווען די נשמה נישט נאָר פון קיבוץ אַליין נאָר פון דער גאַנצער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין בענדין. אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אין יענע גרויזאַמע צייטן קאָנצענטרירט זיך אַרום אים. אָפט האָט ער געשטעלט אין געפאַר זיין לעבן כדי צו ראַטעווען אָדער אַרויסצוהעלפן אַ חבר. די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אין בענדין האָט אים געקענט און באַצויגן זיך צו אים מיט ליבע, אָפּשאַצנדיק ווי געהעריק זיינע אויפטוען. אין 1942 איז ער געווען איינער פון די איניציאַטאָרן און גרינדער פון קיבוץ „עתיד", — פאַר קינדער יתומים פון 10 ביז 16 יאָר. ער איז געווען זייער אַקטיוו ביי די פאַרבאַרייטונגען צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. דעם 22־טן יוני 1943 איז ער אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין די וואַגאָנען קיין אַשוויענטשים. אין וועג האָט ער גערופן די פאַרשפאַרטע אַרויסצורייסן זיך און אַנטלויפן, אָבער די מערסטע פון זיי האָבן נישט געוואָלט און האָבן אויך אים נישט דערלאָזט אַנטלויפן, טענה'נדיק, אַז דאָס וועט ברענגען אַן אומגליק אויף אַלעמען. ערשט ווען די מענטשן אין וואַגאָן האָבן זיך פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש — זיינען, ער און מיט אים עטלעכע חברים, אַרויסגעשפּרונגען פון דער באַן. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן נאָכגעשאָסן און עטלעכע אַנטלאָפענע זיינען געהרגעט געוואָרן. הערשל האָט צעבראָכן אַ פוס שפּרינגנדיק; עס איז אים אָבער געלונגען אַנצוזאָגן וועגן דעם די חברים און זיי האָבן אים צוריקגעבראַכט קיין בענדין. ער האָט נאָך באַוויזן אָנטיילצונעמען אינם בענדינער ווידערשטאַנד אין די לעצטע ליקווידאַציע־טעג. אַ טאָג פריער האָט ער נאָך געשריבן צום פאַרבינדונגס־ביוראָ קיין זשענעוו (אונטערגעשריבן „סקאָטשעק" — שפּרינגער אויף פּויליש), און אינפאָרמירט וואָס עס טוט זיך ביי די חברים אין וואַרשע. דעם 10 אויגוסט 1943 האָבן

אים די דייטשן ווידער געכאַפּט און דערמאָרדעט. עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען, כדי אויפצושטעלן אין בענדין, אויפן אָרט וואו עס איז געווען דער בונקער פון די החלוץ־קעמפער, אַ דענקמאָל, צום אָנדענק פון די אין קאַמף געפאַלענע פרומקע פּלאָטניצקאַ, הערשל שפּרינגער און אַנדערע קעמפער.

* **שקלאַר רות:** געבוירן אין וואַרשע. איר פאָטער איז געווען ר א ו ב ן ש ק ל אַ ר, איינער פון די „מכבי" גרינדער אין פּוילן, פון די ערשטע אידישע באַקאַנטע ספּאָרטלער. זיין שיינע טאָכטער האָט באַקומען אינדערהיים אַ שטאָלצע און מוטיקע אידישע דערציאונג. זי איז אַריינגעטרעטן אין דער פועלי ציון (צ. ס.) יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" און איז געווען אַ באַגאַבטע, טעטיקע און געטרייע חברטע.

אין דער נאַצי־תקופה האָט זי געלערנט אין דער אונטערערדישער „דרור"־גימנאַזיע און ליצעאום אין וואַרשעווער געטאָ. זי האָט זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג און אַרויסגעוויזן מוסטערהאַפטע דרייסטקייט און העלדנמוט ביים אויספירן די אַרבעטן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן איר גרופּע. אָט דעם גייסט האָט זי אויך מיטגעבראַכט אין דער קאַמף־אָפּטיילונג פון „דרור", צו וועלכער זי האָט געהערט. אין אָנהויב סעפּטעמבער 1942 איז זי געשיקט געוואָרן מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון וואַרשעווער „דרור"־קעמפער אין די הרוביעשאָווער וועלדער און דאָרטן איז זי אומגעקומען, אַלט־זייענדיק 18 יאָר, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אָפּטיילונג, ווי עס ווערט אויספירלעכער גע־שילדערט אויף זייט 142, באַמערקונג 27. אירע עלטערן — ראובן און טובה — און איר אינגערער ברודער דוד זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָווא, מיט די לעצטפאַרבליבענע וואַרשעווער אידן און זיינען דאָרטן שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

זוכצעטל פון נעמען

אאוערסוואַלד (ד) 136
אבני (אַרטשטיין) ישראל 352
אַבערשטין יוסף 272, 335
אַבראַמאָוויטש ז. 229
אַבראַמעק 125
אַגאַטשטיין מיעטשיסלאַוו (יאַ־סטרון) 314
אַדאַם 407
אַדאַמאָוויטש אירענאַ 129
אַדלער יוליוס 626
אהראָנאָוויטש שושנה 331
אובפאַל נאַטעק 232, 336
אַזשעך מאוריצי 131, 132, 133, 138, 139, 324, 336, 399
אויערבאַך רחל 167, 174, 230, 313
אחד־העם 643
איגלאַ זיגמונט 219, 279, 329, 338, 578, 587, 609, 640
איגלאַ משה 339
איזביצקאַ מיראַ 339
אייגער אברהם 272, 281, 295, 296, 297, 328, 337, 702
אייגער רב עקיבא 337
אייזנבערג דוד 216, 340, 573, 596, 681
אייזנשטאַט דוד 341
אייזנשטאַט מרים 312, 341
אייזנשטיין בעטי 36
אינדעלמאַן מ. 566
איצוש 342
אָכראַן וואַנדאַ 278, 343, 539, 552
אַלטמאַן טאַסיא (טובה) 57, 58, 59, 129, 139, 141, 164, 210, 217, 260, 343, 407, 512, 517, 529, 560, 637, 677, 678
אַלטענבערג אסתר 346
אַלטער אהרן (אַנטאַש) 324, 608
אַלטער וויקטאַר 669
אַלטערמאַן בינע 347
אַלטערמאַן מלכה 232, 346,
אַלטערמאַן שלמה 272, 347, 348, 396
אַלעקסאַנדער 146
אַלעקסאַנדראָוויטש יעקב חיים מאיר 349
אלף גרשון 37, 576
אַמסטערדאַם שאול 234, 500
אַנטמאַן רבקה 166
אַנטעק — זע צוקערמאַן יצחק
אַניעליעוויטש מרדכי 30, 57, 58, 131, 134, 146, 149, 150, 164, 199, 217, 218, 222, 226, 231, 235, 243, 278, 328, 331, 384, 431, 439, 458, 459, 485, 533, 579, 583, 666
אַן־סקי ש. 23
אַנקער נחמן 222
אַסאַראַדאַבריי (עשרה דבריה) נינאַ ד״ר 213
אַפּאַטאַשו י. 307
אַפּאַליאַן 109
אַפּאַטשינסקי פּרץ 223, 350
אַפּעל יוליאַן 148, 493
אַקסאַקאַ (ד) 93
אַקסמאַן (ד) 93
אַרבוז חיים 156, 188, 351
אַרוואַטש אברהם 352, 666
אַרטשטיין אברהם 352
אַרטשטיין זכריהו 150, 153, 165, 287, 288, 328, 335, 352, 373, 393, 415, 423, 453, 477, 513, 579, 593, 594, 606, 658, 664, 684
אַרטשטיין משה 352
אַרטשטיין צבי 352
אַרטשטיין שרה 353
אַרטשינסקי מאַרעק 199
אַרנשטיין י. 325
אַש אליעזר 354
אַש שלום 22, 307
אַשעראַווסקי מיכאל 354

באַגנער מאַשאַ 326
באו (ד) 106
באָומאַן 115
באָומגאַלד ז. 16
באומינגער רוזשע 193
באַזשיקאָווסקי טוביה 146, 222, 256, 278, 288, 289, 393, 513, 534, 583, 664, 684
באַטשינסקי שלמה 270, 354, 581
באַלאַבאַן מאיר, פּראָפ. 430
באַקאַלטשוק מ. 16
באַר־קאַמאַראַווסקי, גענ. 41
באַראַכאָוו ב. 230, 308
באַראַן דבורה 272, 295, 296, 355, 509, 705
באַראַץ יוסף 218
באַראַש אפרים 165, 356
באַראַש יוכבד 356
באַראַש יצחק 357
באַרג מענדל (בערנאַרד) 137, 329, 430, 608, 657, 665
באַרוכאָוויטש (באַרוויטש) מאַק־סימיליאַן (מיכאל) 23, 170, 223, 224, 314, 317, 440
באַרטאָוויטש העניעק 358
באַרטאָוויטש וולאַדיסלאַוו 199
באַרטמעסער נטע 358
באַרטעטשקאַ (ד) 159, 251
באַרלאַס חיים 204
באַרנשטיין ר׳ אברהם 598
באַרנשטיין אַלפרעד, ד״ר 209, 358
באַרנשטיין האַנקאַ 507
באַרנשטיין יצחק 138
באַרנשטיין ר׳ שמואל 598

(ד) — מיינט אַ דייטש.

בוגייסקא פאלא 214
ריום ישראל־משה 360, 570
בוסעל יוסף 405
בוקסבוים בתיה 363
ריוקסבוים מירא 363
בוקסבוים נתן (אנטאני) 56, 176, 198, 228, 232, 234, 261, 314, 361, 616
יוראקס אליעזר 365
בוראקס עדעק (אליהו) 129, 364, 458
ורשטיין חיים 304
זשעזשינסקא זאכא 366
ריאליק ח. נ. 23, 309
יבאוו האנס (ד) 191
יגעלמאן מנחם 164, 278, 285, 366, 483
ידערמאן שרה, בילד 320א
יטער מלך 137, 506
יין ל. 325
ילאק יאנעק 14, 282, 324
יעלאק וו. 39
לאך אליעזר־ליפא 137, 147, 193, 261, 309, 367, 651, 708
לאך משה 369
לאנעס אליעזר (ליושעק) 242, 257, 282, 295, 328, 369, 638
לאנעס גוטע 257, 282, 370, 371, 638, 652
לאנעס יורעק 153, 188, 255, 257, 277, 282, 370, 371, 386, 420, 638, 647, 662
לאנעס יצחק 371, 372, 570
לאנעס מלך 164, 371
לאנק הדסה 367
לאנק לייבעלע 367
לאנק מארעק 372
לוישטיין יצחק 153, 165, 288, 372, 518, 694, 695
לום אבראשא 131, 145, 146, 249, 282, 328, 373, 531
לום ליובא 374
לומענטאל נ. 104
בלומענפעלד דיאנא 314
לומענפעלד טאליע 283
לומענפעלד יחיאל־מאיר, הרב 283
לומשטיין אברהם 228, 232, 375
ליט לוציאן 436
בליך נחמן 313
בן־דורי פ. 262
בן־ציון איסר 10
בעאטוס 232, 375
בעאטוס פראניע 279, 375
בעטהאוזען ל. 287
בער געניע 230, 232, 376
בערלינסקי הירש 131, 146, 153, 174, 228, 231, 232, 276, 278, 295, 323, 328, 377, 397, 489, 547, 550, 555
בערלינסקי יאנקל 337
בערמאן אברהם (אדאלף), ד״ר, 56, 137, 147, 173, 178, 181, 185, 189, 198, 205, 206, 208, 209, 212, 213, 229, 231, 232, 235, 263, 307, 311, 314, 452, 673
בערמאן (טעמקין) בתיה 174, 213, 228, 232, 233, 328
בערמאן פראנקא 164, 379
בערנסאן, אדוו. 509
בערנשטיין 311
בראדערזאן משה 401
בראוער ד״ר 358
בראוער הערמאן (ד) 93, 366, 458, 534, 657
בראז חנה 312, 379, 380
בראטמאן יחזקאל 193
בראנד (ד) 159, 251
בראנדעס אהרן 381
בראנדעס פאלע 381
בראנדעס צבי 144, 216, 262, 333, 380
בראנדשטעטער מ. ד. 381
בראנדשטעטער מיכאל, ד״ר 205, 381
בראנשטיין 531
בראסלאוו שמואל 137, 138, 142, 217, 328, 332, 333, 383, 437, 463
ברוידע בערל 57, 148, 153, 164, 215, 217, 337, 367, 372, 375, 385, 386, 428, 530, 554, 605, 677
ברוידע מ. ז., ד״ר 503
ברוסקין אהרן — זע פאוועל
ברזילי חוה 340
ברזילי ישראל 340
ברילאנטשטיין ס. 295, 386, 702
ברילוש (ד) 107, 108
ברענער י. ח. 350, 415
בתיה (פון משפחה אייגער) 338

גאטעסמאן אנא 213
גאטעסמאן שמעון, אדוו. 173, 177, 203, 206, 212, 213, 232, 236, 239
גאיעווסקי פיאטר 199
גאלאוונער יצחק (עדעק) 216, 388, 681
גאלאוונער ליאנעק 388
גאלאמב אליהו 34
גאלד וואלף 387
גאלדבערג העניע 325, 617
גאלדין י. ד״ר 629
גאלדפאדן אברהם 23
גאלדצווייג 234
גאלדשטיין בערנארד 147
גאלדשטיין יצחק 262, 387, 570
גאלדשטיין פייגע 257, 282, 638
גאפטעק ברוך 144, 390
גארדאן א. ד. 415
גביש ש. 325
גדליהו 366
גוזשיק דניאל־דוד (כפתור) 137, 138, 147, 173, 177, 178, 181, 185, 189, 206, 210, 212
גוטמאן חנוך 150, 153, 165, 272, 275, 276, 295, 296, 328, 335, 337, 348, 355, 392, 397, 478, 509, 537, 544, 650, 687
גוטערמאן יעקב 286, 393
גוטערמאן שמחה 394
גוטקאווסקי אליהו 137, 147, 217, 223, 309, 311, 394, 495
גוטקאווסקי גבריאל־זאב 396
גוטקאווסקי הרב ר׳ יעקב 394
גוטקאווסקי ליובא 395
גוטריימאן קובא 266, 396
גוטשטאט צפורה 396
גוצקאוו 626
גורני יחיאל 232, 285, 397
גורעוויטש סאפיע 373
גזשענדא שושנה 327
גיטערמאן אסתר 180, 397, 399
גיטערמאן יצחק 133, 137, 138, 147, 230, 336, 397, 398

גיפש יצחק 232, 399
גירציק (ד) 110, 111
גלאַבאַצניק (ד) 46, 110, 161, 253
גלאַטשטיין יוסף 400, 401
גלאַטשטיין יעקב 311, 313, 400
גלאַטשטיין ישראל 400, 625
גלאַנץ רבקה 144, 217, 328, 346, 401, 403
גלוז טוביה — זע קלאַג אליעזר
גליי (ד) 107, 108, 109, 110, 112, 114
גלייטמאַן מאַשע 320א, 325, 326
גליקשטיין יהודה 145, 217, 402, 403
געדאַנקען — 108
געוועלבער אברהם 216, 325
געט אַמאַן־לעאָפּאָלד (ד) 237, 238, 239
געלבאַרד חנה 325
געלבלום אירענאַ 213, 320א
געלער אליעזר 56, 57, 59, 146, 150, 152, 218, 220, 250, 260, 265, 266, 269, 270, 274, 323, 345, 363, 372, 403, 506, 510, 639, 676
געפנער אברהם 152, 277, 408, 455
גערטנער אבא 375, 411
גערטנער האַלינאַ 214
גערטנער ישראל 410
גראַבסקי סטאַניסלאַוו 497
גראַוויצקי אליעזר 262
גראַוואַס מרדכי (מערדעק) 147, 153, 164, 188, 278, 323, 351, 411, 431, 507, 534, 687
גראָומאַן חנה (הגר) 268, 271, 412, 419, 631
גראַיעק מאַניע 270, 345, 510
גראַיעק שלום 131, 161, 162, 164, 173, 187, 224, 226, 227, 244, 260, 264, 267, 270, 284, 285, 328, 345, 412, 435, 534, 563, 581
גראַנאַטשטיין שרה 148, 217, 413, 569, 704
גראַסמאַן חיה'קע 129, 166, 216
גרוזאַלץ לייב 153, 188, 256, 413, 520, 565, 582, 695, 696
גרילאַק ישראל 250, 257, 414, 638
גרין העלענאַ 316, 317
גרין ירחמיאל 317
גרינבוים יצחק (מיטגליד פון אידישער אַגענץ) 634, 668
גרינבוים יצחק 414
גרינשטיין אברהם 232, 415
גרינשפאַן יורעק 153, 295
גרינשפאַן יחיאל 38, 416
גרשוני גדליהו 142, 217, 415
גרשוני גריגאָרי 415

דאַבוכנאַ שאול 142, 217, 417
דאַבקין אליהו 57, 215, 218
דאַברין בערטאָלד ד"ר 180, 418
דאַווידאָוויטש זכריהו 419
דאַווידאָוויטש טובה 255, 271, 418, 631
דאַווידאָוויטש רייזל 419
דאַווידאָוויטש שמעון 418
דאַטנער שמעון ד"ר 166, 366
דאַלטשע 661
דאַלנאַראַזאַ פרומקע 392
דאַלעק — זע אהרן ליבעסקינד
דאַשינסקי איגנאַצי 589
דוביעל 436
דובנאָוו שמעון 22
דודעק פראַנטשישעק 63, 64, 508
דונסקי משה 419
דונסקי סעוועק 285, 419
דיאַמאַנט אברהם 232, 293, 294, 295, 420, 702
דיאַמאַנט יוכבד 294, 420
דיאַמאַנט עטקע 294, 420
דן חיים 595
דעמבינסקא דאָרקאַ 421, 425, 640
דעמבינסקי יצחק 421
דערינג וו. (ד) 89, 93
דרייער אברהם 137, 154, 286, 422, 658, 684
דרעזנער אברהם 421
דרעזנער יחזקאל 422
דרענגער (דאַווידזאָן) גוסטע 424, 425
דרענגער שחורה 425
דרענגער שמשון (שימעק) 144, 149, 217, 423, 493

האַכבערג אַדאָלף 272, 278, 285, 425
האַכבערג דוד 153, 256, 426, 696
האַכבערג דינה 426
האַלאַנד זלמן 427
האַלזבאַנד אהרן 164, 428
האַלזבאַנד געצל 428
האַלזבאַנד יוסף 428
האַלטער מרדכי 325
האַלמאַן (ד) 92, 93, 143, 155, 156
האַלצמאַן לודוויג 312, 428
האַנטקע (ד) 159, 251
האַנס (ד) 274
האַפּטקע א. 700
האַפּמאַן (ד) 93, 143
האַפּמאַן ישראל 180, 429
האַראַוויץ אברהם 271
הארוויץ ר' חיים שמואל הלוי 430
האַרנשטיין ר' זלמן 367
הובערבאַנד ר' הלל 430
הובערבאַנד, הרב ר' שמעון 309, 430
הובערבאַנד ר' שמשון יאָסל 430
הוווער, פּרעזידענט, 202
הוטנער הרב 502
הורוויץ מ. 325
היימאַן איטקע 430
היימאַן רות 430
היינסדאָרף מרים 146, 217, 431, 620
היינסדאָרף פנינה 432
היינסדאָרף צפורה 432
הילייִ פּראָפ. 556
הילפשטיין חיים, ד"ר 177, 203, 236
הימעלפאַרב א. 267, 432, 563
הירשביין פרץ 626
הירשהאָרן אַדאָלף (ה. רודניצקי) 314
הלוי ר' יהודה 23, 309
העכטקאָפּ שיינדל 223, 433
העלער שמעון 143, 217, 268, 269, 434
העניג חיים 224, 325

עניעק 129
עס רודאָלף (ד) מאַפּע פון לאַגערן
עפּלע (ד) 159, 251
ערינג (ד) 110, 112, 113
ערליך קורט (ד) 93
ערמאַן (שאַרבין) פּעסקע 142
ערץ י. ש. 456, 477
ערצל טעאָדאָר 528, 529, 626, 658
ערצליך־בליט פייגע 230, 232, 435
עשעלעס יאַנינאַ 171, 441

ואַגמייסטער (וועגמייסטער) לאָטע 213, 436
ואַכטאַנגאָוו 626
ואַכלער־מאַנטראַל בעלאַ 234
ואַכענהויזער צמרת (צמרת חדוה) 217, 257, 437, 638
ואַלד בנימין 150, 153, 265, 271, 342, 346, 438, 482, 517, 541, 544, 604, 661, 663
ואַלד מישאַ 266
ואַלסקי מיעטשיסלאַוו 315, 672
ואַלעווסקי ריטשאַרד, ד״ר 32, 50, 354
ואַלראַנג (ד) 105, 110, 111, 112, 113
ואַלף־יאַסני א. 516
ואַנכאַלסקאַ אַננאַ 279, 531
ואַסער הערש 147, 174, 228, 23, 233, 281, 293, 309, 337, 356, 506
ואַסערמאַן ל. 257, 638
ואַצעק 283, 284
ואַקספעלד משה 439
ואַראַבייטשיק מ. 326
ואַרטאַוויטש אַלעק 439
ואַרטמאַן זאב 439
ואַרמאַן אברהם (וואַרמאַנסקי ב.) 189, 212, 219, 225, 440
ואַרמאַן אברהם דוד הרב 440
ודאָווינסקי דוד, ד״ר 194, 708
וויטעלסאָן אברהם 180, 441
ווידע משה 230, 442
ווידענפעלד 414
וויטער א. 641
וויכערט מיכאַל, ד״ר 52, 200, 201, 202, 203, 226, 239
ווינלעז ישראל 642
ווייסמאַן נתן 148, 493
ווייצמאַן חיים 239
וויכטער יצחק 232, 442
ווילטשיק הרב 688
ווילנער י. 339
ווילנער ישראל חיים (אריה, יורעק) 57, 139, 141, 147, 150, 163, 164, 207, 209, 210, 217, 291, 328, 333, 443, 560, 660
ווין ר. 151
ווינאַגראַן יוסף־יהושע (סאַלאַמאַן) 153, 156, 265, 269, 351, 354, 446, 631, 661
ווינטער ש. 309, 447
וויניצקי מאַניעק 217, 445
וויעליטשקער לעאָן 170
וויעליקאָווסקי ג. אדוו. 80
ווירניק יעקב 166, 214
וויראָווסקי בנימין 230
ווישינסקי יהושע 444
וולאַדקע — זע פעלטעל פייגעלע
וועלנער ש. 325
וועגנראָווער יהודה 146, 164, 217, 448
וועניאַ (פּאַמעראַניעץ) 204, 259
ווראַנסקי הירש־יצחק 232, 329, 449
ווראַנסקי יאָסל 449

זאב 259
זאַגאַן גוסטע 452
זאַגאַן נתן־זכריה 452
זאַגאַן שאַרלאַט 452
זאַגאַן שכנא־אפרים 58, 133, 138, 139, 229, 230, 231, 309, 311, 324, 328, 450
זאַטוואַרדניצקי 569
זאַיאָנץ הערמאַן 453
זאַלאַטאָוו הירש 453
זאַלאַטאָוו (יורעק) 453
זאַליץ אברהם, ד״ר 606
זאַמערן פאָן, גענעראַל (ד) 46
זאַנדמאַן אברהם 188, 324
זאַנדמאַן פנינה 164, 285, 324
זאַסלאַווסקי 626
זאַקס 313, 454
זוכמאַנאָוויטש סטאַניסלאַוו 305
זיגעלבוים אַרטעק 456
זיגעלבוים יוסף־לייב 456
זיגעלבוים מאַניע 247, 257, 414, 456, 697
זיגעלבוים שמואל־מרדכי (אַרטור) 93, 44, 96, 245, 246, 247, 257, 409, 454, 638
זיידמאַן הלל 309, 689
זייפמאַן משה־אהרן 456
זייפערט פראַנץ־אַנטאָן (ד) 192
זילבער רוזשקע 549
זילבער שרה 549
זילבערבערג ה. 153, 458, 527
זילבערבערג וואָלף 626
זילבערבערג זרח 216, 457
זילבערבערג מאַיאַ 460
זילבערבערג רות 459
זילבערבערג רחל (סאַרענקאַ) 164, 459, 603
זילבערמאַן ישראל 460, 675
זילבערשטיין משה 462
זילבערשיין אברהם, ד״ר, 56, 261
זינגער אפרים 580
זינגער י.י. 566
זיסמאַן יוסף 213
זיספעלד 657
זניטש מיכאל 312
זעלמאַנאָווסקי חיים 283, 309
זעלצער חנה 327, 461
זעלצער ישראל 142, 217, 327, 460
זרובבל י. 56, 228, 229, 362
זשאַבאַטינסקי וו. 311
זשאַגעל שרה 462
זשימאַק לילקאַ 278, 462, 539, 552
זשימאַק נפתלי 464, 675
זשעלאַזנאַגוראַ חנוך 216, 465
זשעלאַזנאַגוראַ עטל 465
זשעלאַזנאַגוראַ שרה 465

חדש יצחק 466
חזן בעלאַ 217, 326
חיים 305
חנקין יהושע 352
חסידא פרץ — זע אַפּאַטשינסקי פרץ

טאַבענקין חיענע 625
טאַבענקין יצחק 57, 176, 215, 218, 262, 450, 625, 668
טאַדעק 282, 283
טאַלער ערנסט 589
טאַסענקרויט בערל 188, 256, 324, 427
טאַרבאַ זשאַק פּראָפ. 429
טאַרטאַקאָווער א. 186, 224, 225, 238, 639
טהאָן יהושע, ד״ר 236
טווערסקי ר׳ מרדכי־בער 398
טורקאָוו יאָנאַס 314
טושאַ—זע רובינשטיין (שטערן) אסתר
טייטעלבוים ניוטע — ריווע (וואַנדאַ) 38, 328
טייכלער גוטע 466, 633
טיקאַטשינסקאַ יאָהאַנאַ 214
טיש אליהו 177, 203, 236
טעבענס וו. צ. (ד) 89, 92, 106, 143, 155, 156, 158, 253, 255, 273
טענענבוים מרדכי (טאַמאַראָף יאָסיף) 40, 44, 57, 129, 132, 134, 139, 144, 165, 166, 215, 219, 311, 328, 357, 467, 522, 564, 703
טענענבוים שלאָמעק 472
טענענבוים תמר 469
טענצער יחיאל 180, 228, 232, 472
טעפּיצין (ד) 89
טראַבלעני 199
טראַקנהיים 568
טראַקס חנה 473
טראַקס לייב 473, 675
טראַקס פּערל 473
טשאַרנולאַ עריך (ד) 192
טשורטשיל וו. 96
טשעכאַנאָווסקי יאַן 99
טשערניאַקאָוו אדם 73, 79, 101, 357, 474
טשערניאַקאָווסקי קלמן 220

יאַבלאָנסקי 127, 219, 609, 649
יאַנעק 257, 639
יאַנקעלעוויטש אַדעק 477
יאַסטרון — זע אַגאַטשטיין מ.
יאַקובאָוויטש בראָנעק 440
יאַקובאָוויטש שושנה 477
יאַרוסקאַ מאַרישאַ 445
יאַשינסקי לייב 272, 478, 487
יהואש 23
יואל 188
יודעקס (ד) 93
יודקע 563
יוטמאַן יחיאל 232, 478
יולעק 265
יונגהייזער יולעק 188, 324, 420
יורטשינסקי 701
יורעק (פּ.פּ.ר.) 283, 284, 291
יושקעוויטש אפרים 479
יחיאל 289
יעגער שמואל 38, 328
יערי מאיר 57, 58, 176, 215, 218, 262
יצחקי י. 229
ירחם 105

כאַלאַדענקאַ דוד 147, 481
כמיעלניצקי אהרן 266, 269, 270, 320א, 326
כמיעלניצקי נחום 481
כשאַנאָוויטש יצחק 482

כהן מנחם 147, 309, 479
כפתור — זע גוזשיק ד. ד.
כץ יעקב 142, 479
כץ לייב 223, 480
כצנלסון בערל 643

לאָוונדער יפה 482
לאָוס, ד״ר (ד) 274, 275
לאָופער שלמה 232, 483
לאָופער שמאי 223, 483
לאַנדוי אַלעקסאַנדער לייב 138, 147, 628, 629
לאַנדוי וולאַדיסלאַוו 191, 484
לאַנדוי יוסף 138
לאַנדוי ישראל 138
לאַנדוי מרגלית 138, 147, 484, 628
לאַנדשטאַק יצחק 325
לאַקס ארמין 142, 324
לאַקער בערל 176, 177, 223
לוביאַניקער פּנחס 262
לובעטקין אהובה 218
לובעטקין צביה 57, 58, 131, 132, 134, 139, 140, 146, 164, 165, 173, 218, 222, 224, 231, 260, 263, 278, 287, 292, 320א, 328, 334, 389, 407, 410, 519, 520, 651, 655
לוקאַשעוויטש ז. מאַפּע פון לאַ־גערן
ליאַלעק 278
ליבעסקינד אהרן (דאָלעק) 144, 217, 328, 423, 485, 493
ליבעסקינד מרים 486, 487
ליבעסקינד (שפּינער) רבקה 487
ליבערט חיים 478
ליבערמאַן הירש, ד״ר 234, 488
לידאָווסקי אברהם 37
ליווער דוד 325
ליטמאַן יוסף 489
ליטעווסקי יוסף 490
ליטעווסקי שלום 490, 491
לייבאָוויטש אברהם־לייב (לאַ־באַן) 144, 148, 149, 217, 323, 425, 473, 491
לייוויק ה. 307
לייקין יעקב 72, 83, 95, 147, 485
לייקין מענדל 72, 666
ליכטענבוים מאַרק 80, 101, 158
ליכטענשטיין דבורה 494
ליכטענשטיין יעקב 494
ליכטענשטיין ישראל 320, 232, 325, 494
ליכטענשטיין שלמה 494
ליכטשטיין משה 223, 496
ליליענשטיין מאַניעק 327
לילית — זע רבקה פּודען
לינדנער (ד) 391
לינדער מנחם 136, 230, 309, 311, 497
לינדער שרה 499
ליפּאָווסקי, ד״ר 230
ליפּשיץ אינזשינער 157
לעאָן 303
לעוו יצחק 325
לעוואַרטאָווסקי־פּינקעלשטיין י. 133, 137, 139, 231, 234, 311, 324, 328, 499
לעוואַרטאָווסקי־פּינקעלשטיין רות 501

עהמאַן יוסף 32, 50
עווין אברהם 309, 501
עווין אורה 503
עווין אסתר 503
עווין דינה 142, 503
עווין ליובא 502, 503
עווין לייזער 131, 173, 198, 224, 227, 326, 503
עווינסאָן אברהם 316, 626
עווסקי איזשאַ 188, 260, 267, 270, 506
עווענטאַל שמעון 251, 504, 617, 618
עיעלעס א. 316
ענט (אין לאַגער פּאָניאַטאָוואָ) 114
ענט הירש 133, 134, 228, 231, 232, 505, 506, 597
ענט שאנן 232, 295, 296, 328, 505, 506, 705
ענטשנער חוה 325
ענץ פּראָפ. 600
עפּלער ארטור 148
עץ סטאַניסלאַוו יעזשי 314
ערנער שלמה 262, 507
ערער יחיאל 311
ערער לאה 508
ערער משה 642, 644
ערער צפורה 272, 273, 274, 295, 296, 508, 545, 705
עשטשינסקי יעקב 498

מאהלער רפאל, ד"ר 234, 235, 671
מאַזור, ברידער 535
מאַטיוויעצקי מנשה (אַנאַטאָל, מאַיאָר נאַסטעק) 214, 509
מאַטשאַנג מאַריאַ 125, 127
מאַיופעס (מה־יפית) 510
מאיראַוויטש מאיר (מאַרעק) 153, 223, 265, 328, 345, 407, 434, 510, 678
מאַלינאָווסקי שמעון 180, 328, 512
מאַליניאַק רות 434
מאַלעוואַנטשיק יהושע 515
מאַלקין ד. ב. 16, 567
מאַנדעלבלאַט סאַרקע 516
מאַנעלאַק אברהם 513
מאַנעלאַק בראָנקע 232, 282, 285, 513
מאַנעלאַק מלכה 513
מאַנעלאַק עזריאל 513
מאַנפרעד 288, 513
מאַסטבוים (פּראַשקער) שושנה 570
מאַסעלמאַן רישעק 280, 520
מאַרגענלענדער יצחק 345, 375, 517
מאַרגענשטערן אסתר 516
מאַרגענשטערן יוחנן 10, 54, 146, 223, 270, 328, 514, 651
מאַרגענשטערן פערל 516
מאַרדקאָוויטש בתיה 517
מאַרטשינאָווסקאַ וויטא 24
מאַרעווסקי אברהם 633
מאַרק ב. 42, 137, 153, 199, 203, 265, 354, 363, 430, 458, 551, 568, 576, 607, 640, 651
מאַרקאָוויטש באַלעק 232, 518
מאַשקאָוויטש דניאל 166, 328, 470
מאַשקאָוויטש רבקה 214, 518
מוליע — זע עדעלמאַן שמואל
מורזשאַן 230, 520
מורמאַן (ד) 106
מזאה 230
מיטלמאַן ישראל 296, 520, 705
מייזעל מאָוריצי 475
מיכעלסאָן (ד) 159, 251
מילער קאַרל־היינץ (ד) 89
מילשטיין חיים 325
מירעטשקאַ (ד) 159
מעדעם וולאַדימיר 669
מעלניצער צבי 325
מענדע (ד) 159, 251
מענדל (באַדער) 259
מענדעלע מוכר־ספרים 22, 308, 627
מערין 333
מערענהאַלץ העלענאַ 213
מערסיק, פּראָפ׳. 556
מערסיק צבי 216, 521

נאַגעל ישראל 444
נאָוואָגרודזקי מאַיוס 524
נאָוואָגרודזקי סאָניע 230, 309, 523
נאָוואָגרודזקי עמנואל 523
נאָוואָדוואָרסקי דוד 143, 153, 187, 265, 270, 349, 352, 421, 427, 489, 524, 534, 554, 632, 640, 642, 676, 677
נאָוואָפּרוצקי משה 325
נאָוויטש מרים (קאַסטל מאַרי) 628
נאַזשיצע יצחק 142, 525
נאַטעק (יוזעק לאַנטשניק) 219, 649
נאַכט יוסף 314
נאַסיג אַלפרעד, ד"ר 154, 423, 684
נויטייך מאַריאַן 312, 342, 526
נולמאַן סעוועק 164
נויפעלד 109
נווישטאַט ל. 138
נוסנבלאַט נפתלי (טולאַ), ד"ר, 180, 309, 499, 527, 661
נוסנבלאַט תמר 528
ניישטאַדט מ. 16, 56, 223, 329, 560
ניעדזשאַלקאָווסקי מ. 199
ניעדזשוויעדזש 109
ניימאַן אברהם־יצחק 317
ניימאַן העלענאַ 317
ניעמיעצקאַ רעניע 529

סאַבאַל שמואל 164, 530
סאַוויצקי מאַרישאַ 279, 531
סאַוויצקי סטעפאַן 279, 530
סאַלפעטער לעאָן 236
סאַמבערג אייזיק 180, 311, 324, 531
סאַפירשטיין רבקה — זע שאַפירשטיין
סאַק יוסף 133, 138, 139, 147, 173, 206, 224, 227, 231, 260, 263
סאַרנאַק יעזשיק 532
סאַרענקאַ — זע זילבערבערג רחל
סגל, ר׳ אידעלע 502
סופיט שלום 268, 271, 412, 419, 534, 631
סוצקעווער אברהם 644
סוקניק יצחק (קאַזאַ) 278, 291, 533, 539, 552

סטאַזשינסקי סטעפאַן 409
סטאַלאַק אברהם 232, 282, 535
סטאַלער לאַזער — זע ריכטער הירש
סטאַפּניצקי, אַדוואָקאַט 590
סטעפאַן 126
סטערלינג וו. 191, 537
סטראָפּ יורגען, גענעראַל (ד) 31, 34, 45, 68, 76, 206
סטראַשון 643
סיגאַל ל. 16
סיטנער יעקב־דוד 223, 535
סיטנער לאה 536
סיטנער יואל 536
סילמאַן בתיה 272, 375, 537
סילמאַן שרה (סויא) 375, 537
סילקעס העניע 228, 230
סימכאָוויטש ראָזע 311, 538
סימסאָן זיגפרידא 278, 539, 552
סימפּלאַק יצחק 217, 540
סיראָטאַ 341
סירקין נחמן 641
סלאָמטשינסקי 232
סלאָמניצקי נטע 217, 541
סליווקין שמואל־מאיר 644
סמאָלאַר נתן 230, 232, 542
סעדלאַטשעק, ד"ר 62
סעווערין טאַדעאוש 199
סענק־מאַלעצקי 578
סענדלאַק סטעפאַן 199
סערייסקי פסח 223, 543
סעקשטיין געלא 495
ספירא שמחה 148
סקאָטניצקי, מאַיאָר 37
סקולסקאַ חנה 540

עדעלמאַן מאַרעק 49, 146, 152, 164, 165, 250, 275, 276, 278, 312, 329, 638, 652
עדעלמאַן צפורה 146
עדעלאַמן שמואל (מוליע) 228, 229, 325
עדעלשטיין צבי 272, 509, 544, 661
עטקין אהרן 546
עטקין חוה 545, 546
עטקין חיה 546
עטקין מאיר 180, 545
עלענבערג שמריהו 325, 382
עלסטער בעלא 213, 233, 329, 547
עלסטער פּאַלע 174, 213, 228, 229, 231, 232, 347, 379, 546, 550
ענטין מאיר 548
ענטין שלמה 129, 548
ענטין שמעון 548
עק נתן 149, 309, 628, 629
עקהייזער נחמה 326
ערליך אליהו 228, 232, 379, 547, 570
ערליכמאַן חנה 461
ערליכמאַן סויקאַ 326, 327, 462
ערעם משה 228, 229

פּאַהאַרילע מאַרקוס 259
פּאַוו שלמה 250, 551
פּאַוועל (אהרן ברוסקין) 153, 256, 278, 290, 343, 379, 386, 414, 532, 534, 539, 551, 552, 615
פּאַזנאַנסקי א. ש. 417
פּאַזנאַנסקי פייגע 222
פּאַזנער חיים, ד"ר 261
פּאַזנער, הרב 193, 689
פּאַזשענטשעווסקי אברהם 223, 553
פּאַזשענטשעווסקי י. 553
פּאַיאָר אַנטאַני 25
פּאַיעסקי טעאָדאָר 547, 672
פּאַכאַל חוה 553
פּאַסאַמאַניק רבקה — 164, 529, 554
פּאַפּיער זישע 232, 295, 296, 358, 555, 705
פּאַפּיער פנינה 282, 283, 320א, 326, 327, 555
פּאַצאַנאָווער מיכאל 148
פּאַקראַפּעק סטעפאַן 279, 555, 556, 695
פּוטערמילך חגית 188, 324, 327
פּוטערמילך יעקב 14, 188, 266, 320א, 326, 327
פּולמאַן שמעון 312, 342, 556, 557
פּיזשיץ אביגדור 557
פּיזשיץ הענריק, ד"ר 557
פּיזשיץ רעניע 257, 414, 557, 638
פּייקערט (ד) 615
פּלאָטניצקי אליהו 558, 561, 564
פּלאָטניצקי הירש 216, 563, 564
פּלאָטניצקאַ זלאַטקע 558, 561
פּלאָטניצקאַ חנה'טשע 57, 217, 260, 267, 558, 559, 561, 563, 564, 640, 678
פּלאָטניצקאַ פרומקע 55, 57, 58, 61, 63, 129, 130, 139, 141, 144, 216, 259, 260, 262, 328, 391, 508, 558, 561, 562, 563, 564, 665
פּלאָטעק אברהם 325
פּעטערזייל יעקב 325
פּעלטעל פייגעלע (וולאַדקע) 24, 37, 374, 436, 531, 646
פּעלץ ברוך 565; פּעלץ משה 565
פּעקער מאיר, ד"ר, 205, 224
פּעקער ערנא 205
פּערלמאַן דוד 325
פּערלמאַן מלך 255, 565, 566
פּערלס יוסף 642
פּערלע יהושע 176, 198, 314, 566
פּערלשטיין לאה 57, 139, 141, 216, 217, 260, 401, 413, 560, 568, 704
פּראַגער משה 325
פּראַשקער יעקב 153, 274, 276, 360, 371, 387, 569
פּרויסעל 109
פּריוועס ישעיה 408
פּרץ י. ל. 22, 308, 415, 417, 625, 627, 643, 696
פּשעדעטש מאיר 108, 228, 232, 571
פּשעפּיורקאַ אברהם 232, 572

פאַגעלמאַן רחל 216, 341, 573, 681
פאַוסט 704
פאַלמאַן וואָלף 220, 574, 576, 576, 577
פאַלמאַן חוה'קע 131, 217, 221, 320א
פאַלמאַן מאַרק (מאָטל) 167, 217, 220, 223, 309, 310, 576

פאַלמאַן מיכאל 574
פאַלמאַן פאַלע, ד״ר 205, 574
פאַלמאַן (שפּירא) רבקה 575
פאַלמאַן רפאל 575
פאַלמאַן שושנה (יאַדוויגאַ) 214, 220, 575
פאַלק ישראל 194, 708
פאַס יוסף 573
פאַרבמאַן העלע (קאַזשוך) 578
פאַרבער בערל 579
פאַרבער יוסף 153, 165, 286, 288, 328, 579
פאַרבשטיין העשל 598
פודען אריה 580
פודען רעגינע (לילית) 265, 269, 270, 271, 355, 497, 580
פוטערמאַן איגנאַץ 296, 582
פוכרער מירא 57, 58, 164, 217, 288, 333, 583, 603
פוסווערק בלומע 213, 311
פוקס א. מ. 567
פורמאַנאַוויטש מירא 581
פורמאַנאַוויטש פעסיע 142, 581, 668
פידלזייט פאַלע 584
פידלזייט שמחה 584
פייגענבוים לעאַן 223, 585
פייגענבלאַט יעקב 153, 219, 269, 279, 339, 432, 586, 609, 649
פייוויש ישראל 313, 587
פיינמעסער ברכה 306
פיינער אברהם 250, 329, 591, 602, 696
פיינער איזשאַ 151
פיינער לעאַן, ד״ר 96, 97, 589
פיינקינד מלך 146, 180, 228, 231, 232, 328, 592
פינגערהוט געניעק 269
פינקעלשטיין אברהם 593
פינקעלשטיין חיים 205
פינקעלשטיין מאַטעק 593
פינקעלשטיין מאַיאַרעק (מאיר) 353, 594
פינקעלשטיין ציליע 594
פירשט ישראל 147, 148, 413
פיש (פון לאַגער פּאָניאַטאָוואַ) 110
פיש לאה 216, 341, 595, 681
פישלזאָן אברהם־מרדכי 133, 134, 223, 505, 596
פישלזאָן דוד 596, 597
פישלעוויטש 151, 328
פישער לודוויקא 105, 120, 127, 178
פישער משה 105
פישער רינה 105
פלאַטער עמיליא 38
פליישער 166
פעליקס (ד) 93
פראַנק האַנס (ד) 203
פרוינד אברהם 597
פרוינד עמוס 232, 518, 597
פרידמאַן אַלעקסאַנדער־זישע 137, 180, 324, 598
פרידמאַן פיליפּ, ד״ר 237
פרידמאַן פישל 313, 600
פרידריך זלמן 243, 244, 248, 257, 278, 328, 370, 437, 524, 601, 639
פרידריך ציליע 603
פריימאַן 230
פרימער חיים 164, 256, 320א, 326
פריש ש. 16
פרישדאָרף גבריאל 257, 282, 324, 328
פרישמאַן דוד 625
פרעדקע 613, 614
פרענקעל דוד 440, 708
פרענקעל טובה 603

צוקער משה 232, 605
צוקער נחה (נאַשקע) 164, 604
צוקערמאַן יצחק (אַנטעק) 57, 131, 132, 137, 139, 145, 146, 149, 150, 163, 165, 173, 178, 181, 185, 189, 206, 210, 211, 212, 218, 220, 221, 222, 224, 226, 260, 263, 270, 278, 320א, 328, 334, 375, 417, 469, 493, 519, 520, 594, 651
צוקערמאַן שרה 218
ציגלער משה 606
ציגעלניק שלמה 25
צייטלין אלחנן 309
צייטלין הלל 309
צימערמאַן יהודה 236, 606
צימערמאַן יעקב 607
צימערמאַן מ. (מערטיק שמואל) 133, 328
ציראַנקיעוויטש יוזעף 199
צירלין ר. 325
צעבולאַזש טאַסיא 607
צענטנערשווער מ. 191, 607

קאַגאַנאָוויטש משה 37
קאַהען 304
קאַוונער אבא 57, 145, 216, 220
קאַווע הערשל 153, 265, 366, 607, 657
קאַווענאַקי (קב־ונקי) גוטע 219, 279, 339, 587, 608, 649
קאַזיעבראַדזקי אברהם 352, 578, 609
קאַזיעבראַדזקי דוד 612
קאַזיעבראַדזקא לאה 129, 217, 344, 352, 549, 578, 609
קאַזשוך העלע — זע פאַרבמאַן
קאַזשוך ישראל 262, 612
קאַזשיק — זע ראַטהייזער ש.
קאַישטשאַק 187, 525
קאַלאַדני מ. 262
קאַליש 591
קאַלעצקי 418
קאַמינסקי אברהם־יצחק 531
קאַמינסקי אסתר־רחל 556
קאַמינסקי יוסף 526
קאַמיען סאַלקאַ 164, 615
קאַנאַל י. מ. הרב 615
קאַנאַל ישראל 141, 150, 152, 164, 220, 278, 323, 328, 363, 464, 615, 660
קאַנאַל סאַלאַ 615, 616
קאַנינסקי אהרן 29
קאַנסקי יהודה 251, 504, 617, 632, 638, 639
קאַסאָווער מענדל 214
קאַסאָווער עמילקאַ 214
קאַסטעק — זע קשאַטשעק
קאַפּיטאַ משה 331, 459
קאַפּלאַן יוסף 58, 132, 134, 137, 139, 142, 217, 260, 328, 333, 364, 384, 432, 618
קאַפּלאַן שמואל 260, 622
קאַפּלאַנסקי 91, 616
קאַצענעלבויגן לענאַ 149

קאַצענעלסאָן בנימין (יאַמעקל) 628
קאַצענעלסאָן בן־ציון 221, 624
קאַצענעלסאָן בענטשיק 628
קאַצענעלסאָן בערל 624, 628
קאַצענעלסאָן חנה 221, 628
קאַצענלסאָן יעקב־בנימין 625
קאַצענעלסאָן יצחק 10, 149, 150, 198, 221, 261, 309, 311, 312, 314, 324, 400, 401, 490, 624, 625, 630
קאַצענעלסאָן צבי 221, 627, 630
קאַרטשאַק יאַנוש (ד״ר ה. גאָלדשמידט) 28, 29, 509
קאַרטשאַק רייזל (רוזשקע) 325, 644
קאַרלינער אריה 631
קאַרן לאה 271, 618, 631
קאַרנבלום עלמה 632
קאַרנגאָלד קלמן 651
קאַרסקי יאַן 25, 40, 96, 99
קובאַ 266, 349
קוסטין ירחמיאל 166
קוקעלקא רעניא 391, 519, 578
קוריאַנסקי יוסף 325
קורץ אברהם 312, 632
קימעלמאַן אָסוואַלד 214
קימעלמאַן סאָפיאַ 214
קירמאַן יוסף 180, 633
קירשנער זיגי 345, 636
קירשענבוים מנחם 96, 133, 138, 145, 210, 261, 634, 651
קירשענבוים רוזשע 232, 636
קירשענבוים רחל 636
קלאַג אליעזר (לאַזער) 257, 414, 637, 697
קלאַג באַשע 639
קלאַג בלומע 257, 638
קלאַג רוזשע 257, 370, 602, 603, 638
קליינוויס חנוך 267, 525, 563, 639
קליינמאַן זיוטא 640
קליינמאַן שרה 640
קלינגער חיה׳קע 58
קלמַנאָוויטש זליג־הירש 310, 641
קלמַנאָוויטש רבקה 644
קלמַנאָוויטש שלום 643
קלעפּפיש גינא 647
קלעפּפיש יעקב 645
קלעפּפיש יצחק 645
קלעפּפיש ישראל 645
קלעפּפיש מיכאל 200, 243, 274, 275, 645
קלעפּפיש (פּערטשיקאָוו) רוזשע 647
קלעצקין ב. א. 641, 642
קערמיש יוסף, ד״ר 152
קערש לייב 257, 638, 647
קערשבערג חיה 325
קראַאוזע (ד) 100
קראַמאַזש מאיר 231, 232, 648
קרוטקי ישראל 188
קרוי ה. ל. 325
קרישטאַל חנה 282
קרעמער אַרקאַדי 647
קשאַטשעק (קאַסטעק) 279, 280, 282, 283, 284, 649

ראַבאָוו פייטשע 165, 272, 393, 509, 649
ראַבינאָוויטש שיע 230
ראַדונסקי דוד 223, 650
ראַדע (ד) 84
ראַהן (ד) 151
ראַזאָווסקי וואָלף 153, 265, 328, 338, 370, 417, 652, 653, 679
ראַזאָווסקי ישראל 653
ראַזאָווסקי לייב 285, 653, 678
ראַזאָווסקי רבקה 653
ראַזאַנאָוויטש טובה 420
ראַזען יוסף 235, 325
ראַזען סטעפע 232, 296, 653
ראַזען שמעון 148
ראַזענבוים איגנאַצי 342
ראַזענבערג ירדנה 654
ראַזענבערג ראובן 216, 654
ראַזענטאַל חיים 328
ראַזענטאַל צבי 216, 655
ראַזענפעלד מאַקס 672, 698
ראַזענפעלד מיכאל 146, 278, 323, 328, 683
ראַזענפעלד רוזשקע 656, 665
ראַזענצווייג רחל 658
ראַזענשטיין, אַדוו. 151
ראַט יעקב 213, 658
ראַט שרה 659
ראַטבליט יחיאל 661
ראַטבלאַט לייב (ליוטעק) 153, 164, 217, 256, 277, 290, 328, 488, 529, 659
ראַטבלאַט מרים 661
ראַטהייזער שמחה (קאַזשיק) 164, 173, 187, 188, 189, 211, 213, 219, 222, 244, 245, 272, 277, 280, 281, 284, 292, 297, 320א, 329, 335, 338, 375, 509, 520, 556, 570, 603, 639, 647, 649, 695
ראַטמאַן גדליהו 454, 662
ראַטמאַן צבי 662
ראַטקאָפּ מאַריאַן 148
ראַלאַ־זשימיערסקי, גענעראַל 37
ראַמאַנאָוויטש ישראל 662
ראַסט נעלאַ 104
ראַפּאַפּאָרט לייב 662
רבקה 287
רובאַשאָוו זלמן 66
רובין ישראל 539
רובין משה 286, 287, 663
רובינשטיין (שטערן) אסתר (טושאַ) 120, 121, 125, 126
רובינשטיין שמואל 230, 232
רובענטשיק משה 142, 217, 664
רודניצקי — זע הירשהאָרן א.
רודניצקי לעוו 657, 665
רוזוועלט, פּרעזידענט 99
רוזשאַ 120, 121
רוזשאַנסקי אליהו 72, 147, 150, 328, 352, 411, 485, 665
ריינגעווירץ מ. 217, 582, 666
רייס א. 186, 205, 223, 224, 225, 238
ריכטער הירש (לאַזער סטאָלער) 180, 228, 535, 668
רינגעלבלום אוריה 189, 233, 315, 673
רינגעלבלום יהודית 189, 233, 315, 673
רינגעלבלום עמנואל, ד״ר 22, 56, 129, 138, 147, 173, 174, 189, 190, 198, 213, 224, 228, 229, 230, 232, 233, 293, 307, 309, 311, 314, 315, 323, 324, 342, 395, 400, 407, 430, 439,

454, 479, 481, 495, 502, 526,
547, 557, 571, 588, 633, 670,
673, 708
רישיאַ 674
רישעק 283
רעהריך (ד) 143, 652, 697
רעמבאַ אייזיק 325, 674
רעמבאַ משה־יוסף 674
רעמבאַ נחום 180, 674
רעמבא פעסיע 674
רעק טאַדעאוש 199

שאַך 109
שאַפּיראַ ברוך 228, 234, 675
שאַפּירשטיין רבקה 187, 270, 524, 525, 676
שאַפּמאַן ג. 22
שאַרפשטיין משה 345, 677
שובערט פראַנץ 287
שוואַלב נתן 261, 405
שוואַרץ מאיר 265, 266, 267, 269, 270, 345, 512, 563, 678
שוואַרץ מאַריס 625
שוואַרץ רחל 10
שוואַרץ שיינדל 216, 341, 390, 679
שוואַרץ שלמה 678
שוואַרצבאַרט דניאל 682
שוואַרצבאַרט יהודה 682
שוואַרצבאַרט יצחק, ד"ר 56, 57, 169, 176, 178, 186, 217, 225, 236
שוואַרצבאַרט מרדכי 230, 232, 682
שוואַרצבאַרט מרים 682
שוואַרצפוס יאַנעק 187, 265, 466, 657, 682
שוואַרצשטיין פּייוול 154, 286, 683
שווייגער בת־שבע 502
שווייצער 701
שולמאַן געניע 684
שולמאַן דוד, אַדוו. 180, 685
שולמאַן דוד 147, 148, 685
שולמאַן וו. 645
שולמאַן מאַרילע 684
שולמית 269
שולץ (ד) 93, 143, 157, 250, 253, 265, 266, 515
שוסטער העלע 686
שוסטער שלמה 272, 274, 276, 281, 282, 285, 328, 371, 687
שושקאָווסקא שולמית 164, 687
שטאָלץ רודאָלף 62
שטאָלצמאַן א. 80
שטאַנגע (ד) מאַפּע פון לאַגערן
שטאָקהאַמער ר' שמשון הרב 194, 688
שטאָקמאַן 193
שטיין א. ש. 16
שטיין אריה 223, 690
שטיין דוד 328
שטיין מנחם (עדמונד) ד"ר 180, 309, 692
שטיין מרדכי 228
שטיין רחל־רייזל 223, 311, 690
שטעהמאַן (ד) 155
שטענגעל ישעיהו 232, 693
שטענגעל מאַניעק 142, 164, 694
שטערנפעלד משה־לייב 149
שטריגלער מרדכי 193
שטשעפּאַניאַק סטעפאַן 646
שיינגוט טוביה (טאַדעק) 279, 280, 282, 556, 694
שיינטאַל שמעון 324, 325
שילינג (ד) 93, 143, 255
שינדלער אינזש. 62, 177, 237
שיפּמאַן לאה 256, 695, 696
שיפּמאַן מרים 162, 591, 592, 696
שיפּער העלא 278, 320א, 326, 661
שיפּער יצחק, ד"ר 138, 230, 158, 180, 309, 324, 430, 516, 670, 697
שיפּריס זאב, ד"ר 180, 700
שלום־עליכם 23, 308, 415
שלובאַווסקאַ שרה 217, 328
שמחוני י. נ. ד"ר 538
שמואל־אשר (שמואל־יששכר) 292
שמידט אברהם 180, 223, 700
שמידט אַנדזשעי (אליהו מאָזעס) 133, 134, 328
שמידט אַנטאָן 469, 703
שמידט וואַלדערמאַר (ד) 89
שמיר יוסף 325
שמעוני ל. 235
שמערלינג 84, 95, 141
שניאור ז. 419
שניידמיל אברהם־שמואל (בע־רעק) 146, 243, 295, 328, 701
שניידערמאַן טעמע 129, 217, 357, 413, 469, 470, 471, 569, 702
שניידערמאַן רעגינקאַ 142, 324
שניפּער דב 282
שעניאַווסקאַ מ. פּאַן (ד) 89
שענקמאַן 83
שענקער ש., ד"ר 704
שעפּנער ב. 39
שערינסקי יוזעף 50, 72, 83, 91, 140, 141, 616
שערמאַן מאַיאַרעק 296, 705
שערעשעווסקי ס. 80
שפּאַנצער ישעיה 164, 705
שפּיגעל משה 232, 706
שפּיראַ אלימלך, הרב 707
שפּיראַ הרב ר' אלימלך 706
שפּיראַ ר' ישעיהו 706
שפּיראַ הרב קלונימוס־קעלמיש 193, 324, 369, 689, 706
שפּרה 345
שפּרינגער אהרן 381
שפּרינגער דוד 708
שפּרינגער הערשל 216, 261, 262, 381, 391, 708
שפּרינגער פּאַלע 381
שפּרינצאַק יוסף 406, 668
שקלאַר טובה 710
שקלאַר ראובן 710
שקלאַר רות 142, 710

תמר 164, 188

דרוק־פעלער

זייט 27	שורה 21	געדרוקט : אין אַ מינימום	דאַרף זיין : און אַ מינימום
„ 27	„ 22	„ געזעלשאַפטלעכער	„ „ געזעלשאַפלעך־
„ 132	„ 5 פון אונטן	„ ערווייל נישט	„ „ דערווייל נישט
„ 133	„ 16 „ „	„ אין ענערגישער	„ „ און ענערגישער
„ 153	„ 11	„ מייעראָוויטש	„ „ מאירעאָוויטש
„ 204	„ 2 פון אונטן	„ וועלכער האָט	„ „ וועלכע האָבן
„ 206	„ 2 „ „	„ פערטיידיקן זיך	„ „ פערטיידיקטען זיך
„ 232	„ 29	„ שלמה	„ „ לאופער שלמה
„ 246	לעצטע שורה	„ יועגן זיין	„ „ וועגן זיין
„ 257	שורה 15	„ 24	„ „ 20
„ 272	„ 3 פון אונטן, טעקסט,	געדרוקט : באַראָן	„ „ באַראַן
„ 315	„ 2 פון אונטן,	געדרוקט : מוירן־גאַרטל	„ „ מויערן־גאַרטל
„ 317	שורה 4 פעטיט טעקסט,	געדרוקט : ניגן	„ „ ניגון
„ 329	„ 25	געדרוקט : געשאַנען	„ „ געשטאַנען
„ 436	„ 19	„ וואַגמייסטער לאָטע	„ „ וועגמייסטער לאָטע
„ 494	„ 5	„ עטלעכ	„ „ עטלעכע
„ 502	„ 4	„ הונטער	„ „ הוטנער
„ 542	„ 10	„ טרעטו	„ „ טרעטן
„ 549	„ 3	„ אירע צעקן	„ „ אירע צוועקן
„ 563	„ 15	„ קליינוואַקס	„ „ קליינוויס
„ 657	„ 9	„ און אים	„ „ און אין

תיקון־טעות

אין דער אזכרה־פאַרצייכעניש וועגן ר ו ב ע נ ט ש י ק משה, זייט 664, האָבן מיר אויפן סמך פון אַ טעותדיקער אינפאָרמאַציע געשריבן, אַז ער איז געווען אַ בן־יחיד און האָט געלערנט אין אַ העברעאישער גימנאַזיע. ריכטיק איז אָבער, אַז זיי זיינען געווען אין דער היים 7 קינדער און ער האָט געלערנט אין די יאָרן 1929—1935 אין דער פוילישער מלוכה־גימנאַזיע אין סטויבץ (סטאָלפּצע).

*

נאָכדעם ווי דאָס בוך איז שוין געווען אויסגעדרוקט האָבן מיר צוגעגעבן ביים סוף פון ערשטן טייל צוויי זייטן בילדער, וועלכע זיינען נומערירט 320א און 320ב.